STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00604

# FUN NEKHTN UN HAYNT

Yaakov Ziper

•

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Dora D. Jacobs*
*in memory of*
*Minnie & Max Duchovnay*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

To the
Ministry of State
for Multi-cultural Affairs
of Canada,
for its generous grant
toward the publication
of this volume,
and most especially
for its interest
in the survival of
the Yiddish language
as a vital element
in the cultural mosaic
of our democratic land,
the author expresses
his sincere appreciation
and deep gratitude.

דער מחבר
דריקט אוים זיין אנערקענונג
און דאַנק
צום מיניסטעריום פאַר
מולטי־קולטור ענייִנים
אין קאַנאַדע,
פאַר דער סובסידיע
אויף אַרויסצוגעבן דאָס בוך,
און באַזונדערס
פאַר דער לויבנסווערטער באַציאונג
צום דערהאַלטן די יידישע שפּראַך
ווי אַ וויכטיקער שאַפונג־אויסדרוק
אין דער קולטור־מאָזאַיק
פון אונדזער דעמאָקראַטיש לאַנד.

יעקב זיפּער

# פון נעכטן און הײַנט

אַרויסגעגעבן פון
„יעקב זיפער בוך־פאָנד קאמיטעט",
מאָנטרעאַל, קאַנאַדע,
תשל"ח־1978

Yaacov Zipper
"Fun Nechtn un Haint"
(short stories)
"Mitn Waitn Zikorn fun Nechtn
zum Noentn Haint"
(notes of a visit to Israel)

Copyright 1977
by J. Zipper
5786 McAlear Ave.
Montreal, Que., H4W 2H1, Canada

הילע צייכענונג, סילוויע אַרי
פלאַנירט און אויסגעפּאַרטיקט, שלמה פּאָמעראַנץ
אותיות פון אינעווייניקסטע שער־בלעטער, יחיאל שיינבלום

Northern Printing & Lithographing Co.
4844 St. Lawrence Blvd.
Montreal, Que.

געהייליקט דעם ליכטיקן זיכּרון
פון מײַן
שוועסטער הענע דבורה מאַרדער ע״ה,
(פֿעון נאָמען: אַבי — גואל)
שוואָגער שלום קרישטאַלקע ע״ה,
וואָס זיינען אין איין יאָר, (תשל״ז)
אַזוי פריצייטיק אַוועק אין דער אייביקייט אַריין.
יְהִי זִיכְרָם בָּרוּךְ:

**מיט דאַנק ווערן דערמאָנט:**

דער „יעקב זיפער בוך־פאָנד קאָמיטעט״,

די „חיה און פנחס הובערמאַן פונדאַציע פאַר יידישער קולטור״, וואַנקואוועער,

דער „פאַרבאַנד פון יידישער קהילה באַדינונג אין מאָנטרעאַל״, (איי. דזשיי. סי. עס)

דער „קאַנאַדער יידישע קאָנגרעס״,

עטל און היימי אויגוסט,

דבורה און דר. הערשל ראָזנפעלד

און אַלע פריינד וואָס האָבן דערמעגלעכט דאָס דערשיינען פון דעם בוך.

**באַזונדערע אַנערקענונג צו:**

רבקה און בערל פּאָפּעליס, פאַר זייער איבערגעגעבנקייט

און ספּעציעלער מי ביים שאַפן און אַדמיניסטרירן דעם פאָנד.

אָדע און מאָטי גאַרפינקל און שרה פּיטערס — פאַרן דורכפירן די נויטיקע טעכנישע אַרבעטן,

סילוויע אַרי, שלמה פּאָמעראַנץ און יחיאל שיינבלום — פאַרן זאָרגן פאַרן קינסטלערישן אויסזען פון בוך.

# אינהאַלט

**א. פון נעבכטן און היינט:**


1. באַלד אין אָנהייב ........................ 1
2. ווי בלעטלעך אין ווינט ........................ 8
3. משוגעת ........................ 14
4. ליכט אין דער נאַכט ........................ 21
5. מגפה ........................ 30
6. זוניקע טעג ........................ 68
7. קראַ קראַ ........................ 75
8. כדאַי צו געדענקען ........................ 83
9. דאָס אמתע בילד ........................ 100
10. פון דער פאַרהווילעניש אַרויס ........................ 113
11. אויף דער בראָכשטול ........................ 121
12. פון די מעשות פון אונדזערע טעג ........................ 125
13. אויפן נייעם ברעג ........................ 139
14. דער ערשטער פרימאָרגן ........................ 147
15. מ׳האָט אים גערופן הוניע ........................ 153
16. צווישן „דער״ און „יענער״ זײַט ........................ 172
17. פאַרצייכענונג אין שפּיטאָל ........................ 181
18. דאַכטעניש אויף דער האַלבער וואָר ........................ 196
19. פון די דאַכטענישן אויף דער האַלבער וואָר ........................ 216


**ב. מיטן זיכרון פון ווייטן נעבכטן צום נאָענטן הײַנט**


1. כמו אַרײַנפיר ........................ 223
2. די ערשטע באַגעגעניש ........................ 226
3. אויף די שפּורן פון אָפענער און פאַרהוילענער וואָר ........................ 229
4. אויף אַלט הײַמישע שליאַכן ........................ 249
5. אין פלאַם פון מדבר ........................ 257
6. ווי דער גאָרטן פון גאָט, ווי דאָס לאַנד מצרים ........................ 264
7. צווישן ווירקלעכקייט און דאַכטעניש ........................ 271
8. באַרג אַרויף קיין צפת ........................ 289
9. ס׳איז כדאַי אַרומצובלאָנדזשען אין צפת ........................ 300
10. ביי אַ גלעזל טיי מיט אַ יונגן עברית־פּאָעט ........................ 325
11. אויפן אויבערשטן און אונטערשטן שטאָק ........................ 332
12. דער מאַן פון דער ערבה ........................ 342


די דערציילונגען פון 1 ביז 11, זיינען געשריבן געוואָרן אין די 20. קער און 30. קער יאָרן. געוווען געדרוקט אין פאַרשידענע זשורנאַלן; „מגפה״, האָט געוואונען אַ פּרעמיע אינעם דערציילונג־קאָנקורס פון „צוקונפט״, ניו־יאָרק; „דאָס אמתע בילד״, האָט געקראָגן די ליטעראַטור פּרעמיע אויפן נאָמען פון י. פרידלאַנד, לאָס־אַנדזשעלעס.

# באַלד אין אָנהייב

אז די באָבע שרה איז פאַרטיק געוואָרן מיטן מעריב־דאַווענען, האָט זי צוריק אָנגעטאָן דאָס גרויע פאַרטוך, איבערגעבונדן אונטערן פאַרטוך די גרויסע פאַרפּעצטע, לייוונטענע קעשענע אויף דער לינקער זייט, ארומגעקוקט זיך אין הויז ווי צו א געזעגנס און ארויס אין דרויסן.

לעבן דער טיר האָט זי, מיט איר קליין קעפּל א שאָקל געטאָן קאָסע אין הימל אריין און אראָפּגעבויגן זיך אונטערן בריקל: געגראַבלט און געגראַבלט אין דער פינצטער, עפּעס פאַרבאַהאַלטן אין דער גרויסער קעשענע און אוועק אין מארק אריין געוואָר ווערן וואָס ס׳הערט זיך, אָדער גלאַט צוקוקן נאָך עמיצנס צרות. דער פיר־עקיקער מארק, האָט אין זומערדיקן באַנאַכט גערעדט און געזשומעט. דער פלאַקאַטן־קלעפּער, מיט א גרויסן לאַמטערן אין האַנט, האָט שטיל און מיט א באַזונדערן ערנסט געגלעט די פלאַקאַטן אויף די ווענט. אפּגעטאָן און ווייטער געגאַנגען, האַלב באַלייכטנדיק די גאַסן און ווענט. נאָך אים האָבן נאָכגעצויגן אַלט און יונג, און שטיל, אין זיך, געלייענט איינס און דאָס זעלבע:, „מיר, דער צאַר פון רוסלאַנד און קעניג פון פּוילן״ און אזוי ווייטער „רופן א מאָביליזאַציע״.

האָט דאָס וואָרט געוואָונקען פון די פּלאַקאַטן אראָפּ. גערופן צו זיך און געגייט פאַרטראַכטן זיך; איז בייגעקומען די ארומיקע פינצטערניש מיט בולטער און אָנזעעוודיקער אַרויסשטאַרעניש; אראָפּגערעדט פון די ווענט אָן קלאַנגען, טעמפּ און קיל געשניטן דעם חושך, געמאָרעט און צוגעצויגן, פאַרקניפּט און פאַרקייטלט אַלעמען; געמאַכט איין שטיק צונויפגעקוועטשטע אומבאַהאָלפענע מאַסע, וואָס נעמט אויף „מאָביליזאַציע״.

האָט די באָבע שרה גאָרנישט ניט געפרעגט, געפילט נאָר דעם פּחד, וואָס הויערט אין די גאַסן. דערדריקט געוואָרן פונעם פרעמדן וואָרט, וואָס אין איר לשון האָט עס גאָר קיין טייטש נישט, האָט זי פעסטער נאָך געדריקט די האַרטע זאַך אונטערן פאַרטוך. א ווײלע איז זי נאָך געשטאַנען ווי עפּעס פאַרטראַכט און אנגעהויבן שפּאַנען אהיים.

ניט געזאגט קיין גוטן אוונט, נאר גלייך צוגעגאנגען צום באנק־בעטל; ארויסגענומען דאס איינציקע קישן, וואס זי שלאָפט דערויף זינט דער פעטער חיים איז אוועק דינען, דורכגעשטאָכן עס מיטן קיכמעסער, אריינגעשטופט אהין א רויטן פייכטן שטיין און צוריק פארנייט דעם לאָך.

— וואָסי, באָבע? — האָבן זיך די אייניקלעך ארומגעשטעלט פארגאַפטע. — ס'עט זיין שלעכט מיט אונדז און מיטן פעטער חיים — האט זי ארויסגעכריפעט, פארקוועטשנדיק די שמאָלע ברוין בלאָע ליפּן.

פונעם קול און דער באבעס באצערט פנים, האבן די קינדער דערקענט אז ס'רוקט זיך עפּעס אָן, און אן אינסטינקטיווע שרעק האט זיי די מיילעכלעך געעפנט:

— באָבעניו — און האבן זיך צעוויינט.

איז אויף דעם אנגעקומען איר זון ר' דוד, בלייך און פאַרשפּיצט אַ ליפּ אויף אַ ליפּ, אזוי אז די שווארצע, געדיכטע בארד, האט זיך אויפגעשטעלט און גערעדט מיט שטומען צער. מיטן ערשטן קוק אויף דער מאמען און די קינדערלעך ארום איר, האט ער דערפילט אז זי וויל עפּעס טאָן אַן אויסער־געוויינטלעכע זאך, און ווילנדיק זי אָפּהאלטן, האט ער מיט געבעט ארויסגעכליפּעט:

— מאמע!

די באָבע שרה האט אים נאר אנגעקוקט און ארויסגענומען דאָס קישן פון באַנקבעטל, אוועקגעלייגט עס אויף דער ערד און גענומען שלעפּן דאָס באַנק־בעטל אויף דער גאס ארויס. די קינדער האבן דערוויל שוין פארגעסן די ערשטע שרעק און גענומען צוהעלפן דער באבען מיט האַסט און פארבאהאלטענע פרייד. דוד, אבער, פארשטייענדיק שוין קלאר וואס זי מיינט צו טאָן, האט זיך אוועקגעשטעלט אויף דער שוועל פון טיר און איר אָפּגעווענדט, גערעדט מיט ערנסט: — מאַמע, אין דער הייליקער גמרא ווערט געברענגט: אין דער גאַס פונעם תנא רבן גמליאל, האט געוואוינט א פרוי, וואס ס'איז איר געשטארבן א קינד, האט זי געוויינט גאנצע נעכט. האט רבן גמליאל געוואָרנט זי זאל נישט וויינען און נישט ברענגען אויף זיך קיין ערגערן גזר. האט זי נישט געפאלגט זיינען איר אלע קינדער, נישט דאָ געדאכט, אוועקגעקומען. . . מאמע! —

די קינדערלעך האבן דערפילט אַז עפּעס ליגט אינעם טאַטנס רייד אזא מין ערנסט און טיפער מיין, האבן זיי אָפּגעלאָזט דאָס באַנק־בעטל און די אייגעלעך אויסגעשטעלט אויף דער באָבען. די באָבע איז ווי איינגעשרומפּן געווארן, דאָס הייבל איז ווי ברייטער און טיפער געווארן, ווי עס וואלט זי איינגאנצן געוואלט פארשלינגען און הילפלאז האט זי זיך אראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, אנגעשפּארט דעם קאָפּ אויפן באַנק־בעטל און ווי א קליין קינד וואס לערנט זיך רעדן, קוים ארויסגעפּישטשעט: „ער וועט ליגן אויף דער ערד, . . . צו וואס דאַרף די מאַמע אַ בעט?”

האט זיך יצחקל, מיטן לענגלעכן פּנים און פארשפּיציקטן נעזל, אָנגעכאַפּט אין דעם און אונטערגעהאלטן די באָבען: —זאל מען טאַקע אלע בעטן ארויסטראגן פון שטוב.

ר׳ דוד איז פארווירט און צעטומלט געווארן, נישט געוואוסט וואס צו זאגן און אנגעהויבן ברומען עפּעס תהילימדיקס און באַנגס: געדרייט זיך איבער דער שטוב, וואָס איז, דאַכט זיך, לענגער און צעצויגענער געוואָרן און ס׳איז פאָרט ענג אין איר: וואס שאַרן זיך אזוי אלע אין איין ווינקל? „ראה יי בעניי, זדים סביב שתו עלי”, און פון איבערפולקייט אזוי הארציק אויסגעשלייפט יעדן קלאנג און ווארט, ווי שארפע אנזאגן פון אנקומענדיקן געוויטער; א מינוט האט זיך געבויגן און געוואַקלט דאָס קול, ווידער שטייפער און קלאָרער געוואָרן מיט אַ באַזונדער צוגעלייגטקייט; „זדים סביב שתו עלי” . . . און די קינדער, נישט פארשטייענדיק און פול מיט פחד, האבן זיך גענומען טוליען איינס צום אנדערן ווי שעפעלעך פאר א שטורעם אינמיטן פעלד, די קעפּעלעך איינגעבוטשקעט איינס אינעם אנדערן; און די עלטערע האבן שטיל פאר זיך גענומען לייענען „קריאת שמע” וואָרט ביי ווארט.

די באבע האט דערווייל אויסגענוצט די געלעגנהייט, אויפגעמאכט די טיר, ארויסגעשטופּט דאָס באנק־בעטל און זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, אָנשפּאַרנדיק דאָס קליינע איינגעשרומפּענע קעפּל אויפן קישן מיטן שטיין.

די קינדער זיינען איינציקווייז אנטדרעמלט געווארן צולייגנדיק זיך ארום דער באבען און ר׳ דוד, פילנדיק אז ער קען גארנישט אויפטאן, האט זיך אויך שטיל אוועקגעלייגט אויסזאָרטירנדיק פאר יעדן זיין ארט; די פּיצלעך לעבן ווייב און די עלטערע ארום זיך. צעלייגט זיך אין א רינג ארום דער באבען. —

ווי שאול אמאל — האט זיך דער קליינער יצחקל געפּראוווט באווייזן מיט זיין למדנות. דאָס קליינוואַרג האט שוין געחלומט און ר׳ דוד האט געקוקט פאר זיך; איינגעקוקט זיך אינעם אויוון, וואס שטייט שטענדיק מיט אן אָפענעם שיבער, איצט האט ער אים אבער נישט געזען; ער האט גאר געזען די אפנקייט וואס פירט גלייך אין דרויסן, ארויף אין די ווייטע הימלען וואו עס רוען אזוי פיל גרויסע נשמות און שווייגן. אין א מינוט ארום האט ער דערזען דאָס אייבערשטע ספרים־שענקל און זיך גענומען חידושן פאר וואס ער האט עס ביז איצט נישט באמערקט. דאכט זיך, ס׳איז א ביסל אויסגעקרומט. וויל ער זיך גוט איינקוקן אין דעם, האט ער עס גאר פאַרלוירן פון אויג. עפעס אזוי פיל פון די אותיות פליען ארויס פון דארט, און דאכט זיך, זיי רופן און וועקן, דערמאנען און ווארענען. פון וואס, ווייסט ער נישט, נאר ער פילט אז עס מוז זיין עפעס גאר וויכטיקס אין דעם. נעמט ער טראַכטן פון רבין און וויל זיך פאָרשטעלן זיין געשטאַלט, אפשר וועט ער דורכדעם אָנכאפּן זיך אין עפּעס, צערינט אָבער דאָס געשטאַלט איידער ס׳האט זיך נאך אויסגעשיילט. דאכט זיך אז מ׳רעדט צו אים און ער וויל הערן, אָבער ער כאפּט נישט קיין וואָרט. דערפילט ער שוין יא עפעס, פארשטייט ער נישט און פילט זיך געבונדן. וויל ער שוין אָנווענדן די אויסגעפּרואווטע סגולה און אָנהייבן עפעס זאָגן, האָט ער מורא אז ער זאל נישט פארהערן דאָס וואס ס׳רעדט אין אים; אזא שטיל דין קול, איידל ווי די שאַרף פון א חלף און גלאַנצנדיק ווי דער בלישטש פון דער בהמה׳ס אויג ביים שוחטס ברכה . . . ער וויל זיך געבן אַ ריר און האָט מורא. עפעס קומט מיט אים פאָר: דורך דער אָפענער סטעליע שפּאצירט אריין זיין ברודער חיים; דאָס שווארצע בערדל צעקאָשמעט, לעבן אים א מחנה הויכע היטלען מיט גלאנצנדיקע דאַשקעס, קוקן אויף אים און ציען אַוועק מיט אַזוי פיל שטומקייט און עלנט, אין אַ פאַרהוילענער וועלט אריין וואָס צעשפּרייט די אָרעמס אירע ווי אן אָפענער טויער — אַריינגענומען און נישט געוואָרן. באפאלט אים א שרעק און ער וויל שרייען, פילט ער אבער אז ס׳וועט נישט העלפן: ס׳האט זיך עפעס אַוועקגעזעצט אין דער נשמה אַ שרעק, וואָס שרייט נישט, נאָר קאָרטשעט זיך. און ער זעט ווי די זעלבע שרעק לויערט ווייטער און זוכט אַ ווינקל ווי ארום זיך ארייננצובאַקומען; די נשמה ווערט זיך און שטויסט צוריק דאָס פרעמדע וואָס וואַרפט אָן א גרויל און פחד, זי קען עס אָבער נישט ביישטיין און ווערט אַרומגענומען פון דעם גרויל און הייבט אָן מיט אָפענע אויגן צו גלאָצן אין אַן אַנדער וועלט אַריין.

צער האט דעם וועג געפונען און די באַבע שרה האט די ערשטע זיך צעכליפעט ווי אַ קליין קינד, וואס וועקט זיך פון שלאָף; צוערשט אַ כליפּ, אַ צעווייין און אויפגעהערט, ווי זי וואלט געפּרואווט וויינען און קען נישט. באלד האָבן זיך די קינדער אויפגעכאפּט און זיך אויך צעוויינט, יעדער פאר זיך, ווי שוין לאנג געווארט דערויף. האט עס ארומגענומען אַלעמען און ר׳ דוד האָט זיך עפּעס ווי דערכאפּט און צוזאמען מיטן מאַמעשן שניידנדיקן כליפּען פון זיין ווייב — אריינגעשניטן אין דער אָנטאַפּנדיקער פינצטערניש, אויך זיין ציטערדיקן שלוכץ. געפילט דערביי אז עס ווערט אים נישט גרינגער, ער ווערט נאָר געלייטערט און צוזאמען מיט דעם לייטערט זיך דער צער וואס ווערט ריינער און קרישטאָלענער, פאַרלירט יעדן פאָרם פון געשטאַלט און ווערט איין ציטערדיקער געצאַפּל, וואָס איז גרייט אויסצושטיין א סך נסיונות און פּיין.

פון די אַנדערע הייזער האָבן זיך אויך געטראָגן פאַרשטיקטע יללות פון ערשטער מלחמה נאכט, און חיים טעסלער, דער שכן, האט, ווייזט אויס זיך דערמאנט אז איבערמארגן איז תשעה באב, האט ער זיך מקדים געווען און געזעצט אָפּרעכטן קינות, הויך אויפן קול: „בכה תבכה בלילה״, הארציקער טאטע! — ציט ער מיט זיין איידל שטימעלע, מיטן ניגון פון מכירת־יוסף שפּיל, און זוכט דערוויל אין די אלטע ליאַכעס דעם אלטן שינעל.

ווערט ער אבער איבערגעשלאָגן פון יאָסל שמש, וואס גלייך ווי נישט אים מיינט מען, האט ער זיך אוועקגעשטעלט אינמיטן מארק און ציט מיט זיין דין סאַמעט קול: ״שטייט אויף, שטייט אויף לעבודת הבורא, עורו נאָ, התיצבו נאָ לעבודת הבורא! „שטייט אויף יידן צו תהילים!״

דאָס יאָמערלעכע וועקן האט זיך צעשפּרייט איבערן שטעטל, אריינגעשניטן אין די הייזער און געצוואונגען ליגן מיט אפענע אויערן און צוגעמאכטע אויגן און קלערן, קלערן — דער קלאפּ פון יאָסלס האַמער אבער, האט אויפגעוועקט און געיאָגט אָנטאָן.

די באָבע האט זיך אויפגעהויבן, אָפּגעגאָסן נעגל־וואסער און געעפנט איר קאַסטן, וואו ס׳ליגן אירע מלבושים; אויסגעקליבן די בעסערע און זיי צוזאַמענגעוויקלט, פאַרבונדן מיט אַ שטריקל און אַוועקגעלייגט.

ארויסגענומען דאָס שווארצע אָפּגעריבענע יאַקל און זיך .אָנגעטאָן. אויסגעשקראַבעט פון הינטער דער קיטשע אַפּער, א פּאָר אַלטע שיך וואס ליגן שוין פון לאנג פאַרדאַרטע, קוים מיט צרות ארויפגעשלעפּט זיי אויף די פיס און גענומען ארומשלייען אין שטוב. פאַרבאַהאַלטן און פאַררוקט הינטער די בעטן און הינטערן איוון אלע גאנצע זאכן אירע און אַרויפגעשלעפּט אויף זיך וואָס עלטערס און אָפּגעטראָגנס, ביז זי האָט באקומען דעם אויסזען פון אַן אָפּגעכוימלטער באַצערטער אלמנה, וואס שלעפּט אויף זיך אליין ארויף דעם חושך. ס׳האט זי אבער נישט צופרידנגעשטעלט און געבליבן שטיין אינמיטן שטוב אַ צעטומלטע. באַלד זיך געכאפּט און גענומען אָפּקראצן א שטיק וואַנט אין קיך. ארייננענומען דאָס בערשטל, וואס מ׳ווייסט דערמיט דעם קוימען און פאַרשמירט דאָס אָפּגעקראַצטע שטיקל אָרט מיט שוואַרצן און געקוקט דערויף מיט אויסגעשטעלטע טיפע אויגן און גרויסן צער. ס׳האט זיך אבער געפילט אז זי איז צופרידן דערמיט וואס זי קען ארייינברענגען אין הויז א שטיק אנדערשקייט, א סימן אז ס׳הייבן זיך אָן נייע צייטן און שווערע טעג. זי האט גענומען קוקן דערויף ווי אויף עפּעס א ניי קינד אין הויז; א קינד וואס איז נישט פרייד, נאָר א זכר פון א דערמאָנונג פון טרויעריקע געשעענישן, א קינד וואס מ׳האלט עס כדי צו פייניקן זיך, כדי נישט צו קענען פארגעסן איין רגע אין יענע זאכן וואָס כאָטש זיי טוען זיך אָפּ ערגעץ ווייט, שלאָגן זיי זיך אָבער אָן מיט גרויליקער שטאַרקייט, וואָס שניידט זיך אַריין אין דער נשמה.

— אזוי האָב עך געזען באַן אינדז אין דער גרויסער בהלה. . . ווען כ׳בין נאך געווען אַ קינד. ס׳איז אַ סגולה. . .

א בארואיקטע האט זי זיך גענומען גרייטן צום דאווענען. אנגעצונדן דאָס קאַניצל (א קליין לעמפּעלע) אריינגערוקט עס אין קוימען, ארויפגערוקט די ברילן אויפן שטערן און גענומען אריינכליפּען אין קוימען אריין שטייענדיקערהייט; די פיס ברעכן, אבער זי זעצט זיך נישט. „אז איר חיים שטייט אוודאי, א נישט אויסגעשלאָפענער ערגעץ אין גויעשע הענט, ווי קען זי זיצן?״

שטעלט זיך לעבן איר אוועק דער זון אירער, דוד, ער פילט נאָך אויף זיך די שווערקייט פון די באַנאַכטיקע חלומות. ס׳איז אים שווער אָנצוהייבן אַ

שמועס מיט דער מאַמען, ער איז אָבער זיכער אַז ער דאַרף זיך גיכער קענען באַהערשן און קענען מצדיק את הדין זיין און ער שטאַרקט זיך: — עס שטייט אין דער גמרא: „אַז א מענטש איז אין צער, די שכינה וואס זאָגט? זי זאָגט אזוי: „קַלַנִי מֵרֹאשִׁי, קַלַנִי מִזְרוֹעִי. כביכול, אים טוט אויך וויי”... ער וויל דעם שמועס ציען ווייטער, זעט ער אבער, אז די מאמע זיינע איז שוין גרייט און צוגעגרייט און קיין ווערטער וועלן נישט העלפן, האט ער זיך פארנומען אין בית המדרש אריין, און די באבע איז שוין אזוי שטום, מורמלענדיק אין זיך, צוגעשטאנען ביז דער טאָג האט דעם ערשטן קוק געגעבן.

*
* *

מיט טיפן צער דערמאָן איך דעם איידעלן מענטש,
קולטור־טוער און ממש פאַרליבטער אין
יידיש פאָלקס־שאַפן,
מיין חבר און שוואָגער שלום קרישטאַלקע ע״ה,
וואָס האָט מיך אַלעמאָל דערמוטיקט און שטאַרק
געהאָלפן ביים צוגרייטן, קאָרעגירן און
פאַרשפּרייטן מיינע ביכער.
אין מיטן פונעם צוגרייטן דאָס בוך,
איז ער פּלוצים פאַרשטומט און אויסגעלאָשן
געוואָרן ביים אָנהייבן פאַרצולייענען
פאַר אַן עולם אַ ליד פון אַ יידישן פּאָעט,
וואָס איז אומגעקומען אין אַ סאָוויעטישער טורמע.
וַי לְהַאי שׁוּפְרָא דְבָלֵי בְּאַרְעָא!

# ווי בלעטלעך אין ווינט...

אנגעהויבן האט זיך יענער טאג, ווי אלע טעג פון יענעם מיטן־זומער, ווען אלע יונגע מענטשן אנגעטאן אין זעלנערישן גרוי און זיי פֿאַרשיקט אין מרחקים צום גרויל פון ציילן די לעצטע מינוטן. דער פרימארגן האט זיך אנגעהויבן מיטן זעלבן ווי אין אלע יענע פרימארגנס, ווען מאמעס האבן אויפכאפנדיק זיך באַשווערט פון פּיינלעכע חלומות, און דערזעענדיק די אויסגעליידיקטע באַנק־בעטלעך, וואו די זין פלעגן שלאָפן — געגומען כליפען אָפּגעהאַקט און פאַריאושט. האָבן די יינגערע אין הויז זיך אויך אויפגעכאפט און מיטגעצויגן און אין א קורצער ווײַלע ארום האט שוין דאס גאַנצע שטעטל געיאָמערט אין זיך. מ׳האט זיך נאָך נישט געהאט צוגעוואוינט און די וואונד פון מלחמה איז נאָך געווען פריש.

די פרימערע און עלטערע האבן פרום פאַרבונדן די פּאַטשיילקעס ארום די געגאָלטע קעפּ און זיך געלאָזן אין דער ווייבערישער שול אויסוויינען דאָס ביטערע הארץ. אנדערע, האבן גענומען קענדלעך וואסער, אוועקגעשטעלט זיך ביים וועג און געטיילט וואסער צו די דורכמאַרשירנדיקע זעלנער. דער מענטש האט נאָך זיין פרצוף נישט געהאט פארלוירן און די שרעק האט זיך נאך נישט געהאט אריינגעצויגן אין אלע היימען; מ׳האט נאך געזען אין דעם זעלנער א ברודער, א מאמעס א קינד, און געבנדיק אים א טרינק, האט מען דערמיט אנגעטרינקען דעם אייגענעם מאן און דאָס אייגענע קינד. ס׳איז געווען נאך גאָר אין אנהייב.

דאָס שטעטל האט, ווייזט אויס, זיך געגרייט אויף אין דעם טאג צו טאָן דאָס זעלבע ווי אין די לעצטע פּאָר טעג, אבער קיין זעלנער זענען מער נישט דורכגעגאנגען. ביינאכט איז אפילו די שטענדיקע וואך־אָפּטיילונג אוועק. פונווייטן האבן זיך געטראגן הילכיקע בראזגן און אויפרייסן. מ׳האט נאך אפילו נישט געוואוסט גענוי וואס דאָס איז. מ׳האט אבער געפילט, אינסטינקטיוו דערפילט אז ס׳רוקט זיך אָן א סכנה. די קלייטן האט מען שוין נישט געעפנט, ווי אויף אַן אָפּגערעדטן צייכן און די סחורות און די שטוב־כלים שנעל פארפאקט אין קעלערס. אנדערע, וואס האבן קיין אייגענע

קעלערס נישט פאַרמאַגט, האָבן געגראָבן גריבער און באַהאַלטן דאָס ביסל האָב און גאָב. טייל, די מער דערפאַרענע, וועלכע זענען שוין אַמאָל געווען אין מלחמה, האָבן געגראָבן גריבער נישט בלויז פאַר די זאַכן, נאָר פאַר זיך אַליין. „אַז מ׳שיסט, איז די בעסטע זאַך צו ליגן אין דער ערד" — האָבן זיי געזעצהט נייגעריקע שכנים.

מיטאָג־צייט איז אין שטעטל אַריין אַ טומל פון אַנטלויפנדיקע רייטער און וועגענער אָנגעפּראָפּט מיט פאַרוואונדעטע. נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן, האָט מען גענומען אַנטלויפן. אין אַ קורצער ווייל אַרום איז שוין דאָס שטעטל געווען אויסגעליידיקט, בלויז וואו נישט וואו האָט זיך אין אַ הינטערגעסל געגנבעט אַ פאַרבלאָנדזשעטער סאָלדאַט. הינטער דער שטאָט ערשט, האָבן זיך אייניקע משפחות אָפּגעזוכט און איינזעענדיק אַז ווייט פאַרלויפן קען מען נישט מיט פּעק און קליינע קינדער, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן פעלד. אויף זיי קוקנדיק האָבן אַנדערע זיך אויך אָפּגעשטעלט און דערזעענדיק פונוויטן דאָס בית־עולם זיך פאַרנומען אַהין איבערצונעכטיקן. „כאַטש קומען צו קבר ישראל!" — האָבן עלטערע זיך איבערגעוואָרפן. „די הייליקע קברים באַשיצן" — האָבן פרומע געכליפּעט הויך אויפן קול. אויפן בית־עולם האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן אַרום קבר פון משיח בן יוסף, וואָס דאַרף לויט אַ מסורה ליגן דאָרט, אויסגעלייגט זיך אונטער די מצבות און גענומען וואַרטן. עמיצער האָט שטיל גענומען זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים. האָבן די אַרומיקע גענומען נאָכזאָגן און אַ שטילער געיאָמער האָט זיך דורכגעטראָגן דורכן בית־עולם. די וואָס האָבן געהאַט מיט זיך האָבן זיך איינגעהילט אין די טליתים. ר׳ אהרן מנגן, דער שטאָט בעל־תפילה, האָט געהאַט מיט זיך זיין קיטל, האָט ער עס אָנגעטאָן און אין שיך און זאָקן זיך דערנענטערט צום איינגעפאַלענעם קבר, באַוואָקסן מיט שטעכלקעס, און זיך פאַרגאַנגען אין אַ שטיל געוויין. מיטאַמאָל האָט זיך דורכגעטראָגן אַ שאָרך: „מ׳עט נאָך דערהערן". וועגער ס׳וועט דערהערן האָט מען נישט געוואוסט, ווייל אַלץ איז געשען אַזוי פּלוצים, אַז קיינער האָט זיך נישט אָריענטירט אין דער געשעעניש. ס׳איז שטיל געוואָרן, בלויז די ביימער האָבן זיך געשאָקלט און פּרוכטן זענען געפאַלן מיט אַ ווייכן אָפּקלאַנג, אָבער אויך דער אָפּקלאַנג האָט געמאַכט ציטערן ס׳האַרץ, ווייל ס׳האָט זיך געדאַכט אַז מ׳גייט.

די נאַכט איז צוגעפאַלן ראַפּטומדיק. דער הימל, האָט זיך ווי אַלע מאָל

אויסגעפּוצט מיט מיליאָסן שטערן, אַזוי אַז דער גאַנצער הימל האָט אויסגעקוקט ווי איין ווייסער מילכוועג פון בלישטשנדיקע דימענטן. אַפילו די לבנה איז געווען די זעלבע ווי אַלע סוף־חודש; אַרויסגעקומען אַ רויטע, אַ בלוטיקע, דערנאָך זיך געלייטערט און מיט ווייסער קאַלטקייט גענומען נישטערן מיט טרויעריקע אויגן אויף דער געגנט. דער הילך פון די אַנטלויפנדיקע זעלנער האָט זיך איינגעשטילט. בלויז אַן איבעררופן פון די וואָך־פאָסטנס האָט זיך אָפּט דערטראָגן אַהער און נאָכמער אַנגעוואָרפן אַן אימה.

מיטן שאַריען אויף טאָג, האָבן זיך די מער געוואָגטערע אַרויסגעגנבעט און צוריקגעקומען מיט דער בשורה, אַז אין שטעטל איז קיינער נישטאָ. האָט מען זיך גענומען גרייטן צוריקגיין אין שטעטל אַריין. פריער אָבער האָבן זיך די זקנים און בכבודיקע באַלעבאַטים אַרומגעשטעלט אַרום משיחס קבר און אָוועקגעלייגט אַ קוויטל. דערנאָך ערשט האָט יעדע משפּחה אָפּגעזוכט די זייניקע און געבעטן די טויטע, זיי זאָלן לויפן צום כסא־הכבוד און זיך איינשטעלן און פועלן אַז דער גזר־דין זאָל צעריסן ווערן.

— ס׳קען נישט געמאַלט זיין, אַז אַזעלכע תּפילות זאָלן נישט דערהערט ווערן — האָבן די זאַגערקעס, וואָס זענען צוריקגעקומען פון דער אַלטער רביצנס קבר, זיך געטרייסט.

— לאָמער אַנקלאַפּן ביי אסתרל די גבאיטע. זאָל זי לויפן און זיין אַ גיטע מליצה! — האָט איינע פאַרגעשלאָגן און זיך גלייך געלאָזט צו אַ קבר מיט אַ הויכער הילצערנער מצבה, גענומען אַריינרעדן און אַריינוויינען. און נאָך איר האָבן זיך געלאָזט אַלע ווייבער און זיך דורכגערעדט מיט דער טויטער, ווי זי וואָלט געשטאַנען פאַר זיי אַ לעבעדיקע, און אַזויפיל זי׳כערקייט איז געווען אין זייערע רייד, אַז מ׳האָט איר דערוויל דערמאָנט אַלע אירע מעשים טובים, וואָס דאַרפן איר אַקעגנגיין, ווען זי וועט זיך לאָזן צום כסא־הכבוד בעטן פאַרן שטעטל.

מיט אַ פונק פון האָפענונג אין האַרץ זענען אַלע אַוועק פון בית־עולם. אַנדערע האָבן זיך נאָך הינטערווייַלעכץ אומגעקוקט: אפשר גייט עמיץ.

אינמיטן מאַרק האָבן זיך אַלע באַגעגנט. ווי מורא האָבנדיק אַריינצוגיין

אין די אייגענע פארלאזענע הייזער, איידער מ׳זעט זיך מיט מענטשן. אויף יעדערנס ליפּן איז געלעגן א פראגע. ס׳האט זיך אבער נישט געעפנט דאָס מויל צו פרעגן. האט מען זיך בלויז אנגעקוקט און משפחותוויז זיך צעגאנגען אין די הייזער. באלד האבן זיך בלויע רויכעלעך גענומען שלענגלען פון די קוימענעס; פּנימער מיט פראגעצייכנס האָבן אַלע ווײַלע גערוקט די ליילעכער פון די פארהאנגענע פענצטער צו זען וואס ס׳טוט זיך אויף דער גאס. אויף דער גאס האָט זיך אָבער גאָרנישט געטאָן; אַ מין שבת־נאָכמיטאָגדיקע שלעפעריקייט האָט געהויערט אַרום און אַרום, און די פאַרהאָנגענע פענצטער, ווי צוגעקלעפּטע אויגן, האבן געמאַניעט און געצויגן דעם דורכגנבנדיקן דורכגייער, וואס פריער אריינצוכאפּן זיך אין הויז און נישט איבעררייסן די פאַרמאַטערנדיקע שטילקייט.

צו מיטאג צו האבן זיך באוויזן א פּאָר רייטער און זיך נאכגעפרעגט אויפן יידישן סאָלטיס. (פארשטייער פון שטעטל) אין א ווײַלע ארום האט זיך אין די געסלעך באוויזן א באָרוועס בחורל מיט צוויי שטיקלעך צעבראכענע קלינגלעך, מיט וועלכע מ׳פלעגט אלע פרייטיק אנזאָגן די בשורה, אַז „אַ הייסע באָד איז צוגעגרייט לכבוד שבת.״ פרייטיק איז עס געווען, האבן באַלעבאָסטעס גענומען בטלען אלע בייזע חלומות צום בעדערס קאָפּ:

— א בעדער בלייבט א בעדער.

— ווען מען ליגט עס היינט א באָד אין קאָפּ.

— אָן א בעזעמל קען ער נישט לעבן. — האט מען אין חוזק זיך געבייזערט.

דאָס קלינגען איז אבער דאָסמאָל געווען נישט דאָס געוויינלעכע גלין־גלאַנגערײַ פון אלעמאָל. עפּעס האט עס געשראָקן מיט דער אָפּגעלאָזנקייט און מוטלאָזיקייט פון א שלעכטער בשורה. האט מען זיך גענומען רוקן פון די הייזער און ס׳האט זיך באלד אויפגעקלערט: „דער סאָלטיס הייסט אלעמען קומען אין מארק ארײַן״. דארט האבן שוין געוואַרט די רייטער און גערעדט מיטן הארבן ווארט און שוים אויף די ליפּן, וועגן שפּיאנען און פאררעטער וואָס ברענגען אום דאָס לאנד.

— אז מ׳כאפּט א שפּיאָן — האט דער עלצטער געביילט מיט א פויסט

— מאכט מען אים גלייך צורעכט. מיר ווייסן, אז אלע יידן זענען שפּיאנען, אבער מיר האבן אייך נאך אלע נישט געכאפּט, וועלן מיר אייך אלע בלויז ארויסטרייבן פון דאנען . . . אין משך פון זעקס שעה זאָל זיך דאָ קיינער פון

אייך נישט געפינען. ווער עס וועט בלייבן, וועט געמשפּט ווערן ווי א שפּיאָן.

אויף קלאָר וואס ער האט גערעדט, האבן זייער ווייניק פארשטאנען. מ׳האט אבער געפילט, אז א שרעקלעכע באשולדיקונג ליגט אויפן שטעטל און דער פסק־דין איז אונטערגעחתמעט. איז דער עולם געבליבן ווי פארשטיינערט, מ׳האט נאך פשוט נישט באנומען ווי געהעריק וואס ס׳מיינט דער באפעל. און היציקערע, וועמען ס׳האט א ברען געטאָן דער באליידיקטער שטאָלץ, האבן זיך געקלאגט:

— אונדזערע אייגענע, זענען אויף מלחמה פאַרן צאַר!

— שווייגט, פארעטער! האט געדונערט דער עלצטער. — אזוי איז דער באפעל.

— ווי קענען מיר מיט קליינע קינדער . . . — האט א פרוי זיך גענומען בעטן.

— גייט מיט גוטן — האט א צווייטער געענדערט דעם טאָן — אניט וועלן מיר מיט נאגייקעס טרייבן און די שטאָט אונטערצינדן.

מיט פארביסענע ליפּן און אנמעכטיקן צאָרן אין אלע גלידער האבן די יינגערע זיך ארויסגערוקט פון מארק; און מיט קעפּ אראָפּגעלאזט, מיט תשעה־באב־פּנימער און טריט — האבן די עלטערע זיך גערוקט הינטערוויילעכץ. זיי אלעמען האבן באגלייט די יללות פון די פרויען און קינדער. פון א הינטערגאס האט זיך באוויזן דער לאנגער משה שמש און מיטן זעלבן קול ווי אלע שבת אינדערפרי, נאָר איצט אביסל שארפער און בעטנדיקער, האט ער אויסגערופן:

— אין שיל אריין!

אפילו די, וואס זענען לאנג שוין אין שיל נישט געגאנגען און פלעגן קיינמאל פון לאנגן משהס רופן נישט אנגעריירט ווערן, זענען איצט אָן שום איבערלייגונג נאכגעגאנגען אין שיל אריין און זיך דערפילט ווי גלידער פון א גרויסן קערפער, וועלכן מ׳שניידט מיט א טעמפּ מעסער. די בושה פון בלבול און שאנד פון גירוש אָן א פארוואָס, האט אפילו אזוי געברענט, אז מ׳האט אנדערש נישט געקענט ווי וועלן זיין אליין, אליין שלינגען דעם אנמעכטיקן צאָרן, און ביילן פויסטן קעגן דער אייגענער אומבאהאָלפנקייט — דעם שמש׳ס קול אבער האט ווי א שטריק זיך געשטרעקט אין אלע עקן פונעם

שטעטל און פארבונדן אלעמען און געצויגן: „זאל מען זיין אינאיינעם אין דער לעצטער מינוט פון זיין אינדערהיים״.

א פארשטיקט כליפען האט זיך געטראגן איבער דער שיל. ווער האט דען געקענט וויסן ווער עס וויינט און ווער נישט. ענדלעך:
— יידן . . . — האט דער אלטער רב געפרואווט אנהייבן רעדן, אבער ווייטער נישט געקענט.
— ברידער — האט דער לערער פונעם שטעטל פּאָרט ארויסגעשטאמלט און זיך ווי דערשראָקן פארן אייגענעם קול.
— צו דער גרויסער בריק — האט דער סאָלטיס אויסגערופן און אלע האבן זיך ארויסגעשטופּט פון דער שיל.
— מ׳דארף נישט פארשליסן . . . — האט דער רב צוגעווארפן דעם שמש, וועלכער האט זיך גענומען פּאָרען מיט די שליסלען.

אויפן גאס האבן שוין געצויגן וועגענער מיט געפּעק, אנדערע מיט פּעקלעך און קליינע קינדער אויף די פּלייצעס. דאָס געוויין און געשריי האט זיך געריסן פון אלע עקן שטעטל און ווי א רייף אלץ ארומגענומען, איינגעצויגן פעסט און זיך דערוויטערט.

אויף יענער זייט בארג לעבן די זאמדן, וועלכע האבן נאָך אפשר אויפגעהיט אין זיך די ערשטע טריט פון די אמאָליקע בויער פון שטעטל, האט מען זיך אָפּגעשטעלט. קיינער האט קיינעם נישט געהייסן אויסדרייען זיך מיטן פּנים צום שטעטל. אָבער אַלע האָבן עס געטאָן. מאַמעס האבן שטום אויסגעדרייט קינדערישע קעפּלעך צו דער פאַרלאָזענער היים; טאטעס, האבן געהויבן די קליינע אויף די אַקסלען און צערודערט געמורמלט אין די בערד אריין.

# משוגעת

מיטן אנקום פון דער נאכט, האָט דאָס שטעטל באַקומען נאָך אַ שאַרפער, עלנטן אויסזען. די הייזלעך, צעוואָרפענע אויף די בערגלעך און ברעגן פונעם טייך, וועלכער רינגלט אַרום דאָס שטעטל האָבן מיטן זון־פאַרגאַנג נאָך מער זיך אָפּגעשיידט איינס פון דאָס אנדערע און געבליבן פארשטעקט ווי אויף אַן אינזל.

די פּראָזשעקטאָרן, וואָס האָבן געשניטן די פינצטערניש און געגראבלט מיט לאנגע פינגער שטראַלן אויפן וואַסער, האָבן אויסגעזען ווי גליענדע נעצן פאַרוואָרפן פון אַ ווייטער וועלט, און וואָס אָפּטער די נעצן זיינען פאַרוואָרפן געוואָרן, אַלץ מערער האָבן זיך די פארלאָזענע הייזלעך איינגעשרומפּן און פאַרפאַלן געוואָרן אין געדיכטן נעפּל פון זומערדיקער נאכט. די שטילקייט ארום און ארום איז געווען אָנגעלאָדן מיט אַ ווייטן הילך פון פערד קאָפּיטעס און קלאַפּן פון וועגענער. אַלץ האָט ווי געווארט אויף עפּעס. . .

אינמיטן מארק איז שטיל געלעגן אַן אָפּטיילונג זעלנער, וואָס האָט דורכגעפירט דעם גירוש פון אַלע איינוואוינער. די וואַכפּאָסטנס, האָבן זיך אויך דערפילט ווי פארלאָזענע אין דער ארומיקער איינזאַמקייט, און געלאָזן גענומען ברעכן דעם פּלויט ארום דעם ראָטהויז און געמאַכט אַ פייער. האָבן זיך די פערד איינציקווייז געוועקט פונעם שטייענדיקן דרימל און זיך צעהירזשעט אָפּגעריסן און דערשראָקן. האָט דאָס אויפגעריסן פון שלאָף די שמאָל־ביינערדיקע באשקירצעס פון דער אָפּטיילונג, און געלאָזן מיט געמאָסטענע טריט, זיינען צוגעגאַנגען צום פייער און מיט אַ שפּיציק מאָנאָטאָנעם ניגון, ווי געצויגן פון אַ נישט דורכדרינגלעכן וואַלד, גענומען הוידען זיך ארום פייער. פונעם הוידען באַלד אריבער אין אַ רעדלדיקן טאַנץ, מיטאמאָל האָט זיך דער טאנץ אויפגעלייזט און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריטואַלן שפּרינגען. צום ערשטן ביי די זייטן פון פייער און דערנאָך אריבערן פייער; און ווען דער גלי פון פייער האָט זיי אדורכגענומען, האָבן זיי ארויסגענומען די קינזשאַלן און זיי גענומען וואַרפן אין פייער אריין און מיט די הוילע הענט זיי קונציק ארויסכאַפּן. ביי יעדן ארויסנעם פון אַ קינזשאַל האָט אַ ברום פון פלאַצנדיקער פרייד אָפּגעהילכט אין מאַרק און געשניטן

אַריבערן וואסער, וואו די שטעטלשע באַפעלקערונג איז געלעגן אין טויט־שרעק און געוואַרט אויפן סוף.

דאָס פייער האָט זיך געהויבן און געוואָרן שטארקער און די גראבלענדיקע פינגער פון די פּראָזשעקטאָרן, האָבן זיך ביסלעכווייז דערגראַבלט צו דעם, און אַריינגעוואָרפן נאָך א צונג פייער, וואָס האָט ווילד־משונה׳דיק באלויכטן דאָס פארלאָזענע שטעטל.

אין אַ זייטיק געסל, ארומגערינגלט מיט אַ טשאַטע הינט איז געזעסן די שטאָט משוגענע און מיט א יאָמערלעכן ניגון געצויגן איר לידל:

„אלע שענסטע, אלע בעסטע"

„זיינען שוין געגאַנגען"

„אַ, אַ, אַ, מאַמע!"

„גייט אנטקעגן משיח׳ן"

„עך וועט עם נאָך פארזאמען".

אָט דאָס לידל פלעגט זי זינגען אלעמאָל, ווען דאָס משוגעת פלעגט זי באפאלן און מיט דעם לידל האָט זי געהאַט אַרויסבאַלייט דעם אַרויסגעטריבענעם עולם. ביז צום וואַסער איז זי מיטגעגאַנגען און אויסגעמישט איר אומהיימלעכן ניגון מיט די יללות פון די ארויסגעטריבענע. ווען מ׳איז צוגעקומען צו דער בריק, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און נאָכגעשיקט דעם ניגון. ס׳האָט איר קיינער ניט געשטערט. עפּעס האָט מען אין די לעצטע טעג אָנגעהויבן מורא האָבן פאר איר. ס׳האָט זיך געדאכט, אַז זי ווייסט מער פאַר אַלעמען. איר יעדע באוועגונג איז געווען אַזאַ, וואָס באדייט זיכערקייט מיט זיך. פון אירע רייד האָט מען געקענט דרינגען, אז זי ווייסט עפּעס אזעלכעס, וואָס קיינער ווייסט נישט. האָבן זיך שוין געפונען אזעלכע, וועלכע פלעגן וועלן פון איר ארויסבאקומען און אויסנאַרן דעם סוד. זי פלעגט אָבער יענעם בלויז אָנקוקן און זיך פארגיין אין איר ניגון, צופּאַסנדיק אַלץ נייע ווערטער, וואָס האָבן אלע געהאט איין זין: מ׳דארף גיין אקעגן משיח׳ן.

אַן אנדערש מאָל וואָלט זיך קיינער אויף דעם נישט אומגעקוקט; אין די לעצטע טעג אָבער האָט איר לידל געמאכט צום טראכטן אפילו ר׳ דוד שוחט; דאָס לידל האָט אים ארויפגעפירט אויפן געדאנק, אז די מלחמה איז טאקע די לעצטע שוין און די יסורים זיינען חבלי משיח . . . ס׳איז אים אפילו שווער

געווען אָנצונעמען דעם געדאנק, אז די פּשוט׳ע משוגענע זאָל וויסן מער ווי ער. ר׳האָט אָבער געפילט, אז אזוי טראכטן א סך אין שטעטל — איז עס אַוודאי ניט פראָסט. האָט ער איר אָנגעהויבן נאָכקוקן און דערוויַיל געמונען זוכן אין מדרש תלפיות, וואו ס׳זיינען אויסגערעכנט די צען צייכנס פון משיח׳ס צייטן. פונקט דאן האָט מען אין בית־מדרש איבערגעגעבן, אז מ׳האָט געפונען א רמז אין זוהר; האָט ער שוין געפּרוּווט כאפּן א שמועס מיט איר.

— הער נאָר, — האָט ער זי אמאָל געפּרוּווט א פרעג טאָן ווען זי איז אריינגעקומען צו אים אין הויז בעטן א גלאָז טיי, — וואו האָסטו גענומען דעם ניגון דיינעם?

— פון זיך, — האָט זי פּשוט געענטפערט.

— און די ווערטער? — האָט ער נישט אָפּגעלאָזט, כאָטש מיט אלע כחות וויל ער זיך איינהאלטן נישט צו פרעגן מער — "אל תשאלו באובות," — קלינגט אים דער פארבאָט, אָבער ער קאָן זיך נישט איינהאלטן.

— אלע זאָגן מיר . . . — האָט זי א גלאנץ געטאָן מיט די אויגן, אז ער איז אזש צעמישט געוואָרן און זיך מיט באנייטן חשק א ווארף געטאָן אויפן מדרש תלפיות, וואָס איז אין יענע טעג געלעגן אויפן טיש — און גענומען אויסטייטשן, וועלכע פון די צען צייכנס זיינען שוין מקוים געוואָרן.

ווען די ראשי הקהל האָבן זיך, דערשלאָגענע פון דער גירוש גזירה אומגעקערט פון דער קאָמענדאנטור — איז די משוגענע זיי אנטקעגן געגאנגען מיט איר ליד. זיינען זיי אהיימגעגאנגען פאקעווען זיך מיט מער ביטחון. ביי יעדן קרעכץ וואָס א ייד האָט דאן געטאָן, איז אים גלייך אויפגעשוואומען דאָס הויכע און אויסגעמאָגערטע געשטאַלט פון דער משוגענער. איר לידל האָט אלעמען געשטארקט און געהייסן ווארטן אויף וויַיטערדיקע סימנים.

ווען די ארויסגעטריבענע זיינען אריבער די בריק, האָט די משוגענע זיך אָפּגעשטעלט, און ווי נאָר די רייטער האָבן זיך פארקוקט, האָט זי זיך פאר׳גנב׳עט און צוריק אוועק אין שטעטל אריין. אויפן וועג איז זי אפּגעטראָטן אויפן בית־עולם, און זיך אוועקגעשטעלט לעבן משיח בן יוסף׳ס

קבר, וואָס דאַרף לויט א מסורה ליגן דאָרט, און אים געמאָלדן: „אלע שענסטע, אלע בעסטע זיינען שוין געגאַנגען”...

אז דאָס קבר איז געבליבן שטום ווי פריער, האָט זי זיך א וואָרף געטאָן אויפן קבר מיט געביילטע פויסטן און זיך א יאָג געטאָן אין שטעטל אריין. באַלד זיך דערקליבן צום ברונעם און זיך גענומען ציען איר ניגון. האָט זיך דער ניגון געקייקלט איבערן אויסגעליידיקטן שטעטל און זיך דערטראָגן צו דער טאַנצנדיקער אָפּטיילונג. האָבן זיי איבערגעריסן דאָס טאַנצן און זיך גענומען איינהערן מיט שרעק. וואָס שאַרפער דאָס קול האָט זיך דערטראָגן צו זיי, אלץ גרעסער איז געוואָרן דער פּחד וואָס האָט זיי ארומגעכאַפּט, און זיי האָבן זיך גענומען צוטוליען איינער צום אנדערן, ווי זוכנדיק שוץ.

— דאָס איז די נשמה פונם שטעטל, וואָס קלאָגט אזוי, — האָט איינער א שעפּטשע געטאָן.

די דאָזיקע פּאָר צעשראָקענע ווערטער האָבן אויף זיי אָנגעיאָגט אַזאַ אימה. אַז ס׳האָט זיך זיי גענומען דאַכטן, אַז די פאַרקלאַפּטע הייזער רוקן זיך איינציקווייז פון די ווינקלען ארויס, גליטשן זיך לאַנגזאַם אראָפּ פון די בערגלעך און וועלן אָט־אָט ארויפפאַלן אויף זיי. די אויסגעפּרואווטע מלחמה לייט, וועלכע האָבן שוין ניט איינמאָל געקוקט דעם טויט אין די אויגן, האָבן פון אָט דעם יאָמער — באַקומען אזא פּחד, אז הענט און פיס האָבן זיי גענומען ציטערן; ס׳איז געווען ווי עפּעס א קול פון יענער וועלט וואָלט אויסגעיאָמערט דעם צער פון דער וועלט. זיי האָבן אָנגעהויבן רחמנות האָבן אויף זיך אליין און זיך גענומען פאַרענטפערן פאַר די מעשים פונעם לעצטן טאָג.

— אמת, איבראַהים, מיר זיינען נישט שולדיק. ס׳איז דאָך מלחמה, — האָט איינער ארויסגערעדט זיינע מחשבות אין דער הויך.

— אללאה׳ס ווילן איז אזוי.

— אללאה איל אללאה, — האָט זיך א ריס געטאָן פון אלע מיילער. דאָס האָט זיי אביסל באַרואיקט און דער עלצטער האָט צוריקגעקראָגן זיין קוראַזש און באַפוילן גלייך זיך לאָזן איבערן שטעטל און דורכקוקן די הייזער.

מורא האָבנדיק צו גיין אליין, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין גרופּקעסווייז נאָכן קול נאָך; און וואָס נעענטער זיי זיינען געקומען צום ברונעם, אלץ גרעסער איז געוואָרן די שרעק, אָבער צוריקציען זיך טאָר מען דאך נישט; האָבן זיי דעם ברונעם ארומגערינגלט לויט אלע כללים פון מלחמה, אָפּגערוקט איינער פונעם אנדערן אין א קרייז און אויף אלע פיר מיט די ביקסן אויסגעשטרעקט־פאָרויס.

די משוגענע — זעענדיק ווי שאָטנס רוקן זיך אויף איר, האָט אין אָנהייב נישט באנומען וואָס דאָ קומט פאָר, זי האָט זיי אָנגענומען ווי אייגענע, וועלכע פלעגן זיך דאן אלע נאכט גנב׳ענען ביי די זייטן פון גאס; און ווי איר שטייגער איז געווען, האָט זי נאָך שטארקער גענומען ציען איר ניגון און יאָמערלעכער נאך ארויסשליידערן ווערטער. באלד אָבער האָט זי דערפילט א סכנה. דאָס גלייכמעסיקע רוקן זיך פון די שאָטנס, דאָס אומרואיקע דרייען זיך און ווארטשען פון די הינט, האָט זי איבערגעשראָקן און, ארויסלאָזנדיק א משונה׳דיקן קוויטש, האָט זי זיך געגעבן א ווארף צום אנטלויפן. די סאָלדאטן ווידער דערזעענדיק די טשאטשע הינט אַרום אַן אָפּגעריסענער פרוי, האָבן זיך א מינוט פארלוירן און נישט געקאָנט באנעמען וואָס דאָס איז. די שרעק פאר נישט באוואוסטס און פרעמדס, האָט זיי ווי געליימט און נישט געלאָזט צוגיין נעענטער. זיינען זיי געשטאנען און געגלאָצט מיט די אויגן.

א בליאַסק פונעם פייער אינמיטן מאַרק, האָט זיך מיטאמאָל אַריינגעריסן צווישן זיי און באלויכטן די משוגענע, א ווילד צעשויבערטע מיט א צעקרימט מויל, וואָס איז געבליבן אָפן אינמיטן יאָמערן. ס׳האָט זיך זיי אויסגעדאַכט אז דער ניט פאַרענדיקטער ניגון ציט זיך אַליין פון איר אָפן מויל. האָט עס זיי אַלעמען ווי דעם אָטעם אָפּגעהאַקט. די שוואכערע האָבן די אויגן פארמאכט און געפילט ווי עפּעס א שארפע זאך שמייסט זיי אין פנים אריין און גליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן.

מיטאמאָל אָבער האָט זיך דאָס פארקרימטע מויל מיט האַסט צוגעמאכט און אויפן גאנצן פנים האָט זיך אויסגעלייגט אַ גרימאַסע פון ביטול און חוזק. זי איז עפּעס אויף א ווילע צום זינען געקומען און גלייך דערפילט איר מאכט איבער זיי. דער חוזק איז אריבער אין א טונקעלן, אומהיימלעכן כעס

. . . זי האָט אייניקע פון זיי דערקענט און זיך דערמאָנט, אז זיי האָבן געטריבן די שטעטלדיקע איינוואוינער.

די סאָלדאטן, דערשראָקענע — האָט זיי נאָכמער דערציטערט דאָס פארביטערטע פּנים; און דערפילנדיק אז זי גרייט זיך שעלטן, האָבן זיך אייניקע א כח אָנגעטאָן און זיך א לאָז געטאָן צו איר, פארמאכן איר דאָס מויל . . .

מיט א פארבונדן מויל האָט מען זי מיט ציטערניש געבראכט צום עלצטן. מיטן ערשטן קוק האָט ער גלייך געזען מיט וועמען ער האָט צו טאָן, אָבער באַמערקנדיק די שרעק אין וועלכער זיינע סאָלדאַטן געפינען זיך, האָט ער געוואָלט ווייזן, אז ער האָט קיין מורא נישט און זיך גלייך א לאָז געטאָן צו איר מיט דער נאגייקע: „מיינסט, אז דאָס מאכן זיך פאר משוגע, וועט דיר עפּעס העלפן? זאָג גלייך, וואָס האָסטן איבערגעגעבן דעם שונא מיט דיין זינגען?״

א פּאָר אויסגעגלאָצטע משונה׳דיקע אויגן האָבן אים דורכגענומען. א צעווילדעוועטער און וועלנדיק פארטויבן די אייגענע שרעק, וואָס איז אים באפאלן, האָט ער איר גענומען נאָכקרימען, אז א שוים האָט אזש גענומען זעצן פון זיין מויל.האָט עס די סאָלדאַטן אַריינגעוואָרפן נאָך אין א גרעסערער אימה, האָבן זיי זיך גענומען אָפּרוקן פון זיי; און זי, זעענדיק זיינע העוויות, האָט עס אין משוגעת אָנגענומען פאר א שפּיל אזא — איז זי צוגעגאנגען צו אים, אַנעם געטאָן זיין נאגייקע, אויפגעהויבן זי איבער זיין קאָפּ און זיך הילכיק צעלאכט.

די סאָלדאטן — צעטומלטע, האָבן געמיינט אז דער עלצטער איז משוגע געוואָרן — האָבן זיי זיך גענומען צעלויפן. האָט דאָס איר צוגעגעבן קוראזש, און זי האָט אים געגעבן א נעם מיט א ווילדער קראפט, צוגעטראָגן צום טורעמל אינמיטן מאַרק וואו דער פייער גלאָק איז געהאָנגען און מיט אימפּעט גענומען ציען דעם שטריק. דער גלאָק האָט זיך צעהוידעט און אַרויסגעלאָזן א טעמפּן קלאַנג. פונעם קלינגען איז דער עלצטער געקומען צו זיך און גענומען אנטלויפן מיט אלע כחות.

זי האָט זיך שוין אָבער אויף אים נישט אומגעקוקט. זי איז געבליבן שטיין אויף אן אָרט און ווידער גענומען ציען איר יאָמערלעכן ניגון, צוקלינגענדיק צום טאקט:

„אלע שענסטע, אלע בעסטע,<br>
„זיינען שוין געגאַנגען"<br>
„א, א, א, א מאמע:<br>
„גייט אנטקעגן משיח'ן"<br>
„לאָמיר נישט פארזאמען".

דאָס פייער האָט זיך ביסלעכווייז געלאָשן, האָבן זיך די הינט ווידער ארומגעקליבן ארום איר, און זיך צעוואָיעט אנטקעגן דער לבנה, וואָס האָט זיך באוויזן א צעגליטע, א רויטע, ווי פון א שריפה ארויס.

# ליכט אין דער נאַכט

א מצבה דעם הרובע־הייצער מיקאָליי,
וואָס איז געבליבן אַ מענטש אין א חיה׳שער צייט.

קוקנדיק דורך א שפּאַלט פון בית עולם פּלויט, האָט דער אַלטער מיקאָליי צוגעזען ווי דאָס שטעטל ווערט אויסגעליידיקט. קנוילנווייז, מיט האַק און פּאַק אויף די פּלייצעס, האבן מחנות שטעטלדיקע יידן פאַרבייגעצאיילט דעם פּלויט און געלאָזן הינטער זיך וואָלקנס שטויב און נאָכרייטנדיקע קאָזאַקן מיט אַנטבלויזטע שווערדן. די זון האָט געברענט אָן רחמנות און אלץ ארום האָט אויסגעזען פאַרחלשט און שלאַבעריק.

מיקאָליי און געלעגן אין איינגעקאָרטשעטער, א פאַרטאַיעטער און געקוקט פאַר זיך מיט פאַרנעפּלטע אויגן. ווי די וואָלקנס שטויב, וואָס האָבן זיך געהויבן און געלייגט איבערן וועג, אזוי האָבן זיך געהויבן און געלייגט זיינע מחשבות — צעשאָטן און נישט קלאָר. ער האט זיך שוין וויפל מאָל געוואָלט דערמאָנען דעם אויסזען פונעם שטעטל און נישט געקאָנט, ער ווייסט נאָר, אז ס׳איז איצט פּרייטיק און ער דאַרף צי גיין אויסקערן דאָס בית המדרש, אָבער ער קען זיך נישט דערמאנען ווי דאָס בית המדרש זעט אויס. פּלוצים האָט אַ פרישער קנויל מענטשן, שטויב און געיאָמער דורכגעצאיילט דורכן בית עולם און געלאָזט נאָך זיך א מוראדיקע שטילקייט. די פּלוצימדיקע שטילקייט האָט אים אביסל ארויסגעפירט פון דער פאַרטאַיעטקייט „יאָ, ס׳איז פּרייטיק, ער גייט מיט א פרישן בעזים אויסקערן דאָס בית המדרש. ווייסע־חברהניקעס לויפן אים נאָך מיט א פריילעכן געפילדער: מיקאָליי, מיקאָליי, ווילסט אַ פּלעצל, נא דיר אַ קלעצל.״ שמייכלט ער גוטמוטיק און טוט א הייב דעם בעזים אין זייער זייט אַריין, און די ווייסע־חברהניקעס פאַרשווינדן אינעם וואָלקן שטויב . . . נעמט ער רייבן די רויטע טויגן און זעט פאַר זיך בלויז זיין כאַטע איינגענורעט אין מוראדיקער רו. מיט גרויס מאַטערניש הייבט ער זיך אָן דערמאָנען. וואָס עס איז פאָרגעקומען. שוין דריי טעג אז ער איז פון זיין כאַטע נישט אַרויס. גלייך ווי די ערשטע אָפּטיילונג קאָזאַקן האָט זיך באַזעצט אין שטעטל, האָט ער זיך פאַרמאַכט אין זיין כאַטע און נישט

אַרויס. די קליינע זאָשקע, וואס באַדינט אים, פלעגט אים ברענגען די נייעסן. דערנאָך האָט ער זיך שוין נישט געגוויטיקט אין דעם. די פלוצימדיקע אויסגעשרייען, וואס ער פלעגט דערהערן אינמיטן דער נאכט,·האבן דערציילט מער ווי אירע נייעסן. יעדעסמאָל ווען ער פלעגט דערהערן אַן אויסגעשריי קומען פון יענער זייט בריק. פלעגט ער אראָפּקריכן פונעם שטרויזאק, ארויסגיין און זיך אוועקלייגןביים פלויט און איינהערן זיך. דערביי פלעגט ער אינגאַנצן פאַרגעסן. וואו ער געפינט זיך. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אז ער איז נאָך א קליין יינגל און ער ליגט אין טאטנס שייער, וואס איז געשטאַנען ביים עק פון ליפּאָוויצער וואַלד און הערט זיך איין צו די אָפּגעריסענע נישט היימלעכע קולות, וואָס טראָגן זיך פונעם חושכדיקן וואַלד; ער פלעגט שוין דערקענען לויטן קוויטש, וואָס פאר א חיהלע ס׳איז פארצוקט געוואָרן. איצט האָט ער אויך אָנגעשפּיצט די אויערן אויפצוכאפּן די אויסגעשרייען, וואס טראגן זיך אין דער נאכט פון די יידישע געסלעך ארויס.

מיקאָליי, א גוטמוטיקער און ליבער זיידע, וואס האט ליב געהאַט צו האלטן זאָשקען אויף זיין שויס און איר דערציילן פון אמאָליקע צייטן, פון דער „פּאָווסטאניע״, און בכלל ווי עס האבן אמאָל געלעבט יונגע מענטשן, — האָט נישט געקענט פארשטיין פארוואס פרעמדע מענטשן האָבן זיך מיטאמאָל גענומען אריינמישן אינעם לעבן פונעם שטעטל און עס אַזוי צעמישט. אַ פּאַרפּראַצעוועטער, אַ פּאַרנומענער, האָט ער זיך נישט געקאָנט פָּארשטעלן ווי אזוי מענטשן נעמען אינמיטן דערין, אינמיטן זומער — ווען די ארבעט אין דאָרף ברענט, — און לאָזן זיך ארומשלייען הפקר און ברענגען שאָדן. „אין אלעם דעם איז שולדיק דאָס יידיק גיין״ — האָט ער עס געפּרואווט פארשטיין. „נו, טאקע, אז מענטשן דרייען זיך ארוס שלינג און שלאנג, טוען זיי אָן צרות״. אזוי טראכטנדיק ווערט אים אַ נעפּל אין קאָפּ און ער ווערט אזוי אנטדרימלט ביים פלויט. ביים ערשטן בלישטש אויף טאָג כאַפּט ער זיך אויף, שלייכט אַריין אין כאַטע און ליגט שוין אָפּ דעם טאָג אויפן שטרוי־זאַק אָן דעם מינדסטן חשק ארויסצוגיין. ערשט אויפן דריטן טאג, ווען דער רעש אין דרויסן איז געוואָרן זייער שטארק און די יאָמערלעכע געוויינען פון די ווייבער האָבן זיך אריינגעריסן אין זיין כאַטע, האָט ער זיך שוין נישט געקענט איינהאלטן און זיך אַרויסגעקאַראַטשקעט הינטערן פלויט.

אָן אימה, האָט אים ארומגענומען. דאס גאנצע שטעטל, יונג און אלט

צונויפגעקנוילט אין איין קלימפּער, האָט זיך געשלעפּט מיט א געיאָמער אויפן וועג פאַרביי דעם בית עולם. איינציקע האָבן זיך ארויסגעריסן פונעם קנויל און געשטרעקט די הענט אין די שפּאַלטן פון בית עולם פּלויט, האָבן דאָס דערזען די קאָזאַקן און מיט די בלויזע שאַבליעס געשמיסן אויף די אויסגעשטרעקטע הענט. פון יענער מינוט אָן האָט זיך אין אים עפּעס אפּגעריסן. אלץ איז צעמישט געוואָרן און ר'האָט שוין נישט געקענט אונטערשיידן צווישן דעם וואס געשעט און דעם וואס ס'איז שוין לאַנג געשען.

„מ'טרייבט אַרויס די יידן — האָט עס אים אַ קלאַפּ געטאָן אין מוח ווי מיט אַ האַמער, — זיי געזעגענען זיך מיט די זייערע — האָט ער מיט אלע גלידער געהערט דעם יאמער, — נאָר איך אליין וועל היטן די זייעריקע" . . . — האָט ער ווי אַראָפּגעלייענט אַ געבעט פון די הענט, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אינעם פּלויט.

ווי אין אַ הינער־פּלעט האָט ער גענומען ראַטשקען זיך אויף אַלע פיר און געזוכט צווישן הויכן גראָז ביי דער זייט פון פּלויט — „באַהאַלטן די שטיקלעך פינגער מיט די זייעריקע" — האָט אים געברענט אין מוח ווי אַ פייער. נישט געפינענדיק גארנישט, האָט ער אָן אויסגעשעפּטער און פאַרטאַיעטער זיך אראָפּגעלאָזט אויפן גראָז הינטערן פּלויט.

אין זיכּרון איז אים אַרויסגעשוואומען אַן אַלטע „ביבליע", אַ מעשה וועגן אַ פאָלק וואָס איז געגאַנגען אין גלות אריין געיאָגט פונעם שונא'ס בייטשן. „פאַרחלשטע און פאַרהונגערטע זיינען זיי געגאַנגען ביז זיי זיינען געקומען צו די גרעניצן פון א ווייטע מדינה. זיינען די איינוואוינער פון דער מדינה זיי אנטקעגנגעגאנגען און דערלאַנגט ברויט מיט הערינג דאָס הארץ צו דערקוויקן. האָבן זיך די אומגליקלעכע דערפרייט און פארן עסן געדאַנקט. און אויך אַ טרייסט האָבן זיי שוין געהאַט: „זע" — האָט איינער געזאגט צום אנדערן, — „גוטע מענטשן זענען דאָך אויך דא אין ווייטע לענדער . . ." אָבער באַלד זענען זיי דורשטיק געוואָרן און אויפן אָרט פון וואַסער האט מען זיי אָנגעבלאָזענע לופט פענכערס דערלאַנגט, האָבן זיי זיך צוגעכאפּט צו זיי און האָבן געטרונקען טוכלע לופט, און זייערע בייכער האבן געפּלאצט פון גרויס יסורים . . ." דער אלטער האָט זיך איינגעקארטשעט און פאַרגראָבן

דאָס פּנים אין גראָז. יאָ, ער געדענקט שוין געווי. די „ביבליע" האָט דער פּאָרזאָגער אין דעם ווייסן קלויסטער פאַרגעלייענט פאַר אַ גרופּע ייִנגלעך שוין לאַנג, זייער לאַנג. „און די קערפּערס פון די פאַרטריבענע האָבן זיך געוואַלגערט אויפן זאַמד און שאַקאַלן האָבן זיך פון זייער פלייש אַ סעודה געמאַכט". — דערמאָנט ער זיך קלאָר דאָס בילד, וואָס דער פּאָרלייענער האָט טרויעריק געמאָלן. ער געדענקט אַפילו, אַז ס'איז אים נישט גוט געוואָרן און ער האָט געחלשט, און דער פּאָרלייענער, אַ ליכטיקן גן עדן זאָל ער האָבן, אַן אמתער קריסט געווען, האָט אים אָפּגעמונטערט און געגלעט: „מיקאָליי, דו וועסט אויסוואַקסן אַ גוטער קריסט. האָסט אַ גוט האַרץ, אָבער די „ביבליע" איז נאָר אַ משל פונעם גוף מיט דער נשמה..."

פון מינוט צו מינוט דערמאָנט ער זיך אַלץ מער, אָבער ער קען נישט פאַרשטיין וואָס הייסט אַ משל גאָר, אָט איז עס דאָך געשען. אָט טראָגן זיך דאָך זייערע יללות. זיי זיינען שוין אויף די זאַמדן, — טוט ער זיך פּלוצים אַ הייב אויף און לאָזט זיך לויפן אין דער כאַטע אַריין. ליגט אָבער אין כאַטע צעלייגט אַ שווערע שטילקייט, אַזאַ מין שטילקייט וואָס ליגט ווי אַ שטומע באַשעפעניש מיט טויזנט צערן אין די אויגן. האָט די שטילקייט אים אַרומגעכאַפּט ווי מיט אַ צוואַנג און אים צוגעקלאַמערט צום אָרט. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז די גאַנצע כאַטע רעדט מיט אַ פאַרהוילן לשון, מרוקעט עפּעס און דרייט זיך ווי לעבעדיק. איז אים אַ גרויסע שרעק באַפאַלן און ר'איז צוריק אַנטלאָפן אין דרויסן אַרויס זיך באַהאַלטן.

ביי דער טיר האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אינעם ליידיקן קענדל, וואָס איז אַלע מאָל געשטאַנען פול מיט וואַסער גרייט פאַר די מתים, וואָס קומען יעדן נאַכט זיך וואַשן די הענט... אַלעמאָל פלעגט שואלקע באַגרעבער קומען יעדן פרימאָרגן אָנגיסן דאָס קענדל מיט פריש וואַסער. „שוין דריי טעג אַז דאָס קענדל איז נישט אָנגעפילט געוואָרן" — טוט ער אַזש אַ ציטער אויף. צו דעם קענדל פלעגט ער זיך קיינמאָל נישט צורירן. „די יידישע טויטע — האָט אים זיין טאַטע אַמאָל געזאָגט, — ווילן באַדינט ווערן פון אייגענע". „מ'קען זיי אָבער נישט איבערלאָזן אַזוי אָן וואַסער" — האָט ער שנעל אַ כאַפּ געטאָן דאָס קענדל און זיך געלאָזט צום ברונעם. זיין גאַנצע ליבשאַפט צום שטעטל און די שטעטלדיקע יידן האָט מיטאַמאָל זיך געגעבן אַ צעוואַרעם אין אים, און אַ באַשלוס איז פאַרטיק געוואָרן אין אים: „ער וועט זיך אָפּגעבן מיט

דעם. ער וועט באַזאָרגן די טויטע, גלייך ווי די לעבעדיקע וואָלטן געווען".

פאַר גרויס התלהבות מיטן באַשלוס, האָט ער אָנגעגאָסן צוויי קענדלעך וואַסער און זיי אוועקגעשטעלט פוןביידע זייטן סטעזשקע וואס פירט צו די קברים. טוענדיק דאָס, איז די פריערדיקע שרעק אוועק פון אים. ס'איז אים עפּעס לייכטער געווארן אויף דער נשמה. ר'האָט זיך צוריק דערפילט באהאָפטן מיטן שטעטל. ס'זענען אויפגעשוואומען די אמאָליקע רואיקע טעג, די שבתדיקע פאַרטאָגן ווען ער איילט זיך אין בית המדרש אריין איינהייצן. ער זעט פאַר זיך אן אויפגעלייגט זשומענדיקן עולם. וואָס האַלט אין איין זאָגן און מאָדליען זיך. אים פלעגט עס אלעמאל פרייען און גלייכצייטיק עפּעס פארדריסן „אלע קענען זיי, דארפן נישט קיין פאָרזאגער. נישט ווי דאָס פויערים פאָלק, בלינד. אָן דעם גלח טוט מען זיך נישט קיין ריר אפילו תפילה צו טאָן". די שבתדיקע פאַרטאָגן פלעגן אין אים ארויסרופן אַ גרויס דרך־ארץ צו יידן, און פון צופרידנקייט פלעגט ער זיך הינטערן אויוון מיט הארץ גוט אָפּציילעמען און אוועקלאָזן זיך איבער די הייזער אָנוואַרעמען דאם שטעטל. אהיימגיין פלעגט ער שוין מיטאג־צייט מיט אַ קאָפּ פול רויש און וואַרעמקייט פון די ביסלעך בראָנפן און א זאַק פול חלה און געבעקס. שבת איז דעריבער געווען ביי אים א הייליקער און נחתדיקער טאג. א גאנצע וואך האָט ער געלעבט מיטן חיות פון שבת. די זומער שבתים האט ער נישט ליב געהאט און פלעגט דערפאר ווי עמיצן אויף צו להכעיס גאָרנישט טאָן דאַן, נאָר ליגן א גאנצן טאג אויפן שטרוי זאק און געניצן „ס'איז דיר גאָרנישט קיין שבת, נאָר עפּעס א לאנגער צעצויגענער דראָנג". עפּעס ווי איבעריק פילט ער זיך דאַן, דערפאר לעבט ער אויף אין די ווינטער שבתים. ער פילט זיך דאַן דער צענטער פונעם גאַנצן שטעטל. ער איז עפּעס מער ווי אַן אייגענער דאָרט, מ'קען פשוט אָן אים נישט אויסקומען. אז חברה שקצים פלעגן אים אַמאָל א טשעפּע טאן אויפן קלויסטער־הויף: „מיקאָליי, האָסט זיך שוין באַשניטן?. . . "האָט ער זיך אפילו געקענט פארגינען נישט ענטפערן, נאָר אָפּמעסטן זיי מיט אַ קוק וואָס האָט געמיינט: „וואָס פארשטייסטו דען, פארשטאָפּטער מוח?"

מיט אמאָל האָט ער זיך אפּגעשטעלט, א ווארעמקייט האָט אים אָנגעפילט און דאָס פּנים האָט זיך אים אויסגעלייטערט. ער האט דערזען פאַר זיך די קונדסים אין אַ פרייטיק בייטאָג טאַנצן ארום אים: „מיקאָליי מיקאָליי, זאָג מודה אני! שפּאַרט ער זיך אָן אויפן לאנגן בעזעם און לאַכט גוטמוטיק:

„טאַטעלע, מאַמעלע, מודה אני אָמן״. חברה האָט הנאה פון זיין קענעוודיקייט און טאנצן א האָפּקע ארום אים און ער צעגייט זיך פאר תענוג: „וואוילע יונגען, אליין דאָך אויסגעהאָדעוועט, זומער ביים שווימען, ווינטער ביים אייוון. קומט מאָרגן וועל איך געבן שבת אויבס,״ — האָט ער הויך אַ זאָג געטאָן אין יידיש און זיך פּלוצים דערכאַפּט אז ער שטייט פאר זיין כאטע איינער אליין.

אין א מינוט שפּעטער איז ער שוין געווען אין שטעלעכל, וואו עס ליגן די בעזימער, אויסגעקליבן דעם שענסטן און גרעסטן פון אלע און זיך גענומען גאַנוועגען דורך די גערטנער און הינטער געסלעך אין בית המדרש געסל אַריין. דאָס שטעטל, אַן אויסגעשטאָרבנס, אַ ליידיקס, האָט אין פרייטיקדיקן בין השמשות אויפגעכאַפּט זיינע טריט און זיי אָפּגעשלאָגן אין דער ליידיקייט. האָט עס אים גענומען שרעקן און נישט ווייסנדיק ווי אַזוי ס׳איז געשען, האָט ער זיך באַלד געכאַפּט אַז ער קריכט גאָר אויף דער ערד ביי די זייטן פון אָפּן־צעפּראַלטע הייזער. מיטן בעזים אויפן קאָפּ ראַטשקעט ער זיך אויף אלע פיר, האָט מורא דעם קאָפּ אויפצוהויבן נישט צו זען זיינע הייזער אַזוי פאַרלאָזן און עלנט. ס׳שניידט ביים האַרץ, געווען אַ לעבעדיקע זאַך, אַ שטעטל מיט הייזער מיט מענטשן־זיינע מענטשן, און מיטאַמאָל גאָרנישט מער. ווי מצבות אויף א שטעטל שטייען די הייזער. ער וואָלט אריינגעגאנגען אין זיי. האָט ער זיך אָבער מורא אַ ריר צו טאָן אָן אַ זייט. ראַטשקעט ער זיך אַלץ פאָרויס. די אויגן פייכטן זיך אים. אפילו ווען מאַריע, א ליכטיקן גן עדן זאָל זי האָבן, איז געשטאָרבן, האָט ער נישט געוויינט. ער האָט בלויז זאָשקען צוגעדריקט צום האַרץ און אין איר אריינגערעדט מיט א הוילער שטימע: „מיר זיינעןביידע יתומימלעך, זאָשקע.״ די קליינע האָט געכליפּעט און ער האָט מער ווי אַ וואַרעמע סלינע נישט געקענט ארויפברענגען. איצט וויינט ער. ראַטשקעט זיך און וויינט. אָנשלאָגנדיק זיך אָן אַ ווינקל פון אַ הויז, האָט ער זיך דערמאָנט וואו ער איז און זיך געוואָלט לאָזן אויף צוריק, איז אים באַלד קלאָר געוואָרן זיין באשלוס: „ער דארף היטן דאָס שטעטל. דאָרט הינטער דעם פּלויט ליגט דאָס אַלטע, דאָס טויטע שטעטל און דאָ וועט ער זיין מיטן געבליבענעם . . .״

אויפן שוועל פון בית המדרש האָט ער געטראָפן זיצן א פארגליווערטע די משוגענע פייגע לאה. אן אנדערש מאָל וואָלט ער זי דורכגעטריבן פון דאַנען. איצט אָבער האָט ער זיך דערפרייט מיט איר: אַ זכר פונעם שטעטל.

אין בית המדרש איז אַלץ ווי געווען, בלויז די ספרים זיינען נישטאָ און די שאַפּעס שטייען ליידיק. דאַכט זיך, אז זיי קוקן צו אים ווי פאַרשעמטע און באליידיקטע קינדער. דרייט ער אוועק דעם קאָפּ פון זיי און נעמט זיך אויסקערן. ער טוט זיין ארבעט בשלמות נאָר דאָס הארץ איז אים הויל, עפּעס נאָגט אזוי שטארק. ער טוט א קוק אויף די הענגלייכטער, ליידיקע און שמוציקע, קען ער עס נישט פאַרטראָגן, כאַפּט ער און שייערט זיי אָפּ, ווישט ארום דאָס האַנטפאַס. אלץ איז שוין גרייט דעם שבת אויפצונעמען. זיצט ער לעבן אויוון און וואַרט.

די משוגענע פייגע לאה זיצט אין פאָדער הויז און ציט זיך איר יאָמערלעכן ניגון וואס ער קען שוין אויף אויסנווייניק:

„אלע שענסטע, אלע פיינסטע
זענען שוין געגאנגען,
א, א, א, מאמע,
לאָמיר גיין אקעגן משיחן
לאָמיר נישט פאַרזאַמען . . .״

פון דעם גאַנצן לידל, ווייסט ער נישט גענוי וואָס „משיחן״ מיינט. דעם ניגון קאָן ער אָבער גוט, העלפט ער איר נאָכברומען. האָט עם פייגע לאה דערהערט און ארייַנגעלאָפן אין בית המדרש אריין מיט א געבייזער. דערזעענדיק אָבער ווי מיקאָליי זיצט א שיינענדיקער און קוקט אויפן אויסגערייניקטן בית המדרש, האָט עפּעס אין איר צעפלאַמטן מוח א פלאַקער געטאָן און זי האט אויף אַ רגע, ווייזט אויס, באנומען וואס עם קומט פאָר. האָט זי אים צוגעוואָרפן א קוק, אזא יענוועלטיקן וואס קען א מענטשן פון זינען טרייבן, א קוק וואס האָט זיך ערשט אָפּגעריסן פון אַ פאַרהוילענער וועלט און האָט אָפּגעדעקט אלע שלייערס פון מענטשלעכער מאסקירטקייט. מיקאָליי האָט אַזש אַ ציטער געטאָן. די קני האָבן זיך אים גענומען בייגן און די הענט האָבן זיך אליין געהויבן צום שטילן מורמלען פונם מויל „אין נאָמען פון פאָטער און זון און הייליקן גייסט . . .״

פייגע לאה האָט אָבער דאָס שוין נישט באמערקט און זיך א וואָרף געטאָן צום ארון קודש. דערזעענדיק אים אַ פוסטן, האָט זי זיך מיט א רעווע א וואָרף געטאָן אויף די טרעפּלעך, איינגעגראָבן דעם צעפּלאָשעטן קאָפּ

צװישן די קני און געבליבן אַזוי אַ פֿאַרקאָרטשעטע און יאָמערלעך געמרוקעט אומפֿאַרשטענדלעכע פּראַזן.

פֿון אירן אַ מרוק, האָט זיך מיקאָלײ אױפֿגעכאַפּט און דערזען װי דאָס בית המדרש נעמט זיך װיקלען אין חושך. האָט ער זיך מיט שטילער באַגײסטערונג צוגעשאַרט צום עמוד און אָנגעצונדן די פּאָר שטיקלעך ליכט אין דער מנורה, באַלד אױך אַרױפֿגעקראָכן אױף א באַנק און אָנגעצונדן די ליכטלעך אין הענגלײַכטער. דערבײַ האָט ער געפּראָװוט נאָכמאַכן די פֿרומע תנועות װאָס דער שמש פֿלעגט מאַכן. די ליכט האָבן זיך צעפֿלאַקערט און פֿאַרטריבן שטיקער חושך אין די װינקלען אַרײַן, אָנװאַרפֿנדיק אַן אימה און זיסע פּײַן.

פּלוצים האָט א פּאַטרול אױפֿגעריסן די טיר און מיט רציחה זיך אַ װאָרף געטאָן אױף מיקאָלײען װאָס איז געשטאַנען פֿאַרגאַפֿט און מיט א באַגײַסטערטן שמײכל.

— מײנסט צו געבן צײכנס צום שונא, דו פֿאַרשאָלטענער ייִד!

מיקאָלײ האָט נאָך קײן צײַט נישט געהאַט צו ענטפֿערן, װען אַ טעמפּער קלאַפּ פֿון א ביקס האָט אים שטום געמאַכט אױף אײביק.

די משוגענע האָט זיך א ריס געטאָן צו אים, איז זי אָבער צוריקגעהאַלטן געװאָרן פֿון פּאַטרול מיט א פֿאַרגאַפֿטן און תאװהדיקן אױסגעשרײ: אַ װײַב, נעמט זי?

שטאַרקע אָרעמס האָבן זי א כאַפּ געטאָן, פֿאַרשטאָפּט דאָס מױל און אַרױסגעטראָגן אין פֿאָדערהױז. אַ פֿאַרשטיקט מרוקען האָט זיך געריסן פֿון איר. די משוגענע היץ װאָס האָט געזעצט פֿון איר צעקנױדערט לײַב, האָט זײ נאָך מער צערײצט און דער קאַמף איז געװאָרן אַלץ האַסטיקער און פֿאַרקלעמטער. אױף א סעקונדע איז איר געראָטן אַרױסצוקװעטשן די שמאַטע פֿונעם מױל און האָט זיך צערעװעט מיט דעם גאַנצן כּוח פֿון משוגעת: מאַמע!

דאָס געשריי האָט אַ שניט געטאָן דעם חושך ווי אַ בליץ. די מענטשן אין די שינעלן האָט זיך געדאַכט, אז א צישנדיקער פלאם האָט זיי א שניט געטאָן אין לייב. זענען זיי געבליבן אָפּהענטיק און צעטומלט. אַ מינוט שפּעטער זיינען זיי שוין מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ געטראָטן אין חושכדיקן געסל, די הייזער אין געסל האָבן געקוקט מיט בלינדע פענצטער, בלויז פון בית המדרש האָבן אַרויסגעצאַנקט איינציקע פייערלעך.

באַפרייענדיק זיך פון די אָנפאַלער, האָט פייגע לאה זיך אַ לאָז געטאָן אין בית המדרש אַריין. דערלאַנגט א שלוק וואסער דעם גוססדיקן מיקאָלייען און אים באגאָסן מיט טרערן.

דאָס משוגעת האָט ווי אָפּגעטראָטן פון איר. דער מוח האָט פלוצים אַלץ באַגריפן, און די אויגן — פינקלדיקע ווי ביי אַ ווילדער קאַץ, האָבן געשניטן צום אויפגעפראַלטן פוסטן ארון קודש אַרויסרופנדיק און לעסטערנדיק: שבת, שבת!

# מגפה

## א

מיטן אָנקומען פון די דייטשן, האט זיך דאָס האַלב אויסגעליידיקטע שטעטל אויפגעכאַפּט ווי פון א הינערפלעט און גענומען קוקן דורך האַלב פאַרקלאַפּטע לאָדנס און פאַרריגלטע טירן; צעשויבערטע און דערשראָקענע האָבן זיך איינציקע איינגעשטעלט, ארויסגעגנבעט זיך אין די זייטיקע ליקלעך און שטיל געשעפּטשעט: „שוין?! איבערגעקומען?״ און זיך צוריקגעשלייכט אין באַהעלטעניש אריין.

פנחס איידלבערג אבער האט זיך ניט געאיילט. דערהערט דאָס וואָרט „שוין״, האט ער אַ קעם געטאָן די גרויע באָרד, אַ שיקל געגעבן מיט די אויגן רעכטס און לינקס, און מיט געמאָסטענע טריט צוגעגאַנגען צום פעסל וואַסער; בהרחבה זיך אָפּגעגאָסן די הענט, פונקט ווי פאַרן עסן, און ברייטלעך זיי לאַנג געווישט מיט אַן עק פון פאָלע, אויסגעגלייכט זיך און הויך געמאַכט די ברכה: „שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה.״

פנחס האָט גלייך פון אָנהייב מלחמה געהאַלטן, אַז דער דייטש מוז מצליח זיין. געזען אין דייטשישן ניצחון אַן אתחלתא דגאולה, און ווען ער האט דערזען ווי דאָס שטעטל רינט אויס, בשעת דער פראָנט האט זיך דערנעענטערט, האט ער געהאַלטן אין איין ברומען: ״זיי פאַרשטייען דען, די בידליעס? זיי וויסן דען?!״

ווען דאָס שטעטל איז באַשאָסן געוואָרן און אַלע האָבן זיך באַהאַלטן אין די קעלערס און געהאַלטן די נשמות אין די הענט, האט ער צוזאַמען מיט דער משפּחה אָפּגעזאָגט ווידוי און נאכדעם גאַנץ געמיטלעך זיך אויסגעצויגן אויפן דיל פונעם געמויערטן קעלער און צוגעגעבן אין דער שטיל: „אַ דאַנק דעם השי״ת, וואָס מיר האַלטן שוין אַזוי ווייט. מיט יעדן שאָס זיינען זיי אַלץ נעענטער, אונדזערע דייטשעלעך.״

איצט האט ער געפילט, אַז זיינע תפילות זיינען דערהערט געוואָרן און אַ

שטארקער ביטחון, אז דער אייבערשטער וועט אים איצט אויך נישט פארלאָזן, האט אים געגעבן כוח בייצוקומען די שרעק פארן טויט. ער האט זיך דערמאָנט ווי דעם לעצטן ווינטער, ווען דער רוס האָט מיטאַמאָל געהאַט אַ גרויסן זיג און אַלע האָבן שוין געמיינט אז ס׳איז אן עק פונעם דייטש, איז ער איינער אין שטיבל געבליבן ביים זייניקן: „פאַניע מוז האבן א מפּלה!״ דאן האָט ער עס מחבר געווען די תפילה, וואס ער פלעגט זאָגן יעדן טאג נאך דער מקווה, אין דרויסן אויפן שניי: „רבונו של עולם, דיינע דייטשעלעך, נעבעך, האָבן שווערע האַרמאַטן און קענען אויף אונדזערע וועגן נישט פאָרן, שיק זיי א גוטן וועטער און דערבאַרעם זיך אויף אונדז און דערהאלט די נשמה ביז וויאָסנע (פרילינג), כדי מיר זאָלן זוכה זיין צו זען זיי מיט די אייגענע אויגן . . . דערביי פלעגט ער מכוון זיין דעם פסוק: „כי תצא למלחמה על אויביך — מלחמת מצווה.״

אז מ׳פלעגט אַמאָל פאַרלייענען פאר אים פון „קיעווליאנין״ די רציחות פון די דייטשן, פלעגט ער נישט אויפשפּרינגען ווי אַנדערע און זוכן צו פאַרענטפערן, נאָר אַ קעם טאָן די באָרד און אָנווינקען: „ביי מלחמת מצווה, מעג מען אפילו חרוב מאכן עצי פרי״. — האט דאָס געמיינט, אז די תורה איז מיט אים און זיינע דייטשן. איז צו וואָס זשע זיך אַמפּערן מיט די פאָר שניעקעס דאָרט, וואָס ליאַרעמען וועגן דייטשישער אַכזריות? איין פּחד האט ער נאָר געהאַט, טאָמער וועט מען דאָ אויך טאָן ווי אין אנדערע ישובים. ווען דער פראנט האט זיך דערנעענטערט האט מען אלעמען ארויסגעטריבן.

ליגנדיק אין קעלער און איינהערנדיק זיך אין די קנאַלן, האט ער ווי פארגעסן אין דער סכנה און א ברום געטאָן צו די זייניקע: — „נישט קיין צייט געהאַט. מיר האָבן אַ גרויסן גאט.״ די אַרומיקע, איינגעקאָרטשעט אין דרייען פאַר פּחד, האבן דעם ערשטן טייל פון זאָץ נישט פאַרשטאַנען און אויפן צווייטן בלויז געענטפערט מיט א קרעכץ. האט עס אים פארדראָסן. — „בידליעס, פארשטייען נישט.״

ווען דאָס שיסן האט אויפגעהערט און זיין יצחקל האט זיך ארויסגערוקט אויבן אויסצוגעפינען וואס ס׳הערט זיך, האָט ער אין זיך געחוזקט פון דעם קטן־אמונה, וואָס וויל ערשט וויסן וואס ס׳הערט זיך . . . יצחקל איז ניט אזוי שנעל צוריקגעקומען, איז אלעמען אַ שרעק באַפאַלן. פנחס אָבער האָט מיט

זיכערקייט און שטאַרקייט א זאָג געטאַן: „נו, וואס שטייט מען? קומט אַרויף!״ ער איז דער ערשטער אַרויפגעקראָכן אויבן און נישט צוגעגאַנגען צום פענצטער ווי אנדערע. ער האט געוואוסט, אז ס׳איז „שוין״; און ווען יצחקל איז אריין מיט דער בשורה: „זיי זייַנען שוין דאָ״, האָט פּנחס נישט ווי אַלע אַ שפּרונג געטאָן מיט דעם האַלב דערפרייענדיקן אויסגעשריי: „אוי, טאַקע?״ נאָר האט זיך ווי אַן אָפּגעשיידטער פון אַלעמען געגרייט צו אַן עבודה. אָפּגעזאָגט די ברכה, האָט ער אויף זיך אויסגעגלייכט די קאַפּאָטע, אַריינגעלייגט אין קעשענע דעם בינט שליסלען, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט. דאָס ווייב האָט אים אָנגעקוקט מיט שרעק:

„וואָס, פּנחס, גייסט חלילה ערגעץ?״
„וואָס דען מיינסטו, ס׳איז דיר פּאָניע? איצט מעג מען אַרויסגיין.״

עמעץ האָט אַ זעץ געטאָן אין טיר און אַריינגעשריגן: — יודען, הערויס!

פאַר דער טיר איז געשטאַנען אַ בלאָנדער דייטש מיט אַ פּיפּקע אין מויל און אַן אָנגעשטעלטע ביקס.

פּנחס איז אויף א ווײַלע אראָפּ פון די מדרגות, זיך דערפילט ווי פארלוירן.

— נישקשה פון א ברוך־הבא, — האט זיך אים פון דער צונג ווי אראָפּגעריסן. באַלד אָבער האט ער זיך דערכאַפּט: — מלחמת מצווה שאני.

און ווי דער שווייס איז נישט גערונען ביי דער אַרבעט פון פאַרשיטן די אָקאָפּעס, וואס די רוסן האָבן געלאָזט, האט ער אים מיט פרייד געווישט. — „אבי זיי זייַנען שוין דאָ, אבי פּאָניע האט געכאַפּט אַ מפּלה״. אַ פרייד האט אויפגעקוואָלן אין אים יעדעס מאָל, ווען ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזען ווי די מחנות רוקן זיך פאָרויס און איבער זיי א גליאיקער זומערטאג.

אַהיימגעקומען אַ מידער, האט פּנחס קוים אָפּגעגעסן דאָס קאַלטע ביסל קאַרטאָפל, וואס מ׳האט געלאזט פאר אים און אוועקגעפאַלן אויפן הוילן

בעט, אָבער געשלאָפן איז ער נישט. די שטילקייט האט געזאָטן אין הויז און פון אלע ווינקעלעך האבן זיך געריסן צו אים תרעומותן. עפּעס האט זיך עס נישט געקלעפּט: "ביז אהער איז דאָך אלץ געגאנגען כשורה, אלץ געווען ווי ס'באדארף צו זיין, נאָר פּונקט ווען זיי זיינען שוין דאָ — איז גאָר עפּעס נישט דאָס. עפּעס ווי פון איין יאָך אין אַנדערן אַריין." — האָט ער מהרהר געווען און נישט געקענט תופס זיין וואָס דאָס מיינט.

נאָך אַ לאַנגן און שווערן פּלאָנטערן איז אים פּאָרט קלאָר געוואָרן: א מאמר האט זיך אים געשטעלט פאר די אויגן און אָנגעטייט: „אָמר ר' יוסי, ייתי ולא אחמיניה . . ." (זאל ער קומען, אבער איך וויל אים נישט זען), נו טאַקע — 'חבלי משיח איז דאָך נישט קיין קלייניקייט. ווי איז עס אים ביז איצט נישט איינגעפאלן?" — האט ער אין האַלבן דרימל זיך נישט געקענט פארגעבן, — „טאקע, ווי דען אנדערש?"

צו מאָרגנס, האָט ער זיך ווי אַלעמאָל אויפגעהויבן מיטן טאג גלייך. אויפגעשטעלט דעם טשייניק אויף דער ספּירט־מאַשינקע, און ביז די טיי וועט אויפקאָכן, דערווייל אַרומגעשפּאַצירט איבערן שטוב זאָגנדיק תהילים. דאס פרימאָרגנדיקע תהילים זאָגן איז אלעמאָל געווען א באזונדער תענוג פאר אים; א מין תענוג, פאר וועלכן ער האט זיך אליין מקנא געווען. די פענצטער, אָפענע צו מזרח־זייט, האָבן אויפגעכאַפּט די ערשטע שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון. דאָס שטעטל, אַ שטילס, אַ בלאס, איז געשטאַנען פאַרדרימלט אונטערן פרישן טוי, ווי טוליענדיק עפּעס אַ סוד אַ וואַרעמען און היימישן, מיט וועלכן ס'איז גוט אָפּצולעבן די יאָרן. אין די רואיקע צייטן פלעגט ער זיך אוועקשטעלן ביים אפענעם פענצטער און אזוי מיט א רואיק גלעטנדיקן ניגון ארויסשיקן פסוקים פון תהילים ווי גוטע שליחים צום סוד פונעם געסל; און דער ניגון האט געגלעט, ארומגענומען דעם סוד, ביז ער איז געווארן איינס מיט דער שטילער רו, איז געוואָרן א טייל פון גאנצן ארום; אויפן הארצן איז אלץ נחתדיקער געוואָרן, הנאהדיקער מיט יעדן פישטש פון אַ פייגעלע איבערן דאַך און מיט יעדן שטראַל פון דער זון, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אינעם נעפּלדיקן טוי, וואָס האָט זיך געלייגט איבער דעכער און בייטן פונעם נאָענטן גאָרטן. פון איבערפולטער פרייד פלעגט פנחס ארײנרוקן די הענט אין גארטל און צושפאצירנדיק ביז דער טיר זי אויפעפענען מיט א ברייטלעכער מינע ווי איינער רעדט: „זאָל יענע גאס אויך הנאה האבן". דאָס ווייב און די קינדער האָבן אין האַלב־דרימל, זיך געצויגן פוילבלעך און

לאַשטשענדיק די אײגענע גלידער אונטער די וואַרעמע צודעקן, נישט געשטערט געוואָרן אין שלאָף, נאָר פאַרקערט — געוועבט אַזעלכע זיסע חלומות פון אַ גוטער וועלט, א שײנער, וועלכע וואַרט אויף א גוטן טאג.

זאָגן פלעגט ער אויסנווייניק, אבער אויפן טיש איז געלעגן אָפן דאָס תהילימל, אין וועלכן ער פלעגט פון צייט צו צייט כאַפּן א קוק און ערשט דאן דערפילן אז ער שפּאַצירט שוין אַ לאנגע צייט מיט פאַרמאַכטע אויגן, און זיך נישט געקענט אָפּוואונדערן ווי קלאָר ער זעט דעם גאַנצן פרימאָרגן: אלע חושים זײַנען אָפן און ער פילט די קילקייט פון דער שמעקנדיקער לופט, זעט דעם אָפענעם גארטן, וואס ציט זיך אוועק העט ביזן וואלד, און הערט דעם ווייטן קנאל פונעם פאסטעכס בײַטש; און איבער אלץ וויגט זיך זײַן אײגענער ניגון: „אויביו אלביש בושת וקרני רשעים אגדע, תרוממנה קרנות צדיק”.

„וואס קען שוין זײַן דער תענוג פון צדיקים יושבים ונהנין מזיו השכינה?” — פלעגט ער שפּעטער מהרהר זײַן, גײענדיק אין בית־המדרש אַרײַן דאַווענען. און לאַנג, לאַנג האָט נאָך אלץ געטאַנצט אין אים, אַלץ געזונגען מיט שמחה, אז ער האָט אזש אָנגעהויבן מורא האָבן, אז מ׳טאר גאָר אפשר נישט אַזוי הנאה האָבן...

אויך הײַנטיקס מאָל, האט ער אָנגעהויבן מיטן זעלביקן ניגון און זיך געשטעלט מיטן פּנים צו מזרח, אבער עפּעס איז עס נישט ווי אַלעמאָל. ער הערט דאכט זיך יא דאָס פּישטשען פון די פייגל, דער זעלבער טוי אויף די פאַרשלאָפענע דעכער. נאָר פאָרט נישט דאָס. אַן עצבות, אַ מרה־שחורה דעקט זיך אָפּ מיט יעדן שטראַל פון דער אויפגײענדיקער זון; אַ געדיכטע פּאַרע הויערט אויף אַלץ, און ווען ער עפנט דאָס פענצטער, זעצט ארײַן אזא עיפּושדיקער ריח פון נבלה, אז ס׳פארשלאָגט דעם אָטעם. האָט ער עס צוריק פארמאכט און דערשראקן זיך אָפּגעקערט פון דאָרט; זון־שטראַלן האבן זיך דורך די שויבן רויט צעגליט, געגומען זיך קוילערן איבערן צימער שנעל ווי זיי וואָלטן וועלן אויף גיך עפּעס ארײַנכאַפּן, און חוצפּהדיק געשפּרונגען פון אָרט צו אָרט. די שטילקייט אין דרויסן און די הוילקייט אין הויז האבן אָנגעוואָרפן אַזא פּחד, אַז ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און שטאַרקער צוגערוקט דעם ריגל... גלײַך זיך אומגעקערט צום טיש ארײַנצוקוקן אין תהילימל, אבער בשום אופן נישט געקענט געפינען דעם פלאַץ, וואו ער האלט און געמוזט אָנהייבן פון אָנהייב, נישט פילנדיק סיי ווי וואָס ער זאָגט.

זיין ווייב האט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און מיט באַדויערן אים צוגעוואָרפן: „וואָלסט זיך בעסער אויסגערוט. וועסט דאָך דאַרפן באַלד גיין צו דער אַרבעט”. געענטפערט האָט ער נישט, נאָר עפּעס האָט איר קול אין אים אויפגעוועקט, קלאָר געמאַכט. די מידקייט פון די גלידער האָט זיך גענומען ארויסרוקן און אים אויפגעריסן דאָס מויל מיט אַ פוילן גענעץ, אַזש דאָס מויל האָט אנגעהויבן ווי טאָן; אין די שלייפן האַקט עפּעס אזוי מאָדנע, אַ מאָדנער טעם ווי נאך א תענית ביטערט אין מויל, און אויפן הארץ איז אַזוי נישט היימלעך. ס'איז שווער דעם קאָפּ אויפצוהייבן און שווערער נאָך צו בלייבן אַזוי אָנגעשפּאַרט אויפן טיש. דער טשייניק זידט דאָרט און ס'איז נישטאָ קיין כוח צוצוגיין אראָפּצונעמען אים פון דער מאַשינקע. אין מאָגן נעמט אים עפּעס מיטאַמאָל דרייען און קאָכן, באַלד טוט אַ היץ אַ שלאָג אין קאָפּ אַריין, די פיס ווערן אים שוואַך, אָט פאַלט ער און אָט דרייען זיך אים די פיס צונויף ווי א בייגל. די הענט קלימפּערן זיך אויך עפּעס און דרייען זיך צונויף. — „וואָס איז דאָס?” — ער וויל שרײַען א געשריי טאָן און פילט, אז פון מויל גיסט זיך עפּעס אזא נודנע פליסיקייט, וואָס שלאָגט צו דער גרינער גאל. ער פילט, ווי דער שווייס רינט ריטשקעסווייז, אבער הערן הערט ער גאָרנישט; ווי פון א פאַרבאָרגענעם ווינקל טראָגן זיך עפּעס דעמפּע קולות, אבער ער קאָן זיי נישט כאפּן. רויטע פלאַמען איבער זיין קאָפּ צעשפּרייטן זיך און פאַרכאַפּן אַלץ אַרום. אָ, ווי ס'שטיקט אים.

פּלוצים האָט די היץ נאָכגעלאָזט. אַ שניידיקע קעלט בייסט זיך איין אין אַלע גלידער. ער הערט, דאַכט זיך, ווי די ציין קלינגען אין מויל, און מיט יעדן קלונג זעצט אין די אויערן ווי מיט האַמערס. די חושים זיינען צוריק פאַרשטאָפּט, ער גליווערט. גליד נאָך גליד גליווערט. ער פילט שוין גאָרנישט.

און אָט, ווי אַ הייטל וואָלט זיך גענומען אָפּשיילן פון די אויגן, אַ פענצטערל עפנט זיך אויף און ער קוקט דורך א פארדרויכערט שייבל; אָט איז עפּעס א קענטלעך פּנים, דאכט זיך, ס'איז שרה זיין ווייב, אָבער שווער צו זאָגן אויף זיכער. דער מוח אַרבעט נישט. איז ווי מיט עפּעס אַ קלעפּיקע זאַך אָנגעפילט און רירט זיך נישט פון אָרט. וויל ער א פיר טאָן איבער די אויגן, — אַרבעטן נישט די הענט, ווי געבונדן. ער פילט ווי עס באשלאָגן אים אַנגסטן, נאָר אין די אַנגסטן איז עפּעס אַזוי ווייטיקלעך גוט און וואַרעם.

ביסלעכווייז צערינט דער נעפּל פאַר די אויגן. אין מוח לייטערט זיך,

ווידער איז פול דאָס הויז מיט אויפגייענדיקער זון, און די פענצטער זיינען אָפן צום גאָרטן צו. דאָס געסל איז אויסגעליידיקט אפילו, אָבער באַדעקט מיט אַזאַ היימישער רואיקייט, וואָס נעמט אַרום. נעמט זיך ווידער וועבן דער תהילים־ניגון און גיסט זיך איבער פון אָדער צו אָדער, פילט אָן די גלידער, אַז ס'הייבט אים פון אָרט, און רייסט זיך פּאַמעלעך דורך די שוואַכע ליפּן, ווי אַ פאַרשטיקטער עכאָ: „אויביו אלביש בושת וקרני רשעים אגדע, תרוממנה קרנות צדיק”. דעם צדיק קוועטשט ער אַזוי לאַנג ביז ער דערהערט זיין אייגן קול: און ס'רייסט זיך פון ערגעץ, פון אַ זייט, אַ דערשראָקנס, אַ ציטערנדיקס, דאָס קול פון זיין ווייב:

— נו, ווי פילסטו, פנחס?

ער וואלט איר וועלן עפּעס זאָגן, פרעגן, דערציילן, נאָר די ליפּן פאָלגן נישט. קוים וואָס ס'גערעאָט אים ארויסצובאקומען די צונג און זי איבערדרייען; און ווידער האָט זיך דאָס פענצטער פארמאכט. א קלעפּיקייט אזא מיאוסע, א יערנדיקע פויזעט אין אים און פארקלעפּט אלע חושים, בלויז אין א ווייטן ווינקל פון מוח רוישט א וואַרעם שטראָמעלע, און איבער דעם טוקט זיך א קליין צאַנקענדיק ליכטל און שמעלצט און עפנט איין פאַרשטאָפּטקייט, נאך דער אנדערער.

צוריקגעקומען צום באוואוסטזיין איז ער ערשט אין א טאָג אַרום. אין שטוב איז געשטאנען א מוראדיקע שטילקייט. די אברים האט ער נישט געפילט און נישט געדענקט אין זיי, בלויז די אויגן האבן אים געשניטן פון דעם שארפן ליכט, אבער נישט געקענט זיי אָפרייסן פון עפּעס א פרעמדן פּנים, וואָס האט, דאכט זיך, עפּעס גערעדט שמייכלענדיק. די רייד פאַרשטייט ער נישט, נאָר דער שמייכל נעמט אים עפּעס דורך און נייט אים צו ענטפערן מיטן זעלבן. לאַנג קען עס אָבער נישט אָנהאַלטן — די אויגן קלעפּן זיך ווידער. ער פילט, אז ער שלאָפט און אין שלאָף בינדט זיך עפּעס אָפּ אין אים. ס'ווערט גערוימער דאָס בעט און ס'איז אפילו מעגלעך זיך א דריי צו טאָן, פּשוט ווי ניי געבוירן; דער ווייטיק אין די הענט איז אזא ליבער, א מחיהדיקער, ער פילט שוין ווי בלוט רינט צוריק אין די אָדערן. דאָס מויל עפנט זיך פון זיך אַליין מיט אַ קרעכץ:

— אוי, דער טשייניק וועט דארט אויסלויפן . . . —

— דאַנקען גאָט, — הערט ער שוין קלאָר דאָס באַקאַנטע קול פון זיין שרה׳ן, — אַ דאַנק דיר, רבונו של עולם.—

— פון טויט לעבעדיק, — הערט ער אַן אַנדער קול, אויך אַ קענטלעכס. דאַכט זיך, אַביש קצבס קול. — וואָס זשע טוט ער דא, אַביש קצב? — וויל ער זיך דערמאָנען און קען נישט, בלויז דאָס זידן פון דעם טשייניק הערט ער.

— ר׳ פנחס, מ׳האָ׳מער ענק, פ׳יעֶר גאָט דערנאָך מיר, — גערעַטעוועט.

ערשט איצט איז אים קלאר געווארן, אז ער איז מן הסתם קראנק. עפנט ער די אויגן און קוקט זיך ארום פארשנדיק.—

— זיך פונקט אויפגעהויבן פאַרפרי, — הערט ער מיט שטוינען ווי אַביש דערציילט צו די ארומשטייענדיקע, — געוואָלט אָפּדאַווענען פאַרן אַוועקגיין צו דער אַרבעט ביי די נייע באלעבאטים. הער איך א געוואלד, כ׳קום צו צו דער טיר, איז זי פארשלאָסן. אינעווייניק שרייט מען און די טיר איז פארהאקט, דאָס פענצטער איז אָבער געווען אָפן, טראכט איך נישט קיין סך און טו אַ שפּרינג אריין דורכן פענצטער. ליגט ער א צונויפּ־געקאָרטשעטער ווי אַ בייגל און ס׳גיסט זיך פון אלע זייטן. דעם גאנצן קאָכעדיקן טשייניק, האב איך אויף אים ארויפגעפּליוכעט און ער ליגט ווי א טויטער, דער שפּירט אָבער האט אים גענומען. צו „דער זאך" איז גוט נאָר רייבן מיט שפּירט. די דלאָניעס טוען מיר אזש וויי.

— וואו א צרה, בין איך די ערשטע, — באקלאגט זיך שרה.

— הלוואי וואָלט עס אַזוי געהאַלטן מיט אַלעמען, — האָט איר אַביש צוגעוואָרפן אַ ביסל בייזלעך און גענומען שטאַרקער רייבן די דלאָניעס, —ווי די פליגן פאַלט מען דאָך!

## ב

ווען פנחס איז אין צוויי וואָכן אַרום אַרויס אין גאס אַריין. האָט ער דאָס שטעטל נישט דערקענט: די הייזער פארמאכט, קיין איין לאָדן נישט קיין אָפענער, ווי אלע וואָלטן זיך באהאלטן פאר עפעס. פרעגן האט ער נישט

געדארפט, ס׳איז געגוג געווען א קוק צו טאָן אויף די געלע שטיקער פּאַפּיר, מיטן רויטן צלם אין דערמיט, אויף די הייזער, צו וויסן, אז הינטער די לאָדנס דאָרט בושעוועט די מגפה. קיין „רעדלעך״ ווי אַמאָל זעט מען נישט, דא און דארט איילט זיך ווער, לויפט ווי עמיץ וואלט אים נאכגעיאָגט; אפילו די איינציקע דייטשן, וואָס דרייען זיך ארום, קוקן דערשראָקענע אויף די הייזער און גייען נישט אויף די טראטוארן לעבן די הייזער, נאָר אינמיטן ווענ. די איינציקע וואס פליען ארום פראנק און פריי איבערן שטעטל מיט א פרעכער זשומעריי, און זיינען פון אומעטום, זיינען די פליגן; הויפנווייז זיינען זיי דאָ און באדעקן מיט שווארצער אימה אלע טראָטואַרן, לאָדנס און הייזער. אינמיטן מאַרק לעבן פּלומפּ איז געהאָנגען אַ גרויסער פּלאַקאַט, אויף וועלכן ס׳איז געווען אויסגעמאָלט א גרויסע פליג. א מאסע פיס קריכן איר ארויס פון אלע זייטן; פונעם אָפענעם פיסק שפּיזן זיך ארויס נאָדלדיקע פעדעם, וואס טריפן מיט קלעפּיקער פליסקייט; און די אייגעלעך אַזעלכע קליינינקע, שאַרפע און פינצטערע, גלאָצן מיט אַזויפיל אַכזריות, אַז פּנחסן האָט עס דערמאָנט אינעם מלאך־המות מיט די טויזנט אויגן. איבער דער צייכענונג האָט אַראָפּגעשריגן אַן אויפשריפט מיט רויטער, פעטער טינט, ווי שרייענדיק געוואַלד: „היט זיך פאַר די פליגן! זיי ברענגען די פעסט!״

מיט וואקלדיקע טריט האט ער זיך געלאזט גיין צו דער שולגאס און אויך דארט געטראפן די זעלבע שטילקייט און ליידיקייט. בלויז די שול אליין איז געשטאנען א פולע, אָנגעפּאַקט מיט פּראָוויאנט און מיליטער. פון דארט האט זיך געטראגן א שארפער ריח פון קאַרבאָל און אנדערע ענלעכע ריחות. פון ווייטנס נאָך האט אים אַ וואַך־סאָלדאַט צוגעשריגן עפּעס אויף אַ גאָרגלדיקער שפּראַך, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען, נאָר געפילט, אז מ׳טאר אהין נישט גיין און זיך גלייך פארנומען צוריק אהיים.

ער האט זיך דערפילט שפל און שולדיק קעגן אלץ און אלעמען און זיך גענומען גנבענען הינטערווייל עכטס אהיים, ווי מורא האָבנדיק, אז עמיץ זאָל נישט מיטאמאָל נעמען טייטלען מיטן פינגער אויף אים: — „אָט גייט ער, דער עוכר ישראל, וואָס האט געבעטן אויף דער פעסט . . .״

און מאָדנע ווי ס׳זאל נישט אויסקוקן, ער האָט זיך דערפילט שולדיק פארוואָס ער האט זיך אויסגעדרייט פון דער כאָליערע . . . אַן

איינגעקאָרטשעטער, אַ פֿאַרעלטערטער האָט ער זיך אַריינגערוקט אין שטוב און זיך אַ וואָרף געטאָן אויפֿן האַרטן געלעגער אין אַ חלשותדיקער ניט־גוטקייט; ווען דאָס חלשות איז אָפּגעגאַנגען, איז שוין געווען נאַכט. אלע זיינען שוין געשלאָפֿן. צומאכן די אויגן האט ער מורא געהאט, ווייל ווי נאָר ער האט זיי פֿאַרמאַכט, האט זיך די מוראדיקע שוואַרצע פֿליג צעפּינטלט אויף אים מיט שפּיזיקע נאָדלען און אים געשטאָכן מיט אזא חוזק און ביטול, אז א סקרוך איז אים אריבער איבערן גאנצן לייב; האט ער געעפֿנט די אויגן און געגלאצט אין דער פֿינצטערניש און מחשבות — איינע שווארצער פֿאר דער אנדערער זיינען געקראָכן פֿון אלע ווינקעלעך, אים אַרומגעוויקלט און געשושקעט מיט גאַל און גיפֿט: „חבלי־משיח, אַז אַלע וועלן אומקומען, צו ווּעמען זשע וועט ער קומען? צו די פֿליגן א כיבּיי...״

אַ שרעק האָט אים אַרומגענומען פֿון אָט דעם געדאַנק און אינסטינקטיוו האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים קאָפּ: „דער מוח הייבט זיך, מ׳קען דאָך טאַקע פֿון זינען אַראָפּ״. — ער וויל פֿאַרגעסן, אָבער דווקא איצט שטייט זי, די ברכה זיינע — אויף די דייטשנס אריינקומען — אזוי בהרחבהדיק, ברייטלעך, און קוקט אים גלייך אין די אויגן אריין. קוקט ער אויף זיך אַליין מיט גאַליקער בייזקייט, צאַפּלט אונטער דער בייטש פֿון אייגענער חרטה: — „מעג מען דען בעטן אויף שלעכטס? האט ער דען נישט געקענט פֿארשטיין, אז מלחמה, אפֿילו מלחמת גוג ומגוג — ווי ער האט געהאַלטן די דאזיקע מלחמה — איז שפיכת דמים... מוחל, הייסט עס, די גאולה דורך אזא מקור, מוחל.״

„גיי איך דאָך אינגאַנצן אַראָפּ פֿון דרך״, — טוט ער זיך אַ דערכאַפּ, — „די גאולה מוז דאָך אָבער פֿאָרט קומען,״ — דערפֿרייט אים דער געדאנק. ס׳דאכט זיך אים, אז איצט וועט ער זיך שוין דערשלאָגן צו א טאָלק. ראַטעווען דעם פֿריערדיקן ביטחון. — „זיכער, ס׳איז דאָך נישט מער ווי אַ ניסיון. בכמה נסיונות נתנסה אברהם אבינו ע״ה.״ — הייבט ער זיך אָן איינוויגן מיטן ניגון פֿון לערנען, — „אַ ניסיון, אַ וודאי אַ ניסיון,״ — האַמערט ער אין זיך, אבער עפּעס קלעפּט זיך נישט. די מחשבות לאָזן ניט אָפּ, פֿארקערט נאָך, ערשט איצט איז ער אַריין אין סאַמע מיט פֿון פּלאָנטער. — „אָט, דו, פּנחס, — הערט ער זיין אייגן טראַכטן, — האָסט אמונה און בטחון, אז אָט די מלחמה איז שוין די לעצטע פֿאר ביאת המשיח און די יסורים זיינען חבלי משיח. די דייטשן דארפֿן מנצח זיין, ווייל זיי שטאַמען, ווי דער יונתן

זאָגט, פון גוג ומגוג, ווען זיי איינשטעלן די מלכות הרשעה, וועלכע דער גואל וועט מכרית זיין. אָט אזוי האסטו דאָך אלעמאל מהרהר געווען און דערפאר מחבר געווען דיינע תפילות. וואס זשע האָסטו זיך עס פלוצים דערשראָקן? דעם היפוך דערפון דאַרפסטו דאָך טראַכטן. אלץ גייט דאָך כשורה. . . ״

אַ היץ האָט אים אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ. האָט ער זיך ראפּטום אויפֿגעזעצט און אויסגעשטרעקט די הענט מיט אַזאַ אימפּעט, ווי וועלנדיק נאָכיאָגן עפּעס וואָס גליטשט זיך שווינדלדיק אַוועק פון אים; אויפגעעפנט די הענט און דערפילט אַ שאַרפע ליידיקייט ארום זיך, און פאַרלוירן ווידער אַריינגעפאַלן אין זעלביקן פלאָנטער: „כשורה, זאָגסטו, מעשי ידי טובעים, וואו איז זשע די שורה, דער יושר? פאר וואָס לאָזט ער עס?״ —

די פריערדיקע היץ האט אים איצטער א פאק געטאן פון אלע זייטן און גלייך נעלם געווארן. ער פילט בחוש ווי ס׳ציטערן אים הענט און פיס, קלאפט א צאָן אָן א צאָן; אלץ שווימט אוועק פון אים און ער שטייט שוין ביים תהום פון יאוש. פאר אימה פארמאכט ער די אויגן און ס׳שפרינגט אים גלייך אנטקעגן די פליג, נאָר איצט איז זי שוין נישט קיין פליג, נאָר א מוראדיקער מחבל מיט שווארצע פליגל, וואס פלאטערן איבער אלע דעכער, און דאָס מויל אָפן — גיסט מיט דער גרינער גאַל און פלייצט איבער גאַסן און געסלעך. די גאַל הייבט זיך אלץ העכער און העכער און דרינגט אומעטום אריין, לאָזט נישט דורך קיין שפּאַלט, קיין לאָך וואו זי זאל נישט זיין פול און נישט פארפלייצן. פון שרעק, האט ער דערפילט ווי ס׳פּנים קרימט זיך אים אויס אינגאנצן, און די הענט געליימטע פון אימה, האבן זיך ווי טויטע געבאָמבלט איבער די זייטן פון בעטל, געוואָלט זיך אין עפּעס אָנהאַלטן אבער נישט געקענט פילן קיין ממשות אין גארנישט.

— „הוילער גאָרנישט״ — הערט ער זיך ווידער טראכטן, — „הוילער גאָרנישט.״

די אויגן האלט ער שוין מיט געוואלד אָפן, אבער דער מחבל פאַרשווינדט סיי ווי נישט. ער גלאָצט אויף אים דורך א לאָדן־שפּאַלט און כיכיקעט, דאכט זיך, — „מלחמת מצווה שאני . . .״ „וועמעס מצווה? וואָס איז אַ מצווה? איצט ווייסט ער שוין גאָרנישט, טאַקע לחלוטין גאָרנישט.

אַראָפּ פון דרך? — האַקט זיך ביי אים אַלץ איבער מיט אמאָל און ער בלייבט ליגן אַן אויסגעליידיקטער, אַ הוילער, אָן איין מחשבה. נישט קיין ביטחון, נישט קיין שרעק, — גאָרנישט, א שטיק ליים; און דורכן לאָדן גלאָצט א מחבל אזא מוראדיקער מיט טויזנט אויגן און חוזקט: ״מלחמת מצווה שאני, מלחמת מצווה שאני ...״ (אַ מלחמה וואָס איז אַ מצוה, איז גאָר אַנדערש...)

ג

קיינער קען נישט זאָגן אויף געניי, ווען ס׳איז איינגעפאַלן דער געדאַנק פון אָרגאַניזירן די חברה „רייבערס״, קיינער האט אויך קיינעם נישט פאָרגעלייגט אריינצוטרעטן אין דער חברה. פון זיך אליין איז די חברה געוואָרן. און גלייך איז ווי דורך אן אָפּגערעדטן צייכן אויך באשטימט געווארן דער פלאַץ פאר די „רייבערס״, — דאס טריסקער שטיבל, וואָס געפינט זיך נאָענט צום ברעג טייך, פון איין זייט שטאָט און די גרויסע „שאָפּע״ — אַן אַלטע חורבה, וואס הויקערט זיך מיט צעבראָכענע און צעהויקערטע סטאָלפּעס אין עק גאַרבאַרניע גאַס, — פון דער צווייטער זייט שטאָט; שפּעטער האָט די באָד־גאס זיך מתקנא געווען און געעפנט נאך א סטאַנציע אין זשאַמעלעס הויף אויפן באַרג. איז, ווי נאָר ס׳איז עמיצן נישט גוט געוואָרן, האָט מען פון הויז געגומען לויפן צו איינעם פון די „שטיבלעך״, — אזוי האָט מען זיי גערופן — און אריינגעשריגן בלויז איין ווארט: ראַטעוועט! האבן זיך פון א ווינקל ארויסגערוקט צוויי באַבערדלטע פארשווינען מיט נאקעטע הענט און אָרעמס; די אַרבל זיינען ביי זיי געווען אונטערגעבונדן אויף אַ הינטער מיט אַ שטריקל אָדער אַ גאַרטל און די ארבל פון העמד פשוט אָפּגעריסן, כדי זיי זאלן זיך נישט פלאנטערן ביים רייבן; אויף דער גיך געכאַפּט א פלאַש און אנגעשעפּט ספּירט פון די פּעסער, וואס זיינען געשטאַנען אין מיטן שטיבל, עפּעס אזעלכע ברייטע און וואַרטנדיקע, מ׳זאל שוין נעמען פון זיי דאָס געטראַנק, וואָס איז דאָס איינציקע צו קענען דערהאַלטן דאָס חיות. אָנגעגאָסן שנעל און מיט האַסט אַ ריס געטאָן די טיר און אַוועק נאָך דעם הילף־רופער; אַוועק מלחמה האַלטן מיט דעם מחבל, מיט דער כאָליערע, וואָס האָט צום טויט פאַרקאַטשעט און פאַרבראָכן גאַנצע הייזער, משפחות און גאַסן.

אנגעהויבן האט זיך עס נאָך אין יענעם פרימאָרגן, ווען אביש קצב האט

דורך א פענצטער געמוזט אריינשפרינגען צו פנחס איידלבערגן אין הויז אַריין. ווי נאָר ער האט אים דערזען ליגן אין קאָרטש און שרהן אַ שרייענדיקע לעבן אים, האט ער גלייך א וואָרטשע געטאן: — „שרה, ס׳איז די מיאוסע זאך. ספירט האסטו? הייסע וואסער, האסטו? רוף אריין נאָך אימעצן. מ׳דארף רייבן! יצחק, שטיי נישט, נעם דו די הענט, ס׳איז גרינגער. איך וועל א פלעם טאָן די פיס. נאָר ארבעט, דו הערסטו!" — האט ער געהאלטן אין איין מאָלן און דערביי האָט אין אים אויפגעלעבט אַן אַלטע געדעכעניש, ווען ער איז נאך א יינגל געווען — שוין אודאי א יאר פערציק אין דעם, האט אויך אויסגעבראָכן די מיאוסע זאך, האט מען אינמיטן מארק אויפגעשטעלט א שאַלאַש; און די גארבארניע גאס האט פון דעם שאלאש ארויס געקעמפט ווי די לייבן אנטקעגן דער מיאוסער זאך — ער שטייט און רייבט מיט האַסט און אימפעט, פילנדיק אַז אינעם רייבן און קנעטן פון זיין האַנט איז אָפּהענגיק דאָס לעבן פונעם ערשטן קרבן פון דער „זאך". ער טראכט אפילו נישט נאָר ארבעט מיט אלע כוחות, ווי גייענדיק אין אַן איבערלויף געוועט מיט דעם נישט געזעענעם שונא, וואָס האַלט זיין קרבן אין זיינע שלאַנגיק־קריכנדיקע און פארקלאמערנדיקע לאפעס; געלינגט אים אויסצוגלייכן א גליד צו זיין פריערדיקן צושטאנד, — קלאפט אים דאָס הארץ פאר פרייד: ארויסגעטריבן דעם שונא פון א פּאָזיציע...

— יצחק, צום האַרץ בלויז אַ פייכט טיכל. אַרבעט ביים דופק! — קאָמאנדעוועט ער ווי אַ גענעראַל וועלכער וויס גענוי וואו דער שונא וועט אָנגרייפן און האט גלייך א פלאן פון פארטיידיקונג.

באלד האט זיך באוויזן דער אלטער גרויער דאקטאר קאפרון מיט די לאַכנדיקע אויגעלעך און גלאנציקער פעלערינע. ווי אַ געניטער דאָקטאָר האט ער נאָך אין קאָרידאר, דערפילנדיק דעם ריח פון ברעכן, געוואוסט, אַז דאָס, פארוואָס ער האָט אזוי מורא געהאט, איז שוין דאָ. אין זיין באריכט צו דער לעצטער מאכט נאָך, האט ער געראטן אנצונעמען מיטלען, נאָר ווער האט אים דען געהערט? די בית־הכסאס זיינען געבליבן צעבראָכן, די טויטע פערד און בהמות — נישט באַגראָבן, און אפילו פון די מענטשלעכע קברים האבן קראָען ארויסגעשלעפּט שטיקער אברים און אָפּט זיי פאַרטראָגן צום אים אין גארטן אויף דער פאָרשטאט.

ער האט אפילו נישט געוואלט ארייגגיין, דער דאקטאר קאפרון. ער געדענקט נאך די יאושדיקע רייד פון זיין חבר דעם דאָקטאָר יאַנושעווסקי. ווען ס׳האָט מיט יאָרן צוריק אויסגעבראָכן די פעסט, האט ער אים געזאָגט: „וויס, קאפי, איצט מעגן מיר אַוועקלייגן די מעדיקאמענטן אונדזערע, נישט וויכטיק איצט קיין כלים. גארנישט, בלויז הענט מיט געזונטע מוסקולן און הערצער מיט פעסטע בינדבענדער קענען עפּעס אויפטאָן. ערשט אַז די הענט וועלן עפּעס אויפטאָן, וועלן מיר זיך צוריק באַווייזן.״ ער געדענקט טאַקע, דער דאָקטאָר קאַפּרון, אַז דעמאָלט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאנג, אַז מ׳דארף זיך היטן פאַר די דאקטוירים, נישט נאר קענען זיי נישט העלפן, נאָר פאר הילפלאזיקייט סמ׳ען זיי נאך אָפּ די קראנקע, וואס מ׳ברענגט צו זיי אין די באַראַקן, וואס שטייען נאך איצט חרובע און מ׳האט מורא צוצוטרעטן צו זיי, צוליבן אַבערגלויבן, אַז דאָרטן זיינען דורך די דאָקטוירים אָפּגעסמט געוואָרן קליינע קינדער. — „דארף מען איצט אויך אַזוי זאָגן? איצט נאך פערציק יאָר פראַקטיק און פאָרשן?״ — עס האט אים גענומען בלויז אַ סעקונדע דורכצוצוואַרפן אין מוח אַלע פאָרגעלייגטע תחבולות קעגן כאָליערע — פאָרט מער ווי א פּאָר גרויסע ידים מיט א פעסטן קלאפנדיקן הארץ נישט געקענט אויפזוכן.

„דאָקטאָר, ראַטעוועט״, האָט אים שרה נאָכגעשריגן אַ פארצווייפלטע. „פאַניע, וואָס אַנטלויפט איר? ווי איז מירו!״

— ליאַרעם נישט, שרה, זאל ער גיין! הייס וואַסער! רוף בעסער מאיר קראַש! — האט אַביש שנעל און שאַרף אבער מיט ציטער אין קול געקאָמאנדעוועט, און פלוצים זיך צעשריען: „מאיר קראש, בונימל חיריק!״ — שרה האט נישט פארשטאנען פארוואָס ער שרייט אזוי און צו וואס ער רופט פונקט די צוויי פערד־גנבים און בייטל־שניידער. זי האָט אבער געהערט אין אַבישעס געשריי דעם רוף פון איינעם, וואָס טרינקט זיך און פראוווט זיך ראטעווען מיט וואָס עס לאָזט זיך. האט זי זיך אויך צעשריגן און אין איין העמד ארויסגעלאפן אין דרויסן און אַריינגעשריגן אין דער גאַרבאַרניע גאַס אַריין, וואו די צוויי האָבן געוואוינט: „מאיר קראַש, בונימל חיריק, געוואַלד!״

די גאס איז געוואָרן אויף. מ׳האט גענומען לויפן פון אַלע זייטן, מענער,

פרויען אין נאכט־קליידער, סאלדאטן מיט אויסגעשטעלטע באַיאָנעטן:

— וואסי, וואס איז געשען?

— ווער חלשט?

— לייגט זיך אויף דער פּאָדלאָגע, מ׳עט באלד שיסן...

— ס׳ברענט נישט, מ׳כאפּט נאָר צו דער ארבעט.

— הערסט נישט? מ׳שרייט דאך געוואלד.

— געוואלד! געוואלד!

אויף דעם האט זיך אנגעיאגט דער דאקטאר אן איילנדיקער, א צעטומלטער, האט מען שוין דא עפּעס פארשטאנען, אבער געגוי נישט געוואוסט וואס.

— דאָקטאָר, דאָקטאָר, פּאַניע קאַפּרון, — האָט מען פון אַלע זייטן זיך געריסן צו אים, נישט קוקנדיק וואס די סאלדאַטן האָבן מיט די ביקסן געטריבן צוריק אין די הייזער.

— כאָליערע! — האָט ער בלויז אַרויסגעוואָרטשעט איין ווארט.

— ווינד איז מיר, — האָט אַ יידענע אַ שניט געטאָן מיט אַ געשריי. האָט דאָס אלעמען אַ ברי געטאָן ווי מיט קראָפּעווע און פארהאַקט דעם אָטעם.

צו פּנחסן אין הויז אַריין איז באַלד אָנגעקומען דער מיליטערישער דאָקטאר. אַ מינוט שפּעטער האָט זיך אַביש אָפּגעשטעלט און פארווירט געקוקט אויף בונימלען מיטן רויטן פּנים און אויפגעדרייטער נאָז ווי א האָרנדל, וואָס האָט איצט אויסגעזען ווי אַן איינגעשפּאַרטער פויגל, וואס לאזט נישט אָפּ זיין רויב, מעג עס זיך ווי צאפּלען אין זיינע נעגל; וואס מער פּנחס האט זיך געדרייט, אלץ מער האט ער אים געריבן און געפּילט, אז די הויט פון לייב קריכט אָפּ.

— ניקס צו מאכן, — האט דער דאָקטאר אָפּגעזאָגט זיין פּסק, — ספּירט האַבען זי? — קיינער האָט אים נישט געענטפערט און אַביש האָט אַ מרוקע געטאָן צו בונימלען:

— רייב, בונימל, ס'איז די מיאוסע זאַך, — דערבייַ האָט ער אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר רויט־פאַרלאָפּענע אויגן, וואָס האָבן יענעם אַ צונד געטאָן די בלוטן.

— אַז די נכפּה זאָל עס וואַרפן. ספּירט!

ארום די פענצטער האט מען זיך ארומגעשטעלט ווי אויף א בייז וואונדער, אבער באלד האט זיי דער דאקטאר פארטריבן ארויסנעמענדיק פון טאש א געל בייגעלע פאפיר מיט א רויטן צלם אינדערמיט; אין מיטן דעם האַרמידער און שווערן ריח, וואס האט געהויערט אין שטוב, האט דאָס געלע פאפירל א פלאטער געטאָן ווי די פאָן פון דעם געשפּענסט, וואָס האָט אַלעמען אַרויסגעשלעפּט פון די בעטן מיט דעם געוואַלד „ראַטעוועט”. ער האט גענומען דאָס פאפירל און אויפגעהאָנגען אויף דער פאָרנטיקער טיר. מיט פעטער טינט האט אראָפּגעשריען פון דעם בלעטל: **אָנשטעקנד, אויס און אייַנגאַנג פערבאָטן!**

מיטאמאל האָבן די אינעווייניקסטע דערפילט, אַז דער עולם ארום די פענצטער איז ווי אויסגערונען און ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַדייט. ערשט שפּעטער ווען דער קראַנקער איז געקומען צו זיך, און ד"ר קאַפּרון איז צוריקגעקומען מיט אַ פּאָר קראָפּליעס אין אַ ווייס פּאַפּירל, האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז זיי זיינען פאַקטיש אין תּפיסה, ביז מ'וועט זייערע קליידער דיזענפעקצירן.

— מ'מוז אים לאָזן דאָס וואַסער, — האָט קאַפּרון געעצהט, און דער מיליטערישער דאָקטאָר האָט צוגעשטימט:
— אבער שנעל און פארזיכטיק.

אַביש קצב און בונימל חיריק זיינען שוין דאן געשטאַנען אָן דער זייט פאַרמאַטערטע אָבער מיט שייַנענדיקע פּנימער. פון די געזונטע באַוואַקסענע הענט האָט געזעצט אַ פּאַרע און געהויבן די אָדערן ווי גאַנצע פאַכירן.

— קרעפּטיקע יונגען, — האט דער דאקטאר זיך נישט געקענט

אָפּחידושן, — בראַווע בורשען, יאַ וואָהל, — האט ער זיך פאַרליבט און דערווייל געגומען צוביסלעך פונעם איבערגעבליבענעם ספּירט און אָפּגעוואַשן זיך די הענט און דאָס פּנים.

דאָקטאָר קאַפּרון האט זיך לאַנג געפּאָרעט מיטן קראַנקן, געלייגט הייסע טיכער, געדריקט און געוויקלט אין וואַטע ביז דער קראַנקער, וואס איז געלעגן ווי אַ שטיק ליים, פון אָפּגעשוואַכקייט, האט אַ קרעכץ געטאָן. קאַפּרון האט, פאַרשאַרצנדיק אַ לאַק אויף זיין גרויען שטערן, געקוקט אויפן קראַנקן און ממש מיט געוואַלד אים אויפגעריסן די אויגן.

אַ געוואַלד האָט זיי אַרויסגעשטופּט אין דרויסן אַרויס. אויף די בריקלעך, פאַרן הויז, האָט זיך געקאָרטשעט אין שווערע יסורים, חיים באַנדער. — אַביש מיט בונימלען האבן אים אַ נעם געטאָן, גלייך אַריינגעטראָגן אין דער חרובער שאַפּע, עמיץ האט דערלאַנגט ספּירט און זיי האָבן גענומען אַרבעטן, נאָר געפּילט די גאַנצע צייט, אַז אַ שטאַרקערער פון זיי האַלט אים אין איין שלעפּן אַוועק, אַוועק. אַ פּאָר מינוט שפּעטער זיינען זיין שוין געשטאַנען איבער אים מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און געשטופּט די לאַנגע הענט אויף אַהינטער ווי וועלנדיק זיי באַהאַלטן פאַר בושה און ווייטיק.

די מיליטערישע מאַכט האט צוגעשטעלט בראַנפן און אַנדערע שאַרפע משקאות און די גאַרבאַרניע גאַס מיט די וויינהייזער האבן צוגעשטעלט ברייטע פלייצעס, וואס זיינען געוואוינט צו טראָגן מיט הענט געאָדערטע און שאַרסטקע ווי ריבאייזנס, געשטאַלט מיט ווילן — ווילן אָן אַ שיר ביייצוקומען דעם שונא, דעם מחבל, די מיאוסע זאַך.

מ'האט קיינעם נישט גערופן, מ'איז אליין געקומען „אין שטיבל״. אוועקגעזעצט זיך אין אַ ווינקל אויף אַ באַנק און געוואַרט ביז מ'וועט קומען רופן.

ר׳ דוד שוחט צוזאַמען מיט אַלטן רב האבן, אַריינקומענדיק אין טריסקער שטיבל, גלייך דערזען אז זייערע הענט וועלן קיין סך נישט אויפטאָן, האבן זיי קיינעם ניט פאַרגנדיק גענומען נוצן זייערע פיס און מיילער; קודם זיינען זיי אַוועק צום קאָמענדאַנט פאַרלאַנגען הילף. צו דער אַרבעט וועט מען מער

נישט נעמען און ספירט שטעלט ער צו. מ׳מוז אבער אָפּהיטן דאס געזעץ: „די רייבערס טאָרן נישט גיין אַהיים. די קברים דארפן אויסגעקאַלכט ווערן, קיין טהרה טאָר אויך נישט זיין.״

פּאַרטיק געווארן מיטן קאמענדאַנט האבן די צוויי זיך געלאָזט איבער דער שטאָט, געעפּנט די טיר וואו ס׳איז עפּעס געווען פּארדעכטיק שטיל.

— גאט העלף, קיינער נישט קראנק?

אין די ערשטע טעג האט מען עס אנגענומען פאר א קאפּריז פון מיוחסים, שפּעטער צו האט עס הנאה געטאן ווייל ביז וואנען די אמתע רייבערס זיינען אנגעקומען, האבן זיי דערווייל געגעבן די ערשטע הילף. אין אַ סך הייזער האָבן שוין געפּעלט צו עטלעכע מענטשן, און אָפט איז נישט געווען ווער ס׳זאָל גיין רופן אַ רייבער . . . באזונדערס האט מען געדארפט אכטונג געבן אויף די, וואס האבן זיך אויסגעדרייט פון קאָרטש.

— ספּעציעלע פּאַטראַוועס, איז דאָך ניט שייך, רבי, — האט ר׳ דוד שוחט ווי געטראפן דעם אַלטן רבס מחשבות, —א ביסל בעבלעך און גרייפּלעך, קארטאָפל אויף א יושקע קען מען.

אויף צו מאָרגנס האָט זיך איינער פון זיי געלאָזן אין דאָרף אריין צו זוכן שפּייז. אַהיים געקומען מיטן פּאַק, האט זיך אנגעהויבן די זארג פון פאנאנדערטיילן אין די ריכטיקע פּלעצער, וואו מענטשן זיינען פּשוט אויסגעגאנגען פון הונגער און יעדע דזשעבליע עסן איז אויפגענומען געווארן מיט בלישטשענדיקע אויגן און ציטערנדיקע הענט.

אין דעם האט זיי שוין געהאָלפן חוה די באָבע, אַ יידענעלע, אַ קליינטשיקע, וואס קען זיך דורכשטופן דורך אַ שפּילקע־קעפּל, ס׳איז דיר נישטאָ קיין איין צעבראָכן געמיט און פאַרביטערט האַרץ זי זאל נישט וויסן דערפון. מעגסט זיך ווי באהאלטן אונטער דעם פארמאַכטן לאָדן און קוקן דורך די שפּארונקעס מיט ברענענדיקע אויגן און גרויסע רינגען ארום זיי, — ס׳וועט נישט העלפן, די באבע וועט שוין מיט איר קליין קעפּעלע דורכהאַקן דעם לאָדן, און איר ווייס פּאטשיילקעלע וועט זיך שוין בלייכן אין אומעטיקן הויז, און מיט תרעומות וועט זי גלעטן און טרייסטן א בידנעם אלמן, ווענמן

זיין ווייב האט נאָר וואס געלאָזן מיט די קליינע ווערעמלעך, און ער, א קראנקער נאָך, קען זיך קיין עצה נישט געבן, שטומט ער און הונגערט.

— וואָסי, דער הימל איז שוין ביי דער ערד? וואָסי, מאָטיע? מיינסט ס׳איז הפקר אַ וועלט? — אַזוי תרעומותט זי און טרייסט צוזאַמען, פּאָרקענדיק זיך דערווייל אין שטוב, צורוימענדיק, — דער אבי יתוֹמים האט אלעמען אין זינען, מאָטיע. ׳עסט דאָ אכטונג געבן אויפן פייער, א ביסל יושקע, ׳עסט זיך מחיה זיין מיט די קינדער; כ׳וועל מערטשעשעם (אם ירצה השם) שפּעטער צו אַריינקומען.

אזוי אומעטום און אזוי אין יעדן גאס, האט זיך געהוידעט איר קליין גופעלע, נאָכשלעפנדיק א לאנגן קויש מיט שפּייז. זיינען צו איר צוגעשטאנען ווייבער פון אנדערע גאסן און יעדן פארנאכט פלעגן זיי זיך שטעלן ביי די וועגן וואס פירן פון די פויערישע פעלדער. געשטאנען און געקוקט ווי אויף מכלומרשט — נאָר די אויגן האבן עפּעס פארלאנגט . . . האבן א טייל אליין געגעבן, אנדערע האט מען געדארפט דערמאָנען, זעלטן ווער ס׳האט זיך אָפּגעזאָגט.

שפּעטער צו האט מען שוין אין די „שטיבלעך" אויסגעליידיקט דעם זאַק, און מיט שטומקייט אַריינגערוקט זיך אין אַ ווינקל. פון דער טונקלקייט האבן זיך געוויסלט די פאַרמאַטערטע הענט אונטערשפּאַרנדיק א צעשויבערטן קאָפּ מיט אַ פּאָר רויט־צעצונדענע אויגן. אפילו לאַבע דער לאנגער, וואס האט זיך ליב א ווייצל טאָן און פריילעך אָפּטאָן אַלערליי שטיפערייען, איז אויך שוין נישט מער דער זעלביקער. אַריינקומענדיק פון אַ קרבן, פאַרקריכט ער אין זיין ווינקל, און אונטערשפּאַרנדיק דעם מידן קאָפּ אונטער די לאַנגע און דינע הענט ווי פאַרטריקנטע דרענגלעך, בלייבט ער אַזוי אין ווינקל ביז עמיץ פּאלט אַריין מיט אַ פּאַליש:

געוואַלד, ראטעוועט!

ד

ווען פּנחס האט ווידער אויפגעעפנט די אויגן האט אים גלייך א שניט געטאָן די זון, וואס האט זיך אריינגעריסן אין צימער דורך די שפּאַרונעס פון

די לאָדנס, און אין די אויערן האט אָנגעקלאַפּט אַ זשומען פון פליגן; אין מוח איז געווען ליידיק, ס'הארץ האט געצויגן און אלע אברים — ווי ס'וואלט זיי געפּעלט עפּעס א שרייפּעלע . . . ס'האט נאך אלץ געקלונגען אינעם צימער: מלחמת מצווה שאני. אבער פּלוצים האבן זיך די קלאנגען אנגעהויבן דערווייטערן און בלאסער ווערן, פארלוירן דעם פריערדיקן באדייט און זיך איבערגעפראַזירט, איבערגעשטעלט אין אַן אַנדער אָרדענונג. און ווי פון א ווייטער וועלט געקלונגען אין כמעט האלבן חוזק: מת מצווה, מת מצווה שאני. . .

ס'האט אים אַ הייב געטאן פון בעט. מיט אַמאָל ארייַנגעשפרונגען מיט די אויסגעצויגענע נאקעטע און געלע פיס אינמיטן שטוב און דערפילט די ליידיקייט און פוסטקייט. שרה מיט יצחקלען זיינען שוין נישט געווען אין די בעטן, זיי זיינען נאך קאַיאָר אוועק פון שטוב מיט זעק, אונטער די אָרעמס צו זוכן שפּייז.

די שטילקייט האט געפּרעסט און געדריקט פון אלע ווינקעלעך ארויס. א תשעה־באבדיקע אָפּגעשליסנקייט און אימה אין גאנצן הויז: אויסגעליידיקט און אָפּגעצערט און הויל. אין אָט דער הוילקייט האָט ער געפּרוּווט מאכן עטלעכע טריט און נישט געקענט מער ווי אוועקזעצן זיך אינמיטן שטוב און הערן פון דער ווייטנס יללות און שטיקנדיקע געוואַלדן. האט עס אים בארוישט און פארטעמפּט, אז ס'האט זיך אים גערדאכט, אז ער זיצט ביים ברעג פונעם גרויסן טייך, וואס רייסט זיך פון די ברעגן אלע פרילינג, און ער, א פארגליווערטער, זיצט ביים ברעג טייך און זעט ווי דאָס וואסער יאָגט מיט א סומנע געשריי און קאלעמוטנע שוים, זיצט און הערט, אבער רירן זיך קען ער נישט. — „ניכאי וואָלט כאטש עֶמיץ א קוק געטאן. וואָלט מען כאָטש געוואוסט וואו זיין געביין קומט אום. וואלט מען כאטש געוואוסט". — צוליב וואס ער דארף, אז ס'זאָל ווער וויסן איז אים נישט קלאר געווען. ס'האט אים אבער געגלעט די פראזע: — „וואלט מען כאטש געוואוסט" — האט ער זיך געהאלטן ביי דער פראזע און זי נישט אָפּגעלאזט ווי אַ טרינקענדיקער אָן אַ שמאָל ברעטל וואָס קומט אים צו דער האַנט: „וואָלט מען כאָטש געוואוסט. . ."

ער האט זיך דערפילט דערווייטערט פון אַלץ און אַלעמען. ער האָט

אַפילו נישט געוואוסט, אַז ער, פּנחס איידלבערג, האָט אַ גרויסע משפּחה, אויסגעגעבענע טעכטער און יצחק איז שוין אויך א חתן בחור: ניין, ער האט עס מער נישט געוואוסט און זיך נישט געקענט דערמאָנען קיין זאך, וואס זאָל אים צובינדן צו מענטשן.

אין די אויערן האט געזשומעט: „מן הסתם דאס וואסער וואס רייסט זיך איבער די ברעגעס״. און אין די אברים — א מידקייט: „אַי, וואָלט כאָטש עמיץ אַ קוק געטאָן, וואָלט כאָטש עמיץ אַ ניוכע געטאָן דורך אַ שפּארונע״.

אין יענעם פרימארגן האט פּנחס איידלבערגס ס׳ערשטע מאל אין זיין לעבן זיך נישט צוגערירט צום תהילים, און שפּעטער, ווען ר׳האט זיך איינגעהילט אין טלית, האט ער זיך ווי געפוילט אָנצוטאָן די תפילין. ער האט לאנג געקוקט אויף זיי, פון געוואוינהייט בלויז, זיי אנגעטאן און זיך בשום אופן נישט געקענט דערמאָנען דעם טאן מיט וועלכן ער פלעגט מאכן די ברכות.

— א פּוסטע כלי, — האט ער זיך אליין געמאַטערט און אָנגעשטרענגט נישט צו קוקן צום פאַרמאַכטן לאָדן וואו ס׳האָט נאָך אלץ געטאַנצט דער מחבל, מיט א זשושעניש און זשומעניש: מת מצווה, מת מצווה.

אַרויסגעריסן פון דער טעמפּקייט האָט אים אַ בורטש אין בויך און אַ צי ביים לעפעלע. דאָס האָט אים דערמאָנט, אַז ר׳האט אַפילו קיין „הכנות״ נישט געמאַכט פאַרן דאַווענען און דאַכט זיך, אַז ער האט זיך אפילו נישט געוואַשן אויך. — „נו מילא, איז אָן דעם. . .״

אַמאָל פאַר דער מלחמה, האט דאס שטעטל געהאט דריי פלעצער פאר „הכנות״. די גארבארניע גאס האט מען געקענט טרעפן יעדן פרימאָרגן און פאַרנאַכט הינטער דער גרויסער וואַסערמיל, ביים ברעג טייך — גייענדיק צו די בית־הכסאס, וואָס זיינען דאָרט געשטאנען; די באָדגאס און דער „רינג״ האבן פאר זיך געהאט די לאָנקע אויף יענער זייט טייך אויפן אנדערן עק שטאט, און די איבעריקע געסלעך האבן זיך געקענט באנוצן מיט יענע פלעצער אדער מיט „הינטערפלויטן״ און סתם אלטע געביידעס און פארלאָזענע חורבות.

אַהין פלעגן זיך יונג און אַלט לאָזן אַלע פרימאָרגן. איצט זיינען אַלע בית־הכסאס חרוב. קיינעם איז לעצטן יאָר נישט געלעגן אין זינען צו האַלטן זיי אין אָרדענונג, ביז זיי זיינען איבערגעגאַנגען און פאַרגאָסן דעם גאַנצן ברעג ביז צו דער מיל. האָבן די שטאָט־באַלעבאַטים אויסגעפּועלט ביים קאָמענדאַנט, אַז מ׳זאָל זיי אינגאַנצן סקאַסירן. איז געבליבן בלויז די לאָנקע איבערן וואַסער מיט דער צעבראָכענער בריק.

פנחס האָט זיך געלאָזט גיין צו דער לאָנקע. שוין פון ווייטנס האָט ער אָפּגעמאָסטן מיטן אויג דעם פּלאַץ, וואו ער וועט זיך אוועקזעצן,—דאָרט לעבן דער שורה ביימער ביים ברעג פון דער לאָנקע, דאָרט איז די מענערישע זייט. אַ גאַנץ היפּשע שערענגע — זיצן איינער לעבן דעם אַנדערן און שמועסן גאַנץ געמיטלעך; מ׳באָרגט איינער ביים אַנדערן אַ שטיקל פּאַפּיר און מ׳וואַרט צו גיין צוזאַמען: פּונקט אַנטקעגן זיצט אַן אַנדערע שערענגע, אַזוי אויך איינע לעבן דער אַנדערער, מיט שאַלעכלעך איבער די קעפּ און שמועסן גאַנץ הויך, אָבער די קעפּ האַלטן זיי אויף אַ זייט, — אַ סגולה, ווייזט אויס, נישט צו זען אָדער זיך מאַכן נישט זעענדיק די אַקעגנאיבערדיקע מענער־שערענגע.

פנחס איידלבערג האָט געדאַרפט אָנווענדן די גאַנצע קונץ פון פלינקייט און שאַרפקייט פון די אויגן כדי צו קענען איבערשפּרינגען די נישט־ריינע פלעצער און צוקומען צום אָרט, וואָס ר׳האָט פאַר זיך געהאַט באַשטימט.

צוגעקומען אויפן פּלאַץ, האָט ער זיך ווי פאַרגעסן און ניט אויסגענוצט די חכמה פון צניעות, ווי אויפצוקנעפּלען זיך און פאַרט זאָל קיינער נישט באַמערקן. אַ געלעכטערל האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער מענער שערענגע און אַן אָפּגעהאַקט כיכיקן ווי אַ כאָרכל האָט זיך אָפּגעשלאָגן פון דער ווייבערישער זייט.

פנחס האָט זיך דערפילט ווי אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער שמוציק וואַסער; אַ בושה האָט אים אָנגעצונדן די באַקן און זיי באַלד פאַרבלאַסט אַזוי אַז די שוואַרצע באָרד האָט אויסגעזען ווי צוגעטשעפּעט אַרום אַ ווייסער מאַסקע.

ווידער האָט אַ מחשבה אים אַ הייב געטאָן דעם מוח, נאָר ער האָט

בשום־אופן נישט געקענט כאַפּן וואָס די מחשבה איז. ער האָט בלויז געפֿילט אַז זי שניידט אים דאָס האַרץ ווי מיט אַ טעמפּער זעג. ער וואָלט זי דאַכט זיך געקענט אָנטאַפּן, אָנרירן אירע צײַן וואָס בלישטשען מיט חוזק, פּונקט ווי דעם מחבלם אויגן, וואָס טאַנצן פֿאַר אים ווי נאָר ער טוט אַ פֿאַרגעס צו טראַכטן פֿון עפּעס אַנדערש, אָבער זאָגן וואָס די מחשבה איז קען ער נישט.

איז ער אַזוי געבליבן זיצן אַ ווײַלע ווי פֿאַרגליווערט און מיט אַמאָל זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אינסטינקטיווער שרעק, ווי איינער וואָס האָט דערזען עפּעס אַזאַ שווידער פֿון וועלכן ס׳ווילט זיך וואָס שנעלער אַנטרינען, אָדער גאָר מיט פֿאַרמאַכטע אויגן אַ שפּרונג טאָן דעם שווידער גלײַך אין פּיסק אַרײַן.

די אַרומיקע האָבן זיך איבערגעוואונקען:
—אַ ביסל נישט מיט אַלעמען, ווײַזט אויס.
—וואָס יאָגט איר זיך, ר׳ פּנחס?
—ווי געפֿעלן אײַך עפּעס די דײַטשעלעך אײַערע? — האָט אים עמיץ געוואָלט פֿאַרטשעפּען. ער האָט אָבער נישט געהערט. ער האָט בלויז געהערט דאָס קלינגענדיקע קדיש זאָגן, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿונעם בערגל אַריבערן וואַסער. דאָרט איז דאָס בית־המדרש.

פֿאַרוואָס דאָס קדיש זאָגן האָט אים אַזוי דערשראָקן, האָט ער נישט געטראַכט. אַ מוראדיקע אימה האָט אים אַרומגעכאַפּט. דאָס זעלבע שולדגעפֿיל וואָס ער האָט געשפּירט לעצטע נאַכט, האָט זיך אומגעקערט און גערעדט צו אים מיט אַ קלאָרן לשון:

—יאָ, דאָס איז זי, די מחשבה, וואָס האָט אים אַזוי פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן אויף דער לאָנקע; אָט איז זי פֿאַרקערפּערט אין די דינע קולעכלעך פֿון די ייִנגלעך קדיש־זאָגער, אין די צוגעלייגטע פֿאַרקעלטערטע שטימען פֿון די דערוואַקסענע, און אין די אַלמנה־הייזעריקע העלדזער פֿון מאַמעס, וואָס זאָגן קדיש מיט זייערע מיידלעך אין דער ווײַבערישער שול. (אין בית־המדרש גופֿא, האָט מען עפּעס נישט געוואַגט צו לאָזן די מיידלעך קדיש זאָגן, אָבער פֿאַרווערן די מיידלעך צו זאָגן קדיש האָט מען אויך נישט געקענט.)

דאָס געמיש פון קולות האט זיך געטראָגן פון אלע ווינקעלעך פון בית־המדרש. נישט געווען קיין איין דאווענער וואס זאל נישט זאגן קדיש נאָך עטלעכע מיט אמאל. די ווענט האבן, דאַכט זיך, אויך געקדישט און די שפריצן פון די חלבנע ליכט האבן געקדישט; אלץ האט געקלונגען מיט פארשיידענע און מאָדנע טענער: יתגדל ויתקדש שמיה רבא.

פנחס איז געווען דער איינציקער וואָס האָט נישט געדאַרפט זאָגן קיין קדיש. ס'האט אים אָבער אַזוי אַ צי געטאן צו זאָגן קדיש, אַז ר'האָט אַפילו פאַרגעסן נעמען אין זינען עמיצן פון די היימישע. איז ראַפּטום צוגעלאָפן צום האַנטפאַס, אָפּגעטונקט די הענט און אַריינגעשפּרונגען אינמיטן אַלעמענס קדישן מיט זיין קדיש, אָבער נישט מיט דעם געוויינטלעכן טאָן, וואָס יאָגט מיט גרויקייט און עלנט, נאָר מיט עפּעס אַ מין פייערלעכן ניגון, וואָס איז ערטערוויז אריבער אינעם נוסח פון תהילים זאָגן, און אינגאנצן דערמאָנט אין א יאושדיקן חשבון פון איינעם, וואָס האָט פאַרלאָרן דעם באָדן אונטער די פיס: ס'איז געווען ווי א קדיש נאָך זיך אליין. ס'ערשטע מאל זינט יארן, אז ס'האבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן און אויפן הארצן איז עפּעס לייכטער געווארן: בעלמא די ברא כרעותיה, — ציט ער און פארטייטשט זיך אין געדאנק, — „זיין איז די וועלט און זיין זיינען די מעשים”; ויקרב קץ משיחיה, — „אז נישט וועט מען דאך פשוט נישט אויסהאַלטן . . .”; זיינע אייגענע תפילות, זיינען אים שוין ניחא איצט „ויקרב קץ משיחיה, טאקע חבלי משיח, חבלי משיח. . .”

עפּעס איז אים לייכטער געווארן נאכן קדיש זאגן. גרינגער געווארן צו קוקן מענטשן אין די אויגן אריין. נאכמער, — דאָס געפיל פון שולדיקייט און טעמפּער אליינקייט איז אויך פארשוואונדן. ער פילט זיך נאענט צו די קינדערלעך, אזעלכע בלאסע און דערשראקענע, אבער פאָרט טוען זיי א שטיף; ער וואלט מיטגעלאפן מיט דער לוויה וואס טראגט זיך פארביי דעם פענצטער, — א רחמנות, קיינער גייט נישט נאָך. . .

ער וואלט ארויף אין דער ווייבערישער שול און זיך אוועקגעשטעלט מיט די אלמנות דארט. זאלן זיי נישט זיין אליין — אָפּגעזונדערט. מיט ווארעמקייט ריזלט דאָס בלוט אין די אדערן. אָ, ווי ס'גלוסט זיך אים העלפן

— מיטגיין מיט אלעמען. „אז ער וועט אהיים קומען וועט ער גלייך עפענען די לאָדן,״ פאַלט אים איין אַ מאָדנער געדאַנק און ער גיט זיך עס צו פאַרשטיין: „מ׳טאָר נישט זיצן הינטער פאַרמאַכטע לאָדן. ס׳דארף צוריק אָפּן ווערן די וועלט . . . ווען זיי פאלגן אים. וואָלטן אַלע אויף איבערן טאָג געעפנט די לאָדן.״

פון פארטראגנקייט האט ער נישט באמערקט, אז ער גייט נישט אהיים, נאָר גאָר צום טריסקער שטיבל, וואו ס׳האט זיך געפונען א גרופע רייבערס מיט אביש קצב אין דער שפּיץ. קיינער איז איצט אין שטיבל ניט געווען. ס׳זיינען בלויז געשטאנען די טישן און בענק פאַררוקט אָן אַ זייט, דער ארון קודש פאַרדעקט מיט אַ גרויסן ליילעך און אינמיטן שטיבל דריי פעסער מיט ספּירט אויסגעשטעלט ווי אַ סגול.

פון ווייבערישן שולעכל האבן זיך געטראגן ריחות פון צוגעלעגענע פרוכטן און שווייס. דארט האבן די רייבערס עפּעס איבערגעכאַפּט און א דרימל געטאן. די שטילקייט און די שווערע אָנגעלאָדנקייט פון שטיבל, האט זיך פּנחסן שווער געלייגט אויפן הארצן און פארטריבן די פרי׳ערדיקע וואַרעמקייט, אָבער די בענקשאַפט צו מענטשן איז נאָך שטאַרקער געוואָרן, באַזונדערס וואָלט ער וועלן זען אַבישן. מ׳זאָגט, אז דער ייד איז שוין גרוי געוואורן פון אַרבעט און יסורים. יינגערע פון אים זיינען שוין פאַרמאַטערט און אליין אוועקגעפאלן רייבנדיק א חולה, ער אבער האלט זיך, ווי ער וואלט געווען פון אייזן.

— מ׳דארף אים זען, אַבישן, מ׳דארף! — האט ער זיך אוועקגעזעצט וואַרטן.

## ה

פון יענעם טאג אן, זינט ס׳האט זיך געשאפן די חברה „רייבערס״, איז זיך אביש קצב אזוי נוהג: יעדן פרימארגן וואשט ער זיך אָפּ מיט שפּירט און בייסט עפּעס איבער און פארטרינקט מיט געקאכטן בראנפן אויף פרישע יאגעדעס. כאפּט אָפּ אויף דער גיך דאָס דאווענען און נעמט ווארטן עמיץ זאל רופן.

אן אנדערש מאָל, ווען ר׳איז א גאנצע נאכט אויף געווען ביי א קראנקן, קומט ער שוין נישט אין „שטיבל״, נאר גייט גלייך צום פלומפּ אינמיטן מארק און וואַשט זיך ארום מיטן קאלטן שניידיקן וואסער, וואס שמעקט מיט אייזן און זשאווער. דארט טרעפט ער שוין נאך רייבער. וואָלט זיך וועלן עפּעס דערציילן, א פרעג טאן, — אבער בלויז בונימל חיריק טוט א סמאָרע מיט דער נאָז:

—אז די נכפּה זאל עס וואַרפן!

ענטפערן באַדאַרף מען נישט, שטייט מען נאָך אַ ווײַלע מיט דער האָפענונג, אַז עמיץ פון דער אייגענער משפחה וועט זיך אָניאגן און מ׳וועט וויסן וואס ס׳הערט זיך אין אייגענעם הויז.

דער פלומפּ איז פאר זיי געוואָרן דאָס אָרט וואו זיי האבן געקראגן ידיעות פון אייגענע און נאענטע. פלעגט זיי דערפאר ציען צום פלומפּ אינדערפרי און פארנאכט. אין דער צייט האט מען אלעמאל דארט געטראפן א גאנץ היפשן עולם פון ווייבער און קינדער ווארטן אויף טאטעס, ברידער, שוואָגערס און פעטערס.

צוגיין נאענט איינער צום אנדערן האט מען מורא געהאט. האט מען זיך דוכגערעדט פון דערווייטנס. ס׳הייסט מ׳האט זיך איבערגעשריען:

—נו?

—דאנקען גאט.

ווערט דאָס הארץ גרינגער און מ׳קען שוין פרעגן ווייטער:

—און עסן?

—מקומט דורך.

—כ׳וועל זיך מארגן ארויסכאפּן (נאך עסן מיינט דאָס).

—די מאמע איז שוין אוועק.

דאָס איז דער געוויינלעכער דורכשמועס צווישן טאטעס און קינדער, אויב אלץ איז כשורה. אויב אבער נישט — הערט זיך אַ צאַפּל אין קול און די אויגן זוכן דעם, צו וועמען ס׳איז געווענדט דער רוף, ווייל אָפּט איז ער גאָר נאך נישטאָ:

—טאַטע!

אלעמענס אויגן גיבן זיך א וואַרף אין אלע זייַטן, ווי עמיץ וואָלט זיי מיט א נישט־געזעענער גראַבליע א שאַר געטאָן:
—ווער?

אין א סעקונדע שפּעטער איז שוין קיינער נישטאָ בייַם פּלומפּ. די אייגענע לויפן צום קראַנקן און די איבעריקע איילן אוועק צו די סטאַנציעס, טאָמער יאָגט זיך עמיץ אָן.

צום לענגסטן פון אלע בלייַבן דאָרט ר׳ דוד שוחט און אַביש קצב.

דער לעצטער מיט דער מחשבה: „נישקשה, כ׳וועל נאָך מייַנס אָפּטאָן,״ — און לאָזט דערווייַל לויפן דאָס וואַסער איבערן הוילן קאָפּ און פּילט זיך געשמאַקט פון די ריטשקעלעך, וואָס רינען פון דאָרט גלייַך אונטער די מלבושים, — „אָ, ס׳איז גוט, א מחיה, ממש ווי געבאָדן זיך,״ — טוט ער א ראַזמאַכעווע די הענט און בלייַבט אַזוי שטיין מיט אָנגעשטייַפטע מוסקולן אַקעגן דעם סלופּ מיט דער גרויסער פליג; די אויגן צעצונדענע פון נישט דערשלאָפן און אָנגעשטרענגטקייט, קוקן ברענענדיק מיט צעפלאַקערטע לעפלעך:
—צו אלדי רוחות! — זייעט ער ארויס פון צווישן די ציין, — טפו! זאָל דאָס ווערן!

ר׳ דוד שוחט, א שטילינקער אָבער א זיכערער אין יעדן טראָט, מאַך און מיג מיטן אויג, קוקט אים אָן און ענטפערט גאָרנישט. ער נעמט זיך איצט וואַשן פאַרקאַשערנדיק די אַרבל העט אַרויף אַזוי, אַז דאָס חלפל וואָס ער טראָגט אַלעמאָל מיט זיך — נישט ווייסנדיק פאַרוואָס און צוליב וואָס, — נעמט זיך אַרויסגליטשן, כאַפּט ער עס אַרויס און גיט עס אַבישן; פאַרזשמורעט אַביש די אויגן, נעמט ארויס דאָס קלינגל פונעם שיידל און פאָכעט מיט דעם אין דער לופטן. שפּרינגען פון דעם ארויס בליציקע שטראַלן און צעטאַנצן זיך ארום און ארום.

—טשעפּע נישט, אביש, מ׳דאַרף נישט, ס׳איז נישט כדאַי,
—מאַכט ווייך, כמעט ווי איבערגעשראָקן, ר׳דוד.
—צו וואָס זשע טראָגט איר עס מיט זיך?

ביידע ווייסן, אז נישט דאָס האבן זיי געמיינט און נישט וועגן דעם האבן זיי געוואלט רעדן. זיי זיינען אבער צופרידן, וואס מ׳האָט עס אָפּגעפּטרט אויף אזא אופן, און לאָזן זיך אוועקגיין אָן א זיי געזונט.

## וו

פנחסן איז אויסגעקומען לאנג צו ווארטן אויף אבישן. געוועזן זייער א שווערע נאכט און נאך א שווערערער פרימארגן. פון אלע געסלעך זיינען געקומען רופן: ס׳האבן נישט געסטאיעט קיין הענט צו רייבן; געזונטע חברה זיינען אוועקגעפאלן, אָפּגעשטאנען ווי אויסגעמאַטערטע בהמות אין דער יארמע. לאבע דער לאנגער האט אזוי לאנג געארבעט, אז אינדערפרי האט מען אים שוין אליין געדארפט ראטעווען. פילנדיק אז ס׳איז שלעכט מיט אים, — נישט ער האט כוח בייצוקומען דעם קאָרטש, און נישט זיי האבן כוח אים צו ראַטעווען. האט לאבע מיט די לעצטע כוחות, האלב אין חוזק ווי זיין שטייגער איז געווען, א וואָרטשע געטאָן: — „אַהיים טראָגן, קענט איר נאָך?״

זיי האבן אים טאַקע נאָר דערטראָגן אַהיים. צוקומענדיק צו זיין הייזל אויפן בערגל לעבן וואסער, האָבן די טרעגער לאנג געקלאַפּט אין פאַרמאַכטן לאָדן. קיינער האט נישט געענטפערט. זיי האבן דאָך אָבער קלאָר געהערט לאַבעס פאַרלאַנג, אַז ער וויל זיין אין דער היים, האָט מען איינגעבראָכן די טיר און געזוכט אַ בעט וואו אים אַוועקצולייגן און נישט געפונען; די בעטן זיינען געווען פארנומען מיט פארקאָרטשעטע נפשות, בלויז איין קינד האט נאך געזשיפּעט אין באנקבעטל, און איבער דעם באנקבעטל אויפן אויוון, האט א הון מיט א לאנגן האלדז, אָן אָפּגעקראָכענע אָן איין הערעלע, — געקרייעט אקעגן די איינברעכער מיט דערשראָקנקייט ווי א שלוקערין.

אוועקלייגן אים אזוי אויף דער ערד, האבן זיך עפּעס נישט געלייגט די הענט, איז בונימל ארויס אין קאָרידאר; פון דארט ווי א פלינקע קאַץ ארויפגעקלעטערט אויפן בוידעם און מיט שארפע גנבישע אייגעלעך אויסגעפונען אונטער א סטריכע א בינטל היי, וואו ס׳איז געווען באהאלטן א גוטע פערדישע ״דערע״, אויף וועלכע לאבע דער לאַנגער איז געווען דער גרעסטער מייסטער צווישן די רימארעס.

דאָס בינטל היי און די דערע, האבן געדינט אויף אונטערצולייגן און צודעקן נישט בלויז לאבען, נאָר דאָס גאנצע הויזגעזינד. דאָס קינד האָבן צוויי אַוועקגעטראָגן צום מיליטערישן שפּיטאָל, א קינד וועלן זיי אפשר אריינגעמען.

דעם טלית האט מען בשום אופן נישט געקענט געפינען, האט מען זיי אזוי געמוזט אַוועקטראגן אויפן בית־עולם, וואו מ׳האט שוין סיי ווי באַהאַלטן גרופּעס צוזאַמען און אינגאַנצן אָן תכריכים, ס׳איז שוין אויסגעגאנגען דאָס פּאפּיר וואָס האט זיך געפונען ביי איטשע גוי — דער גביר פון שטעטל — אין קעלער, קיין סחורה נוצן האט די מאַכט נישט געלאזט.

איצט, אז קיין פּאַפּיר איז שוין אויך נישט געווען, האט יונהלע באגרעבער, וועלכער פלעגט שטענדיק ארומגיין א פאַרגאַרטלטער מיט א העקעלע ביי דער זייט, ארויסגענומען דאָס העקעלע פון גארטל און עס א וואָרף געטאָן צווישן דיביימער און זיך צעשריגען מיט אַ קוויטש: — הע, הע, הע, — און אזוי האָט ער שוין געהעקעט די גאנצע צייט פון דער מגפה.

ווען יונהלע האט דערזען אָנקומען בונימלען מיט די איבעריקע, טראַגנדיק אַ גאַנצע משפחה, האָט ער איבערגעריסן דאס העקען און זיך צעקוויטשעט אויף א דין, משונה ווייבעריש קולעכל:

—ס׳איז דאָך נישטו קא תכריכים, בונימל, וואסי די פּילע? וואוס ברענגט עץ זיי אהעער, הא? — האט ער אויסגעצויגן דעם טאָן אַזוי, אַז ער האט זיך אַזש נאָכגעבויגן נאָך אים און אויפגעשטעלט אַ פּאָר שמוציקע הענט אין ביידע זייטן פונעם צעקאָלטנטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך גערייצט מיט זיי:

— וואָסי די פּילע, בונימל, וואסי?

— אז די נכפה זאל עס נעמען, — האט בונימל זיך א בייזער געטאן, אראָפּגעלייגט די משא פונעם אקסל, איינגעלייגט די דערע אין פּירן און זי צוריקגענומען:

— קימצט, חברה, ס׳איז דאָרט שוין קיינער נישט געבליבן.

— מ׳וואָלט גאָר געדאַרפט גיין אַהיים, — האָט איינער אַ וואָרטשע געטאָן.

— לאַבעס משפחה איז אויסגעדישעט געוואָרן און קיינער איז נישט געוועזן.

— אז ס׳שמעקט ניש קא פילווע׳ גאיט מע ניש אי מלחמה, האָסטי געהערט?

— כ׳מיין ס׳אייגענע ווייב אי בילעכע׳.

— קענסט אַ סך אויפטין איינער אליין.

— ווער ס׳וויל קען גיין, — האָט עמיץ מיט עקל צוגעוואָרפן און זיך צוריקגעכאפט, ווייל בונימל האט שוין הויך געסמאָרעט מיט דער נאָז, אָט וועט ער אויסשיסן.

— אַז די נכפה זאָל עס כאַפן, צי וואוס טויג מע די „דערע״, צי וואוס?

— האט ער זיך צערעוועט.

האבן אלע געפילט, אז נישט וועגן דעם טראכט ער אצינד, ער וואלט עפּעס אנדערש געוואָלט זאגן, נאר עס עפנט זיך נישט דאָס מויל; און ווי פילנדיק אז נישט דאָס האט מען פון אים דערוואַרט, האט ער זיך א שטעל געטאן:

— אבער מיער דא׳פן ניש גיין אויפן בית־עולם, עץ פאשטייט, מיער דא׳פן ניש. . .

— געניג וואס מיער רייבן, געניג, — האָט אים ווער פּאָטאַקעוועט.

מ׳האט זיך ווי געבייזערט, ווייל אין הארץ האט געבריט אזא בלודנער ווייטיק און רחמנות אויף לאבען, וועמעס משפחה איז כמעט אינגאנצן אָפּגעווישט געווארן און קיינער איז אפילו דערביי נישט געוועזן.

— ברר.

— אָט אזוי איז עז.

— אז די נכפּה, זאל עז ווארפן, זעט נאר ווי מ׳לויפט עס דארטן מיט אַ מת, זיי וועלן פאַרשפעטיקן, צי וואָס?

לעבן „שטיבל״ האבן זיי באַגעגנט אַבישן אַ פאַרמאַטערטן, א צעחושטן ווי איבערגעפירט שוין.

—וואס אי? נעם אַ קאַפּ בראָנפן, — האָט אים בונימל אונטערגעטראָגן אַ פלעשל.

— ער האט מיר אנגעמייקעט אין פנים אריין, האט ער מיר . . . וואו זענט עך דעם גאנצן פרימארגן? געשיקט נאך ענק און קיינער האט זיך נישט באוויזן, —האט ער זיך ווי באקלאגט פארוואָס אייגענע זאָלן אזוי פאַרראַטן.

בונימל האט אויף אים געקוקט ווי מ׳קוקט אויף אַן אייגענעם וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. קוקסט און ס׳דאַכט זיך אַז ער איז שוין נישטאָ: אט, און ער ווערט פארשוואונדן אויף אייביק; ס׳גלוסט זיך זיין דערביי און פּילסט אַז ביסט שוין דערווייטערט; אין מוח קלאפּט אַן אָדערל ווי אַ האַמער.

אַביש האָט דערפילט ווי זיי קוקן אויף אים צוטומלטע.

—נו, וואָס גולמט עך? עך האָט דען ניש געהערט? כ׳האָב ענק געריפן איז געקומען פנחס איידלבערג. אליין קוים וואס ער שלעפּט זיך. האב עך זיך געניאַנטשעט מיטן אַלטן רב ווי מיט א קינד און ניש אַכטיק געגעבן, האט ער מיער אנגעמייקעט אין פנים אריין, עך פאשטייט? און עך האב עם, עך האב עם דערלאנגט. . .

אויפן שוועל פונעם שטיבל האט ער זיך איבערגעדרייט צו זיי און ווי געבעטן זיך:

— גייטך, בעטך מחילה, בעטך עם. . .

אייניקע האבן זיך געלאזט גיין און זיך באלד אומגעקערט ווי זיך דערמאנט אין עפּעס. ס׳איז זיי אנטקעגנגעלאפן פנחס איידלבערג מיט פאַרקאַשערטע פּאָלעס און צעפלאָסענע בארד און פאות: — אביש, אביש, וואו איז אביש?

זיי האבן זיך אפילו נישט געוואָלט אָפּשטעלן, איז ער זיי אבער פארלאָפן דעם וועג און מיט שרעק געמאלן: „כ׳זיך אזוי אין שטיבל. שרייט מען אריין: דער אלטער רב, לויף עך. שטייט אביש און ארבעט. דערזעט ער מעך ווערט ער אזש ברוין און בלוי און נעמט שרייען: לאבע, בונימל, דער רב! מיין עך אז כ׳דאַרף לויפן ריפן, ערשט ער דרייט זיך אויס: וואס אנטלויפסטו, פנחסל? ער האט, ווייזט אויס, פארגעסן וואס ער טיט, האט ער ציגעדרייט

דאָס פּנים צום רב און ער האט אים אָפּגעגאָסן אימגאַנצן. האט ער אים געלאזט אזוי ליגן און אנטלאפן.

די גרופּע האָט זיך באַלד צעטיילט, אייניקע האָבן זיך געלאָזט לויפן צו דער שילגאַס און די איבעריקע אין „שטיבל״ אריין.

אביש איז געזעסן רייטנדיק אויף א לאנגער באנק, דעם קאָפּ אוועקגעלייגט אויפן פלאך פונעם שולחן און די הענט — נאָכגעלאָזענע, זיינען געהאָנגען ווי איבעריקע, בלויז די האָר און די אָנגעדראָלענע אָדערן האָבן זיך באוועגט.

ווען זיי זיינען אריינגעקומען, האט אביש אויף א סעקונדע אויפגעהויבן דעם קאָפּ און צוריקגעפאלן ווי אין חלשות. די חברה האָבן זיך אויף אַן אמת דערשראָקן.

— אַביש! איז דאָס וואָרט אַרויסגעשפּרונגען פון עטלעכע מיילער אויף אַמאָל.

—לאזט מעך געמאך. כ׳האב געשלאָגן א קראנקן, — האט ער קוים ארויסגעשטאמלט די פּאָר ווערטער, אָבער מיט אַזאַ ווייטיק, אַז אַלע זיינען געבליבן אָפּהענטיק און נישט געוואַגט צוצוגיין נאָענט. זיי האבן געפילט אַז אבישעס קרענק איז גאר אַן אַנדערע ווי יעדנס. ס׳איז אַ שרעק וואס איז אים באפאלן, און דאָס מאכט אים אָפּהענטיק און אומפּייאיק צו קעמפן קעגן דער קרענק; אלע ווילן עפּעס זאגן, נאר מער ווי טעלעפּען מיט דער צונג און דרייען זיך אויף איין פוס קומט דערפון נישט ארויס. די מינוטן קריכן ווי גאנצע אייביקייטן.

—עך האט געהערט, כ׳האב געשלאָגן דעם אלטן רב. ר׳איז מן הסתם שוי . . . — האט ער זיך ווידער צערעדט און אָפּגעהאקט מיט אזויפיל שרעק אין די אויגן און אין פארקרימטן מויל, גלייך ער וואלט עפּעס שרעקלעכעס געזען.

פנחס איז די גאנצע צייט געשטאנען הינטער דער גרופּע ווייל אים האט

זיך געדאכט, אז ער איז אינגאנצן שולדיק אין דעם, און אביש ווייסט עס. — האט ער זיך נישט געוואָלט ווייזן פאר זיינע אויגן. דערזעענדיק אָבער ווי עס האלט, האט ער זיך א גוטן שטופ געטאן און שוין געשטאַנען לעבן אבישן און אים אזוי א באריר געטאן ביים נאָכהענגענדיקן אַרבל.

אז אביש האט זיך נישט אומגעקערט, האט ער אים אַ גלעט געטאן אויף דער הוילער האנט מיט צאַרטקייט. אביש האט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט פארנעפּלטע אויגן געוואָרפן אַזעלכע מאָדנע און פרעמדע בליקן ווי פון אן אנדער וועלט.

פנחס האָט אויפגעכאַפּט אַבישעס קוק און אים אויסגעהאַלטן אַזוי לאַנג ביז יענער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן אין אַ שטאַרקן ציטער.

— א קראַנקן, האב עך געשלאָגן, א קראַנקן...—האט ער ווי פארענדיקט א געדאנק.

—ניין! — האט פנחס קלאָר און שארף א זאָג געטאן.

—ר׳האט דאך מיר אָנגעמייקעט אין פּנים אריין, — האט ער זיך ווי אנגעהאלטן אָן אן עגבערנדיקן געדאנק, — אין פּנים אריין.

— וואש זיך אָפּ און רו זיך אויס, אביש, ביסט מיד, — האט פּנחס ווייך צוגעגעבן און אַרויפגעלייגט די האנט אויף זיין אַקסל. — ס׳איז איך, אַביש. רו זיך אויס!

— אַביש, אַזויפיל מענטשן האָסטו געהאָלפן, — רעדט אַ צווייטער אים איין ווי אַ קליין קינד.

— אז די נכפּה זאל עס כאפּן. —קען זיך בונימל קיין ארט נישט געפינען און האלט אין איין רוקן דאָס פוטערנע היטל, וואס ער טראָגט סיי זומער סיי ווינטער. — אַ טאָג אַ ביסל אויף אַלע וויסטע וועלדער.

אביש איז נאך אלץ געזעסן ווי אין א טראנס: א בלאָנדזשענדיקער בליק אויף אלץ און אלעמען, אָן אייןווארט צו רעדן. ס׳האט אויסגעוויזן ווי ער

וואלט פאַרקלעפּט געוואָרן מיט עפּעס א טויבע זאך און די רייד שטייען נישט צו צו אים. איז מען ווידער געבליבן אָפּהענטיק. בונימל האט שוין אפילו א וואונק געטאן צו חיים קראַש, ווי איינער רעדט: — „מ׳עט זיך באלד דארפן נעמען צום רייבן . . .״ חיים קראש אבער, האט בלויז א שאקל געטאן מיטן קאָפּ אויף ניין. בונימל האט אפילו נישט פארשטאנען וואס ער מיינט אנדערש צו טאן, אבער ער האט זיך נישט געמאכט דערפון, זאל זיינס איבערגיין דאָס מאָל, — אַז אַביש איז אזוי חרוב: און וואס וועט דערפון ווערן? מ׳עט דאָך אַלעמען אַזוי איינציקווייז אויסדישען, — אַז די נכפּה, —

— הער שוין אויף בונימל מיט, — האָט חיים קראַש זיך א בייזער געטאָן.

אן אנדערש מאָל וואלט אוודאי געקומען צו א ריכטיק געשלעג צווישן די צוויי פאר אזא מין לשון. איצט האָט בונימל בלויז אַ סמאָרע געטאָן מיט דער נאָז און ווי צוגעלאָפן צו אבישן:

— וואס גלאָצסטו אזוי מיט די זיקרעס (אויגן), יאָלד איינער!

פּנחס, זאָגט, אַז דו האָסט ניש ... טרינק און פּטור. גענוג אז לאַבע איז,—
— וואועס? — האָט זיך אַביש אַ כאַפּ געטאָן ווי פון אַ ביס.

— פאַרטאג, די גאנצע משפחה אויך, — האט בונימל שוין מיט א געבראכן קול צוגעגעבן, דערלאנגענדיק אים אין דער זעלבער צייט די פלאַש יאַגעדעס אויף שפּירט.

מיט אימפּעט האט אַביש אַ כאַפּ געטאָן די פלאש און גענומען זויגן פון איר מיט ליידנשאפט און עקשנות, ווי אין דעם וואָלט געלעגן דאָס גאַנצע צוריקקומען צום לעבן, און וואָס שטאַרקער דאָס טשמאָטשקען, אלץ זיכערער איז דער צוריקצי צו דער וועלט.

אָפּגעטרונקען, האָבן שוין די אויגן — דערפרישטע — גענומען צוריקקריגן דעם פריערדיקן גלאנץ.

— נישט געשלאָגן דעם, זאָגסטו — האָט זיך ביי אים עפּעס ווי פון זיך אַליין ווי אַרויסגעכאַפּט — נישט געשלאָגן. . .

— וואס רעדסטו דיר איין א קלעפקע? איך בין דאָך געשטאַנען דערביי, —האט פנחס געטענהט מיט אזא זיכערקייט, אז מ׳האָט אים געמוזט גלויבן.

אַביש האָט אָבער שוין אַ גאנץ זיכערער אַ וואָרטשע געטאָן. אין דער אמתן איז עס נאָר געווען אַ מין אינערלעכער שמייכל, פון דעם מין וואס ברענגט הנאה פאר זיך אליין — נאָר ארויסווייזן עס דארף מען נישט. פילנדיק אז אלע קוקן מיט צופרידנקייט אויף פנחסן, האט ער אים אויך צוגעוואָרפן א בליק וואס האט געמיינט: „צאָלסט אָפּ, ברודערקע, הא?״

— וואָ׳זשע? — האט פנחס עפעס געוואלט אנהייבן זאָגן.

אביש האט אבער נישט געלאזט.

— קימצט צי דער לויה!

— מיער גייען ניש אַף קאַ לוויות, אַף קאַ בית־עולם...

— כוהנים געוואָרן, צי וואָס?

— געווען מיט לאַבען, געניג!

— זאָל זיין אזוי, — האט זיך אביש אונטערגעגעבן און געפילט אז די כוחות קומען צוריק צו אים און דער איבערשרעק צעקריכט זיך פון די ביינער.

— די גאַנצע משפחה, זאגט עץ?

די טיר האט זיך שטיל געעפנט און ס׳האבן זיך ארייַנגערוקט די, וואס זיינען אוועק צום רב. פון די פנימער האט מען שוין דערקענט וואו ס׳האלט, נאָר ס׳האט נישט געמאכט קיין איינדרוק. דורכן פענצטער האט דורכגעשווינדלט א לויה.

— וואָס איילן זיי זיך אזוי?

— מיער ראטעווען כאטש...

פנחס איז געשטאַנען און מקנא געווען. מקנא געווען אבישן מיטן געזונטקייט, און די איבעריקע מיט דער צופרידנקייט פון ראטעווען מענטשן;

די בענקשאפט וואס האט אים געהאט ארומגעכאפט נאך אינדערפרי אין בית־המדרש צו העלפן מענטשן, האָט זיך פאַרשטאַרקט — באַזונדערס צו אַבישן, ס׳איז נישט געווען קיין דאנקבארקייט פאר ראטעווען אים, נאָר דאכט זיך גאר פארקערט — פארוואס אביש האט זיך צוריקגעקערט צום לעבן און איז שוין ווידער גרייט צו העלפן, צו רייבן, צו ראטעווען און פארטרייבן דעם מחבל פון שטאט.

ער האט נישט געוואוסט געגוי וואס ער וויל טאן און וואס ער דארף טאן, אבער געפילט האט ער עס יאָ. עפעס האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז דער גאַנצער פיין און צווייפל זיינער פון די לעצטע טעג, נעמט זיך פון זיצן הינטער די פארמאכטע לאָדן איינער אליין, אדער גאָר פונעם בלאָנדזשען אָן א ציל איבער די ליידיקע און מרה־שחורהטע גאסן.

אין אבישעס אויפשטעלן זיך און אויסציען און אנציען די מוסקולן, ווי מושטירנדיק זיך פארן אנפאל אויפן שונא, האט ער דערפילט דעם אויסוועג, און זיך אַ כאַפּ געטאָן צו אים, אַ נעם געטאן איין האנט זיינע און זי געדריקט מיט ווארעמקייט:

— כ׳וועל גיין מיט אייך, כ׳וועל טאן וואס כ׳וועל קענען.

קיינער האט אים נישט געענטפערט. יעדערער איז זיך פארקראכן אין זיין ווינקל. פנחס איז געזעסן לעבן שולחן. ווידער האבן הוריות געגומען פלאָנטערן זיך אין מוח און געפרואווט שטעלן קשיות. איז אים אבער איצט גאנץ לייכט אנגעקומען זיי אָפּצושטופּן צוריק, מיט א קיי איבער די יאַסלעס און א באזונדערן שלינג אראָפּ דאָס שפייעכץ: „איצט דארף מען ראטעווען, איז נישט שייך מה למעלה, מה למטה. פּשוט, נישט שייך: איי, דער סך הכל: צו וואָס האָט מען עס באַדאַרפט? דאָס איז דאָך אַוודאַי נישט שייך איצט פרעגן. . .״

ער האָט געמיינט, אז ער איז שוין פאַרטיק מיט זיך און גאר פאַרגעסן איגאנצן אין זיינע תפילות, אין מחבל וואָס דרייט זיך אַרום אין שטעטל; אַלע שאלות און קשיות זיינען פאַרענטפערט, פאַרשוואונדן; בלויז אַ קראַנקהייט, אַ נאַטירלעכע שלאַפקייט איז דאָ אין שטעטל און ס׳איז נאַטירלעך אַז מ׳זאָל זי פאַרטרייבן ווי מ׳קען.

„נאַטירלעך, נאַטירלעך,״ — האָט ער אַנגעהויבן רעדן צו זיך, — „אַ גאָט זאַך, אַ גאָט זאַך״ — האָט זיך אין מוח ווידער געגומען וויקלען אַ קנויל פון פראַגן, און — דערפילנדיק דאָס — האָט ער זיך שוין אַפילו גענומען שרעקן פאַרן נייעם פּיין און מאַטער וואָס קומט אָן, האָט זיך אָבער פּונקט דאַן געעפנט די טיר מיט אַ פּראַל און צוויי האָבן אַריינגעשריגן:

— די אַלטע רביצין!

— שׂרה, פּנחס איידלבערגס!

דאָס ערשטע קול האָט ער דערקענט. ס׳איז מלך פאַרך, וואָס פלעגט אַלעמאָל באַדינען דעם רב מיט דער רביצין. ביים אַנדערן אויסגעשריי האָט זיך עפּעס אַ ריס געטאָן אינעווייניק און ר׳האָט בשום אופן נישט געקענט דערקענען לאַנג דער גראָבערס שטימע.

אין איין סעקונדע האָט זיך דאָס שטיבל אויסגעליידיקט. פּנחס האָט געפילט אַז ער לויפט, אַז אַביש יאָגט אים אונטער. ר׳האָט אָבער פאַרגעסן וואוהין ער לויפט און וואָס ער דאַרף טאָן.

אָנגעקומען איז מען שוין צו שפּעט. יצחק איז געזעסן אין אַ זייט און געכליפּעט, און, שׂרה, אַ צעקאָרטשעטע, איז געלעגן מיט אַן אָפן מויל און אַ פראַגע אויפן פּנים.

אַביש מיט דער חברה רייבערס, האָבן זיך שטיל אַרויסגערוקט פון הויז, און פּנחס, נישט ווייסנדיק וואָס צו טאָן, האָט זיך גענומען עפענען איין לאָדן נאָכן אַנדערן און מאָדנע נאַריש עפּעס געפּרעפּלט: „האָב גאָר פאַרגעסן צו עפענען אַ פענצטער. אָ, האָ, גוט. — האָט ער געצויגן מיט דער נאָז, — אַ מחיה, אַ תענוג. . .״

ער האָט געפילט אַז ער טוט עפּעס אַ גאָר נאַרישע זאַך, נאָר זיך נישט געקענט איינהאַלטן און קלאָר באַנעמען וואָס דאָס איז.

— ״פון זינען״ — האָט אים פּלוצים אַ געדאַנק אַ פּאַק געטאָן. — פון זינען, אַוודאי, ווי דען? זעסט דען נישט ווי יצחקל קוקט אויף דיר, ווי שׂרה וויל עפּעס פרעגן . . . אַוודאי פון זינען.

פאַר די אויגן האָט זיך עמיץ צעטאַנצט. יענער מחבל מן הסתם. ער באָבלט עפּעס און מאָלט שנעל שנעל מיט אַ חוזק טאָן, אָבער קיין ווערטער הערט מען נישט, נאָר עפּעס אזא ווייט אויסגעצויגענער קלאַנג וואָס דרייט זיך משונהדיק גיך און פאַרדרייט אַלץ און אַלעמען.

פּנחס האָט אויסגעגלאָצט די אויגן צו זען קלאָרער וואָס עס טוט זיך אַרום אים און אַליין אויך אנגעהויבן מאָלן און באָבלען אָן ווערטער, נאר פאר די אויגן האבן זיך אים אויסגעלייגט משונה מאָדנע אותיות וואס ער האט נאך קיינמאל נישט געזען, און די אותיות טאנצן אויך און שרייען מיט אַזאַ קול וואס קיינער הערט נישט נאָר ער אליין: „פון זינען פּנחס, אתחלתא דגאולה? אוודאי, ווי דען?״

# זוניקע טעג. . .

אַ פאַרטאַיעטקייט האָט געהויערט אויף דער גאנצער געגנט. אפילו די אָפּטע באָמבע־אויפרייסן פון יענער זייט וואסער, האבן אָפּגעהילכט טעמפּ און אויסגעהוילט. ווי אלץ וואלט שוין געהאט אָפּגעלעבט, איבערגעקומען דאָס ביסל בידנע חיות און ליגט איצט אין הינערפּלעט פון גארנישט מיט גארנישט.

ס׳איז פולער מיטנטאג איצט; א זון א תמוזדיקע העלט און ברענט, אבער ס׳פעלט איר עפּעס היימלעכקייט, היימישקייט; ווי א פארצאָגטע אלמנה בלאנקעט זי איבער די צעלעכערטע פעלדער; און דער וואלד אן איינגעשרומפּענער מיט איבערגעקערטעביימער, שעפּטשעט עפּעס הויל און גרוי אָן איין פויגל־פלאטער; אומזיסט די זון, אומזיסט דאָס ליכט, — קיינער פילט עס סיי ווי נישט.

בלויז טעמפּער אָפּהילך פון ווייטע שאָסן קייקלט זיך איבער דער געגנט. אַן איינזאמע ווערבע אינמיטן וועג טוט אַ ציטער פון אַ הילך, טאַנצן שאָטנס פון אירע גלייכשטייענדיקע צווייגן און — בלייבט ווידער שטיין פארטאיעט און עלנט אינמיטן א זוניקן טאג וואס איז גליאיק, אימהדיק און שווער.

אין אזא טאג, האט זיך שטערנבערג געלאזט גיין פון אויסגעליידיקטן שטעטל צוריק אין דאָרף אריין. ס׳איז אפילו אן אימה די נאָז ארויסצושטעקן אין דרויסן: די פּאָליאקן כאפּן אויף ארבעט. שטערנבערגן האט זיך אבער פּאָרט פארבענקט צו זיין דאָרף. ס׳איז סאמע שניטצייט איצט. לעבן פענצטער פון זיין הויז, איז אוודאי דער באָב שוין אויפגעגאנגען ווי א מענטש די הויך.

ער קען זיך נישט מוחל זיין, פאַרוואָס ער האָט גאָר אינגאַנצן פארלאָזן דאָס דאָרף. ס׳איז געווען געפאַר? נו, און אין שטעטל איז דען נישט קיין געפאר? ליגן אויפן בוידעם אין שטעטל און ציטערן געכאפּט צו ווערן אויף ארבעט — איז קיין ענין נישט. אין דאָרף וואָלט ער זיך געמאכט א געלעגער אינעם ווייצנפעלד און פּטור. אלא מ׳וועט כאַפּן, זאָל מען; גענוג געבידעוועט אין שטעטל.

ארויסכאפּן זיך פון שטעטל איז אבער נישט אזוי גרינג; די בריקן היט מען און גלייך הינטער דער שטאט גראָבט מען אקאָפּעס — דארף מען זיך ארויסנארן; נארט ער זיך שוין אזוי דעם צווייטן טאג און דערווייל בלויז באוויזן אָפּצעארבעטן איין טאג ביי די אָקאָפּעס. א פּאָר פיינע קלעפּ ארייינגעכאפּט פון די זשאַנדאַרן ביי דער בריק, און בלויז אַ צוויי מאָל „געפּאשעט זשאבעס״ צו דער גרויסער פרייד פון די סאָלדאטן, וועלכע האבן אכטונג געגעבן אויף דער ארבעט.

דאָס איז געווען אַזא באַלוינונג פאַר גוט געטאָענער אַרבעט. דעם בעסטן אַרבעטער, האָט מען געהייסן כאפּן א זשאבע. די סאלדאטן האבן דערווייל ויסגעשניטן א שטיק גראָזיקע ערד און אים אנגעטאן אויפן קאָפּ, ארויסגעלאזט די זשאבע אויפן גראָזיקן שטיק ערד און אים געטריבן איבער דער לאָנקע מיט א געלעכטער און געליארעם: „פּאַשע די זשאַבע, פּאַשע די זשאַבע.״

געוויינטלעך פלעגן ביי דער שפּיל שטיין די אנדערע ארבעטער און קוקן שטום און פארביסן. דאָס פלעגט אויפרייצן די סאָלדאטן און כאפּן זיך שלאָגן מיט די הענטלעך פון די ביקסן, די ארבעטער פלעגן גלייך זיך א נעם טאן צו דער ארבעט און בלויז בגנבה א קוק טאן פון גרוב ארויס און זען ווי דער „זשאַבע־פּאַשער״, שפּרינגט אויף איין פוס און מיט יעדן שפּרונג טוט די זשאַבע אויך אזא הייב זיך אין דער לופטן, אבער א שטריקלביים פּיסל האלט זי צוריק; און דער זעלנער וואס האלט דאָס שטריקל ווערט אויך מיטגעריסן מיט דער שפּיל און טאנצט מיט. ארום כאַכאָטשען די זעלנער אָן אן אויפהער מיט אזא ווילדער הנאה פאר וועלכער זיי קענען קיין ווארט נישט געפונען — קוקן עס די אָקאָפּעס גרעבער צו און האלטן אין איין שפּייען ארום זיך. פון דער ברענענדיקער היץ, טריקנט דאָס שפּייעכץ און ציט זיך קלעפּיק איבער די גאָמבעס ווי ביי מעלה־גירהדיקע בהמות.

נאכן פּאשן די זשאבעס, האט מען אים דערלויבט צוריקצוגיין אין שטעטל אריין. ס׳איז שוין געווען טונקל, און אין דער טונקלקייט איז אים געראָטן ארייינצוכאפּן זיך אין א ליידיקן שטאַל ביים עק פון דער פאָרשטאט. האט דאָס אים געהאלפן פאָרט זיך ארויסצונארן פון שטעטל אויפן צווייטן טאג.

אויף אלע פיר, ראטשקענענדיק זיך פּאַזע דעם וועג, האט שטערנבערג מיטאמאל זיך געפונען הארט לעבן וואלד. די אנגעשטרענגטקייט פונעם קריכן מיטן קלינגעניש אין די אויערן, האט ראַפּטום זיך אָפּגעשטעלט און פארשטומט געווארן.

ער האט זיך אויפגעשטעלט און אַרומגעקוקט. דאַכט זיך אַז ער זעט אַלץ, און דערקענט פּאָרט נישט וואו ער איז. שוין צענדליקער מאל, אז ער איז דאָ געגאנגען. שוין מערערע מאָל געגאַנגען אפילו ביינאַכט צוריק פון שטעטל און אלעמאָל געפילט זיך היימלעך און נאָענט מיט יעדן סטעזשקעלע און ארויסשטאַרנדיקן פּניאַק אינמיטן וועג.

באלד דאַרף דאַכט זיך זיין אָרקע דעם וואלד־היטערס הייזל, איצט אבער אין דער פארטאיעטער רו, זעט ער גארנישט.

און אָ, איז דער וועג מיטן רויטן זאמד, אָט איז דאָס סטעזשקעלע וואס פירט גלייך צום טייך, וועלכער שלענגלט ארום דעם וואלד און פארגייט זיך אזש ביז העט קיין וואָלין; נו, מ׳זעט דאָך אַפילו די ווייסע הייזעלעך פון דער פאָרשטאָט. יאָ, מ׳זעט טאַקע אלץ, אבער פּאָרט איז עס נישט דער וועג אויף וועלכן ער איז אלעמאל געגאנגען.

דער פּחד וואָס האָט אים געהאלטן געשפּאנט די גאנצע צייט, איז עפּעס ווי נעלם געווארן, א חשק נישט צו דערקלערן, האט זיך גענומען דערקלייבן און רייף ווערן: מ׳דארף צוריקגיין. געפונען א וועג...

א הילך פון ערגעץ זייער ווייט, האט זיך צעשאָטן איבערן וואלד און א שעלעשטש פון צווייגן האט זיך דורכגעטראָגן פארביי אים און אים דערמאָנט: דער פּראָנט האט זיך דאָך ערשט מיט אַ וואָך צוריק אָפּגערוקט פונדאַנען. דער פארשוואונדענער פּחד איז צוריקגעקומען און אים איינגעקלאַמערט ווי מיט אַ רייף. דאָס קלינגעניש אין די אויערן, האָט זיך אומגעקערט און מיטאמאָל האט דער נעפּל פאר די אויגן זיך אויפגעריסן, און ר׳האט דערזען א צעלעכערטן וועג, צעוואָרפענע בלעכענע פּושקעס און איבערגעקערטעביימער.

די ארומיקע פארלאָזנקייט, האט גענאָגט מיט אזויפיל יאוש און געפאלנקייט, אז ס׳האט אים אנגעהויבן קלאפן א צאָן אָן א צאָן פאר קעלט. די פיס זאגן זיך אָפּ צו דינען, האט ער זיך אראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און געגומען קריכן. די ברענענדיקע זון אויף די פלייצעס, אבער ס׳איז נישט וואַרעמער. ער פילט ווי דאָס בלוט פרירט אין די אָדערן. די אויגן קלעפּן זיך, א געשטאַנק א מוראדיקער קומט פון וואלד ווי נבלה.

אין צעהיצטן זיכרון שנירלען זיך בילדער נאָך בילדער. אָט איז זיין היים אין א זומערדיקן נאכמיטאג; דער טאטע שלייפט א חלף, ער — שטערנבערג, א יינגל נאך, זיצט און לערנט תנ״ך, און דורכן אפענעם פענצטער, רייסט זיך אריין א פארבענקט מעקען פון א קעלבל: און אָט, איז עס גאר א לבנה־נאכט מיט ווייסע כישוף שטראלן. די לאנגע בריק ביי וועלכע ער שטייט, איז נאך לענגער געוואָרן. ס׳קומט אויס ווי די לבנה־שטראַלן וואָלטן געגאַנגען אין געוועט מיט דער לאנגער בריק: ווער וועט לענגער זיך אויסציען . . . אין וואסער שווימט די לבנה אזא פאנטאסטישע און ווייטע, און ער קוקט אין וואסער אריין און האט באשלאָסן, אז אויב די לבנה וועט אויסמיידן אָט יענעם ווייסן וואלקן, וועט ער היינטיקס יאר נאך אוועק פונעם שטעטלשן העק. . .

און באלד איז עס נישט די לאנגע בריק, ס׳איז גאר דער גרויסער זאמד־וועג פאר די בייכעטשעוועד וועלדער. ס׳איז א רויטע נאכט, א ברענענדיקע, שפייט מיט בליי און פלאם. דאָס גאנצע שטעטל לויפט אין טויט־שרעק פארן שונא. אויפן וועג געפונען זיי לײדיקע גריבער און כאַפּן זיך אַהין אַריין צו באַשיצן זיך פון די קוילן. אין דער פינצטער, האט ער אָנגעטאַפּט עפּעס ליגן און זיך מורא געהאט אנצורירן אָן דעם, נאָר מיטן גרוי פון טאג, האט ווי מיט א טעמפער זעג אים אַ ריס געטאָן דעם קליינעם ברודערלס קול: זע נאָר, יאַנקל, אַ מענטש מיט שוואַרצע הענטשקעס און רירט זיך נישט. . .

און אָט איז עס גאר נישט קיין פעלד, נישט קיין גריבער נאָר א וואסער: ס׳גאנצע שטעטל איז אין וואסער, און איבער אלעמענס קעפּ — פייער, דאָס שטעטל ברענט, דאָס שטרוי פון די דעכער פלאקערט ווי הבדלות און ווארפט פליאכעס פונקען פון איין עק צום אנדערן; ראטעוועט זיך דאָס שטעטל אין

טייך אריין. טונקען די קעפ אין וואסער יעדעס מאָל ווען א פלאם טוט זיך א לאָז איבער זיי מיט אַ פלי און אַ צישע ווי אַ שנעל־שיפּענדיקע שלאַנג, וועלכע זיי קענען נאָך פון דער „חומש־מעשה״.

בייגט ער אויך איין דעם קאָפּ און פונעם קלאָפּ אינעם פניאַק אינמיטן סטעזשקע, דערכאפּט ער זיך און קוקט זיך ארום: ס׳איז שאָטנדיק און טונקל אין וואלד. די שטילקייט ארום שומעט מיט גליווערדיקער רו, ווי אלץ וואלט שטיין געבליבן אָן אָטעם. ער פּרוואווט זיך באוועגן און האט מורא. מער ווי א דריי טאָן מיטן קאָפּ וואַגט ער נישט.

ווי לאנג ליגט ער שוין אזוי?

לויט די שאָטנס פון דיביימער דארף עס שוין זיין שפּעט אין טאג. איז ער געשלאָפן, געחלומט? פּארוואָס אזא מידקייט אין די ביינער?

פּלוצים טוט ער זיך א זעץ אויף, כאפּט ארויס א צעפּלאצט שפּיגעלע פון וועסטל־קעשענע און כאפּט א בליק. דאָס גאנצע פּנים איז ביי אים פארשמירט מיט קויט און בלוט. געפאלן, ווייזט אויס און צעקלאפּט זיך. ביסלעכווייז ווערט אים עפּעס קלאָר, ווי מ׳וואָלט מיט א ליכטל ערגעץ וואו פון הינטן אים צוגעלויכטן. הייבט ער זיך אָן דערמאָנען די נאָר וואָס איבערגעלעבטע בילדער. אין חלשות איז דאָס אלץ געווען.

— פּע, יאנקל — מוסרט ער זיך אויס, מ׳דארף זיך איילן אהיים, די זון זעצט זיך שוין.

— דאכט זיך אים, אדער? — עמיץ קרעכצט דאָך.

— וואַסער, וואַסער — הערט ער קלאר און דייטלעך.

א ציטער נישט איבערצוטראגן האט גענומען וואַרפן מיט אים. אין איין סעקונדע איז דאָס גאנצע לייב גענאָדלט געווארן, זיך געברעקלט און באלד געשטילט געווארן: „עמיץ קרעכצט״.

פון וועלכע זייט ס׳קומט, איז אים שווער געווען אויסצומארקירן צי פון

צעטומלטקייט צי פון שוואכקייט. אבער ער קען עס נישט דערכאפן. אָט, קומט עס פון דער, און אָט פון אַן אנדער זייט. ער איז געוואָרן א שטיק געהער. זיך אויפגעשטעלט און איינגעגראבן די אויגן אינעם שאטנדיקן ארום און גארנישט געזען. האָט עס אים צוריק אַנידער געוואָרפן אויפן גראָז. סע הערט זיך טאַקע בעסער. ס'קומט טאַקע פון רעכטס, אָבער אויך פון אנדערע זייטן, ווי דער גאנצער וואלד וואלט שטום געקרעכצט. ווי א חיה אין א פאסטקע, האט ער גענומען אָטעמען שווער און שנאַפן מיט דער נאָז. פון בלויזן אינסטינקט געפירט, גענומען שפרינגען אויף אלע פיר. קיין קרעכצן הערט זיך מער נישט, נאָר ס'קלינגט אים נאך אין אויער און דער טאָן פירט אים. ציט ווי מיט צוואַנגען; ס'קלינגט אין אים. ס'רוישט און פאָרט פילט ער, אַז ער האַלט איין דעם אטעם. אַז די אויערן זיינען אנגעשטרענגט צום פלאַצן: עמיץ האט געקרעכצט. . .

ווי לאנג ס'האט אים גענומען דאָס זוכן, האט ער זיך נישט געקענט דערמאָנען. נאר ווען ער איז געקומען צו זיך, האט ער זיך דערזען שטיין נישט ווייט פונעם וואַסער לעבן אַן איבערגעבראָכענעם בוים. אַביסל אָפּגערוקט איז געלעגן מיטן פנים ארויף א פארחלשטער סאלדאט, איין האנט איינגעקלאמערט אין שינעל און די צווייטע — אויסגעצויגן אין דער ברייט מיט א דאר שטיקל סוכאַר צווישן דער פויסט. פון מויל האט נאך געזעצט א פינע; צופיסנס, אונטער אַן אָפּגעבראָכענער צווייג, האט נאך געצאַפּלט א װעװערקע מיטן בייכעלע ארויף און מיט פארגלעזערטע אויגעלעך געגלאָצט אזוי קינדיש דערשראָקן. די צווייג האט זי פארכאפּט פּונקט אינמיטן בייכל.

שטערנבערג האט זיך מיטאמאל דערמאנט, אז ס'ערשטע וואס ער האט געהערט איז געווען א טרעשטש פון א צווייג און א דינעם קוויטש. ערשט דערנאָך א קרעכץ. שפּעטער האט ער זיך עם אויסגעטייטשט, אז ביים פאלן האט דער פארחלשטער זיך פארטשעפּעט אין דער צווייג און פארכאפּט די װעװערקע.

פארזיכטיג האט ער אויפגעהויבן דעם פארחלשטן און אים צוגעטראגן צום וואסער. דערמונטערט און נישט פרעגנדיק ווער און וואס, אים גענומען אויף די אקסל און זיך געלאזט צום דארף.

* * *

די שטילקייט איז נאָך שטילער געוואָרן. די פּאַרטאַיעטע רו, האָט נאָך גליוועדיקער גערוקט זיך פון אַלע ווינקעלעך: שאָטנס האָבן זיך געטראָגן פון אַלע זייטן צוזאַמען מיט פאַרטויבטע קנאַלן פון האַרמאַטן, אָבער אין שטערנבערגן איז עפּעס לויטער געוואָרן און אויפהייבנדיק די אויגן, האָט ער געזען ווי די שוועלבעלעך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבערן הימל אויפן פאַרנאַכטיקן שפּאַציר.

אַ שוועלבעלע האָט זיך אין שפּילנדיקן פלי איבערגעקערט און אַנטפּלעקט אַ גרוילעך בייכעלע אַ פּוכקעס, האָט זיך אים גלייך אוועקגעשטעלט דאָס ברוינע בייכעלע פון דער וועווערקע מיטן גלאַזיקן בליק, און אַ ווייטיקלעכער צוק האָט אַ קרום געטאָן זיין פּנים. באַלד אָבער האָט ער זיך דערכאַפּט און פעסטער צוגעהאַלטן דעם מענטשן אויף די פּלייצעס און זיך גענומען אײַלן.

איז אים אַנטקעגן געקומען דער וואַלדיקער וועג מיט אויפגעריסענע גריבער, איבער זיי צענויפגעפּלאָכטענע צווייגן פון בוים צו בוים ווי אַ חופּה איבער זייערע קעפּ; און פאַר די אויגן האָט געשימערט אַן אין בלוט פאַרגייענדיקע זון.

# קראָ קראָ

איין די פאַרנאַכטן האָבן שוואַרצע קראָען פאַרקראָקעט דאָס דאָרף, אָניאָגנדיק אַ שוואַרצע מורא. שורות׳ווייז האָבן זיי געצויגן מיט נאָכגעלאָזטע פליגל און אויפגעשטעלטע פּיסקעס; אָפּגעשטעלט זיך אויף דער לאָנקע ווי אויף אַן אַסיפה, אָפּגעקראָ׳ט אַ פאַרנאַכטיקע תפילה און אַוועקגעצויגן מיט אַ פלאַטער אין וואַלד אַריין. פון צווישן דיביימער האָט זיך געטראָגן אַ שטיל און בייז וואָרטשען. מ׳האָט געהערט דאָס קריצן פון הונגעריקע ציינער ווי פון געקייעטן גלאָז. דאָס געמורמל פון די שוואַרצע נפשות האָט געגרוילט און געמאָרעט מיט פּיין און אומרו.

דאָס דאָרף האָט זיך דערפילט עלנט. נאָך די פּאָר וואָכן „אָפּרו" האָט מען זיך ווידער דערפילט אַרומגערינגלט פון דערוויל נאָך אַ פאַרהוילענעם שונא. אַ פּחד אַ באַהאַלטענער האָט גענומען גיין פראַנק און פריי איבערן טראַקט, אַריינגעריסן זיך אין די דערשראָקענע כאַטעס, וואָס קוקן אויס אין די פאַרנאַכטן ווי פאַסטקעס אויפגעשטעלטעביים וועג; לייגסטו אַוועק אַ האַנט, איז אַ מורא זי אויפצוהייבן זי זאָל זיך אין עפּעס נישט אָנשלאָגן . . . דרייסטו אַוועק דעם קאָפּ דאַכט זיך, אַז עמיצער שטייט הינטן גרייט בייז צו טאָן. ווערן זיך די פּויערים און ווילן זיך נישט אונטערגעבן דעם אָנקומענדיקן פּחד, שטייפן איין די הערצער און לאָזן נישט צו דעם „אַנטי־קריסט" וואָס טוט אָן אָט די אַלע צרות, דרייען גראָבע פּאַפּיראָסן און שווייגן. שטאַרקערע דרייען וואָנצעס און זידלען זיך: — „זע נאָר ווי זיי האָבן זיך עס דערשראָקן די באָבעס, שוין געווען ערגערע צייטן."

אָבער, אַלטע באָבעס, איינגעהילט אין שמאַטעס, פאַרקרימען די פּנימער מיט די קארבן פון האָרעוואַניע און פּראַצע, צלמענדיק זיך: "שלעכט וועט זיין פּאָטערלעך, שלעכט וועט זיין, נישטאָ וואָס צו כעסן זיך".

אַנדערע דערציילן אַז אין מיקוטיטש איז אין קלויסטער אַראָפּגעפאַלן די הייליקע איקאָנע. דאָס הייליקע ליכט לעשט זיך עפּעס כסדר אויס. נישט אַנדערש אַז די וועלט גייט אונטער. שקצימלעך מיט פאַרשוואַרצטע נעזעלעך, פאַרגייען זיך אין געוויין. פרומע פּויערטעס. האָבן אַרויסגעטראָגן די איקאָנעס צום עק דאָרף, אַרומגעשטעלט זיך אַרום דעם אַלטן שוויענטע יאַן" וואָס שטייט

אַ פּאַרקרומטער און אַן אָפּגעבליאַקעוועטער פון רעגנס און שניי, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אין הייליקן, ווייטן עקסטאַז; אָנגעטאָן אים אַ גאַרטל פון פרישע זאַנגען וואָס דער גלח האָט געהייליקט, און גענומען מורמלען קניענדיק: „זאָלן דיינע יסורים, הייליקער יאַן, זיין אַן אָפּלייז פאַר אונז. האָב רחמנות אויף דיין קריסטלעך פאָלק, הייליקער יאַן. באַמי זיך אַז אונדזערע כאַטעס זאָלן בלייבן גאַנץ און די שפּייזער אונדזערע, זאָלן נישט אומקומען פאַר דער צייט״. די תפילות שווימען אַריין אין דער נאַכט אַריין און מישן זיך אויס מיטן ציין קריצעניש און פלאַטער פון די קראָען: — „זיי וואַרגן אים דעם אנטיכריסט״ סודען זיך די ווייבער און ווערן זיכערער ביי זיך.

אַז חיה די אַרענדאַרקע, די איינציקע יידישע פרוי אין דאָרף, האָט געזען וואָס די פּויערטעס טוען, האָט זי אויך אַרויסגענומען דאָס תהלימל און גענומען זאָגן וואו ס׳האָט זיך אויפגעמישט אויף עברי־טייטש: „לדוד צו דוד׳ן, בשנותו אין זיין טוען טאָן פאַרענדערן״, האַרצעדיקער פאָטער געטרייער, פאַרענדער אונדז צו גוטן און צו וואוילן גאָטעניו, — פאַרגייט זי זיך אין געוויין, קוקט נישט מער אין תהלימל נאָר זאָגט פון אויסנווייניק וואָס אויפן האַרצן ליגט, דאָס לשון איז שווערלעך אָבער זי פילט אַז זי זאָגט וואָס מ׳דאַרף און מיט יעדן טרער ווערט גרינגער אויף דער נשמה. דער פחד צעשווימט און אַנטלויפט ווי אַ שווערער וואָלקן פאַר אַ שטורעם ווינט. און עס שניידט זיך צוריק אַרויס דאָס דאָרף מיט די איינגעהויקערטע כאַטעס, און דער אויסגעליידיקטער הויף שרעקט אויך נישט מער: „מ־ע־ע, מיר׳אָמער אַ גרויסן גאָט אין הימל״, טרייסט זי זיך און נעמט צוגרייטן עפּעס עסן פאַר איר מאָטלען וואָס דאַרף קומען פון שטאָט.

שפּעט אין אָוונט האָט זיך מאָטל אַריינגערוקט אין שטוב אַריין, געגעבן זיין געוויינטלעכן מרוק, — זיין: „אַ גוטנאָוונט״, אַראָפּגעלאָזט די פאַרקאַשערטע פאָלעס און באַהאַלטן דעם גאַרטל צוריק אין טלית זאַק, אַ קעם געטאָן די שוואַרצע קאָלטענעוואַטע באָרד און גענומען דערציילן: „ערב יום־כפור אין שטאָט, די געוועלבן פאַרהאַקט, מ׳כאַפּט אויף אַרבעט און מ׳שלאָגט. קוים זיך אַרויסגעכאַפּט פון דאָרט. מ׳דערציילט אַז מנשה קצב האָט מען די באָרד אָפּגעשאָרן. זיי וואָלטן עס באַדאַרפט מיר טאָן, — נעמט ער זיך צעשרייען. חיה האַקט אים איבער: „אלע פירן אַוועק די בהמות אין וואַלד

אַריין.״ מ׳דאַרף אפשר אויך אַוועקפירן די ראַבע, האַ?״

— מאָטיאָ גייסט? — קלאפּט אין פענצטער אַ שכן. מאָטל ענטפערט אים נישט, גיט אַ כאַפּ אָפּ די וועטשערע, פארקאשערט צוריק די פּאָלעס, בינדט זיי אונטער מיט׳ן גארטל וואָס איז געל און אויסגעטעפּעט און לאָזט זיך אין שטאַל אַריין; טוט אַ גלעט דער ראבער, לייגט אַרויף די האַנט אויפ׳ן מויל און פירט זי דורך דורכ׳ן פענסטער וואו חיה שטייט און קוקט.

באַם וואַלד האָט מען באַגעגנט די פויערים טרייבנדיק די בהמות אין וואַלד אַריין.

— — אין מיקוטיטש האָבן זיי צוגענומען אַלע בהמות — דערציילט איינער.

— שדים אַזעלכע — זידלט זיך מיכאלקע פלעשטש און פארדרייט אַ וואָנצע.

— דערמאַן נישט אַקעגן נאַכט — וואָרנט דער אַלטער וואוורעניוק — דער פאָטער אנטאש האָט מיר געזאָגט אַז אין מלחמה צייט, גייט אום דער אַנטיקריסט אויף די טראקטן, און אַז ער דערהערט רעדן פון שדים, —

— צלם דיך איבער, וועט ער אַנטלויפן — פאָרט אים אַריין מיכאלקע, וואָס האַלט זיך פאַר אַן אויפגעקלערטן.

— ביסט אַ לץ מיכאל, פאדרייט אַ פּאַפּיראָסל דער אַלטער וואוורניוק — אַז ער דערהערט רעדן פון נישט גוטע, רייסט ער אויס אַ האָר פון זיין עק און פאַרפלאָנטערט נאָך מערער צרות.

— צום פערצנטן קוואַרטאַל גייט! דאָרט איז דאָ אַ גוט ערטל —

— אַז זיי וועלן קומען אַהין, וועט זיי שוין דער נישט גוטער נעמען —

זידלט ווידער מיכאלקע און פאַרציט די וואָנסע אויף אַרויף. אַלע פאַרקירעווען זיך לינקס. די בהמות דריגען מיט די פיס. ווילן צוריק אין שטאַל

אַרײַן, קריגן אָבער שמיץ און גײען װײַטער. פון װײַטן דערטראָגט זיך אַ טעמפּער הילך פון סנאַראַדן.

— אין מיכאַילאָװיץ האָבן זײ פאַרברענט די בריקן, און אַלעמען געטריבן אין װאַסער אַרײַן — דערצײלט מאָטל.

— רילעװיץ האָבן זײ גאָר אײַנגאַנצן פאַרברענט — דערצײלט אַן אַנדערער.

— מ׳װאָלט געדאַרפט שטעלן װאַכן אין דאָרף. נישט געדאַרפט איבערלאָזן די באַבעס אַלײן.

מיכאַלקע לײגט פאָר מ׳זאָל אױסקלײַבן אַ פּאָר יונגע חברה און צוריקשיקן היטן ס׳דאָרף, קײנער װיל אָבער נישט גײן און ס׳װערט גאָרנישט דערפון.

ס׳האָט שױן אָנגעהױבן שאַרעיען אױף טאָג. דער װאַלד האָט זיך גענומען אױסװיקלען פון׳ם נעפּל און אַנטבלױזן זיך. אַ געדיכט שטיק נעפּל אָבער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין סאַמע מיט װאַלד און פאַרפּלאָנטערט זיך אין די בײמער, כאָטש גײ נעם אים אָן באַ די הערנער און שלעפּ אים אַרױס. מ׳האָט אױסגעמאָלקן די בהמות אױפ׳ן גראָז, פאַרגעסן מיטצונעמען כלים, און אַלײן זיך פאַררוקט אין די קשאַקעס.

דער טאָג האָט זיך גענומען ציען פױל און נודנע, די זון איז געשטאַנען װי אַן אײַערנעכטיקע און געפאַרעט פױל און אָפּגעלאָזן. קײן װאַסער איז נישטאָ, נעמען זיך די יונגערע ראַטשקען אַרום די װײַכע פלעצער און זוכן אַ קװאַלעכל. באַם ראַנד פונעם קװאַרטאַל אונטער אַן אונטערגעהאַקט בײמל האָט מען ערשט אױפ׳ן צװײטן טאָג געפונען אַ קלאָר קװאַלעכל װאָס האָט קריסטאָל רײן זיך געצױגן פון אונטער׳ן װאָרצל אפער, אַזױ קלאָר און שטיל גלײך װי קײנמאָל גאָרנישט. שטײען פױערים און קראַצן זיך פאַרטראַכטע, פילן די מאָדנעקײט דערפון און קאָנען עס נישט אױסדריקן, טוען אַ כאַפּ אַ קוק אױפ׳ן נודנעם דרױסן און ס׳דאַכט זיך זײ אַז זײ הערן עפּעס רעדן אין דער װאַלדיקער שטילקײט. עפּעס רעדט עס מיט פּוסטן עלנט און הױלן אומגליק.

אין די פֿאַרנאַכטן ווערט אַמאָל די שטילקייט און נודנעקייט איבערגעריסן דורך אַ יונג וואָס האָט זיך מיט צרות אַרויסגעכאַפּט פֿון דאָרף און דערשלעפּט זיך צו די קשאַקעס. אַלע רינגלען אַרום דעם גאַסט, מיט אַזויפֿיל דערוואַרטונג און שטומען פֿרעגן, גלייך ער וואָלט געקומען פֿון אַ ווייטער וועלט וואָס מ׳קען זי נישט דערגרייכן. ער דערציילט אַז די לעגיאָנערן שלאָגן וועמען זיי באַגעגענען. דעם סאָלטיס האָבן זיי שוין פֿאַרמוטשעט. זיי ווילן די בהמות, אַז נישט, זאָגן זיי, וועלן זיי פֿאַרברענען דאָס דאָרף.

שרעק צעלייגט זיך אויף אַלע פּנים׳ער, אומבאַהאָלפֿנקייט און צוגעוואוינטע איינגעשפּאַרטקייט שפּאַרט אַרויס פֿון אַלע אברים; נישטאָ וואָס צו זאָגן און איבערפֿרעגן — אפֿילו מיכאלקע פּלעשטש וואָס לאָזט זיך נישט צו צום האַרצן, שווייגט אויך. ליגט מין און מ׳וואַרט. מ׳ הייבט אָפּט אויף דעם קאָפּ, צו כאַפּן אַ קוק צי זעט מען שוין נישט אַ רויך פֿון דאָרף. די צייט האָט זיך ווי אָפּגעשטעלט, אַרום איז אַזוי שטיל דערדריקט צו ווערן; די בהמות מיט פֿאַרשלאָסענע מיילער קוקן מיט האַלב געעפֿנטע אויגן, דריגען מיט די פֿיס און וואַרפֿן מיט די ווידלען, מיינט מען אַז זיי יאָגן עמיצן אָפּ פֿון זיך; קוקן מענטשן מיט שרעק און צלמן זיך, און דער הימל איז אַזאַ טיפֿער און שטערן בלישטשען אַזוי פֿרעמד און קאַלט: „ווען וועט עס שוין נעמען אַ סוף?״ און ס׳טוט באַנג, וואָס מ׳האָט איבערגעלאָזט ווייב און קינדער מיט האָב און גאָב אויף גאָט׳ס באַראָט.

מאָטל זיצט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן צום אויסגעשטערנטן הימל. דאַכט זיך, ער זעט ווי דער הימל שווימט אַוועק מיט אַזאַ מין לייכטקייט ווי דער רויש פֿון זיידענע קליידער אויף אַ חתונה. עפּעס שפּילט ערגעץ ווייט אַזוי זיס טרויעריק און שטיל; אַלץ אַרום טאַנצט לויט די טענער שטיל און שוועבנדיק, קיין נייג פֿון אַ בלעטעלע ווערט נישט פֿאַרלאָרן; אַ בלישטש פֿון אַ שטערנדל כאַפּט עס און פֿאַרטראָגט ווייט אַוועק. און די קשאַקעס דאַכט זיך אים, ליגן אָפּן פֿאַר דער גאַנצער וועלט. אַלע זעען ווי ס׳ליגן איינגענורעט פֿויערים דערשלאָגענע, בייזע און פֿאַרמאָרעטע. פֿון אַ בוים אַראָפּ קוקט אַ לעגיאָנער וואָס די ביקס איז גרעסער פֿאַר אים; אַ גלי ווערעמל האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף זיין פֿראַנצויזישן מונדיר און ער וויל עס אַראָפּשיסן . . . מאָטל וויל לאַכן אָן קאָן נישט, ער פֿילט, אַז אָט וועט עפּעס געשען: „מ׳קען דאָך נישט ליגן אַזוי

הויל נאַקעט קעגן דער וועלט. מ׳דאַרף גיין אַהיים, טראַכט ער, אפשר איז דאָרט נאָך געבליבן אַ שטיקל הימל איבער׳ן קאָפּ״. ער נעמט וועקן זיין שכן, אַ פויער מיט ברייטע הארעפּאַשנע פּלייצעס וואָס ליגט און כראָפּעט אומרואיק און דערשראָקן.

— שטיי אויף, לאָמיר גיין זוכן אַ שטיקל הימל, מ׳קאָן דאָך נישט זיין אַזוי אָן אַ הימל איבער׳ן קאָפּ. . .

— וואָס פּלעשטשעסטו עפּעס פון שלאָף, מאָטיאָ? — נעמט אים מיכאלקע וועקן — דיר חלומ׳ט זיך? שפּיי אויס און זאָג דיין פּאַטשעזש, אין מלחמה צייט זיינען אַלע גלייך.

מאָטל האָט זיך אויסגעטשוכעט און זיך דערפילט נישט היימלעך. געוומען זוכן די תפילין און זיך מיטאמאָל דערמאנט, אַז ער האָט שוין צוויי טעג נישט געדאַוונט, און ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן.

די פינפטע נאַכט איז אָנגעקומען אין וואַלד אריין מיט אַ גאַנצן קלאַפּער־געצייג פון חושך און פחד; אַ מורא זיך אומצוקוקן. יעדער בוים האָט אויגן און קוקט, דאַכט זיך, מיט איבערשרעק אָדער — גאָר באַדויערן וואָס איז נאָך ערגער. אַלע זיינען צוזאַמענגעדריקט און צונויפגעקוועטשט, מ׳ליגט אין אַ רעדל גלייך ווי איינער דעם אַנדערן וואָלט געקענט באַשיצן. אַן אוראַלטע שרעק האָט זיך באַזעצט אין וואַלד, איינגעקלאַמערט דאָס בינטל מענטשן ווי אַמאָל אין די היילן פון די אורוועלדער; קיין פנימער זעט מען נישט. בערד ווי באַרשטן שטעכן דאָס פּאַרטאַיעטע פלייש און אויגן בלישטשען, ווי ווע לף אין פּראָסטיקע ווינטער נעכט.

— יעזו — מורמלט מען אין דער שטיל. דער אַלטער וואוורעניוק זוכט שוין אַ גאַנצן אָוונט זיין רעכטן פוס און קען אים נישט געפינען, ער האָט אָבער מורא אַרויסצורעדן אַ וואָרט. די הענט זיינען ווי געליימט און הייבן זיך נישט אַפילו צום צלמ׳ען.

מאָטל אַ פאַרשטיינערטער ליגט צווישן אַלעמען און האָט מורא צו עפענען די אויגן, ער זאָל נישט דערזען דעם מלאך מיט די טויזנט אויגן וואָס

שטייט איבער די קעפּ און פאַרמאַכט אַלע ווילע אַן אַנדער אויג און עפנט אַנדערע צען . . .

די שטילקייט שניידט און פילט אָן די אויערן ביז צום פּלאַצן — מ׳וואָלט געדאַרפט זען ווי מיכאַלקע זעט איצט אויס, ליגט אָבער די פינצטערניש ווי אַ משא אויף די אויגן; צוויי טריט פון זיך זעט מען גאָרנישט. מ׳פילט אַ וואַרעמקייט פון די בהמה׳שע גופים וואָס ליגן אויך אַזוי איינגעקוועטשט איינע אין דער אַנדערער מיט שווערן פּחד. מ׳האַלט זיי צו די מיילער זיי זאָלן נישט מעקען. די סכנה איז נאָענט, יעדער שאָרך קען אויסגעבן.

אַ מידקייט האָט זיך צעגאָסן אין די ביינער, אַז ס׳טראַכט זיך גאָרנישט, כמעט שוין פאַרגעסן ווי אַזוי מ׳איז געקומען אַהער און צוליב וואָס מ׳ליגט דאָ צענויפגעקוועטשט אונטער די קשאַקעס; דעם קאָפּ פאַרגראָבן און פאַרנורעט ווי די שטומע בערוועַנעס. אַ נאַסקייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַלץ, דאַכט זיך מ׳ליגט שוין אַזוי אַן אייביקייט: דאָ איז מען געבוירןְ געוואָרן און דאָ וועט מען שוין אַזוי בלייבן אייביק.

דורכ׳ן געדיכטעניש רייסט זיך פּלוצים דורך אַ גראָקייט, אַ טויטע ווקערישע גראָקייט פון אַ נאַסן באַגינען. פון דאָרף דערטראָגט זיך אַ קרייען פון אַ האָן, אַ תאווה׳דיק זאַטער קריי וואָס דערמאנט אין אַ וואַרעמען איבערבעט פון פּוך מיטן טוכלע ריח פון פויערישע כאַטעס. עס שאַרעיעט אויף טאָג. מ׳דאַרף זיך איילן.

איינציקווייז הייבט מען זיך אויף, אַ שורה נאָך אַ שורה ראַטשקעט מען זיך אין דער שטיל. די שלעסער אויף די מיילער פון די בהמות איינגעצויגן אַזוי אַז די שטאַרקערע בהמה׳לעך שטעלן זיך דיבאָם און קוקן מיט אַזוי פיל תרעומות אויף די באַלעבאַטים וואָס זיינען עפּעס לעצטנס נישט אויפגעלייגט, לאָזן נאָר כסדר אַראָפּ די אויגן און קוקן נישט גלייך. די פיס ביי די בהמות פאַרבונדן מיט שמאַטעס ס׳זאָל זיך קיין שאָרך נישט הערן. דער וואַלד פאַרשטעלט דעם קאַראַוואַן; פון יענער זייט וואַלד לאָקערן די לעניאָנערן אויפן „אויג אין קאָפּ״ אויף די בהמה׳לעך וואָס מ׳האָט אַליין אויפגעהאָדעוועט; זומער געניאַנטשעט אין שטאַל און ווינטער געכאָוועט אין דער ענגער כאַטע. יעדער טראַכט זיך פאַר זיך און פילט איין וואָרט: גיכער!

דער אַלטער וואורעניוק טאַנצט אונטער אויף איין פוס און פּאָנפּעט עפּעס אונטער דער נאָז.

— אַ צייטעלע זיך דערלעבט — וויל זיך מיכאַלקע דערוואַרעמען, זוכנדיק מיט דער פרייער האַנט די וואָנסע — אַז זיי וואָיעווען אַרום, זיינען מיר שולדיק. — מ׳איז אָבער נישט אויפגעלייגט אים צו ענטפערן.

אַ פאַרבלאָנדזשעט בהמה׳לע וואָס איז נעכטן נאָך אַוועק פון דער טשערעדע וואָס מ׳האָט געטריבן צו דער שחיטה, שטייט פאַרפּלאָנטערט מיט די הערנער און קען זיך נישט אויסבאַברען פון די צווייגן. דערזעענדיק דעם קאַראַוואַן, פּרואווט זי נאָכאַמאָל אַ בוטשקע טאָן מיט די הערנער; גראַבלט מיט די פיס און קוקט מיט אַזעלכע מאָדנע אויגן אַז ס׳נעמט אָן ביים האַרץ, און צערעוועט זיך יאָמערלעך: מע־מע־מע־מע . . .

דער אַלטער וואורעניוק, האָט פאַר שרעק אַ טאַמל געטאָן און זיך גענומען צלמען: יעזו מיינער, דערבאַרעם זיך!

דער קאַראַוואַן האָט זיך אַ מינוט פאַרלוירן, פאַוול דער גאַיאָווע אָבער האָט נאָר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַראָפּגעבויגן זיך און אַרויסגעשלעפּט פון כאָליעווע ס׳מעסער און באַפוילן: שנעלער, כ׳על זי שוין צערעכטמאַכן. דער קאַראַוואַן שלעפּט זיך שוין ווייטער און ער נעמט זיך צילן דער בהמה׳לע גלייך אין מוח אַריין;ביידע נפשות האָבן זיך אָנגעקוקט, אַ האַסטיקער שפּרונג פוןביידן צוגלייך, די בליקן באַגעגענען זיך—

און דאָס בהמה׳לע מיטן מעסער אין האַלז און אַן אָפּגעבראָכענעם האָרן, לאָזט זיך אַוועק מיטן פעלד צום דאָרף צו— מע ע ע ע ע ע, און קערט זיך איבער אין אַ גראָבן.

דער קאַראַוואַן רוקט זיך ווייטער. פון יענער זייט וואַלד שטעפּט אַ מאַשין־ביקס. ס׳איז שוין טאָג.

# כדאי צו געדענקען...

פאָרוטשניק יאַוואָראָווסקי איז זייער אַן אָפּגעהיט און אָפּגעפּוצט מענטשל; אַלץ אויף אים ליגט אויסגעגאָסן און געפּאַסט מיט גרויסשטאָטישן שיק: פון דעם פיין געשניצטן היטעלע אויפן פלאַקסענעם, גלאַט פארקעמטן קאָפּ ביז צו די ענג פארצויגענע ברוינע גאַליפּיי־הויזן ארייגעשטעקט אין די געפּאַסטע באַשפּאָרנטע שטיוועלעך. אפילו דער דינער צינישער שמייכל אויפן ראַזעווען און לענגלעך פארשפּיצטן פּנים, שפּילט זיך אזוי עלעגאנט גלייכמעסיק פוןביידע זייטן שפּיזלדיקע וואָנצעלעך, ממש ווי מיט גרויס כוונה אָפּגעטאָקט כדי גאַנץ צו מאכן דאס איידעלע געשטעלעכל וואס הייסט: קאָמענדאַנט פּאָרוטשניק יאַוואָראָווסקי.

שעהן לאַנג שטייט ער אַפּ פאַרן לאַנגען וואַנט־שפּיגל וואָס הענגט אין זיין ארבעטס צימער אין דער גרויסער מוירע. פּאַמעלעך, נישט געאיילט, פּאָרעט ער זיך און באקוקט זיך מיט גרויס כוונה פון אלע זייטן. אויסגעעסטראָיעט זיך, טוט ער א פלינקן שפּרונג־אונטער אויף די שפּיץ קנאַפּל גלייך צום שרייבטיש און נעמט געלאַסן אַרויפציען די זאַמשענע הענטשקעס אויף די לאַנגע אויסגעאיידלטע פינגער פון וועלכע ער שעפּט גרויס נחת. „מיט אַזעלכע פינגער ווערט מען נישט געבאָרן בלויז צו טאַפּן און אָנרירן זאַכן. אַזעלכע פינגער זיינען עדות אויף דעם וואס מ׳קען און מ׳וועט נאך מיט זיי שאַפן" — דערמאנט עס אים אלעמאל וואס זיין מוזיק־לערער פלעגט אלעמאל איינטענהן מיט אים. א צופרידענער שמייכל העלפט אים אויסצוגלאטיקן אלע קנייטשעלעך אויפן גלאַטן זאַמש און נעמט זיך באקוקן פארזיכטיק די שפּיצרוט אָן וועלכער ער רירט זיך נישט ארויס פון דער מוירע. מיט ליבשאפט ממש באקוקט ער דאס שווארצע לעדערנע הענטל פון דער שפּיצרוט און גלעט מיט הנאה די לעדערנע פרעגנדזעלעך וואס זיינען דורכגעפלאָכטן מיט דינע דרעטעלעך וועלכע מ׳זעט אין גאנצן נישט אָן.

פיינטשיק! — טוט ער א שמיץ מיטן שפּיצרוט אויף די גלאַנציקע שטיוועלעך און אין גאַנצן צופרידן מיט זיך, לאָזט ער זיך וואוליוונגעריש ארויס אויף זיין טעגלעכן פארנאכטיקן שפּאציר איבערן שטעטל. אונטערפּייפנדיק זיך אַ לידל שפּרינגט ער פלינק אראָפּ פון די טרעפּלעך און

פֿאַרהאַלט זיך האַרט ביי דער טיר אפצוכאפּן דעם אָטעם און אננעמען א סטאַטעטשנע פּאָזע ווי עס פּאַסט פֿאַרן היטער פון אָרדענונג און רעכט.

אַ גאנצן טאג רירט ער זיך נישט ארויס פון דער גרויסער מויער, פון וואנען ער הערשט איבערן שטעטל מיט דער סביבה. וואס מ׳דארף זען אין שטעטל קען ער זען דורכן גרויסן שפיגל־פענצטער וואס פארנעמט א האלבע וואנט אין זיין ארבעטס צימער. זיין שרייבטיש געפינט זיך אלעמאל מיטן פנים צו דער שפיגל־וואנט אויפן דריטן שטאָק פון דעם איינציקן געמויערן הויז וואס איז געבליבן גאנץ פון דער לעצטער באמבאדירונג. פון דארט קען מען זען וואס עס טוט זיך אין גאנצן מארק מיטן רינג קראמען ארום און אפילו ווייט אריבער דעם מארק אויפן טראקט, וואס פירט אריין און ארויס פון שטעטל. קיין בעסערן קוק־פונקט קען מען זיך גארנישט ווינטשן. ממש ווי ספעציעל אויסגעבויט פאר דעם צוועק. ער ווייסט דעריבער צי עס זיינען א סך וועגענער דורכגעפארן דעם טאג צי נישט און צי אלץ איז נארמאל אינעם געוויינטלעכן גאנג פון שטעטל. ער האט זיך שוין אפילו אויסגעלערנט צו קענען פון דערווייטנס דערקענען צי ס׳זיינען אנגעקומען נייע מענטשן אין שטאָט אריין און וואו אן ערך זיי דארפן זיך געפינען. א חוץ דעם האט ער שוין זיינע לייט וואס ציילן פאר אים די וועגענער וואס קומען אריין און פאָרן ארויס פון שטעטל — פון וועלכע דערפער מ׳איז געקומען און וואוהין ווער עס פאָרט.

אין רעגנדיקע און קילע טעג, זיצט ער זיך ביים שרייבטיש מיטן פנים צום שפיגל אנטקעגן פענצטער און אלץ וואס קומט פאָר אויפן טראקט שפיגלט זיך אפ דארט. פארכאפּט אים עפעס דאס אויג, קוקט ער זיך גוט איין און פארנאָטירט עס אין זיכרון. צוליב וואס, ווייסט ער אליין נישט, אבער „איינער וואס איז פאראנטווארטלעך פאר דער מלוכה, דארף בכלל האבן די אויגן אומעטום און נישט פארלאזן זיך אויף עמיצן״. — דאס איז ביי אים שוין א מין צווייטע געוואוינהייט. „קענסט קיינמאל נישט וויסן וואס עס איז וויכטיק און וואס נישט״, — דערקלערט ער פאר זיך אליין זיין מאָדנע נייגעריקייט צו וויסן יעדע זאַך וואָס עס קומט פאָר ארום אים.

אין שיינע און זוניקע טעג שטעלט ער זיך פשוט אוועק אויפן גאניק און קוקט און הערט זיך איין. אלע עטלעכע שעה פייפט די קאלעיקע (קליין־באן) א מייל און א האלב פון דער לאנגער בריק; וועגענער קלאפּן אויפן

הילצערנעם שאסיי; פערד הירזשען ערגעצוואו, הינט האַווקען. ער שטייט אַלץ און קוקט סתם אזוי זיך און האָרכט מיטביידע אויערן אויפּאמאל. ער ווייסט אליין נישט צוליב וואס און פאר וואס, נאר עס וועט מן הסתם צונוצקומען אמאל. און כאטש דער גאנצער מארק זעט אויס נארמאל פארנומען מיט זיין טאָגטעגלעכער באַשעפטיגונג, פילט ער אָבער אַז דער מאַרק ווייסט אַז ס׳איז דאָ אַן אויג וואָס זעט און וואַכט. קיין שמייכל ווייזט זיך דאַן נישט אויף זיין פנים. אין זיך שמייכלט ער מיט גרויס הנאה, און ווען ער וואלט נישט קיין מורא געהאט עפעס צו פאַרפעלן, וואָלט ער געהייסן דעם פאָטאָגראַפיסט אַראָפּנעמען אים אין אַזאַ פּאָזע. עס האט שוין א פּאָר מאָל געהאַלטן דערביי, אַז ער זאָל בעטן דעם בריוו־טרעגער, דעם הויקער, וועמען ער האט געשענקט אַ פאָטאָגראַפישן אפאראט ווי אַ לוין פאר באזונדערע פארדינסטן פאר דער נייער מאכט, ער זאל אים אראפנעמען אזוי צופעליק, אבער יעדעס מאל ווען ער וויל עס אים זאגן נעמט עס אים פארדריסן אויף זיך אליין. „צו וועמען מ׳דארף עס אנקומען נאך אזא זאך״. . . שטייט ער און קוקט, און דער גאנצער מארק שטייט מיט אים הינטער די פארקויף טישן אין די קראָמען און שטעלן, אדער מ׳איילט דורך אויפן הילצערנען שאסיי נישט וואַגנדיק ארויפצוקוקן צום גאַניק. מ׳פילט יאַוואָראָווסקיס בליק גליטשט זיך איבער אַלץ. „ווי סע ווערט אים גארנישט נמאס״ — כאפט מען פארגנבעטע בליקן צו דעם גאַניק און אלץ פאלט פון די הענט.

שוין באלד א האלב יאר ווי ער איז אנגעקומען אין שטעטל און מ׳האט זיך נאך אלץ נישט צוגעוואוינט צו אים. מ׳ווייסט נאך נישט ווי מ׳האלט מיט אים. ער אליין ווייסט נאך אויך נישט געננו וואס זיין אויפגאבע איז דא. די אינסטרוקציעס זיינע, וועלכע ער האלט אין דער אייזערנער פייער־קאסע, זיינען עפעס אויך נישט קלאָר. אוודאי איז די געגנט איצט א טייל פון פוילן לויטן געזעץ פון זיגער און באשטעטיקט דורכן שלום־אָפּמאַך מיט די „מאָסקאַליעס״ (רוסן). — אָבער איז דאָס טאַקע אין דער אמתן פוילן? דער מאָסקאַל וואָס האָט דאָ באַלעבאַטעוועט דורות לאנג, לויערט נאך אין אלע ווינקעלעך. אפילו די יידן זיינען דא מאָסקאַלישע״ — קאָכט אין אים אויף א כעס וואס פארזויערט אים אינגאנצן. — טפוי, הינטישע לעבערס! — שפּייט ער אויס ווי נאר ער זאגט פאר זיך אליין ארויס דאס ווארט: „מאסקאליעס!״ זיינע נאזלעכער הייבן אים אן ציטערן און בייסן. ער מוז ארויסנעמען א פארפיומירט טיכעלע צו פארשלאגן דעם מיאוסן ריח וואס ער דערפילט פלוצים. „הונדערט און פופציק יאר, האבן זיי אונדז געהאלטן אונטער די

שטיוול און מיט שאַבליעס איבער אונדזערע קעפּ״ — די פּראָזע האָט ער אַמאָל געלייענט ביי אַ פּאַטריאַטישן שרייבער און זי שטייט אים אַלעמאָל פאַר די אויגן און לאָזט אים נישט רוען. עס זידט אין אים און קאָכט אַזאַ זויערע ביטערניש און באַליידיקטער שטאָלץ נישט איבערצוטראָגן. „מאָסקאַליעס״ — זייערט ער די אותיות און שפּייט זיי אויס און באַרואיקט זיך ערשט ווען עס נעמען אים קלינגען אין די אויערן די פאַרחלומטע רייד פון זיין ליטעראַטור־לערער אין דער גימנאַזיע. אין געהיים האָט ער געגרייט די יוגנט צום קאַמף פאַר אַ פריי פּוילן, אַזאַ וואָס זאָל זיין אינגאַנצן אַנדערש פון די מאָסקאַליעס: „אַ ניי פּוילן וועלן מיר בויען, אַזאַ וואָס וועט זיין אַ היים פאַר אַלע וואָס ליידן פון די מאָסקאַלישע שטיוול. דעם בלאַנק פון די קאָזאַקישע שאַבליעס וועלן מיר פאַרוואַנדלען אין געשליפענעם גלאָז אין די פענצטער פון פרייען פּוילן.״

איצט הייבט עס אָן מקויים ווערן. פּוילן איז פריי. צוריק אַ טייל פון דער מערב ציוויליזאַציע. די זין פון פּוילן האָבן פאַריאָגט דעם מאָסקאַלישן שטיוול. איצט דאַרף מען בויען די פרייע היימען. „איז דאָ אָ וועט ער זיי בויען? דאָ וואו דער מאָסקאַל פילט זיך נאָך פון אַלע געבייען און פירונגען?״ — צווייפלט ער גאַנץ אָפט און איז גרייט זיך אַליין צו באַדויערן וואָס אויף זיין מזל איז אויסגעפאַלן צו פאַרנעמען זיך מיט אַ גרויסער זאַך אויף נישט קיין פּאַסיק אָרט. דאָס דויערט אָבער נישט לאַנג. דעם זעלבן לערערס רייד וויקלען זיך אין אים ווייטער און שטאַרקן אים: „פּוילנס ליידן זיינען נישט בלויז אירע. דער סימבאָל פון יסורים איז זי, וועט איר אויפשטיין אויך זיין דער סימבאָל פון דערוואַכן פון אַלע ליידנדיקע. אַ מיסיע האָט פּוילן דורכ־צופירן סיי מיט אירע ליידן סיי מיט איר אויפשטיין. דורכצופירן די מיסיע דאַרף זיך די פּוילישע יוגנט גרייטן און וואָרום וועט זיין צו די וואָס וועלן די מיסיע דורכפירן אין און אויסער די גרעניצן פון דעם ליידנדיקן היימלאַנד״ — אַזוי האָט אין זיי אַריינגערעדט דער פאַרחלומטער לערער מיט דער גלעטנדער שטימע ווי אַן אייגענער ליבער פעטער. איז ער דאָך איצט אויף אַ ספּעציעלער מיסיע, יאַשו יאַוואָראָווסקי, נישט בלויז אַ היטער איז ער פון אַ נייער פּוילישער געגנט, אַ שליח איז ער איבערצושאַפן אַ פאַרוואָרלאָזט פעלד; צו פאַרוואַנדלען דעם מאָסקאַלישן שטיוול וואָס האָט דאָ געטראָטן אין אַ פרייען גאַנג פון דערוואַכטע צו פרייהייט. עס ווערט אים אַזש וואַרעם אין אַלע אברים: דאָס באַפרייטע פּוילן, איז דאָס קליין פראַנקרייך פון מזרח

אייראפּע, דאס ליכטיקע אויג פון דער מערב ציוויליזאציע. איז דאך קלאר אז מ׳דארף זיך דא פירן ווי אין דער היים. זיין אן עלטערער ברודער צו דער צעשראקענער באפעלקערונג. זיין א מוסטער. אזוי האט ער דאך טאקע אָנגעזאָגט זיינע זשאנדארן: „ווארפט זיך נישט צופיל אין די אויגן פון דער „האַלאָטע״ — די איינוואוינער, הייסט עס. זאלן זיי אָפּכאַפּן דעם אָטעם און זען, אז דאס נייע פוילן איז דיר נישט די מאסקאלישע כאַמסטווע. ווי ציוויליזירטע מענטשן וועלן מיר זיך פירן. מיר זיינען געקומען פארלייכטערן דאס לעבן. . .״ צעווארעמט ער זיך אליין דערמאנענדיק זיך אין דער רעדע וואס ער האט געהאלטן פאר דער זשאַנדאַמעריע באַלד ווי ער איז אָנגעקומען אַהער. אַזוי האָט מען זיך עס דאך טאַקע פאָרגעשטעלט עס וועט זיין דאָס באַפרייטע פוילן. אין דעם געהיימען קעמערל „פאטערלאנד״ אין וועלכן ער איז אַריינגעטראָטן אין אוניווערזיטעט, פלעגט מען זיך פארגיין אין עקסטאז וועגן דעם. אָ, וואס פאר א ליכטיקער חלום דאס איז געווען. ווי גוט עס איז געווען אויף דער נשמה! אבער מאדנע, וואס לענגער ער איז דא, אלץ מערער און אפטער דערמאנט ער זיך אין דעם צווישנרוף, וואס איינער פון די זשאנדארן האט אים צוגעווארפן אינמיטן פון זיין פייערלעכער רעדע: „ווען מיר זיינען אריין אין דעם שטעטל, האט מען אויף אונדז געשאָסן פון אלע בוידעמס. . .״ ער האט געוואוסט פון דעם פאל. זיינער א יוגנט חבר איז געווען מיט דער רייטער אפטיילונג, וואס איז אריבערגעשוואומען דעם „בוג״ אין אַ האַרבסטיקן רעגנדיקן פאַרטאָג. מיט געזאַנג זיינען זיי אַריין אין שטעטל. קיין לעבעדיק נפש האט זיך נישט געוויזן אין גאַס. פון קיין קוימען האָט זיך קיין רויך נישט געזען. הינטער שלאָס און ריגל איז דאס גאנצע שטעטל געווען פאַרלאָדנט און געשטומט. דער שונא האט נאך מיט א טאג פריער געהאט אפגעצויגן, האבן זיי זיך געפילט זיכער און זיך צעשפרייט אין די הינטערגעסלעך און אויף די זייטיקע וועגלעך. דער קאָמאַנדיר זייערער, איז געבליבן אין מארק און שטודירט די מאַפּע פון דער געגנט. פלוצים האט פון דעם הויז אויפן בערגל פאר דער בריק גענומען זיך טראגן א שיסעריי צוזאמען מיט א יללה פון דער גאנצער גאס. באלד איז דאס זעלבע געקומען פון דער גארבארניע גאס. דעם קאמאנדיר האט מען וועגן דעם ראפארטירט אין געאייל. ער האט זיך אבער אפילו נישט אויפגערעגט און כמעט א צופרידענער ווי אלץ קומט פאָר ווי עס באַדאַרף צו זיין, האָט ער זיך ווייטער געצייכנט אויף דער מאַפּע און לאַקאָניש געשמייכלט צום ראַפּאָרטירער: „איר ווייסט וואס צו טאָן, יינגלעך!״

אַ גאַנצן טאָג האָבן די לעגיאָנערן געווילדעוועט אין שטעטל. געשאָסן אין די הײַזער אַרײַן און אַ פּאָר פון די אָנגעזויעגנסטע באַלעבאַטים אַרויסגעשלעפּט פון די הײַזער און דערשאָסן אָן אַ פּאַר וואָס. לויטן חברס רייד איז אים עד היום נישט קלאָר צי די גאַנצע זאַך איז נישט געווען אַ צוגעגרייטע. ער וואַגט עס אָבער נישט אַרויסצוברענגען — „איך ווייס אַז מ׳האָט געשאָסן״. . . — האָט ער צוריקגעוואָרפן יענעמס צווישנרוף און זיך באַלד צוריקגעכאַפּט, — „אַ פּאָר פון די חשובע באַלעבאַטים זײַנען דערשאָסן געוואָרן אין מיטן מאַרק. עטלעכע קינדער זײַנען דערשאָסן געוואָרן אין די הײַזער און אַ צאָל פרויען וועלן עס האָבן צו געדענקען אַ גאַנצן לעבן. . .״
— האָט ער האַלב פאַרשטעלט איבערגעגעבן דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען
— „פון אונדזערע זײַנען קיין פאַרלוסטן נישט געווען. . .״

די זשאַנדאַרן זײַנען געבליבן געפּלעפט און נישט פאַרשטאַנען זייער פאַרוטשניק, וואָס רעדט עפּעס אַזוי מאָדנע.

— הערט! — האָט ער מיטאַמאָל געביטן דעם טאָן — „דאָן איז געווען מלחמה און זיי האָבן שוין געהאַט אַ גוטע לעקציע. איצט איז שלום־צײַט און די שטאַט איז איצט אַ פּוילישע, אונדזערס אַ שטאַט און ווי פרײַע פּאָליאַקן, וועלן מיר דאָ אָפּהיטן די אָרדענונג מיט גערעכטיקייט צו אַלעמען. צוליב דעם איז פּוילן אויפגעריכט געוואָרן״. ער איז אין גאַנצן געווען צופרידן מיט זיך און זיך געפילט גרייט צו קוקן יעדן איינעם פרײַ אין פּנים אַרײַן: „אָט וועט פּוילן ווײַזן דער וועלט ווי אַזוי אַ פרײַ פּאָלק פירט זיך״. אָבער איבער־לייענענדיק נאָך אַמאָל די אינסטרוקציעס צוזאַמען מיט דער באַשרײַבונג פון דער באַפעלקערונג אין שטעטל און אין דער סביבה, איז אים עפּעס מאָדנע פריקרע געוואָרן: 80 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג זײַנען ייִדן, בלויז אַ צוויי דרײַ פּוילישע משפּחות און די אַנדערע זײַנען אוקראַיִנער; אין דער סביבה — כמעט הונדערט פּראָצענט אוקראַיִנער אויסער די פיר פינעף פּריצישע משפּחות וואָס פאַרמאָגן גאַנצע שטרעקעס לאַנד און אַלע וועלדער . . . און ווי אויף צו להכעיס איז דער שטאַטישער פּריץ גאָר אַ רוס, און די אינסטרוקציעס זאָגן בפירוש, אַז ער וועט דאַרפן העלפן באַזעצן אויף מלוכהשער ערד עכטע פּאָליאַקן, וואָס וועלן באַשטימט ווערן צו דער געהעריקער צײַט. יעדן הילף זאָל געגעבן ווערן צו די פּריצים, וואָס זײַנען „די ליכטיקע פּונקטן פון פּוילישקייט דאָ . . . אויף זיי קען מען זיך פאַרלאָזן.

ספּעציעל זאָל ער האַלטן אַן אויג אויף דער אַרקטיקער אינטעליגענץ און אויפן יונגוואַרג. די קאָלאָניסטן וואָס וועלן קומען פון קרוין־פּוילן, זײַנען נאַטירלעך ציוויליסטן אָבער זיי האָבן אַ רעכט צו האַלטן געווער. לאַנד וועלן זיי קריגן פון די פּריצים און פון די קאָנפיסקירטע מלוכה־גיטער."

גאָר מאָדנע איז אים אויסגעקומען דאָס, וואָס צו די אינסטרוקציעס איז געווען צוגעלייגט אַ דין ביגעלע פּאַפּיר מיט אַ רויטן אויפשריפט: כדאי צו געדענקען . . . „ווען דאָס שטעטל איז באַפרייט געוואָרן, האָבן די יידן געשאָסן אויף די העלדישע זין פון פרייען פּוילן."

ווער עס האָט דאָס פּאַפּירל צוגעלייגט און צוליב וואָס, האָט ער נישט געוווּסט. ער האָט עס געקראָגן צו גלייך מיט אַלע פּאַפּירלעך פון דער הויפּט־קאָמענדאַנטור. עס האָט אים אַפילו פאַרדראָסן דאָס אונטערדרוקן אים אַזאַ פּאַפּירל אין וועמעס אמתדיקייט ער איז ווייט נישט איבערצייגט. אפשר גאָר דאָס פאַרקערטע, אָבער געווירקט האָט עס פאָרט. „דער אמת איז — האָט ער נאָכן איבערלייענען דאָס פּאַפּירל געוואָלט גלייך נעמען שרייבן צו דער קאָמענדאַנטור — ווי מיין חבר, וואָס איז דערביי געווען, האָט מיר איבערגעגעבן," — נאָר פּונקט דאַן האָט ער אַ קוק געטאָן אין גאַס אַריין, און עפּעס איז אים אויסגעקומען ווי דאָס גאַנצע שטעטל קוקט צו אים אַזוי ביסטרע און פון הינטער אַ טויבער וואַנט אַפער. צו דער הויכער מויער קוקט עס, צו אים צו פּוילן. די שטילע פּוסטקייט אין מאַרק, האָט אים עפּעס אַ רייץ געטאָן און דערוועקט חשדים. ווער ווייסט וואָס עס טוט זיך הינטער די איינגעהויקערטע שטיבלעך און האַלב אָפענע קראָמען. וואָס ליגט אין די וואָגנס וואָס קומען פון דאָרף? אַט שטאַרט דאָרט אַרויס אַ טשופּרינע פון אַ יונגן פויער. זע, ווי שקאַציש זי הוידעט זיך. אַט קומט אַרויס פון יאַכינטשעס הויף דער לאַנגער בערקע און פאַרשווינדט צוריק אין אַ הינטער געסל. זיין טאַטע איז דערשאָסן געוואָרן אין יענעם טאָג אין קאַלטן בלוט. האָט ער עס שוין פאַרגעסן? האָט ער שוין שלום געמאַכט? האָב איך דען פאַרגעסן דעם מאָסקאַל? וואָס האָט מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק אָוועקגעפירט סטאַכן, דעם עלטערן ברודער זיינעם. ער איז שוין קיינמאָל מער נישט געקומען אַהיים. נאָך איצט שניידט אים ווי מיט אַ טעמפּ מעסער דאָס עלנטע געשריי פון דער מאַמען. ער פילט נאָך איצט אין גאַנצן לייב דאָס שטומע וואָיען פון גאַנצן דאָרף. עפּעס פון דעם, דאַכט זיך אים, טראָגט זיך דאָ אויך אַרום אין דער

לופטן. מיט פאַרביסענע ליפּן און אַ געמיש אין קאָפּ איז ער אזוי אפגעזעסן א גאנצן נאכמיטאג. און ווען ער האט זיך פאַרנאַכט צו אַרויסגעלאָזט אין גאַס, האָט ער שוין אַנדערש געזען אלץ ארום זיך: אַ פולע שטאָט מיט בערד און אַ יוגנט וואָס שווייגט און מיידט אים אויס ווי ווייט מעגלעך. קיינער לאַדט אים נישט איין צו זיך, און יעדער שמועס ווערט איבערגעריסן אינמיטן ווי נאָר ער דערנענטערט זיך צו אַ גרופּע. אפילו די פויערים, וואס קומען אין שטעטל אַריין איינקויפן מיידן אויס צו ענטפערן קלאר אויף א פשוטער פראגע. בלויז מאַניע, די שיינע פריזירקע, מאכט אים פילן היימיש ווען ער קומט אריין אין פריזורע. פון איר טאקע האט ער זיך דערוואוסט א סך פרטים וועגן פארשידענע מענטשן אין שטאט. אבער זי האט דאך טאקע פיינט דאס שטעטל און קוקט שוין אויס די מינוט ווען זי וועט זיך קענען ארויסכאפּן פון שטעטל און פאָרן צום טאטן אירן ערגעץ אין אמעריקע. די שטעטלדיקע צאָלן איר אפּ מיטן זעלבן און וויכן פון איר פריזורע. בלויז געציילטע יונגעלייט ווייזן זיך דארט, וואס האפן צו געפינען חן אין אירע אויגן . . . אבער אפילו זיי פארלאזן די פריזורע גלייך ווי ער קומט אריין. מאנישקע צעלאכט זיך מיט איר גלעקלדיק געלעכטער ווען זיי פאַרשווינדן. — „די זעלבע לאַטשאַזשעס ווי אלע, כאָטש אָן בערד" — קלערט זי אים אויף זייער מאדנע אויפפירונג — „ווייסן נישט ווי מיט א מענטשן זיך צו באַגיין". אים אבער בריט עס ביזן ביין. עס זעט אויס, אז ס'איז נאך טאקע נישט פוילן דא און אזוי מוז מען עס טראַקטירן — האט ער באשטימט ביי זיך — אבער עס מוז ווערן, דאס איז אונדזער מיסיע — זאגט ער זיך צו מיטן זעלבן טאָן ווי זיין אַמאָליקער לערער.

ווי אזוי ער וועט עס מאכן, האט ער נאָך נישט געוואוסט. האט ער דערווייל בלויז געהאָפט, אַז ער וועט עס באווייזן מיט דער צייט און געטאן מער ווי די אינסטרוקציעס האבן געהייסן: „רעגיסטרירט יעדן איינעם און געקליבן אינפארמאציע וועגן די מענטשן מיט איינפלוס. יעדן קלייניקייט קען צוניץ קומען. . ." ער האט איינגעשטעלט א שטאט־ראט פון אנגעזעענע באַלעבאַטים, אָבער אַכטונג געגעבן אז עס זאלן זיין פאַרטרעטער פון אלע קלאסן. ער האָט זיך דערביי שטאַרק גערעכנט מיט מאַנישקעס באמערקונגען. זי קען איר שטעטל און ווערט אלץ מער צוגעלאזענער צו אים. ווען נישט די מוטער אירע וואס לאזט זיי כמעט קיינמאל נישט אליין, וואלט ער שוין גאנץ ווייט געהאלטן מיט איר. נאר דאס קען נאך וואַרטן. נישט צוליב דעם איז ער

געקומען אהער — גרויסט ער זיך פאר זיך אליין.

באלד ביי דעם ערשטן צונויפקום פון דעם שטאט־ראט, האט ער קלאר געמאכט אין די פשוטסטע ווערטער, אז די נייע מאכט איז געקומען אויף צו זיין דא און אז זי האט די בעסטע כוונות איינצושטעלן רו און ארדענונג, ווי עס פּאַסט פאַר אַ ציוויליזירטער מאכט, נאָר אַזאַ איז דאָס נייע פוילן. דערביי אָבער האָט ער, אויספּאָלגנדיק אַ געפיל וואס איז אים פלוצים באפאלן, דערמאָנט אז די שטאָט האט זיך נישט פיין אויפגעפירט ביים ארייןקומען פון די לעגיאָנען, און דעריבער וועט מען מוזן זיין זייער פּאָרזיכטיק, זייער פּאָרזיכטיק — האט ער אָקצענטירט, שוין כמעט מיט איבערצייגונג.

ערשט ווען די חשובע באלעבאטים האבן שווייגנדיק פּאַרלאָזט דאס צימער, איז ער זייער אומרואיק געווארן און א ביטערער כעס האט אים גענומען עסן: „וואס פאר א כוח דאס ליגנערישע שטיקל פאפיר האט" — האט ער זיך נישט געקענט מוחל זיין דאס נאכגעבן זיך דעם געפיל אנצעווארפן א מורא, און געשעמט זיך צו קוקן זיך אַליין אין פנים אריין. — „ דאס געשליפענע גלאָז פון נייעם פוילן. . ." — האָט ער איראָניש זיך געשטאָכן און גענומען זיך גרייטן צום פארנאכטיקן שפאציר.

ווי אלעמאל האט עס אים גענומען לאנג. אויסגעשטייפט זיך אויף אלע אברים, אריינגערוקט די שפיצרוט אונטערן ארעם און זיך אוועקגעשטעלט פארן שפיגל צו זען צי ס'איז אלץ געפאסט ווי עס דארף צו זיין, אבער געזען האט ער פאר זיך די גאנצע צייט די חשובע באלעבאטים ווי זיי שטייען שטומע און הכנעהדיקע מיט אראפּגעלאָזטע קעפּ. „וואָס טראַכטן זיי וועגן מיר? הינטישע לעבערס!" — האט זיך ביי אים ארויסגעכאפּט א געבייזער — „און וואָס האָט מען ביי אונדז אין דאָרף געטראַכט וועגן מאָסקאַל?" — האט ער זיך א דריי געטאן מיט אימפּעטיקן כעס און אַרויס אין דרויסן ממש מיט איין שפּרונג, איבערהיפּנדיק איין טרעפּל נאָכן אַנדערן. ער האָט זיך געפילט ווי פאַרפּלאָנטערט אין א געוועב פון וועלכן ס'איז שווער זיך ארויסצודרייען.

די וואָכן, וואס שטייען אונטן ביים איינגאנג, ציען זיך אויס ווי די ווירעס ווי נאר זיי דערהערן דעם באקאנטן טראַסק מיט דער טיר און דאס אייליקע הילכן אויף די שטיינערנע טרעפּ. ווי א ווינט טוט ער א לויף דורך זיי

מורמלענדיק עפעס א מין ענטפער אויף זייער באגריסונג און בלייבט פלוצים שטיין אויף דעם הילצערנעם טראטואר; פּאַכעט א ווײַלע מיטן שפּיצרוט ארומקוקנדיק זיך אין אלע זײַטן און נעמט שפּאצירן פּאמעלעך טריט ביי טריט. דער כעס גייט אים ביסלעכווייז אפּ און אַ געמיטלעך ציניש שמייכעלע שפּילט זיך צווישן די וואָנצעלעך ווי איינער רעדט: „מיך וועט איר נישט אפּנארן. איך ווייס וואס איר טראכט און וואס איר פּילט, נאר מיך ארט עס נישט . . . פּוילן האט א מיסיע דא און מוז זי דורכפירן. אוודאי האט מען נישט געדארפט צוגרייטן אזא מין ארײַנקומען אין שטאט אריין — דערשרעקט ער זיך פאר זײַן אייגן טראכטן, און קוקט זיך נישט ווילנדיק ארום צי עמעץ האט עס נישט באמערקט — נאר מן הסתם דאַרף מען אַזוי — צעשפּילט זיך דאָס שמייכעלע נאָך צינישער — און עס קען דאָך זײַן, אז איגנאץ, וואס האט מיר געשריבן וועגן דעם, האט אביסל צוגעפאנטאזירט. ער האט אלעמאל געהאט א פײַנע פאנטאזיע, און ער איז דאך נאך ביז היינט א מיטגליד פון דער פּארטיי. דאַנקען גאָט, וואָס איך האָב זיך שוין באַפרייט דערפון. . . — טוט ער זיך א שטעל אָפּ און נעמט שפּאַנען ווייטער אין שטאָט אַרײַן.

די קראָמען זײַנען אפן. מ׳האנדלט מכלומרשט אָן מורא, נאר מאדנע עפּעס — קיינער גייט נישט ארויס פון א קראָם ביז וואנען ער איז נישט פארבײַגעגאנגען. קומט אים עמעץ אנטקעגן וואס קען אים שוין נישט אויסמײַדן, טראגט מען אים די באגריסונג אנטקעגן און מ׳אײַלט אוועק נישט וואַרטנדיק אפילו ביז ער וועט אויסציען זײַן שפּיצרוט ווי א סימן פון ענטפער.

ביסלעכווייז דערפילט ער ווי מ׳וואלט אים געשטאכן אין די פּלייצעס. אזוי פיל אויגן הענגען אויף אים און ער טוט זיך א האסטיקן דריי אויס און בלײַבט שטיין א דערצאָרנטער. קיינער קוקט אים נישט נאך. מ׳זעט נישט קיינעם פון הינטן.

— מיך וועט איר אָבער נישט אָפּנאַרן — טוט ער זיך שוין אַ בייזער אין דער הויך און לאָזט זיך אוועק צו שמואל אבעס סאָדע־וואסער געוועלבל. דארט קומט דאס יונגוואַרג. אויף זיי מוז מען האלטן אַן אויג. דארט קען מען אים שוין נישט אויסמײַדן און עס געפינט זיך שוין דאָרט ווער וואָס זאָל זיך

צושאַרן צו אים און פאַרפירן אַ שמועס. אוודאי פאַרשטייט ער דעם מיין דערפון. „מיינען, אַז מיט היימישן זיך מיט אים, וועט זיי לייכטער זיין צו פאַרבאָרגן דאָס וואָס זיי ווילן. נאָר איך קען זיי און זע אַפילו ווער פון זיי פאַרשווינדט גלייך ווי איך פאַררעד זיך מיט וועמען. נישקשה דאס מויל וועט דאָס אויג נישט פאַרשטעלן. . .״ — שפּאַנט ער אַריין אין קרעמל מיט אַ ברייטן „גוט־אָוונט!״

דער טומל און דאס הויכע געדרעדריי, וואס שטייט אלעמאל אין קרעמל ווי אַ שטענדיקער שטאָם־גאַסט וועלכן ס׳איז נישט מעגלעך אפּצעררייסן פון דאָרט, ווערט מיט זיין אריינקומען ווי אפּגעהאַקט אויף אַ רגע. עס קומט אויס ווי מ׳וואָלט געוואָלט דעם אָטעם אָפּכאַפּן און דערנאָך זיך ווידער לאָזן גיין אויף גאָטס באַראָט.

אויף זיין גוט־אָוונט, האבן כמעט אַלע געענטפערט מיט אַ מין אונטערפאָנפען אונטער דער נאָז, נישט אויפהערנדיק צו פאָרען זיך אין דער זעלבער צייט מיט די גלעזלעך סאָדע־וואסער געמישט מיט היימיש געמאכטן סאָק און די פרישע קאַרטאָפל באבקעלעך, וואס לאה שמואל אבעס, אדער פריילין מינץ — ווי זי וויל מ׳זאל זי רופן, גרייט אליין צו.

פון הינטערן קאנטאר אַ פער, טוט זיך אַ צעשפּיל דער ליבער צוציענדיקער שמייכל וואס פריילין מינץ טראָגט אים אלעמאל אנטקעגן. דער שמייכל גיט זיך אַ צי אויס פון קאנטאר ביז צו זיין טישל. עס מאכט אים גלייך פארגעסן אין דעם פאָנפען הינטער דער נאָז: דער ריח פון די פרישע באַבקעלעך און די צוגעברוינטע האָניק־מאָנדלעך רייצן דעם אַפּעטיט, און דער שמייכל וואַרעמט די נשמה. שמייכלט ער צוריק און לאַדט איין איר ברודער משהן צו דערלאַנגען אים עפעס פון דעם גוטן וואָס פריילין מינץ גרייט צו. דאָס מאָל אָבער זייענדיק אין אַ ספּעציעלער שטימונג מיט וועלכער ער קען זיך עפעס קיין עצה נישט געבן, האט ער מיט היימישקייט אַ קלאַפּ געטאָן משהן אויף דער פּלייצע און גוטמוטיק אַ מוסר געטאָן:

— זאָג דעם טאַטן דיינעם, אַז ער עקספּלאָאַטירט זיינע אייגענע קינדער. שטענדיק זענט איר פאַרנומען מיט באדינען און דערלאנגען. מ׳קען דאך מיט אייך קיינמאל קיין ווארט נישט אויסרעדן.

— אַ דאַנק פּאַניע פּאָרוטשניקו, — האָלט משה אָן די היימישקייט אינעם טאָן, אָבער שטייט אויסגעצויגן ווי א סטרונע, — דעם טאַטן זאָגן איז שוין נישט מעגלעך. אין דער וועלט מלחמה, פּאַניע פּאָרוטשניקו, ביי פּראַגע געפאַלן. אָט וועל איך באלד איבערנעמען די שוועסטער ביים קאנטאר. איך בין שוין באלד פארטיק, — טוט ער זיך א נויג פאר אים, וואס דאַרף אויסגעטייטשט ווערן, אז ווייל ער איילט זיך צו דערליידיקן וואס ער דארף, דעריבער האַקט ער איבער דעם שמועס אינמיטן.

פּאַן יאַוואָראָווסקי פאַרגעסט באַלד אין אים, זיפּט פאמעלעך דאס געטראנק וואס שטייט פאר אים און זאַפּט אין זיך איין דאס געזשום וואס רוקט זיך אוועק פון אים אלץ ווייטער און ווייטער. עפּעס ווי א ווינט וואלט געבלאזן פון אים וואס פארטרייבט אלץ ארום אים: די מענטשן, זייערע רייד און דעם פּאַפּיראָסן רויך וואס הענגט געדיכט איבער די קעפּ. עס קומט אים אויס, אז דער געזשום טראגט זיך עפּעס ווי כוואליעסווייז, וואס ווייטער פון אים אלץ שטארקער און פרייער, און ווען עס קומט צו נאענט ווערט עס שוואכער און איינגעהאלטענער, און דער רויך פארדעקט אלץ און פארהוילט. א נישט געזעענע וואנט שטייט צווישן אים און דעם עולם.

ווען ער האָט עס ביים ערשטן מאָל אַריינקומען דערפילט, האָט עס אים אַזוי צערייצט אַז ער האָט געוואָלט אַ זעץ טאָן אין טיש, אַז דער רוח זאָל עס נעמען. זאָלן זיי וויסן, אז מ׳קען אים נישט אפנארן; ער ווייסט וואס זיי טראַכטן און ער וועט זיי נישט פארשווייגן. אָבער דער פריינדלעכער, וואַרעמער שמייכל פון דער פריילין מינץ, האט אים עפּעס אפגעהאלטן. פון הינטערן קאנטאר אפער, האט זיך איר בליק געגליטשט איבערן רויך אין ווייסן ליכט פון צימער גלייך צו אים, און אין איין אויגנבליק ממש איז דער בלאָנדער משה גלייך ווי א סטרונע, אויסגעוואקסן ביי זיין טישל. מיט גרויס אָפּשיי און דאָך מיט אַן אויפגעלייגטער היימישקייט, האָט ער אויסגערעכנט אלץ וואס מ׳קען דאָ קריגן און גלייכצייטיק נישט אראפּגענומען די אויגן פון דעם שפּיצרוט, וואס איז געלעגן א שטייפער און א גלאנציקער אויפן טישל. עפּעס ווי פון זיך אליין איז אים דער כעס אפּגעגאנגען און נישט טראַכטנדיק האט ער אוועקגערוקט די שפּיצרוט אָן א זייט און אויסגעשטרעקט די האנט צו משהן:

— פּאָרוטשניק יאַוואָראָווסקי, — האָט ער זיך אויפגעשטעלט כמעט אַ פּאַררויטלטער און די ווערטער זיינען עפּעס ווי פון זיך אליין געקומען פון מויל — א פיין פלאץ ביי אייך. זעט אויס א פיינע קליינטעלע, באנעמען זיך גאר פיין, הא? — האט ער זיך גאר אן אנשטרענגונג דערפילט זייער היימיש מיטן בחור. אט ווי אַמאל אין די סטודענטישע, באָהעמישע יאָרן מיט די קעלנער אין די גרויסע שטעט.

— אלץ אייגענע מענטשן, היגע, פּאַניע פארוטשניקו, — האט דער בלאָנדער משה זיך א נייג געטאן מיט דרך־ארץ. קיין הייסע געטראַנקען פארקויפן מיר נישט, האַלט מען זיך מענטשלעך.

— דאס איז פיין, גאר פיין — האט דער פארוטשניק זיך באקוועם אוועקגעזעצט און גרויס הנאה געהאט וואס דעם טרונק האט אים צוגעבראכט די פריילין מינץ אליין.

ביים אוועקגיין האט ער איבערגעלאזט טרינק־געלט און נאך זייער איידל באדאנקט. זאלן זיי נישט מיינען, אז ער איז עפּעס געקומען נעמען ביי זיי.

— ס׳איז גאנץ אנגענעם דא, פּאננא מינץ, — האט ער הויך צוגעגעבן — כ׳האף אז מיר וועלן זיין פריינט. נישט אזוי? — האט ער גוט־בחוריש אַ לאַך געטאָן און זיך צעזעגנט.

פון דאן אן איז ער געווארן אן אפטער ארייגגייער אינעם סאָדע וואסער געוועלב, אָבער עס האָט אים נישט נעענטער געמאַכט צו דער יוגנט. ער קען שוין כמעט אלעמען. ער דערקענט שוין די פּנימער און ווייסט שוין אפילו וואו ווער עס וואוינט און וואס יעדער טוט, אָבער אַן אָנגעצויגנקייט הערשט צווישן אים און דער יוגנט. די היימישקייט טרעט נישט אַריבער אַ געוויסע גרעניץ פון איינגעהאַלטענעם פּחד. זיין קאָרעקטע האַלטונג פילט ער, האט געהאַט א גוטע ווירקונג אויף זיי און ער באמערקט אלץ ווינציקער די מורא פאר אים, וואס דאס מיינט פארן נייעם פוילן, ווען ס׳איז שליח ער איז אין דעם דאזיקן העק. אבער דאך פעלט נאך דער צוטרוי וואס זאל אים מאכן פילן היימיש, אז ער זאל זיך פילן צווישן אייגענע וואָס האָבן אָנגענומען אים און

זיין פוילן ווי אַן אָנגענומענעם פאקט. עס דאַכט זיך אים, אַז זיי וואַרטן נאָך עפּעס אַפּ, אז זיי זיינען נאך נישט זיכער מיט אים. ווער ווייסט מיט וואס זיי טראגן זיך ארום און וואס זיי טוען הינטער זיינע פּלייצעס. קומט ער אלעמאל אריין מיט דער דערוואַרטונג צו ווערן נעענטער און היימישער און, דאַכט זיך, אַז אייניקע פון זיי פּרואוון דאס אויך טאָן, אבער ביי דעם בלייבט עס און ער גייט אוועק מיטן געפיל פון נאַרן זיך אליין.

אמת, פריילין מינץ באציט זיך זייער ליבלעך צו אים. מאכט זיך אפילו נישט וויסנדיק ווען ער טוט איר אַ גלעט ביים דערלאנגען אים זיין באשטעלונג. שמייכלט, אבער פּראטעסטירט נישט, ווייזט אבער אויך נישט ארויס קיין גרויס צופרידנקייט און וויל גארנישט ארויסקריגן פון אים. באַנעמט זיך מיט אים ווי מיט אן אנגעלייגטן גאסט. איז ער צופרידן פון דעם אבער פארט נישט צופרידן. עפּעס רירט זיך עס נישט פון ארט און ער ווייסט אלץ נישט וואס ער דארף טאן כדי דורכצופירן זיין שליחות. טרייסט ער זיך דערמיט, אז פריער אדער שפּעטער, וועט ער פאַרט זיך דערוויסן מער וועגן דער שטימונג ביי דער יוגנט און דערוואַקסענע. און דאַן וועט ער שוין וויסן ווי צו טאן זיין אַרבעט ווי געהעריק. „פוילן איז שטאַרק און האָט אַ מיסיע אין די געגנטן און ער וועט זיין חלק טאן בשלמות״ — פארזשמורעט ער די אויגן און זאַפּט איין אין זיך דאס שטילע אומרואיקע געזשום וואס כוואליעוועט זיך אין צימער אט נאענט און אט גאר ווייט ווייט פון אים.

— דעם פּאַן איז אומעטיק צווישן אונדז — האט אים פריילין מינץ איינמאל א טשעפּע געטאן פון הינטן ארום — ביי אייך אין די גרויסע שטעט איז מן הסתם פריילעכער.

— נישט ווען איר זענט דערביי — האט ער פלינק מיט אַ שעלמישער ליבלעכקייט אין טאָן אַן ענטפער געטאָן און זיך אויפגעשטעלט.

— זיצט פּאַניע פּארוטשניקו, זיצט! — האט זי אים אנגענומען ביי דער האנט און זיך ווי פארענטפערט פאר וואס זי האט אים געלאזט אזוי לאנג זיצן אליין — בין געווען זייער פארנומען. ס׳איז ערב יום־טוב ביי אונדז, ווייסט איר דאך. כ׳וועל אייך פאָרשטעלן אונדזער לערער, פּאַניע שטערנבערג.

— זייער פיין, גאר פיין, — באמיט זיך יאַוואָראָווסקי צו זיין קאָרעקטער נאָך ווי אַלעמאָל. עפעס האָט אים אונטערגעזאגט, אז דאס איז אפשר די געלעגנהייט אויף וועלכער ערווארט — דעם פאַן לערער האב איך אפילו שוין באגעגנט, נאר פון ווייטן. געזען שפאצירן מיט די קינדער. זיי גייען ביי אייך אין מוסטערהאפטער ארדענונג. איר קאנקורירט מיט די סאלדאטן? — האט ער געמיינט א קאמפלימענט און זיך גלייך צוריקגעכאפט, ווייל ער האט דערפילט אז מ׳קען עס אויסטייטשן ווי א שטאָך — כ׳מיין באמת, אין מיינע שול־יארן זיינען מיר געווען קעגן שטייפער דיסציפלין אין שול.

— אָרדענונג, פאַניע פאָרוטשניקו, פאַרלאַנגט אַ געוויסע דיסציפלין־פאָרם — האט שטערנבערג פארזיכטיק געענטפערט — אויף אַזוי פיל האַלטן מיר מיט די אַנטיקע גריכן: אַ געזונטער קערפער איז נויטיק פאַר אַ געזונטער נשמה.

— בלויז אויף אזוי פיל? — האט יאווראווסקי געוואלט ווייזן אז ער איז גרייט פאר אן אינטעליגענטן שמועס.

— איר ווייסט דאך, אז יידן אקצענטירן אלעמאל מער דאס גייסטיקע, אבער דער יונגער דור איז גרייט אויף אזוי פיל נאָכצוגעבן די גריכן.

— זייער אינטערעסאנט, פאַניע שטערנבערג. די פראגע איז אבער מיט וועלכן צוועק און וואוהין וועט דאס פירן. דעם קערפער דארף מען דאך באנוצן פאר א געוויסן עפעס. נישט אזוי?

— אוודאי. יעדעס פאלק האט זיין נשמה און דארף דעריבער שטארקן איר קערפער כדי צו קענען איר נשמה דערהאלטן.

— גוט געזאגט. מיינט איר אבער נישט, אז דאס פירט אויך זייער אָפט צום צוניפשטויס פון קערפערס און — ער האט נישט פארענדיקט, ווייל פריילין מינץ האט מיט איר ליבלעכן שמייכל א וואונק געטאן און קעציש זיך א לאַשטש געטאן צו אים.

— איר פארנעמט זיך שוין מיט פילאזאפיע, מיינע הערן, און דאס איז נישט פאר מיין מיידלעשן מוח אינגאנצן. איך פארשטיי בלויז צוויי און צוויי — האט זי זיך היימישלעך צוגעזעצט הארט לעבן אים — מיר ווילן אייך בעטן א טובה, פאניע פארוטשניקו. ס'איז ביי אונדז אזוי אומעטיק אין שטעטל. שוין צייט צו מאכן עפעס א יום־טוב און זאל ווערן פריילעכער. די שולע וויל מאכן א קינדער פייערונג לכבוד דעם היינטיקס יאריקן ארויסלאז, ווען זיך די גרויסע שוין אויך משמח זיין. עס פאלט אויס פונקט נאענט צו אונדזערס א גרויסן יום־טוב — האט זי געציילט יעדן ווארט זעענדיק אז ער ענטפערט נישט — מיר מוזן אבער האבן א דערלויבעניש, פאַניע פארוטשניקו.

— אָ, דאָס גאָר, — האט יאוואראווסקי נישט ווילנדיק זיך געגומען שפילן מיט דער שפיצרוט, און ווי נישט ווילנדיק אָפּלאָזן דעם אָנגעהויבענעם שמועס ווייטער געצויגן זיין געדאַנק — אַוודאי דאַרף מען געזונטע קערפערס פאַר אַ געזונטער נשמה, נאר ווי באווארנט מען, אז די געזונטקייטן זאלן זיך נישט קריכן אין האלדז אריין? — האט ער פילאזאפירט אין דער הויך און געקוקט אויףביידן גאנץ שארף — איר פארשטייט, פאַניע שטערנבערג — איז ער מיט אמאָל געוואָרן זייער צוגעלאָזן און היימיש — די וואָס ווילן נישט פילאָזאָפירן און קענען זיך עס פארגינען, איז אז וואויל צו זיי. מיר אבער — —

— פאַניע פאָרוטשניקו! — האָט זיך פריילין מינץ דערפילט געטראָפן און רויט געוואָרן.

— אנטשולדיקט מיר פריילין! — האט זיך יאוואראווסקי א נויג געטאן פאר איר קאוואליעריש — פאראנטווארטלעכקייט מוז זיין פילאזאפיש באגרינדעט.

— פונקט ווי נישט פאראנטווארטלעכקייט — האט זיך ביי פריילין מינץ ארויסגעכאפט.

— בראווא, פריילין־האט יאוואראווסקי זיך א שטעל געטאָן — פאר דעם אליין זענט איר ווערט צו קריגן א דערלויבעניש, נישט אזוי פאַניע

שטערנבערג? — האט ער דערפילט אז דאס איז די געלעגנהייט אויף וועלכער ער האט געוואַרט ווען די יוגנט זאל פילן אז ער מיינט בלויז צו העלפן. — ס׳איז ווי איר האט דאכט זיך געזאגט, זאל יעדער פאלק האבן זיין געזונטן קערפּער און אים באנוצן פארן גוטס פון אלעמען. דאס דארפן מיר דורכפירן. איר וועט קריגן די דערלויבעניש, פריילין מינץ. קומט אריין צו מיר מארגן, וועלן מיר זיך דורכרעדן וועגן איינצלהייטן. מיר וועלן אויך באלד האבן א יום־טוב. וואס פאר א יום־טוב איז עס ביי אייך?

— דער יום־טוב פון די מאקאבייער.

— הום — האט ער א זייער געטאן צווישן די ציין און זיך צעשמייכלט — געהערט וועגן דעם נאך אויף דער שול באנק — א צונויפשטויס פון קערפּערס, פאניע שטערבערג, נישט אזוי? — האט מען נישט געקענט וויסן צי ער איז צופרידן פון דעם צי נישט. שטערנבערג האט אבער איינגעשטעלט:

— גיכער א צונויפשטויס פון אידייען, וואס וואלטן געקענט און געדארפט אויסגעגליכן ווערן.

— ס׳איז לייכטער צו פילאזאפירן וועגן דעם — האט ער שוין גאר היימישלעך אויסגעשטרעקט זיין האנט צום געזעגענען זיך — איר ווייסט, פאניע שטערנבערג, איר געפעלט מיר פאר אייער אָפּנקייט. מיר דארפן זיך טרעפן אָפטער. איך וויל נאר האפן, אז אין אייערע קערפּערס לעבט א נשמה וואס וויל נישט ארויסשטויסן אנדערע קערפּערס. פארשטאנען? — האט ער זיך אויסגעדרייט צו פריילין מינץ און זיך א נויג געטאן — איר זענט גערעכט, די פילאזאפיע קען פארפירן. זעען מיר זיך מארגן! — איז ער א צופרידענער ארויס אין שטילן דרויסן און געלאזט נאך זיך א מאָדנע צערודערטקייט אין צימער.

# דאָס אמתע בילד

## (אַ דערמאָנונג אין די בעסערע פון די אומות)

דער גלח קוזניצקי, איז שוין עטלעכע טעג ניט אַרויס פון הויז און האָט ממש די ליכטיקע שיין ניט געזען, ווייל זינט די מהומה האָט זיך אָנגעהויבן, זינט דאָס שטעטל האָט אָנגעהויבן איבערגיין פון האַנט צו האַנט, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די שטאָרן פון די פענצטער און זיי ניט געפּרואווט אויפהייבן אַפילו ווען דאָס שיסן האָט אויפגעהערט. ער איז געוואָרן אין גאַנצן גלייכגילטיק צו אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען אַרום אים. אַ פּאַרטאַיעטער איז ער געלעגן אויפן דיל לעבן זיין שרייבטיש און געגלאָצט מיט גלאָזיקע אויגן אויף דער יעזוס־סטאַטוע, וואָס איז געהאַנגען אַקעגנ־איבער.

די סטאַטוע — אַ ווייסע, פון דורכזיכטיקן קרישטאָל, האָט פאָרגעשטעלט יעזוסן צוגענאָגלט צום צלם; דאָס פאַרשפּיציקטע בערדל נאָכגעלאָזט און אָנגעשפּאַרט אויף דער ברוסט, און די האָר פון קאָפּ — פלאַטערנדיק צעוואָרפן, האָבן צוגעגעבן דעם אייבערשטן טייל קערפּער עפּעס אַ טראַגיקייט, אַ שטומע פאַרביסנקייט: „איך וועל זיך אַלץ אײנס ניט אונטערגעבן”.

קוזניצקי האָט זייער פיל געהאַלטן פון דער סטאַטוע און שטאַרק געוואָלט אויסגעפינען דעם נאָמען פונעם סקולפּטאָר, כדי אויסצודריקן אים זיין באַוואונדערונג פאַרן צוטרעפן צום אמתן געשטאַלט פונעם דערלייזער. ער האָט געגלויבט, אַז אַזוי האָט טאַקע געדאַרפט פילן דער געקרייציקטער אין די לעצטע מינוטן. ער האָט עס אַרויסגעלייענט פון דעם מאָדנעם קנייטש אויפן שטערן און פון דעם קוים מערקבאַרן גליוערדיקן ביטול שמייכל אַרום די פאַרשוימטע ליפּן. מיט איין זאַך איז אָבער קוזניצקי ניט געווען צופרידן, ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן די בלוט־טראָפּנס אויף דער ברוסט און אויף די צונויפגעקאָרטשעטע פיס און הענט. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז די בלוטפלעקן שטערן צו דער גאַנצקייט פונעם בילד און פאַרשוועכן דעם עקשנותדיקן צאַפּל פון די אָנגעצויגענע אָדערן. . .

ווען ער האָט נאָך געלערנט אין סעמינאַר, האָט ער שוין ניט געקענט פאַרטראָגן די לערערס, וועלכע האָבן פאָרגעשטעלט יעזוסן ווי אַ נעבעכל, וואָס לאָזט מיט זיך טאָן וואָס מ׳וויל. ער האָט געוואָלט זען דעם האַר אַ שטאָלצן, אַ גרייטן אַנטקעגנצוגייין אַלץ וואָס געשעט מיט מוטיקער אַנטשלאָסנקייט; ער האָט אים אַזאַ אַ געזען ווען ער האָט זיך געוואָלט פאָרשטעלן דאָס בילד פונעם אַרויסטרייבן די הענדלער פון בית־המקדש און אַזוי אויך ביים לעצטן געזעגענען זיך מיט די תּלמידים; און וואָס עלטער ער איז געוואָרן אַלץ קלאָרער האָט זיך פאַר אים אויסגעשיילט זיין אייגענע יעזוס־געשטאַלט. צום ערשטן האָט ער עס אַפילו אָנגענומען פאַר אַפּיקורסות, פאַר אַ ניסיון, ווייל וואו זיין בליק איז געפאַלן האָט ער אַלץ געזען הייליקע, וואָס פאַרגייען זיך אין גרויסער פּיין; די פאַרקרימטע פּנימער און די טויט־אויסגעלאָשענע אויגן פון די פאַרהייליקטע פלעגן אין אים אויפוועקן אַ געפיל פון אָנמעכטיקייט און פאַרלוירנקייט; די סעריע הייליקע בילדער וואָס ווייזן יעזוסעס גאַנג צו דער גאָלגאָטע, האָבן אים טיף געריירט, ער האָט אָבער ניט געקענט שלום מאַכן מיט דער הילפלאָזיקייט וואָס ווייעט פון זיי. — „איז דאָס גאָטס־זון? אָט אַזוי מוטלאָז האָט ער אויפגענומען די יסורים פאַר דער מענטשהייט?״

אָט די מחשבות האָבן אים שווער געפייניקט און געמאַטערט. ער האָט געפילט, אַז אַלץ גליטש זיך אים אַפּער פון הינטער די פיס, האָט ער געפּרוּווט זיך ראַטעווען מיט ווידוי פאַרן בישאָף. יענער אָבער, האָט אים בלויז געגעבן אַ תּשובה און ניט געטרייסט: „מיין זון, דאָס בילד איז בלויז אַ מאַטער אָפּשיין פון דער גרויסער געשעעניש. ווער ס׳איז זוכה, דער זעט דאָס אמתע בילד, כאָטש ער קען עס ניט נאָכמאַכן. . .״

ווען ער האָט פאַרלאָזן דעם סעמינאַר און איז געוואָרן דער גלח אינעם קלויסטער פון זיין היימשטעטל, האָט אים דער געדאַנק נאָך מער געפייניקט; ספקות האָבן זיך געמערט. גאַנצע נעכט פלעגט ער אָפּליגן אויף דער וועראַנדע פאַר זיין וויים הייזקעלע און ניט געקענט פאַרשטיין: „מיט אַזאַ מוטלאָזיקייט האָט מען עס איינגענומען רוים, בייגעקומען סענעקאַן און פּעטראָניוסן? מיט אַזאַ שיפלות איז מען עס אַריינגעדרונגען אין די היידנישע לענדער און זיי בייגעקומען? . . . ניט אַנדערש אַז עפּעס אַ גרויסער טעות איז געשען, און דעם סוד פון גאָט־מענטש, אַ דערלייזער — פאַרשטייט מען גאָר אין גאַנצן פאַלש. . .״

קיין מוט אַרויסצוקומען אָפן מיט דעם האָט ער ניט געהאַט, האָט ער זיך נאָך מער אָפּגעזונדערט פון מענטשן און געזוכט אין אַלטע ספרים, פאַרגלייכנדיק די טעקסטן פון לאַטיין אויף גריכיש און אַפילו סלאַוויאַניש. „אפשר איז ביי זיי דאָ אַן אמתדיק וואָרט וועגן דעם״. — האָט ער באַקעמפט אין זיך דעם פּחד פאַר דער פרעמדער גאָטלאָזיקייט. ס׳האָט אָבער אַלץ ניט געהאָלפן, דאָס בילד וואָס ער האָט געזוכט איז דורך די אַלטע פאַרמעטן נאָך פאַרהוילענער און פאַרנעפּלטער געוואָרן. נאָך מער, ער איז שוין אין קיין שום בילד ניט זיכער געווען, און ניט איין מאָל האָט עס אים געשיילט דעם מוח מיט פייערדיקע קאָמען: „וואָס מוטשעסטו זיך, און נאַרסט אַנדערע? בעסער וואַרף אַראָפּ די טאָגעס און לעב אַ טאָג. לעב כאָטש ווי יעדער מענטש מיט אַלע אברים ... דער האַר אַליין, זעסטו דאָך, איז אין די לעצטע מינוטן געווען פאַרלאָרן און —״

עס האָט געהאַלטן זייער שלעכט, מיט דעם גלח קוזניצקי. אין שטעטל האָט מען שוין געשמועסט, אַז עפּעס איז ניט גלאַטיק מיט אים. — „ער שטעלט צו פיל אויף זיך״ — האָבן די מיעשטשאַנעס געשאָקלט מיט די קעפּ, — ״און וואָס פעלט אים דען ביי אונדז? ער וואָלט דאָך געקענט רואיק פירן די טשערעדע, מישט ער זיך גאָר אין הויכע פראַגן. . .״ האָבן די באַלעבאַטים זיינע געציטערט און שטילערהייט געהאַפּט אויף אַ נס; און דער נס איז געקומען אין דער פאָרעם פון אַ בריוו פונעם בישאָף, וואָס האָט אים קלאָרער שוין געשריבן: „ס׳איז דאָס בילד אונדזערס, אין בלוט און פלייש, מ׳דאַרף עס האַלטן לעבעדיק, און זוכן אין לעבן; און לעבן, מיין זון, איז ניט איינגעשטאַלטיק. . .״

האָט ער זיך דערפילט זיכערער אין זיינע געדאַנקען און אין גאַנצן פאַרוואָרפן די מורא פאַר אַפּיקורסות. פאַרקערט — ער האָט עס דערפילט ווי אַ הייליקע אויפגאַבע אָנצוקליידן זיין בילד מיט זיין פלייש און בלוט. אין זיינע פרייטיקס האָט ער צום ערשטן פאַרזיכטיק, שפּעטער אָפענער און קלאָרער אָנגעוויזן אויף דעם. אינעם גלאַנץ פון די אויגן און אָנגעשטרענגטן איינהערן זיך האָט ער געפילט אַז דעם עולם נעמט עס, דאָס האָט אים שוין אין גאַנצן באַרואיקט. גאָר געשטאַרקט איז ער געוואָרן ווען יאַן סקושינסקי, אַ מיטגליד פון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע צו באַפרייען דאָס פאָטערלאַנד, האָט אים אַמאָל זייטיק באַמערקט:

— איר ווייסט, פּאַטערל, מיט אייערע דרשות העלפט איר אונדזער זאַך לעבן איז באַוועגלעך, פּאַטערל, און טראָציק. . . ...

ער האָט אַפילו ניט קלאָר געזען די פאַרבינדונג, אָבער זיך געפילט גוט, וואָס דער יונגער דור נעמט אָן זיין בילד פון יעזוסן.

אַ גרויסער יום־טוב איז ביי אים געווען ווען ער האָט געקראָגן די סטאַטוע. צוגעשיקט האָט זי אים אַ סעמינאַר־קאָלעגע, וואָס האָט געבראָכן די שבועה און איז געוואָרן אויס גלח. ער האָט זיך אַזוי דערפרייט, וואָס ענדלעך זעט ער אַ בילד וואָס איז אַנדערש און ווייזט דעם אמתן יעזוס, אַז ער האָט אַפילו פאַרגעסן יענעם צו דאַנקען און ניט נאָכגעפרעגט ווער ס'איז דער שאַפער פון דעם בילד. די סטאַטוע האָט ער אויפגעהאַנגען איבער זיין שרייבטיש, ניט וועלנדיק זיך שיידן פון איר אַ מינוט. ער האָט דאָס נייע יעזוס־בילד געהאַלטן פאַר אַ גוטן אָנהייב און שפּעטער וועט מען אין גאַנצן פאַרווישן די פאַרשוועכנדיקע בלוטפלעקן אויפן מאַרטירערס לייב; אַז ניט וועט מען זיי מאָלן אַזוי, אַז פון די טראָפּנס וועט אויפגיין אַזאַ שיין פון שטאַרקייט, אַז יעדער טראָפּן וועט בכוח זיין אויפצוטרייסלען אַ וועלט . . . דאָס וועט זיין דער אמתער זיג פונעם דערלייזער. . .

יעדעס מאָל ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער סטאַטוע פלעגט דאָס האַרץ אויפקוועלן פאַר פרייד און די פאַנטאַזיע האָט געוויזן דעם דערלייזער אין מיטן אַ מחנה נאָכלויפנדיקע פאַריער, טאַקע אַ געבויגענער — נאָר פון יעדן קנייטש און בייג, רעדט אַרויס ביטול און פאַראַכטונג צו די פייניקער; דאָס פּנים טאַקע אַ פאַרווייטיקטס, אין פולער פאַרצווייפלונג, — נאָר ביי די ליפּן שניידט זיך אַ שמייכל, אַזאַ דינער, אָפּלאַכנדיקער, פון אַלץ און פון אַלעמען; דער המון ווילדעוועט און ער, — בייגט בלויז אויס אַ ווינקל פון אַן אויג און שמייכלט מיט דעם אַריבער אַלעמענס קעפּ. . . ; נישטערט אויס אַ ווירקלעכקייט וואָס איז אייביקער פון דעם ווילדן הור־האַ; די ליפּן שעפּטשען, — ניט די תּחנונימדיקע רייד וואָס שטייען אין די הייליקע ספרים, נאָר אַנדערע רייד; ווערטער, וואָס האָבן נאָך קיין קלאַנגען ניט, בלויז אַקאָרדן וואָס ציטערן אין טאַקט פון עפּעס אַ סימפּאָניע, וועלכע ווערט ערגעץ געשפּילט; אַקאָרדן אַזעלכע דינע, וואָס שנירלען זיך העט אַוועק און פאַרנעמען די וויטסטע ווייטן.

קוזניצקין פּלעגט זיך אויסדאַכטן, אַז ער הערט די אַקאָרדן, און מיט דער אָרץ־צאַפּלעניש פּלעגט ער זיך רײַסן אויסצולײגן װערטער פון זײ . . . — די אמתע שטאָלצע װערטער, אָבער דאָ פּלעגט זיך עפּעס פּלוצעם פאַרהאַקן, דאָס בילד פאַרשװינדן און בלױז דאָס גרױע צלם־האָלץ מיט אַ צעבײלטן, צעקנײטשטן מענטשן אויף דעם האָט אַרויסגעשטאַרט פון אַ געדיכטער פינצטערניש און שוידערלעכער אײנזאַמקײט.

איצטער, ליגנדיק אַזױ אין פאַרטאַיעטקײט, אַ האַלב פאַרחלשטער פון הונגער, האָט אים די פאַנטאַזיע געהאַלטן אין אײן אויפּברענגען בילדער פון אַפּאָקאַליפּסיס: ס'האָבן זיך געפּלאָנטערט גריכיש־רױמישע געטער מיט צעקרימטע הײליקע פון איקאָנעס; אַלבאַסטער־לײַבער פון אָלימפּ האָבן זיך מאָדנע אַזױ לאַנג געקנײטשט, געפּאַלדעװעט און געבױגן ביז זײ זענען געבליבן הענגען, אויף האַלב צעפּוילטע צלמים, מיט אָפענע, יאַטערנדיקע װאונדן; אַן אָפּקלאַנג פון אַ שאָס אין דרױסן האָט זיך בײַ אים פאַרװאַנדלט אינעם דונער װאָס האָט געהילכט אין יענעם קלאָרן פאַרנאַכט, װען גאָטס־זון, האָט אַן אײנזאַמער געבליקט אין גרױסער פּײַן אויף די שאָטנס, װעלכע האָבן זיך געדרוקט פון הײקערדיקע בערגלעך אַרום; פּלוצעם האָט פון די שאָטנס אַרויס אַ פלאַטער געטאָן דאָס בלאָנדע בערדל זײַנס און עפּעס געטריבן פון זיך. קוזניצקי האָט אויפגעציטערט, זיך געפּרואװט אויפהײבן אָבער מער גאָרנישט געזען. אַ הױלקײט איז געלעגן אַרום אים. האָט ער געגלאָצט אויפן בילד אַקעגנאיבער און זיך בשום אופן ניט געקענט דערמאָנען װאו ער איז און װאָס עס טוט זיך מיט אים; ס'האָבן אים בלױז געקלונגען אין זכרון אָפּגעריסענע רײד זײַנע אײגענע אָדער עמעצנס: „דאָס אמתע בילד איז פאַרהוילן, מײַן זון, אַלץ װאָס מיר זעען איז אַ פאַרבלענדעניש”; — און מיט די רײד האָבן גענומען שװעבן אין צימער מאָדנע געשטאַלטן, צעקרימטע, צעפּײניקטע מיט אויסגעפּליקטע בערד און אָפענע יאַטערנדיקע מײַלער; זײער שרײַען טראָגט זיך אַרום אים, װעקט אים צו עפּעס און באַלד בליצט אויף פון ערגעץ אַ צעקנײטשט פּנים מיט דעם בױערנדיקן שמײכל בײַ די ליפּן — װאָס לאַכט פון פאַרגײענדיקע יסורים.

דער גלח האָט פאַרמאַכט די אויגן און אָט, — דאָס פּנים קומט נעענטער צו, לאָזט זיך באַטראַכטן פון אַלע זײַטן און ער דערקענט עס: ס'איז יעזוס. יאָ, ער אַלײן, אָדער — גאָר חיים דוד שנײַדער פון דער גאַרבאַרניע־גאַס . . .

ווען זיי זענען ס׳ערשטע מאָל אַריין אין שטעטל.
ווען זיי זענען ס׳ערשטע מאָל אַריין אין שטעטל.

יאָ, איצט דערמאָנט ער זיך שוין. ווען דאָס שטעטל האָט געגומען איבערגיין פון האַנט צו האַנט און פון די יידישע הייזער האָבן זיך געטראָגן אויפגעשרייען אין דער נאַכט אַריין, האָט ער, מיטן צלם אין האַנט, זיך געלאָזט אין די יידישע געסלעך. יאָמערן האָבן זיך געטראָגן פאַר אים, און הינטער אים געלעכטערן און שיכורע רייד פון באַלאַכאָווצעס און פוילישע לעגיאָנערן. אין דער הייליקער סוטאַנע איז ער ארומגעלאָפן, און אין יעזוסעס נאָמען זיך געבעטן ביי די צעווילדעוועטע סאָלדאַטן ניט צו מאָרדן, — האָבן זיי געלאַכט. פאַר דער וואַסערמיל האָבן אים אַפילו אַ פּאָר שיכּורע סאָלדאַטן אָפּגעשמיסן און צוגענומען דעם צלם ביי אים.

יאָ, ער דערמאָנט זיך שוין. אין די דאָזיקע מינוטן פון פייניקונג האָט ער גאָר פאַרגעסן אין די שטאָלצע געדאַנקען זיינע וועגן ביטול צו די פייניקער און מוטיקן פאַרגיין; ער האָט נאָר געציטערט, און דאַכט זיך, אַפילו געבעטן זיך ביי זיי . . . אין האַרצן האָט ער דאָך געזאָגט די זעלבע רייד וואָס די הייליקע ספרים שרייבן: „פאַר וואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן, האַר?״.

און דעמאָלט, האָט ער — אויפהייבנדיק זיך פון דער ערד וואו מ׳האָט אים געשמיסן, — דערזען חיים דוד שניידער, אַ יידל מיט שאַרפע אויגן און אַ בלאָנד בערדל. ער איז געשטאַנען צווישן אַ כאָפּטע באַלאַכאָווצעס; פונעם מויל האָט געררונען בלוט, אויפן האַלדז האָבן זיי שוין געהאַט אים אַרומגעבונדן זיין אייגענע שניידערשע מאָס פאַר אַ פּעטליע. דער שניידער האָט געציטערט, געבעטן זיך, אָבער דאָס איינע אויג וואָס איז נאָך געוועזן אָפן, האָט עפּעס אַזוי חוצפּהדיק און שאַרף אַריבערגעקוקט אַריבער די צעיושעטע סאָלדאַטן, אַריבערן פייער פון דער ברענענדיקער מיל, ווי ס׳וואָלט געזען עפּעס אַזוינס, וואָס איז אייביקער פון דעם וואָס געשעט איצט.

יאָ, ער דערזעט שוין איצט אויף קלאָר, טאַקע חיים דוד שניידער, ניט יעזוס־אַ געבויגענער, אַ דערשלאָגענער, — נאָר פון יעדן קנייטש און בייג האָט אַרויסגעשפּאַרט אַ מאָדנע זיכערקייט אין זיך און איינגעשפּאַרטקייט; בלויז אויסערלעך האָט ער געבעטן, געקושט מיט פאַרבלוטיקטע ליפּן די הענט

פון די מערדער, אָבער פון אינעווייניק האָט אַרויסגעהילכט אַן אַנדער שפּרוך, אָט דעם שפּרוך וואָס ער האָט געהערט אַ גאַנצע נאַכט אַרומלויפנדיק איבער די יידישע גאַסן: „שמע ישראל, א־דו־ני א־ל־קינו, א־דו־ני אחד״; ניט צו די מערדער האָט ער דאָס געוואָרפן דעם שפּרוך. דאָס אויג — דאָס אָפענע, האָט דאָס אַזוי אַריבערגעוואונקען אַריבערן וואַסער צו די יידישע שטעטלעך פון אַרום, צו —

אַ האַסטיקער קלאַפּ אין טיר האָט מיט אַ מאָל איבערגעהאַקט דעם קנויל פון זיינע מחשבות. ער האָט זיך אָבער ניט אויפגעהויבן פון אָרט. זאָל מען קלאַפּן, זאָל מען ברעכן די טירן; ער איז דאָך סיי ווי אַהיימגעקומען מיט אַ באַשלוס מער פון הויז ניט אַרויסצוגיין. ווי קען מען דען נאָך קוקן דער וועלט אין פּנים אַריין נאָך אַזאַ נאַכט? ווי וועט ער דען קענען אויפהייבן דעם צלם און בענטשן די פאַרזאַמלטע עדה אין קלויסטער נאָך דעם וואָס ס׳האָט פּאַסירט? ער האָט דאָך אַפילו צעהאַקט דעם איינציקן שפּיגל ביי זיך אין צימער. ווי קען מען דען קוקן זיך אַליין אין פּנים נאָך דעם אַלעם?

גאַנצע צוויי טעג איז ער אַזוי אָפּגעלעגן אויפן דיל צווישן די שטיקלעך גלאָז פונעם צעבראָכענעם שפּיגל און געגלאָצט אין דער ליידיקייט אַריין. בלויז די סטאַטוע האָט זיך פון צייט צו צייט אַרויסגעבלייכט פון דער פינצטערניש. ער געדענקט ניט צי ער איז געשלאָפן צי ער איז געווען וואַך, ער זעט זיך נאָך אַלץ ליגנדיק אין בלאָטע און שיכורע בעסטיעס האַלטן איבער אים דעם צלם און שמייסן און כאָכאָטשען: „יעזוס מאַריאַ, יעזוס מאַריאַ״.

מאַכט ער צו איין אויג און דאָס אַנדערע קרימט זיך ביי אים אויס און שניידט דורך די אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן איבערן פענצטער, און ווי אַ דינער שפּיזל ציט עס אַ בליק צו די יידישע געסלעך, שלאָגט זיך מיט אַ מאָל אָן אינעם בלאָנדן בערדל פון חיים דוד שניידער און פאַלט צוריק דאָ אין חדרל און נאָגלט אים צו צום סטאַטועלע איבער דעם שרייבטיש . . . דאָ, גיט זיך דאָס צווייטע אויג אַן עפן־אויף און נעמט נישטערן דעם טונקעלן חלל; אין דער פאַרטאַיעטקייט, אין וועלכער ער איז אַריינגעפאַלן, האָט זיך אויסגעשיילט אַ נייע אַפּאָקאַליפּטישע וויזיע: די יידישע געסלעך זענען לעבעדיק געוואָרן, די פאַרשפּיצטע דעכער טראָצן עפּעס שאַרף־חוצפּהדיק אַריבער צו דער גויעשער פּאַרשטאָט; די שטיבלעך זענען טאַקע אָנגעשפּאַרט

אויף איינגעבויגענע ווענט און פֿאַרפוילטע פֿונדאַמענטן, אבער פֿון דער איינגעבויגנקייט און אומהיימלעכער געפּאַלנקייט שפּאַרט דאָך אַרויס אַ מאָדנע זיכערקייט פֿון אַלע שפּאַלטן: „מיר וועלן אַלץ איבערקומען...״ און צווישן די דעכער שווימט אַרום אַ קאָפּ, אַ צעבלוטיקטער, עטוואָס אָנגעבויגן אַרונטער מיט אַ בלאָנד בערדל; און איין אויג, אַ קוים געעפֿנטס — קוקט אַריבער אַלץ, אַריבער דער רויטער לבֿנה, אַריבער דער פֿלאַקערנדיקער וואַסערמיל און אַריבער די יאָמערן פֿון די שפּאַלטן אַרויס.

— צו וועמען, האַר? וואוהין? — האָט דער גלח ניט מיט זיין קול אַ רעווע געטאָן.

ביי דעם האָט זיך די טיר אָן עפּן געטאָן. אַ פּאַס ליכט האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן אין צימער אַריין און גענומען שלינגען דעם טונקל. די שטיקלעך גלאָז האָבן זיך צעפֿינקלט און גענומען טראַסקען אונטער עמעצנס ציטערנדיקע פּיס:

— דערבאַרעם זיך, פּאָטערל, מ׳וויל אונדז אַלעמען אויסקוילען!

קוזניצקי האָט זיך ראַפּטעם אויפֿגעשטעלט, עפּעס אַרויסגעמורמלט, נאָר אַליין ניט פֿאַרשטאַנען וואָס ער זאָגט. געכאַפּט די סטאַטוע פֿון איבערן שרייבטיש און אַרויס מיט די דריי יידן, וואָס האָבן זיך אים נאָכגעשלעפּט און שטאַמלענדיק דערציילט, אַז די לעגיאָנערן האָבן צונויפֿגעטריבן דאָס גאַנצע שטעטל יידן אין מיטן מאַרק אַריין און אָנגעשטעלט פּולעמיאָטן אַלעמען צו צעשיסן.

די פֿריערדיקע פּאַרטאַיעטקייט איז אַוועק פֿון אים גלייך ווי ער איז אַרויס אין דרויסן. אינסטינקטיוו האָט ער געזוכט אויפֿצוכאַפּן זייערע בליקן און ניט געקענט, ער האָט בלויז געהערט דאָס קלאַפּן פֿון אַ צאָן אָן אַ צאָן און דאָס פּלאַטערן פֿון ציטערנדיקע בערד.

דער פּחד זייערער האָט אים אויך אַ כאַפּ געטאָן און גענומען וואַרפֿן אין היץ און אין קעלט, נאָר פּונקט ווי זיי איז ער ניט געלאָפֿן נאָר עפּעס מאָדנע געשטאָלפּערט מיט די פּיס ווי געליימט; און פּונקט ווי זיי, האָט ער געהאַלטן

אין איין אָנשפּיצן די אויערן צי מ׳הערט שוין ניט שיסן...

פֿאַרבײַגייענדיק דאָס קלײנע קלויסטערל, האָרט פֿאַרן שטעטלשן מאַרק, איז פֿון דאָרט אַרויסגעשפּרונגען דער משוגענער פֿאַן סקזשינסקי, האַלטנדיק אַ צעבראָכענעם פֿידל אין איין האַנט און אין דער אַנדערער אַ בילד פֿון דער הייליקער מאַריע.

— פֿאַניע קאָכאַני, — האָט ער ווי אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמע, — דו גייסט אויך אַהין? מיט די געפּייניקטע איז גאָט. . .

דער גלח האָט גאָרנישט נישט געענטפֿערט און ווייטער געשפּאַנט. דאָס האַרץ איז געוואָרן שווער, פֿאַרשטיינערט. וואָס ער וועט טאָן אין שטעטל האָט ער ניט געוואוסט און איז ניט מסוגל געווען צו טראַכטן אַפֿילו. ס׳האָבן זיך אין אים געיאָגט בילדער מיט בליציקער שנעלקייט; אַנטקעגנגעלאָפֿן און אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט; ווערטער געשליפֿענע ווי דימענט, האָבן זיך געריסן פֿון מויל און גלייך פֿאַרקראָכן אין די אויערן און זיך אויסגעמישט מיטן קלינגען פֿון זײַנע אייגענע ציין, וואָס האָבן זיך אים געבאָמבלט עפּעס מאָדנע איבעריק אין מויל.

— דאָס אמתע בילד איז פֿאַרהוילן, ווער ס׳איז זוכה, זעט דאָס ריכטיקע געשטאַלט . . . — טאַנצט אים אַנטקעגן דעם בישאָפֿס גאָלדענע מאַנטיע.

— ווען מ׳זאָל אין דער זעלבער צייט קלינגען מיט די גלעקער, — לאָזט אים דער אָפּגעריסענער פֿאַרשוין ניט אָפּ, — וואָלטן זיי זיך אָפּגעשראָקן, די טייוואָלים, ווי כ׳בין אַ קריסט, פֿאַניע קאָכאַני.

דער גלח הערט אַפֿילו ניט געגוי וואָס ער זאָגט, נאָר פֿאָרט לייגן זיך אים די רייד אויפֿן האַרץ, אויף דער נשמה און שלאָגן זיך אָן אין דער גאָלדענער מאַנטיע פֿונעם בישאָף: „ווער ס׳איז זוכה, דער זעט. . .״

זײַנע אויגן בלאָנקען פֿון דער סטאַטוע צו די יידן, צו דעם מאָדנעם פֿאַרשוין וואָס קוקט אויס באַקאַנט, נאָר ער קען זיך ניט דערמאָנען וואו ער האָט אים געזען. אפֿשר איז עס גאָר אַ שליח? ער וואָלט אים וועלן עפּעס

פרעגן, אפשר ווייסט ער דעם באַשייד? נאָר יענער וואַרט ניט און יאָגט אַרויס פון זיך די נשמה:

— ניט אַזוי האָבן מיר זיך עס פאָרגעשטעלט, פאַניע קאָכאַני, טייוואָלים פאַרשטעלט פאַר פאָליאַקן. „טשעמנאָ ושענדזיע, גלוכאָ ושענדזיע" — איז ער מיט אַ מאָל זיך פאַרגאַנגען אין אַ דעקלאַמאַטאָרישן ביי־קול און צוגעדרימפּלט אויפן פידל, — „צאָ טאָ בענדזיע, צאָ טאָ בענדזיע" (פינצטער אַרום, טויב איז אַלץ, וואָס וועט געשען? וואָס וועט דאָ זיין?)

ערשט איצט האָט ער דערקענט ווער דאָס איז. ס'איז דאָך דער משוגענער סקזשינסקי, דאָס פריצל וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער געהיימער גרופּע באַפרייער פונעם פאָטערלאַנד, און איז ניט לאַנג צוריקגעקומען פון ערגעץ אַן אָפּגעריסענער, אַ צעטערכעטער און בלאָנקעט אַרום אויף די וועגן מיט אַ צעבראָכענעם פידל אויף וועלכן ער דרימפּלט אויס, מיט אַן אייגן געשאַפענעם ניגון, פּסוקים פון מיצקעוויטשעס „דזשאַדי" און פון תהילים.

דער גלח פלעגט זיך באַמיען אים אויסצומיידן, ווייל שטענדיק ווען ער האָט אים געזען אַרומבלאָנקען אַליין פאַר טאָג אויפן באַרג הינטערן קלויסטער און דרימפּלען אַזוי מאָדנע עלנט אויף דעם צעבראָכענעם פידל, האָט זיך אים געדאַכט אַז ער זעט פאַר זיך אַ לעבעדיקן סימבאָל פון עפּעס אַ גרויסן אומגליק. בלויז איין מאָל האָט זיך פאַן יאַן אַריינגעשטעלט צו אים אין הויז און אָפּגעשטאַנען אַ פאָר מינוט גלאָצנדיק אויף די הייליקע בילדער, און באַלד אַרויסגעשפּאַנט אין סאָד אַריין דרימפּלענדיק אויפן פידל נאָך עלנטער ווי אַלע מאָל. ווען דער גלח האָט אים געפרעגט וואָס ער וויל, האָט ער מאָדנע אַרויסגעשלוקערצט: — „כ'האָב געמיינט אַז דו ווייסט ווען דער טאָג פון מישפּט קומט. . ."

די איצטיקע באַגעגעניש אָבער און זיינע קלאָרע רייד, כמעט די זעלבע רייד וואָס ליגן אים אַליין אויפן האַרץ, האָבן אין אים ווידער געוועקט דעם חשק עפּעס צו פרעגן ביי אים. אין דער מינוט האָט דער גלח אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז דאָס איז דאָס פריצל וואָס האָט אים אַמאָל געלויבט פאַר העלפן דער זאַך פון פאָטערלאַנד; ער האָט אין אים געוואָלט זען גאָר דעם פרעמדן און מאָדנעם וואָס בלאָנקעט אַרום אין די בערג און שלאָפט אין דער אַמבאָנע,

אפשר ווייסט ער עפּעס . . . דער גרויער, פאַרצווייפלטער ניגון מיט דעם גרילץ פון דעם צעבראָכענעם פידל האָבן אים איצט אַ נעם געטאָן, און ווי אַן אַקאָרד, אַרויסגעצויגן פון ערגעץ אַנדערע וועלטן, האָבן זיי געלאָקט און געמאַניעט.

— און וואָס וועט זיין אַז מ׳וועט קלינגען אין די גלעקער? . . . — האָט זיך ביי אים סוף כּל סוף אַרויסגעכאַפּט.

דער משוגענער האָט זיך ראַפּטעם אָפּגעשטעלט און מיטן זעלבן דעקלאַמאַטאָרישן טאָן געענטפערט וועמען אין דער לופטן: „די טייוואָלים פאַרפייניגן די איידעלע קינדער פון פאָטערלאַנד. די ערד איז ווידער פאַרגאָסן מיט בלוט, פּאַניע קאָכאַני, דאַרפן קלינגען די גלעקער: דער טאָג פון שאַנד איז אָנגעקומען!״

די איילנדיקע גרופּע האָט אים קלאָר ניט געקענט הערן צוליבן יאָמער וואָס האָט זיך אַ ריס געטאָן פון מיטן מאַרק און געגעבן אַ פּאַטש אַוועק איבער דער לאָנקע ווי אַ מחנה פאַרוואונדעטע פייגל. דער גלח האָט אינסטינקטיוו געמאַכט דעם צייכן פון צלם, די יידן האָבן עפּעס מאָדנע אויפגעשלוכצט און געפּרעפּלט אָן ווערטער, נאָר דעם גלח האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט געזען ווי דאָס קול זייערס האָט אַ שוועב געטאָן און זיך אָנגעכאַפּט אינעם פריערדיקן יאָמער, און צוזאַמען איילן זיי זיך ערגעץ ווייט אַריבערן וואַלד און טייך — האָט ער אויך גענומען איילן זיך און אין מוח איז אים עפּעס אַזוי לופטיק און ליכטיק געוואָרן: „ווער ס׳איז זוכה, דער זעט דאָס אמתע בילד״. — איז פאַר אים געלאָפן דאָס סודותדיקע שמייכלען פונעם בישאָף.

אין מאַרק אריין זיינען זיי אָנגעקומען פּונקט ווען די לעגיאָנערן האָבן אָפּגעטיילט די מענער פון דער מחנה ווייבער און קינדער. דער יאָמער איז דאָ געווען אויסגעמישט מיט שיכּורע אויסגעשרייען פון די סאָלדאַטן און הירזשען פון צערייצטע פערד; אָן אַ זייט, אויפן הויכן בריקל פאַרן ראָטהויז איז געשטאַנען אַ פאַרפלאַמטער לעגיאָנער און ווילד געפּויקט אין אַ גרויסן באַראַבאַן, און לעבן אים האָט זיך אַ גאַנצע קאָמפּאַניע לעגיאָנערן געפּאָרעט מיט מאַשינביקסן.

אַריינגעפאַלן אינעם ליאַרעם, האָט זיך דער גלח אַ מינוט פאַרלוירן און געבלישטערט מיט די אויגן אַרום זיך; מיט איין בליק געזען — אי די כוואַטשענדיקע בייטשלעך פון די רייטער, אי די צעקרימטע פנימער פאַרגאָסענע מיט בלוט פון דער צענויפגעקנוילטער עדה יידן, אי די כאַכאָטשענדיקע אָפענע מיילער פון די שיכּורע באַלאַכאָוועס און לעגיאָנערן. פּחד און גרויל, יללה און געשריי אויסגעמישט מיט בלוט, שטויב, פאַרפלאָמטע שווייסיקע פּנימער און פערדן־געהירזש האָט אים אַ כאַפּ געטאָן און מיט אים גענומען וואַרפן. ער האָט דאָס אָבער ניט געוואוסט, ניט געפילט אַז די קני ברעכן זיך אים, אַז אין מוח שלאָגט ווי מיט האַמערס; דאָס בלוט אין די אָדערן איז קוועקזילבערדיק געשפּרונגען אַרויף און אַראָפּ און אים געשטויסן, אויפגעריסן דאָס מויל, געהויבן די הענט און געטריבן די פיס פון אָרט צו אָרט; עפּעס האָט ער געשריגן, עפּעס האָט ער גערעוועט, געוויזן מיט די הענט, געוואָרפן זיך דאָ צו דעם, דאָ צו אַן אַנדערן וואָס האָט אים אויסגעוויזן אַן עלטסטער, און צום סוף איז ער געבליבן שטיין אַ פאַרטאַיעטער אין מיטן אַ מוראדיקער שטילקייט.

— מענטשן, וואָס טוט איר?! — האָט ער דערהערט פון דער שטילקייט אַרויס זיין אייגן קול אין געיאָמער.

דאָס ווייטערדיקע האָט ער שוין ווידער ניט געהערט, נאָר בלויז געזען צעיאַכמערטע פנימער פון לעגיאָנערן קוקן אויף דער קריסטוס־סטאַטוע מיט אַ משונהדיקער טעמפּטקייט. מיט אַ מאָל האָט די טעמפּטקייט אויפגעפלאַצט מיט אַ רעווע:

— אַ טויט די שונאים פון פוילן!

ווי אַן עכאָ פון ערגעץ ווייט האָט זיך פלוצעם גענומען טראָגן איבערן שטעטל אַ קלינגען פון קלויסטער־גלעקער. אין אָנהייב געלאַסן און באַלד אַלץ אימפּעטיקער, הילכיקער ווי וואָרענענדיק פאַר עפּעס. דער גלח האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און הויך אויפן קול אַרויסגעשלוכצט: „אַזוי פיל קינס, יעזוס ליבער, זע נאָר ווער עס טראָגט דעם צלם דיינעם!” ער האָט זיך אַ האַסטיקן דריי געטאָן און אַריינגעקוקט אין די צעשראָקענע פנימער פון דער עדה יידן, — „פאַר אייך ברידער, געפּייניקטע, קלינגען די גלעקער איצט.

נעמט מיך צווישן אײַך, מיט אײַך איז דער האַר, איר זענט אײביק״, — האָט ער זיך געבויגן און גענייגט פאַר זיי ווי פאַר אַ הייליק בילד.

קיינער האָט אים ניט געענטפערט, נאָר פון זיך אַליין האָט זיך דער קנויל יידן אַ צעוויקל געטאָן, ס׳האָט זיך געשאַפן אַן עפענונג און אַרײַנגענומען דעם גלח אין מיטן.

— זאָל אײַך דער האַר באַצאָלן! — האָט ער מיט אַ מאָדנעם קול אַ צאַפּל געטאָן.

דער באַראַבאַן האָט ווידער געפּרואווט אַ פּויק טאָן נאָר די גלעקער האָבן אים איבערגעהילכט, האָט ער אָפּגעהאַקט אינמיטן.

— טויט די שונאים פון קריסטוס! — האָט ווער אַ קוויטש געטאָן און די צערייצטע לעגיאָנערן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויפן עולם מיט בלאַנקע שווערדן, אויסגעשטרעקטע ביקסן און פּייפנדיקע בייטשלעך.

— פריער הרגעט מיך מיט אים! — האָט דער גלח געשטרעקט די קריסטוס־סטאַטוע אַנטקעגן דעם אָנגעלאָף.

אַ בלאַנק פון אַ שווערד פאַר די אויגן האָט אים אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד. אַ יאָמערלעך געשריי האָט אויפגעפלאַצט אין מאַרק. דער באַראַבאַן האָט געגומען האַסטיקער באַמבען און די גלעקער האָבן מאָדנע עלנט געקלונגען.

* * *

אַ צעטראַמפּלטער איז דער גלח קוזניצקי געלעגן אין מיטן מאַרק צווישן אַלע הרוגים; איין אויג האַלב אָפן און פאַרטרערט, דאָס אַנדערע — פאַרקלעפּט מיט פערד־שמוץ, און לעבן אים די קריסטוס־סטאַטוע, וואָס האָט געבלישטשעט אַנטקעגן דער זון פון אַ קאַלוזשע בלוט אַרויס.

# פון דער פאַרהווילעניש אַרויס

(אַ דערמאָנונג)

ס׳איז ערב תשעה באב פאַרנאַכט. די זון זעצט זיך שוין הינטערן „וואול". (אַ שטיינערן בערגל איבער אַ משופּעדיקן טאָל, וואָס איז אַן איבערבלייב פון אַן אַמאָליקער באַפעסטיקונג און איצט אַ מיסט־פּלאַץ) פון די הויפנס מיסט טראָגן זיך עיפּושדיקע שאַרפע ריחות צוזאַמען מיט אַ בלוילעכן נעפּל וועלכער דרינגט אַריין אין די שוין פאַרשאָטנטע הייזלעך דורך די קופּער רויט און ראָז געפאַרבטע לאָדנס מיט וועלכע מ׳האָט אַ גאַנצן טאָג פאַרשטעלט די פענצטער פאַר דער ברענענדיקער זון. אין געסל לויפן שוין אַרום גאַנצע כאַליאַסטרעס קינדער מיט פאַרשמירטע ליפּעלעך און הענטלעך צוליב דעם נאָר וואָס איילקן שלינגען די וואַרעניקעס געפילט מיט בלוי און שוואַרצע יאַגעדעס. זיי לויפן איצט רייסן באָדזשיקעס (שטעכלקעס) וואָס איז אַ מצווה צו וואַרפן ווי נאָר די זון וועט פאַרגיין. ביים אויסבייג פון געסל, אויף דער הויכער „פּאָטשעגע" (אַ סאָרט אָפענער באַלקאָן וואָס דינט ווי אַ דורכגאַנג פון הויז צו הויז ווען די בלאָטעס שטעלן זיך אין האַרבסט און אָנהייב פרילינג) זיצט שוין די גרויסע ליבע אויף אַן איבערגעקערט בענקל און קוקט נאָך אירע צוויי יינגלעך ווי זיי שטייען מיט רחמנות־פּנימלעך דאָ ביי דער טיר, דאָ ביי אַן אנדערער, אויסקוקנדיק אַז מ׳וועט זיי דערלאַנגען אַ וואַרעניקל און אויך זייערע ליפּעלעך וועלן שוואַרץ ווערן. די גרויסע ליבע האָט היינט גאָרנישט נישט צוגעגרייט צום אָפּפאַסטן. נישט קיין ברייטע לאָקשן מיט מילך און נישט קיין וואַרעניקעס. שכנים ווייסן צו דערציילן, אַז ס׳איז שוין נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס זי טוט אַזוי. אַז די קינדער באַקלאָגן זיך: „מאַמע, פאַרוואָס?", ענטפערט זי: „אַז דער טאַטע וועט מיערטשעשעם אַהיימקומען פון יוניף (אַ טורמע פון פערדס גנבים), וועל עך ענק אָפּמאַכן אַ פריילעכן (תשעה באב) טישעבאָף מיט וואַרעניקעס און מיט ברייטע לאָקשן".

אַ גאַנץ יאָר וויצלט מען זיך טאַקע אויף איר חשבון, אָבער מ׳האָט פאָרט אינזינען, אַז אירע בנים נעבעך, זאָלן חלילה נישט בלייבן ערב תשעה

באַב מיט פּאַרטריקנטע און רײַנע ליפּעלעך, און זאָלן אויך קענען ווי אַלע קינדער לויפן צום נאָענטן קלויסטער־גאָרטן וואו עס זײַנען דאָ באָדזשיקעס צו באַוואַרפן דאָס גאַנצע שטעטל בערד און די מיידעלשע קאָלטענעס, עס זאָל נישט אויסגערעדט זײַן.

אין די באַלעבאַטישע הײַזער פון געסל, פּראַוועט מען שוין די „סעודה המפסקת" אין איילעניש. די ברייטע לאָקשן מיט מילך ווערן געשלונגען כמעט נישט צעקײַעט, אין אַ פּאַראומערטן שטילשווײַגן. אַפילו דאָס בענטשן איז צוגעלייגט גרוי און דער „על נהרות בבל" קומט אַרויס מיט אַ פאַרשטיקטן פּרעסנדיקן טרויער, וואָס איז שוין אויסגעשפּרייט אין די ווינקעלעך און אויף אַלע שראַנקען און צוגעדעקטע ספרים־שאַפעס. אַלע אויגן זײַנען אָנגעשטרענגט צום דריי־פיסיקן דעמבענעם טיש, וואָס זעט פּלוצים אויס הויל נאַקעט, דערשלאָגן און אָרעמאַנסקע פאַרשעמט אָן דעם טישטעך וועלכן די מאַמע האָט אַראָפּגעשאַרט פון אים אַזוי זײַטיק מיט איין מאַך פון דער האַנט ביים אַראָפּנעמען דאָס לעצטע שיסעלע און אַוועקגעשטעלט לעבן טאַטן עפּעס אַ פאַרקוילט שוואַרץ טעפּעלע מיט אַן איי אין אַש.

„אַזוי האָב עך געזען ביי מײַן טאַטן זאָל זײַן אַ גוטער מליץ" צאַפּלט איר כמעט שליוכצנדיקער פליסטער גלײַך פונעם טעפּעלע אַרויס.

„נייע נייסן, גאָר" טוט זיך דער טאַטע אַ פאַרקרים, „ווייס עך דאָרט וואָס", ווישט ער אַרום דאָס אַש פונעם איי, "באַ'ן אינדז, אין אינדזער חסידות, האָט מען עס געהאַלטן נאָר פאַרן אויג, לזכר, נישט צום עסן . . . גיט וואָס האָסט עס נישט געעפנט. אם ירצה השם מאָרגן בײַנאַכט, וועט מען בלי נדר דערמיט אָפּפאַסטן. פאַרשטייסט, ס'איז נישט רעכט צו פאַרמיאוסן דאָס וואָס מ'עסט עס מיט אַ ברכה", האָט ער אויסגעטאָן דאָס סאַמעטענע היטל און אָנגעטאָן דאָס גרוי טוכענע מיטן פיצל דאַשיקל וואָס איז ווי פאַרפאַלן געוואָרן אויפן ברייטן שטערן, וואָס איז דאָס אײַנציקע פּאַסיקל ווייס אויפן באַוואַקסענעם פּנים מיט די זשמוטן שוואַרצע האָר פון, באָרד און פּאות.

„מ'דאַרף גיין", האָט ער זיך אַרײַנגעשטעלט אינעם בלעכענעם כאַלאַטל, געמאַכט עפּעס פון אַ מין שאָרסטקע שטייפן שטאָף, אַז ס'איז געבליבן שטיין אויף אים שטייף און געקנאַקט ווי אַ בלעך ביים צופאַלן צו די כאָליעוועס פון די שטיוול.

„הערט נאָר", האָט ער שוין ביי דער שוועל שטייענדיק אויסגעטאָן די שטיוול און אָנגעטאָן די געוואַנטענע שטעק־שיך אָן זוילן „עץ ווייסטאָך וואָס מ'דאַרף טין היינט און ווי יידן פירן זיך. דאָס אבלות הייבט זיך אָן מיטן זון אונטערגאַנג. לאָמיר דערלעבן איבער אַ יאָר צו אַ גאולה שלמה. . .", האָט ער זיך דערביי אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער הינטער טיר און ווי איבערגעבנדיק עפּעס וואונדערלעכעס געזעדט צו די זין בלויז, „מיין טאַטע ע"ה האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ער האָט בקבלה פון גאָר אַ הויך אָרט, אַז פונקט ווי מ'דאַרף תשעה באב מאַכן אַ שינוי אין די מלבושים, איז אויך גלייכער אַרויסצוגיין פון שטוב דורך דער הינטער טיר. דעם טעם דערפון האָט ער מיר נישט מגלה געווען. עס קען אָבער זיין אַז ס'איז אַ רמז אַז אַבי נאָר ס'וועט קומען די ריכטיקע רגע, וועט אויך די הינטער־טיר פירן צום שער הגאולה. מ'קען דען ווערן וויסן און ווי אַזוי. . .", האָט ער ווי געציילט די ווערטער און געעפנט די טיר, „עץ דאַרפט וויסן, אַז אַזוי ווי היינט פירן זיך שוין גאָר ווייניק אַזוי, איז עס אין דער בחינה פון „אין מגלין אלא לצנועין" (מ'זאָגט עס נישט אויס נאָר צו געהיטענע און באַגלויבטע.) . . .

דאָס גאַנצע געסל איז שוין פול מיט יידן אָנגעטאָענע אין אַזעלכע און ענלעכע כאַלאַטלעך און טוכענע היטעלעך. זיי זיינען, דאַכט זיך, איין גרויע מחנה, אָבער זיי טריטלען אָפּגעזונדערטע איינער פון אַנדערן נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט ביזן אָנקומען צו די „שטיבלעך", צום בית־מדרש און „רויטע שיל", וואו עס ברענט שוין נאָר איין ליכטל אין דער מנורה, וועלכע שטייט דאָס מאָל נישט אויפן עמוד נאָר אויפן בעלעמער (גערופן אויך שולחן) אַנטקעגן דעם ארון־קודש, וואָס זעט איצט אויס פאַראומערט, נאַקעט און בלויז אָן דעם פרוכת אויף זיך. זעסט, דאַכט זיך, בחוש ווי די גאַנצע גדולה זיינע מיטן גלאַנץ און שטאָלץ פון געזימס אויבן מיט די לייבעלעך מיט די רויטע צינגעלעך וואָס שרייען אויס דעם לויב פונעם „גוי אחד בארץ" און זיין תורה, קאָרטשעט זיך אין עלנט און צער אינעם שאָטן און טונקל פון דעם איינזאַמען ליכטל.

ביי דער זייט פון וועג, מיט די הילצערנע בריקלעך שלייכן זיך די ווייבער, פאַרדעקט די קעפּ ביז די אויגן מיט שוואַרצע שלייערן און שאַליקעס. צו די הייזער פון די וואויל־קענעוודיקע שכנטעס איילן זיי זיך און זעצן זיך אויס אויף די איבערגעקערטע בענקלעך און קעסטלעך פונקט ווי די מענער אין די „שטיבלעך" און בתי־מדרשים". קיינער זאָגט קיינעם נישט קיין

„גוטן אָוונט״. מ׳קוקט זיך כמעט נישט אין די אויגן אַריין. בלויז די ווייסע חברהניקעס, צווישן זיי דאָס מאָל אויך וואויל־לערנער פון איבערזעץ און גמרא־חדרים, „שטיבלעך״ און בית־מדרש־יינגלעך, און די יונגען פון די שוסטער־און שניידער־וואַרשטאַטן, שמאַיען אַרום אין מאַרק און אין די געסעלעך און גאָר באַזונדערס אויפן פערד מאַרק־פּלאַץ הינטער דער שיל מיט פולע קעשענעס קלימפּערס שטעכלקעס, וועלכע זיי וואַרפן איינס אויף דאָס אַנדערע אין די האָר אַריין. זיי שאַנעווען אויך נישט קיין עלטערע פון זיך וואָס טריטלען פאַרביי, און פאַרגאַנווענען זיך אויך צו אַ הויז מיט אַ גאַנעק (אָפענעם באַלקאָן) פול מיט ווייבער און מיידלעך פון וואַנען עס נעמט זיך טראָגן אַ געליאַרעם צוזאַמען מיט אַ כליאַפּען פון גאַנצע שעפן וואַסער וואָס דאַרפן אָפּטרייבן די אָנפאַלער. דאָך זעט עס עפּעס אויס, אַז דער גאַנצער געבייזער פון די ווייבער מיטן שרעק־געשריי פון די מיידלעך ביי וועלכע אַ שטעכלקע האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין די האָר, איז נאָר פון יוצא־וועגן, אַ מין אָנגענומענער טייל פון עפּעס אַ ריטואַל אַזאַ פאַר דעם אָוונט.

— אין ענקער רי אַראַן! — ליאַרעמט מען אויף זיי מיט מכלומרשטן געבייזער און שרעק אין איינעם, אין דער אמתן אָבער מיינט עס עפּעס גאָרנישט זיי, נאָר נישט געזעענע שאָטנס אַזעלכע, וואָס מ׳דאַרף פאַרטרייבן און מ׳איז זייער געהיטן דערביי צו גיסן דאָס וואַסער נאָר אַרויף, אַריבער די קעפּ פון די יינגלעך.

ווי נאָר עס ווערט גוט פינצטער און די הייזער בלייבן שטיין בלינד און פאַרטאַיעט אין פאַרהוילנקייט, ווי געלאָזן אויף גאָטס באַראָט, בלויז דאָ און דאָרט צאַנקט אַ צאַפּלדיק פּיצל שיין אין די שמאָלע ליקלעך, ווערן די געסלעך אָפּגעליידיקט. אין דער הוילער ליידיקער פינצטערניש בלינצלען אויף דינע פאַריתומטע שפּריצן פייערלעך פון די הייזער, וואו די ווייבער זיצן צונויפגעדריקט און פון די בתי־מדרשים וואו די מענער הויערן אין ד׳ער נידער אויף איבערגעקערטע בענק, איינגעבויגן אין דרייען איבער די קינות. צוזאַמען מיט די צאַפּלענדיקע פלעמלעך ציט זיך נאָך אַ מאָנאָטאָן טריבער ניגון, וואָס אָט איז ער פייערלעך דערציילעריש און אָט בייז און דערשלאָגן, און אָט פאַרגייט ער זיך אין אַ פאַלצעט און ווערט פאַרשפּיזיקט און ברויזט מיט גאַליקער אַנטוישונג.

פלוצים צעפלאַמט ער זיך און פאַרכליניעט זיך אין אַ כליפּ ווי אַ קינד, וואָס איז שוין מיד פון וויינען און טענהט מיט תרעומות אינעם אַרומיקן חושך אַריין הילפלאָז עלנט; און ראַפּטום, מיטן אָנהייבן לעשן זיך פון די ליכטלעך, וואָס בריען שוין די שפּיצן פינגער, טוט זיך דער ניגון אַ צעשאַל מיט עפּעס אַ ניי געפונענעם מעטאַלענעם קלאַנג פון ווערטער, וואָס אַלע כאַפּן אויף מיטן ביטחונדיקן טאָן פון תהילים זאָגן: „השיבנו אדוני אליך ונשובה, חדש ימינו כקדם”.

באַלד ווערט דער דרויסן שנעל פול מיטן יונגוואַרג, וואָס נעמט זיך ווידער צום וואַרפן די שטעכלקעס אונטערן געלן ווייסן שיין פון אַ האַלבער לבנה. אויך די „שטיבלעך” און די בתי מדרשים ליידיקן זיך אויס אָן צו זאָגן איינער דעם אַנדערן אַ וואָרט. בלויז ביים אַריינגיין אין אייגענעם געסל, וואַרפט מען אַרויס אין טונקל אַריין: „מ׳זאָל דערלעבן צו דער גאולה”. אייניקע ווערן אָבער גאָר אַריינגעצויגן אין דער שפּיל פון וואַרפן שטעכלקעס; טייל טוען עס שעמעוודיק, צוריקגעהאַלטן, זייטיק. אַנדערע אָבער ווערן אַריינגעצויגן אויף אַן אמת, און פּונקט ווי דאָס יונגוואַרג זוכט מען שוין צו וואַרפן דווקא אויף אַזעלכן, צו וועמען מ׳טשעפּעט זיך געוויינלעך אַ גאַנץ יאָר. עס הייבן זיך דערפאַר אָן צו הערן זידלערייען פונעם טונקל אַרויס דאָ און דאָרט, באַגלייט מיט באַליידיקנדיקע צונעמען אויף באַשטימטע פּערזאָנען. אַ סימן, אַז מ׳ווייסט שוין ווער וועמען עס האָט אָנגעצילט און די שטיפעריש שפּיל גייט שוין אַריבער אין ערנסט. מישן זיך שוין אַריין אין דעם באַדאַכטע באַלעבאַטים און חסידישע יונגעלייט, וועלכע קוקן קרום אויף דעם גאַנצן האַרמידער.

„פּע, אסור צי מע מעג אַזוי אין אַזאַ תענית!”

„הערט אויף דאָרט!”, קנאַקן די בלעכענע כאַלאַטלעך אינעם טונקל שליאַפּנדיק אינעם גאַנג מיט די לייוונטענע שטעקשיך און פאַרדאַרטע פּאָדעשוועס, געמאַכט פון האַרטער קאָרע. ”גאַיטס אַהאַים און דערלעבץ איבער אַ יאָר, מען זאָל שוין מער פון קאַ תשעה באָב ניש וויסן”.

„לאָצט מעך צי רי”, בעט זיך מיט אַ האַרצרייסנדיק קול יאַנקל מנשהס,

אויף וועמען גאָר אַ סך טראָגן אַ שווער האַרץ, ווייל ביי יעדער געלעגנהייט זאָגט ער זיי אַרייַן אין דער זיבעטער ריפּ און מ׳קען אים נישט אָפּענטפערן, שוין אָפּגערעדט פון עפּעס טאָן צו פאַרמאַכן אים דאָס מויל. אַלע ווייסן דאָך, אַז ער איז אַ צעדרייטער, כמעט אַ משוגענער. גיי טענה זיך אויס מיט אים, אַז ער אַליין גיט אַלע מאָל צו ווען ער זאָגט גוט אַרייַן אַ „שיינעם ייד״, אַן אָנגעזעענעם באַלעבאָס, ווען יענער האָט געטאָן עפּעס וואָס עס געפעלט אים נישט: „עץ מאַינט, אַז וואָל עך בין אַ משוגענער בינעך (בין איך) ניש קאַ מבין אויף ענק. בלויז תמוז און אב בין עך אַ ביסל ניש באַ די געדאַנקען. וואַאַטער, איז גאָט צי דאַנקען דער שכל באַ מיר גיש אויסגעטריקנט״. קוקט ער יענעם גלייך אין די אויגן אַריין מיט אַ שפּאָטיש געלעכטערל און לאָזט אים שטיין אַן אפּגעצוואַגענעם.

אַז עס קומט תמוז פאַרשווינדט ער טאַקע ערגעץ און באַווייזט זיך נאָר אין די סוף־חודשדיקע הייסע נעכט, ווען די לבנה הענגט רויט אויפן ראַנד פון פאַרשאָטנטן וואַלד און שפּרייט שטומען גרויל אויף אַלץ און אַלעמען. „היצן וועלן זיין און שטורעמס מיט שלאַקסרעגנס, דונערן און בליצן און האָגל, השם ישמרנו״, ציטערט מען אויף דערזעענדיק אים שלייכן זיך מיט אויסגעשטרעקטע הענט פאָראויס, ווי ער וואָלט עפּעס אָפּגעשטויסן פון זיך. מיטן וועג פון דער „לאַנגער בריק״ שלייכט ער זיך זייטיק ביז צו דער „מיטלסטער בריק״, וואו דער טייך רוישט אָנשלאָגנדיק זיך אין די הילצערנע פּלאַטפאָרמעס וואָס פאַרשטעלן אים דעם וועג. ער שטעלט זיך אָפּ אויף אַ רגע, פאַרגלייזט די אויגן און לאָזט אַראָפּ די הענט און טוט אַ שפּיי אַרייַן אין טייך מיטן פולן מויל און לאָזט זיך אַוועק מיט אַ שיפּנדיק געלעכטערל צו דער אַלטער בריק, וואָס הויערט איבערן רוישנדיקן געפּלייץ פון די שליוזעס. דאָרט שטייט ער אַ ווײַלע און טוט אַ שפּרונג אונטער מיט אַ יאָמערלעכן גרילץ, וואָס מ׳קען קוים הערן אַפילו פון דער נאָענט, נאָר פון דעסטוועגן ווייסט מען, אַז עס יאָמערט פון אים דער תהילים־ניגון „מאין יבא עזרי?״. פון דאָרט פאַרשווינדט ער מיט די לאָנקעס, וועלכע ציען זיך אַוועק צו די טאָרף־פעלדער העט ווייט וואו קיין מוטער־בריאה וואַגט נישט צו גיין אַפילו בייטאָג. אַפילו די אייגענע משפּחה ווייסט נישט וואו ער באַהאַלט זיך אויס, ערשט אין מיטן פון די ניין טעג באַווייזט ער זיך פלוצים אין מאַרק. „עס גייט דאָך צו תשעה באָב״, איילט ער פאַרביי ווי אַ ווירכער, „תשעה באָב, ווי איז מיר און ווינד״, און ווערט ווידער פאַרפאַלן אין איינער פון די ליקלעך.

ווי נאָר ער באַוויזט זיך ווידער נאָך קינות, רינגלען אים שוין אַרום חברה יונגוואַרג און הינטער זיי באַהאַלטן זיך אויך אַ פּאָר באַוואָקסענע יידן מיט אַראָפּגערוקטע היטעלעך ביז איבער די אויגן. מיט איין האַנט שטופּן זיי די בערד אינעם אויפגעשטעלטן קאָלנער פון כאַלאַטל, כדי צו פאַרהיטן זיך פון די פליענדיקע שטעכלקעס, און מיט דער צווייטער באַוואַרפן זיי דעם משוגענעם יאַנקל מנשהס, וועלכער שטייט אַן אומבאַהאָלפענער און שרייט: „לאָצט מעך גיין וויהין עך דאַרף אין אַזאַ נאַכט. כ׳האָ(ב) דען אַ באָרד פאַר ענק. נאַצט, זעיטס (נאַט זעט)!״ — שטרעקט ער צו זיי דאָס פּנים מיטן שיטערן בערדעלע. אַז סע העלפט אים נישט און קיינער איילט זיך נישט אָוועקצוטרייבן דעם אָנגעלאָף אַרום אים, טוט ער זיך אַ צעיאָג מיט רציחה און וויי־געשריי:

„עץ מאַינט, עך בין דער בלינדער פּנחס, אָדער דער טויבער יאָץ, צי דער שטומער ראובלע, נעבעך, וואָס קען נישט שרייען. ווען יעך האָב זיין שטעקן, וואָלט יעך ענק צעפּלעט די קעפּ, שמאַדעלניקעס אַזעלכע, הולטאַיעס. אויף מיין קאָפּ ווילט עץ ענק מאַכן אַ פריילעכן תשעה באָב. אַ ריעך (רוח) אין ענקער טאַטנס טאַטן אַריין! אַ פריילעכער תשעה באָב, ווינד איז ענק און מירו״.

דערפון ווערן די הענט פון די וואַרפערס שלאַבעריק און מ׳לאָזט אים שוין לויפן אַ צעיאַכמערטן מיט די אויסגעשטרעקטע פויסטן צו דעם „קורצן בריקל״, וואָס איז אויף יענער זייט מאַרק און פירט צום אַלטן בית־עולם, וואוהין דאָס גאַנצע שטעטל וועט ציען אין די זאָקן און שטעקשיך מאָרגן נאָכן ערשטן דאַווענען און קינות זאָגן. אַרומצורינגלען דאָרט די הויכע מצבה פון די צוויי סוחרים, ווען מען מ׳מאַכט אַ ״מלא״ אָן אַ נאָמען, ווייל קיינער ווייסט נישט ווי זיי האָבן געהייסן. מ׳ווייסט נאָר, אַז עפּעס אויסטערלישעס איז מיט זיי געשען און פון קדמונים איז אַ מנהג אַרומצורינגלען דאָס קבר יעדן תשעה באָב און מאַכן אַ „מלא״ אָן אַ נאָמען, ווי זיי זאָלן האָבן אָנגעזאָגט פאַר יציאת נשמה. נאָך דעם וועט מען אַרומגיין דעם רויטן שטיין דאָ באַלד דערנעבן פונעם קדוש ר׳ אַהרן קאָזאַק, וועלכער האָט ווי אין אַלטן פּנקס איז געווען פאַרצייכנט, געקעמפט קעגן די האָרדעס פון דעם רשע כמיעלניצקי ימח שמו וזכרו. זיבן מאָל גייט מען אַרום דעם רויטן שטיין, זאָגנדיק דערביי מיטן פייערלעכן תהילים־ניגון, „וקרני רשעים אגדע,

תרוממנה קרנות צדיק״. פון דאָרט איז נישט ווייט שוין צום איינגעפאַלענעם, צעקרישלטן שטיין פון דעם לאַטוטניק, דעם צדיק נסתר פון די צייטן פונעם אר״י הקדוש, וועלכער האָט פון די הייליקע בערגלעך פון צפת געזען, אַז דער לאַטוטניק פון היגן זשאַמעלעס הויף, וואָס חורבהט נאָך היינט נישט ווייט פון דער באָד, איז ראוי צו זיין משיח בן יוסף פון יענעם דור. ס׳איז אָבער נאָך נישט געווען די צייט און דער דור איז, נישט פאַר אונדז געדאַכט, נישט ראוי געווען, איז ער אַוועק פון דער וועלט אין אַ שפּעטן פרייטיק נאָך מיטאָג, ווי נאָר ער האָט דערשפּירט דאָס אָפענע אויג פונעם אר״י ז״ל פלאַמט אַרום אים. שטייט מען יעדן תשעה באָב פיר איילן פון דער ווייטנס פונעם קבר און מ׳נעמט צונויף די קוויטלעך מיט בקשות און מ׳גיט זיי איבער דעם שמש, וועלכער ראַטשקעט זיך צו נאָענט גענוג צו קענען אַוועקלייגן די קוויטלעך אויפן בערגל ערד, וואָס איז אין גאַנצן פאַרהוילן אונטערן שאָטן פונעם געדיכטן ניס־ביימל, וואָס הויערט איבער דעם ווי אַ חופּה.

זעענדיק איצט דעם משוגענעם לויפן אין יענער זייט אַריין, פּלאַצט אויף אַ געצאַפּל: „ניטע, יאַנקל! וואוהין לויפסטו, משוגענער, פאַר האַלבע נאַכט! מ׳טאָר נישו!״

— „מע טאָר נישו!״ — גרוילט אַ הייזעריקלעכער יאָמער צוריק ווי פון אַ תהום אַרויס פאַר אים און הינטער אים און צאַפּלט איבערן גאַנצן מאַרק ביז העט אַריבער די פאַרשטילטע פוסטע געסלעך

— „כאַ, כאַ, אַ פריילעכער תשעה באָב, ווייַ איז ענק און ווינד איז מירו!״.

# „אויף דער בראָכשטול"

(ביים דערוויסן זיך וועגן חורבן טישיוויץ, מיין היים־שטעטל, איינס פון די „תשע קהילות" אין קליין־פוילן)

**ע**ל הָאָבנָיִם, — פלעגט דער רבי טייטשן: „אויף דער בראָכשטול".

וואס דאָס מיינט געגנוי און וואָס אַ בראָכשטול איז, האָבן מיר טאַקע קיינס נישט געוואוסט, נאָר דער ציטער פון דעם וואָרט, זיין פיינלעכער טעם איז געווען פול אין אונדזערעביינער. האָט מען נישט געפרעגט קיין קשיות און נאָכגעזאגט מיטן זעלבן מאָנאָטאָנעם חומש ניגון: „עַל הָאָבנָיִם — אויף דער בראָכשטול".

דער ווייסער שניי אין דרויסן, האָט געגרופן און געמאָניעט און פאַר די אויגן האָט זיך געוויגט דאָס בילד: די מאַמע אויף דער בראָכשטול. פאַרוויינטע פנימער, פאַרבראָכענע הענט אין אַ צימער פול מיט שאָטנס און צער, האָט אַלץ און אַלעמען אַרומגענומען: „אויף דער בראָכשטול".

האָט אָבער דער רבי ניט אָפּגעלאָזט און טרייסטנדיק אַרויסגעהאָלפן: „אַז די ייִדישע מאַמעס קומען אויף דער בראָכשטול, דאַרפן זיי נישט קיין באָבעס, *) זיי געבוירן זייערע קינדער אַליין — קען דערפאַר דעם צוררס גזירה נישט אויסגעפירט ווערן, און ייִדישע ייִנגלעך ווערן ניצול פון אַ מיתה־משונה, רחמנא ליצלן".

פרייט זיך דאָס האַרץ פון חדר־ייִנגל און דער ווייסער שניי אין דרויסן פאַרטרייבט די שאָטנס פון טונקעלן צימער: "און גאָט האט געבענטשט די באָבעס פאַר זייער גוטסקייט, און זיי האָבן זיך געבויט הייזער".

אָט אַזוי געלערנט אַמאָל אין די קינדער־יאָרן און — פאַרגעסן.

*) אין פוילן האָט מען גערופן „באָבעס" די פרויען וואס העלפן ביים געבוירן.

אין די לעצטע טעג אָבער, איז דער פסוק צוריקגעקומען און דווקא מיט אַלע חנען און ציטערן פון רבינס קול ביים אויסטײַטשן די רש״י: „אַז א פרוי האַלט ביים געבוירן, זעצט מען זי אויף דער בראָכשטול, ווייל מ׳ווייסט נישט וואס ס׳וועט פון דעם אַרויסקומען: צי וועט געבוירן ווערן א צדיק, צי חס ושלום אַ רשע, און די מאַמע איז אין גרויס סכנה, השם ישמרנו״.

— לאָמיר זשע דאַווענען מעריב, קינדער! — האָט דער רבי איבערגעהאַקט אינמיטן. דאַן האָבן מיר זיך גלייך אַ ריס געטאָן פון טיש אַפער און שוין געפילט דעם פראָסטיקן טעם פון פרישער לופט אין דרויסן. אָבער היינט קען איך זיך פון טיש נישט רירן, די גלידער פאָלגן נישט:

אין פאַרק, אַנטקעגן מיין פענצטער, רויכערן זיך יעצט די געלע בלעטער. די לעצטע רעשטן פונם זומער בלוטיקן און גייען אויס אין רויך און אין פלאַם.

די בראָכשטול שטייט מיר ווידער פאַר די אויגן, און זי איז אַזוי אויסטערליש אויסגעוואַקסן, אזוי גרויס און געשפענסטיק, אַז זי האָט פאַרנומען אונדזער גאַנץ הויז. פון אלע עקן קומען די יללות, פארקרימטע פנימער און אָפענע חורבות גלאָצן פון אלע זייטן: „אוי דער בראָכשטול! וואָס ווערט יעצט געבוירן״? — הויערט דער שוידער און פאַרסמט דאָס געביין אין גאַנצן לייב.

די אלטע „באָבעס״ זענען שוין לאַנג אין זייער רו אַוועק, און מיין ליבער רבי איז אויך שוין מער נישטא מיך צו דערמאָנען אָן זיי. זיץ איך און איך זע: מאַמעס־קינדער ווערן מיט געוואַלד געפירט אויף דער בראָכשטול אַרויף און גייען אָפ מיט בלוט. און די נייע „באָבעס״ קענען נישט מער דאָס הייליקע פון אַלטן חומשל, און זיי לאַכן נאָך און חוזקן און לויערן אויף יעדן געבוירענעם מיט אַן אָפן מויל פון חורבן.

אָ, ווי געָנוי איך פיל יעצט שוין דעם אמתן טייטש פון יענעם פסוק.

מיין היים־שטאָט, אַן אלטער בוים לעבן דעם טייך „הוטשווע״ וואס אין פוילן, — איז אויסגעריסן מיט די וואָרצלען. אויף דער בראָכשטול איז

געזעסן מיין שטעטל, וואס האט נאך געזען די האָרדעס פונם צורר כמעלניצקי, ימח שמו. די קאַסטנס אַרום דער אַלטער שול, וואו דער צורר האט דאַן די קליינע קינדער געשאָכטן אויף כשר — האבן מיט די לעצטע פארפוילטע שטיקער זייערע, זיך א הויב געטאָן מיט צאַפּל: — „ער איז שוין ווידער דא!״

— שמע ישראל — האבן די חתן־כלה, וואס דער צורר האט דערקוילעט אונטער דער חופה, נאָכאַמאָל אויסגעאָטעמט דעם לעצטן אָטעם.

דער זכות פון משיח־בן־יוסף, דער הייליקער לאַטוטניק, וואס ליגט אויפן אַלטן בית־עולם, איז דאָסמאָל נישט בייגעשטאַנען.

דער רויטער שטיין הינטער וועלכן ס׳ליגט דער קדוש אהרון קאָזאַק, וועלכער האָט צוזאַמען מיט אונדזערע פעל־און פערד־יונגען מלחמה געהאַלטן קעגן דעם צורר — איז אין שיין פון דער נייער שרפה נאך רויטער געוואָרן.

„אָ, זיי זיינען שוין ווידער דאָ״ — טראָגט זיך דער יאָמער פון אַלע עקן פון מיין היים.

מיין שטעטל וואָס האָט פינעף יאָר־הונדערטער געחלומט צו דערלעבן משיחן אויף פוילישער ערד, איז שוין געזעסן אויף דער בראָכשטול און — געבוירן חורבן.

אונדזער הויז, וואָס האָט נאָך ביז דאָ נישט לאַנג אויפגעהיט אין זיינע פיר ווענט דער מאַמעס קרעכצן און אונדזער ערשטן קוויטשביים דערזען די „ליכטיקע״ וועלט, — חרובט איצט בלינד אין האַרבסטיקן חושך אַריין.

און מיר — אַנטרונענע, זיינען אַזוי ווייט און אַזוי רואיק נאָך.

האָבן מיר דען שוין אויף אַן אמת דערפילט דעם גרויל פון אויסגעשריי: אָ, זיי זיינען שוין ווידער דאָ?

שפירן מיר דען שוין, אַז זיי זיצן שוין אויף דער שטול דאָרט, מיינע

פעטערס און מומעס און אלע אייגענע, און אלע מיינע חברים צעזייטע און פארשפרייטע אין גאָרן לאנד, פוילן.

מיט פולן חלום אין דער נשמה, און מיטן גלויביקסטן האָפן נאָך אין האַרצן האָט מען זיי אַרויפגעזעצט אויף דער בראָכשטול אַרויף.

וועמעס שעה איז איצט שוין געקומען?

וועמעס ריי איז איצט?

איך קען די אויגן נישט פאַרמאכן און אויך דאָס מויל נישט שטייף פאַרקלעמען:

איז עס שוין נישט מיין ריי אַמאָל?

עס שטייט דאָך בפירוש: „עַל הָאָבְנָיִם" אויף דער בראָכשטול.

(תשרי — ה׳תש״א, לבריאַת העולם.)

# פון די מעשות פון אונדזערע טעג

## (געהערט פון אַן עד ראייה)

מיין טייערן פריינד און חבר. דר. יצחק פיין א מתנה.

דאָס הויז וואו מיר זיינען געווען פאַרבעטן צו קומען צו גאַסט כדי צו פאַרברענגען אַ פאָר שעה מיט באַקאַנטע און נאָך נישט באַקאַנטע מענטשן, האָט גלייך ביים אַריינקומען אַהין אַרויסגערופן אין געמיט אַ מאָדנע שפאַנונג. דאַכט זיך אַ געוויינטלעך באַלעבאַטיש הויז פון מענטשן מיט אַ געשמאַק פאַר קונסט און אָרנאַמענטיק, אָבער דער אָפקלייב און אויסשטעל פון אַלץ אין הויז, האָט גלייך פאַרכאַפט דאָס אויג מיט א מאָדנער אַנדערשטיקייט וועלכע ס'איז אין דער ערשטער רגע שווער געווען צו באַנעמען אין וואָס זי באַשטייט. דאָס מעבל, אַ געמיש פון מאסיווער געטאָקטקייט, וואָס שטייט פעסט פון אָרט נישט צו רירן און מאָדערנע לייכטע געשטעלן פון אַלערליי מינים וואָס קענען, דאַכט זיך, אַוועקפליען אין דער לופטן דורך אַ מינדסטן בלאָז. אויף די ווענט, אַ בלענדעניש פון בילדער פון אַמאָל און היינט אין כלערליי סטילן און פאַרבן, וואָס צוזאַמען מיט די באַזונדערס זייער פאָרזיכטיק צוגעקליבענע פאַרשיידן־פאָרמיקע ראַמען, באַשאַפן אַן אַטמאָספערע פון אַ בולטער אָפגעשיידטקייט פון איינס צום אַנדערן, און דאָך דערשפירסטו גלייכצייטיק אַ מין פאַרבאָרגענע ציטעריקע וויבראַציע אויפגיין פון זיי ווי עפעס אַן, אין זיך פאַרטיפטע פאַרהוילענע נאָענטקייט, וואָס דאַרף ערשט אַנטפלעקט ווערן. אין סאַמע צענטער פון דער פאָרנטיקער וואַנט, הענגען עטלעכע פאַטריאַכאַלישע פאָטאָגראַפיעס פון די עלטערן פון די גאַסט־געבער מיט אַ צולאָג פון אַלט־יידישע חפצים און סימבאָלן אויסגעהאַמערט אין קופער און אין מעש, וועלכע הענגען און זיינען אויסגעשטעלט אין אַלע ווינקלען און ביי די זייטן פון די ברייטע שפיגל־פענצטער וואָס גיבן צו גאָר אַ סך צו דער געשפאַנטער אַטמאָספערע פון די קאָנטראַסטן און זייער פאַרטיפטער אַריינגעטאָענקייט אין זיך, און באַשאַפן גלייכצייטיק די געדאַכטע פאַרבינדונג צווישן זיי וואָס קומט פאָר אין פאַרהוילנקייט. אויך פון די אָפענע שאַפעס אָנגעפראָפט מיט ספרים אין גרויס־פאָרמאַט מיט אַלט־לעדערנע באַנדן מיט מעשענע שלעסער

און גאָלד געלייַשטע זוימען און צוזאַמען מיט זיי מאָדערנע ביכער פון פאַרשיידענעם אינהאַלט געהילט אין כלערליי קאָלירטע הילעס, גייט אויף אַ מין פאַרהוילענע אַריינגעטאָענקייט אין זיך פון עטלעכע לשונות און צייטן.

איז דאָס אפשר די סיבה פאַר וואָס די, וואָס זיצן שוין דאָ פון פריער זיינען אויך עפּעס ווי פאַרטאָן אין זיך און דער שמועס קלעפּט זיך עפּעס נישט. מ׳איז עפּעס אי היימיש אי פרעמדלעך. עס קען אָבער אויך זיין, אַז די מאָדנע געפּרעסטע שטימונג קומט גאָר פון דעם וואָס די גאַנצע מסיבה איז אין דער אמתן אַ צופעליקע, אָן אַ ספּעציעלן צוועק און אין אַ שטאָט וואו מ׳קומט געוויינטלעך פון פאַרשיידענע מקומות פּראַוועון זומער אין מיטן ווינטער, אי כדי צו באַפרייען זיך אויף אַ ווײַלע פון דער שטענדיקער פאַרנומענקייט און אי כדי צו שטאַרקן אַביסל דאָס אָפּגעשוואַכטע געזונט פון דעם שווערן קלימאַט אין זייער אייגן מקום. זוכט מען דאָ צו זיצן אינאיינעם מיט מענטשן פון וועלכע מ׳האט געהערט דאָ און דאָרט דערמאָנען אין פאַרבינדונג מיט זייער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. בלויז די גאַסט־געבער, זיינען ווייזט אויס, באַקאַנט מיט יעדן איינעם פון די פאַרבעטענע געסט און זייער סטאַזש ווי געזעלשאַפטלעכע טוער און פען־מענטשן אין די שטעט פון וואַנען זיי קומען. די געסט אַליין האבן בלויז געהערט די נעמען פונעם רוב פון די פאַרבעטענע אָדער אפשר אַמאָל זיך צופעליק באַגעגנט ביי וועלכן עס איז נאַציאָנאַלן קולטור צוזאַמענפאָר. די ערשטע פּאָר מינוט פון באַגעגענען זיך, זיינען דעריבער איינגעהאַלטענע מיט דער געוויינטלעכער העפלעכקייט: „זייער צופרידן צו קענען אייך", אָדער אויך מיט דער איבערראַשנדיקער פאַרוואונדערונג: „אָ, דאס זענט איר, טאקע? קענען מיר זיך דאָך שוין פון לאַנג. אזוי פיל געהערט פון אייך", און ווייטער פון דעם גייט עס שוין נישט. מ׳זיצט שוין טאַקע נאָענט און מ׳קוקט איינס אויף דאָס אַנדערע נייגעריק און דער שמועס קומט אַרויס אָנגעשטרענגט ווי אַן אויספּרואוון זיך. מ׳הערט זיך דווקא צו צו איינעמס רייד מיט נייגער און דאָך פילט מען עפּעס אַז עס פּאָרט זיך נישט מיט דעם וואָס מ׳האָט אַמאָל געהערט זאָגן וועגן יענעם. עפּעס איז עס, דאַכט זיך, ווייט פון דעם וואָס ער וויל אין דער אמתן זאָגן, ווערט מען אליין אויך איינגעהאַלטן און נישט זיכער. מ׳איז ווי פאַרשטעלט איינער פון אַנדערן דורך אַ נישט געזעענעם פאָרהאַנג.

— „עפּעס האָבן מיר זיך דאָ אַריינגעטאָן אין אַ מאָדנער

פאַרשלייערטער שטימונג,″ — האָט איינער אָנגענומען זיך מיט מוט נאָכדעם ווי עמעץ האָט געפּרואווט אַרויסברענגען זיין אינערלעכע געשפּאַנטקייט קוקנדיק אויף די פאַרשיידן אַרטיקע בילדער. דאָס פאַרהוילענע אין זיי, דאַכט זיך אים אויס, איז שטאַרקער פאַרן אָפענעם און ער בלייבט שטיין אָן אַ באַשייד.

— „עפּעס רעדט מען דאָ האַלבע רייד, וואָס פאַרבאָרגן מער ווי זיי דעקן אויף″.

— „וואו זשע שטייט עס, אַז אַלץ מוז האָבן אַ באַשייד? אַז אַלץ איז אָפן און קלאָר. ס׳איז, דאַכט זיך מיר פאַרקערט.″

— „אַז מ׳קען נישט דערקלערן מיטן פּשוטן שׂכל, הייבט מען אָן שטאַמלען און מ׳טוט עס נאָך אָן אין אַ מיסטישן שלייער און מ׳איז דערמיט יוצא.

— „ווערט עס דען אויפגעקלערט דערמיט?″

— און פון וואַנען איז גערדרונגען, אַז אַלץ מוז זיין אויפגעקלערט און שׂכלדיק קלאָר?

— ס׳איז דען אַ פראַגע פון אַ מוז. עס וואָלט אפשר געווען לייכטער אָנצונעמען געוויסע באַשלוסן און דורכפירן זיי ווען אַלץ זאָל זיין קלאָר און שׂכלדיק באַגרינדעט. דער פּשוטער פאַקט איז אָבער, אַז גאָר גרויסע געשעענישן אין לעבן און אין אונדזער אייגענער געשיכטע געהערן צו דער קאַטעגאָריע פון די נישט שׂכלדיק אויפגעקלערטע.

— מיינט עס נאָך דיר נאָך, אַז דאָס אַליין קלערט שוין עפּעס אויף?

— עס מיינט נאָר, אַז ווען מ׳קוקט זיך גוט אריין אין דער טיף פון געשיכטלעכע געשעענישן, איז דאָס פאַרהוילענע שטאַרקער פון דעם כלומרשט רעאַל־אָפענעם. פאַראַן, ווייזט אויס, עפּעס אַזוינס וואָס קומט פאָר פון יענער זייט פון אונדזער רעאַלן זען און דאָס איז גאָר דער עיקר וואָס

מאַכט אָפּט צום נאַר אונדזער גאַנצע שכלדיקע באַגרעניצטקייט. דער מיסטיקער ווייסט עס און ווערט דעריבער נישט שטאַרק נתפּעל פון דעם וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דער אַזוי גערופענער רעאַלער אָפּנקייט.

— ענדערט דאָס, אָדער שטעלט עס דען אָפּ דאָס וואָס געשעט דערווייל אין דער רעאַליטעט? — איז דער שמועס געוואָרן שאַרפער.

— אַדרבא, דערקלערט מיר טאַקע שכלדיק, אָדער ווי איר ווילט וויסנשאַפטלעך די סיבה פון אונדזער קיום צו להכעיס אַלע גרוילן וואָס יעדער דור האָט געמוזט און מוז אַלץ נאָך דורכגיין צוליב דעם?

— אויף דעם האָט, דאַכט זיך, אַ גרויסער יידישער בעל מחשבה, וועמעס נאָמען איך קען זיך איצט נישט דערמאָנען טאַקע געזאָגט, אַז אין אַ טיפערן זינען איז דער יידישער קיום אַן אוניקום מיט דעם וואָס אין יעדן דור זעט עס רעאַל אויס ווי צייטווייליק און אָפּט אַפילו ביים סאַמע סוף שוין און דאָך ווערט כסדר די צייטווייליקייט פאַרוואַנדלט אין עפּעס וואָס זעט אויס ווי אייביקייט. די אמונה און ווילן פון יחידים עקשנים שפּילט דאָ די גרעסטע ראָלע.

— דאָס איז דאָך דער אַלטער נצח ישראל נאָר אָן דעם אָנשפּאַר: „מיט גאָטס הילף”, אָבער אָן דעם „מיט גאָטס הילף”, בלייבט דער אוניקום אין גאַנצן נישט דערקלערלעך.

— וואָס דאַרפט איר מער? — האָט אַן אַנדערער זיך פּשוט אַריינגעריסן אין שמועס, — נעמט דאָס איצטיקע אויפוואַכן פון די רוסישע יידן. האָט עמיצער פריער דען געאַנט וואָס דאָרט האָט געטליעט אין פאַרבאָרגעניש?

— און דאָס וואָס געשעט אין ישראל, מיטן ישוב דאָרט, דערקלערט זיך דען מיטן אָפענעם פאַר די אויגן? — זיינען די פריערדיקע געלאַסענע רייד אַריבער אין אַן אומרואיק צעברויזטן אַמפּערן זיך. ממש אָנגעגליטעטע שפּיזלען האָבן זיך געטראָגן פון איינעם צום אַנדערן. באַזונדערס פון איניקע וואָס זיינען נאָר וואָס צוריקגעקומען פון דאָרט נאָך לענגערע באַזוכן און

געווען איבערגענומען אי מיט גרויס באַוואונדערונג און אי מיט אַ ציטער פון דעם ליכט און שאָטן און גרויל דאָרט.

— איר ווייסט, — האָט איינער וואָס האט די גאַנצע צייט געשוויגן פלוצים אַרויסגעצאפלט אַן אויפגערודערטער, כמעט שטאַמלענדיק, — זיצנדיק אויפן ריזיקן הויף פאַרן „יד לבנים” דעם אָוונט פון יום הזיכרון צווישן די טויזנטער שליוכצנדיקע פרויען, מענער און קינדער מיט אָנגעצונדענע ליכט אין די הענט, האָט דאָס גאַנצע לייב אויף מיר געציטערט דערהערנדיק דאס יאָמערלעכע מזכיר זיין פון די געפאַלענע אין אלע פיר מלחמות וועמעס נעמען זיינען פארצייכנט אויף די ווענט אַנטקעגן, וואָס זיינען פלוצים באַלויכטן געוואָרן פון אַ פּראָזשעקטאָר. אַ גאַנץ פאָלק ממש, האָט אַרויסגעגרוילט פונעם קול און פון די ווענט אין דער געדיכטער פינצטערניש אַריין פונעם גרויסן הויף. אויף צומאָרגנס, אין סאַמע מיטן בלענד פון דער זון אינמיטן טאג, צוקוקנדיק זיך צו אַ גרופּע קינדער שפּילנדיק זיך אַזוי פריי און זאָרגלאז אינעם פּאַרקל לעבן אונדזער הויז, האָט מיך אַ גרויל ממש אַ וואָרף געטאָן פון די פיס. ס׳איז שווער עס פון מויל ארויסצוברענגען, — האט ער זיך געראַנגלט מיט די ווערטער, — כ׳האָב פלוצים דערשפּירט ווי כ׳וואָלט עס געזען בחוש, אַז אַ מוראָדיקע אַנגסט הויערט דאָ אַרום וואָס צייכנט אַלץ און אַלעמען פאר קרבנות, אינמיטן דער בלענדנדיקער רו. איז דאָס חלילה דער באַשייד פון דעם גרויסן חלום פון דורות? צו וואָס? פאַר וואָס? עס קען דאָך נישט זיין אַז צוליב דעם האָט מען זיי דאָ אַהער צונויפגעקליבן!?, האב איך זיך קוים באַהערשט פון צוטוליען צו זיך דאָס צעפלאַמטע יינגעלע וואס איז צוגעלאָפן צו מיר כדי צו נעמען די פּילקע וואָס איז געפאַלן לעבן מיר. ער האט געכאַפּט אַן אייליק פאַרוואונדערטן בליק אויף מיינע אויסגעשטרעקטע הענט וואָס האָבן היפּשלעך געציטערט און כמעט מיט ביטול מיר אַ וואָרף געטאָן אַ געלעכטערדיקן צורוף: „אתה מפחד מכדור, סבא?! זוז ולך לך”. (האָסט מורא פאַר אַ פּילקע, זיידע, טאָ ריר זיך און גיי אַוועק...)

אַ ווײַלע איז דער עולם געבליבן זיצן אַ פאַרשוויגענער, אָבער באַלד זיינען די רייד ערשט געוואָרן היציקער און צעפלאַמטער, אויפגעוועקט אַ צערודערטקייט וואָס האָט זיך אינגאַנצן נישט געפּאַסט צו דער אַטמאָספערע פון דעם הויז, וואו אַלץ איז דאַכט זיך אַזוי רואיק געמיטלעך איינגעשטעלט,

ווי עס פּאַסט פּאַר מענטשן וואָס האָבן זיך שוין צוריקגעצויגן פון דעם געראַנגל פון אַקטיווער געזעלשאַפטלעכקייט. סיי זייערע פּנימער, סיי אַלץ אין הויז איז אַן עדות פון ווענן קוקן סטאַיש־געלאַסן אויף די קעגנזאַצן, פאַרהוילעניש און פאַרפּלאָנטערנישן וואָס זיינען געווען און בלייבן אייביקע רעטענישן.

פון די אומרואיקע בליקן פון די באַלעבאַטים פון הויז, האָבן זיך אייניקע פון די געסט געגומען צוריקציען פונעם שמועס און זיך אויפגעהויבן פון די ערטער, אָבער דאָ האָט זיך פון דער זייט מיטאַמאָל אַרויסגעהויבן דאָס קול פון איינעם פון די גרויע קעפּ, אַ קול אַביסל אַ הייזעריקלעכס און אומרואיקס, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט כמעט נישט באַטייליקט אינעם שמועס אַ חוץ דאָ און דאָרט מיט אַ גלייכווערטל וואָס האָט געהאַט די כוונה צו מילדערן די שאַרפקייט און צערייצטקייט פון אַ שאַרפן איבעררייד. ביז אַהער האָט מען זיך צוגעהערט צו זיינס אַ זאָג מיט אַ געמאכטן שמייכל ווי נאָר פון דרך־ארץ וועגן, דאָס מאָל אָבער איז זיין קול געווען אַזוי אָנגעלאָדן מיט ערנסט, אַז אַלע האָבן זיך גלייך צוריקגעזעצט נייגעריק צו הערן מיט קאָפּ.

— כ׳מוז זיך פאַר אייך מודה זיין, אַז די דיסקוסיע דאָ איז פאַר מיר געווען אַ היפּש ביסל צו אַבסטראַקט און פאַרפּלאָנטערט, אַזוי אַז איך האָב אָפּט פּשוט נישט געקענט באַנעמען די שייכות פון די ענטפערס צו די פראַגעס. כ׳בין בטבע א ליבהאָבער פון פּראָסטן פשט און באַנעם נישט די האָר שפּאַלטעריי פון פּילפּול ווי שאַרף עס זאָל נישט זיין. קום איך אָבער זייער אָפט צו אַ מצב פון כאָטש נעם און שלאָג קאָפּ אין וואַנט, און מוז אַוועקבלאָנדזשען פון פּשט. — האָט ער ווי אַרויסגעשטויסן פון זיך די ווערטער און מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק געוואָלט אַלעמען האַלטן צוגעשמידט צו די פּלעצער, — אַז איר וועט אָבער האָבן אַביסל געדולד מיט מיר און מיך נישט באַוואַרפן מיט קשיות פון יאָ אָדער נישט על פּי שכל, וועל איך אייך דערציילן פון מיינער אַן איבערלעבונג מיט אַ צייט צוריק, ביי וועלכער עס זיינען אויך בייגעווען אַ גאַנצע עדה יידן, וואס איז דערפון געבליבן פונקט אַזוי געפּלעפּט ווי איך אַליין בין עס נאָך ביז היינט, — האָט ער נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער פון קיינעם און געגומען דערציילן מיט אַן אונטערטאָן פון טיפער גערירטקייט, ווי ער וואלט עס איצט נאָך אַמאָל דורכגעלעבט, — איך מוז אייך פון פאָרויס וואָרענען, אַז די גאַנצע מעשה

קלינגט ווי אַרויסגעשפּרונגען פון אַן אַלט יידיש מעשה־ביכל וואָס געהער זיך שטאַרק אָן מיט פּרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטעס" צו וועלכע עס האָט טאַקע אַ שייכות אין איין פּרט. ס'איז אָבער א מעשה פון אונדזערע טעג וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדזערע אויגן אין אונדזער שטאָט, אין איינער פון די קליינע שילעכלעך יום־כיפור צו כל נדרי.

ווי איר ווייסט בין איך אַ גאַנץ קנאַפּער שיל־ייד און אויך נישט קיין מיטגליד אין אַ טעמפּל אָדער סינאַגאָגע, כאָטש איך האַלט דווקא אַז זיי האָבן אַ געזעלשאַפטלעך נאַציאָנאַלן ווערט דאָ, נאָר דאָס איז נישט דער עיקר המעשה, דער עיקר איז, אַז ווען איך גיי שוין יאָ אַמאָל דאַווענען, גיי איך אין אַזא זייטיק, פּשוט שילעכל נישט ווייט פון אונדזער הויז, וואָס איז בלויז אַ בית־תפילה וואו מ'געפינט אויך יידן וואָס זיצן און לערנען פאַר זיך און בציבור. דער רב דאָרט איז אַ ייד וואָס קען און לערנט טאַקע. נישט קיין מי יודע וואָס פאַר א רעדנער, אַפילו א כבד־פה אַביסל. האַלט ער נישט קיין „סוירמאָנס", אַפילו נישט קיין דרשות, נאָר זאָגט אַ דבר־תורה. אויך דער עולם דאָרט איז אַ פּשוטער, אַ היימישער. קיינער בלאָזט דאָרט נישט פון זיך. מ'איז צופרידן, אַז נאָך אַ ייד וויל הערן אַ יידיש וואָרט. קען מען דאָרט אויסזיצן אַ פּאָר שעה און צוהערן זיך. קיין שטענדיקן חזן האָבן זיי נישט, מאַכט זיך זייער אָפט אַז עס שטעלט זיך צום עמוד אַ גוטער בעל־תפילה מיטן אמתן היימישן נוסח, דאַוונט זיך מיט מתיקות. ווי פלעגט מען ביי אונדז זאָגן: „סע צעגייט אין אלע אברים". אָלא טאָמער איז דער בעל תפילה נישט אַזוי איי, איי, ציקלט מען זיך אַליין פאַר זיך.

פאַרשטייט זיך, אַז ימים נוראים ווילט זיך דאָך אַוודאי זיין מיט יידן אינאיינעם, איז מיין פּלאַץ אין דעם שילעכל כמעט אַ רעזערווירטס. אַזוי ווי קיין פלעצער פאַרקויפט מען נישט דאָרט, קום איך פריער כדי נישט צו דאַרפן זיצן צו ווייט אָדער צו נאָענט צום אויבנאָן. דעם יום־כיפור ביינאַכט בין איך ווי געוויינטלעך געקומען באַצייטנס און גענומען בלעטערן אין דער תפילה זכה וואַרטנדיק מ'זאָל זיך שטעלן זאָגן כל נדרי. ס'איז אָבער אויסגעקומען צו וואַרטן אַ היפּשע ווײַלע. דאָס שילעכל איז שוין פול. מ'שטייט קאָפּ אויף קאָפּ און ביי די ווענט. ס'איז שוין כמעט פינצטער אין דרויסן און מ'הייבט נאָך אַלץ נישט אָן. וואונדערט מען זיך, אָבער קיינער פונעם גאַנץ אומרואיקן עולם ווייסט נישט די סיבה דערפון און מ'איז

אָנגעשפּיצט צום אָרון־קודש וואו דער רב מיט נאך צוויי יידן שטייען מיט די טליתים אַריבער די קעפּ ווי פאַרשטאַרט. מ׳קען שוין באַלד אָנטאַפּן ממש די אָנגעשטרענגטקייט פונעם עולם. אָט אָט וועט עמיץ אַרויסשפּרינגען מיט אַ טענה, נאָר אָט עפנט זיך פּלוצים דאָס אָרון־קודש. די דריי נעמען אַרויס די ספר תורהס און גייען טראָט ביי טראָט צום באַלעמער. גלייכצייטיק שפּאַרט זיך אַרויס פון אַ ווינקל לעבן רבס אָרט אַ הויכער אויסגעמאָגערטער יונגערמאַן וואָס בלויז דאָס שוואַרצע בערדל זעט זיך אַרויס פון דער ווייסער יאַרמלקע וואָס הויערט איבער אַ געדיכטן קאָפּ האָר ביז אַריבער די אויגן. דאָס קיטל הענגט עפּעס אויף אים צעפלאָשעט ברייט איבער דער מאָס, ווי ער וואָלט אין דעם אַריינגעשפּרונגען. ער גייט, דאַכט זיך, מיט שווערע געמאָסטענע טריט, עס זעט אָבער אויס ווי ער לויפט ממש אַרויף צום באַלעמער, גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט עס זאָל אים עמיצער נישט אויסכאַפּן. ער טוט אַ האַסטיקן פאַרצי דעם טלית אַריבערן קאָפּ און מ׳זעט שוין נאָר אַ גלייך שטייענדיקע פּלייצע וואָס ציטערט און האָרכט זיך איין צום רבס קול, אַ געבראָכנס, אָבער מיט עפּעס אַ באַזונדערער פייערלעכקייט: „על דעת המקום ועל דעת הקהל, בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה, אָנו מתירין להתפלל עם העבריינים.״ קוים דערוואַרט זיך אַז דער רב זאָל ענדיקן,בייגט זיך דער פאַרשוין איין און פּרוּווט אַרויסברענגען עפּעס פון אַן אויסטערלישן טאָן וואָס קומט אַרויס גרויליק הויל און צוגעלעגערט ווי פון אַ טיפן ברונעם אַרויס מיט אַ קול וואָס איז איין שטיק געשריי און געיאָמער: כל נדרי! איינמאָל אַזוי און נאָכאַמאָל, און ווייטער הערט מען שוין נישט קיין וואָרט, נאָר אַ פאַרשטיקט שליוכצן ווי דער עלנט אליין וואָלט אַרויסגעשליוכצט פון אים. אַז דער גאַנצער עולם האָט אויפגעציטערט, קענט איר דאך זיך פאָרשטעלן, דאָך איז עס פאָרט געווען שווער צו לאָזן עס אַזוי, האָט מען אים געפּרוּווט אַרויסהעלפן דורך אונטערברומען דעם טאָן פון כל נדרי ניגון. ער האט זיך אָבער געטאָן זיינס. ער האָט ווי איינגעשלונגען די ווערטער מיטן ניגון און אַזוי אָפּגעשליוכצט דעם כל נדרי אַלע דריי מאָל.

פאַרענדיקט, איז ער אַלץ געבליבן שטיין אַן אויסגעגלייכטער מיטן טלית איבערן קאָפּ און געציטערט מיט אַלע גלידער, ביז מ׳האט צוריק אַריינגעשטעלט די ספר־תורהס אין ארון־קודש אַריין און דער רב האָט אַ פּאַטש געטאָן אויפן שטענדער און אָנגעהויבן זאָגן גאָרנישט ווי זיין שטייגער

מיט עפּעס אַ מאָדנער שטימע וואָס האָט אין דער ערשטער מינוט אַלעמען געפּלעפּט.

— ווי געפעלט אייך עפּעס אונדזער חזן?, רבותי! איר זענט עפּעס אַ מבין אויף דעם חיתוך הדיבור און דאס וויינען זיינס? שוין איינמאָל אַ וויינען! האָט איר שוין אַמאָל געהערט אַזא וויינען?!

פונעם רבס מאָדנע ווערטער און דער עיקר פון דעם איראָניש ביטערן טאָן און זיין פאַרצאַפּלטן ערנסטן אַרומקוקן זיך אין אַלע זייטן, אז ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע בלייכע פּנים זיינס מיטן פאַרשטייפטן טלית און באָרד און פּיאות, זיינען ארויס פון די כלים, זיינען מיר געוואָרן נאָך מער דערשטוינט ווי פון דעם פאַרוויינטן כל נדרי. ווי פאַלט ער עס אויס צו חוזקן נאָך פון דעם יידן וואָס איז איצט שוין געשטאַנען אַ געבויגענער נעבעך ביים באַלעמער און געהאַלטן אין איין ציען דעם טלית אַרויף ווי ער וואָלט זיך געוואָלט באַהאַלטן אין אים און נישט ווערן . . . ס׳איז ממש געווען אַ צער צו קוקן. ווען איך זאָל נישט געווען קענען דעם רב און זיין איידעלע באַנעמונג מיט מענטשן, וואָלט איך אַוודאי נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן און אים איבערגעשלאָגן מיט אַ שאַרפן צורוף, אַז ס׳איז אמתע רשעות צוצולאָזן אַ יידן צום עמוד און דערנאָך אים אויסשטעלן אויף חוזק. נאָר איידער כ׳האָב נאָך באַוויזן צו עפענען דאָס מויל, האָט דער רב געביטן דעם פריערדיקן טאָן און מיט אַ הילכיקן פּאַטש אין שטענדער איינגעשטילט דאָס מורמלעריי פונעם עולם און ממש מיט אַ תחנונים קול אָנגעהויבן: „איר וואונדערט זיך אַוודאי, רבותי, אויף דעם וואָס כ׳האָב נאָר וואָס געזאָגט וועגן אונדזער בעל תפילה און אַוודאי פאַר דעם וואָס כ׳האָב אים צוגעלאָזט צום עמוד, כאָטש כ׳מוז זאָגן דעם אמת, אַז איך האָב געוואוסט פון פריער, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געדאַוונט פאַרן עמוד אַפילו קיין וואָכעדיק דאַוונען. איר האָט אוודאי פאַראיבל געהאַט אויף מיר און אים, וויל איך אייך בעטן אונדז מוחל זיין. אַ גאַנצן ערב יום־טוב האָב איך מהרהר געווען אין דעם און געהאַט גרויס צער דערפון וואָס איך שטעל אייך אויס צו אַ נסיון. כ׳האָב אָבער געפילט אַז מיר זיינען דאָך עפּעס רחמנים בני רחמנים און ווען איר וועט וויסן ווער דער ייד איז און וואס מיט אים האָט געטראָפן, — האָט זיך דעם רבס שטימע אָנגעהויבן ברעכן פון גערירטקייט, אַז ער האָט אַזש

אָנגעהויבן צו שטאַמלען — װעט איר, און איך בין בטוח אַז אויך דער רבונו של עולם, סײַ אים און סײַ מיר און אײַך מוחל זײַן פֿאַרן נישט הערן הײַנט דעם פֿאַרהײליקטן נוסח פֿון כל נדרי, נאָר עפּעס גאָר אַזױנס װאָס האָט נישט צו זיך קײן גלײַכן. בלויז דער רבונו של עולם אַלײן, װײסט דעם סוד דערפֿון.

מיט דעם ייִדן האָב איך זיך באַקענט ערשט מיט עטלעכע װאָכן צוריק. ער איז ערשט נישט לאַנג געקומען אַהער פֿון „יענער זײַט" און האָט דאָ עפּעס אַ װײַטן קרוב װעלכן ער האָט מיט גרויסע שװעריקײטן קוים אויפֿגעזוכט. מיט עטלעכע װאָכן צוריק איז ער אַרײַנגעקומען צו מיר און גלײַך בײַם געבן אים שלום, האָט ער זיך צעװײנט: „רבי, כ'װיל װערן בר־מצווה?".

האָב איך אים אָנגעקוקט אַביסל אַ מבולבלער: װאָס הײסט מײַן ליבער ייִד איר װילט װערן בר מצוה?, װײנט ער װידער: „איר מוזט מיר העלפֿן צו װערן בר־מצווה. כ'בין שוין טאַקע אַריבער די יאָרן, נאָר קײן בר־מצווה בין איך נאָך נישט. קײנמאָל נישט עולה לתורה געװען. כ'װיל דאַװענען יום־כיפּור בײַנאַכט פֿאַרן עמוד" . . . ער האָט מן הסתם דערקענט אין מײַן פּנים, אַז איך הײב נישט אָן צו פֿאַרשטײן װאָס ער װיל און בין שוין גרײט צו זוכן עפּעס אַ תּירוץ פֿאַרן אָפּזאָגן זײַן בקשה. לאָזט ער מיך נישט עפֿענען דאָס מויל.

— „רבי, זאָגט ער, און װײנט װידער. — הערט מיך פֿריער אויס, װעט איר שוין אַלײן זען". האָב איך זיך אָװעקגעזעצט מיט אים און געהערט עפּעס אַזױנס פֿון װאָס ס'איז מיר, השם ישמרנו, פֿינצטער געװאָרן פֿאַר די אויגן און אַזױ פֿאַרקלעמט בײַם האַרץ, אַז כ'האָב אַנדערש נישט געקענט װי צוזאָגן אים צו מאַכן פֿאַר בר־מצווה און אויף אָט דעם אויסטערלישן אופֿן. כ'האָב ממש דערפֿילט, אַז אַזױ דאַרף עס זײַן און מיר דאַרפֿן זײַן די עדות דערפֿון. װאָס מיר האָבן נאָר װאָס געהערט, איז אַ ייִדנס אויסװײנען זײַן מפטיר און װערן בר־מצווה, זאָל אים דער אײבערשטער העלפֿן זוכה צו זײַן לתורה לחופּה, ולמעשׂים טובים. עס שטײט: „הרבה פּתחים למקום", אָבער נישט אַלע זײַנען פֿאַר אונדז אָפֿן, אַז מיר זאָלן װיסן װאוהין זײ פֿירן און װאָס דאָרט איז פֿאַרבאָרגן. װײס איך טאַקע נישט דעם סוד פֿון דעם כל נדרי — מפטיר, כ'װײס אָבער אַז דרײַ װאָכן פֿאַר ר'יוספס דאַרפֿן װערן בר־מצווה, אַזױ הײסט ער אונדזער הײַנטיקער בעל־תּפֿילה, האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער חורבן.

צווישן די הרוגים אין זייער שטעטל זיינען אויך געווען זיינע עלטערן און דאָס גאנצע הויזגעזינד. איך קען אייך נישט איבערדערציילן אלץ מיט זיין לשון. דאס איז פשוט איבער מיינע כוחות כ׳וועל אפילו נישט אַלץ קענען אַרויסברענגען ווי ער האָט עס צוגעזען און געשפּירט אויפן אייגענעם לייב. איך בין רבותי, אין דער בחינה פונעם מחבר פון „יון מצולה״, וואס האָט דערציילט וועגן גזירת ת״ח ות״ט, צוגעבנדיק „מיר קענען נישט דערציילן אַלץ וואָס די רשעים האָבן געטאָן צו אונדז, כדי נישט צו פאַרשעמען דעם מין מענטש״. כ׳וועל דעריבער אויף אַ סך פּרטים נאָר מרמז זיין. פאַר אים איז דאָס שוין אויך איצט אַנדערש נישט מעגלעך געווען. דערציילט ער מיר, אַז צווישן דעם באַרג הרוגים איז אויך ער, דער קליינער יאָסעלע געלעגן, אָבער ווייזט אויס נאָר אַ פאַרחלשטער. אַז ר׳האָט אין דער שטאַק פינצטערניש און שטאַרקן שלאַקס־רעגן דערפילט, אַז ער קען רירן מיט די הענט און פיס, האָט ער זיך אויף אַלע פיר געראַטשקעט אַזוי לאַנג ביז ר׳האָט זיך דערשלאָגן צום וואַלד וואו ר׳האָט זיך אַ צייט אויפגעהאַלטן ביי פאַרטיזאַנען. דאָס רוב האָבן זיי זיך זייער מענטשלעך באַצויגן צו אים און אים געלאָזט זיך מאַכן נוצלעך און אפילו אַמאָל מיטגענומען צו די אַקציעס וואָס זיי האָבן דורכגעפירט און געלויבט זיין מוט. עס זיינען אָבער געווען אַזעלכע וואָס האָבן נאָר געוואָלט פטור ווערן פון אים ווי פון די אַנדערע פאָר יידן וואָס זיינען געווען צווישן זיי און זיי כסדר דערגאַנגען די יאָרן. דאָס איינציקע וואָס האָט אים דאן דערהאַלטן ביים חיות, איז געווען וואָס ביינאַכט ליגנדיק אויפן געלעגער, האָט ער אין זיך איבערגעזאָגט די ברכות מיט דער הפטורה צוזאַמען מיטן ניגון וואָס האָט אים אַוועקגעטראָגן אין אַן אַנדער עולם אַריין מיט היימיש מענטשלעכע פנימער. נישט איינמאל האָט ער געקראָגן אַ שטורך אין זייט פון אַ שכן: „וואָס וואָרטשעסטו דאָרט, „צוציק״, פאַרגעס וואָס געווען, שלאָף!״ ווען נאר ער האָט געקענט, האָט ער זיך פאַרקליבן טיף אין וואַלד און דאָרט האָט ער שוין הויך אויפן קול אויסגעזונגען אַלץ וואָס ס׳איז אים פארבליבן אין זיכרון. אַז ר׳האָט באַמערקט אַז ער פאַרגעסט אַלץ וואָס מער, האָט ער אַ נדר געטאָן נישט צו פאַרלירן קיין טאָג פון איינחזרן וואָס ער געדענקט נאָך. אַן אמתע סגולה איז געווען דאס אויסוויינען דערביי דעם ניגון. דאָס האָט ער אבער נאָר געקענט טאָן פאַרשטעקנדיק זיך ערגעץ אין וואַלד. האָבן אים די רשעים נאָכגעקוקט און נאָכקרימענדיק אים מיט געשפּעט און ווילדע העוויות געטאָן צו אים אַזעלכס וואָס ער שעמט זיך עס צו דערציילן. ווען ער איז געקומען צו זיך, דערציילט ער, האט זיין גאַנץ פאַרשפּאָטיקט געביין געוויינט

און געצאפּלט מיטן ניגון און שטיקלעך צעבראָכענע פּסוקים.

צוריק צו די פּאַרטיזאַנער איז ער שוין נישט געגאַנגען און האָט זיך געלאָזט וואו די פּיס האָבן געפירט. אויסגעהיט זיך פון א ישוב בייטאָג און ביינאַכט זיך געשלייכט אויף זייטיקע וועגלעך און אין זיך געהאַלטן אין איין חזרן די ברכות און וואָס עס איז נאָך געבליבן אין זיכרון פונעם מפטיר. ווי לאַנג עס האט געדויערט געדענקט ער נישט, וואָס ער געדענקט יא איז, אַז ווען ער איז איינמאל צו זיך געקומען נאָכן הונגערן אַ היפּשע צאָל טעג און מיט די לעצטע כוחות זיך געראַטשקעט אויף אַלע פיר נישט זעענדיק פאַר זיך גאָרניט, האָט ער פלוצים ווי דורך אַ נעפּל דערזען אַ צעבייזערט פּנים מיט אַ צעקרימט מויל וואָס רעוועט אין אַ לשון וואָס ער האָט קוים פאַרשטאַנען: „ווער האָט דיך געשיקט אַהער? פאַר וועמען שפּיאָנירסטו?" „וואס זשע האָב איך געקענט ענטפערן, דערציילט ער, אַז כ'האָב קוים געקענט מאַכן מיט די ליפּן. האב איך גענומען ווינען מיט די ווערטער און ניגון פון די ברכות. איז ער עפּעס ווייכער געוואָרן און געהייסן מיר געבן עסן."

אָבער וואָס מ'האָט נאָכדעם געטאָן צו אים, זאָל נאָר זיין אַן אָפּקומעניש פאַר כל ישראל. ער שעמט זיך פשוט צו דערציילן וואָס פאַר אַ רשעות עס שטעקט אַלץ אין מענטשן. אָבער אַפילו ליגנדיק אויף דער נאַרע צי אויפן דיל אין דער רוסישער טורמע, האט אים דער הפטורה ניגון נישט פאַרלאָזט. אַ ברעקל ניגון שוין מיט איינציקע פּסוקים האָבן געוווינט אין אים און געשטאַרקט. ער גלויבט טאַקע, אַז אין דעם זכות האָט ער עס אויסגעהאַלטן די פּייניקונגען אויך אין סיבירער לאַגער וואו מ'האָט אים פאַרשיקט. אוי, האט מען געפּייניקט, אז ס'איז גאָרנישט אויסצודערציילן. נאָר, פונקט ווי ס'איז נישטאָ קיין מאָס צו רשעות פון מענטשן, פונקט אַזוי, איז גאָט צו דאַנקען, נישטאָ קיין גבול צו די אומגעריכטע נסים וואָס זיינען אים באַשערט געוועזן טאָקע דורך מענטשלעכער הילף וואס האט זיך באוויזן צו אים אין סאַמע חושך. ר'האט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון אונטער די הענט פון די רוצחים און מיט מזל זיך דערשלאָגן קיין וולאַדיוואָסטאָק און פון דאָרט ווייטער געגאַנגעוועט גרעניצן ביז ר'איז לסוף אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די יאַפּאַנעזער וועלכע האָבן אים איבערגעשיקט קיין כאַרבין וואו ר' איז שוין געווען צווישן יידן וואָס האָבן אים געהאָלפן קומען קיין שאַנכיי. דאָרט, זאָגט ער, האָט ער אָנגעהויבן דערשפּירן אַז דאָס ברעקל ניגון פון די ברכות ווערט

קלאָרער אין אים און שטאַרקער און מישט זיך פלוצים אויס מיטן כל נדרי ניגון וואָס איז אַרויסגעקומען ווי פון אַ פאַרהוילעניש אַרויס און נישט אָפּגעלאָזט בייטאָג און ביינאַכט. ער האָט זיך דאַן אַ נדר געטאָן, אַז גאָט וועט אים העלפן צו דערשלאָגן זיך צו אַ יידישן ישוב וואו ער וועט וועלן און קענען מאַכן פאַר זיין היים, זאָל דאָס ערשטע טאָן זיינס זיין צו ווערן בר־מצווה.

איר פאַרשטייט שוין אַוודאי מיינע ליבע יידן, — האָט דער רב אַ שמייכלענדיקער מיט גרויס צופרידנקייט אַרומגענומען דעם עולם מיט זיין וואַרעמען בליק, — אַז אחינו בני־ישראל האָבן אים דאָרט געהאָלפן, גערעדט מיט אים יידיש, געלאָזט אויסרעדן דאָס ביטערע געמיט און באַזאָרגט מיט פאַפּירן וואָס האָבן אים געבראַכט צו אונדז אין די וואָכן פאַר יום־הקדוש ווען ער האָט מיט יאָרן צוריק געדאַרפט ווערן בר־מצווה ווען נישט דאָס אומגליק וואָס האָט געטראָפן דעם כלל ישראל. און אָט זיצט ער, ווי כ׳האָב אייך שוין דערציילט און כליפּעט: „דעם מפטיר האָב איך טאַקע פאַרגעסן, אָבער דער ניגון לאָזט מיך נישט אָפּ. כ׳מוז פּראַוווען מיין בר־מצווה, רבי, כ׳וויל זאָגן כל נדרי מיטן ניגון . . . האָט רחמנות. זאָגט מיר נישט אָפּ . . .״

אין זיין געבראָכן קול האָט איך דערפילט דאָס אמתע ממעמקים געבעט צוזאַמען מיט אַ שאַרפער מאָנונג, אַז עס קומט אים, אַז מ׳טאָר אים נישט אָפּזאָגן, האָט דער רב, ווי ער וואָלט נאָך אַמאָל איבערגעלעבט יענעם מאָמענט זיך אַ צי געטאָן צום עולם: „ס׳איז אַ זכות וואָס ס׳איז אונדז צוגעטיילט געוואָרן היינטיקן יום־כיפור, איז מיר דורך אַ רעיון און איך האָב אים בלויז דערלאַנגט אַ מחזור און געזאָגט: „אַוודאי וועט איר בלי נדר ווערן בר־מצווה. כ׳קען אייך דען אָפּזאָגן״ . . . ער האט אבער פאַרשטאַנען, ווייזט אויס, אַז כ׳וויל אים אויספּרואוון, אַז כ׳בין באַזאָרגט וועגן זיין עברי, האָט ער גלייך אַן עפן געטאָן דאָס מחזור און גענומען זאָגן, „אז די אויגן וועלן מיר נישט פארגאָסן ווערן, וועל איך זאגן די ריכטיקע עברי, זאָרגט זיך נישט, רבי,!

— „אז די עברי איז אינגאַנצן פאַרגאָסן געוואָרן, האָט איר דאָך געזען און געהערט, נאָר וואָס זאָגט איר עפּעס צו דעם יאָמער־ניגון וואָס איז געקומען פון אַ צעבראָכן האַרץ וואס אי עס שפּאַלט הימלען מיט גרויל און טענה און אי עס צאַפּלט מיטן קול־תודה פון זה היום שקוינו לו, וואָס ער האָט

דערלעבט בייצוקומען אַלע שווערע נסיונות און קענען זיין דער שליח צבור וועמען דער רבונו של עולם מוז ענטפערן: „סלחתי כדבריך״. אין זיין זכות און מיטן כוח פון זיין ניגון, וועלן מיר זיך אַלע אויסבעטן אַ גוט יאָר!״ — איז דער רב מיט אַ צעלויכטן פנים צוגעלאָפן ממש צום באַלעמער און אויסשטרעקנדיק די האנט צום בעל־תפילה אויסגערופן: „זאָגט מיט מיר, יידן, יישר כוח, ר׳ יוסף, מזל־טוב!״

דער מעריב נאָכדעם מיט די יעלות, זיינען דערנאָך שוין אַוועק מיט אַזאַ מתיקות אַז ממש יעדער וואָרט האָט ווי אַרויסגעטאַנצט מיט די סיני־ניגונים ווי פון אַ פאַרהוילענער וועלט אַרויס, וואָס מ׳קען ממש אָנטאַפּן מיט די הענט. כ׳האָב געפילט אַז דורות זינגען מיט אונדז און דער באַגריף פון באַגרעניצטער צייט איז גאר נישט בנמצא. מיר געפינען זיך עפּעס אין אַ מין איבערצייט שטימונג אין וועלכער מיר אַלע ציטערן מיט אַ מאָדנער דעהויבענער גליקזעליקייט וואָס האָט נישט קיין נאָמען און קיין קלאָרן באשייד. ווי כ׳האָב אייך געבעטן גלייך אין אָנהייב, פרעגט מיך נישט קיין קשיות, כ׳האָב נישט קיין ענטפערס. כ׳וויל נאָר זאָגן אַז די איבערלעבונג איז מיר געבליבן שטעקן טיף אין געמיט ווי א צעפינקלט דימענטל און איך פיל אַז יעדער סאָרט ראַציאָנאַליזאַציע אָדער וועלן אַרויסציען אַ מוסר השכל, וועט עס בלויז פאַרטונקלען און פאַרבלאַסן. — האט דער דערציילער זיך צוריקגעצויגן אין צווייטן צימער אַריין, איידער עמיץ האָט נאָך באַוויזן צו עפענען דאָס מויל.

באַמערקונג:

דער טייל אין דער דערציילונג וואו דער עד־ראייה גיט איבער די מעשה פון דער „יום־כיפור בר־מצוה״, איז אויף אַן אנדער אופן און נוסח באַשריבן געוואָרן פון דר. יצחק פיין און געוועזן געדרוקט אין ראש השנה נומער פון „קעמפער״, תשל״ו.

צוליב דעם אָבער וואָס ביידע נוסחאות זיינען געשריבן געוואָרן אין דער זעלבער צייט און פון באַזונדערע קאָנצעפּציעס, האָט יעדערע פון זיי איר אייגענעם ווערט.

# אויפן נייעם ברעג

## א. (פראַגמענט)

דער פלוצימדיקער בליאַסק פון פלאַמיקן זון־אויפגאַנג און די בלענדנדיקע ווייסקייט אין די באַן — פענצטער, האָט שטערנבערגן אויפגעריסן פון מידן דרימל אין וועלכן ר׳איז ווי אַריינגעזונקען ווי נאָר מ׳האָט זיי אַריינגעפאַקט אין די האַלב טונקעלע קאַלטע וואַגאָנעס. ער האָט געעפנט די אויגן און געפּרואווט אויפשטיין און ווידער אַריינגעזונקען אין אַ האַלב־וואַכן דרימל. אין פאַרטאַיעטן זיכרון, האָט נאָך אַלץ געשטעקט די נישט קלאָרע פראַזע, וואָס עמעץ האָט אים צוגעוואָרפן נעכטן אָוונט ביים אַריינשטופן זיך אין איבערגעפולטן וואַגאָן. די פראַזע האָט זיך עפּעס אַ גליטש געטאָן איבערן האַלדז און נאַקן, גלייך זיך אַ שלענגל געטאָן פון פאָרנט, פאַר׳ די אויגן און לסוף געבליבן שטעקן אין צערודערטן געמיט ווי א טעמפּער דאָרן .

„זיי האָבן זיך קוים דערוואַרט אויף אונדז" — האָט ער, דאַכט זיך, קלאָר אַרויסגעהערט דעם חוזק־טאָן מיט וועלכן די פראַזע איז אים צוגעוואָרפן געוואָרן, און דאָך איז ער אַזוי איבערגענומען געוואָרן פון איר, אַז זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזט די גאַנצע צייט פון דרימל. ער האָט אויף קלאָר נישט באַנומען ווער עס איז דער „זיי" און וואָס עס איז דער מיין דערפון, און דאָך האָט ער זיך געמאַטערט צו דערטראַכטן זיך ביזן סאַמע תוך. גלייך ווי עס וואָלט אין דעם געלעגן דער באַשייד פונעם סוף פון דער שווערער נסיעה איבערן צעשטורעמטן ים, וואָס ער האָט נאָר וואָס דורכגעמאַכט.

ווי נאר מ׳האט זיך ווי עס איז אַריינגעפאַקט אין די וואַגאָנעס, האָט די באַן זיך גענומען קייקלען. צום ערשט פאָרויס און דערנאָך אַביסל אויף צוריק און מיט אַ טרעשטשנדיקן ציטער גענומען פרייכן שווער מיט רויך און גערדיכטע פאַרע, וואָס האָט זיך געקנוילט איבערן געפלעכט פון קוסטעס און נאָדל־ביימלעך פאַרציטערטע פונעם ערשטן שניי, וועלכער איז בייטאָג אָנגעקומען מיט אַ שטורעם אינמיטן אינדיאַנער זומער.

„זע נאָר דאָס באַגעגעניש" — האָט אים אין שווערן דרימל געמוטשעט אַ נאָגנדיקע תרעומת, וואָס האָט זיך באַהאַפּטן מיט דער פּראַזע מיט וועלכער ער האָט איינגעדרימלט. זי האט זיך געהאַלטן אין איין איבערשטעלן און אויסציען, אָט אין אַ פאַרקרימטן חוזק און אָט אין אַ פאַרשטייפטן ערנסט.

דאָס גאַנצע אָנקומען צום ברעג נאָך דער שווערער ים־רייזע, איז אים אויסגעקומען מאָדנע געשפּענסטיק: דער געדיכטער נעפּל אין וועלכן די שיף איז געשטאַנען די גאַנצע לעצטע נאַכט און געהאַלטן אין איין פּייפן. דערנאָך דאָס פּאַמעלעכע אַראָפּגיין מיטן גליטשיקן בריקל, און נישט באַוויזנדיק אפילו צו כאַפּן אַ ריכטיקן בליק אויפן אַרום גלייך ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ טונקלקייט פון לאַנגע טוכלע קאָרידאָרן, האָט אים עפּעס ווי צעחושט. ס'איז דאַכט זיך יאָ און נישט פאָרגעקומען מיט אים. עס האָט זיך אים נאָר אויסגעוויזן אַז ס'איז אַן איבערחזרונג פון עפּעס וואָס איז מיט אים שוין אַמאָל פאָרגעקומען. ר'איז שוין אַמאָל דאָס דורכגעגאַנגען און איצט איז ער בלויז אַ זייטיקער צוקוקער וואָס ווייסט גענוי ווי אַזוי עס וועט ווייטער פאָרקומען און דאָך שטוינט ער אויף דעם וואָס ער זעט. „צו וואָס דאַרפן זיי עס אַזוי פיל מאָל נישטערן און איבערקוקן די זעלבע פּאַפּירן? מ'האָט דאָך נאָר וואס קאָנטראָלירט יעדן שטיקל פּאַפּיר פאַרן אַראָפּגיין פון שיף."

דער גרויער, טונקלער שאַלאַש דורך וועלכן מ'האָט געפירט אַלע עמיגראַנטן, שאָטנט מיט די זעלבע שאָטנס פון יענער זייט פון וואַנען ער איז נאָר וואָס געקומען. אומזיסט, הייסט עס, האָט ער מיטן פוס ממש אָפּגעשטופּט די שיף ביים אָפּבינדן זיך פון יענעם ברעג. עס זעט אויס פּונקט ווי דאָרט. די זעלבע פּנימער אפילו און דער זעלבער גליווער ביי די וואָס הייסן אַראָפּוואַרפן פון זיך די אייבערשטע קליידער און זיך שטעלן צו דער „ריינקייט אינספּעקציע". אויך דאָ דאַרף מען זיין זיכער מיטן „אויסלויזן זיך" . . . טשיקאַווע צו וויסן, וויפל יאָר ס'האָט זיי גענומען צו ספּעציאַליזירן זיך אויף דעם. וויפל עקזאַמענס זיי האָבן עס געדאַרפט דורכמאַכן ביז מ'האָט זיי דאָ אַוועקגעשטעלט מיט אַזאַ ערנסט צו זוכן אין אַלע פאַרבאָרגענע פאַלדן פון ווילד פרעמדע מענטשן, וואס שטייען פאר זיי צעחושט און אומבאַהאָלפן.

„איז מען נאָך אַלץ נישט אָנגעקומען?" — טאַנצן די שאָטנס אויף די גרויע ווענט פון שאַלאַש און מאַניען מיט מיסטעריעזע גרימאַסן.

„און אַז שוין אָנגעקומען איז וואָס?" — ציט זיך די רייע און שטופּט זיך פּאָרויס פון זיך אַליין. „פּאַר וואָס אַזאַ טונקלעניש? פּאַר וואָס פּילט ער נישט עפּעס קיין פרייד ווי ער האָט זיך עס פּאָרגעשטעלט אויפן גאַנצן וועג?" עס ווילט זיך אָפּרייסן פונעם עולם און צופאַלן צו אַ וואַנט, אָנטאַפּן עפּעס ממשותדיקס. אָבער די שאָטנס שלייכן און בלאָנקען אין גראָטעסק, שפּרינגען איבער קעפּ און הענט און פּיס אַזוי אַהין און צוריק. מאָדנע ווי שטיל עס גייט אַלץ צו, ווי עפּעס אַ גורל באַשטימונג וואָס קיינער פרעגט נישט אָפּ. קיינער פרעגט גאָרנישט און קיינער גיט נישט קיין פּיפּס. מ'שפּאַנט אָנגעשטרענגט, ממש מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און נייגער ביז צו דער שטיינערנער פּלאַטפּאָרמע אין נאָך אַ טונקעלערן פּאַרנעפּלטן דרויסן אַרויס. ערשט דאָ, זעט אַלץ אויס אַזוי באַקאַנט. עס קומט אויס ווי געפּאָרן און געפּאָרן און אָנגעקומען אויפן זעלבן אָרט. ער קען שווערן, אַז עס זעט אויס ממש ווי דאָרט אויף יענער זייט: אַ הויכע דראָטענע פּאַרצוימונג אין איין זייט, שיידט אָפּ די אָנגעקומענע פון אַ געזעמל מענטשן וואָס שטייט צונויפגעדריקט דאָרט פון דער אַנדערער זייט. אַלע פּנימער זיינען ווי איין פּנים. זעסט, דאַכט זיך, אַלעמען און זעסט קיינעם נישט. הערסט בלויז אויסגעשרייען און ווייסט נישט װעמען מ'מיינט: „מאַמע, טאַטע! זעסט נישט? אָט איז ער דאָך!" — טרייסלען אויף די געשרייען פון דאָרט און שפּיצן אָן אַלע אויגן און אויערן פון דער זייט. קענסט זיך אָבער נישט אַרויסרייסן פון דער מאַסע שאָטנס אַרום דיר.

די פּאָרשטייער פון דער שיפס־געזעלשאַפט שטייען ביים סאַמע אַרויפגאַנג אויף דער פּלאַטפּאָרמע. איילן אונטער האַלב אויף שטום־לשון און מערסטנס מיט די הענט און עלנבויגנס אַריינצוגיין אין די וואַגאָנעס, וואָס שטייען אויפגעפּראַלט און וואַרטן מיט אָפענער נייגעריקייט.

— זיי האָבן זיך קוים דערוואַרט אויף אונדז! — שעפּטשעט עמיץ הינטער אים אין גוטן מוט און שטופּט אים צו פּאַרכאַפּן אַן אָרט אויף אַ באַנק וואָס נעמט אים אויף מיט אַ סקריפּ און אַ מידן קרעכץ: אַ, אַ,!

ערשט מיטן אַריינטרעטן אין וואַגאָן, האָבן זיך אָנגעהויבן אויסטיילן פּנימער און קלאָר ווערן די װענדונגען אין פּאַרשיידענע שפּראַכן. לעבן שטערנבערגן איז פּלוצים אויסגעוואַקסן אַ דאַרער פּלינקער יונגערמאַן

באַלאָדן מיט מי־יודע וויפל בייטעלעך און קעסטעלעך אונטער די אָרעמס, אויף די אַקסל און ממש אויף יעדן פינגער פון די זשוואַווע הענט זיינע: „איר זענט דאָך אַ ייִד, נעמט עס, ס׳איז כשר. אַ מתנה פון יידישן אימיגראַנטן הילפס־פאַריין. איר האָט נאָך אַ ווייטן וועג. אין מאָנטרעאַל וועט מען אייך אויך אָפּוואַרטן. צווישן יידן ווערט מען שוין נישט פאַרפאַלן, ברוך השם. פרעגט זיך דאָרט אויפן — ״

דאָס ווייטערדיקע האָט ער שוין נישט געכאַפּט. די באַוועגלעכע פעקלעך שטייען שוין לעבן אַן אַנדערן ייִד אויסלאָדנדיק זיך מיט היימישקייט:

— „אין אַ גוטער שעה, ר׳ ייִד — טראָגט זיך דאָס פריילעכע געפלאַפּל פון יונגערמאַן אין דער טיף פון וואַגאָן:

— צווישן יידן ווערט מען נישט פאַרפאַלן! איר זעט דאָך, צו זיי דאָרט, מיט אלע זייערע לענדער און געלענדער איז קיינער נישט געקומען . . . אויב איר ווילט טיילט זיך מיט זיי . . .״

— טוט זיך נאָר אַ רוק אַביסל ר׳ קרוב, וועט זיין אַן אָרט פאַר נאָך אַ יידן, — הענגט אין דעם טונקל עמיצנס אַ קול צוזאַמען מיט אַ בייזערן זיך פון איינעם, וואס קען קיין אָרט נישט געפינען — מיט יידן, איז נאָר גוט קוגל צו עסן!

— אַ גאַנצן וועג זיינען אונדז די ערלים מקנא. עס זאָל זיך עס ווער פון די זייעריקע באַווייזן דעם גאַנצן וועג.

— אַז זיי וועלן זיך אַרומשלעפּן איבער דער וועלט אַזוי לאנג ווי מיר, וועלן זיי זיך אויך אויסלערנען צו זיין שטיקלעך מענטשן.

די באַן הייבט זיך אָן רירן. דאַכט זיך, זי וויל גיין צוריק, טוט זיך אַ טרייסל ווי אָפּשאָקלענדיק דעם שלאָף און די מידקייט, און נעמט זיך קייקלען פאָרויס אויף דער נייער ערד וואָס איז נאָך פאַרהוילן אין דער מיטן־נאַכט פינצטערניש. פאָרויס לויפט אַ פייפן וואָס הילכט עפּעס אַזוי אויפרעגנדיק וואָרנענדיק און שטילט זיך איין מיט אַ רעדלען און ריצן וואָס וויגט איין די

מידקייט צוזאַמען מיטן ביסן אין מויל קוים אַראָפּצושלינגען. פאַר די אויגן שטייט נאָך אַלץ דער פלינקער יונגערמאַן און ווינקט דיר עפּעס שעלמיש צו, וואָס לייגט זיך אויס אין נישט געהערטע ווערטער: „נישט געזאָרגט, ברודערל, פאַראַן אַן אויג וואָס קוקט דיר נאָך אין ווייטן וועג און אַ האַנט וואָס איז גרייט דיך אויפצונעמען אין נייעם לאַנד.״

ס׳ווערט וואַרעם אין אַלע גלידער, אַז דו צעקנעפּלסט זיך פון זיך אַליין. די פינצטערניש עפנט זיך און זעסט אָפענע פעלדער מיט בערג וואָס שטייען ווי שומרים פון דער ווייטנס. סטעזשקעס שמאָלע און געדרייטע ציען זיך שלענגלדיק אין אַלע זייטן, ציסטו זיי נאָך מיטן אויג ביז אַ שפּיץ פון אַ באַרג טוט זיך אַ וויקל אַרויס פונעם נעפּל און בלייבט שטיין אַ נאַקעטער הוילער פעלז. בלויז אַ דין נאָדל ביימל בליקט פון דאָרטן אין דער ווייטקייט אַריין. דאַכט זיך דיר, אַז ביסט שוין אַמאָל דאָ געווען און געבראָדזשעט אין די קרומע וועגלעך צו באַהאַלטן זיך פון דער שרעק פון אַ בייז אויג. „ווען און וואו?״ — לאָזט נישט אָפּ אַ נאָגנדיקע אַנגסט. „ווי אַזוי קומט ער עס אַהער צוריק?״ — ער איז דאָך ערשט געווען אינמיטן אַ ים־שטורעם, אַ האַלב פאַרחלשטער פון דער ים קראַנקהייט און דאָך זיך געשטאַרקט, אַז דווקא דאָס ראַטעוועט אים אַרויס פון יענעם שרעק־אָרט.״ ווי אַזוי זשע איז ער עס גאָר צוריק דאָ אויף „יענער זייט״? אַבי ער האָט געמיינט, אַז ער האַלט אין איין דערווייטערן זיך פון דאָרט און דאָס נודנע חלשות איז די לעצטע צרה וואָס ער דאַרף דורכגיין איידער. ער וועט זיך באַפרייען פון דער שרעק און שפּלות פון דאָרט. „מ׳דאַרף אויסברעכן ביז די געדערים דעם דאָרטיקן בזיון.״ — איז ער מקבל באהבה דאס נודעניש און כסדרדיקע ברעכן. „ווי זשע איז ער עס צוריקגעקומען אַהער אין שטעטל אַריין?״ — דריקט ער זיך צונויף און פאַרשטעלט דאָס פּנים און זעט פאָרט אַ הינטערגעסל אין סאַמע גרויל פון דער מלחמה. ווער עס האָט נאָר באַוויזן, ליגט פאַרשטעקט אין אַ קעלער אָדער אויף אַ בוידעם. פונקט דאַן איז ער אָנגעקומען אַהין אויף זיין שפּאַציר פון דאָרף אין שטעטל אַריין איינמאל אין וואָך. ער וועט בייטן אַ ביכל אין ביבליאָטעק, קריגן צייטונגען און זיך אַביסל אָפּפרישן מיט אַ מענטשלעכן שמועס איידער ער וועט זיך צוריק פאַרניורען אין זיך צווישן די בהמות און דערשלאָגענע פּויערים אין דאָרפישן העק. דאָרט קען ער זיך טאַקע רואיק אַרומבלאָנקען אָן מורא פאַר אַ בייז אויג. ער מוז אָבער כאָטש איינמאל אין וואָך אַרויסקריכן פון דער נאָרע און שפּאַצירן אין שטאָט אַריין

אויסצולופּטערן די צונג. שוין באַלד אין װעלדל פאַרן שטעטל, װערט אים לײַכטער צו עפענען דאָס מויל מיט אַ ברום פון אַ ניגון און אַ פּלאַפּל גלאַט אין דער װעלט אַרײַן מיט אַ בײמל און אַ קוסט. עס װערט אָבער אויך שאַרפער דאָס אויג אַרומצוקוקן זיך כסדר מיט אַ שטײגנדיקן אומרו. װער װײס, װער עס װאַרט אויף אים דאָרט, װאָס קען אים פּשוט אַ פרעג טאָן: „װער ביסטו, און װאָס טוסטו דאָ?״ דאָך קען ער זיך נישט אָפּזאָגן פון דעם שפּאַציר אין שטעטל אַרײַן. אויב עס טרעפט זיך, אַז ער קען נישט מאַכן דעם שפּאַציר, װערט די װאָך דאַן אַזוי לאַנג און צעצויגן, אַז די שעהן װיקלען זיך אַרום האַרץ און האַלדז װי אַ דערדריקנדיקער שטריק.

גײט ער אַזוי איצט פּאַמעלעך און דער אומרו װאַקסט אין אים מיט יעדן טראָט. ער קען זיך אָבער נישט צוריקקערן. די שטילקײט אַרום מאַניעט אים און ציט אויסצוגעפינען װאָס דאָ טוט זיך, און פּלוצים שטײט ער שוין אין מיטן דער פּוסטער לײדיקײט פון מאַרק. בלויז די פאַרזשאװערטע קײט איבער דעם ברונעם סקריפּעט אין װינט. פון אינסטינקטיװער שרעק, קערט ער זיך אָפּ מיטן ליקל צום שמאָלן געסל צו און פּילט װי טױזנטער שטומע אויגן שפּיזן אים נאָך פון אַלע זײַטן און פון אַלע הײכן. פּלוצים װאַקסט אויס פון ערגעץ אַ דערשראָקענער סאָלדאַט. „װיל ער זיך אויך באַהאַלטן, אָדער ער איז אויף דער לויער?״ אַ סעקונדע בלויז קוקן זײ זיך בײדע אָן און הײבן אָן צו לויפן. ער װײסט נישט װער װעמען עס יאָגט נאָך, נאָר ער לויפט אָן אָטעם ביז ער פאַלט אַנידער הינטער אַ שאָפּע פּונקט לעבן אַ הויפן מיסט װאָס דעקט אים צו.

„װי אַזוי זשע איז ער עס צוריקגעקומען אַהער? — צאַפּלט ער אין אַנגסט — צוליב דעם האָט ער עס געדאַרפט אַזוי פיל ברעכן? — גלאָצט ער אַרום זיך און רײסט זיך פון עם קאָשמאַר, — נײן, עס קען דאָך נישט זײַן. כ׳האָב דאָך מיט אַלע כוחות אָפּגעשטופּט די שיף פונעם ברעג מיט די אײגענע פיס...״ — דערשפּירט ער פּלוצים דעם בליאַסק פונעם נײעם טאָג װאָס פלאַמט אויף הינטער די בערג פאַרהוילן אין שנעל קריכנדיקן נעפּל פון אויבן אַראָפּ. אָט , און אָן אויסגעװאַשענע װײסקײט טוט אַ בלענד פון אײליק צוריקלויפנדיקע פעלדער, האַקט איבער זאַמדיק־שלענגלדיקע װעגלעך מיט אַ פּײַף און פאַרװישט זײ גלײַך מיט קופּקעלעך רויך װאָס הויערן לײַכט און

לינד ווי הינדעלעך וואס וואַרעמען נייע לעבנס אויס. אַ וואַרעמקייט און אַ מאָדנע פרייד צאַפּלט אין אים.

„זע נאָר, דאָרט ווייט אויפן זאַמדיקן שטעגל, שפּאַנט עמיץ מיט אַ טאָרבע אויפן אַקסל. ער קען אים דאָך נאָך פון לאַנג דעם גייער. ער איילט מן הסתם ערגעץ אין אַ דאָרף אַריין צו ראַטעווען אַן עלנטן אַרענדאַר. הייסט עס, אַז ער איז טאַקע פאָרט אָנגעקומען, אויך דאָ גייט אַרום דער היימישער גייער מיטן זאַק. מוז דאָך דאָ ערגעץ אויך שרה בת טובים אַרומשוועבן איבערן שניי מיטן טערקישן שאַל אויף די אַקסל און די גאָלדענע פאַנטאָפּעלעך אין האַנט, האַ?״ — עפנט ער די אויגן ברייט און דערזעט די ערשטע פראָסט ווייסקייט אויף די פעלדער און שפּיצן ביימער אַרום. ווי היימיש דאָס איז. היימישע פעלדער, שטילע וועגלעך וואס פירן צו אַ היימישן ישוב. די היים פון אַמאָל, פון די קינדער יאָרן פאַרן גרויסן ווירוואַר.

געמיטלעך בלוילעכע רויכלעך שלענגלען זיך פון פויערישע קוימענס נישט ווייט פון וועג. אַ פרייד, אַזא שלווהדיקע גייט אויף אין אים. דער חלום־פּלאָנטער פאַרשווינדט ווי אָפּגעווישט פון אַ נאָענט גלעטנדיקער האַנט, נאָר אין מויל איז ביטערלעך זיס און נאַגנדיק אַזוי, און פון זיך אַליין שעפּטשעט עס פון אים אַרויס: „נייע היים״. דאָ שפּאַנט דער גייער אויף די וועגן אין פרידן. מ׳עט זיך גלייך דאַרפן איינהערן אינעם ניגון פון זיין גאַנג.״

ער וואָלט געקענט שווערן, אַז ער פאָרט טאַקע אויף אַן אַלט באַקאַנטן וועג. די דינע פאַרטריקנטע קוסטעס און איינזאַמעביימלעך אינמיטן פעלד, רעדן מיט דער אייגענער איינזאַמער היימישקייט פון דאָרט. בלויז די סילועטן פון די ווייטע בערג מאַניען עפּעס מיסטעריעז, ווי זיי וואָלטן עפּעס סודותדיקס באַהאַלטן הינטער זיך. אָט רייסט זיך איין ביימל אויפן סאַמע שפּיץ צו זיין העכער פון אַלע, יאָגן זיך די נעפּלען אַרום דעם און האַלטן עס אין איין פאַרווישן, פאַרהוילן און אויפדעקן. דער חלום־פּלאָנטער טוט זיך אַפילו אַ פאַרטשעפּע אויף אַ רגע אינעם שפּיץ פון דעם ביימל: „ביסט גאָרנישט אַזוי ווייט אַוועק פון יענער זייט״.

פאַרווישט עס גלייך א נעפּל־קנויל און שווימט אַוועק אין דער

ווייטקייט אַריין צוזאַמען מיט די שאָטנס פון ביינאַכטיקן שאַלאַש דאָרט. אַ זיסע רו וואַרעמט אים און שטאַרקט דעם נייגער צו באַגעגענען שוין די אייגענע, וואָס וואַרטן שוין אויף אים זיכער ערגעץ אויף אַ סטאַציע. ער קען זיך שוין קוים דערוואַרטן אויף זיי.

אין ליכטיקן זיכרון
פון מיין צווייטער־מאַמע
גיטל פּאָפּעליס ע״ה
צו דער פינעפטער יאָרצייט.

# דער ערשטער פרימאָרגן

## ב

דאָ דאַרפסטו עס נישט אַרומטראָגן מיט זיך, — האָט דער פעטער חיים אַ שמייכלענדיקער און מיט אַ היפּש שטאָלצער מינע און טאָן צוגענומען ביי אים דעם פּאַספּאָרט וועלכן שטערנבערג האָט געהאַלטן ביים אַריינלייגן אין בוזעם־קעשענע, ווי ער איז געוואוינט געווען צו טאָן אַלע יאָרן פאַרן אַרויסגיין פון הויז.

— קיינער וועט דיך דאָ נישט פרעגן אויף דעם, און קיינעם גייט נישט אָן ווער דו ביסט און וואוהין דו גייסט. דאַרפסט בלויז געדענקען דעם אַדרעס וואו דו וואוינסט כדי צו קענען טרעפן דעם וועג אהיים. באהאַלט אים צווישן דיינע פּאַפּירן צוזאַמען מיט דער לאַנדונגסקאַרטע. ווען עס באַדאַרפן ערשט וועט וועסט ווערן אַ בירגער. ביז דאַן, אַבי דו האָסט אַ הויז וואו צו וואוינען, ביסטו אַ היימישער דאָ און קיינער האָט נישט קיין רעכט דיך אָפּצושטעלן און פרעגן ווער דו ביסט. דאָ, אַזאַ לאַנד איז עס דאָ, כל זמן דו פאַרטשעפּעסט קיינעם נישט, איז עס נישט קיינעמס דאגה ווער דו ביסט, — האט דער בלאָנדער שלאַנקער פעטער כמעט פייערלעך אויסגעשטרעקט אים אַ האַנט און אַרויסבאגלייט אים פון הויז מיט א גוטמוטיקער היימישקייט — אין אַ גוטער שעה, מיטן רעכטן פוס אויפן ערשטן שפּאַציר! כ׳וואָלט אוודאי געוואָלט מיטגיין מיט דיר צום ערשטן מאָל. בפרט נאָך ווען ס׳איז היינט איינער פון געשענקטע זון־טעג. אָט אָט וועט עס נעמען ווילדעווען מיט שניי, אַז מ׳וועט די נאָז נישט קענען אַרויסווייזן, מוז איך אָבער שוין לויפן אין סטאָר אריין. די קורטשיקלעך (הענדלער) קענען נישט קרייען אָן דעם באַלעבאָס. די מומע דיינע, מיינט אַז דו ביסט עפּעס אַ קליינשטעטלדיקער דאָרט, וואָס דערשרעקט זיך פאַר די הויכע מויערן און לאַנגע גאַסן. איך זע אבער מיט ווען מען איך האָב צו טאָן, וועסט זיך שוין אָן עצה געבן. פון דעסטוועגן זאָלסטו איר נישט איבערחזרן, אַז כ׳האָב דיך געלאָזט גיין אליין. ביז זי וועט צוריקקומען שפּעט נאָכמיטאָג, וועסטו דאָך שוין זיין צוריק. ס׳איז שווער צו פאַרבלאָנדזשען דאָ. די גאסן זיינען גלייכע אין דער לענג און אין דער ברייט. אינעם ערשטן מאָל, גיי נישט צו ווייט. קוק זיך אַרום ווען דו

גייסט אַריבער די גאַס. זיי פֿאָרן דאָ ווי די טייוואָלים. אַלץ איז דאָ אין איילעניש. ווערסט שוין זען. אפילו גייענדיק אויפֿן טראָטואַר, דאַרף מען זיך גוט אַרומקוקן וואָס סע טוט זיך אינמיטן וועג.

פונעם פּעטערס אַלע רייד, איז שטערנבערגן געבליבן אין געמיט בלויז „קיינעם גייט דאָ נישט אָן ווער דו ביסט". עס האָט עפּעס אי געוואָרעמט אי געלאָזט אַ הוילקייט וואָס פֿאָרט זיך מיט עלנטקייט.

אינעם פֿאַרשמאַיעטן געטומל פֿון דער הויפּט־גאַס, איז דאָס דאזיקע געפֿיל אַלץ שטאַרקער געוואָרן. אפילו ווען ער שטייט שוין דאַכט זיך אויף דער שוועל פֿון אַ געשעפֿט, קוקט זיך קיינער נישט אום אויף אים צו פֿרעגן צי ער וויל עפּעס. פֿון צוגעוואוינטקייט, האט ער זיך יעדעס מאָל ווען ער האָט דערזען אַ פּאָליציאַנט אַ טאַפּ געטאָן ביי דער בוזעם־קעשענע און אַן אומבאַהאָלפֿענע שרעק האָט אַ צוויק געטאָן ביים האַרצן דערפֿילנדיק די ליידיקייט דאָרט. ערשט נאָכדעם ווי דער שטאַלטנער, גלאַט ראַזירטער פּאָליציאַנט, איז אים פֿאַרבייגעגאַנגען אַ רואיקער שפּילנדיק זיך מיטן ברוינלעכן שטעקעלע ווי ער וואָלט זיך צוגעציילט די טריט, איז די הוילקייט אונטערן לעפֿעלע אָפּגעגאַנגען און דאָס וואַרעמע געפֿיל פֿון זיכערקייט איז צוגעשוואומען פֿון פֿרעמדן גאַסן־טומל, האַלב אָפֿענע טירן פֿון די קראָמען און די שיפֿע גרויע טרעפּ אין די זייטיקע געסלעך וואָס זיינען ווי אין גליוווער אָנגעלענט אין דער הויך אויף די ברוינע און רויטע ציגלנע ווענט כמעט פֿון די פֿענצטער ארויס און קלאַמערן זיך מיט די לעצטע כוחות צו די די צעלעכערטע טראָטואַרן פֿון אונטן. אַ פֿאַרבליפּטער, אַזש טרערן האָבן זיך אים ממש געשטעלט אין די אויגן, איז ער געוואָרן דערזעענדיק פּלוצים ביי אַן אויסבייג פֿון אַ גאַס שטיין אַ פּאָליציאַנט אַרומגערינגלט פֿון אַ פּאָר קינדערלעך וועלכע פּלאַפּלען עפּעס פֿריילעך אַ ווײַלע מיט אים און אָט איז שוין איינס אויף זיין אַקסל און אַ צווייטס אונטערן אָרעם און דאָס קלענסטע טוט ער אַ דריק צו צום הארצן און טראָגט זיי אַזוי אַריבער דעם וועג. דאס פֿריידיקע פּאָכן פֿון די קינדערישע הענטלעך צום שמייכלענדיקן פּאָליציאַנט, האָט אים אַזוי דורכגענומען אַז אַלע שרעק־מעשׂות פֿון די קינדער־יאָרן און די אַליין איבערגעלעבטע גרוילן דורך זשאַנדאַרן אויף יענער זייט ים, זיינען מיט אַמאָל צעגאַנגען געוואָרן אין אַ ליבער היימישקייט. פֿון זיך אַליין האט ער גענומען מיטפּלאַפּלען מיט די קינדער די עטלעכע נישט פֿאַרשטענדלעכע

ווערטער נאָך: „טהענק יו, טאָם!“ פון זיך אליין האט עס אין אים אויפגעזוונגען מיטן פעטערס טאָן און שטאָלץ: „אַזא לאַנד איז עס“. . . . ער האָט כמעט ווי געפילט בחוש, אַז יעדער טראָט זיינער גלעט דעם שוואַרצן אַספאַלט מיט אַ זינג געזאַנג: „כי טוב, ס׳איז גוט און וואויל אין דעם לאַנד.“

אויך די עפענונגען אין מיטן אַ שורה הייזער ווי איין לאַנגע וואַנט, איבערגעטיילט בלויז מיט די משופּעדיקע טרעפּ, האָבן געגומען דערמאָנען אין היימישע ליקלעך. די לענגלעכע הויפן צו וועלכע זיי פירן זיינען אָנגעפּראָפּט מיט ברוכאייזן אדער געהילץ אַרום וועלכע עס פאַדען אַרום פאַרפּעלצטע פאַרשווינען מיט צעווינטיקט צעקאַרבטע פּנימער, וואָס רופן זיך איבער אין אַ מאָדנעם לשון. אַ געמיש פון ווערטער וואָס איז עפּעס אַ גאָרגלען פון אַ קוידערישן יידיש און צעצויגענעם אוקריייניש באַווירצט מיט אַ גאַנץ אומפאַרשטענדלעכן שלינגען ווערטער פון אַ לשון וואָס ער האָט דאַכט זיך, געהערט אויף דער שיף און איז אים אינגאַנצן נישט פאַרשטענדלעך. פון אַלץ האָט געשמעקט מיט איינגעזויערטער היימישקייט און באַקאַנטע ריחות. עס איז אים אויסגעקומען גלייך ער וואָלט שוין אַמאל דאָ געווען, נאָר ער קען זיך עפּעס נישט דערמאָנען ווען. ער דאַרף בלויז אָנקלאַפּן אין אַ טיר און אַריינגיין, וועט ער זיך שוין דערמאָנען. אָט איילט דורך אַן עלטערע פרוי פאַרהילט אין אַ פּעלצל מיט אַ שוואַרצער שאַל אויפן קאָפּ אַריבער די אַקסל. ערגעצוואו האָט ער זי דאָך שוין געזען אַן אָפּגעכויוולטע מיטן קאָשיקל פול מיט דרויב, עטלעכע לאַבנס ברויט און אנדערע שפּייזן, וואָס ווערן אלץ ווינציקער און ווינציקער וואס ווייטער זי טריטלט מיט איר שלאַבעריקן געגגל פון הויז צו הויז אינעם הינטערגעסל וואו עס וואוינט די אָרעמקייט. ער קען זי, דאַכט זיך, אָנרופן ביים נאָמען; און ווען מ׳זאָל אַוועקשאַרן די געדרייטע הילצערנע משופּעדיקע טרעפּ פאַר דער טיר אַנטקעגן, ווייסט ער אפילו ווער עס וואוינט דאָרט און וואַרט שוין אויף איר קומען. היינט איז דאָך דאָנערשטיק און אין איר קאָשיקל ברענגט זי דעם אָנהייב אויף שבת. אַ פּלוצימדיקער געבייזער פון אַ פענצטער פון דער סאַמע הויך רייסט אים אָפּ פון טענצלדיקן שאָקלען זיך פונעם קאָשיקל: „שלימזל, וואס וועל איך דען טאָן דערמיט! וואו ווערסטו עס האַלטן? און צו וואָס? נאָר ער שלעפּט צונויף דראָביאַסט פון ווייסעך וואו!“

אַ צעקנייטשט פּנים פאַרוויקלט ווי אַ ראָם אין אַ דין רויט שאַלעכל

שרײַט עס אַזוי אויף אַ קורץ ייִדל אין אַ צעדריוולטער גרויער קורטקע פֿאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק. ער קײַקלט אין הויף אַרײַן אַ הילצערן פֿעסל און אַ גומענעם ראָד װעלכע האַלטן זיך אין אײן אָנשלאָגן אין די טרעפּ. אין דרײַען אײַנגעבױגן שטאָלפּערט ער אַ פֿרײַכנדיקער:" הער שוין אויף דאָרט! ס'איז װערט אַ גאַנצן דאָלער!

אַ נײַגעריקײט אַרײַנצוגײן ערגעץ אין אַ הױז און זיך מאַכן הײמיש, ציט אים ממש צו צו יעדן טיר. עס פֿאַרהאַלט אים אָבער אַ צעיאַכמערט שפּילן פֿון אַ גרופּע קינדער סאַמע אונטער די טרעפּ. צעפּלאַמטע, אַזש אַ פּאַרע יאָגט פֿון זײ, מיט האַלב געבױגענע שטעקנס אין די אױסגעשטרעקטע רױט בלױע הענט לױפֿן זײ נאָך אַ פֿלאַך קלעצל, װאָס האַלט זיך אין אײן פֿאַרטשעפּען אין די טרעפּ און פֿאַרפּאַלן װערן אין די לעכער פֿונעם צעבראָכענעם טראָטואַר. פֿון די צעפּלאַמטע שטערנס רינט דער שװײס װאָס קאַרבט אױס װײַסע צײַכנס אױף די שמוציקע פּנימלעך. זײ שפּירן עס אָבער נישט. זײ זײַנען צו פֿאַרנומען און אַרײַנגעטאָן אינעם טשאַטעװען די רגע װען דאָס קלעצל װעט זיך געפֿינען געגנוג נאָענט פֿון זײ כּדי צו געבן עס דעם שטױס אָן אַ שטרױכלונג פֿון אַ טרעפּל אָדער גריבל. פֿאַרמורעטע פֿײגעלעך װאָס זוכן קרישקעס שפּײַז אינעם פּערדן מיסט אינמיטן װעג. שפּרינגען אָפּ מיט אַ פֿלאַטער און ראַטעװען זיך צו די פֿאַרשנײַטע געזימסן אין דער הױך איבער די דעכער פֿון דער שערענגע הײַזער געשלאָסן אײנס אין אַנדערן װי אױסגעגאָסן פֿון אײן שטיק. ערשט איצט האָט ער באַמערקט, אַז װי װײַט דאָס אױג דערבליקט איז אױף דער גאַנצער גאַס קײן אײן בױם נישט בנמצא. „װאו זשע האָבן די פֿײגל זײערע נעסטן?", — איז אים פּלוצים אײַנגעפֿאַלן אַ פֿרעג צו טאָן אַ פֿאַרבײַלױפֿנדיק ײנגעלע.

— „װהאַט?!" (װאָס?) — האָט יענער אױסגעגלאָצט אַ פּאָר פֿאַרװאונדערטע אױגן: „גרינהאָרן!"

אַז דער דאָזיקער אױסרעד איז געמײנט װי אַ באַלײדיקונג, האָט ער זיך דערװאוסט נאָך אױף דער שיף פֿון אײנעם װאָס איז שױן צום צװײטן מאָל געפֿאָרן קײן קאַנאַדע, אָבער לױט דעם אופֿן װי דער צונאָמען האט אים אַ שמיץ געטאָן אין געאײל און זיך פֿאַרבײַגעגליטשט מיט אַן אומגעדולדיקער חוזק גרימאַסע פֿונעם צעיאַכמערטן ײנגעלע, האָט עס גאָר געקלונגען װי אַ

באַדויערן אויף אַזאַ איינעם וואָס האלט זיך פּאַר אַ דערוואַקסענעם שוין און ער ווייסט אפילו נישט דעם אמתן גאַנג פון דער שפּיל אין וועלכער אַ זייטיקער טאָר זיך נישט אַריינמישן. די שפּיל איז אָבער באַלד ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין סאַמע מיטן געאייל פון אַ צעצויגענעם אומעטיקן ניגון וועלכער האָט זיך געציקלט אַהער פון דעם אויסבייג פון דער גאַס. מאָנאָטאָן און הייזעריקלעך האט זיך דער ניגון געציקלט פון אַן אָפּגעכויוולט פערד און וועגעלע וואָס האָט זיך ווי געקייקלט אַהער טריט ביי טריט און זיך כסדר פאַרהאַלטן פונקט ווען דער ניגון ווערט ווי פאַרהוילן ערגעץ ביי אַ פענצטער וואָס טוט זיך ראַפּטום אַן עפן און אַ פאַרמאַך צוריק. אפּגעקייקלט זיך עטלעכע טריט, טוט אַ צוגעלעגערט הייזעריקלעך קול אַ גרילץ פונעם וועגעלע אַרויס: „מעזומע (מזומן) צאָל עך! אַלטס קויף עך! גאָלד פּאַר שמאַטעס!” אַז קיין טיר אָדער פענצטער עפנט זיך נישט, קייקלט זיך דער ניגון ווייטער מיט דער זעלבער מאָנאָטאָנקייט צום טאַקט פונעם סקריפּנדיקן וועגעלע: מעזומעצאָלעך!

דאָס צעיאַכמערטע יונגוואַרג טוט זיך אַ לאָז צום וועגעלע אין אַ קנויל מיט די געבויגענע שטעקנס אַרויף פאַרהילכנדיק די גאַס נאָכקרימענדיק דעם ניגון מיט אַ פריידיקן געציקל: ״גאָלדפּאַר שמאַאטעס! בלייבט דאָס פערדל שטיין און טוט זיך עפּעס אַ מאָדנעם צעהירזשע ווי עס וואָלט זיי דערקענט און ענטפערט זיי מיט אַ דרייען דעם קאָפּ אין אַלע זייטן און אַ שמיץ טאָן מיטן וויידל אַרויף און אַראָפּ. דאָס וועגעלע קייקלט זיך נאָך א ווײלע הין און צוריק און בלייבט שטיין מיט אַ סקריפּ. אויף דער הויפן צעקנוידערטע מאַטראַצן פון וועלכע עס שפּאַרן אַרויס פאַרזשאווערטע ספּרוזשינעס, טרייסלען זיך, דאַכט זיך, מיט היימישע באַקאַנטשאַפט צום קנויל קינדער וועלכע רינגלען אַרום דאס וועגעלע און האַלטן זיך פון דעסטוועגן פון דערווייטנס נישט געטראָפן צו ווערן פונעם בייטשל אין דער האַנט פונעם שמאָלן געדראָטעוועטן פאַרשוין מיטן מאָדנעם געקנייטשטן האַרטן קאַפּעליושל אויפן קאָפּ וועלכער זיצט אויף דער קעלניע אַ שטייפער, ווי ער וואָלט געווען איינס מיטן פאַרשמאָלצעוועטן קוימענדל פון דעם שוואַרצן גאַז אייוועלע אָן וועלכן ער שפּאַרט זיך אָן.

— „ הויך, הויך, לאָז דעם רויך, כאַפּ דעם קאָטער ביי דעם בויך!” — קרימען זיי נאָך זיין צעצויגענעם ניגון און שטאָרקען מיט די שטעקנס אינעם

פּאַק אַלטוואַרג: „אַלץ קויף עך! היפּ היפּ!" און צעלויפן זיך ווען דאָס בייטשל טוט זיך אַ צעכוואָשטשע מיט אַ קנאַל וואָס טרייסלט אויף די גאַנצע פאַרשלאָפענע גאַס. „אַוועקטס לאַבוסעס! טשעפּעט ניש די סחורה!" שפּרינגט ער אַראָפּ פון וועגעלע — „ס׳איז אייך ווייניק וואָס די שקצים לאָזן נישט דורכפאָרן במנוחה! — קומט דער אויסגעשריי אַרויס מער אַ געבעט ווי אַ געבייזער, — איר זאָלט נאָר נישט קומען אויף מיין טעם! זוכט זיך בעסערע שפּילעכלעך! — מאַכט ער אפילו נישט דעם מינדסטן פּרוּוו צו ווען נאָכיאָגן עמיצן פון די קינדער, נאר שפּאַרט זיך אָן מיט דער פּלייצע אינעם וועגעלע און פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אַזוי קונציק צו כאַפּן אַ שיקלדיקן בליק צו די פענצטער איןביידע זייטן גאַס. פון אַ פּאָר אָפענע פענצטער בייזערן זיך די מאַמעס מיט האַרץ רייסעניש: „וואס האט איר צום יידן נעבעך! כ׳וועל דערציילן דעם טאַטן, וועסטו שוין קריגן דיינס!"

— „ גאָלד פּאַר שמאַטעס! — נוצט אויס דער ייד די אָפענע פענצטער צעציקלנדיק זיך אויף דער העכסטער אָקטאַווע וואָס שטילט איין אי די מאַמעס אי די קינדער. טוט זיך פּלוצים אַ לאָז צו איינער פון די געדרייטע טרעפּ און גליטשט זיך אין אַ ווילע אַרום אַראָפּ מיט נאָך א פּאַק שמאַטעס פאַרן אָנגעהויפּנטן וועגעלע.

צופרידן מיט זיך הילכט ווידער די גאַס אויף פון אַ קנאַל מיטן בייטשל, נעמט דאָס פערדל ווידער טריטלען אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צו די קינדער וועלכע זיינען שוין ווידער אַריינגעטאָן אין יאָגן דאָס קיילעכיקע קלעצל און קוקן שוין אפילו נישט צום פערד און וועגעלע פון וועלכן מ׳זעט נאָר אַרויס דאָס האַרטע קאַפּעליושל פון וועלכן עס טראָגט זיך דער מאָנאָטאָנער כמעט פאַרשלאָפענער געציקל ווייטער און ווייטער אין דער פּוסטער גאַס.

# מ'האָט אים גערופן הוניע

די פּאָר צענדלינג מענטשן וואָס זיינען געקומען צו דער לוויה פון חבר הוניע, נישט קוקנדיק אויפן שטאַרקן שניי־שטורעם און שאַרפן פראָסט, זיינען איינציקווייז אַריינגעפאלן אינעם טונקל באַלויכטענעם לוויה־זאַל ממש אָן אַן אָטעם. כמעט נישט אומקוקנדיק זיך ווער ס'איז דאָ, האבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אָפּגעזונדערט איינער פון אַנדערן אויף די הינטערשטע און מיטלסטע בענק. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און איינגעניורעטע זיינען זיי געזעסן ווי פאַרגליווערט. בלויז ווען די טיר האָט זיך אַן עפן געטאָן מיט אַ כוואַליע קאַלטע לופט, האָבן זיי מיט אַ שטום פאַרווירטן בליק אויפגענומען דעם אַריינגעקומענעם און באַגלייט ביז צו דער באַנק וואו ער האָט זיך אַוועקגעזעצט פונקט אַזוי איינגעניורעט און אָפּגעזונדערט ווי זיי.

עס האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן זיך פאַר עפּעס געשראָקן און ווילן עס אויסבאַהאַלטן פאַר אַ פרעמד אויג, כאָטש אַלע אויגן דאָ זיינען היימישע וואָס מ'קען שוין פון יאָרן. מיט וואַקלענדיקע טריט האָט יעדערער שלאַבעריק זיך גערוקט מכלומרשט פאָרויס און דאָך זייטיק אָפּגעמאָסטן מיטן בליק וועלכס אָרט איז נישט צו ווייט און פאָרט געגוג נאָענט צו די פאָרנטיקע ליידיקע בענק וועלכע האָבן געשאַפן אַ מין גרויע עלנטע מחיצה צווישן זיי און דעם שוואַרצן אָרון, וועלכער האָט ווי אַ שאָטנדיק אויסגעצויגענער פלעק געהויערט אויפן שמאָלן אייזערנעם געשטעל לעבן דער פאַרפּוצטער פלאַטפאָרמע מיט די שטענדערס און אַרויסשטאַרנדיקע מיקראָפאָנען און צוויי בלינצלדיקע ליכט. אויך די מעשענע זעקס־רעריקע מנורה אויף דער וואַנט אַנטקעגן, וואָס האָט שפּריצנדיק צעברעקלטע ליכטפּונקען אַרום זיך און אינעם ווינקל אַריין וואו עס זיצן פאַרעלנטע, אָפּגערוקט איינער פון אַנדערן דער איינציקער זון און דער יינגערער ברודער פון פאַרשטאָרבענעם, האט געפלאָכטן אַרום דעם אָרון אַזא פאַרהוילענעם עיגול וועלכער האָט עפּעס ווי צוריקגעשטויסן אין זאַל אַריין די פאַרציטערטע בליקן וואָס פּרוּוון אַריבערשפּרייזן די ליידיקע מחיצה.

אַ פאַרהוילן שולד־געפיל דריקט אויף זייער געמיט און דערווייטערט זיי

אײנס פון אַנדערן, אַזוי אַז אפילו פון דער נאָענט קומט זײ אָן שווער צו קוקן זיך אין די אויגן אַרײַן. אָפּגערעדט שוין פון עפּעס פרעגן אָדער זאָגן. גענוי וואָס די שולד איז, איז קײנעם עפּעס נישט קלאָר באַוואוסט, און דאָך ווערט דאָס געמיט מאָדנע נאָגנדיק שווערער בײַ אַ זײַטיק אויפגעכאַפּטן צערודערטן בליק פון אַ הײמיש באַקאַנטן. אינסטינקטיוו טוט מען זיך אַ רוק אויף צוריק ווי מ׳וואָלט זיך געוואָלט נאָך מער דערווײַטערן פונעם אָרון און די אײנזאַמע אבלים.

שוין יאָרן, אַז דער גרעסטער טײל פון זײ האָט נישט געוואוסט וואו חבר הוניע געפינט זיך און נישט געטראַכט אפילו נאָכצופרעגן זיך אויף אים. אַז עמעץ האָט אַמאָל צופעליק דערמאָנט זײַן נאָמען און דערצײלט, אַז ער האָט זיך שוין צוריקגעשטעלט אויף די פיס אויפשטעלנדיק אַ שטיקל פאַבריקל פון פוטערוואַרג ערגעץ אויף אַן אָפּגעלעגן געסל, ווײַט פון ייִדישן געגנט, האָט מען אויסגעהערט מיט מכלומרשטער נײַגעריקייט און געשאָקלט מיט די קעפּ. אָבער אַז יענער האָט צוגעגעבן: „ עס גײט, ווײַזט אויס, נישט שלעכט. אַ סימן, ער כאַפּט זיך שוין אַרײַן פון צײַט צו צײַט אין דער ייִדישער שולע און לאָזט איבער אַ באַדײַטנדיקע סומע פאַרן יערלעכן קאַמפּײן, און שיקט אויך אַרײַן סומען פאַרן „אויספאָרש פאַנד״ פאַר אַ נײַער ייִדישער טעריטאָריע, — האָט מען שוין געוואָלט הערן מערער, — „דאָס איז נאָך דאָס אײנציקע אין וועלכן ס׳איז אים געבליבן צו גלויבן,״ זאָגט ער. ער גיט עס אָבער מיט אַ תנאי, אַז זײַן נאָמען זאָל נישט דערמאָנט ווערן עפנטלעך און די קבלה זאָל מען שיקן צו זײַן אײנציקן ײנגל, וועלכער ווערט אויפגעבראַכט פון ווײַטע קרובים פון דער מוטערס צד. יענע ווילן אָבער אפילו נישט הערן דעם נאָמען זײַנעם דערמאָנט. פון אַלץ וואָס קומט פון אים טרײסלען זײ זיך אָפּ ווי פון אַ שרץ און שיקן עס גלײַך אָפּ מיט אַ צושריפט: „זאָל ער זיך האַלטן דערמיט און וואַרגן״.

אויסהערנדיק דאָס, פאַרגינט מען שוין זיך צו זײַן אַביסל פרײַנטלעכער: „פון דעסטוועגן איז אַ רחמנות אויף אים. זעסט אים אָפּט?״

בײַ דעם איז עס אָבער געבליבן. קײנעם איז פּאָרט נישט געקומען אויפן געדאַנק צו טרעפן זיך מיט אים און צוריק פאַרבינדן אים מיטן קרײַז. אפילו ווען מ׳האָט זיך מיט עטלעכע יאָר שפּעטער דערוואוסט פון דער ייִדישער

פּרעסע, אַז מ׳האָט צוגעטיילט אַ פּרעמיע פֿאַר אַ זאַמלונג פֿון יידישע טערמינען אין זיין פֿאַך וואָס עמעץ האָט צוגעשיקט נישט אָנגעבנדיק קיין נאָמען און קיין אַדרעס, האָבן זיך אַלע אָנגעשטויסן ווער דאָס איז, אָבער בלויז איינער האָט זיך גענומען די מי אים אויפֿצוזוכן און דערנאָך דערציילט, אַז דאָס גאַנצע פֿאַבריקל איז אַן איין איינציק צימער וואו ער אַרבעט און וווינט איינער אַליין. ער גייט נאָר אַרויס ווען ער דאַרף איינקויפֿן זיינע וועגעטאַרישע פּראָדוקטן אָדער אָפּטראָגן זיינע אויסאַרבעטונגען. „אַ מענטש דאַרף איבערלאָזן נאָך זיך דאָס וואָס ער ווייסט בעסער פֿון אַנדערע, אָבער וואָס איז דאָ שייך דער נאָמען?," האָט ער מיט טיפֿן ערנסט אָפּגעשלאָגן די טענה פֿאַרוואָס ער האָט נישט צוגעשיקט דעם אַדרעס מיטן נאָמען.

„אַ נייער נזיר! געוואָרן אַ גאַנצער צדיק!" — איז געווען די רעאַקציע פֿון זיינע אַמאָליקע חברים, וואָס האָט אויסגעדריקט אי שפּאָט, אי אַ פֿאַרבאָרגענעם אָפּשיי.

„ער זעט אויס ווי איינער וואָס וויל אָפּקומען פֿאַר עפּעס אַ זינד", האָט יענער איבערגעגעבן זיין איינדרוק.

„ער האָט פֿאַר וואָס אָפּצוקומען", איז דער אַלטער דערווידער צו אים אָפּן אַרויסגעקומען פֿון זיי.

„פֿאַר זיך דאַרף ער׳ זייער ווייניק. אַביסל גרינס און ברויט מיט זאַלץ איז גענוג, האָט ער מיר געזאָגט, זיין משהלע איז דאָך שוין אויף אַ וועג, אַ גאַנצער אינזשינער און וועט זיך שוין זיין שטעטל אַליין באַשטיין. ס׳אַרט אים נאָר פֿאַרוואָס מיר אַלע, זיינען נאָך אַזוי פֿאַרבלענדט און שלעפּן זיך נאָך די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרפֿירער אונדזערע וועלכע האַלטן אין איין נאַרן און שיטן זאַמד אין די אויגן און מ׳נעמט עס אָן פֿאַר גין־גאָלד. מ׳זעט נישט ווי עס גייט אַלץ אונטער און קיינער מיינט גאָר נישט ערנסט. מ׳האָט נאָר זיך אין זינען. ס׳איז דאָך שוין נישטאָ מיט וועמען אַן אמת יידיש וואָרט אויסצורעדן."

„זאָל ער זיך פֿאַרדרייען זיין צעדולטן קאָפּ און נישט קלאַפּן על חטא אויף יענעמס האַרץ" — האָט מען מער זיין נאָמען נישט דערמאָנט און בכיוון פֿאַרגעסן אין אים.

„פאַר וואָס זשע האָט עס אַלעמען אַזאַ צי געטאָן אין אַזאַ שטורעם צו קומען צוטיילן אים דעם לעצטן כבוד, ווי עס האָט זיך געלייענט אינעם קורצן נאָטיץ אין דער צייטונג, און ערשט זיצט מען פון דער ווייטנס ווי פּרעמדע" — צוויקט עס יעדערן ביים האַרצן מיט אַ מאָדנער נאַגעניש — האָסט געקענט אַמאָל אַ מענטשן וואָס האָסט בכיוון אויך פאַרגעסן, און פּלוצים דערוואוסטו זיך אַז ער איז שוין אַוועק אויף אייביק, ווערסטו דערציטערט און כאַפּסט זיך אַז אין דער אמתן האָסטו אים גאָרנישט נישט געקענט. אַלץ וואָס האָסט געוואוסט וועגן אים קלערט דיר גארנישט נישט אויף."

באַלד ווי דער נאָטיץ האָט זיך באַוויזן אין צייטונג, האָבן אַ צאָל טעלעפאָנען אין שטאָט גענומען אַנגסטיקן מיט כלערליי אויפגעשרייען און פאַרצאַפּלטע אויסרופן: — האָסט שוין געהערט?

— אזוי?!, טאַקע?! ווען? ווי אַזוי? מ׳מוז עמיצן געפינען צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער, נאך אַלעמען — פאַר וואָס עפּעס איך? איך האב אים דען געקענט?

און ווער האָט אים יאָ געקענט?

ס׳איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט ווען דער ברודער האָט קוים געפּועלט ביי איינעם פון קרייז צו זאָגן אַ פּאָר אָפּשייד ווערטער, און דאָס ערשט נאָך אַ האַרבן איינטענהן מיט אַ ביטערער דערשלאָגענער שטימע: „איז עס ביי אייך רעכט, מ׳זאָל אים אַזוי אָ פאַרשעמען? אַרויסוואַרפן ווי אַ שמאַטע, ווי אַ צעבראָכענעם טאָפּ? וואס איר זאָלט נישט געווען טראַכטן וועגן אים, איז ער דאָך פאָרט געווען אַ מענטש, אייערער אַ חבר. טענות האָט די משפחה מער ווי איר האָט געקענט האָבן, אָבער ווי קען מען אַזוינס טאָן צו אַ מענטשן? קיין רב וויל נישט דער זון און איך גיב אים גערעכט. ווי קומט ער צו אַ רב? ער איז דאָך לאַנג געווען אייערס אַ מענטש. זיין גאַנץ ביסל מענטשלעכקייט האָט ער אַריינגעבראָקט אין אייך און אייערע גלויבענישן. איז דאָס אַלץ ביי אייך גאָרנישט?!"

זיצט איצט יענער פאַררוקט אין אַ ווינקל און ציטערט פאַר דער רגע ווען ער וועט דאַרפן עפּעס זאָגן און אויפקלערן „דעם באַשייד פון דעם וואָס

ער ווייסט אַליין נישט.״ איצט ערשט ווילסטו זיך דערוויסן און האָסט גאָר מורא צו דערטראַכטן עס ביזן סוף. עס קען דאָך זיין, אַז דאָס נישט וועלן וויסן וועגן אים נאָכדעם ווי דו האָסט אים איינמאל פֿאַרמשפּט צוליב עפּעס, האָסטו דערמיט צוגעהאָלפֿן צו זיין עלנטן וואַלגערן זיך יאָרנלאַנג און גורם געווען צו זיין איינזאַמען פֿאַרביטערטן אויסגיין ערגעץ אין אַ לאָך מיט אַ קללה אויף אַלץ און אַלעמען. אַז מ׳טראַכט זיך אָבער גוט אַריין, איז דאָך עס אייגנטלעך אַזוי מיט יעדן איינעם דאָ. וואָס ווייס איך וועגן זיי און וואָס ווייסן זיי וועגן מיר?!״ — שווינדלען אים פֿאַרביי פֿאַר די אויגן די פֿאַראומערטע בליקן פֿון איין איינגעניורעטן אין זיך צום אַנדערן. וועט ער טאַקע אפשר אָנהייבן פֿונעם מאָדנע שמועס וואָס ער האט מיט אים געפירט מיט עטלעכע טעג צוריק, ווען ס׳איז אים עפּעס פּלוצים איינגעפֿאַלן צו טעלעפֿאָנירן הוניען אויסצוגעפינען וואָס עס הערט זיך ביי אים. ווי נאָר הוניע האָט דערקענט זיין שטימע, האָט ער זיך ממש פֿאַרכליניעט פֿון פֿאַרוואונדערונג: ״טאַקע?, בלויז כדי צו דערוויסן זיך וואָס איך מאַך? עס קען נישט זיין — איז זיין כריפּנע קול געקומען מיט אַזאַ מאָדנער נישט גלויביקייט, — זאל איך האָבן געמאַכט אַזאַ פֿאַטאַלן טעות מיטן זיין זיכער, אַז סע גייט שוין קיינעם נישט אָן צי איך לעב צי נישט. אַ שאָד וואָס כ׳האָב זיך עס דערוואוסט אַזוי שפּעט..., — האָט ער זיך נישט געקענט קלאָר מאַכן צי הוניע חוזקט עס אַזוי אָדער ביטערט גאָר אויף אַלעמען, — גוט איז איין צדיק אין סדום... — האָט הוניע פֿון דעסטוועגן אים נישט אָפּגעלאָזט ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אַראָפּרעדן פֿון האַרצן, — כ׳האָב שוין מיינס אָפּגעמאַכט, איבערגעקומען. פֿארענדיקט די שפּיל מיט אַ מאַט...״

—קען מען כאָטש עפּעס אָפּלערנען פֿון די געגנג פֿון דער שפּיל? — האָט זיך עס ביי אים פֿון זיך אַליין אַרויסגעגליטשט פֿון מויל ווי אין די אַמאָליקע צייטן ווען מ׳פֿלעגט זיך אַמפּערן ביים שאַך־טיש אין קלוב.

— ווען איך זאָל דאָס קענען אויפקלערן, וואָלט אפשר אַלץ געווען אין גאַנצן אַנדערש, — האט הוניע אָפּגעהאַקט דעם שמועס אין מיטן און כמעט ווי געבעטן צוצוקומען אים זען. דאָס האָט ער שוין אָבער נישט באַוויזן צו טאָן.

זאָל ער מיט דעם אָנהייבן זיינע אָפּשייד־ווערטער? וואָס זשע וועט עס

אויפקלערן? וואָס וועט מען זיך דערוויסן פון דעם מער ווי מ׳האָט געוואוסט ביז איצט? און וואָס האָט מען דען געדאַרפט מער וויסן ווי אַז ער איז געקומען אַהער מיט אַ סטאַזש פון אַ געזעלשאַפטלעכן טוער און מיטגעבראַכט פון דאָרט א פאַנאַטיש איינשטעלן זיך פאַרן יידישן לשון און פאַר יידישער פאָלקסטימלעכקייט; אַ שאַרפן ווידערגעפיל און אומצוטרוי צו יעדן וואָס האָט אויסגעדריקט אַן אנדער מיינונג ווי זיינע. ער האָט ממש אויפגעציטערט ווען עמעץ האָט געהאט אַ גוט וואָרט פאַר טראַדיציע און רעליגיע. ער האָט אויך נישט געשאַנעוועט די וואָס האָבן געלייגט אַלע האפענונגען אויפן סאָציאַלן קאַמף אָדער אויפן ציוניסטישן אויפבוי פון ארץ־ישראל.

— ס׳איז אַן אָפּנאַרעריי, אַ פאַרפירעניש . . . — האָט ער געפייערט און דערביי כמעט אַלעמען באַליידיקט מיט די שאַרפסטע עפּיטעטן — איך געטרוי קיינעם נישט מער אין דער היינטיקער ברוטאַלער וועלט. מ׳האַלט אונדז אין איין נאַרן מיט שיינע רייד וואָס מ׳מיינט נישט. טייכן בלוט האָט עס אונדז שוין געקאָסט און וועט נאָך קאָסטן דאָס לאָזן פאַרפירן זיך מיט פרעמדע אילוזיעס.

אָפּט האָט ער זיך אַזוי צעקאָכט, אַז ס׳האָט ממש געהאַלטן ביי פּעטש.

„נישט איין טעריטאָריע דאַרפן מיר, נאָר טעריטאָריעס. אַפילו ווען מען שפּילט שוין מיט אייגענע קאָרטן, טאָר מען נישט שטעלן אַלץ נאָר אויף איין קאָרט, זאָגט אונדזער פירער צו ווען מ׳דאַרף זיך גוט צוהערן, בפרט אַז יעדער איינער ווייסט דאָך, אַז פּאַלעסטינע איז אַזאַ שימערירנדיקער טיש צו וועלכן אַלע רויבערישע הענט פון די ווייטסטע דורות אָן ביז היינט שטרעקן זיך.״

מ׳האָט אים טאַקע אויך נישט געשאַנעוועט, געזידלט און אָנגערופן מיט צונעמען וואָס האָבן געשטאָכן ביז דער זיבעטער ריפּ. אַנדערע האָבן אויפגעהערט רעדן צו אים און אים געוואָלט אויסשליסן פון קרייז. די מערהייט האָט אָבער געהאַלטן אַז דער קרייז איז דער עיקר געשאַפן געוואָרן פאַר יידישער קולטור־אַרבעט און אויסלעבן זיך קולטורעל, מוז מען דעריבער זיין טאָלעראַנט צו יעדנס מיינונג, בפרט אַז ווי אַ טוער איז ער איינער פון די

אַקטיוועסטע. מ׳האָט געוואוסט, אַז פאַר דעם אין וועלכן ער גלויבט און נעמט זיך אונטער דורכצופירן, איז ער גרייט צו טאָן מער ווי יעדער איינער, אפילו ווען ער דאַרף עס טאָן איינער אַליין.

באַזונדערס האָט זיך עס אַרויסגעוויזן אין די מלחמה יאָרן און באַלד נאָך די מלחמה יאָרן אין דער אַרבעט פאַרן „הילפס קאָמיטעט פאַר מלחמה געליטענע״ וואו ער איז ממש טאָג ווי נאַכט געווען אַריינגעטאָן אינעם שאַפן די פאָנדן און אינעם פאַקן די פעקלעך שפייז אַוועקצושיקן אין די לאַגערן און צו יחידים וועמעס אַדרעסן מ׳האָט געקראָגן דורך פאַרשיידענע פאַרבינדונגען. אין יעדן פעקל האָט ער אַריינגעלייגט אַ צעטעלע, ווי אַ סך האָבן עס געטאָן מיט אַ בקשה צום אַדרעסאַט צי ער ווייסט עפּעס וועגן עמיצן פון זיין משפחה. ס׳איז אָבער אויסגעקומען מאָדנע וואָס די אַנדערע האָבן געוויינטלעך געהאַט איין נוסח פאַר די צעטעלעך און עס געוויזן איינער דעם אַנדערן כדי צו מאַכן זיכער אַז עס איז קלאָר געשריבן. ער האָט קיינעם נישט געוויזן זיינע צעטעלעך, אָבער מ׳האָט געוואוסט צו דערציילן צווישן זיך בסוד סודות, אַז יעדן צעטעלע זיינס שרייבט ער אונטער מיט אַן אַנדער נאָמען און גיט אָן אַנדערע סימנים ווער עס שרייבט. פון די סימנים האָט מען בלויז געוואוסט אַז ער פרעגט זיך נאָך אויף זייער אַ פאַרצווייגטער משפחה, וואָס האָט אין יענעם שטעטל געשפּילט אַ גרויסע ראָלע און אַז עפּעס איז דאָרט פאָרגעקומען מיט איינעם פון זיי פון וואָס די גאַנצע געגנט איז דאַמאָלסט אויפגערודערט געוואָרן. איז די נייגעריקייט צו דערוויסן זיך טאַקע געוואַקסן, נאָר קיינער האָט זיך נישט געוואָלט אויסגעבן אַז מ׳קוקט אים נאָך.

מ׳האט אויך געוואוסט אַז עס האַלט דערביי ער זאָל פאַרלירן זיין „שמאַטע — פאַבריקל״, ווי ער פלעגט עס רופן אין שפּאַס. ער האָט עס כמעט געלאָזט אויף הפקר ווי נאר ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איינער פון זיינע ברידער, וועמען ער האָט כמעט נישט געקענט, (ווייל ער איז אַוועק פון דער היים ווען יענער איז נאָך געווען א קינד ממש) געפינט זיך ערגעץ אין אַ לאַגער אין דייטשלאנד. ער איז אַרומגעלאָפן פון איין אפיס צום אַנדערן און דערנאָך פאַרשוואונדן געוואָרן אויף אַ פּאָר וואָכן און צוריקגעקומען מיט א יונגנמאן וואָס האָט אַן ענלעכקייט צו אים אין אויסזען, אָבער אין גאַנצן אַנדערש ווי ער אין זיין באַציאונג צו מענטשן. יענער איז דווקא אַן אָפנהאַרציקער און ווערט נישט מיד צו דערציילן וועגן זיך, נאָר

ווי נאָר עס קומט צום דערמאָנען עפּעס וועגן דער צייט ווען הוניע האָט נאָך געדאַרפט זיין אין דער היים, האַקט ער אָפּ אינמיטן דערשפּירנדיק הוניעס אומרואיקייט און פינצטערן בליק. דעם ברודער מיט זיין פרוי האָט ער איינגעאָרדנט אין אַ פּוטער־געשעפט און באַזאָרגט מיט וואָס נאָר ער האָט געקענט, דערפאַר אָבער איז ער פון דאַמאָלסט אָן זעלטן געווען ביי זיך אין הויז. אינעם קרייז האָט מען זיך געשושקעט, אַז די קראַנקע פרוי זיינע מיטן איינציקן קינד ליידן פּשוט נויט. שכנים האָבן איבערגעגעבן אַז פאַר דער משפּחה קאַרגט ער דעם ביסן אין מויל און לאָזט נישט קויפן אין הויז אַריין די מינדסטע נויטיקע זאַך.

—נאָך דעם אומגליק דאָרטן, טאָר מען זיך דאָ גאָרנישט נישט פאַרגינען—, האָט ער געלאַסן געגעבן צו פאַרשטיין אַ שכנטע וואָס האָט אים אָפּגעוואָרט שפּעט אין אָוונט אויפן גאַניקל פאַרן אַריינגאַנג אין הויז.

— מ׳מוז זי דאָך נעמען צו אַ דאָקטאָר — , האָט די שכנטע נישט אָפּגעלאָזט.

— פון וואַנען ווייסט איר עס אַזוי אַלצדינג? — האָט ער זי אַ ווײַלע אנגעקוקט און אַ בורטשע געטאָן: — דאָרט ליידט מען מערער — און זיך אַריינגעשלייכט אין הויז אַריין און נאָכדעם נישט געוויזן זיך עטלעכע טעג.

— אפילו קיין לייטיש ליילעך איז דאָך אין הויז ניטאָ, שוין אָפּגערעדט פון אַן איבעריק טעפּל, — האָבן די שכנטעס זיך געווענדט צו אייניקע מיטגלידער פון קרייז, האָט מען זיך עס פּשוט נישט געגלויבט, ווייל ווען עס קומט צו די נויטן פון אַנדערע, איז ער נאָך אַלץ דער ערשטער צוצוטראָגן מיט דער ברייטער האַנט, וואָס מ׳האָט נאַטירלעך אָנגענומען אַז ער קען עס טאַקע טאָן און געלויבט ווי אַ ביישפּיל פון גוטהאַרציקייט. „גיי ווייס, אַז פון דער גאַנצער צידקות און מיטגעפיל צו אַנדערע, לאָזט זיך אויס אַ רישעות און אַכזריות צו דער אייגענער משפּחה. ווי קען מען פאַרשטיין אַזאַ פּירעכץ פון אַ מענטשן?״ — , האט מען שטילערהייט אָנגעהויבן צו העלפן דער פרוי מיטן קינד, אבער עס האָט זיך קיינער נישט איינגעשטעלט אַ שמועס צו טאָן מיט אים וועגן דעם.

ס׳איז אלעמאל געשטאַנען א מחיצה צווישן אים און דעם „קולטור קרייז״ זינט ער האָט זיך באַוויזן ביי אַ פאַרזאמלונג און זיך פאַרגעשטעלט אויף אַ מאָדנעם אופן: „מען רופט מיך הוניע,״ האָט ער אַלעמען געשטרעקט אַ שטאַרק פאַרמאַזאָליעטע האַנט מיט היפשלעך פאַרשוואַרצטע פינגער, — פאר דעם אין וואָס איך גלייב, בין איך גרייט צו שטרעקן מיין האַלדז״.

מער האָט ער יענעם אָוונט נישט געעפנט דאָס מויל, אָבער אַלע האָבן עפּעס געפילט אינעם אופן פון זיין איינהערן זיך, אַז ער וועט זיך נאָך לאָזן הערן. מ׳האָט אים גאַנץ נאַטירלעך פאָרגעלייגט צו קומען אָפטער און ער איז טאַקע געקומען. אָבער ערשט איצט הייבט מען זיך אָן דערמאנען אינצידענטן, וואס צו יענער צייט האָט מען נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם. ווער האָט עס טאַקע צייט און געדולד צו גריבלען זיך צוליב וואָס אַ מענטש קומט אַריין אין אַ קרייז, ווערט דאַכט זיך אַ טייל פון אים און דערווייטערט זיך פּלוצים גלייך ווי נישט געווען. איצט, נאָך אַלעמען שוין, דערפילט גאָר יעדערער, אַז אין דער אמתן האָט ער זיך טאַקע גאָר שטאַרק באַמיט צו ווערן היימיש און זיך באַטייליקט אין אַלע טעטיקייטן ווי אַן אייגענער און פאָרט געבליבן פרעמדלעך און ווייט פון אַלעמען. זעלטן ווען עס האָט אים ווער פאַרבעטן צו זיך און מ׳קען זיך נישט דערמאָנען אַז ער זאָל האָבן עמיצן אַמאָל איינגעלאַדן צו זיך. געוויינטלעך האָט מען די שולד אַרויפגעלייגט אויף זיין פרוי וואָס איז עפּעס אַזא מאָדנע שווייגערקע און איז אוודאי היפשלעך פאַרריסן ביי זיך. (אזוי האָט מען געמיינט) זי קוקט, דאַכט זיך, נישט קיין מענטשן גלייך אין די אויגן אַריין. עפּעס באַהאַלט זי זיך אויס און גייט אַרום צווישן מענטשן, ווען זי קומט שוין יאָ אַמאָל צו אַ פאַרזאַמלונג, ווי אַ דערשראָקן הינדל, אָדער גאָר אַן אַנדערש מאל ווי אַ צעפּיעשטשעטע בת־יחידקע — קוקט מיך אָן און רירט מיך נישט אָן. איך קער זיך סיי ווי סיי נישט אָן מיט אייך. „ווייזט אויס אַ וואַזשנע מיוחסת ביי זיך״, האָט מען זי באַרעדט און געלאָזן אָן זייט. אפילו איר אָנהייבן קרענקען, האָבן בייזע צונגען אויסגעטייטשט ווי אַ מין אָנשטעל... מ׳האָט אים דאַן אפילו אָפּט באַדויערט וואָס ער מוז נעבעך אָפּקומען מיט אַזאַ אָ, און צוליב איר קען מען מיט אים אויך נישט ווערן היימישער. „דער אמת איז דאָך, אַז אַ חוץ זיין פאַנאַטישן איינשטעל, קען מען זיך דאָך אויף אים אַלעמאָל פאַרלאָזן. מיט ליידיקן גייט מען קיינמאָל נישט אַוועק פון אים״, איז געווען באַוואוסט ביי אַלעמען, „מ׳מוז אים אָבער

נאָר טרעפן אין געשעפט. קיין היים האָט ער דאָך נישט...״

„גיי ווייס, וואָס אַ מענטשן עסט אויף לעבעדיקערהייט און מ׳יט וואָס פאַר אַ גיהינום ער טראָגט זיך ארום״. אָבער דאָס האָט מען זיך דערוואוסט ערשט גאָר גאָר שפּעטער.

אויך דאָס וואָס אַלע האָבן אים גערופן ביים ערשטן נאָמען איז נישט געווען קיין סימן פון נאָענטער היימישקייט. מ׳האָט דאָך כמעט נישט געוואוסט זיין אמתן פאַמיליע נאָמען וועלכן ער אַליין האָט אויך זעלטן דערמאָנט און דערביי איראָניש, ווי זיין שטייגער, צוגעגעבן: נישטאָ זיך מיט וואָס צו באַרימען, רופט מיך בלויז „הוניע״.

דער אופן ווי ער האָט עס אַרויסגעזאָגט און דער נערוועז שפּאָטישער שמייכל וואָס האָט זיך דאַן צעשפּילט אויפן לענגלעך ביינערדיקן פאַרשפּיצטן פּנים זיינעם, האָט ווי אָנגעוואונקען אַז דאָס איז אויך נישט זיין אמתער נאָמען, נאָר עפּעס אַ צונאָמען אַזאַ ווועמעס באַשייד נאָר ער אַליין ווייס. אַזוי ווי אָבער עס זיינען אינעם קרייז געווען נאָך עטלעכע וועלכע האָבן צוליב פאַרשיידענע טעמים געהאַט פאַרשטעלטע נעמען, האָט מען עס דערפאַר אָנגענומען אַז מן הסתם איז דער נאָמען הוניע ביי אים אַן איבערבלייב פון יענע יאָרן ווען ער האָט געדאַרפט פאַרווישן דעם משפּחה נאָמען און אויסמעקן אים פון זיכרון. עס פלעגט זיך טאַקע אַמאָל טרעפן, אַז ווען ער איז צוליב עפּעס געווען גאָר אין אַ געהויבענער שטימונג און געוואָרן כמעט היימיש מיט עמעצן פון קרייז, האָט ער פּלוצים אַ זאָג געטאָן: „איר ווייסט, כ׳האָב שיר געזאָגט „עץ וואַיסט״, היימישלעך ווי אין דערהיים, כ׳האָב זיך שוין אזוי צוגעוואוינט בלויז צו איין נאָמען, אַז די פריערדיקע נעמען, באַזונדערס די פאַמיליע נעמען, געדענק איך שוין גאָרנישט. ווען עס קומט מיר אויס אונטערצושרייבן אַן אָפיציעלן דאָקומענט, מוז איך זיך שוין אָנשטרענגען צו דערמאָנען זיך, און נאָכן דערמאָנען זיך בלייבט ביי מיר אַ ביטערקייט אין מויל פון דעם אין וואָס עס דערמאָנט מיך...״

נאָך אזא מין עפענען זיך, האָט יענער נאַטירלעך געפּרואווט דערוויסן זיך עפּעס מער וועגן אים, האָט ער זיך גלייך ווידער צוריקגעצויגן הינטער אַ

פאַרהוילענער מחיצה: „עט, נאַרישקייטן. נישט כדאי צו גריבלען זיך אין נעכטיקע טעג.״

אפילו דער איינציקער זון, האָט זיך דערוואוסט זיין פאַמיליע נאָמען ערשט ווען ער איז אָנגעקומען אין שולע. סיי פון דער מאַמען און סיי פון די שכנטעס וועלכע האָבן אַכטונג געגעבן אויף זיי ווען די מאַמע איז געווען צוגעשמידט צום בעט, האָט ער בלויז געהערט דעם נאָמען הוניע. האָט ער אים אויך אַזוי גערופן אי הינטער די אויגן און אי אין די זעלטענע מאָמענטן ווען ער האָט זיך צוגעטוליעט צו אים בשעת הוניע איז אַמאָל געבליבן אַן אָוונט אין שטוב און פאַרן שלאָפן גיין אים דערציילט אַזעלכע אויסטערלישע מעשות פון ווייטע לענדער מיט מאָדנע מענטשן וועלכע זיינען אַלעמאַל הונגעריק און וואוינען אין ליימיקע הייזער מיט שטרויענע דעכער.

אין די מעשות איז אויך געווען איינע פון א בייזן טאַטן, וואָס האָט זיך גאָרנישט פאַרדינט מ׳זאָל אים אַזוי רופן. ער האָט קיינמאל נישט געשמייכלט און נישט געלאָזט די קינדער אויפהויבן דעם קאָפּ און טוען וואָס זיי האָבן געוואָלט טאָן, האָט ער טאַקע געהאַט אַ שלעכטן סוף. אַלע קינדער האָבן אים פאַרלאָזן און ווילן אפילו זיין נאָמען נישט דערמאָנען. נישט אַלעמאָל איז דער סוף געווען דערזעלבער. אַמאָל האָט זיך עס געענדיקט מיט דעם וואָס איינער פון די קינדער האָט פון גרויס כעס אָפּגעטאָן דעם בייזן טאַטן אַזאַ שלעכטע זאַך, וואָס האָט געבראַכט אַן אומגליק אויף דער גאַנצער משפחה. איינמאָל ווען עס האָט שוין געהאַלטן ביים סוף פון דער מעשה און דאָס קינד איז געווען איבערגענומען מיט רחמנות צו יענע קינדער נעבעך, האָט עס מיט אַ צאַפּל זיך צוגעטוליעט צו הוניען: הוניע, איז אַ גוטער טאַטע, אַ יאָ אַ גוטער?!״

אַ פאַרציטערטער האָט הוניע זיך באַפרייט מיט האַסט פונעם קינדס הענטלעך און ווי נישט מיט זיין קול אַ כריפּע געטאָן: „איך בין — האָט ער עפּעס אָנגעהויבן זאָגן און אָפּגעהאַקט מיט אַ שלונג, ווי עס וואָלט אים געוואָרגן. שנעל אַ נעם געטאָן דאָס קינד און אריינגעלייגט אין בעטל: „משהלע, זאָלסט מיך אַלעמאָל רופן הוניע!!.. ״ — איז דער שטרענגער טאָן און פאַרווירטער בליק געבליבן מיטן קינד אויפן גאַנצן לעבן.

זיצט עס איצט, דאָס קינד, אַ דערוואַקסענער שוין, אינעם ווינקל דאָ פונקט אַזוי איינגעהויקערט און דערשראָקן ווי דאַמאָלסט אין בעטל, און גלאָצט אַרום זיך צעחושט און פאַרווירט.

„אוי, הוניע, הוניע!" — הערט ער, דאַכט זיך, קלאָר דעם פעטערס שליוכצן פון דער אַנדערער עק באַנק וואו ער זיצט אָן איינגעניורעטער אין זיך. ער וואָלט זיך געדאַרפט צורוקן צו אים נעענטער. ווּעמען האָט ער דען נאָך איצט? דורך צורוקן זיך צום פעטער וועט אפשר צעשמאָלצן ווערן דער גליווער וואָס פאַרשטעלט אים דאָס געשטאַלט פונעם טאַטן, פון הוניען. ער מוז דאָך וויסן איצט אַלץ. נעמט ער זיך טאַקע באַוועגן צו יענער זייט צו און דאָך רוקט ער זיך גאָר אָפּ ווייטער פון אים. אַ שטעכיק ביטערע נאָגעניש שפּאַרט פונעם פאַרהווילענעם גליווער אַרויס און שטויסט אים אויף צוריק. ווען דער פעטער איז געקומען פון דאָרט נאָכן גרויסן אומגליק, איז דאָך דאָס לעצטע ביסל באַציאונג וואָס הוניע האָט נאָך ארויסגעוויזן צו דער קראַנקער מאַמען אויך פאַרשוואונדן. בלויז פאַרן פעטער מיט זיין משפחה האָט ער אַלץ געטאָן, און דער מאַמען האָט ער נאָכגעציילט יעדן סענט און ביסלעכווייז אינגאַנצן אויפגעהערט צו קומען אַהיים. ווען נישט וואָס שכנים און די ווייטע קרובים פון דער מאַמען וועלכע האָבן זיי אַרויסגעהאָלפן אָן זיין וויסן, וואָלטן זיי פשוט געוועזן אומגעקומען פון הונגער און קעלט. אָט שפּאַרט אַרויס פונעם גליווער יענער פאַראומערטער זונטיק נאָכמיטאג, ווען דער פעטער איז געקומען אים נעמען צו זיך „ס'איז חנוכה, וועסטו זיך אַביסל שפּילן מיט די קינדער. אָט האָסטו אַ דריידל." אויך הוניע איז דאָרט געוועזן, געוועזן פריילעך, ער האט געטיילט חנוכה געלט און זיך געלאָזט רופן „פעטער" פון די קינדער און זיי האָבן אפילו געקראָגן אַ קוש דערפאַר, נאָר אַז ער האָט אויך אַזוי געטאָן, האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט פון אים מיט אַ געבייזער: „האָסט שוין פאַרגעסן מיין נאָמען?!"

מער איז ער שוין אַהין נישט געגאַנגען און דער פעטער איז שוין אויך נישט געקומען צו זיי. די טרערן וועלכע ער האָט דאַן פאַרגאָסן אויפן וועג אַהיים, פרירן נאָך איצט אין זיינע האַלב פאַרמאַכטע אויגן.

פאַר וואָס דער פעטער האָט זיך שפּעטער אין גאַנצן דערווייטערט פון הוניען איז אים אויך קיינמאָל נישט קלאָר געוואָרן. „אַ משפחה מחלוקת",

האָט אים די מאַמע מיט יאָרן שפּעטער אָנגעהויבן דערקלערן, „הוניע האָט געמיינט אַז מיטן ראַטעווען דעם ברודער, וועט ער פּאַרווישן דאָס וואָס ער האט אָפּגעטאָן אין דער יוגנט צום טאַטן זיינעם, אויך אַזאַ צדיק געווען ווי ער . . . דער פּעטער איז אָבער געקנאָטן פון זעלבן טייג ווי הוניע און קען אים נישט מוחל זיין. באַצאָלן זייביידע דערפאַר. אויך אונדזער מזל איז צוליב דעם פאַרפינצטערט.״ — האָט זי מער נישט געוואָלט רעדן וועגן דעם.

„ס׳איז גלייכער, זאָלסט נישט וויסן וועגן דעם. דו ביסט סיי ווי נישט גערעכטן אין זיי און דאַרפסט זיך וואָס ווינציקער אָנקערן מיט זיי. איך האָב שוין גענוג געליטן פון זיי.״ — האָט זי בשום אופן נישט געוואָלט ענטפערן אויף זיין פרעגן: „וואָס האָט ער אַזוינס אָפּגעטאָן און פאַרוואָס האָט ער אויסגעלאָזט זיין צאָרן אויף זיי?!״

— „אוי, הוניע, הוניעו!״, רייסט זיך צו אים ווידעראַמאָל דעם פּעטערס שליוכץ, וואָט מישט זיך אויס אין דער אַרומיקער געדיכטער שטילקייט פון זאַל מיט אַ פאַרשטיקט כליפּען פון דער קראַנקער מאַמען פון אַ ווייטן ערגעץ אין אַ שפּעטן ווינטער אָוונט, ווען דאָס הויז איז שוין טעג נישט באַהייצט געוואָרן ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער ליגט איינגעקאָרטשעט אונטער דעם צעדריוולטן איבערבעט פון וועלכן שטיקער וואַטע קריכן אים אין מויל אַריין און ציטערט פון קעלט און הונגער.

„האָסט מיך פאַרבלענדט דאָרט מיטן יחוס דיינעם און געשליפענעם פּיסקל און פאַרנאַרט״, — ביטערט הוניעס הייזעריקלעך קול, — יחוס און — ערשט דאָ האָב איך אָנגעהויבן פאַרשטיין וואָס דו האָסט מיר אָפּגעטאָן. וואָס האָט דען אַ נאַיוו ייִנגל געקענט דאַמאָלסט וויסן. כ׳האָב געמיינט אַז איך דין דערמיט דעם פּראָגרעס. ס׳איז אַלץ דיין שולד געווען. דאַרפסט באַצאָלן דערפאַר. . .״ — שפּירט ער איצט דעם באַשייד פון יענעם כריפּנעם ביטערן, וואָס ער האָט דאַמאָלסט אינגאַנצן נישט באַנומען. איצט לייגט זיך עס אַלץ אויס אין זיין צערודערט געמיט ווי עס וואָלט עס ווער אויפגעדעקט פאַר אים פון דער פאַרהוילעניש אַרויס.

„אָבער וואָס איז דאָס קינד נעבעך שולדיק?״ — שניידט דער מאַמעס שלאַבעריק קול דעם טונקל אַרום זיין בעטל און שטאַרט איצט אינעם פאַרגליווערטן ווייטיק.

„פֿאַר דעם וועל איך באַצאָלן...״ — צאַפּלט אין אים די קינדערישע שרעק פֿון דעמאָלסט און לייגט זיך איצט אויס אין ווערטער מיט דער מאַמעס שוואַך קול:

„האָסט זייער אַ סך צו צאָלן, גזלן דו, פֿאַרן אַמאָל פֿון דאָרט און פֿאַרן איצט — צו אונדז . . . מיינסט אַז מ׳ווייסט נישט. אַלע ווייסן און מ׳וועט ערשט וויסן. עס וועט דיר נישט געשענקט ווערן״ — ווערט דאָס קול שלאַבעריקער און פֿאַרהוילענער, בלויז אַ הייזעריק ביטערן גליוועוועט אין אים: „פֿאַר דעם וועל איך באַצאָלן, באַצאָלן —״

ער כאַפּט אַ פֿאַרווירטן בליק אויפֿן שוואַרצן אָרון און אויף די ליידיקע בענק ביז טיף אין זאַל אַריין און קען זיך עפּעס נישט קלאָר מאַכן וואו ער געפֿינט זיך. אויך דאָס וואָס ער האָט נאָר וואָס געזען און געהערט, דאַכט זיך, אַזוי קלאָר פֿון דער פֿאַרהוילעניש אַרויס איז עפּעס אין אַ גליוועער פֿון אַ הינערפלעט, וואָס ער קען נישט באַנעמען.

ער הייבט אויך נישט אָן צו פֿאַרשטיין נאָך וואָס ער איז עפּעס פּלוצים מיט אַ וואָך צוריק אַריינגעפֿלויגן אַהער אַזש פֿון דרום אַפֿריקע וואו ער וואוינט איצט, און געמיינט אַז ער האָט שוין אינגאַנצן פֿאַרגעסן אין דעם אַלעמען. פֿון דער העלער הויט גאָר, אינמיטן פֿאַרנומען זיין מיט אַ נייעם פּראָיעקט וואָס האָט אים אינגאַנצן פֿאַרשלונגען, האָט אים אַ מאָדנער אומרו אַ פּאַק געטאָן און אַריבערגעטראָגן צוריק צו די פֿאַרטונקלטע יאָרן פֿון אַמאָל. נאָך אַזוי פֿיל יאָרן פֿון דערווייטערונג, האָט ער זיך ווידער דערזען שטיין מיט הוניען אין אַ האַרבסטיקן פֿרימאָרגן ביים אויסבייג פֿון אַ פֿאַררעגנט הינטערגעסל ציטערנדיק פֿון אַ נאָדלדיקער קעלט צוליבן דריבנעם פֿריר־רעגנדל. דאַכט זיך ס׳איז געווען די לעצטע באַגעגעניש פֿאַר זיין אַוועקפֿאָרן פֿון דאָרט. אַן איינגעשרומפּענער, אַ באַטריבטער, האָט הוניע אים עפּעס געגעבן צו פֿאַרשטיין, וואָס ער האָט קוים געקענט באַנעמען: „כ׳וויל זאָלסט עס וויסן — האָט ער עפּעס ווי געשלונגען די ווערטער אין געאייל, — ווער ווייס צי מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל זען, משהלע, אפֿשר איז טאַקע בעסער אַזוי, אַז זאָלסט דאָרט אַלץ פֿאַרגעסן, — האָט ער אויסגעשטרעקט די הענט ווי אַרומצונעמען אים און שנעל צוריקגעצויגן, — דאַרפֿסט אָבער וויסן אַז אַ מענטש וויל דאָך לויט דער נאַטור איבערשפּילן די ראָלע פֿון אַ טאַטן, אַ ציידן;

איך האָב עס נישט געוואָלט און דערנאָך שוין נישט געקאָנט...״

אָן אויגנבליק בלויז האָט דאָס בילד צוזאַמען מיטן כריפּנעם קול זיך באַוויזן און גלייך פאַרשוואונדן אינעם פאַרהוילענעם ערגעץ, אָבער איבערגעלאָזט אין אים אַ מאָדנעם אומרו און נאָגנדיקע בענקשאַפט. ער האָט זיך מער נישט געקענט אָפּגעבן מיט זיין אַרבעט ווי פריער. סיי אויף דער וואָך און סיי אין דרימל האָט אים עפּעס אַ מאָנונג געמאַטערט: „מ׳דאַרף זיך דורכפאָרן. אפשר וועט ער זיך עפּעס דערוויסן״. צוליב וואָס ער דאַרף עס זיך פּלוצים דערוויסן, האָט ער זיך נישט געקענט קלאָר מאַכן. ער האָט בלויז געשפּירט מיט אַלע חושים, אַז ער קען מער נישט אָפּלייגן. ער מוז פאָרן נאָך אַמאָל אים זען מיט די אייגענע אויגן.

זיצנדיק שוין אין עראָפּלאַן, איז אים נאָך דער גאַנצער עניין געוועזן שווער צו באַנעמען און אפילו אין גאַנצן אָפּגעפרעגט: „נאָך וואָס אייגנטלעך פאָרט ער און צו וועמען? אויף דער מאַמעס שטיין, האָט ער דאָך באַזאָרגט מ׳זאָל אַכטונג געבן נאָך מיט אַ פאָר יאָר צוריק, און נאָכדעם אינגאַנצן אַרויסגעשטופּט הוניען פון זיכרון. ס׳איז אים דאָך שוין אפילו שווער צו דערמאָנען זיך זיין אמתן אויסזען. ס׳איז אים דאָך אָפּט אַ ספק שוין צי ער האָט ווען עס איז געקענט אַזאַ איינעם. און אויב עס דערמאָנט אים אַמאָל ווער אין יענעמס אויסזען, איז עס ווי אַ שאָטן פון אַ פאַרגעסענעם חלום וואָס פאַרשווינדט גלייך אין פאַרגעסנקייט אַריין נישט איבערלאָזנדיק קיין שום שפּור פון עפּעס אַ נאָענטע באַציאונג. זיכער נישט קיין געפיל ווי צו אַ טאַטן. דעם טעם פון אַ טאַטע־געפיל האָט ער דאָך קיינמאָל נישט געשפּירט און דאָס וואָרט „טאַטע״, האָט ער בלויז געהערט פון אַנדערע קינדער, אָבער אַליין איז עס קיינמאָל נישט אַרויסגעקומען פון זיין מויל. אַלץ וואָס ס׳איז ביי אים געבליבן שטעקן אין זיכרון וועגן אים, איז עפּעס אַן אָפּקלאַנג פון אַ נאָמען „הוניע״ וועלכער באַווייזט זיך און פאַרשווינדט פון הויז איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ פּיינלעכן ווייטיק. אַמאָל ציט זיך דער שאָטן־נאָמען אויס הויך און ביינערדיק מיט אַ געבראָכענעם שמייכל אויפן פאַרשפּיצטן פּנים; די לאַנגע הענט שטרעקן זיך צו אים מיט בענקשאַפט און קלאַמערן אים איין אויף אַ ווייַלע און לאָזן אים באַלד אָפּ מיט אַ צאַפּל אַ פאַרוויינטן אויפן בעטל.

— „ער וועט פאַר אַלץ באַצאָלן״ ..., — ציטערן דער מאַמעס ליפּן

ביים אויסווישן אים די אויגן. — „פאַרגעס אים, מיין קינד, ווי קיינמאָל נישט געווען.״

ערשט ווען ער האט אָנגעהויבן גיין אין שולע, האָט ער אים ווידער אָנגעהויבן זען אַמאָל שטיין אין הויף און וואַרטן אויף אים מיט אַביסל נאַשוואַרג נאָכפרעגנדיק זיך דערביי וואָס ער מאַכט און ווי עס גייט אים אין לערנען. לויט דעם ווי הוניע האָט זיך היימיש געהאַלטן מיט די לערער, האָט ער פאַרשטאַנען אַז זיי באַטראַכטן אים ווי אַן אייגענעם און באַציען זיך צו אים זייער פריינטלעך, וואָס איז אים אויסגעקומען זייער מאָדנע און שווער צו באַנעמען.

— „פאַר וואָס שמייכלט ער צו אַלעמען און נישט צו אונדז?״, — איז אים אַלעמאָל געלעגן אויף דער צונג אַ שאַרפע ביטערקייט, וואָס ער האָט נאָר געקענט אויסשפייען ווען ער האָט זיך אַוועקגערוקט פון אים, אָבער נישט געקענט אַרויסברענגען פון מויל מיט ווערטער. פונקט אַזוי האָט ער געשטיקט אין זיך די טענה צו די לערער פאַרוואָס זיי רעדן צו אים אַזוי פריינטלעך און ענטפערן אים אויף זיין נאָכפרעגן ווי אזוי ער לערנט זיך און פירט זיך אויף. „ווייסן זיי טאַקע גאָרנישט?״

דאָס ערשטע געפיל ביים דערזען אים דערנעענטערן זיך, איז אַלעמאָל געווען צו אַנטלויפן צוריק אין קלאַס־צימער אריין, נאָר עפּעס איז געווען אין הוניעס בליק וואָס האָט אים צוגעשמידט צום אָרט. מאָדנע איז אָבער, אַז נאָכדעם ווי זיי זיינען געשטאַנען נאָענט אַ פּאָר מינוט, איז אים אָפּט שוין געווען אַ שאָד וואָס דאָס גלעקל רופט שוין צוריק צום לערנען און ער האָט נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוקומען מיט דעם וואָס איז שוין, דאַכט זיך, געווען גרייט אָט אָט אַרויסצורייסן זיך פון אים. דער קלונג האָט עס צוריק פאַרשטופּט טיף אין האַלדז וואו ס׳האָט אים געשטיקט מיט אַ ביטער זויערן טעם פון וועלכן ער האָט נאָר געקענט באַפרייען זיך דורך שפּייען, און צוליב דעם האָט מען אים גלייך אַרויסגענומען פון שורה מיט אַ האַרבן אויסרייד פונעם לערער: „פע, ווען דיין טאַטע זאָל עס זען. . .״ איז דער לערער געווען אויסער זיך און די קינדער האָבן געחוזקט „ער ברענגט אים אַזעלכע צוקערלעך וואָס ברענען אויף דער צונג. . .״

אפילו איצט, ווען אלע יענע איבערלעבונגען בליצן פאַרביי מיט אַ קאַליידאָסקאָפּישער שנעלקייט ווי שפּליטערן פון עפּעס אַ פאַרהווילנקייט וועלכע האַלט זיך אין איין אויפדעקן און גלייך פאַרווישט ווערן, שפּירט ער אַלץ אויף דער צונג דאָס וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט אַרויסברענגען. עס נאָגט אָבער אויך אין אים איצט נאָך עפּעס: „וואָס האָסטו אַזעלעכס געטאָן, הוניע? מיט וואָס האָט מען דיך אָפּגענאַרט, און ווער?״

ווי אין אַ הינערפלעט, טוט ער זיך אַ שטעל אויף און דער פאַרווירטער בליק בלאָנדזשעט אַרום אַ ווײַלע צווישן די בלינצלדיקע ליכט איבערן שוואַרצן אָרון וואו עס שאָטנט דער גליווער פון דער מאַמעס פאַרלעגערט קול, וואָס איז אים געבליבן שטעקן אין געמיט ווען ער האט זי באַזוכט צום לעצטן מאָל אין „שפּיטאָל פון האָפענונג...״

„ס׳איז מיר גוט, משהלע, גוט וואָס דו האָסט זיך געראַטעוועט, — האָט זי געגליאַמדזשעט די ווערטער מיטן האַלב באַנומענעם מויל, קוים וואָס ער האט געקענט אויפכאַפּן זייער זינען, — גוטע מענטשן האָבן דיך געהיטן ווען אונדזערע האָבן דיך פאַרלאָזט. משפּט אונדז נישט, קינד,... ״— האָט זי געפּרואווט אויסשטרעקן די הענט צו אים מיט גרויס אַנגסט און פּלוצים ווי צוריקגעשטויסן געוואָרן און געבליבן ליגן מיט אַ שטוינענדיקן גלעזערן גלאָצן אין אַ פאַרהוילענעם ערגעץ אַריין. אין איין אויגנבליק האָט זיך דאָס פאַרקרימטע מויל ווי אויסגעגלייכט און אַן אומהיימלעך געלבלעכע בלאַסקייט האָט גענומען גליווערן אויף די איינגעפאַלענע באַקן און פאַרשפּיציקטער גאָמבע. אויפצאַפּלענדיק פון שרעק און אייגענעם געשריי: „מאַמעו!״, האָט ער אָבער פאָרט געשפּירט מיט אַלע חושים, אַז מיטן לעצטן געפלאַצטן בלעזל פון די פאַרשוימטע מויל-ווינקלען, האָט דער ווייטער ערגעץ אַ וויבריר געטאָן ווי אַ באַפרייענדיקער אַקאָרד וועלכן ער זעט איצט צאַפּלען אין דעם ליכט-בלינצלען איבערן אָרון. דער אויסטערלישער קלאַנג־געצאַפּל, נעמט אים איצט אַזוי אַדורך, אַז ער הערט קלאָר: „זעסטאָך, שוין אָפּגעקומען...״ און שפּירט דערביי, אַז ער פילט מער נישט דעם פריערדיקן גליווער. אַלע גלידער טוליען זיך איינס צום אַנדערן און אַלע חושים זיינע זיינען אָפן און וואַך. עס שווינדלען פאַרביי געשעענישן, ערטער און מענטשן אין לויף פון איין סעקונדע. ער איז אומעטום אין איין און דערזעלבער צייט.

ער הערט אויך גלייכצייטיק אי דעם פעטערס שליוכצן, אי דער מאַמעס מורמלען מיט שוימענדיקע בלעזלעך וואָס האלטן אין איין פּלאַצן מיט נישט פאַרשטענדלעכע קלאַנגען, און אי הוניעס כריפּנעם מאָלן אין דער גיך, נישט אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם אפילו.

ער זעט אים ליגן אַן איינגעשרומפּענעם אויפן אייזערנעם בעטל אינעם כמעט ליידיקן צימערל וואו ער האָט אים געטראָפן ווען ער איז אַריינגעפלויגן אַהער מיט עטלעכע טעג צוריק. ווי נאָר הוניע האָט אים דערזען אויף דער שוועל מיט די בייטלען עסנוואַרג וואס ער האָט איינגעקויפט לויט דער עצה פונעם פעטער, האָט ער איראָניש אים אויסגערעדט פאַרן ברענגען אים אַזעלכע גוטע זאַכן: „ווער מיינסטו בין איך, דער זיידע יצחק, ווען מ׳האָט געדאַרפט ברענגען אַ פעטע סעודה?...״ — האָט ער זיך אפילו געבֶריהט (באַמיט) צו שמייכלען, — „ס׳איז אָבער גוט וואָס ביסט נאָך געקומען אין צייט ... משהל.״ — האָט ער עפּעס גלייך דערפילט אַז די הייזעריקלעכע שטימע גלעט אים און צערודערט אים גלייכצייטיק אַזוי אַז אַלע זיינע צוגעגרייטע רייד און טענות בלייבן אים שטעקן אין האַלדז, — כ׳האָב שוין טאַקע געהאַלטן ביים בעטן דיך צו קומען ... נישט ווייל כ׳דאַרף עפּעס פון דיר. שוין צו שפּעט פאַר דעם איצט. כ׳וויל נאָר זאָלסט וויסן, אַז כ׳האָב זיך געגאַרט צו מיינען אַז מ׳מעג און מ׳קען פאַרגיטיקן איין עוולה מיט נאָך א גרעסערער ... כ׳קען אויך נישט בעטן קיין מחילה, פונקט ווי כ׳קען נישט דערוואַרטן אַז עמעץ זאָל עס בעטן ביי מיר. ס׳איז מיר איצט קלאָר, אַז פון אַלע באַשעפענישן אויף דער ערד, איז דער מענטש דער איינציקער וואָס ברענגט אום זיין אייגענעם מין נישט ווייל ר׳איז הונגעריק. ער רעדט זיך נאָר איין, אַז ער טוט עס צוליב אַן אידייע, אַ הייליקן גלויבן צוליב וועלכן די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן. דאָס גרעסטע בייז טוט מען דעריבער אפּ צו די נאָענטסטע אַרום זיך, און דערנאָך עסט מען זיך אַליין אויף אַ לעבעדיקער. מ׳ווערט זיך אַליין נמאס ... — האָט ער פון איילעניש גענומען שלינגען די ווערטער און געוויזן מיט דער האַנט ער זאָל אים נישט איבערשלאָגן, — כ׳בין באַגאַנגען אַ שווערע זינד קעגן אייך מיט דעם וואָס כ״האב נישט באַנומען ביז ס׳איז שוין געוואָרן צו שפּעט, אַז אַ מענטש דאַרף דער עיקר מ׳זאָל אים לאָזן רואיק באַגעגענען אַ זוניקן טאָג, אויפנעמען אַ פרייען שמייכל מיט אַ גוט וואָרט פאַר אַ רעכט־געטאָענער אַרבעט און הנאה האָבן פון אויפבלרענגען קינדער און קינדס קינדער, — האָט ער זיך פאַרכליניעט

מיט די רייד און אָנגעהויבן שטאַמלען קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן, — איצט ווייס איך, אַז דער וואָס באַרויבט זיינע אייגענע פון דעם, איז נישט ווערט —, האָט ער זיך האַסטיק אַ הויב געטאָן און צוריקגעפאַלן אַן אויסגעשעפּטער.

— „זעסטאָך, משהל, מיר האָבן זיך אַליין באַשטראָפט...״

— „אוי, טאַטעו!״ האָט דאָס לאַנג פאַרשטויסענע וואָרט אויפגעצאַפּלט אינעם סאַמע פראָסטיקן גליוועֶר זיינעם און אַ פלייץ געטאָן מיט אַ וואַרעם גלעטנדיקן שטראָם טרערן.

— „אפשר אַ קאַפּיטל תהילים?!״ — דערטראָגט זיך צו אים פלוצים ווי פון הינטער אַ פאָרהאַנג דעם פעטערס איינטענהן מיטן שמש.

— מ'דאַרף נישט! ער האָט דערפון נישט געהאַלטן!

— אָבער קריעה רייסן מוז מען דאָך! שטייט שוין דער שמש לעבן אים מיטן קריעה־מעסערל — און ווי האָט מען אים גערופן דעם טאַטן דיינעם?

— נחמן בר' חנא זאב, — איז דער פעטער שוין אויך לעבן שמש מיט דער אויסגעשטרעקטער בינדע אין האַנט און קוקט משהלען אין מויל אַריין אַ פאַרגאַפטער פון דעם ווי ער באַגלייט דאס קריעה רייסן מיט אַ געמורמל וואס לייגט זיך אויס אין ווערטער נאָכדעם ווי ער ציט אויס יעדן זילבע ווי ער וואָלט געוואָלט דערשפירן דעם טעם אירן.

— מע האָט אים גע רו פן הו ניע! הוניע, האט מען אים גערופן, דעם טאַטן מיינעם!

# צווישן „דער" און „יענער זייט"

(פון די פאַרצייכענונגען
„צווישן האַלבער וואָר און דאַכטעניש)

דאַכט זיך, אַז ערשט מיט עטלעכע שעה צוריק האָט ער צו זיין גרויס פאַרוואונדערונג פּלוצים דערשפּירט, אַז דאָס געמיט זיינס איז פריי געוואָרן פון דער שווערער שטימונג וואָס האָט אים געפּרעסט חדשים־לאַנג, זינט זיין ערשטן פאַרשלאָפט ווערן, וואָס האָט אים מיט אַמאָל אַרויסגעריסן פון אַלץ און אַלעמען צו וועלכן ער איז געווען צוגעבונדן אין משך פון כמעט אַ יובל יאָרן. א גליווערנדיקע שפּירונג אַזאַ, איז געווען מיט אים אי אויף דער וואַך, אי אין צעשויבערטן שלאָף, אַז נישט נאָר געפינט ער זיך אין אַ ליידיקן דרויסן פון זיין געוועזענעם לעבן, נאָר טאַקע אין עפּעס אַ מין „יענע זייטיקייט" פון וועלכער ער זעט אַלץ ווי דורך אַ פאַרהוילענעם פאָרהאַנג. זיין אַמאָליקע אַריינגעטאָענקייט און אמונה אין דעם ווערט פון די אַרבעטן וואָס ער האָט געטאָן און געמוטיקט אַנדערע צו טאָן, איז ווי אָפּגעבליטע בליעכץ צעשטויבט געוואָרן אינעם ליידיקן חלל אַרום אים און פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ הינטער אַ פאַרבאָרגענער מחיצה, וואָס קיינער זעט זי טאַקע נישט, אָבער ער שפּירט זי אין זיך שאַרף און בולט מיט אַלע נאָך וואַכע חושים. פון דאָרט אויס, פון דער „יענע זייטיקייט", זעט אַלץ אויס קליין און נישטיק. נישט כדאַי זיך דערמיט צו פאַרנעמען. אַ רחמנות אויף די אייגענע און נאָענטע וואָס זיינען נאָך אַריינגעטאָן אין דעם. זיי ווייסן נאָך נישט, אַז סוף כל סוף דערפּירט עס דאָך יעדן איינעם צו אָט דער פאַרהוילענער מחיצה, וועלכע האַקט פּלוצים איבער אַלע חלומות און וועלענישן: „ביז אַהער, און מער וועסטו שוין נישט באַווייזן." ער האָט דעריבער אפילו זיצנדיק נאָענט מיט די אייגענע זיך געפילט שוין אָפּגעשיידט פון זיי און זיך געוואונדערט וואָס זיי זעען נישט, אַז ער געפינט זיך גאָר פון „יענער זייט". זיי פאַרלאַנגען נאָך אפילו פון אים צו העלפן זיי אין זייערע פּלענער אָדער לכל הפחות זיך אַרויסזאָגן וועגן זיי. פאַרשטייען זיי דען נישט, אַז ער קען עס נישט טאָן פון יענער זייט מחיצה? ס'איז אים דערפאַר פיינלעך געוואָרן צו קומען צווישן מענטשן און אויפנעמען אַ שמייכלדיק מענטשלעך פּנים.

און דאָ, בלויז מיט עטלעכע שעה פריער, עפענענדיק די אויגן נאָך אַ צעשויבערטן חלום וואָס האָט אים געהאַלטן געשפּאַנט אַ גאַנצע נאַכט, האָט די זון מיט אַ בלויען הימל עפּעס גאָר ליכטיק געשמייכלט צו אים אַריבער די שפּיצןביימער וואָס טרייסלען שוין אָפּ דאָס ערשטע בליעכץ און זאָגן אָן די אַרומיקע גראָזן די בשורה פון ניי געבוירן. דאָס האַרץ האָט אים אַזש גענומען צאַפּלען פון ציטערדיקער פרייד, און די גליווערנדיקע שפּירונג פון ביז אַהער איז ווי דורך אַ צויבער־שטעקעלע פאַרשוואונדן און ער געפינט זיך שוין צוריק אויף „דער זייט", און אַלע אברים זיינען פריי און פול מיט דערוואַרטונג, גרייט אויפצונעמען אַלץ וואָס וועט נאָך אָנטקעגנקומען. אַלץ איז צוריק וויכטיק געוואָרן ווי פריער, ווי אַמאָל. אַ בענקשאַפט ממש צו יעדער קלייניקייט פּילט אים אָן און עס הייבט אים אַזש פון אָרט אַ נעם צו טאָן זיך און אויסרופן צו אַלץ און אַלעמען אַרום: „כ'בין שוין ווידער מיט אייך און לאָמיר —

אָבער פּאַר וואָס זשע זעט ער עפּעס נישט קיין איין פּנים פון אַן אייגענעם? נאָר שפּירט גאָר פּלוצים אַ שאַרפן וויטיק אין ברוסט־קאַסטן צוזאַמען מיט אַ דריקנדיקן גליווער וואָס פאַרפּאַפּט ווידער דאָס מויל און אויערן. קוים וואָס ער הערט און דערבליקט אַ פאַרשאָטנטע שיין וואָס בלינצלט אַרויס פון עפּעס אַ טעמפּן ווינקל דאָ נישט ווייט און צאַפּלט כסדר אויף פון אַן אומהיימלעכן הילפלאָזן געוואַלד־געשריי, וואָס טראָגט זיך פון ערגעץ אַ גליווערנדיקער וויטיקייט און גייט אויס פאַרעלנדט אין אַרומיקן חושך. דער ביינאַכטיקער קאָשמאַר שווינדלט ווידער פאַר די אויגן. ער קען זיך בשום אופן נישט דערמאָנען ווי אַזוי אַלץ האָט זיך עס אַזוי פּלוצים געביטן, אַז ער זאָל ליגן דאָ אַ צוגעבונדענער מיט דינע פעדעמדיקע דראָטלעך צו עפּעס מאָדנע קעסטלעך וואָס פינקלען אים איבערן צוקאָפּנס מיט פאַרהוילענע צייכנס אַרויף און אַראָפּ און אָט גאר אין דער ברייט פון אַ שמאָל שייבל. פּרוואוט ער זיך אַ ריר טאָן, נעמט עס דרינדזשען אַרום אים מיט אַ פּלוצימדיקן געצאַפּל, וואָס נאָר דאָס ווייכע קול פון דער צושוועבנדיקער קראַנקן־שוועסטער און איר פלינק אַרומגלעטן די ציטערנדיקע דרעטלעך שטילט עס איין.

„בלויז ליגן רואיק, איז נויטיק" — נעמט אים איין איר שטילער שעפּטש —

— „איר זעט, ווען איר ליגט רואיק, צאַפּלען זיי נישט ...״ — פאַרשווינדט זי אין דער שטומער שטילקייט פון לאַנגען צימער וואו עס פינקלען אומהיימלעך ביי ביידע זייטן ווענט נאָך עטלעכע מיסטעריעזע קעסטלעך. עס זעט אים אויס ווי אַ טייל פון דעם קאָשמאַר־חלום וואס עפנט זיך ווידער אַמאָל פאַר אים ווי ערשט דאָ נישט לאַנג צוריק, נאָר איצט איז עס געמישט מיטן עכאָ פון אַ וויי־געשריי פון גאָר אַ ווייטן קאָרידאר ערגעץ. עמעץ קען מער די יסורים נישט דערהאַלטן אין זיך, שרייט ער ווי פון אַ תהום אַרויס: „אוי וויי געשריגן!״ — שניידט זיך דער עכאָ אַריין אינעם אייגענעם הילפלאָזן גליוער וואָס שרייט, דאַכט זיך, אויך מיט אַלע כוחות כדי דערהערט צו ווערן, נאר קיין קול קומט נישט אַרויס. טיר און טויער צוגעשלאָסן און די ווענט אַרום דיק און טויב נישט דורכצורייסן זיך. אַמאָל האָט ער געהאַט אַ קול, נאר איצט איז עס ערגעץ ווייט פאַררוקט אין אַן אַנדערער וועלט אָן אַ קלאַנג און אָן אַ פאָרם.

אָ איצט דערמאָנט ער זיך. עס איז אים געווען זייער גוט אויף דער נשמה אין דער פרי. געמיינט שוין, אַז — יאָ, וואָס האָט ער געמיינט? געמיינט שוין, אַז ער וועט ווידער — נאָר פלוצים האָט אַ נעפל זיך גענומען ציען פאַר די אויגן. אין קאָפּ אַ ליידיקייט און אַ שווייסיקע ענגשאפט אין גאַנצן קערפּער. דאַכט זיך, אַז ער האָט אַמאָל שוין געשפּירט אַזוי, גייענדיק אַהיים נאָכן דורכפירן עפעס גאָר אַ נויטיקע געזעלשאַפטלעכע שליחות מיט וועלכער ר׳איז געווען זייער צופרידן. די פרייד פון די, פאַר וועמען ער האָט עס דורכגעפירט האָט ממש געזונגען אין אים. דאָס אייביקע לעבן האָבן זיי אים געוואונטשן. ר׳האָט אפילו נישט געפילט, אַז דער גאַנג זיינער ווערט עפעס גאָר שלאַבעריקער און אין דעם ניגונדל וואָס ער ברומט זיך געוויינטלעך צו, האַלט זיך דער ריטם אין איין פאַרפּלאָנטערן. און אָט וואַקלט ער זיך שוין, און ווען נישט וואָס ער האָט זיך אינסטינקטיוו אָנגעכאַפּט אָן אַ נאָענט ביימל, וואָלט ער זיכער געווען אומגעפאַלן. בלויז אַ פּאָר סעקונדן האָט עס געדויערט און פאַרשוואונדן. „האָט דען דאָס מאָל אויך אַזוי פּאַסירט? וויל ער זיך דערמאָנען ווי אַזוי ער קומט עס גאָר אין דאָקטאָרס אָפיס וואָס רעדט עפּעס מיט גרויס צופרידנקייט וועגן די מיטלען וואָס זיינען איצט דאָ. דורך אַ קליינער אָפּעראַציע אויף אַריינצושטעלן דאָס „וואונדער מיטל״ אונטער דער הויט, אַרבעט דאָס האַרץ צוריק נאָרמאַל. דעם דאָקטאָרס רייד זעט ער ממש ווי זיי קייקלען זיך פאַר די אויגן ווי קאָלירטע רייפלעך און

ציען אים מיט מיט זיך און ער קען זיך אַלץ נישט אַ ריר טאָן. דאָס „באַהעלפערל" אונטער דער הויט — שמייכלט צו אים דעם דאָקטאָרס באַרואיקנדיק קול — וועט אייך צוריקשטעלן אויף די פיס."

מאָדנע אָבער, ווי כמעט הינטער זיינע פלייצעס שווינדלט אַרויס פון יענער זייט פאַרשלאָסענער טיר אַ גרעלע שיין אַזאַ וואָס מאַניעט מ'זאָל איר נאָכגיין און אויסגעפינען וואָס אויף יענער זייט טוט זיך. די גרעלע שיין עפנט אים פאַמעלעך די אויגן און די אַנטקעגנאיבערדיקע טיר און ער נעמט גיין נאָך איר. טאַקע טראָט ביי טראָט, אָבער אַלץ ווייטער און טיפער אין דער אַנדערער זייט וואָס זעט אויס אַזוי פאַנטאַסטיש ליכטיק, אַז אַלץ איז בלענדנדיק, דורכזיכטיק — בלוי — בלישטשנדיקער קרישטאָל. היימישע פנימער וועמעס נעמען לופטיקן ערגעץ אין זיכרון, שמייכלען אים אַנטקעגן פון אַלע זייטן, נאָר ער קען עפּעס קיינעם נישט אָנרופןביים נאָמען און עס זעט אים אויס, אַז אויך זיי פאַרשאָטענען זיך און פאַרשווינדן ווי נאָר זיי עפענען דאָס מויל צו רופן אים ביים נאָמען. בלויז אַן אויגנבליק דויערט עס און ער צאַפּלט גאָר אויף פאַר וואָס אַלע היימישע פנימער צעקרימען זיך מיט אַמאָל און באַלאַגערן מיט נייגער דעם העל באַלויכטענעם סקווער אַרומגערינגלט פון הויכע בלינדע מויערן וואָס גלאָצן פארשטומטע ווי ער אויף צוויי ריזיק פאַרפּאַנצערטע גולמעס וואָס שטייען מיט גלאַנציקע העק איינער קעגן אַנדערן און שאַטקעווען זיך די לייבער. ס'איז גרויליק מאָדנע, ווי נאָכן אָפּשיילן שטיקער לייב איינער פון אַנדערן, אַז בלויז די ביינער זעט מען שוין אַרויס, בלאַנקען נאָך אַלץ די העק ווייס אינעם בליציקן זון־שיין איבער די צעקרימטע פנימער. קיין סימן פון בלוט זעט מען נישט...

— איז עס אַ פאַרבלענדעניש? — טוט ער זיך אַ ווענד צו אַ הויך פלייציק געשטאַלט וואָס שאָטנט איבער אים און קוקט אויף אים מיט שטוינונג:

— כ'האָב דאס ערגעצוואו שוין געזען אַמאָל ... וואו בין איך?

— דאָס איז נאָך פון דאָרט פון וואַנען איר קומט ... איר האט שוין פאַרגעסן? ... און וואס טוט איר דאָ? איר געהערט דאָך נאָך נישט אַהער! — ווערט ער פארציטערט פונעם קול וואָס טראָגט זיך צו אים ווי פון אַ

פאַרהוילן פאַס אַרויס. מיט אַמאָל דערשפּירט ער, אַז ס׳איז שוין קיינער ניטאָ דאָ אַרום. די בלינדע מויערן צעגלאַנצן זיך אויף אַן אויגנבליק מיט אַ פּאָספּאָרישן שיין וואָס אַנטפּלעקט אַ שמאָל ליקל ביי וועלכן עס שטייט אַ שאָטן מיט אַ צעשפּאָלטן פּנים וואָס אי עס טרויערט אי עס חוזקט שמייכלענדיק: „געפּאַקט דאָס מקום וואו צו קומען...״ דאָס שיקלדיקע געלעכטערל ציט זיך אויס איבערן גאַנצן ליקל ביז אַ בלינדער טיר וואָס טוט זיך פּלוצים אַן עפן.

— „דאָרט ווייסן זיי מן הסתם וואו אַרום מ׳גייט אַרויס פון דאַנען. זאָלסט נאָר נישט פאַרשפּעטיקן״ ... — פּאַלט ער מיט ציטערנדיקע טריט אַריין אין אַ שטיינערנעם געביי און פילט אַז ער גייט גאָרנישט אויף אַ דיל נאָר אויף אַ שטיינערנעם פּלאַכן טיש אויף וועלכן עס ליגן אויסגעשפּרייט טייג — בלעטלעך פון אַן אומגעהייערער לענג, וואָס ציען זיך גלייך אין אָנגעהייצטן אויוון אַריין. איסטינקטיוו פּרוּוּט ער צו גיין זייטיק כדי אויסצומיידן אַרויפצוטרעטן אויף זיי און פאַרענטפערט זיך גלייכצייטיק מיט עפּעס אומפאַרשטענדלעכע פּראַזן פאַר אַ גרופּע קינדער וועלכע זיצן צונויפגעקאָרטשעטע אין אַ ווינקל און קוקן אויף אים אין איין שרעק. ער פילט אַז זיי פאַרשטייען נישט וואָס ער זאָגט און ער וואונדערט זיך אפילו נישט וואָס אין זייערע צעשראָקענע בליקן שפּירט ער אַ מין באַדויערן זיין הילפלאָזיקייט. „ער איז דאָך איצט אינגאַנצן אַליין אין אַן ערגעץ אָן אַן אַרויסגאַנג״ — דערשיפּרירט זיך פּלוצים זייער שטום ווינקען צו אים.

„דאַכט זיך, אַז ערשט מיט אַ ווײַלע פריער — בליצט עס אויגנבליקלעך אויף אין פאַרגליווערטן זיכרון, — איז ער דאָך געגאַנגען מיט זיין פרוי און קינדער. געגאַנגען צו אַ באַשטימטן פּלאַץ, יאָ צום דאָקטאָר. עס גייט דאָך אים ממש אין לעבן אָנצוקומען אַהין באַצייטנס כדי צו ראַטעווען זיך, און אָט ווייסט ער גאָרנישט וואו זיי זיינען איצט. זיי האָבן דאָך אַזוי אים אָפּגעהיט דעם גאַנצן וועג. פאַר וואָס זשע האָבן זיי אים געלאָזט אַליין?״

— „ער האָט פאַרבלאָנדזשעט, — ציטערט אויף אים דאָס גאַנצע לייב, — פאַרלוירן דעם וועג אַהיים, בלאָנקעט ער אַזוי אַליין,״ — הערט ער זיך מורמלען אין אַ מאָדנעם לשון צו די קינדער וואָס צעכליפּן זיך מיטאַמאָל, ווי זיי וואָלטן ענדלעך פאַרשטאַנען אין וואָס פאַר אַ ביטערער לאַגע ער געפינט

זיך. זייערע באַדויערנדיקע בליקן פאַרקלעמען אים דאָס האַרץ און ער ווענדט אָפּ אויף אַ סעקונדע זיין בליק אָן אַ זייט. ווערט ער גלייך דורכגעלייטערט פון אַ מילדן שמייכל וואָס ליכטיקט אויף אַ ליבלעך באָבעשיס פאַרמעט פנים, וואָס יעדער קאַרב און קנייטש אויף דעם איז פול מיט רחמנות און געלייטערטקייט. ער קען שווערן אַז ער ווייס ווער דאָס איז. ער קען אָבער דעם נאָמען זיך נישט דערמאָנען.

„מעגסט אַרויפטרעטן אויף דעם — ווייזט זי אויף די טייג בלעטלעך וואָס ציען זיך פון זיך אליין אין ברענענדיקן אויוון אַריין און ווערן גלייך פאַרברענט, — דאָ איז שוין אַלץ איינס . . . האָסט נעבעך פאַרבלאָנדזשעט אַהער און מוזט אַרויס פון דאַנען איידער עס ווערט שפּעט... — שעפּטשעט זי מיט פאַרטריקנטע ליפּן און ווינקט צו אים אויסציענדיק אַ פאַרשאָטנטן אָרעם צום אָפענעם פענצטער אַנטקעגנאיבער, — דורך אָט דער טיר גיי, וועסטו זיין אויף דער זייט וואו די „רייטוועגן" זיינען... קוק נישט אויף צוריק, מיין קינד. .," — שפּאַנט ער נאָך איר בליק אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן. פאַר אים רוישט אַ טומל אין וועלכן עס שטויסן זיך אין אַלע זייטן אַן אָפּגעכויוולטע מאַסע פיגורן וואָס זיינען הוילער שאָטן נאָר די בליקן שפּיזלען פון אַלע זייטן ווי זיי וואָלטן גענישטערט אין דעם חושך צו געפינען אַן אַנטרינונג פון דאַנען. באַלד ווערט גאָר שטילער אַרום און עס טויכן אויף אין דער לופט פאַרגליווערטע חוזק שמייכלען און לצנישע גרימאַסן וועלכע מישן זיך אויס און ווערן איינס אי מיט די מאָדנע וואונדערלעכע קלאַנגען פון עקסטאַטישער שטילע רו און אי מיטן יאושדיקן געיאָמער פון האָפנונגסלאָזן עלנט וואָס שוועבט איבער אַלץ. אין זעלבן אויגנבליק ליכטיקט אַרויס פון סאַמע מיטן פון דער מאַסע דאָס באַוואַקסענע פנים פונעם טאַטן מיטן הויך פאַרצויגענעם בלאַסן שטערן אויף אַרויף וואו די ברייט צעוואַקסענע באָרד דערגרייכט נישט מער, בלויז דער שאַרף פאַרטראַכטער בליק בליצט אַרויס פון הינטער די געדיכטע ברעמען, ליבלעך און מילד ווי אַמאָל אַמאָל ביים פאַרענטפערן אַ שווערע סוגיא אינעם פאַרטאָגיקן לערנען אין „שטיבל".

דאַכט זיך, אַז אויך דאָס ניגונדל וואָס האָט באַגלייט דעם שאַרפן פאַרענטפער, ציט זיך צו אים. „וואָס טוסטו דאָ?" — צאַפּלט ער אים אַנטקעגן, ציט זיך אָבער דאָס געשטאַלט צוריק און לאָזט איבער בלויז אַן אָפּקלאַנג פון אַ קול באַלאָדן מיט ווייטיקלעכן באַדויער: „אָ, ווי דיינע לייט

האָבן דיך פאַרפירט . . . פאַרליר אָבער נאָר נישט די אמונה . . .״ — קלעמט אים דאָס קול פון אַ מוראדיקער ווייטקייט. ער קען קוים דעם אָטעם כאַפּן. „דער טאַטע איז דאָך שוין יאָרן נישט אויף דעם עולם . . . און וואו איז די מאַמע?, —כליפּעט ער קוים אַרויס, — וואָס וועל איך דאָ טאָן אַליין?״

— „יענע אָ דאָרטן, וועלן דיר ווייזן ווי אַזוי אַרויסצוגיין פון דאַנען, זיי ווייסן . . .״

— „אייל זיך אונטער, שטיי נישט״ — איילן אים אונטער צווי פאַרשאָטנטע געשטאַלטן, וואָס נעמען אים אָן ביי די הענט און פירן אים איבער אָנצאָליקע הויך געוועלבטע סאַליעס וואו עס זיצן, ליגן און באַוועגן זיך שאָטנס געהילט אין מלבושים איבער דער מאָס. ער הערט, דאַכט זיך, ווי די הוילע ביינער שאָרשען אין זיי. גאָר אַ סך פון זיי קען ער. זיי ציען אין אַ פאַרקערטער ריכטונג און פאַרשווינדן איידער ער קען עפענען דאָס מויל.

— „פאַר דיר איז דער אַרויסגאַנג פון יענער זייט״, — שפּירט ער מער ווי ער פאַרשטייט דאָס לשון פון זייער מורמלען אין געאייל, איילט ער נאָך זיי און שפּאַנט אַריבער די שאָטנס,

— „אָט אָט, באַלד שוין, די לעצטע מינוט . . . גייט אָפּ דער צוג״. — ציטערט אויף דאָס גאַנצע לייב ווען ער דערפילט מיטאַמאָל, אַז נאָכהענגענדיקע קליידער נעמען זיך פאַלדעווען משונהדיק שלאַנגיק אַרום אים ווי וועלנדיק אים אַריינשווינדלען אין זייער מיט. טוט ער זיך אין גרויס שרעק אַ צי אַרויף אַזוי ווי אריבערצופליען זיי און דערבליקט ווידער דעם טאַטנס געשטאַלט שוועבן פאַרביי: „ווייסט דאָך שוין יצחקל, וואוהין דו האָסט פאַרבלאָנדזשעט. מ׳דאַרף דיך אָבער נאָך נישט צום מניין. עס פעלן דאָ נישט קיין בעל תפלהס אָן דיר. האָסט נאָך צייט . . . דו ווייסט דאָך וואָס מ׳דאַרף זאָגן, אָבער מיטן גאַנצן האַרצן און שנעל . . . באַלמיטשע נישט, פאַרשווענד נישט קיין צייט מיט נאַרישקייטן! — שווינדלט גליַיכצייטיק פאַרביי קאַליידאָסקאָפּיש אַ ווייטער שלווהדיקער זומער פרימאָרגן וואָס איז כולו לויטערער הימל מיט שמייכלענדיקער זון און פול מיט זינג־געזאַנג פון שפּיל־פייגל וואָס דרינגט אַריין. אין הויז דורך די אָפענע פענצטער צו די סעדער און גערטנער, וועלכע ציען זיך אַוועק העט ווייט ביזן געדיכטן וואַלד

מיט די סודותדיקע היילן און פאַרבאָרגענע סטעזשקעס. דער מעשענער סאַמאָוואַר זידט ריטמיש אויפן לאַנגען טיש צווישן די באַנק־בעטלעך וואו עס שלאָפן נאָך די יינגערע קינדער. דעם טאַטנס פאַרטיפטער תהילים־ניגון, פלאַטערט ארום אין צימער צום ריטם פון זיינע שטילע טריט און שלענגלט זיך צונויף לופטיק שפּילעוודיק מיט דער פּאַרע פון זידנדיקן סאַמאָוואַר און מיט זיין אייגענעם שטילן ברומען דעם גמרא ניגון וואָס ציטערט, דאַכט זיך, אַרויס פון דער סאַמע טיף פון דער אָפענער גמרא פאַר אים.

„זאָג מיר נאָך, יצחקל, ס'איז איצט א שעת רצון: „גם כי אלך בגיא צלמות, לא אירא רע" . . .

אַן אויגנבליק בלויז שוועבט פאַרביי דאָס בילד מיט אַ תפילהדיקן ביטחון־קלאַנג און ווערט פאַרהוילן אין אַ נעפּל. „נישט נאָר דאָס" — רייסן אים די שומרים אויף דאָס מויל — זאָג! — און ער נעמט עפּעס פּרעפּלען וואָס ער קען קוים הערן, נאָר מיטן גאַנצן געביין שפּירט ער, אַז ס'איז נאָך נישט דאָס וואָס ער מוז זאָגן. ער לייענט עס קלאָר אַרויס פון א פאַרצאַפּלטן מורמלען ארום אים: „אייל זיך אונטער. ס'אי'די לעצטע רגע שוין. טאָרסט נישט פאַרשפּעטיקן . . ." צאַפּלט ער מיט אין אַ לעצטן אַנגסטיקן געיאָמער־רוף: „כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך" . . . און דערהערט גלייכצייטיק אַ גרויליק ביטערן אויפגעשריי פון נאָענט און ווייט: „ווי געשריגן, כ'קען עס מער נישט איבערטראָגן". דערביי פאַלן זיך מיטאַמאָל פאַנאַנדער די קאָלירטע פּאַפּירענע ווענט פון דעם גרויסן שאַלאַש פון אַנטקעגנאיבער. אויסגעווייקט פון אַ שלאַקס־רעגן וואָס פליוכעט אַריין פון אַלע זייטן, פאַלן זיי שטיקערווייז אַוועק און בלייבן ליגן ווי פּגרים איינס אויפן אַנדערן און דעקן אויף אַ מוראדיק עלנטן דרויסן וואו בערג און טאָל האָבן איין בלאָטיק שוידערלעכן אויסזען. „עמק הבכא", — שרייט עס פון אים אַרויס מיט א פּיינלעכן ווייטיק, „עד מתי? עס שטייט דאָך: „צדיקים ילכו בם . . . שוין צייט . . . אין אייער רו אריין!" — פלאַטערט ער מיט די שאָטנדיקע שומרים וועלכע לויכטן בליציק אויף אין דער געדיכטער פינצטערניש און שטויסן אים מיט צופרידנקייט, דאַכט זיך, וואָס זיי האָבן אויסגעפירט זייער שליחות:

— „גוט געזאגט! מיט דעם אָ שמאָלן וועגל, וועסטו שוין אַליין טרעפן אַ היים. פאַרגעס נאָר נישט וואָס האָסט געזען . . ." איז ער ווידער אַליין און

צאַפּלט מיט אַ שאַרפן ווייטיק אַרום האַלדז און אויפגעריסענע אויגן אויף די פּאַפּירענע פּאָרהאַנגען פונעם לעצטן בניין וואָס צעקריכן זיך אינעם נעפּל און וואָיען מיט אַן אומגעהייערן ווינט וועלכער רייסט זיך פון ווייטע חורבות און מאוויימדיק סקריפּנדיקע לאָדנס. עפּעס אַ פּסוק, וואָס איז בלויז קלאַנג אָן ווערטער, וויברירט אין אים, אבער ער קען אים נישט אַרויסברענגען. גלאָצט ער מיט פּחד אינעם גרוי טונקעלן צימער אַריין וואו עס שעפּטשעט, דאַכט זיך, דאָס באַרואיקנדיקע קול פון טאַטן: „האָב ברוך השם געפּועלט . . . האָסט נאך צייט . . .״

פאַרמאַכט ער די אויגן און שפּיצט אָן די אויערן צו הערן נאָך —

— „שוין צייט, מיין פריינד, — וועקט אים די קראַנקען־שוועסטער, — וואָס האָט איר אַזוינס געזאָגט אין שלאָף מיט אַזא חנוודיקן טאָן? און אויף וועמען האָט איר עס אַזוי אָנגעשריגן מיט אַזאַ מיטגעפּיל? — שמייכלט זי ליבלעך, — אָט די נאָדל וועט אייך נאָר באַרואיקן אינעווייניק, אָבער נישט איינשלעפערן. דער דאָקטאָר וויל אייך בלויז איינפירן דאָס אָרט כדי איר זאָלט נישט פילן קיין ווייטיק. איר וועט אָבער הערן און אַביסל אויך זען וואָס ער טוט. דאָס וואונדער־מאַשינדל וואָס ער וועט אייך אַריינשטעלן, העלפט אַלעמען. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט איר זיך שוין פילן ווי אַ ניי געבאָרענער. נאָר נישט געזאָרגט און טוט אַ שמייכל צו אייערס זייער אַ נאָענטע, וואָס וויל אַ קוק טאָן אויף אייך. אָבער בלויז אויף געציילטע מינוטן״.

— „אוודאי, מ׳דאַרף זיך דאָך איילן . . . — האָט ער געפילט אַז ער זאָגט עפּעס רייד פון אַן אַנדער ערגעץ, וואָס האַלט זיך נאָך אין איין מיניען פאַר די האַלב צוגעשלאָסענע אויגן, אָבער זיך נישט געקענט איינהאַלטן — אַז מ׳דאַרף, דאַרף מען״ . . .

# פֿאַרצייכענונג אין שפּיטאָל

## (פֿון די דאַכטעניש אין האַלב וואָר)

די דושנע פּייכטקייט פֿאַרשטאָפּט אַלע חושים. אַ נאָדלדיקער ווייטיק אַרום דעם אָפּעראַציע־שניט פֿאַרקלעמט דאָס אָפּגעשוואַכטע האַרץ מיט צושווימענדיקע היץ־כוואַליעס און קאַלטן שווייס, זינקט מען אַריין אין מידן אומרו. ביסט זיכער, אַז דו האַלטסט די אויגן אָפֿן, אָבער דער חלום־מלאָך טוט צוויי מלאָכות אויף אַמאָל: שטעלט דיך אויף אינמיטן אַ פֿנימלאָזער מחנה וואָס ציט פֿון אַן ערגעץ אָן אַן אָנהייב און שפּאַנט צו אַן ערגעץ וואָס מ׳ווייסט נישט וואו ער איז און צוליב וואָס מ׳דאַרף אַהין ציען. גלייכצייטיק, וויקלט ער דיך אַרום מיט אַ באַפֿעלעריש קול וואָס פֿאַרטויבט די ווייטיקן: דו, פֿאַרשרייב עס גלייך.

שפּאַנסטו און צו דערזעלבער צייט שרייבסטו אין זיכרון: „מיר ווייסן נישט פֿון וואַנען מיר קומען און וואוהין מיר ציען”. הינטער מיר שלעפּט זיך נאָך אַ קינד אויף אַלע פֿיר און וויינט. ווייסט עס כאָטש פֿאַר וואָס עס וויינט? דריי איך זיך אויס און דערזע דאָס פּוכיק ווייסע פּנימל צעקאַרבט מיט קוים אָנזעעוודיקע קנייטשן, וואָס אי זיי וויינען, אי זיי לאַכן משונהדיק: „כ׳וויל נישט גיין אליין”. פֿאַר מיר גייט אַ יונגער ברייט־פּלייציקער בחור באַוואַקסן פֿון הינטן און פֿון פֿאָרנט מיט אַ מויל פֿול מיט רייד, וואָס שפּרייטן זיך אין אַלע זייטן, וועלכע קיינער פֿאַרשטייט נישט דעם באַטייט זייערן. דאַכט זיך, אַז ער אַליין אויך נישט, נאָר עס חוזקט פֿון זיי און מ׳ווייסט נישט אויף וועמען. איבער די קעפּ פֿון דער מחנה, ווייט אין לויטערן הימל, שטייט אַ פֿולער רויטער זון־קיילעך און דערלעבן אַ פֿאַרגליווערטע בלאַסע לבנה, טרויערט אויף עפּעס וואָס קיינער ווייסט נישט וואָס עס איז.

„פֿאַרגעדענק די ווערטער וואָס האָסט דאָ נישט לאַנג, אַראָפּגעלייענט אין טיבעטער פּאַוויליאָן פֿון זייערס אַן אַלטער מגילה” — נאָגט דאָס פֿריערדיקע קול מיט אַ ברי פֿונעם שטייפֿן באַנדאַזש אַפּער. „דאָס נישט וויסן איז עלטער פֿונעם וויסן. איז געווען פֿאַר דיר און וועט זיין נאָך דיר. דאָס וואָס ס׳איז דאָ, איז געקומען נאָך דעם וואָס ס׳איז שוין נישטאָ. אפילו די

געטער ווייסן נישט דעם סוד, ווייל זיי זיינען געקומען נאָך דעם וואָס ס׳איז שוין עפּעס געווען. זיי ווייסן נישט וואָס ס׳איז געווען פאַר זיי און וואָס עס וועט זיין נאָך זיי, קענען זיי אויך נישט וויסן. זיי וועלן דאָך שוין דאַן נישט זיין. דער אָנהייב און דער סוף שטעקט אין נישט וויסן״.

גייען מיר אַזוי אונטערן פלאַקער פון זון און לבנה־גליוועך, קומט מיר אַנטקעגן אַ חבר וואָס ווערט גלייך פאַרשאָטנט אין אַן אָפענער טיר פון אַ בניין פון וואַנען עס קומט אַרויס גאָר אַ נאָענטע חברטע און צאַפּלט אויף דערזעענדיק אונדז. איר שטענדיק לויטער פנים פאַרשאָטנט זיך וואָס נענטער זי קומט צו אונדז. „ס׳איז דאָך״ — הער איך ווי זי מורמלט אַ צערודערטע.

„ווייסטו כאָטש וואוהין מיר גייען און נאָך וואָס?״

ווינקט זי אָבער מיט אַ פינגער איבערן מויל אַז כ׳זאָל שווייגן. „זי מוז אָפּנייגן אָן אַ זייט און וועט באַלד צוריקקומען״. אויך דער חבר שווינדלט איר נאָך און זאָגט עפּעס מיטן גאַנצן פאַרטונקלטן פנים וואָס בייט זיך אויגנבליקלעך איבער אינעם פנים פונעם עלטערן ברודער, וואס איך געדענק טאָקע קוים, אבער דער צער און שטענדיקער קרעכץ אין טאַטע־מאַמעס הויז נאָך זיין אומקומען פון דער באָמבע, זיצט טיף אין געמיט און קלאָרט אויס זיין יינגלש פנים מיט די ערשטע שפּראָצן פון בלאָנדע הערעלעך און מילדן בליק וואס גלעט מיט וואַרעמקייט און נאָענטקייט. ווען איך פלעג דעם צער פון פאַרטרויערטן הויז אַוועקטראָגן צו זיין מצבה־שטיין אויפן אַלטן בית־עולם, האָט דאָס פנים אַזוי זיך געמיניעט דורך די צווייגלעך פון דעם ניס־ביימל וואָס האָט געשאָטנט איבערן קבר. „ווי זשע קומט ער אַהער? ער דאַרף דען נאָך אויך שפּאַנען?״

אַ רגעלע בלויז־כאַפּט אויף דאָס אויער אַ פאַרהוילענעם שעפּטש „וועסט זיך אמאל דערוויסן, אַזוי שטייט אין ספרים״... שווינדלט ער פאַרביי און נאָך אים די מחנה. הוילער גאָרנישט אַרום און אַרום, בלויז דער בניין עפנט אַ טירל. שפּאַן איך שוין דאָרט אַליין אין טונקעלן קאָרידאָר. כ׳האָב מורא צו גיין גלייך ווייל עס הויערן אַנטקעגן טרעפּ וואס שלינגען איין די טריט און די פיס וואָס וואַקלען זיך. אויך די אויגן דינען נישט מער נאָר פּילן אויף זיך צוויי שפּיציקע שטראַלן־זיילעכלעך פון אַן אָפענער טיר פון אויבן.

צוויי פאַרשוינען אין געלע כאַלאַטן און צעפּלאַמטע פּנימער שטופּן אַ מאָדנע מאַשינקעלע פאַרדעקט מיט אַ פּיל קאָלירנדיקער מאָזאַיק־שויב, וואָס קריכט גלייך אויף מיר מיט די צעשפּריצטע זיילעכלעך ליכט הינטער זיך. כ׳קען דאָס ליכט. נאָך דער אויגן־אָפּעראַציע מיט יאָרן צוריק, האָב איך עס אזוי געזען. נאָר שפּריצעלעך ליכט, וואָס יעדער שפּריצל פאַר זיך האָט זיך געוויזן אין רעגנבויגנדיקע פאַרבן אָבער צונויפבינדן זיי און זען עפּעס דורך זייער שיינען, איז נישט מעגלעך געווען.

„אָן אַ פאָקוס, — האָט אים דאַן דער דאָקטאָר דערקלערט מיטן גאַנצן ערנסט — זעט מען ליכט ווי עס איז אין דער אמתן. יעדער שטראַל פאַר זיך. ערשט ווען דער פאָקוס נעמט זיי צונויף אין אַ בינטל, קען מען זיך באַנוצן מיט זיי אָן שאָדן פאַר די אויגן.״

„האָב איך, הייסט עס, פאַרלוירן דעם פאָקוס, — נעם איך אַ צערודערטער באַטאַפּן די אויגן. ווען האָב איך עס פאַרלאָרן די ברילן און אַפילו נישט געפילט?״

דאָס מאַשינקעלע טוט זיך אָבער זיינס, שטופּט אַרויס פון אונטערן גלאָז אַ רויט קלינגל וואָס זעט אויס ווי אַ צינגל אין מויל פון אַ שלאַנג ווען זי גרייט זיך צו בייסן, און קוועטשט זיך אַריין אין מיין מיטלסטן פינגער. עס טוט נישט וויי. כ׳פּיל נאָר אַז כ׳בין צוגעשמידט צום מאַשינקעלע וואָס באַוועגט זיך עפּעס מאָדנע אַרויף און אַראָפּ און שטייט פאָרט אויף איין אָרט. די צוויי פאַרשוינען גלאָצן אויף מיר מיט באַדויערן. זאָגן גאָרנישט, בייגן אַרונטער די קעפּ אָן אַ זייט אַזוי, אַז די שטראַלן — זיילעכלעך זאָלן שפּיזן פּונקט צום פינגער וואָס פּרוּווט זיך אַרויסדרייען פונעם קלינגל . . . פון דער פאַרהוילעניש שאָטענען ווידער פאַרביי די פריערדיקע געשטאַלטן וואָס האָבן צוגעזאָגט צוריקצוקומען, קוקן זיך עפּעס מאָדנע אָן און שפּרינגען אָפּ אָן אַ זייט כדי אויסצומיידן דאָס פאָספאָרישע ליכט וואס שפּאַרט זיך פלוצים פון דער טיר הינטער זיי. „גאַנצע בריות די גולמות ווי נאָר מ׳דרייט זיי אָן״ — שפּיר איך זייער שעפּטשען גלייך אין אויער אַריין, — קוק אויפן ליכט און דריי זיך אויס . . .״

אויגנבליקלעך צעפּיצלט זיך דאָס גלאָז און בלויז די קאָלירטע מאָזאַיקס

הויערן איבערן מאַשינקעלע ווי אַ נעפּל. די האַנט גלייכט זיך אויס, דער פינגער ווערט באַפרייט, ער איז אָבער עפּעס נישט שוואַרץ נישט רויט, נישט פאַרברענט, נישט בלוטלאָז ווייס, און כאָטש נישט צעבראָכן אבער אויך נישט גאַנץ ווי געווען. אַ פינגער אָן אַ מראה. קוק איך און שטוין. די צוויי פאַרשוינען טוען זיך אָן משונהדיקע מאַסקעס און פּאָרען זיך אין געאייל מיט שטיקער מאַרליע וואָס זיי טונקען איין אין אַ רויכנדיקער פליסיקייט וועלכע שפּאַרט אַרויס פון בייכיקע פלעשער אויף אַ טישל דערנעבן. די פליסיקייט פאַרהאַקט דעם אָטעם. ס׳איז קלאָר, אַז מיט דער מאַרליע ווילן זיי אָפּוואַשן די וואונד — נישט די וואונד פונעם אָן מראהדיקן פינגער וועלכער ציט זיך איצט גאָר שאָטנדיק אַוועק צו דער אָפענער טיר, פאַר וואָס זשע איילן זיי אים נישט נאָך? און פאַר וואָס גיבן זיי מיר אויך נישט קיין מאַסקע? פאַר וואָס פאַרהיטן זיי נישט מיין אָטעם?

בלויז אַ סעקונדע לויפט דער רעיון דורך דעם מוח און שוין ווייסטו, אַז דו דאַרפסט עס נישט מער. דער פינגער איז שוין אויסגעגלייכט. צוריק זיך באַהעפט מיט דער האַנט וואָס פאַרשטעלט די אויגן קעגן די שפּיזן־שרפהנדיקע צעוואָרפענע שטראַלן־ליכט. מ׳טאָר נישט קוקן אין דעם אָן אַ פּאָקוס בריל —

„פּאַרטיקי!״ — זאָגט דיר אונטער דער חלום־מלאך, — „ווייסט דען וואָס ס׳איז געשען, וואָס האָסט געזען? ווי קענסטו ויסן, אז איידער דעם געשען ביסטו נישט געווען, און נאָכן זען מוזסטו גיין און ווייסט נישט וואוהין. הערסט, דאָס קינד ווערט נאָך אַלץ און לאַכט און ווייסט אַלץ נישט פאַרוואָס. און דער פאַרשוין וואָס איז געגאַנגען פאָרויס פון דיר, חוזקט נאָך און שעלט און ווייסט אויך נישט צוליב וואָס. הער זשע אויף שוין צו שרייבן. גענוג! ס׳איז שוין גרויער טאָג! געדענק בלויז וואָס האָסט געזען און אַריינגענומען אין זיכרון. קענסט עס דען פאַרגעסן?״

„צייט שוין איבערצובינדן, — וועקט מיך דאָס מידע קול פון דער קראַנקן־שוועסטער וואָס בלייכט זיך פאַר די האַלב צוגעשלאָסענע אויגן מיט שטיקער מאַרליע און שאַרפן ריח פון אַ פליסיקייט וואָס איז נאָך אינגאַנצן איינגעהילט אין גרויען פאַרטאָג־ליכט — כ׳וועק אייך שוין אַ ווײַלע און איר האָט מיט אָפענע אויגן געהאַלטן אין איין צירקלען מיט אַ פינגער אין דער

לופטן ווי איר וואָלט פאַרשריבן עפּעס וואָס מ׳מוז געדענקען. אוודאי זייער אינטערעסאַנט?״

גלאָץ איך מיט שטוינונג אין דער גרויקייט אַריין און קען קוים אַרויסברענגען אַ שפּליטער פון אַ שמייכל. גיי דערצייל איר וואָס מ׳טאָר נישט פאַרגעסן.

# דאַכטענישן אויף דער האַלב וואָר

## (אַ בין־השמשות פאַרצייכענונג)

די אויסער ווי געוויינטלעכע מיט־זומער היץ, וואָס לאָזט נישט אָפּ שוין וואָכנלאַנג, איז שוין גאַנץ פרי ממש נישט דערטרעגלעך. אַ געדיכטע פייכקייט שטיקט און פאַרטעמפּט די חושים. בלויז שפּליטערן פון די נאַכט־קאָשמאַרן, מיניען זיך אים קאַליידאָסקאָפּיש פאַר די האַלב אָפענע אויגן און שווינדלען אַוועק אין אַ פאַרהוילענעם ערגעץ אַריין צוגלייך מיטן הייזעריקלעכן קול פונעם ראַדיאָ־אַנאָנסירער וואָס כאָרכלט אויס די נייעסן שווייסיק־אַנגסטיק און בלייערן אינעם ליידיקן חלל פון צימער.

אין אַלע ווינקעלעך פונעם ערד־קיילעך קוילעט מען זיך איבער פּוסטע פעלדער און שטיינערנע באַרג־שפּיצן. די ערד קען שוין דעם מענטש נישט טראָגן אויף זיך און זי ציטערט און עפנט דעם תהום איינצושלינגען אַלץ און אַלעמען אי אין מזרח זייט, אי אין מערב זייט. אויך די דרום און צפון עקן שאָקלען זיך. אין די איבערגעוואַקסענע שטעט פון דעם קאָנטינענט ברענען גאַנצע קוואַרטאַלן פון שוואַרץ און ווייס. קענסט ממש פילן דעם וואַרגנדיקן רויך אין דער שווייסיק פאַרשטיקטער שטימע פון דעם אַנאָנסירער. דער שלוק קאַווע אין מויל, ביטערט צוגעסמאַליעט נישט אַראָפּצושלינגען. זיצט ער ווי אַ געליימטער ביים געגרייטן פרישטיק־טיש און קען זיך נישט רירן. ער זעט ממש די מענטשן־קנוילן שטויסן און קלימפּערן זיך הין און הער ווי געסמטע מייז אין אַ פּאַסטקע. פון הילפלאָזער שרעק, גליווערט ער אין גאַנצן געביין. בלויז די אויגן אויפגעריסענע און שטאַר, גלאָצן אין אַ ווייטקייט אַריין וואָס איז אי פאַר אים, אי הינטער אים. מאָדנע, ווי פון דאָרט אויס וויקלט זיך פּלוצים אויף ווי אַ מגילה אַ לאַנג פאַרגעסן בילד פון די ווייטע יוגנט יאָרן: „אַ שטורעם־ווינט באַגלייט פון אַ דונער קראַך מיט אַ שלאַנג־אַרטיקן בליץ, רייסט אויף דאָס פענצטער פון „שטיבל״ ־וואו ער לערנט, און ווענדט אים אָפּ פון דער פאַרטיפטקייט אינעם שווערן מחלוקת צווישן דעם תנא רבי אליעזר מיט זיינע חברים־תלמידים צי דער „שלאַנג־אויוון״ (תנור עכנאי) געמאַכט פון באַזונדערע רייפן און באהעפט אין איין גאַנצקייט דורכן אָנגעשאָטענעם זאַמד־קליי צווישן די רייפן, איז גערעכנט ווי אַ בניין צוגעשמידט צום אָרט און קען

דעריבער נישט טמא ווערן פון אַן אומריינקייט וואָס פאַלט אין דעם אַריין, אָדער ס׳איז גערעכנט ווי אַ כלי וואָס יעדע אומריינקייט איז זי מטמא. האָט ער טאַקע אַזא אויוון קיינמאָל נישט געזען און אוודאי איז אים נישט קלאָר דער טיפערער זין פון זייער מחלוקת און וואָס פאַר אַ שייכות עס האָט צו אונדז היינט ווען אַזעלכע אויוונס, זיינען שוין בכלל נישט בנמצא. אָבער מיט די אויגן פון רש״י און דעם געהיטענעם לשון פון די שפּעטערע מפרשים ביים אויפקלערן דעם עניין, וואָס פאַרהוילט מער ווי עס אַנטפּלעקט, שפּירסטו און זעסט ווי פון די פאַרקיילעכטע רייפן מיטן פאַרשוואַרצטן אָפענעם מויל פונעם אויוון, פליען פונקען וואָס צעגליען דעם געראַנגל פון די חכמים צו אַ טראַגישער מיסטעריע אין וועלכער עס שטייט כביכול אין קאָן דער גורלדיקער באַשייד פון דער וועלט . . . דער גאַנצער באַשאַף פון אונטן און אויבן איז אָנגעשפּיצט און וואַרט מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם אויף דעם אויסגאַנג פון דעם פייערדיקן מחלוקת. די בית־מדרש ווענט ציטערן פון פחד, האַלטן זיך ביים אַריינמישן, אָבער ווערן צוריקגעהאַלטן אינמיטן און בלייבן שטיין האַלב געבויגענע אַזוי ביז היינט. אויך דער בוים און דאָס ריטשקעלע אויפן הויף פאַרן בית־מדרש, צאַפּלען מיט צער פאַרן נישט קענען העלפן דעם גרויסן רבי אליעזר אין זיין מוראדיקער אַליינקייט קעגן זיינע חברים און תלמידים:״ ער מוז דאָך זיין גערעכט, — איז איינגעשפּאַרט דער שאַרפזיניקער לערער, — דער גאַנצער געשטעל פון דער וועלט, באַשטייט דאָך פון באַזונדערע טיילן, וועלכע זיינען באַהאָפטן בלויז דורך לויזע בינד־פעדעם וואָס קוים מ׳זעט זיי אָן, און פון דעסטוועגן האַלטן מיר עס פאַר איין בנין, וואָס קען נישט טמא ווערן . . . די תורה אליין קען דאָך עדות זאגן אויף דעם. אַדרבא, הערט זיך גוט צו, — אַנגסטיקט ער אויף אין א לעצטן פּרואוו בייצוקומען די קעגנער, אויפשטעלנדיק זיך אַ שטורעמדיקער זייל, וואָס איז פעסט פאַראַנקערט אינעם באָדן אונטער די פּיס; דער שטאָלטנער, שאַרף געשניצטער קאָפּ מיט די פייערדיקע אויגן שניידט מיט חלפים־בליצן אַריבער די געבויגענע קעפּ פון די חברים־תלמידים. הויך און העכער בויערט ער ביז די הימלען וואו די פמלייא של מעלה איז איצט אויך עוסק אין דער זעלבער סוגייא צי קען אַ שרץ מטמא זיין דעם גאַנצן וועלט־געשטעל, — אַדרבא, זאָל די תורה פון הימל זאָגן, זאָל מען פון דאָרט, פון הימל אַליין זאָגן!״ . . .

הערן טאַקע אַלע דאָס ציטערדיקע ברומען פון אַלע עולמות: „לאָזט אים, אליעזרן, מיין זון, די הלכה איז אַלעמאָל ווי ער אויף יעדן אָרט!״

שטייט שוין אָבער אויך אויף די פיס אינגאַנצן אַ צעפלאַמטער, דער שאַרף צונגיקער ר׳יהושוע, וואָס אַלע זיינע אברים זיינען אַלעמאָל עפּעס שלאַבעריק און איבערמאָסיק, בלויז די פּאַטריאַכאַלישע באָרד און פּאות פאַרשטעלן אַביסל די צעקרימטקייט פונעם ליכטיקן פּנים מיט די מילדע אויגן וואָס שיינען מיט חכמה פון וויסן. אַלעמאָל אַ געלאַסענער, אַן איינגעהאַלטענער. יעדן וואָרט געוואויגן און געמאָסטן מיטן פּרוּווּשטיין פון לאָגיק און קלוגן איינפאַל און ביישפּיל פון זיין פילפּאַרביק רייכער לעבנס דערפאַרונג. איצט אָבער, שטייט ער קעגן דעם גרויסן רבין און חבר גלייך און אויסגעצויגן. די פאַרקוילטע שפּיץ־פינגער פונעם שטענדיקן גליען די נאָדלען אין הייסע קוילן, (אַ שמידער פון נאָדלען איז ער, ר׳ יהושוע) ציטערן, און די ווייסע שפּיצן פון דער געקרייזלטער באָרד פלאַטערן מיטן אַנגסט פון זיין געשטאָלט קול, וואָס שניידט אויבן און אונטן: „די תורה איז מער נישט אין הימל . . . נאָר צום אויסטייטש פון דעם רבים דאָ, הערן מיר זיך צו . . .״ די באַזונדערע שטיקער, קען מען איבערפירן פון אָרט צו אָרט צום באַנוצן, איז עס דעריבער אַ כלי וואָס ווערט טמא ווען אַ שרץ פאַלט אין דעם אַריין. ציטערט אויף די גאַנצע חברייא פון זיין קול און שטעלן זיך אויף צום ציילן זיך, ווי עס איז דער שטייגער פון די חכמים ביים סוף פון אויסהערן אַלע דעות.״

און אָט, נישט פּילנדיק אפילו, הייבט עס אים איצט אויף פון אָרט און ער זעט בחוש ווי דאָס אָפענע, פאַרשוואַרצטע מויל פון צעפלאַמטן אויוון, שטאַרט אימהדיק מיט גליענדיקע רייפן איבער זייערע געבויגענע קעפּ.

„אין יענער שעה, — הערט ער זיך ברומען מיטן טרויעריק פאַרטיפטן גמרא־ניגון, — האָט רבי נתן געפונען אליהו׳ן און אים געפרעגט: וואָס זאָגט מען דאָרטן אויבן איצט? האָט ער אים געענטפערט און געזאָגט: דער אייבערשטער, געבענטשט איז ער, שמייכלט: מיינע קינדער האָבן מיך מנצח געווען . . .״

טוט עס פונקט אין דער רגע מיט אַמאָל אַ בליץ פאַר די פענצטער פונעם „שטיבל״ און דרייט אים אינגאַנצן אויס צו דער זייט וואָס קוקט אַרויס צום שול־הויף דערנעבן. אַ שוואַרצער קנויל־וואָלקן קייקלט און דרייט זיך ווי אַ שרויף פון אויבן אַרונטער און פאַרשרויפט אין זיך צוויי צאַפּלענדיקע

בהמהלעך, וועלכע זיינען געאייל געלאָפן פון דער פּאַשע צו זוכן אַ באַהעלטעניש פון שטורעם אין נאָענטן שטעלעכל פון חיים קצב. מיט די האָרנדלעך אויפגעשפּיצט, שטויסן זיי זיך אין אַלע זייטן און קענען זיך פון געוווירבל נישט אַרויסבאַקומען, נאָר ווערן געשליידערט איינס אויפן אַנדערן ביז אַ בליץ וואָס שפּאַלט דעם חושך־שרויף פון הימל ביז דער ערד, טוט זיי אַ לויכט דורך מיט אַ שלאַנגיקן פלאַם. בלויז איין אויגנבליק האָבן זיך די האָרנדלעך זייערע אַ שטויס געטאָן צו דער זייט פונעם שטעלעכל און אַ פאַל געטאָן אינעם גאָס־רעגן מיט אַ גרויליקן מרוק וואָס דער דונער האָט גלייך פאַרשטיקט.

מאָדנע, ווי שאַרף ער פילט עס איצט, אַז דאָס הילפלאָזע אַוועקפאַלן פון די בהמהלעך, איז אים אויפן גאַנצן לעבן שוין געבליבן שטעקן אין געמיט צוזאַמען מיטן טיפן צער אויפן טראַגישן סוף פון דעם גרויסן מחלוקת, ווען די חברייא האָט זיך אָפּגעשיידט פונעם גרויסן רבי אליעזר און געלאָזט אים טורעמען אַליין אין זיין איינזאַמער איינגעשפּאַרטקייט. „אין יענעם טאָג, האָט מען דערקלערט פאַר טמא אַלץ וואָס דער גרויסער רבי אליעזר האָט מטהר געווען,” קלינגט נאָך ביז איצט אין די אויערן דער באַדויער־טאָן פונעם סוף פון דער מעשה, — „אַ גרויסער צאָרן איז אין יענעם טאָג געקומען אויף דער וועלט. אַלץ איז געשלאָגן געוואָרן אויף אַ דריטל, און וואו נאָר רבי אליעזר האָט געשיקט זיין בליק, איז עס פאַרברענט געוואָרן.”

„וואָס זשע מאַכט עס דען אַזוי שטאַרק אויס, צי טהור צי טמא, אַז סיי ווי קומט יעדער טייל אום אַזוי פּלוצים און הילפלאָז?” — האָט עס דאַן גענומען עגבערן אין מוח מיט האַרבע קשיות און ספקות וואָס ס'איז אַ פּחד פאַרן מויל צו ברענגען. „איז טאַקע אַלץ פאַרמשפּט פאַרברענט צו ווערן, און דער וואָס זיצט אויבן וועט בלויז שמייכלען אויף דעם? עס קען דאָך נישט זיין,” — האָט עס אים געפּייניקט יעדעס מאָל ווען נאָר דער זיכרון האָט אים אונטערגעטראָגן דאָס אַמאָליקע בילד פון דער פאַרהוילעניש אַרויס.

עפּעס פון יענעם פּיינלעכן געפיל נאָגט אין אים איצט אין דער פרימאָרגן שעה מיט א קאַלטן גליוּוער. אַ געוווירבל פון פיל געשטאַלטיקע האָרנדלעך וואָס טראָגן שוין אַ מענטשלעכן פּרצוף, שטויסן זיך אין אַ געדיכטן חושך וועלכער

שרויפט זיך אין אַלע עקן וועלט. — „וואו זשע איז דען דאָ אַ באַשייד׳ דערויף? נאָך וועלכער תורה זאָל מען נאָכגיין כדי צו וויסן אַז עס איז טאַקע דאָ אַ חילוק צווישן טמא און טהור?!״

„וואָלט דער מוח נישט געווען אַזוי פאַרפּאַפּט פון דער גע׳דיכטער שווייסיקער היץ, וואָלט ער אפשר געקענט דורכטראַכטן דעם ענין ביזן סאַמע לעצט,״ — איז ער דאָך אָבער איין שטיק גליווער איצט, הויערן די מחשבות ערגעץ אין אַ חלל וואָס ווערן אַלץ פולער און פולער מיטן הייזעריקן גרויל וואָס דאָס קול פונעם אַנאָנסירער ברענגט אַרויס. „וואָלט ער געקאָנט זיך רירן, וואָלט ער געלאָפן פון דאַנען. איז דען אָבער דאָ וואוהין צו לויפן? וואו צו באַהאַלטן זיך?״—

„יאָ, אין אַ מאמר, וואָס פאַררופט זיך אויף אַ טיף פאַרגלויבטן, פאַרצייטישן מיסטיקער, האָט ער דאָ נישט לאַנג געלייענט, אַז אַלץ וואָס קומט איצט פאָר, גייט לויט אַ קאָסמישן פּלאַן פון וועלכן בלויז יחידי סגולה אין יעדן דור ווייסן. קען דאָך זיין, אַז איצט איז געקומען די צייט פון אויסגלייכן דעם וועלט חשבון און אָפּצאָלן דעם מענטשן פאַר די יאָרן פון שאַלטעווען אין טומאה מיטן אָנשטעל פון קדושה.״

אָט אַזוי, קליפּ און קלאָר, איז יענער מחבר זיכער אַז עס קען זיין . . . ווען עס זשע פּלאַן איז עס? און וואָס פאַר אַ זינען האָט אַ פּלאַן אויף וועלכן די פאָלקס זינגער האָבן שוין לאַנג געקלאָגט: „פּריצים שלאָגן זיך ווי לייבן, פויערים פאַלן ווי די פליגן . . .״ שוין איינמאָל אַ פּלאַן און שוין איינמאָל אַ חשבון!

## ב

מיטן אָנקומען פון די אָוונט שאָטנס, איז די פייכטע דושנעקייט אין צימער געדיכטער געוואָרן און דער ווייטיק אינעם שניט פון דער נאָך נישט פאַרהיילטער וואונד פון דער אָפּעראַציע, איז נאָך שאַרפער און נאָדלדיקער ווי אין מיטן טאָג. אויך דאָס קול פון דעם קאָמענטירער איבער די טאָג נייעסן הויערט שווער אין צימער ווי עס וואָלט זיך קוים אַרויסגעראַטשקעט פון ערגעץ אַ תהומיקער פאַרהוילעניש כדי צו אַנטפּלעקן אַ סוד וואָס דאַרף, דאַכט זיך,

שוין זיין קלאָר פאַר יעדן וואָס האָט נאָר אַביסל וויסן וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אַרום אונדז. פונעם סוד גליוועורט דאָס לייב אונטער אַ שווייסיקער קלעפיקייט וואָס קלעמט און גרוילט מיטן קול פונעם קאָמענטירער. „מ׳ווייסט און מ׳האָט מורא צו קוקן דעם אמת אין די אויגן אַריין. מ׳טוט גאָרנישט אויף צו פאַרמיידן אַ קאַטאַסטראָפע. גיכער העלפט מען נאָך צו צו דערנעענטערן זי. עס זיינען שוין גרייט די איבערפֿאַל פלאַטפאָרמעס פון אויבן און די פאַרהוילענע משחיתים פון אונטן. באַלד וועט שוין אויך נישט זיין גענוג שפייז פאַרן איבערבאַפעלקערטן פלאַנעט. די ענערגיע רעזערוון אין דער ערד, וועלן זיך אויסלאָזן און אונדזער גאַנצע ציוויליזאַציע וועט אונטערגיין אין אַנגסטן ווי די פריערדיקע פאַר איר. מיטן צעשטערן דאָס גלייכגעוויכט פון די נאַטור עלעמענטן, צעשטערט דער מענטש זיין מעגלעכע עקזיסטענץ אויף דעם פלאַנעט. טאָג־טעגלעך דערנעענטערט מען דעם לעצטן חשבון פון דער נאַטור מיטן מין מענטש, וואָס האַלט זיך פאַרן קרוין פון גאַנצן באַשאַף.״

אויף אַ ווײַלע שליסן זיך די מידע אויגן צו: „זאָל דאָס זיין דער באַשייד? איז דאָס דער פאַרבאָרגענער פּלאַן פון וועלכן יענער מיסטיקער רעדט? און נאָכן חשבון, איז וואָס?״ — נאָגט אַ הילפלאָזער טרויער דאָס צערודערטע געמיט. עפענען זיך די אויגן־לעפלעך פון זיך אַליין און גלאָצן פאַר זיך דערציטערטע ווי די בין־השמשות שאָטנס פאַרדעקן אַלץ און פאַרווישן די לעצטע שטראַלן פון זון־ליכט. בלויז אַ ווייט פאַרהוילענע רויטקייט גליט דורכן פענצטער.

— וואָס עפּעס אין דער פינצטער? — רייסט אים אויף פון דער קלעמענדיקער נאָגעניש אַ באַקאַנט קול, — נאָך אַזאַ טאָג ווי היינט, איז אַ מצווה זיך אַביסל דורכצופאָרן הינטער דער שטאָט. מ׳קען דאָך ביי אייך אין צימער דעם אָטעם נישט כאַפּן. ווער ווייס וואָס פאַר אַ משונהדיקע הוריות עס קומען אין קאָפּ אַריין אין אַזאַ שטיקעניש.

אין משך פון די יאָרן וואָס ער וואוינט אין דער שטאָט, האָט ער זיך אָפּגעשפּאָרט אַ צאָל פריינד וואָס ווייזן לעצטנס אַרויס זייער גוטהאַרציקייט צו אים דורך דערמאָנען זיך אַז ר׳איז מערסטנס צוגעבונדן צום הויז און קומט זעלטן אין געזעלשאַפט, קומען זיי פון צייט צו צייט אים באַזוכן. אָבער אַז עמעץ זאָל קומען אין אַזאַ שטיקנדיקן פאַרנאַכט, האָט אים שטאַרק

איבעררַאַשט, ווײַל געוויינטלעך איז דאָך עס געווענדט אין דער שטימונג זייערער ווען זיי פֿאָרן פֿאַרבײַ זײַן דירה און סע גיט עפּעס פּלוצים אַ צוויק ביים האַרצן:

— מ׳דאַרף אַ קוק טאָן, וואָס ער מאַכט דאָרט. אפשר פֿאָרלייגן אים מיטצופֿאָרן מיט אונדז?

— ס׳איז טאַקע אַ גלייכע זאַך. שוין לאַנג אים נישט געזען. שטיקט זיך נעבעך מן הסתם אין זײַן צימערל אַליין. אַ ביטער רחמנות אויף אים.

— זאָל ער טאַקע פֿילן, אַז מיר פֿאַרגעסן אים נישט . . . , — איז מען צופֿרידן מיט זיך, וואָס כאָטש זיי האָבן זיך שוין לאַנג אַרויפֿגעאַרבעט סאָציאַל און פֿאַרקערן איצט אין גאָר אַן אַנדערער סביבה, זײַנען זיי פֿאָרט געבליבן געטרײַ די אַמאָליקע חברים וואָס זײַנען געבליבן הינטערשטעליק אַז אפֿילו קיין אייגענע „קאַר״ האָבן זיי נישט און זײַנען נאָך אַלץ פֿול מיט טענות צו דער וועלט און אַרײַנגעטאָן אין זוכן ענטפֿערס אויף דעם וואָס לאָזט זיך גאָר נישט פֿאַרענטפֿערן.

געוויינטלעך, דאַנקט ער זייער העפֿלעך פֿאַרן אַרײַנקומען און באַמיט זיך אויסצודרייען פֿון מיטפֿאָרן מיט דעם צופֿעליקן פֿאַרבײַפֿאָרער. זינט ער האָט דערשפּירט, אַז די ספקות און פּחדים וועלכע מאַטערן אים לעצטנס, רירן זיי אין גאַנצן נישט אָן. זיי הערן אים אויס בלויז פֿאַר יוצא וועגן און חוזקן נאָך אפשר נאָכדעם הינטער זײַנע פּלייצעס, איז ער זיי מוחל דאָס דערמאָנענען זיך אָן אים פֿון רחמנות וועגן. אויב ער לאָזט זיך שוין אַמאָל אײַנרעדן מיטצופֿאָרן אויף אַ שפּאַציר אויסער דער שטאָט, קען ער שוין קוים דערוואַרטן זיך צו זײַן צוריק בײַ זיך אין צימער און אָפּשאָקלען פֿון זיך דעם ביטערן טעם אין מויל וואָס איז אים געבליבן פֿון די פּוסטע נודנע פֿאַר שעה וואָס ער האָט מיט זיי אָוועקגעפּטרט.

דאָס מאָל אָבער האָט ער צו זײַן אייגענער פֿאַרוואונדערונג זיך ממש דערפֿרייט מיטן באַזוכער.

— אָ, דאָס זענט איר? — האָט ער אַ שפּאַן געטאָן מיט אימפּעט צו דער טיר און געפֿילט ווי ער וואָלט אַרויסגעשפּאַנט פֿון הינטער די בין־השמשות שאָטנס,

— טאַקע זייער שיין פון אייך אינזינען צו האָבן מיך אין אַזאַ טאָג, — האָט זיך אַלץ אין אים געריסן צו באַפרייען זיך פונעם פריערדיקן גליווער, — מ׳טאָר זיך נישט אונטערגעבן.

— אונטערגעבן צו וואָס?, — האט יענער נישט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט דערמיט.

— נו, צו דער דושנעקייט און די גרוילן וואָס מ׳זאָגט אונדז פאָרויס.

— דורכפאָרן זיך הינטער דער שטאט וואו די לופט איז ריינער, וועט זיכער נישט שאַטן.

אַרויספאָרנדיק, האָט שוין אַ היפּש פאַרטונקלטע קופּערנע רויטקייט געצאַנקט מיט אַ מאָדנער אַנגסטיקייט אויפן מערב האָריזאָנט. מ׳פאָרט מיט דער לאַנגער גאַס, וואָס שניידט דורך די שטאָט פון איין עק צום אַנדערן. דאַכט זיך, אַז מ׳פאָרט צו מערב צו און עס איילן פאַרביי די אַלט־מאָדישע, פאַרצייטישע איינשטאָקיקע פאַרשפּיציקטע טורעמלעך, וואָס האָבן געדינט אויך צום פאַרטיידיקן זיך קעגן די אינדיאַנער אָנפאַלן. שוין אויך געלאָזט הינטער זיך די נייע קעסטלדיקע, הויכע אַפּאַרטמענט הייזער וועלכע זיינען דווקא אָפן צו אַלע זייטן פון דער וועלט און זעען פאָרט אויס ווי אָפּגעשלאָסן פאַר זיך, ווי זיי וואָלטן זיך די אויגן אויסגעקוקט צו געפינען וואָס גיכער אַן אָרט וואו צו פאַרבאָרגן זיך.

באַלד דאַרף שוין זיין דער סוף פון דער גאַס, וואו עס היט דעם וועג אַ הילצערנע סטאַטוע פון אַ הייליקן מיט אַ פאַרקרימט פּנים פון איבערמענטשלעכן פּיין. אָנגעקומען איז מען אָבער אין אַ ווילע אַרום צום סוף פון דער מזרח זייט פון גאַס, וואו פון איין זייט וועג ציען זיך שוין האַלב פאַרלאָזטע גערטנער מיט גרויע האַלב־צעבראָכענע פלויטן, און פון דער אַנדערער זייט הויקערן זיך נידעריקע הייזקעלעך וואו אפילו די עלעקטרע לעמפּלעך טונקלען מער ווי זיי לייכטן. בלויז איין הילצערנע געביידע שטאַרט אַרויס אין מיטן פעלד מיט אַ בלינצלדיקער ריזיקער שילד וואָס בלאַנקט פון אויבן מיט גרויסע אותיות. „אַ קאַלטס און אַ גוטס״, און פון אונטן מיט פּיצינקע ראַכיטישע אותיות „פאַר אַ טרוקענעם גומען . . .״

דער גאַנצער אַרום זעט אים אויס אויסטערליש און פרעמד. מ׳שטעלט זיך אָבער אָפּ און מ׳גייט אַריין. עס זעט אויס אַז פאַר דעם פריינד מיט זיין פרוי איז

עס נישט אַזוי פרעמד. דער גאַנץ גרויסער צימער איז פול מיט מענטשן געהילט אין רויך פון פּאַפּיראָסן, ליולקעס, ציגאַרן און פּאַרע פון הייסע, שאַרפע מאכלים וועלכע זיינען אָנגעהויפנט אין טיפע שיסלען אויף אַ זייטיקן ווייסן שטיינערנעם טיש ווי אַ מזבח פון אַן אַמאָליקער הייליקייט. און אָט דערבליקן זיי טאָקע איבער דעם געשטעל הענגען אַ מאָדנעם געץ מיט צוויי פּנימער וואָס איינס טרויערט און דאָס צווייטע חוזקט מיט צערייצטע נאָזלעכער און אַן אָפן פאַרסליניעט מויל.

— ס׳איז די אמתע פּרעסאַרניע דאָ. — פּלאַצן זיי ארויס מיטאַמאָל. קיינער הערט זיי אָבער נישט און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף זיי. ביי אַ טיר וואָס פירט אין גרויסן באַנקעט־זאַל אַריין, שטייט א סאַרוועד און שמייכלט עפּעס מאָדנע חוזקדיק. די סערוועטקע וואָס ליגט אים וואווליינגיש פאַרוואָרפן אויף דער לינקער האַנט, ווינקט עפּעס אויך שפּאָטיש. ערשט צוקומענדיק נעענטער צו אים דערזעט מען, אַז אויףביידע זייטן פון זיין שוואַרצן סורדוט הענגען גלאַנצנדיקע בלעכלעך מיט שיינענדיקע אותיות: „בלויז פאַר געלאַדענע״. מיטאַמאָל דערפילן זיי זיך ווי אַנטבלויזטע צווישן אָנגעטאָענע. עס נעמען זיי פלאַמען די פּנימער פון עפּעס אַ חרטה וואָס זיי ווייסן נישט וואָס זי איז און שעמען זיך אויפצוהייבן די אויגן. פון אַלע זייטן שטעכן זיי די בלעכלעך אויף די ברוסטן פונעם גרויסן עולם מענטשן. היימישע מענטשן אַלע. זיי קענען זיי, דאַכט זיך, ביי די ערשטע נעמען, כאָטש איצט איז שווער אָנצורופן אפילו איינעם פון זיי. אין ווייטן זיכרון שטעקן זיי. געטראָפן זיי ביי די געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען צו וועלכע זיי באַווייזן זיך פון צייט צו צייט. מ׳רופט זיי געוויינטלעך: „איינמאָל אין אַ יובל־געסט פון ווייטן אַמאָל״. זיי זיצן אָנגעסטראָיעטע אויף אַ שפּיץ בענקל, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט אַז זיי זאָלן חלילה נישט צוגעקלעפּט ווערן צום אָרט וואָס זיי האָבן פאַרלאָזט שוין פון לאַנג. עס טרעפט אויך אַמאָל, אַז זיי צעוואַרעמען זיך פלוצים און נעמען זיך היימישלעך צעגיסן מיט ליוב פאַר די וואָס האָבן נאָך אַלץ דעם מוט אָנצוהאלטן און אויסהאַלטן קעגן אַלע ווינטן פון דרויסן . . . „אַ גרויס שליחות פירט איר דורך״, — צעיאַכמערן זיי זיך און די אויגן פייכטן ביי זיי, — מיר שאַצן עס זייער אָפּ. שוין לאַנג אַזאַ גייסטיקן פאַרגעניגן נישט געהאַט. איי, ווי עס בענקט זיך נאָכן אַמאָל . . . איר פאַרשטייט דאָך, — ווערן זיי נאָך מער צוגעלאָזן, — איר געדענקט דאָך ווי מיר ———„דערנאָך פאַרשווינדן זיי ווידער אין זייערע גאַסן אַריין און אין זייערע אָנגעפּראָפּטע הייזער מיט שווערע שטיקער מעבל און באַגילדעטע ראַמען פון אַלערליי קונסט־ווערק אויף די ווענט און

אויף די מאַרמאָרנע טישלעך אין יעדן ווינקל, נישט פאַרגעסנדיק צו באַצייכענען דערביי פון וועלכן עק־וועלט ס'איז געקומען אַהער. זאָל מען וויסן זייער גרויס־וועלטישקייט. בלויז אַן אדרעס בלייבט פון זיי ביי די פארבליבענע חברים, וועלכער שווימט נאָר אַרויס ביים זיצונגס טיש ווי אַ געדעכעניש צו וועמען צו ווענדן זיך נאָך מאַטעריעלער הילף אין אַן ענגער שעה.

צוליב וואָס זשע זײַנען זיי זיך איצט צונויפגעקומען? עס זעט עפּעס אויס, אַז ס'איז נאָר זייערס אַ שמחה וואו אַלע אנדערע זײַנען באמת איבעריק. אַלע זײַנען יום־טובדיק פאַרפּוצט און באַצירט מיט בלישטשנדיקע בלעכלעך פון וועלכע זייערע נעמען שײַנען אַרויס מיט אַזאַ צופרידענדער גדלות וואָס שרייט ממש: „זעט נאָר וואָס מיר האָבן דערגרייכט". עס זעט אויס ווי זיי וואָלטן די אַרײַנגעקומענע אינגאַנצן נישט דערקענט אָדער נישט געוואָלט צוגעבן אַז זיי דערקענען זיי. ווי נאָר איינעמס בליק שלאָגט זיך אָן אויף די וואָכעדיקע בגדים זייערע, וואָס זעען איצט אויס נאָך אָרעמער ווי אַלעמאָל, כאַפּט ער באַלד אַוועק די אויגן אַ פאַרציטערטער, ווי פון אַ סטראַשידלע. אייניקע ווילן, דאַכט זיך, עפּעס זאָגן נאָר מער ווי אַ געצוואונגענער שמייכל און אַ מין אָפּהענטיק שטומען פאַרענטפערן זיך פאַר עפּעס, קומט נישט אַרויס דערפון. ביי גאָר אַנדערע ווערן די פּנימער אַזוי מאָדנע גדלותדיק אויסגעצויגן ווי זיי וואָלטן געקוקט אַריבער זיי פון אַזאַ הויכער ווייטקייט צו וועלכער די אַרײַנגעקומענע קענען אַפילו מיטן בליק נישט נאָכציען.

נישט באַמערקנדיק אַפילו איז דער פריינד מיט זיין פרוי וואָס האָבן אים געבראַכט אַהער אויך פלוצים נעלם געוואָרן אויף אַ ווילע און באַלד זיך באַוויזן צווישן עולם אויסגעפּוצטע מיט בלישטשנדיקע בלעכלעך אויף די לאַצן ווי אַלע דאָ. זיי שטייען שוין ווי אַלע ביי די הויכע טרעפּ קעגנאיבער דעם זאַל, וואַרטנדיק מיט שיינענדיק נייגעריקע פּנימער אויפן הויפּט־גאַסט פון אָוונט וועלכער וועט זיך באַלד באַווייזן און פירן דעם עולם אין זאַל אַריין. פון דאָרט פינקלען פאַרשיידענע קאָלירטע לעמפּלעך איבער טישלעך מיט כל־ערליי געטראַנקען און צובייסן. אויף דער קונציק פאַרדעקטער בינע מיט אַ דורכזיכטיק ראָזעווער באַנד, וואַרטן שוין די מוזיקאַנטן און האַלב נאַקעטע טענצערינס.

נישט פרעגנדיק, ווערט אים פלוצים קלאָר צו וואָס דער עולם איז זיך דאָ צונויפגעקומען און ווער דער גאַסט איז. ס'איז דאַוויד דער אינדיווידואַליסט.

אין די יונגע יאָרן געווען אַ פֿייערדיקער פֿרייהייטלער. באַקעמפֿט יעדע פֿאָרם פֿון אָרגאַניזירטער שטאַטלעכקייט און פֿאַרלייקנט דעם ווערט פֿון אַלע אָנגענומענע פֿאָרמען און געזעלשאַפֿטלעכע מאָסן. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט צו פּרוּוון זײַן מזל אין דער געשעפֿטס־וועלט לויט די אָנגענומענע כּללים: „אין וואַלד, פֿירט מען זיך ווי אין וואַלד . . .״ — איז געווען זײַן געווײנטלעכער ענטפֿער ווען עמעץ האָט אים פֿאַרגעהאַלטן זײַן אויפֿפֿירונג. רײַך ווערנדיק פֿון האַנדל און פֿרײַע קאָנקורענץ, האָט ער זיך נאָך אַלץ געהאַלטן בײַ זײַנע אינדיווידואַליסטישע פּרינציפּן מיט וועלכע ער האָט זיך געגרויסט און געוויכט פֿון אָרגאַניזירטער געזעלשאַפֿטלעכקייט. „איר ווייסט דאָך אַז איך קען זיך פּרינציפּיעל נישט באַטייליקן אין דעם. כ׳בין גאָר פּעסימיסטיש וועגן די אַלע אָרגאַניזאַציעס וואָס ווײַכן אָפּ פֿונעם הויפּט אַנאַרכיסטישן עיקר אונדזערן . . .״ — באָמבלט זיך נאָך צום טאַקט דאָס גאָלדענע קייטעלע פֿאַרלייגט איבערן געפּאַסטן וועסטל. אַפֿילו די דערציאונג פֿון זײַנע קינדער האָט ער נישט געטרויט דעם שטאַט. געהאַלטן פֿאַר זיי פּריוואַטע לערער און זיי געהיטן פֿון מישן זיך מיט אַנדערע קינדער. „די פֿולע אויסלעבונג פֿון יחיד״ — איז נאָך הײַנט זײַן ליבלינגס פֿראַזע ווען ער קומט אַמאָל אַראָפּ פֿון זײַן ווײַטער גאַס אויפֿן באַרג אינעם היימישן אַמאָל אַרײַן. זײַנע האַנדלס — פֿאַרבינדונגען אָבער האָבן אים כּסדר געהאַלטן אין די אָנגענומענע ראַמען פֿון דער געזעלשאַפֿט און געשטעלט אין דער שפּיץ פֿון אַ געשעפֿט וואָס ווערט פֿאַרוואַלטעט לויט די שאַרפֿסטע צענטראַליזירטע פֿאָרמען. אַלע געסט זײַנען מער ווייניקער פֿאַרבונדן און אָפּהענגיק פֿון זײַן געשעפֿט — אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געלאָזט אָפּגעבן קיין עפֿנטלעכן כּבֿוד, אָבער איצט צו זײַנע פֿערציק יאָר פֿון דערפֿאָלגרײַכן אָנפֿירן דאָס געשעפֿט, מאַכט מען אים אַן איבעררעשונג־באַנקעט. דאָס גאַנצע אויספּוצעניש און צוגרייטן איז געטאָן געוואָרן אין געהיים. אַפֿילו זײַן וואַרטן דאָרט אין חדר מיוחד איז געמאַכט אַזוי אַז ער זאָל נישט וויסן, אַז וואָס מ׳טוט דאָ איז פֿון זײַן כּבֿוד וועגן. ס׳איז גאָר עפּעס אַ „ליאַמע״ פֿאַר אַ צוועק וואָס איז אים דאָך נאָך אַלעמען נאָך אַלץ טײַער . . .

אויף אַלע וואַרטנדיקע פּנימער איז אָנגעצייכנט אַז „ער״ ווייסט פֿון גאָרנישט נישט, און מ׳טאָר מיט קיין פּיפּס נישט אַרויסווײַזן פֿאַר ״אים״, אַז ס׳איז נישט קיין איבעררעשונג.

— ש ש ש, — ווינקט איין פּנים צום אַנדערן — „ער״, ווייסט נישט, — און יעדער שטופּט זיך נעענטער צו די טרעפּ מיט דער האָפענונג אַז ער וועט זיין דער ערשטער באַמערקט צו ווערן פון „אים״, ווען ער וועט אַרויסקומען אויף דער פּלאַטפאָרמע אַן איבערראַשטער.

מיטאַמאָל דערשפּירט זיך דער נישט געבעטענער גאַסט ווי אַ יוצא דופן דאָ, אַ מין נאַקעטע דערמאָנונג פון דעם וואָס זיי ווילן אַזוי שטאַרק פאַרדעקן. עפּעס ווי מיט זיין געפינען זיך דאָ וואָלט ער זיי אויסגעטאָן פון זייער גאַנצער פאַרפּוצעכץ. אַלע קוקן עפּעס אַזוי אַנגסטיק צערודערט אין זיין זייט אַריין ווי זיי וואָלטן מיט די בליקן געוואָלט אים אַרויסשטויסן איידער ער מאַכט זיי קאַליע די גאַנצע שפּיל.

— „ער״, וועט אים נאָך דערזען דעם ערשטן . . . — הערט דער נישט געבעטענער אַ ציטערנדיקן שעפּטש הינטער זיך און דערזעט מיטאַמאָל ווי איינער כאַפּט מיט אמאל אַ בלעכל אָן אַ נאָמען פונעם פאַרקויף־טיש און פּרוּווט עס צושפּיליען צו זיין לאַץ. זיין ציטערן און פלאַטערן דערביי גיט אויס זיין כוונה צוצודעקן זיין נאַקעטע פרעמדקייט און אים אַריינעמען אין געזינדל. דאָס בלעכל אָבער טשעפּעט זיך נישט צו און פאַלט אַראָפּ אויפן דיל ווי אַ פאַרטריקנטער בלאַט. דער שומר ביי דער טיר שלייכט צו אַ שמייכלענדיקער און שעפּטשעט אים אַריין אין אויער אַריין:

— דאָרט הינטערן פאָרהאַנג, — נעמט ער אים אונטערן אָרעם, — וועסטו אַלץ זען און נישט שטערן די פיינע שפּיל.

אַ צופרידן געמורמל פון די אַרומשטייענדיקע, אָן אַ קול כמעט, נאָר אַזוי קלאָר אָנצוטאַפּן ממש מיט די פינגער, האָט אַ גלעט געטאָן דאָס דורכזיכטיקע פאָרהאַנגל הינטער וועלכן ער איז געבליבן שטיין און קען זיך קוים איינהאַלטן פון אַ ציקלדיקן געלעכטער.

— שוין איינמאָל אַ פּורים שפּיל, — גליטשט זיך אים שיר אַרויס פון מויל, נאָר עס ווערט פאַרהאַקט פונעם פלוצימדיקן אויפשפּילן פון די מוזיקאַנטן און דערשיינען פונעם הויפּט־גאַסט אויף דער פּלאַטפאָרמע אין דער

הויך. ער גאַפּט אויפן עולם און דער עולם גאַפּט אַרויף צו אים.

„אָט האָבן מיר דיך פּאָרט געפּאַקט צו פייערן עפּנטלעך דייַנס אַ יום־טוב" — רעדט עס אַרויף צו אים מיט צופרידענעם ניצחון. און „ער" פון אויבן, שמייכלט אַראָפּ אַן איבעראַשטער: „אָבער איך האָב פון דעם אינגאַנצן נישט געוואוסט . . ."

אַ פּאָר סעקונדן שטייען זיי אַזוי הנאה האָבנדיק איינס פון דאָס אנדערע, ביז פון ערגעץ הערט זיך מיט אַמאָל אַ ציקלדיקער חוזק. „שוין איינמאָל אַ שמחה: אויסגעפּוצט זיך אין עסיק און האָניק . . ."

ער וואָלט געקאָנט שווערן אַז ס'איז געקומען פון דער טיר וואו עס שטייט דער שומר מיטן פאַרגליווערטן גאָרנישט אויסדריקנדיקן פּנים, אָבער מיט אַלע חושים פילט ער אַז אַלע אויגן זייַנען געווענדט צו אים הינטערן דורכזיכטיקן פּאָרהאַנגל. אַ סעקונדע בלויז איז דער עולם פאַרווירט און קומט צו זיך מיטן אויפשפּילן פון דער מוזיק, וואָס הייבט די פּיס נאָכצוטריטלען דעם הויפּט־מחותן, וואָס איז אַראָפּ פון די טרעפּ מיט אַ פלינקן שפּאַנען, ווי ער וואָלט וועלן באַווייזן אַז כאָטש ס'איז אויך הייַנט זייַן זיבעציקסטער געבוירנטאָג, איז ער נאָך קרעפטיק ווי אַ יונגערמאַן. ער רויכערט, דאַכט זיך, זעלטן ווען, אָבער איצט האַלט ער אַ שמעקנדיקן ציגאַר צווישן די פינגער און פון אַלץ אויף אים פּעכלט מיט גרויס עלעגאַנץ. זייַנע אויגן זוכן עפּעס אַביסל אומרואיקלעך אינעם אַרום. אָט, אָט, וועט ער דערבליקן דעם וואָס ער זוכט. דעם זעלבן געפיל האָבן, ווייזט אויס, אַלע געסט. מ'דערשפּירט עס אינעם אומרואיקן דרייען זיך אויף די ערטער און וואַרפן אַנגסט־בליקן צום פּאָרהאַנגל, וואָס האַלט זיך אין איין אויסבייגן און שטויסט דעם וואָס שטייט דאָרט טיפער אין דער טונקלקייט אַריין. יעדער באַריר פון פּאָרהאַנגל שטויסט אים הינטערווייַלעכץ און בעט זיך ממש: „פאַרשטער נישט די שמחה. פאַרשווינד וואָס פריער" גלייַכצייטיק הערט ער, דאַכט זיך, אַן אַנגסטיק פּרעפּלען אויפגיין פון אַ פאַרהוילענעם ערגעץ: „אין אייער רו אַריין . . . אין אייער רו אַריין . . ." און וואָס ווייטער ער רוקט זיך אָפּ, אַלץ שטאַרקער ווערט דאָס געפיל אין אים, אַז ער קומט אַלץ נעענטער צו זייערע צערודערטע בליקן, כאָטש זיי זיצן שוין אַלע ביי די טישן און אַ זשום פון פריילעכע רייד מיט אַ געקלינג פון לעפל און מעסער פאַרטויבט אַפילו דאָס נאָסטאַלגישע שפּילן פון דער קאַפּעליע מוזיקאַנטן. אַ מאָדנע

אַנגסטיקייט נאָגט אים.

„אין תוך איז „ער" דאָך אַזאַ עסטעט און ראַפינירטער מענטש. ווי קען ער עס איינזיצן אין דער אַרומיקער נאַרישער אָנשטעלעניש וואָס ליגט צעלייגט אויף אַלע פּנימער?" דאָס נאָגעניש גייט אָבער פּלוצים איבער אין אַ שניידנדיקן פיזישן ווייטיק אין גאַנצן לייב, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ צאַפּלענדיקער שרעק. אָן אַנגסט געשריי דערטראָגט זיך צו אים פון דער טונקעלער ווייטקייט. „ס'איז מיר פינצטער: וואו ביסטו עס ערגעץ?" ער וואָלט געקענט שווערן אַז ס'איז זיין אייגענע שטימע, נאָר דאָך קומט זי גאָר פון דעם פאַרהוילענעם ערגעץ. נעמט ער לויפן אַ פאַרצאַפּלטער נאָכן קול נאָך און סע ציטערט אין אים אַ פאַריבל מיט ביטערער טענה: „ווי האָסטו געקענט פאַרגעסן אַז ביסט גאַנץ אַליין אין דער דאָזיקער פינצטערער פאַרהוילעניש? . . . ער איז דאָך, דאַכט זיך, געקומען אַהער מיט פריינד. וואו זשע זיינען זיי?" פונעם אַנגסטיקן געאייל ווערן אַזש די ציין אייליק און פון אַלע זייטן קלעמט עפּעס אַ פּיינלעך העשען: „און וואו זיינען די קינדער זיינע? און ווי האָט די פרוי זיינע, וואָס היט אים אַזוי אָפּ שוין אַזוי פיל יאָרן געקענט אים דאָ איבערלאָזן אין אַזאַ טעמפּן ווינקל? עס קען דאָך נישט זיין, אַז ער זאָל האָבן געקומען אַהער אָן איר."

„ווען ער זאָל זיך כאָטש קענען צובאַקומען צו אַ טעלעפאָן", דרייט עס אים פּלוצים אויס דורכצושטופּן זיך דורכן איינציקן פאַסיקל ליכט וואָס ווייסלט זיך אינעם שמאָלן קאָרידאָר פון דער זייט. פון דאָרט קומט עס דאָס אַנגסטיקע שרייען וואָס ציט אים אַריין אין דעם שמאָלן צימערל וואו אַ גרעלע ליכט פלעמלט פון אַ קאָלירט לעמפּל. אויף אַ בעטל פאַרוואַלגערט מיט בעט־געצייג, האַרט ביי דער ערד שוין, קאָרטשעט זיך אַ היימיש געשטאַלט אין גרויסע יסורים. אַוודאי ווייס ער ווער עס איז. אַזוי פיל יאָר געוווען צוזאַמען, זאָל ער זי נישט דערקענען? נישט נאָר דעם נאָמען ווייסט ער נאָר אויך אַלע ליבע צונעמען און אַלע פאַרבאָרגענע ווינקעלעך וואו זיי פלעגן זיך באַהאַלטן פון אַ פרעמד אויג, שטייען איצט פאַר די אויגן. אָבער דאָס וואָס האָט זיך אַלעמאָל אַרויסגעפּליסטערט אַזוי לייכט און מיט אַזוי פיל נאָענטקייט, קען עפּעס איצט נישט אַרויסרייסן זיך פון די פאַרשלאָסענע ליפּן.

— אַ דאָקטאָר. — שעפּטשען די פאַרשמאַכטע ליפּן און דאָס יונגע פּנים נאָך וועלכן ער האָט אַזוי פיל יאָרן, דאַכט זיך, געבענקט ווידער צו דערזען צאַפּלט

צו אים דורך טרערן און שאַרפן ווייטיק — ס'איז גוט וואָס ביסט נאָך געקומען אין צייט. אָבער אייל זיך צו.

— אַז איר זענט שוין אויך דאָ, דאַרף מען זיך שוין נישט איילן, — שוידערט פּלוצים אויף אַ בריענדיק, ביטער חוזק־געלעכטערל פון אַ רויט צינגל וואָס פּלאַטערט אינעם טונקל איבער אַ מאָדנע באַקאַנט מענטשל. דאַכט זיך, ס'איז דער לץ פון זיין שטעטל וואָס איז שוין לאַנגע יאָרן אַ שוכן־עפר. ווי זשע קומט ער אהער? און יענער האָט דאָך נישט געביטערט, נאָר מיט אַ גלייכוווערטל געגלעט דעם נאָגנדיקן אומעט אין טונקעלן שטיבל ביי שלוש סעודות. „עץ הערט, — האָט ער געצופּט דאָס שמאָלע בערדל רויטע האָר, — זיי ווילן ברענגען משיחן מיט טרויעריקע ניגונים . . . ס'עט נישט גאַין אַזוי, זאָג עך ענק צאָן־קדשים וואָס עץ זענט. כ'טרייַב ניש איצט קאַ ליצנות. ס'איז דאָך געגליכן צו ———,ווערט דאָס מענטשל צעפלאָסן אין דער לופטן איבערלאָזנדיק בלויז אַ דין ציקלען זיך פון אַ ווייטן טריבן ניגון.

— אַ דאָקטאָר! — שניידט איבער דאָס ציקלען איר צעוויייטיקט געבעט. טוט ער אַ שנעלן גלעט אירע גאָלדענע האָר, שעפּטשעט עפּעס אַ טרייסט־וואָרט און שטייט שוין פאַרן פאַרקויף־טיש אין פאָרנדיקן צימער. ער שטרעקט אויס די האַנט צום אַלט־מאָדישן טעלעפאָן טרייבל, וואָס קלינגלט טרעלנדיק ווי אָנזאָגנדיק עפּעס אַ פריילעכע בשורה און הערט פון יענער זייט אַן ענטפער: — וויפל האַמבורגערס, ר'קרוב?

— דער טעלפאָן איז נאָר אין קיך אַריין, — שמייכלט אים אַנטקעגן אַ גלאַט פּנים פון אַ פאַרקויפער וואָס האַלט זיך אין איין ווישן דעם שוויס אויפן שטערן.

— נישטאָ דאָ קיין טעלעפאָן אין שטאָט אַריין?, — פּלאַצט אין אים אויף די גאַנצע אַנגסט פון פאַרלאָרנקייט, און דאָס ענגע צימערל מיטן שניידנדיקן געקרעכץ פונעם איינגעפאַלענעם בעטל האָפּסלט פאַר די אויגן הויערנדיק אויף אַ פּאָר שטאָלפערנדיקע שטאָלצן פון וועלכע עס קייכט אַ ליצניש געלעכטער.

— כאַ, כאַ כאַ, — קלינגלט צום טאַקט אַ קינדעריש טעלעפאָנדל אויף אַ

זייטיק טישל, וואָס ער באמערקט עס ערשט איצטער. מאָדנע, ווי ס'איז אים גאָרנישט נישט קיין וואונדער וואָס דאָס קינדערישע שפּילעכל באַוועגט עס מיט די שטאָלצן און ער דערזעט עס גאָר ווי אַ לעבעדיק לצל וואָס בייט דעם אויסזען מיט יעדן כאַ, כאַ, כאַ.

מיט אַ פֿאַרשטיינערטער שטומקייט הויערט אים אַנטקעגן דער גרויסער זאַל וואָס איז איצט אינגאַנצן אָפּן אַ פֿאַרטאַיעטער אין זיך. קיינער זעט אים נישט. קיינער הערט אויך גאָרנישט נישט. בלויז טויבער גליוווער.

— ווי בין איך דאָס פֿאַרקראָכן אין דעם טויבן לצים געזינדל?, — הערט ער זיך יאָמערן און ווערט אַפֿילו נישט נתפּעל וואָס דער יאָמער איז אויך טויב און שטום. אַלע זיינע אויסגעפּוצטע געוועזענע פֿריינד גלאָצן עפּעס פֿאַר זיך מיט שטומפּיקע פּנימער און טויטע בלעכלעך אויף די אָפּגעבליאַקעוועטע לאַצן. בלויז דער סאַרווער ביי דער טיר ווינקט צו אים מיטן ווייסן האַנטעכל. ער פֿארשטייט קלאָר דעם מיין דערפֿון: „פֿאַרליר נישט קיין צייט אין דער פּוסטקייט".

איילט ער ארויס אין דרויסן און לאָזט זיך לויפֿן מיטן טראָטואַר. אָט אָן דאָרט איז אַ בודקע באַלויכטן מיט אַ גרויסן פּראָזשעקטאָר. אַ פֿריילעך געלעכטער טראָגט זיך פֿון דאָרט. עס זעט אויס ווי אַן אָפּשטעל אָרט פֿאַר שאָפֿערן. „דאָרט מוז זיכער זיין אַ טעלעפֿאָן", — צאַפּלט ער צו צו דער אָפֿענער טיר. אָט איז טאַקע דער טעלעפֿאָן גלייך אַנטקעגן דער טיר. אַ יונג מיידל מיט אַ גרינעם לאָק פֿון פּאָרנט, בייסט אַ „האָט־דאָג" פֿאַרטרינקנדיק מיט אַ קאָלירטן טרונק פֿון אַן אָפּגעצאַצקעט פֿלעשל און רעדט מיט אַלע אברים אין טעלעפֿאָן אַריין. די אויסגעליידיקטע פֿלעשלעך אויפֿן נאָענטן טישל און די צעפּלאַמטע פּנימער און צעקאָלטנטע בערד פֿון די צוויי בחורים לעבן איר גיבן אים קלאָר צו וויסן אַז ער וועט אַזוי שנעל דעם טעלעפֿאָן נישט קריגן. זיי הערן גאָרנישט וואָס עס טוט זיך אַרום זיי. זיי רעדן אין ווייטן ערגעץ אַריין. זיין געבעט קומט נישט צו צו זיי און דאָס יסורימדיקע קול וואָס מאַכט אים הויל דאָס האַרץ דערגרייכט זיי נישט.

„אָט, אָ, דאָ נישט ווייט, אין דער מויער מיטן פֿאַרשפּיצטן טורעם, מוז אוודאי זיין מער פֿון איין טעלעפֿאָן". זיינען אָבער אַלע אַריינגאַנגען פֿאַרצוימט

מיט אַ דראָטענער נעץ מיט מילי־מיליאָסן לעכלעך ווי שפּילקע קעפּלעך די גרייס, און דורך יעדן פון זיי בליקן טויט דערשראָקענע אויגן פון אַ מאַסע מענטשן צוגעשמידט צו שוואַרצע סלופּעס אינעם ענדלאָזן עלנטן הויף. ווי אַ קאַרוזעל שווינדלט עס פאַרביי און עס דעקט זיך אָפּ אַ סקווער באַלויכטן מיט אַ צעהעלטער גרינלעכער ליכטיקייט. דורך אַ שמאָל ליקל פון דער זייט, ציט זיך אַ מחנה געהילט אין אַלערליי טראַכטן. קיין פּנימער זעט מען נישט נאָר הינטער די שלאַבעריקע טריט און געבויגענע רוקנס כמעט ביז דער ערד, שלייכט נאָך אַן אַנגסטיקער עלנט און תהומיקער יאוש: „ווײ, ווײ, ווי שנעל מ'וויל אַלץ פאַרגעסן. געלאָזט אונדז אַליין פאַרגיין!" פּלוצים בלינצלט פאַרביי אַ וואָיענדיק געלעכטערדיק ווידערקול, וואָס קומט, דאַכט זיך, פון פאַרשפּיצטן טורעם, וועלכער שטעקט איצט אין סאַמע מיטן פון אַ צעשפּאָלטענער רויטער לבנה: „די שפּיל פון טייוול" — שניידט עס זיך אין גאַנצן געביין.

— שפּיי אויס דריי מאָל און זאָג ווי אַמאָל פאַרביילויפנדיק דעם אַלטן קלויסטער־גאָרטן מיט די פאַרקרימטע שטיינערנע גולמעס, וואָס אונדזערע שכנים האָבן פאַרהייליקט ווי געטער: — „שקץ תשקצנו" . . .

— עַד מָתַי, טאַטע? — רייסט ער זיך מיט אַלע כוחות צו פאַרהאַלטן דאָס היימיש־טרויעריקע געשטאַלט וואָס איז אַזוי נאָענט און שווינדלט אַוועק צוזאַמען מיטן ווידערקול אין דער פאַרהוילעניש אַריין איידער נאָך ער האָט באַוויזן אויסצושטרעקן די הענט און אויסביטערן די טענה וואָס וויל דורכבויערן דעם רויטן פלאַם פאַר די אויגן: — ווייסט מען כאָטש דאָרט ? !

אַ טעמפּער געקלאַנג פון אויסגעשטרעקטע צוויי־שאַרפיקע העק אין ריזיקע גולם־הענט וואָס פאָכען אין אַלע זייטן, פאַרטריבן אַלץ.

— לויף וואו די פיס וועלן טראָגן! — יאָגט עס אים פון אָרט צו לויפן זוכן אַ באַהעלטעניש.

— לאָזסט אונדז אויך איבער אויף הפקר? — יאָמערט עס אין אים און הינטער אים, — מיינסט טאַקע אַז וועסט געפינען? — קען ער שוין קוים אָפּכאַפּן דעם אָטעם — נאַ, קוק און זע!

מיט געוואַלד רייסט ער די אויגן אויף און דערבליקט מיטאַמאָל אַ

געקלומפּער פון גרויס און קליין אין כלערליי משונהדיקע טראַכטן און צעפלאַמטע פּנימער. זיי זיינען אריינגעטאָן אין אויפשרייען און אונטערשפּרינגען צום טאַקט פון בלישטשנדיקע שטאָלענע צוויי־שאַרפיקע העק אין די הענט פון צוויי ריזן, וואָס פאַרמעסטן זיך איינער אויפן אַנדערן מיט אַ געשיקטער אויסגערעכנטקייט אַרויף און אַראָפּ אין פאַרשיידענע זייטן. מיט יעדן אַראָפּלאָז פון אַ האַק, פאַלט אַראָפּ אַ שטיק פלייש ווי אַן אָפּגעשיילט שטיק קאָרע פון אַן אַלטן בוים. מ׳זעט אָבער נישט קיין בלוט רינען, קיין ווייטיקדיקע גרימאַסע אויף די פאַרגולמטע פּנימער זייערע. בלויז אָפּגעשונדענע סקעלעטן וואָס שטאַרן אַרויס פון די געבערגלטע גרודעס ערד ווי פאַרשטיינערטע וואָרצלען פון אָרט נישט צו רירן. געלאַסן און ממש ריטמיש צום אויפגעשריי פון עולם בליצן די העק אין דער גרינלעכער העלקייט אַרויף און אַראָפּ ביז זיי שטעלן זיך פּלוצים אָפּ ווי פאַרגליווערט געוואָרן פון עפּעס אַ וואָיענדיק קול וואָס קומט, דאַכט זיך, פון מיטן דעם פאַרשפּיצטן טורעם וועלכער גלאָצט אַ פאַרגליווערטער פון דער הויך.

— די שפּיל פון טייוול. מ׳פילט שוין אַפילו נישט קיין ווייטיק . . . — רוימט אים עפּעס אַן עמעץ אין גאַנצן געביין אַריין — אַ וועלט שווינדל, און דער עולם טאַנצט מיט . . . שפּיי אויס דריי מאָל און אַנטלויף! איילט אים דאָס קול און שווינדלט אַוועק.

— איז דען דאָ אַ באַהעלטעניש? — ווילט זיך אים נאָכשווינדלען — ווער עס דען העלפן ? ! — אַ הילכיק בליציקער געקלאַנג פון די אויסגעשטרעקטע, שווינדלדיק זיך דרייענדיקע־העק אין די הענט פון די אָפּגעשיילטע גולמעס פאַרטויבט און פאַרווישט אַלץ.

אַן אויגנבליק בלויז, ווייסט ער נישט וואו ער געפינט זיך און ווייסט נישט פאר וואס עס קלינגט אים מיטאַמאָל אין די אויערן אַ לאנג שוין פאַרגעסענער ניגון וואָס קלאָרט זיך אויס אין אַ ציטערנדיקן שעפּטש: „באַהאַלט זיך אין פאַרהוילענעם זיכרון . . .״

ער באַווייזט קוים אויפצונעמען דעם שעפּטש און ער זעט זיך שוין זיצן אין ווינקל פון „חסידים שטיבל״ פון זיין ווייטן אמאָל. פון דער אָפענער גמרא אויפן פאַרחלבטן טיש מיטן הענגנדיקן פינפער לעמפּל איבער דעם, וויקלט זיך אַרויס אַ מעשה שהיה פון פאַרצייטנס, וואָס אי דער אָנהייב אי דער סוף אירער

לייגט זיך אים ביטער־שווער אויפן געמיט. עס הייבט אים פון אָרט און ער לויפט צו צו זיין עלטערן חבר און מדריך אין חסידות מאירטשע, וואס איז נישט לאַנג צוריק געקומען אַ שטאַרק צערודערטער פון דער מלחמה. איידער ער איז אַוועק אויפן פראָנט, פלעגט ער אָפט מיט איין קורצן מאמר פאַרענטפערן די שווערסטע קשייא.

— הער נאָר, מאירטשע, — פאַלט ער ממש צו צו אים — זאָג נאָך גאָרנישט, נאָר הער: איז טאַקע אַזוי דער גורל אונדזערער, אז אַ שד זאָל אַמאָל זיין דער שליח צו ראַטעווען יידן פון אַ צרה און דער פייערדיקער תלמיד פון ר׳ עקיבאן ר׳ שמעון בן יוחאי איז עס מקבל באהבה. זע נאר, וואָס מ׳דערציילט אונדז דאָ: „איינמאל האָט דאָס מלכות גוזר געווען אַז מ׳זאָל נישט אָפּהיטן שבת און נישט מַלה זיין (באַשניידן) די קינדער. האט זיך ר׳ראובן בן איסטרובלי צוגעשוירן די האָר ווי אַ רוימער און זיך פאַרשטעלט ווי איינער פון זיי און האָט זיי געפרעגט: אויב דו האָסט אַ שונא, ווילסטו אים אָרעמער אָדער רייכער מאַכן? האָבן זיי געענטפערט: אָרעמער מאַכן. האָט ער געזאָגט: אויב אַזוי זאָלן זיי נישט אַרבעטן שבת, וועלן זיי פאַראָרעמט ווערן. האָט ער זיי ווידער געפרעגט: אויב דו האָסט אַ שונא, ווילסטו אים שטאַרקן אָדער אָפּשוואַכן. האָבן זיי געענטפערט: אָפּשוואַכן. האָט ער זיי געזאָגט: אויב אַזוי, זאָלן זיי באַשניידן זייערע זין, וועלן זיי אָפּגעשוואַכט ווערן. האט מען אים געפּאָלגט און אָפּגעשאַפט די גזירה. אין אַ צייט אַרום האָבן זיי זיך דערוואוסט אַז דער עצה־געבער איז אַ ייד געווען, האָט מען צוריק באַנייט די גזירה.

האָט מען געזאָגט: ווער וועט גיין און מבטל מאַכן די גזירה? זאָל גיין ר׳שמעון בן יוחאי מיט ווײַל מען עס טרעפן אַלעמאָל נסים און מיט אים זאָל גיין ר׳אלעזר בן יוסי. זיינען זיי געגאַנגען און ווען זיינען צוגעקומען נאָענט פון רוים, איז זיי אַנטקעגן געקומען דער שד בן תמליון און זיי געזאָגט: „אויב ס׳איז אייער ווילן אַזוי, וועל איך גיין מיט אייך . . .״

האָט ר׳ שמעון זיך צעוויינט און געזאָגט: „צו דער שפחה (הגר) פון מיין טאַטנהויז (אברהם אבינו) האָבן מלאָכים זיך באַוויזן דריי מאָל און צו מיר קיין איין מאָל נישט . . . זאל אבער דער נס קומען דורך וואַנען ער קומט . . .״ איז בן תמליון געגאַנגען פאָרויס און זיך באַזעצט אין דער בת־מלך (ווי א דיבוק) וואס האט געהייסן רופן די חכמים, און ווען מ׳האָט גערופן די חכמים, האָבן זיי

איר איינגערוימט אין אויער: „גיי ארויס בן תמליון, גיי,“ איז זי געגעזן געוואָרן. האָט מען זיי באַלוינט מיט קענען אַריינגיין אין הויז וואו די אוצרות געפינען זיך און נעמען וואס זיי ווילן. האָבן זיי געפונען דאָס פּאַפּיר מיט דער גזירה און זי צעריסן . . .

— וואָס זשע שפּרינגסטו אַזוי אַרויס פון די כּלים? — האָט אים מאירטשע דורכגענומען מיט זיין אומעטיק צוגעלייגט קול — דאַרפסט וויסן, אַז אַ פּאָלק וואָס איז אין סכנה און אלע וועגן זיינען פאַר אים פאַרשטעלט צוליב עפּעס אַ חטא, מעג מען טאַקע וויינען אויף דעם בראָך, אָבער ראַטעווען מוז זיך עס מיט וואָס און פון וואַנען עס זאָל נישט קומען אַנטקעגן. פון דעם סוד וייסן, נישט נאָר די יחידי־סגולה פון דור. דער פּשוטער עולם זאָגט דאָך אויך: „זאָל זיין פון קאָזאַק, אַבי צום לעבן.“

— אויב אַזוי, מאירטשע, אויב אַזוי, — שטאַמלט ער אַ פאַרצאַפּלטער, אַז דער שד איז נויטיק. זיין שליחות כּשר, ווי אַזוי זשע און ווען וועט מען אים קענען אינגאַנצן פאַרטרייבן? . . .

אַ צעקרימטער שמייכל האָט זיך אויסגעלייגט אויף מאירטשעס פאַרצאָגט פּנים און די צויטן באָרד אויף ביידע זייטן קינבאַקן, האָבן עפּעס אויסטערליש געציטערט.

— אַז וועסט עלטער ווערן וועסטו פאַרשטיין, אַז מ׳מוז אַמאָל נאָך מער ווי דאָס מקבל באהבה זיין. דעם זין פון פאַרהוילענעם סדר העולם האָט נאָך קיינער דערווייל נישט אַנטפּלעקט און צום פאַרוואָס ס׳איז אַזוי, האָט נאָך קיינער דעם שליסל נישט געפונען. הלוואי אַז דו זאָלסט נישט געשטעלט ווערן צו דעם נסיון, אָבער עס טרעפט אַז מ׳מוז זיך נאָך שטעלן אויף דער זייט פון איין שד און אים העלפן בייצוקומען אַן ערגערן פון אים . . . נאַ, זע אַליין, — האָט ער שנעל געבלעטערט אין דעם אָפענעם ספר אין וועלכן ער איז פריער געווען פאַרטיפט און מיט אַ ניגון גענומען לייענען: „אין אַ שטאָט וואו ס׳האט געוואוינט אַ גרויסער תלמיד־חכם, איז געווען אַן אַלט פאַרלאָזטער ברונעם. האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטן אַ שד וואָס האָט זעלטן עמיצן געשאָדנט. בלויז אין די נעכט ווען די לבנה איז געווען אַ פולע, האָט מען זיך געהיטן דורכצוגיין דאָס אָרט ביחידות, ווייל ס׳האָט געטראָפן אַמאָל אַז איינער איז דאָרט געגאַנגען

אַליין, האָט עס אים גענומען שטאַרק ציען אַרײַנצוקוקן אין ברונעם און ווי ר׳האָט דערזען דעם גלאַנץ פון דער לבנה הויערן איבערן מויל פון דעם ברונעם, האָט זיך אים דאָס פּנים אויסגעקרימט און האָט דעם וועג אַהיים שוין נישט געפונען ביז ס׳איז טאָג געוואָרן.

איינמאל האָט דער שד זיך באַוויזן אין חלום צום חכם פון שטאָט און אים אַזוי געזאָגט „דו ווייסט דאָך אַז איך וואוין ביי אייך אין דער אַלטער ברונעם שוין פון קדמונים. ווי ווייט מעגלעך האָב איך קיינעם קיין שאָדן נישט געטאָן, ווייל איך בין נישט פון די שדים — מזיקים. בלויז אַמאָל אַמאָל, האָב איך זיך אַ שפּיל געטאָן און איבערגעשראָקן אַזאַ איינעם וואָס האָט אין אַ פולער לבנה־נאַכט זיך איינגעשטעלט צו וועלן זען מיין פּנים. מיר האָבן דאָך אָבער נישט קיין רשות צו ווייזן אונדזער פּנים צו אַ מענטשן סיידן אין חלום, האָב איך אים געמוזט דערשרעקן און פאַרקרימען אויף אַ ווײַלע און דו האָסט עס גלייך צוריקגעשטעלט מיט אַ בלויזן שפּרוך . . .

— ביסטו געקומען מיר זאָגן, אַז איך זאָל אויף דיר גוטס זאָגן? — האָט דער חכם זיך געוואונדערט.

— נישט נאָר דאָס, כ׳בין דיר געקומען זאָגן אַז כ׳האָב זיך דערוואוסט אַז איבערמאָרגן פּונקט ביים זון אויפגאַנג וועל איך זיך מוזן שלאָגן מיט אַ שד אַ מזיק וואָס וויל פאַרנעמען מיין אָרט אין ברונעם. זאָלסט וויסן זיין אַז ער איז איינער פון די מזיקים וואָס ווער עס וועט נאָר דורכגיין פּופּציק איילן פון דעם ברונעם סיי בייטאָג סיי ביינאַכט, וועט געניזוקט ווערן. ער שוינט קיינעם נישט און אפילו די האַרבסטע אפשפּרעכענישן העלפן נישט. כ׳פאַרלאַנג דעריבער פון דיר אַז דו זאלסט מיר העלפן אים ביי̆קומען.

— ווי קען איך? האָב איך דען רשות דאָס צו טאָן? העלפן אַזאַ ווי דו איז דאָך קעגן — האט דער חכם אים דערווידערט אין איינע שרעק.

— זאָג עס נישט. האָסט דאָך נישט קיין אַנדערע ברירה. דורך העלפן מיר, ראַטעוועסטו דיין קהילה פון אַ זיכערן אומקום. ווייל אויב יענער מזיק זאָל זיך שטאַרקן איבער מיר, וועט ער מיך בלויז פאַרטרייבן צו געפינען זיך אַן אַנדער אָרט ווייט פון אַ ישוב, אָבער דו און אייערע פרויען און מענער, קינדער און

זקנים וועט קיין איין מינוט מנוחה נישט האָבן. איר מוזט מיר העלפֿן ווייל איך וועל זיך קעגנשטעלן דעם מזיק אויך פאַר אייך . . . אויב דו ווילסט עס נישט טאָן, זאלסטו בעסער מאָרגן הייסן אַלעמען פאַרלאָזן דאָס פלאַץ.

— איז מיט וואָס קענען מיר דיר העלפֿן? — האָט דער חכם אַ שווערן זיפץ געטאָן.

— איבערמאָרגן אין דערפרי מיטן זון־אויפגאַנג, זאָלט איר מיט די ספר־תורהס אין די הענט אַרומרינגלען דעם ברונעם זיבן מאל זיבן און שרייען הויך אויפן קול: „אונדזערער זיגט! אונדזערער זיגט!" דאָס וועט אים אָפּשוואַכן און מיך שטאַרקן. און ווען איר וועט דערזען אַז דאָס וואַסער פון ברונעם איז רויט, וועט עס זיין דער סימן אַז איך האָב אים בייגעקומען, ווייל דאָס בלוט פון די מזיקים איז רויט ווי אַ מענטשס . . ."

— זעסטו שוין, — האָט מאירטשע אים אַרומגענומען מיט ביידע הענט, — — אָט האָסטו עס קלאָר און שאַרף. אַזאַ פאַרהוילענע שפּיל איז עס. גיי בעסער אַוועק פון דאַנען און קוק זיך צו אינעם מאַרק דאָ נישט ווייט ווי מענטשן געפינען כלערליי פאָרטלען ווי צו מאַכן זיך נישט זען די שפּיל און שפּינען זיך אויס גאָר אַנדערע חלומות. גיי! — עפענען זיך מאירטשעס ביידע הענט און פאַרשווינדן צוזאַמען מיטן ווינקל פון „שטיבל" און דעם שטילן זינג־געזאַנג וואָס איז אָט ערשט געווען מיט אים און פלוצים אויסגעגאַנגען גלייך ווי נישט געוועזן. ער געפינט זיך גאָר אינמיטן אַ טומלדיקן מאַרק וואו מענטשן האַווען אַרום פאַרשמאַיעט און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף אים. אָט איז אַ קראָם מיט אַ גרויס אויסשטעלונג פענצטער אָנגעפיקעוועט מיט אַלערליי סחורות. בלויז אַ צוויי טרעפלעך אַרויפצוגיין.

— דאָרט מוז דאָך אַוודאי זיין אַ טעלעפאָן, — ווערט אים אַזש וואַרעם אין אַלע אברים, — ער זאָל נאָר נישט פאַרפלאָנטערן זיך ביים אויסמאָלן דעם דאָקטאָר וואוהין ער דאַרף קומען. אָט איז טאַקע אַ טעלעפאָן אויפן אייבערשטן טרעפל און מ׳זעט קיינעם נישט נאָענט דערפון. ציען זיך אָבער די טרעפ מיט אַמאל אויס און פאַרדרייען אים זייטיק אין אַ קרעמל אַריין מיט ליידיקע פּאָליצעס. אין ווינקל לעבן הויכן טיש שטייט אַן אַלטע, שטאַלטנע יידינע פאַרפוצט אין אַ פאַרצייטיש שטערנטיכל, וואָס הענגט פאַרשפּיליעט

מיט זיידענע בענדלעך אָן אַ סאַטינענעם קלייד מיט אַ ווייסן געפּרעסטן קאָלנער וואָס האַלט אונטער די פּאַרשפּיצטע גאָמבע.

— וואָס ווילסטו, ייִנגעלע? — בייגט זי אויס דעם קאָפּ צום פענצטער וואָס קוקט אַרויס צו יענער זייט גאַס, וואו עס שפּרייטן זיך די אומעטיקע פּאַרנאַכטיקע פעלדער. בלויז אַ קופּערנער גלאַנץ פון דער פאַרגייענדיקער זון הויערט נאָך איבער זיי און שלאָגט זיך אָפּ אין אַ מאַטאָווען עלנט אָן דער פאַרטונקלטער קראָם מיטן אויסגעדרייטן דיל, וואָס ער האָט ערשט איצט באַמערקט דורך איר שטאָלפּערן צו אים. מאָדנע ווי עס וואונדערט אים גאָרנישט וואָס ער דערפילט זי ווי אַ קליין ייִנגל, ווי נאָר זי בייגט זיך אַריבער אים און גליאַמדזשעט מיט די לײדיקע יאַסלעס גלייך אים אין פּנים אַריין. — עך זוג דאָך ערשט „גאָט פון אברהם״, ייִנגעלע. אַ גרויסער זומער טאָג געווען און אַ הייסער. פּאַר צענען מאַכט מען קיין הבדלה נישט. און דערנאָך דאַרף עך ערשט געפינען די שליסלען, און —

— און איך האָב כּוח דען צו וואַרטן? ס'איז דאָך פּיקוח נפש! — רייסט זיך פון אים אַרויס אַ שליוכץ וועלכער ציט זיך גלייך פון דאָרט פונעם צעבראָכענעם בעטל אינעם פינצטערן צימער ביז אַהער. קוים הערנדיק דאָס סקריפּען פון די צעבראָכענע צעדרייטע טרעפּ און קוים מערקנדיק דעם צי מיט די פּלייצעס פון דער שטאַלטנער אַלטיטשקער, שפּאַנט ער שוין אין דעם גרויסן דרויסן, האַרטביים פּלויט פון יענער זייט וועג. אַ פּחדימדיקע פינצטערניש וויקלט זיך ווי אַ קנויל און פּאַרפּלאָנטערט בערגלעך אוןביימלעך. שלינגט זיי איין אָן אַ שפּור. קיין לעבעדיק נפש איז נישט צו זען. „עס קען דאָך אָבער נישט זיין אַז ס'איז שוין עק וועלט דאָ? דרויסן פון אַלץ" — טרייבט עס אים צו שפּרייזן מיט ייִנגלעשער איילעניש פּאַזע דעם פּלויט און די שטעכלקעס אַרום. דער אַנגסטיקער ווייטיק אין אים איז אַזוי דין איצט אַז ער ציט זיך ווי אַ נאָדל־פּאָדעם הין און צוריק, פון דער ווייטער שטומקייט דאָרט צווישן טויבע מענטשן ביז אַהער אין דער געדיכטער ליידיקייט.

— אוי וויי, ער האָט שוין אפילו דעם טעלעפאָן נומער פאַרגעסן . . . — דערפילט ער מיטאַמאָל ווי אַלץ רייסט זיך אָפּ אין אים און מיט דעם רייסן זיך אָפּ פון פּלויט עטלעכע ברעטלעך און דורך דער עפענונג שפּאַרט אַרויס אַ

גרעלע ליכט פון קאָלירטע לעמפלעך וועלכע הענגען אין דער לופטן און באַלויכטן נאָר דעם שטח אַרום זיך. פון אינמיטן הויף טרויערט אַנטקעגן אַ שטיקל פּאָספּאָריש קאָלירטער שטח אויסגעביסן פון דער פינצטערניש ווי אַן אָפּגעשלאָסענער עיגול, אָן אַ שיין צו וואַרפן אַרום זיך. מיט אַ מיג פון אַן אויגנבליק טוט זיך אַ בלינצל אויף אַ חרובער ברונעם באַוואַכט פון פאַרקרימטע, פאַראָבלטע סטאַטועס. זיי לאַכן, דאַכט זיך, אָבער נאָר דערפאַר ווייל ס'איז זיי שוין נמאס צו וויינען. אַ צעפּראַלטער שייער סקריפּעט מיט צעדרייטע טירן אויפן בערגל דאָרט ווי ער וואָלט וועמען געאײַלט און עפעס שוידערלעכס געוואָלט פאַרמיידן. אַ הויך געשטאַלטיקער פאַרשוין מיט אַ האַרטן צילינדער־הוט אויפן קאָפּ שרייט עפעס ביז פאַרטויבטקייט אויף אַ נידעריקן, אין שמאַטעס געהילטן מענטשעלע וואָס מוטשעט זיך אַרויפצושטופן אַ וועגעלע אויפן בערגל אַרויף און עס האַלט אין איין גיין צוריק. אַ יונג מיידל שפרינגט פלוצים אַרויס פון הינטער איינער פון די געטשקעס און העלפט אים שטופן דאָס וועגעלע. דער הויכער שפרינגט אונטער פון כעס אַזש דער צילינדער האָפּסלט אים אויפן קאָפּ און פאַרשאָטנט זיין גאַנצן הילוך.

ערשט דאַן דערשפּירט ער, אַז ער זעט נישט נאָר מיט די אויגן נאָר מיט אַלע אברים ווי פון אַלע זייטן ציען זיך מחנות שאָטנס אַרויף צום בערגל. דאַכט זיך, אַז ער הערט אַ מאַויימדיקן ניגון אויפגיין פון זיי נישט ווי אַ קלאַנג פון אַ קול, נאָר ווי אַ צוקנדיק צישען פון פונקען פון צאַנקנדיקע ליכט. אַן אויפבליץ און אַן אויסלעש אין איין אויגנבליק. ער זעט די ווערטער וואָס פלעמלען איבער זיי אין געדיכטן חושך. ער קען זיי אבער נישט צונויפשטעלן. דאס בערגל ווערט אַלץ העכער און הויערט איבערן חושך און איבער די שאָטנס מיטן זעלבן פּאָספּאָרישן ליכט פון אַנטבלויזטן שטח, וואָס בלויז דער מאַויימדיקער ניגון קען עס דורכבויערן. ער זעט אָבער, אַז אויך פון דאָרטן פונעם אונטערן באַרג חלל, גרוילט אַן אימהדיקע ליידיקייט פון אַ ווייטער פאַרהוילנקייט וואָס שלינגט אַלץ איין. אויך זיין קול קומט איצט אַרויס פאַרהוילן און קען בשום אופן נישט מיטפלעמלען מיטן ניגון און די צישנדיקע ווערטער. ער צאַפּלט נאָר אין זיך. „זיי הערן דאָך נישט מיין געשריי, און דאָך פיל איך אַז זיי ווייסן אַז איך שריי. זיינען זיי טאַקע טויב און שטום?‟ — ציטערט אויף אים די הויט פון זייער אַנגסטיקן איבעררופן זיך אָן אַ קול, וואָס לייגט זיך אויס אין אַ פאַרצאַפּלטער וואָרענונג.

— שנעלער פאַרבאַהאַלט זיך, פאַרמאַכט די טויערן. אַ פרעמדער איז צווישן אונדז...

— העלפט, ווער איר זאָלט נישט זיין, נישט קיין פרעמדער נאָר אַ פאַרבלאָנדזשעטער. די וועלט איז אין יסורים. אַ פאַרבינדונג דאַרף איך. כ׳האָב פאַרלוירן דעם וועג. הערט איר טאַקע נישט מיין געשריי?! — צעהעשעט ער זיך אין רחמנות אויף זיך אַליין און פאַרגעסט נישט גלייכצייטיק אַריינצושטופּן זיך אינעווייניק אין הויף אַריין. מ׳זאל חלילה נישט פאַרהאַקן דעם טויער און אים לאָזן אין דרויסן.

— אַ נייער שטורעם קלייבט זיך ערשט! — הערט ער דאָס קול פון מיידל און אַל־דאָס פריערדיקע איז שוין אויסגעמעקט און צוריקגעשליידערט צום דרויסן דאָרט וועמען די שווערע טירן מיטן גרויסן שלאָס האָבן דעם וועג פאַרשטעלט, — אַ רחמנות אויפן פאַרבלאָנדזשעטן, — חוזקט זי, דאַכט זיך, — מיינט נעבעך, אַז ר׳איז שוין געראַטעוועט . . .

מאָדנע אָבער וואָס נישט דער חוזק און נישט דאָס רחמנות אירס רירט אים אָן. אויך דער פריערדיקער פחד איז פאַרשוואונדן און נאָר א פיינלעכע נאָגעניש פאַרוואס עס דויערט אַזוי לאַנג און ער ווייסט שוין אפילו נישט נאָך וואָס ער איז געקומען אַהער, קלעמט מיט טרערן. „כ׳בין אינגאַנצן אַראָפּ פון וועג״.

— נו, נו, שאַ שוין, און אָן געוויין! — — טוט דער צילינדער־הוט אַ האָפּסל צו מיט איין שפּרונג — צו וועמען מ׳קומט עס מישטיינס געזאָגט נאָך הילף . . .

דאָס נידעריקע דערשלאָגענע מענטשל וואָס זעט אויס ווי אַ געשלאָגן הינטל באַקומט אויך לשון און ציקלט אים אין פּנים אַריין: „ער דאַרף אַ דאָקטאָר, אַ טעלעפאָן. זאָל מען אים אפשר ווייזן די לעמפּלעך? . . .״

— נאָר קיינעם נישט אויסזאָגן. נאָך נישט געקומען די צייט. — וואָרנט דער צילינדער־הוט און נעמט אים פירן דורך געשלענגלטע וועגלעך צווישן פאַרדאַרטע ביימלעך, אויסגעטריקנטע קוסטעס און האַלב איינגעפאַלענע טרעפּ

און פֿאַרפֿוילטע ברעטלעך וואָס פֿאַרשמעלערן נאָך מער דעם וועג אין די פֿינצטערע ליקלעך וועלכע זיינען אים אַזוי באַקאַנט. „קען עס דען זיין אַז ער איז ווידער אין זיין שטעטל? ווי איז דאָס מעגלעך? ער ווייסט דאָך אַז ס'איז שוין אָפּגעווישט געוואָרן גליייך אין אָנהויב פֿון מלחמה. נישט אַנדערש נאָר אַ פֿאַרבלענדעניש אַזאַ וואָס פֿאַרפֿירט בכיוון אַז ער זאָל פֿאַרשפּעטיקן" — נאָגט דאָס געפֿיל אַז ס'איז שוין סיי ווי צו שפּעט און דער טראָט זיינער שלאַבעריקט. קוים קוים וואָס ער גייט. ער ווייסט אויף קלאָר שוין, אַז כאָטש ס'איז חושך מצרים אַרום און אַרום, מ'זעט נישט קיין לעבעדיק באַשעפֿעניש, הויערן דאָ אין אַלע זייטן אויגן פֿון אַ גרויסער נייגעריקייט וואָס קוקט מיט שפּאַנונג פֿון הינטער שווער באַלאַדענע אַלטמאָדישע געביידן, וועלכע ליגן דאָ פֿאַרהוילן אין געדיכטן חושך. מיט יעדן טראָט פֿאָרויס האַלטן זיי זיך אין איין אַנטפּלעקן און פֿאַרדעקן. ער הערט אָבער דאָס שעפּטשען הינטער די גראַטעס. אַן עלנט ברומען פֿון שפּליטערן פֿון ניגונים הילט אים איין מיט באַדויערן ווי שוין נאָך אַלע היומס, געמישט מיט חוזק־קנייטשן און סתם טויבע לערקייט.

— זע נאָר ווען זיי פֿירן דאָ. און ער גייט זיי נאָך . . . — שפּירט ער ווי עס רעדט און זשומעט אַרום אים.

— כ'דאַרף דאָך אַ טעלעפֿאָן, — ענטפֿערט עס אין אים און ער ווייסט נישט צי איז דאָס טאַקע וואָס ער דאַרף נאָך. ער ווייסט דאָך אַפֿילו נישט דעם נומער פֿון טעלעפֿאָן און צו וועמען און טאָמער איז ער נישטאָ אין דער היים?

— ווער? — באַנעמט ער אַז מ'פֿרעגט אים אָבער דער ענטפֿער ליגט אַ שטיק גליוווער אויף דער שפּיץ צונג.

— מירן נאָך אָנקומען פֿאַרן שניי, — שעפּטשעט אים ווער אין אויער אַריין מיט אַ בריענדיקן הייסן אָטעם. אים, אָבער גליווערט אַ קעלט.

— אַזוי לאַנג דאַרף עס דויערן?!

— מ'דאַרף נישט רעדן. זיי וועלן נאָך די טירן פֿאַרמאַכן. — וואָרנט דער צילינדער־הוט און טוט אים אַ שטויס אַריין אין אַ האַלב געעפֿנטער טיר פֿון אַ צימער וואָס איז אויסטערליש באַלויכטן. דאָס ליכט קומט נישט פֿון אויבן און

נישט פון דער זייט, נאָר פון אונטער די טריט. מיט יעדן טראָט אין צימער אַריין צינדט זיך אָן אַ קאָלירט לעמפל איבערן מאָזאיש געקעסטלטן דיל, וועלכער גלאַנצט פּאַספּאָריש דורכזיכטיק און דעקט אויף אַ פיר־עקיק ליידיק צימער אָנגעפילט בלויז מיט אַ ציטערנדיק געלעכטער פון אַ ייִנגעלע מיט אַ פול דערוואַקסן פּנים און געקליידט ווי אַ פּאַזש. ער זיצט צווישן די לעמפלעך וועלכע הענגען געדיכט איבערן דיל און גלעט אַ טעלעפּאָנדל, א מין קינדעריש שפּילעכל.

— קענסט מיך נישט? איך בין דער מייַנסטער דאָ . . . — ציקלט זיין געלעכטערל שוין גאָר נישט קינדעריש דערלאַנגנדיק אים דאָס טעלעפּאָנדל שטיקלעכווייז, — עס קלינגלט? האַ?! מ׳דאַרף עס צונויפשטעלן!

— פּרוּאוו נאָר! — מורמלט טרויעריק דער צילינדער־הוט און האָפּסלט אַריין אין אַן אַנדער צימער אַריין. וואַקסט פּלוצים אויס דאָס מיידל פון אַ פאַרשטויבטן ריזיקן טעלעפאָן־בוך אַרויס און אירע בלאָנדע לאָקן און די שמאָלע אַקסלען צוקן נערוועז ווי זיי וואָלטן איבערגעגעבן די אימה וואָס איז אים פּלוצים באַפאַלן: „ווי אַזוי וועט ער געפינען דעם נומער, אז ער ווייס דאָך שוין נישט וועמען ער זוכט.״ ער בלעטערט אָבער די בלעטלעך וואָס צעקריכן אונטער די פינגער. ער זוכט און זוכט. אַלע נעמען זיינען דאָ אזוי פרעמד און ווייט. עפּעס אין גאַנצן פון אַן אנדער וועלט. אַ שווייס באַפאַלט אים אַזש צוזאַמען מיט אַ ציטער אין אַלע אברים. אָט אָט וועט דאָ עפּעס געשען. דאָס מאָדנע צעקנייטשטע מענטשעלע שטייט שוין ווידער לעבן אים, שאָקלט מיטן שפּיציק אויסגעקראָכענעם בערדעלע און צעהוידעט זיך מיט אַמאָל אין אַ גרויליק געלעכטערל:

— זיי האָבן אונדז באַמערקט די נאַראָנים! — טוט ער אַ שפּרינג צו דער האַלב אָפענער טיר און באַווייזט זי נישט צו פאַרמאַכן. אַ קויל שניי טוט אַ פלי אַריין אין צימער מיט אַ גערודער פון בייזע קולות:

— טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען, פרעמדע רוחות!
— שדים און נישט גוטע וואוינען מיט אייך!
— אין אייער רו אַריין! גייט פון דאַנען איידער די אמתע חתונה הייבט זיך אָן!

די לעמפּלעך אויפן מאָזאַישן דיל טוען זיך גלייך אַ לעש אויס און עמעץ טוט אים אַ שלעפּ אַריין אין דער טיפער פינצטערניש אַריין. ער הערט דאָרט קלאָר ווי אַ טרוקן באַפעלעריש קול אַנגסטיקט: „האַלאָ צענטראַלע, האַלאָ! שוין דאָס זיבעטע מאָל אַז איך רוף און קריג נישט קיין פאַרבינדונג!"

צוזאַמען מיט דער אַנגסט קומט גלייכצייטיק אָן הכנעהדיק צוגעלייגט קול וואָס פאַרענטפערט זיך: „מיר ווייסן. צוועלף מענטשן האָבן אונדז געלאָזט וויסן וועגן דעם."

פון יענער זייט אַנגסטיקט מען אָבער אָן אויפהער: „אַ דאָקטאָר, אַ דאָקטאָר דאַרף מען און טאַקע שוין!"

— אַלע גאַסן, אַלע געמאַרקן, געביַיען, נידעריקע הייזער און בערג און טאָלן, טייכן, וואַסערן, ערד און הימל און ימים, גרוילן אין איין קול: אַ דאָקטאָר, אַ היילער! — טראָגט זיך דאָס ווידערקול פון אַ ווייטער פאַרהוילעניש ערגעץ — מע קען אָבער מער נישט פאַרבינדן. איבערגעריסן!

— איבערגעריסן! — יאָמערט עס מיט אַמאָל אין דער גאַנצער פּוסטקייט און פון אומעטום יאָגן צעבושעוועטע ווינטן.

אין דער זייט, אין אַ נישע וועלכע ער האָט ערשט איצט באַמערקט, שטייט דער צילינדער־הוט מיט די פּלייצעס צו דער פינצטערניש און פאַר אים אַ געל ליכט, וואָס צייכנט בולט דעם איבערגעריסענעם טעלעפאָן־שנור וועלכער צאַפּלט מיט עפּעס נישט פאַרשטענדלעכע קלאַנגען ווי דער כאָרכל פון אַ נוטה למות. פון דער זייט שלייכט זיך אַ צעקנייטשטע אַלטיטשקע אין אַ טערקישן הויב און אַ שטערנטיכל. זי שמייכלט צו אים מיט אַ הויל מויל: „קוים זיך דערוואַרט אויף דיר. ער וועט נישט פאַררעכטן. צו לאַנג געוואַרט. זעץ זיך צו, וועמיר באַווייַנען די שדים־שפּיל . . ." — גליאַמדזשעט זי די ווערטער מיט אַ סענילן יסורים־טאָן, — שוין דער סאַמע סוף. אַלע מיינע קינדערלעך נעבעך — — —

— האַלאָ, צענטראַלע! האַלאָ! — דונערט עס פון אַלע זייטן און דער ענטפער טראָגט זיך ווי אַ ווידערקול פון זעלבן אָרט, פון סאַמע מיטן פונעם

צילינדער־הוטס צוקנדיקע אַקסלען און איבער אים אַ געשפּענסטיקע לבנה בלוטיקט רויט אויף ווײַט טרויעריק הפקרדיקע פעלדער אָן אַן עק.

— ענטפערט, פאַרבינדט! — אַנגסטיקט נאָך אַלץ דאָס פריערדיקע קול און ציקלט זיך אינעם הפקר און בלײַבט דאָך הויערן אַזוי נאָענט ווי עס וואָלט געציקלט פון אים, פון דער אַלטער וואָס רײַבט זיך די קנאָכיקע פינגער פון יסורימדיקן תענוג: „שוין איבערגעקומען . . . אָט אַ שפּיל געווען . . . מײַנע קינדערלעך נישטאָ. נישטאָ.

— שוין איינמאָל אַ שפּיל . . . — צאַפּלט מיט דאָס מיידל מיט די בלאָנדע האָר וועלכע זיצט אַ צוגעדריקטע צום ייִנגעלע מיטן מאַנסבילשן פּנים. ער איז דער איינציקער דאָ וואָס שמייכלט אָן אַן אויפהער. דער גאַנצער האָקוס פּאָקוס איז אינגאַנצן אַרום אים. ווי נאָר ער טוט אַ באַוועג אַן אבר זײַנעם, צינדט זיך אַ קאָלירט פּאַספּאַריש לעמפּל אָן און טוקט זיך אונטער ווי אַ חוזק שמייכל.

— אַ פײַנע שפּיל . . . — שעפּטשעט די אַלטיטשקע, — זע נאָר ווער ס'איז געבליבן. — טוט זי אַ וויש מיטן אַרבל פון דער ברייטער שליעפּ איבערן לענגלעכן טעלעפאָן ביכל וואָס זי ציט אַרויס פון אונטערן פאַרטעך אַפער און עס טוען מיטאַמאָל אַ שײַן אויף מאָדנע ציפערן אויסגעשטעלט ווי אַ סגול וואָס שפּרינגען אָפּ און שטעלן זיך איבער ווי נאָר מ'וויל זיי אויסשטעלן אין אַ סדר. אויך מיט די פּאָר אותיות, אַ נשאר פון אַ סך מער אָפּגעמעקטע שוין, געשעט דאָס זעלבע.

— נישט כדאי מער צו קוקן, — טרויערט זי ביטערלעך, — אַ פאַרבלענדעניש.

ווײַזט אויס אַז זײַן פּנים האָט פּלוצים אויסגעדריקט עפּעס אויסטערליש, ווײַל דאָס ציגן־בערדל ביים שמייכלענדיקן ייִנגעלע און דאָס גאַנצע געשטאַלט פונעם מיידל האָבן גענומען ציטערן און פאַרענטפערן זיך: „מיר האָבן נישט געוואָלט נאַרן. ביסט דאָך אַליין געקומען.” — האָט עס געפלאַפּלט אַרום אים מיט אַ פלאַטער פון טיפן באַדויערן, — נישט געוואָלט נאַרן, נאָר גענאַרט און פאַרפירט.”

— אַ פיינע שפּיל? שוין איינמאָל אַ שפּיל פאַר פאַרבלאָנדזשערס . . . גלעט אים די אַלטיטשקע און שטויסט אים אַרויס פון דער פינצטערניש, — נישטאָ דאָ קיין טעלעפאָן. אַ שפּיל אַזאַ בלויז פון אייביק אָן ביז צו דער אמתער חתונה . . . — דאַכט זיך אים אַז זי כליפּעט און שמייכלט אין זעלבן אויגנבליק.

***

שפּאַנט ער שוין אַליין אין אומעטיקן דרויסן, וואָס בלענדט איצט מיט לבנה־גליוווער און צעגליעטן מאָרגן־שטערן־שיין און — עפנט די אויגן שטאַר אין דער געשפּענסטיקער גרויקייט פון צימער. סע שאַריעט אויף טאָג, אָבער ס'איז נאָך אַלץ שטיקנדיק הייס. דאָס געלעגער איז אויסגעווייקט פון שווייס. אין קאָפּ אַן אַנגסטיקע הוילקייט. קוים וואָס ער דערשלעפּט זיך צום טעלעפאָן וואָס האָט זיך פּלוצים צעקלינגלט.

— ווער רופט?! — צאַפּלט ער אין טרייבל אַריין. נאָר פון דאָרט אַנטשולדיקט זיך אַ הייזעריקלעך קול. „איי עם סאָרי, איי מאַסט העוו איי ראָנג נאָמבער" (כ'באַדויער זייער, געקראַגן דעם נישט ריכטיקן נומער)

— דער סייסמאָגראַפישער אינסטיטוט אין שוועדן מעלדעט — רייסט אים ענדלעך אַרויס פונעם פּלאָנטער דאָס ווייטע קול פונעם ראַדיאַ־אַנאָנסירער, — אַז די „ריכטער מעסט־אינסטרומענטן", זיינען היינט פאַרטאָג אַרויפגעשפּרונגען אַריבער אַלע אָנגענומענע מאָסן. עס זעט אויס, אַז אַ נאָך נישט באַקאַנטער אויפרייס מאַטעריאַל איז ערגעצוואו אויסגעפּרואווט געוואָרן. וויסנשאַפטלער נעמען אָן, אַז דער נישט באַקאַנטער אויפרייס איז מער צעשטערעריש ווי די הידראָגען באָמבע. אויספאָרשונגען וועלן גלייך אונטערגענומען ווערן.

— וואָס פאַר אַ פיינע שפּיל מ'גרייט עס צו . . . — האָט אים ווידער פאַר די אויגן גענומען שווינדלען דאָס צעקנייטשטע ביטער־שמייכלענדיקע פּנים פון דער אַלטיטשקער, — גאָר אַ פיינע שפּיל . . .

# פון די דאַכטענישן אויף דער האַלבער וואָר

## (פון די פאַרצייכענונגען אין שפּיטאָל)

פּלוצים, איז דער גליווערנדיקער ווייטיק אַרום האַרץ לינדער געוואָרן. אויך די נאַכט־שרעקן פון די קאָשמאַרישע וואַנדלונגען אין אַ פלאָנטער פון אַנגסטיקע, מאַקאַברישע זעאונגען, זיינען ראַפּטום צעפלאָסן געוואָרן אין אַ נעפּלדיקן ערגעץ אַריין, וואָס די האַלב פאַרמאַכטע אויגן קענען בשום אופן נישט אויסמאַרקירן צי ס'איז גאָר נאָענט צי גאָר אַ ווייטע פאַרהוילנקייט.

ביסלעכווייז אָבער, כאָטש עס קומט אויס ווי אַן אייביקייט, דערשפּירט ער אַז ער נישטערט נאָך אַלץ אין דעם נעפּלדיקן מישמאַש כדי ווידער צו דערבליקן די בליץ־שנעל פאַרשוואונדענע זעאונגען וועלכע האָבן זיך נאָר וואָס קאַליידאָסקאָפּיש געיאָגט פאַר די אויגן. די אויסטערלישע ליכט־שפּליטערן איבערן טיף בלויען הימל מיט די מיסטעריעזע צייכנס, גליווערן נאָך אין אויפגעוואַכטן זיכרון און מיניען זיך אין פאַרטונקלטן חלל מיט כלערליי אָנווינקען, וואָס דאַרפן דינען צו באַנעמען זייער מיין. שטרענגט ער זיך טאַקע אָן מיט כל־אַמצי כוחות צו דערגרונטעווען זיך צום סאַמע טיף זייערן, זיי ווערן אָבער אַלץ בלאַסער און בלאַסער מיטן דערנענטערן זיך צו זיי. הינטערווײַלעכץ אַנטרינען זיי אין דעם ערגעץ מיט אַ צאַפּלענדיקן ציטער און טריבן באַדויער, וואָס שטעכלט, דאַכט זיך, אין די פאַרטויבטע אויערן אין אַן אויסטערליש לשון. ער הערט עס צום ערשטן מאָל און וואונדערט זיך אפילו נישט וואָס ער פאַרשטייט עס אַזוי קלאָר און אָפן: „אַז דו ווייסט נישט דעם זין פון גאַנג, ווי קענסטו וויסן דעם באַשייד״.

רייסט ער די אויגן אויף נאָכצואיילן דעם צאַפּל, ווערט גאָר אַלץ פאַרהוילענער נאָך און פאַרפאַלן אין דער פאַרהוילנקייט וואו אפילו דער אויפגעוואַכטער זיכרון קען שוין נישט גרייכן. דאָס שמאָלע שפּיטאָל צימער איז פול שוין מיט דער גרויקייט פון פאַר־טאָג געפאַרבט פון מאַטע

שפּליטערן פון ערשטער הימל־רויטקייט. ס׳איז שטיל דאָ אַרום. בלויז דער שליאַפּ פון ווייך שוועבנדיקע טריט שווינדלען פאַרביי דורך דער האַלב אָפענער טיר.

פונעם אָפּגעלייגטן צימער אויף יענער זייט קאָרידאָר, שווימט פּלוצים אָן דער אָפּקלאַנג פונעם געיאָמער פון דעם צעווייטיקטן בחור וועמעס רוקן איז צעשפּליטערט געוואָרן אין אַן אומגליקספּאַל און ער ליגט שוין איבעראַנאַנד וואָכן לאַנג. ווי נאָר ער כאַפּט זיך אויף פון די פאַרשלעפער־פּילן וואָס מ׳גיט אים אויף איבער נאַכט, נעמט ער שרייען: „פאַר וואָס? וועקט מיך בעסער נישט אויף!״

„איז דאָס דער מיין, דאָס דער באַשייד?״ — רודערט אַ ווײַלע אַ מחשבה און וערט גלייך פאַרנומען מיט איינהערן זיך צום גלעטנדיק פאַרבענקטן צוויטשערן פון אַ פויגל צווישן די צווייגן פונעם קאַרשן־ביימל לעבן פענצטער. איבער נאַכט, האָט זיך עס אָנגעטאָן אין ווייסער בליעכץ און שמייכלט מיט דעם אין צימער אַריין.

„איז דאָס דער מיין? אין דעם דער באַשייד?, — ווילט זיך נאָך אַלץ דערמאָנען און אָנקניפּן דאָס נאָר וואָס געזעענע אינעם קנויל וואָס הויערט ערגעץ אין דער פאַרהווילנקייט. „מ׳דאַרף נאָר קענען אַ גוטן שפּרינג טאָן און אויסשטרעקן די הענט פאָרויס״. שפּירט ער אָבער מיטן גאַנצן געביין אַז דאָס טאָר ער נישט און קען נישט מער. „אבער גיין קען ער דאָך נאָך. טאַקע פּאַמעלעך, טראָט ביי טראָט, אָבער ס׳איז אַלץ געגאַנגען. און מ׳וועט מוזן צוקומען נעענטער צום קענען דערזען.״

אָט, שפּרייטן זיך טאַקע פאַר די אויגן די סטעזשקעס וואָס ציען זיך פון יענער זייט פענצטער. איינע שלענגלט זיך אַרויף אַרויף שטיינערדיק ביז צום באַוואַלדיקטן שפּיץ וואָס איינזאַמט דאָרט אין אַ ווייסן נעפּל, און איינע ציט זיך גלייך, אַן אַספאַלטירטע, העט ווייט אוועק אין אַ לאַבירינט פון גאַסן און מויערן. אַלע זיינען דאָ אין געאייל און יאָגן זיך וואָס ווייטער און ווייטער. אויך ער איילט זיך, נאָר מוז זיך אַלע מינוט אָפּשטעלן אויף צו כאַפּן דעם אָטעם. ער טאָר זיך טאַקע מער נישט איילן, אָבער ער מוז דאָך געפינען דאָס אָרט וואו עס ליגט פאַרבאָרגן דאָס ספרל פול מיט סודותדיקע אָנוואונקען

וואָס זאָגן אַזוי פיל צו. מיט יאָרן צוריק האָט ער זיך דאָך ארויסגעלאזט זוכן דעם באַשייד דערצו. איצט, ווען די פיס זיינען אַזוי שלאַבעריק געוואָרן און די אויגן פאַרטונקלט, מוז ער עס דאָך עמיצן איבערגעבן. ס'איז דאָך דער לעצטער חוב וואָס ער דאַרף נאָך סילוקן. אָן אָ, שפּאַנט פּאָרויס זיין באַליבסטער תלמיד. זאָל ער עס מיטנעמען מיט זיך. „וועט עס אים אָבער גרינגער מאַכן דעם שטיינערדיקן באַרג־קלעטער?״ — רוט ער זיך אָפּ אַ ווײַלע און דערבליקט פלוצים דורך אַ בליציקן אויפלויכט צווישן מויער און מויער זיך אַליין שטיין מיט כמה יאָרן צוריק אין בערישל משכילס בוידעם־שטיבל און פיבערן ביים אַריינקוקן אינעם ספרל וואָס ער האָט בלויז צו יחידי־סגולה אַנטפּלעקט. עס פּלאַטערט דאָך אין אים נאָך איצט דער ציטער אין גאַנצן לייב און בליאַסק פאַר די אויגן פון די סודותדיקע זעאונגען וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין די שוין שטאַרק צעקנייטשטע בלעטלעך. „נעם עס מיט זיך, יאַנקל, און באַהאַלט עס אין אַ זיכער אָרט ביז דער שליסל צו דעם וועט זיך אָפּגעפינען״ — טוליעט זיך יענעמס סודותדיקער שעפּטש אין גאַנצן געביין אַריין, אַז דער מהלך רב פון דאָרט ביז אים שרימפּט איין צו עטלעכע שפּאַן בלויז. אין איינער פון די הייזער מיט די משופּעדיק געדרייטע טרעפּ האָט ער עס דאָך אַוועקגעלייגט צוזאַמען מיטן תפילין־זעקל וואו ער האָט עס טיף אַריינגערוקט ביים אַרויסשלייכן זיך פון דאָרט אויף די שפּיץ פינגער. מוז עס דאָך אָט אָ דאָ ערגעץ זיין. ער שפּירט עס און צאַפּלט פון קאָפּ ביז די פיס ממש. „זאָל ער עס נאָר אַן עפן טאָן, וועט ער שוין וויסן ווי אַזוי עס איבערצוענטפערן דעם תלמיד זיינעם. עס וועט אים העלפן צו געפינען דעם שליסל״ — שפּאַנט ער נאָך מיטן בליק דעם אייליק טענצלדיקן גאַנג פון יונגען געשטאַלט וואָס האלט זיך אין איין פאַרשאָטענען און צוריק באַוויזן.

„נו שוין, ווען״? — הערט ער, דאַכט זיך, זיין תּרעומותדיקע טענה וואָס שפּרייט זיך אויף צוריק פון אונטער זיינע טענצלדיקע טריט. מאָדנע אבער, וואָס מער ער קוקט זיך איין אין אומגעדולדיקן טענצלען, אַלץ קלאָרער ווערט אים, אַז ס'איז גאָר איינער פון זיינע אייניקלעך וואָס קוקט זיך גאָרנישט אום אין זיין זייט אַריין. ער שפּאַנט פּאָרויס אין מיטן וועג. פון יעדן שפּאַן זיינעם גייט, דאַכט זיך, אויף אַ מין פאַרענטפערדיק מורמלען: „כ'מוז עס אַליין געפינען און איך קען נישט איינהאַלטן מייַן גאַנג״

״אַוודאי אַזוי, גוט וואָס ער איז געקומען נעמען זיין חלק פון דער

שלאַפקייט״*) — קלינגט אים אין די אויערן פון גאַנץ ווייט דאָס ליבלעך צופרידענע קול פון דער מאַמען, וואָס האָט אים נעכטן דערציילט וועגן אייניקלס באַזוך ווען ער האָט געדרימלט.

— אַ לעבן אויף אים. אַ טייער קינד, — מורמלט עס אַרום אים און די אויגן קענען זיך נישט אָפּרייסן פונעם איילנדיקן גאַנג פונעם יינגל וואָס שוועבט ציטערדיק אין אַ קלאַנג־געזאַנג: „אַליין געפינען, זיידע, דערנאָך קומען צוריק צו — — —״ מיניעט זיך פאַר די אויגן דאָס ספרל אין כל־ערליי רעגנבויגנדיקע קאָלירן, וואָס פאַרבלענדן דעם בליק און פאַרווישן דעם שליאַך וואס צעפּיצלט זיך פון דעם אויסבייג אָן אין פאַרשידענע זייטן. ער זעט איצט מער נישט ווי הויכע געביירען מיט צוציענדיקע שילדן בלינצלען פון אַלע זייטן.

נישט אַנדערש, אז דאס יײנגל איז אַריינגעגאַנגען דאָרט אָ אַנטקעגן אין דער רויט־געפאַרבטער מויער אויף וועלכער עס הענגט אַן אויפשריפט וועלכע ער קען נישט לייענען כאָטש ער איז זיכער אַז ער האט עס געזען אין דער ווייטער פאַרהוילנקייט צו וועלכע עס ציט אים אַזוי זינט ר׳האט די אויגן געעפנט. מ׳מוז צוגיין נעענטער, אָבער וואס נעענטער ער קומט צו, ציט זיך די מויער אויס העכער און די משופּעדיקע געדרייטע טרעפּ ביים אַריינגאַנג גלייכן זיך אויס מיט דער וואַנט. שוין נישט פאַר אים אַזאַ קלעטער אַרויף, טרעט ער אָפּ אַביסל אָן אַ זייט וואו עס שלענגלט זיך אַן אַרויפציער. ציט ער זיך אַרויף ביזן מיטלסטן גאָרן וואו דער אַרויפציער שטעלט זיך אָפּ. דורך אַן אומגעהייער פאַרטיפט הימל־פענצטער ווי אַן אָן־סופיקער טונעל קוים מיטן אויג צו דערבליקן, בלויט זיך אַ ליכטיקייט וואָס שטייט נישט אויף איין אָרט נאָר היפּערט עפּעס פון איין עק צום אַנדערן ווי עס וואָלט עפּעס גענישטערט אין דער טונקלקייט פונעם לאַנגען קאָרידאָר. פון הינטער דעם בלויען זיילעכל ליכט, דערזעט ער מיטאַמאָל אַ פריינד, ווען ער קען זייער גוט, אָבער פאַר וואָס קען ער זיך זיין נאָמען נישט דערמאָנען? און איידער נאָך ער באַווייזט אים עפּעס אַ פרעג טאָן, וואַרפט אים שוין יענער צו אין איילעניש און, דאכט זיך מיט אביסל אַן איראָנישן חוזק, „נישט געזען דאָ קיינעם ווען איר

---

*) לויט אַ מאמר אין דער גמרא איז דער וואָס קומט באַזוכן אַ קראַנקן נעמט ער צו אַ זעכציקסטל פון דער קראַנקהייט.

קענט. ציט זיך בעסער באַצייטנס צוריק. עס הענגט דאָ אַלץ אויף משקולת״ — פאַרשווינדט יענער אין אַן עפענונג אַריין ווי אַ נישע. טוט ער אַ שפּאַן נאָך אים, שלאָגט ער זיך אָן אין אַ בלינדער טיר, וואָס פונעם בלויזן באַריר, זיינען די שפּיץ־פינגער אָפּגעבריט פון דער אייזיקער קעלט. „מ׳דאַרף זיך צוריקציען פון דאַנען וואָס גיכער. פאַרבלאָנדזשעט, ווייזט אויס.״ טוט ער זיך אַ האַסטיקן דריי אויס צו דער זייט פונעם אַראָפּציער. עפנט זיך דער דיל און ער הענגט שוין גאָר אויף אַ לאָד־ברעט וואָס הוידעט זיך אויף איין שפּיץ אין דער אומענדלעכער הויך און מיט דער צווייטער רירט עס קוים אָן דעם גרינעם טעפּעך פונעם גאָרטן אונטן פון וואַנען עס שפּריצן אַרויף קאָלירטע וואַסער־שטראָמען פאַרשפּיזיקט מיט ליכט־זיילן וואָס נישט זיי באַלייכטן עפּעס און נישט זיי וואַשן אָפּ דעם גרויען פלאַסט שטויב פון לאָד־בורעט. קוים וואָס זיי באַרירן עס און פאַלן גלייך צוריק פאַרגלאָזטע אייז־צעפּלעך.

אַ פאַרצאַפּלטער, כאַפּט ער זיך אָן אין דעם אָנלען פון דער הענגנדיקער פלאַטפאָרמע און דערבליקט אין דער טיף פון אַ צעעפנטער נישע אויף יענער זייט קאָרידאר אַ פאַרכמורעט פּנים פון אַ זקן וואָס נעמט אים דורך מיט אַזאַ טריבקייט אַז ער שפּירט ווי דאָס בלוט אין די אָדערן פרירט אים — „זעסט וויפל לאַטעס מ׳דאַרף עס אַלץ לייגן . . . — ביטערט דער צעקרימטער שמייכל אויפן באַוואַקסענעם פּנים און ראָיעט זיך אין דער זעלבער צייט אין דעם הויפן שקראַבעס מיט וועלכן ער איז אַרומגערינגלט, — און קיין לייטיש שיכל פאַרן קינד וועט דערפון סיי ווי נישט ווערן . . ווי גאַט איז אייך ליב פאַרפירטער פאַרהווילעניישן־זוכער, קוקט נישט אַרויף צום קיילעכיקן בלענדנדיקן שיין פון בלויען קופּאָל דאָרט וואו אַלע פאַרהווילענע שפּילעכלעך פרירן פון קדמונים נאָך. נידערט בעסער אַרונטער צווישן די גראָזן וואו עס שטאָלפּערט אַרום נאַקעט און באָרוועס דאָס יינגעלע מיטן נאַרן־מיצל זוכנדיק דאָס פאַרהווילענע שפּילעכל״ — ווערט ער אויגנבליקלעך פאַרדרייט אין אַ שווינדלדיקן געצאַפּל פון אַלע אברים, וואָס רייסט אים אויף מויל און אויערן מיט אַ טויבן געיאָמער וואָס טראָגט זיך צו אים פון אומעטום אָן אַ קול: „פאַר וואָס וועקט איר מיך אויף?״

— גענוג געחלומט שוין! — ווייסלט זיך פאַר די אויגן דאָס מידע פּנים פון דער קראַנקן־שוועסטער, — שוין צייט אַרומוואַשן זיך און נעמען עפּעס אין מויל אַריין. אייער פרוי וואַרט שוין אין דרויסן. כ׳וועל איר זאָגן, אַז איר האָט געהאַט אַ רואיקע נאַכט, —שמייכלט זי מיט אַ קליגערישן וואונק, — אמת, אַ רואיקע נאַכט?!

מיטן
זיכּרון
פֿון
ווײַטן
נעכטן
צום
נאָענטן
הײַנט

**מאָטין,**

צום דערגרייכן די עֵצה־יאָרן

מיט ליבשאַפּט און אַ ברכה.

# כמו אריינפיר

פאַר די וואָס האָבן באַזוכט מדינת ישראל שוין מערער פון איינמאָל, און נאָך מער פאַר די וואָס לעבן דאָרט און זיינען מיט אַלע חושים אַריינגעטאָן אין דער טאָג־טעגלעכערווירקלעכקייט פון לאַנד, וועט עס אַוודאי זיין אַ חידוש אויפן גאַסט אויף אַ ווילע, וואָס איז נאָך אַזוי נאַאיוו און סענטימענטאַל מודה צו זיין זיך אַז פאַר אים איז דאָס ישראל ווערק נאָך אַלץ אַ גרויס וואונדער, און דער נאָענטער באַריר מיט דעם — אַ טיפע איבערלעבונג פאַר וועלכער ער קאָן קוים געפינען דעם געהעריקן אויסדרוק. פשוט גערעדט: ער פאָרט נאָך קיין ארץ־ישראל און זעט און פילט דאָרטן ניט בלויז דעם היינט אַליין.

אַ געפיל פון פאַרגאַפטקייט, דרינגט מיך דורך ווי נאָר איך שטעל דעם ערשטן טראָט אויף דער ישראל ערד און האַלט מיך געשפאַנט די גאַנצע צייט וואָס איך בין אין לאַנד. מיט יעדע באַגעגעניש מיט מענטשן, זאַכן און נייע לאַנדשאַפט, ווערט כסדר געשטייגערט די שאַרפע שפּירעוודיקייט פון געפינען זיך פנים אל פנים און אין סאַמע מיטן, פון עפּעס וואָס איז גרעסער און אַ סך מער פון דעם וואָס דאָס אויג זעט; טיפער און עלטער פונם אייגענעם זיכרון און וויסן, און אַוודאי פאַרביק־רייכער און דערהויבענער פון דעם וואָס די אייגענע פאַנטאַזיע קאָן פונאַנדערשפּילן. אַ וועלט פון נגלה און נסתר, האַלט זיך אין איין אויפדעקן און שפּרייטן פאַרן אויג און צעברויזטן געמיט. דער נגלה פון היינט ביי דער זייט און איבערן נסתר פון אַמאָל. דער נגלה פון אַמאָל אין שאָטן און אונטער דעם נסתר פון היינט.

כ׳קען זיך דערפאַר די גאַנצע צייט פון אונדזער זיין אין לאַנד, ניט צוגעוואוינען און שלום מאַכן מיט דעם וואָס מ׳האָט זיך שוין אופגעהערט צו וואונדערן אויפן וואונדער. מ׳האָט זיך שוין אַזוי צוגעוואוינט צום רעאַלן פאַקט פון היינטיקן ישראל, אַז מ׳באַנעמט שוין נאָר דאָס רעאַלע, דאָס וואָס עס דאַכט זיך אויס אַיז סאַמע נגלה . . . און אַזוי ווי מיט יעדן רעאַלע זאַך גייט מיט דער אייגענער שאָטן, פאַרשטעלט אָפט דער שאָטן דאָס אמתע בילד. אַ שאָד, גאָר אַ גרויסער שאָד, וואס מערסטנס רעאַגירט מען אויף דעם מיטן בלויזן „רעאלן" זען און מ׳היט זיך אַרויסצוהייבן דאָס נסתר׳דיקע וואס

איז פֿאַרבאָרגן אונטער די פֿאַרהוילענע פּלאַסטן פֿון צייַט און גורל'דיקע געשעענישן.

דאָ און דאָרט ווערט נאָך אַמאָל דיווירקלעכקייט און דאָס וואָס געשעט אַרום, באַהויכט מיט אַ סימבאָלישער דעהויבנקייט און טיפֿערן אַריינבליק, מערסטנטייל אָבער איז דאָס אויג און מוח פֿאַרנומען נאָר מיט דעם וואָס ליגט פֿון אויבן־אויף, מיט דעם שוין אויפֿגעשטעלטן אָדער שוין פֿאַרפּלאַנירטן. עס שטעלן זיך כסדר אויס ווי אין אַ בוכהאַלטערישן חשבון, גרייטע רובריקעס מיט פֿעסט באַשטימטע ציפֿערן וועלכע זאָגן נאַטירלעך זייער אַ סך, זיי פֿירן אָבער פֿאָרט נאָר צו אַן אויבנאויפֿיקן סך־הכּל. דאָס אויפֿברויזנדיקע געפֿיל פֿון שטיין פּנים אל פּנים פֿאַר אַ לאַנגען געגאַרטן חלום, וואָס האַלט זיך אין באַשיידן און די אַנגסטן וואָס זיינען מיט דעם פֿאַרבונדן, פֿאַררוקט זיך ערגעץ הינטער אַ פֿאָרהאַנג און בלייבט ליגן פֿאַרשטעקט אין אַ פֿאַרבאָרגן ווינקל.

פֿון אויבן־אויף איז טאַקע אַלץ רעאַל און פּאַקטיש. דער אימפּעט פֿון בויען און מענטשלעכע אָנשטרענגונג צווינגט דיך ממש אַריין אין דער וועלט פֿון הוילער פּראַקטישקייט און רעאַלן אָפּשאַצן פֿון די מעגלעכקייטן. ביסט געצוואונגען מיטצומאַכן דעם חשבון דורך דעם אָנגענומענעם און נויטיקן רובריק סיסטעם: „אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל נפֿשות לעבן שוין דאָ, אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל וועלן נאָך קומען; אַזאַ און אַזאַ צאָל לעבט אַזוי און אַזוי. דאָס און דאָס האָט מען שוין באַוויזן אויפֿצובויען. טו נאָר אַ קוק אויף די פּלענער און וועסט אַליין זען וויפֿל מ'וועט און מ'דאַרף נאָך בויען. אויב דו ווילסט נאָר, קאָנסטו שוין אַפֿילו אונטערציִען אַ געוויסן סך הכּל, מעסטן דערפֿאָלגן מיט דורכפֿאַלן, אויסגלייכן פֿאַרלוסטן מיט געווינסן און ביסט שוין כמעט גרייט צו האָבן און זאָגן אַ מיינונג."

פּלוצים אָבער, כאַפּסטו זיך ביי דער האַנט און ווערסט דערשטוינט פֿון זען זיך שטיין און טייטלען מיטן שפּיץ בלייפֿעדער אויפֿן חשבון־בויגן. דערפֿילסט מיט אַמאָל, אַז הינטער דער אַלגעמיינער שטימונג פֿון בלויזער פּראַקטישקייט און רק שכל'דיקער באַנעמונג, הערן אויף די ציפֿערן צו וויסן פֿון וואַנען זיי קומען, ווער עס האָט זיי דאָ אַוועקגעשטעלט און צוליב וואָס. אַ מאָדנע געפֿיל פֿון אָפּהענטיקייט באַהערשט דיך. דערשפּירסט בחוש, אַז דו

צוימסט ממש אין זיך דעם ברויז, ווי דו וואָלסט זיך געשעמט אַרויסצולאָזן אים אויף דער ליכטיקער שיין. און אפשר איז עס גאָר די באַהאַלטענע מורא חלילה ניט באַטראַכט צו ווערן ווי יענער קליינשטעטלדיקער, וואָס דערזעט די גרויסע שטאָט צום ערשטן מאָל . . . אפילו אונדזערע בעלי־מדרש, האָבן זיך דאָך אויך פאַרגונען אַ שפּיל צו טאָן מיט אַביסל שטעכיקן הומאָר און ביטול־שמייכל אויפן חשבון פון דער צעפּיבערטער וויזיע פונעם נביא ביים גלות־טייך — פאַרגלייכנדיק אים צו אַ דאָרפסמאַן וואָס זעט דעם מלך זייער זעלטן . . .

שטעל איך איין מיין גאַנצע גרויס־שטאָטישקייט און דאָס גאַנצע ביסל דערוואַקסנקייט וואָס כ׳האָב זיך דערוואָרבן מיט די יאָרן און גיב זיך נאָך אַמאָל אויס: — ווי נאאיוו און סענטימענטאַל עס זאָל ניט קלינגען היינטיקע צייטן — „דאָס ניט וואונדערן זיך מער, וואס גייט האַנט אין האַנט מיט אַן אָפּוויַיכן און ציטערן פאַרן אייגענעם ברויז און היטן זיך צו דערשפּירן די טיפערע רעגונגען אינעם שפּיל פון פאַרהוילענע כוחות אין דעם ישׂראל ווערק, דערשטוינט מיך גאָר שטאַרק. איך שרעק זיך אפילו היפּשלעך פאַר דער דאָזיקער טרוקענער פאַרחשבונטקייט, וואָס פאַרפירט גאָר ווייט און פאַרשטעלט די קוואַלן וועלכע דאַרפן נערן און האַלטן פריש דאָס וויזיע־פיבער פונעם גאַנצן וואונדער־ווערק.

ווי אויסטערליש עס זאָל ניט אויסזען אין אונדזערע היינטיקע אויגן, מוז איך זיך מודה זיין, אז צום היינטיקן ישׂראל פאָר איך מיט דעם טאָפּלטן זיכרון און ארץ — ישׂראל בענקשאַפט פון דורות אין מיר: דער זיכרון פון גאָר ווייטן אַמאָל מיט וועלכן די זיידעס און עלטער זיידעס האבן זיך אָפּגעשלאָסן און פאַרפּאַנצערט אין דער וועלט; כסדר געהאַלטן אים וואַך און זיך גענערט און געפּיבערט מיט דער וויזיע פון „חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם.״ און אויך מיטן זיכרון און חלום — באַשייד פון נאָענטן נעכטן ביז היינט מיט וועלכן אונדזער דור — מיינע עלטערע און יינגערע חברים, האָבן מיט גרויס אַנגסטן און שווערע יסורים זיך אַרויסגעריסן פון דער אַלטער פאַרפּאַנצערטקייט און גענומען דעם גורל אין די אייגענע הענט, ווייל „לענגער וואַרטן ניט געקענט״.

# די ערשטע באַגעגעניש

ביים גרייטן זיך צום פאָרן און אויפן גאַנצן וועג אהין, האָט דאָס אומרואיקע געמיט דווקא געוואָלט וויסן פון פאָראויס אַ צאָל ענטפערס, וואָס מ'ווייסט אויף קלאָר, אַז זיי קאָנען ניט געגעבן ווערן אין פשוטע ווערטער אפילו שוין נאָכדעם ווי מ'מיינט אַז מ'האט שוין געזען און זיך גוט איינגעקוקט: וועט דאָס אויג פון אַלטן זיכרון מיר דינען צו דערקענען דאָס אָרט און דערבליקן די שפּורן פון צעפּיבערטן חלום? וועט דאָס באַנייטע אָרט זיך לאָזן דערקענען דורך דער וואָר פון די איצטיקע ראַנגלעניש מיט זיך און דער וועלט וואָס רינגלט עס אַרום, און העלפן אַנטפּלעקן די וועגן וואָס פירן פון זיכרון צו זיכרון און פאַרשפּינען זיי אין אַ באַשייד פון היינט? וועט דאָס אָרט אַ שיין טאָן מיר אַנטקעגן און זיך לאָזן דערקענען מיט דער גאַנצער גרינקייט פון די יונגע טעג? און מיינע חברים פון נאָענטן־נעכטן, וועלן זיי מיך דערקענען און זען אין מיר אַ טייל פון זייער חלום אין זיין גורלדיקן באַשייד?

וואָס נעענטער מיר קומען צום לאַנד, אַלץ שאַרפער ווערט דער אומרו. געפינסט זיך אין סאַמע צווישן פון אַן אומענדלעכער פאַרגלי־ווערטער בלויקייט פון אויבן און אַ דורכזיכטיקער, פוכיקער און וואַליקער ווייסקייט פון אונטן און אין אלע זייטן. מ'זעט מער ניט קיין קאָנטורן און צייכנס פון עפּעס אַן אנהויב אָדער אַ סוף. און אַזוי אין צווישן הערסטו דאָס קול פון אויסרופער ווי פון הינטער אַ פאַרהוילענער וואַנט אַפער: „מדינת ישראל מקבלת אתכם ברצון ובברכת שלום לרחוק ולקרוב!" (מדינת ישראל נעמט אייך אויף מיט צופרידנקייט און מיט דער ברכה צו די וואָס קומען פון דער ווייט און נאָענט). ווילסט עפּעס ענטפערן און אויסשטרעקן די האַנט. שווינדלט אָבער אַלץ פאַרביי און קענסט גאָרניט זען און דערכאַפּן. אַלע קאָנטורן פאַרווישט אין דעם דאָזיקן צווישן. געפינסט זיך אין סאַמע מיטן פון אַ זשוזשעניש אין די אויערן און הארץ־קלאַפּעניש וואָס ווערט פּלוצים איינגעשטילט צוזאַמען מיטן לעצטן טרייסל און צוק פון די רעדער פון עראָפּלאַן ביים אָנרירן דעם באָדן. שטילקייט פון דערוואַרטונג אַרום דיר און אין דיר. א פלייץ פון לויטער זון־פלאַם, בלאַנקט דיר אַנטקעגן און שפּרייט ווייס ליכט אָן אַפּיצל שאָטן אונטער די שטאָלפּערנדיקע טריט. ווילסט קוקן

אין אַלע זײַטן מיט אײנמאָל און אַרומנעמען אַלץ מיט אײן בליק, אײלסט זיך, דאַכט זיך, צוצוקומען צום אָרט וואו אַ צונױפגעדריקטער בלומען־גאָרטן הױבט זיך אין דער הױך און פלאַטערט מיט כל׳ערלײ קאָלירן און קולות אין אַ ים אױסגעשטרעקטע הענט. ווערסט אָבער אינגאַנצן אַ פאַרבליפטער און דערשטױנטער פון דעם אײגענעם שטאָלפערן פאָראױס אינעם װײסן ליכט און בלײַבסט פּלוצים שטײן אָפּצוכאַפּן דעם פאַרהאַקטן אָטעם. עס שווינדלט פאַר די אױגן פון דער בלענדעניש פון מיטן העלן טאָג און ביסט נאָר אָפּגעגעבן צו די קולות, וואָס קומען צופליען פון יענער זײַט צום אין דער הױך. איבער די קעפּ שוועבן זײ מיט אומרו און אומגעדולד, טוען זיך אַ שלאָג אָן אין אַ קאָפּ דאָ אין עולם אָנגעקומענע, און גיבן זיך אַ ריס אױף צוריק אַהין מיט פאַרשײדענע לשונות און אױפגערעגטע טענער. כמעט װי מ׳זעט װי די קולות און צורופן ציען זיך צאַפּלדיק אין דער לופט. פאַרבינדן נאָמען מיט נאָמען און צײכענען אים װײס אינעם פלײץ פון הױך שטײענדיקער זון. עס עכאָט פון אלע זײַטן מיט ציטערנדיקער פרײד פון דערהערן זיך: איך בין דאָ! איך בין דאָ!

הײמיש די נעמען, אײגן די קולות. דאַכט זיך, אַז אַלץ איז דיר גאָר באַקאַנט. װי לאַנג איז דען אַז האָסט עס געהערט פון דער נאָענט? אױך דער אױסזען פון דעם װאָס נעמט דיך אַרום און צערטלט דײַן נאָמען איז אַזױ הײמיש. עס װײזט אָבער אױס, אַז דער זיכרון פון נעכטן דינט ניט דעם אױג, װאָס איז דאַן נאָך אַזױ יונג געװען צו קאָנען דערהיטן אין די יאָרן פון דערװײטערקײט די צײכנס פון אַ פּנים פון אַן אײגענעם חבר, אַ לײבלעכן קרוב. װישסטו די אױגן און די ברילן אײנמאָל און נאָכאַמאָל, און ערשט נאָכן אױסרופן יעדערער אַ צװײט מאָל דעם נאָמען הײבט אָן דאָס אַמאָליקע פּנים פון אַ חבר אַרױסצושפּאַרן זיך פון דער צעאַקערט ערדישער טונקלקײט פון אַ באַק, אַ צעקנײטשט פאַרמעטענעם שטערן און פאַרשטײפט עקשנותדיקער ליפּ. די אָדערדיקע האַרטע הענט גלעטן שױן איצט מיט הײמישן דערקענען זיך, און דאָס אױפגערעגטע פלאַפּלען און אױספרעגן זיך, שפּרינגט פון מױל צו מױל מיט אַזאַ אימפּעטיקער אײלעניש װי מ׳װאָלט מיט אײנמאָל געװאָלט אָנזעטיקן דעם הונגער פון יאָרן דערװײטערטקײט.

דער נאָענטער זיכרון װערט זײער װאַך. פון דער פאַרהױלנקײט אַ צי געטאָן אַהער מיט די בלאָטיקע געסלעך און עלנטע שטיבלעך װאו מ׳האָט

צוזאַמען געשפּונען דעם חלום פון אַרויסרייסן זיך און אַריינפּלאַנצן זיך אין אַן אַנדער וועלט. שטייט מען איצט צונויפגעקנוילט אין בלענד פון מיטן טאָג און מ׳שלינגט איינער דעם אַנדערנס אויסלאָדן זיך, אַרויסשטעלן זיך, און דאָ און דאָרט טוט אויך אַ פּלאַטער מיט אַ שמץ פון אַ טענה וואָס וואַרט ניט אויף קיין פאַרענטפער. מ׳דערקענט זיך דאָך ערשט. מ׳איז נאָך היימישלעך און פרעמדלעך צוזאַמען. מ׳איז זיך איינער דעם אַנדערן טועם.

„גאַנצע טונען שווייס, האָט דאָס פּנים אויסגעווייקט ביז מ׳האָט דערלעבט צו זען אַ גרעזל און אַ ביימל ביי אונדז אין משק״ — „אַ האַלבע שטאָט האָבן די הענט אויסגעהאָרעוועט״. — באַווייזט מען זיך מיט גדלות און ס׳שווימט גלייך אַרויס אויך דער טרויער אויף די וואָס רוען ערגעץ אונטער אַ שטיין „וועסט דאָך אוודאי אויך וועלן גיין אויף „קבר בנים״ און ניט נאָר אויף „קבר אבות״ — נעמען בליאַקעווען די בלומען אין די הענט. — מיר האָבן דאָ שעהן־לאַנג געוואַרט אויף אייך. צוליבן סטרייק האָט מען זיך ניט געקענט דערוויסן די ריכטיקע צייט ווען איר קומט, האָט דערווייל די זון פאַרוועלקט די בלומען״ פאַרענטפערט מען זיך עפּעס סתם אַזוי אי פאַרן סטרייק, אי פאַר די בלומען — „לאָמיר נאָר אָנקומען אין משק, וועלן זיין פרישע לעבעדיקע בלומען״.

און כאָטש מ׳איילט זיך, ס׳איז דאָך ערב־שבת, קאָן מען זיך ניט אָפּרייסן איינער פון אַנדערן. מ׳פּאָרט צוזאַמען אויף אַ דאָרפישן וועג. דאָ און דאָרט אַ ביימל, פאַרטריקנטע גראָזן און שמאָלע זאַמדיקע שטעגלעך. ניט ווייט פון טראַקט שוואַרצט זיך אַנטקעגן אַ הויפן איינגעפאַלענע באַראַקן — אַ נשאר פון אַ געוועזענער „מעברה״. און אָט איז אַ זכר פון אַ וועלדל. עפּעס מער פון אַ מזומן ביימער שטאַרן אַרויס פון זאַמד אין דער קרום. מיט די צווייגן פאַרפּלאָנטערט איינס אין אַנדערן שטייען זיי אָנגעלעינט ווי זיי וואָלטן געזוכט חיזוק פאַר זיך און פאַר די אָפּגעשיילטע, שוואַרץ פאַרקוילטע שטאַמען מיט הוילע לעכער אין אַלע זייטן. קאָן דאָס אויג זיך ניט אָפּוואונדערן און עסט זיך איין אין די געדרייטע געקנאָדערטע וואָרצלען וואָס שטעקן פאַרעקשנט אין זאַמד מיט אָפּגעדעקטע ווייסע הויקערס. ממש ווי עס צאַפּלט פון זיי: „לא אָזוז מִכָּאן!״ קוקסטו אויף די הענט פון די חברים וואָס קוים דו דערקענסט זיי און עס דאַכט זיך, אַז דו הערסט דעם זעלבן צאַפּל אויפגיין אויך פון זיי . . .

# אויף די שפּורן פון אָפּענער און פֿאַרהוילענער וואָר.

## א

באַלד מיטן ערשטן שפּאַציר אין לאַנד, צי אין די רוישנדיקע מיט אימפּעט אָטעמענדיקע גאַסן אין שטאָט, צי אויף די שטילע באַזאַכטע סטעזשקעס און ווענלעך אין דאָרף, גייט אין דיר גלייך אויף אי אַ געפיל פון פריידיקער היימישקייט און זיכערער אייגנקייט, אי אַ געפיל פון טאָפּלטן זען און באַנעמען. דער זיכרון מיטן אויג כאַפּן גלייכצייטיק אויף דעם צונויפמיש פון נגלה און נסתר וואָס לעבט דאָ איינער נעבן אַנדערן און אין אַנדערן. דאָס געפיל ווערט שאַרפער און וואַכער מיט יעדן ווייטערדיקן טראָט און פאַרווישט אָפּט די גרענעץ צווישן נסתר פון אַמאָל און נגלה פון היינט און דעם נגלה פון אַמאָל און נסתר פון היינט. אויך די זיכערקייט און היימישע אייגנקייט דערשפּירסטו מיט אַמאָל אין אַ טאָפּלטן באַנעמען: אויפקוועלנדיקע פרייד און אויפציטערנדיקער אומרו.

די נעמען פון די גאַסן זיינען אייגן; די אויפשריפטן, אפילו די שרייענדיקסטע, זיינען היימיש, און די פּנימער און געשטאַלטן וואָס איילן פאַרביי דיר און אַנטקעגן דיר, זיינען עפּעס אויך גאָרניט פרעמד, כאָטש דו קענסט כמעט קיינעם ניט דאָ, און דעם טראַכט אין וועלכן אַ סך זיינען איינגעהילט זעסטו צום ערשטן מאָל אין דיין לעבן. דאָס געפיל אַז דאָס אַלץ איז אייגן און דיין, כאָטש אפשר ניט פאַרשטענדלעך, איז כסדר מיט דיר און ביסט אפילו ניט דערשטוינט צו דערכאַפּן זיך אַז דו שטייסט שוין אַ היפּשע ווילע און קוקסט זיך איין אין אָט יענעם פאַרשוין געהילט אין אַ מאָדנעם טראַכט פון אָפּגעבליאַקעוועטן קאָלירטן לייוונט, וואָס איז עפּעס געבליבן שטיין ביים עק גאַס און גלאָצט פאַרגליווערט פאַר זיך, גלייך ער וואָלט עפּעס דערזען דאָרט אַן אויסטערלישקייט וואָס פאַרשטעלט אים דעם וועג. ביסט ניט דערשטוינט, ווייל עס איז דיר עפּעס פּלוצים קלאָר געוואָרן, אַז אויך דו שטייסט אַזוי אַליין ביי דער זייט פונעם גערויש פון דער ברייטער גאַס מיט די לויפנדיקע אויטאָמאָבילן און זיך שנעל בייטנדיקע ליכט, און דאָס אינערלעכע

אויג דייַנס זעט גאָר דאָס צאַנקנדיקע ליכטל פון לאָמטערנדל אַמאָל אין אַ האַרבסטיקן אָוונט. די בלאָטע איז גרויס און די פינצטערניש איז אָנגעלאָדן מיט פחד, נאָר דו קומסט עס ביי מיט דעם טרייסט־ניגון פון חדר וואָס שטעקט נאָך טיף אין דייַן געמיט: „גוּר בָּאָרֶץ הַזֹּאת, אַל תִּירָא כִּי אִתְּךָ אָנֹכִי״. (וואוין אין דעם לאַנד, האָב קיין מורא ניט, ווייל איך בין מיט דיר). „האָט מען עס טאַקע דאָ דערהערט דאָס ציענדיקע טרייסט־וואָרט? ביז אַהער האָט זיך עס דערצויגן דער נחמה־ניגון? אָט, טאַקע אַזוי וועט עס שוין אייביק זייַן? הערסטו עס דען ניט אויפגיין פון אַלע רוישיקע וועגן, זשומענדיקע טראַקטאָרן און שטומקייטן פון בערג?

קאָן זייַן, אַז עמיץ אַנדערש קוקט אויף דיר אויך אַזוי פון אַ זייט און איז נייגעריק צו דערוויסן זיך: „אויף וואָס גלאָצט ער? זעט ער טאַקע עפּעס וואונדערלעכס? וואָס זשע זעט ער? זער ער עפּעס אויך אַזוינס פון אַן ערגעץ אין זייַן מזרח־לאַנד מיט אַן אַנדער ניגון טאַקע און דאָך איז ער פון דאַנען? אפשר אים אַ פרעג טאָן?״

דאָס שוואַרצע פאַרפלאָנטערטע בערדל אַרום די ברייטע קינבאַקן גלאָצט אַלץ פאַר זיך און אַלע קאָלירטע פאַסן פון זייַן טראַכט זייַנען ווי אָנגעשטעלטע אָפענע אויערן. דאָס גאַנצע געשטאַלט אין שטומען גליווער, איז אַליין אַ הוילע פאַרבאָרגעניש. „אין וועלכן לשון זאָל איך זשע אים בעטן אַנטפּלעקן דאָס פאַרבאָרגעניש?״

אַ פלוצימדיק מאָנאָטאָן זינג—געזאַנג פון גאָר נאָענט לענקט אָפּ די נייגעריקייט אין אַן אַנדער ריכטונג; אַ הויך קופּקעלע אויף אַ קליין קעפּל מיט אַ שמאָל אויסגעדאַרט פּנימל קוקט אויף דיר מיט תחנונים אויגן און אַ גרילציק געזאַנגל וואָס קומט, דאַכט זיך, גלייכצייטיק אי פון עם אָפענעם דינעם מיילעכל און אי פון די דריבנע טריטעלעך און שמאָלן גופל מיטן געפרענדזלטן שאַלעכל אויף די אַקסלען: „נדבה׳לע תן״ — פלאַטערט עס אַרום דיר אויסטערליש פרעמד און דאָך אַזוי נאָענט און היימיש. ווי לאַנג איז עס דען ווען האָסט זיך געזעגנט מיטן זיידנס קבר אין איינער פון די תשע־קהילות אין קליין־פּוילן. בלויז געדיכטער מאָך און מצבה געבויגנקייט אַרום דיר, און פלוצים איז אַן איינגעהויקערט יידינקעלע ווי אויסגעוואַקסן פון

צווישן דעם פאַרשאָטנטן גליוור. אַ צי געטאָן די צעטעפּעטע שאַל אריבער די אַקסלען, אַ טרייסל געטאָן מיטן געמבעלע מיט אַ זינג־געזאַנג, כולו צעשפּאָלטענער גרילץ גלייך אין קבר אַריין: „ר׳ ישראל צבי, ר׳ ישראל צבי, אַן אייניקל אייערס געקומען פון גאָר דער ווייט, האָרכט זשע זיך איין צו זיין באַגער און ברענגט אים די ברכה פון כסא הכבוד אַפער״. דער ניגון אירער איז כמעט דער זעלבער און דער אויספּיר פון איר פּזמון אויך כמעט אזוי: „געטס אַ נדבה, וועט ענק דער אייבישטער פירן צום ריכטיקן ברעג״. ווען ניט יענערס צעטעפּעטע שאַל וואָס פלאַטערט נאָך אַלץ פאַר די אַמאָליקע אויגן, וואָלסטו גריילעך אָנגענומען אַז ס׳איז די זעלבע יידענע. עס זעט אויס אזוי וואָר, אַז די אויגן נעמען נישטערן אַרום זיך און זוכן די פאַרשאָטנטע דינע נאָדלביימלעך, דעם איינגעפאַלענעם געפלאָכטענעם פלויט אין הוילן עלנט און די געבויגנקייט פון די פאַרשוואַרצטע מצבות מיטן פלושענעם מאָך, וואָס קוקט בלינד פון די לעכער וואו עס דארפן זיין אותיות.

אַן אויגנבליק בלויז דויערט עס. דאָס אויסגעשטרעקטע הענטל פאַרקריכט ערגעץ צוריק אונטער דער שאַל. דאָס זינג־געזאַנגל פאַרלירט זיך אין געפּייף און רויש פון ברייטער גאַס און אַנטקעגן דיר און ביי דער זייט שטייען ווידער הויכע גלאַטע מויערן מיט גלאַנציקע שויבן אין פולן בלענד פון זון. ביימער גלייכע, פולע און באַבלעטערטע, און וויקלפלאַנצן וואָס דו פילסט ממש ווי זיי רייסן זיך מיט אימפּעט צו קלעטערן אויף די צעמענטענע זיילן, פאַרנעמען דאָס אויג און פאַרהוילן אַלץ וואָס האָט זיך דאָ געטאָן אינעם זיכרון פון צייט און אַלץ וואָס האָסט מיטגעבראַכט מיט זיך אין צעפּיבערטן געמיט. דער ווייסער גלי פון מיטאָג זון קאָן מער ניט אַרויסכישופן דעם אַמאָל אפילו אין אַ מיראַזש. די צעמענטענע טראָטואַרן און גלאַנציקע אַספאַלטענע טראַקטן פאַרדעקן, דאַכט זיך, לעולם ועד די איילנדיקע טריט פון אברהמ׳ס געוואָפנטע יונגען און ברונעם עפענער, די גאָלדענע ווייצן פון יצחק׳ס פעלדער און וואַסער זוכער, צוזאַמען מיט די שווער באַזאַכטע טריט פון יעקב׳ס טשערעדעס און מחנות בויגנשיסער און שווערדן פעכטער; די הויכע מויערן אין די שטעט מיטן רויש און טומל פון באַן, עראָפּלאַן און אויטאָ פאַרטויבן און פאַרשטומען דאָס פריידיקע געזאַנג פון אליעזרן דעם קנעכט: „זיבן ברונעמער האָבן מיר געעפנט, — האַר!״ מ׳קאָן קוים דערהאָרכן יצחק׳ס ביטער באַקלאָגן זיך: „באַטריבט האט איר

מיך און מיינע ברונעמער פאַרשטאָפּט", און אַוודאי ווערט פאַררוישט אינעם געטומל און געטראַסק דאָס אונטערטעניק און דאָך שטאָלצע פּרעפּלען פון שווער געפּרואווטן וואַנדערער אַנטלויפער — יעקב ישראל: „בלויז מיט מיין שטעקן בין איך אַריבער דעם ירדן".

שפּאַנסטו אָבער אַוועק ווייטער ביז אַהין וואו די גאַס האָט זיך אַ ווײלע אָפּגעשטעלט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. אָדער אַפילו אין מיטן גאַס וואו אַ שטיקל פּלאַץ איז נאָך ניט פאַרבויט, וואַרט נאָך אויף זיין „אויסלייזער", אָדער דער „אויסלייזער" וואַרט נאָך געדולדיק צו ציילן דאָס זאַמד אין גאָלד, טאָפּטשעסטו שוין אין מדברדיקן הייסן זאַמד אין סאַמע מיטן געווימל. דאָס צאַפּלדיקע הייסע געררייד פון חומש ליגט אויך דאָ אין פּאַרטאַיעטן פאַרבאָרגענעם גליוווער און — וואַרט. איילסטו אַוועק מיט פולע שיך זאַמד וואָס שטעכן דעם טראָט און פאַרהאַלטן דעם גאַנג.

פאַלט דער בליק מיטאַמאָל אויף עפּעס אַ מאָדנעם שטיינערנעם געשטעל אין דער זייט פון אַ גערטנדל. ס'איז ניט קיין הויז און ניט קיין נשאר פון אַ חורבה, קוים אַ מאַן די הייך איז עס. וואונדערסטו זיך צי ס'איז אַן אָנהייב פון אַ בנין וואָס מ'האָט פאַרגעסן צו דערבויען ווייטער, אָדער אַן איבערבלייב פון עפּעס וואָס מ'געדענקט שוין ניט צוליב וואָס מ'האָט עס איבערגעלאָזט אַזוי שטיין לעבן די פּאָר ביימלעך מיט די בענק איןביידע זייטן. גייסטו צו נענטער און באַמערקסט אַז די געקאָוועטע אייזערנע בלינדע טיר איז האַלב אָפן און פירט ערגעץ אין אַ טונקלקייט אַריין. איבערן געזימס שפּאַרן אַרויס פיר נעאָ־ווייסע אותיות אויף אַ שמאָל ברעטל: „מקלט." היימישע אותיות און באַקאַנטע נאָך פון חומש אַרויס, און מאַכן פּאָרט אויפּציטערן מיט זייער קלאָרער פּשוטקייט. אַמאָל האָבן זעקס אַזעלכע אָפענע שטעט אין אַלע עקן לאַנד געהייסן אַזוי. אַלע וועגן אין דער לענג און ברייט פון לאַנד זיינען געצייכנט געוואָרן מיט אָנווייזערס צו זיי, כדי דער וואָס האָט אומגערן בלוט פאַרגאָסן זאָל זיך קאָנען ראַטעווען אַהין פונעם צאָרן פון גואל הדם. איצט איז יעדער שטוב דאָ אָפּגעדעקט פאַרן לויערער און אויף אַלע גאַסן צייכנס מיט אָנווייזער צום „מקלט" אין פאַרבאָרגעניש. אַן אונטערערדישע אָנגעברייטקייט פאַר אַלע די, וועמעס איינציקע „זינד" איז דער ווילן צו פאַרדעקן די זאַמדן דאָ און האַרבערן אין אָפענער זיכערקייט. דער טונקל פון האַלב פאַרמאַכטער געקאָוועטער טיר ווינקט און

דערמאָנט: „אין דער סאַמע פרייער אָפּנקייט לויערט ערגעץ דער רויב פויגל מיטן אָפענעם שלונג. זייט ביי זייט מיטן איילנדיקן רויש און אַזוי זיכערן געווימל, הויערט פאַרהוילן דער גרויל, גליוועט פאַרבאָרגן דער גורלדיקער פּחד".

זעסט, אָט דאָ ניט ווייט, אויפן פּלויט פונעם האַלב חרובן אַראַבישן הויף שטומט אַליין א לענגלעך ברוין שילדל, אַ בראָנזענע דערמאָנונג: „כּאן נפל במארב שלמה בן אהרן הלוי". ווער איז ער געווען? און וואָס האָט אים געפירט ביז אַהער צו דעם אָרט? די אותיות שטאַרן שפּיציק פאָראויס און דערציילן עס ניט. עס פלאַטערן בלויז אנטקעגן די צוגעציילטע און אָפּגעציטערטע 18 יאָר זיינע און דער געצערטלטער נאָמען פון אַ שטעטל אין אַ ווייט־נאָענטן לאַנד.

אין דער בלויער רחבות פון דער הויך, טויכט אויף אַן עראָפּלאַן און פאַרשווינדט פונקט אַזוי פּלוצים ווי ער האָט זיך באַוויזן, לאָזנדיק הינטער זיך אַ געשלענגלטן קרייז פון ווייסע בערגעלעך וואָלקנדלעך. דאָס רוישיקע געווימל באַמערקט עס ניט. האָט קיין צייט ניט אויפצוהויבן דעם קאָפּ. דאָס אויפגעברויזטע געפּיל אָבער צאַפּלט צוזאַמען מיטן ציטערדיקן אויג וואָס וויל אין דעם זען אַ רמז פון יענעם געהיימען עיגול, וואס ווערט געצייכנט מיטן כּוח פון הייליקע צירופים און גרויסן ביטחון אַזוי אַז קיין שום בייזע וואָר זאָל זיך ניט קאָנען דורכרייסן דורך דעם . . .

פון זיך אַליין צאַפּלט אויף אַ תּפילה בלחש: „פּלעכט זיך עיגול און בערגל זיך גערדיכטער און שטיפער. פאַרדעק די אָפענע שפּאַלטן און פאַרשטעל זיי פון בייזן לויערערס אויג. נעם אַרום אַלע פיר עקן ווי אַ געפּאַנצערטע רייף און באַשיץ די אַלע וואָס זיינען זיך דאָ צונויפגעקומען פון עקן וועלט".

מאָדנע, ווי דער דאָזיקער עיגול־צייכן, וועלכער איז געקומען און צערונען אין איין אויגנבליק, איז געבליבן שטעקן אין געמיט און ווערט נאָך מער פאַרטאָפּלט און פאַרשאַרפט וואָס מער עס קומט אויס צו דערנענטערן זיך צו מענטשן, הייזער און גאַסן אין לאַנד. גייסט אַרום אין אַ לאַבירינט פון צייטן און דורות וואו יעדער קרייזט זיך אַרום זיך און אַרום אַלץ אין געהיים

באַהעלטעניש און אָפּן־געמאַרק. פון עקן וועלט און יאָרהונדערטער צונויפגעקומען זיך אַהער פון זייער עיגול אַרויס. פילסט ממש בחוש ווי יעדער גאַנג דאָ און מיט יעדן איינעם צייכנט זיך אַ פאַרהוילענער עיגול. אַפילו די וואָס לאַכן מיט בופאָנישן געלעכטער פון דעם, קענען זיך אויך קיין עצה ניט געבן מיט די שפּליטערן פון צייטן וואָס וואַלגערן זיך דאָ אַרום און שטעכן פון אַלע זייטן שפּרינגענדיק אינעם עיגול אַריין. וועט זיי שוין דער איצטיקער עיגול איינהאַלטן און שירעמען?!

— מעג איך ווערן אַ שותף צו אייערע רעיונות? — וואַקסט פּלוצים אויס לעבן מיר אַ נישט זיכער קול וואָס קומט פון אַ פאַרברווינט פּנים מיט אַ מילדן בליק וואָס נעמט דיך גלייך אַרום מיט אַ זעלטענער היימישקייט וועלכע פירט דיך גלייך אַרויס פון דער ערשטער פאַרבליפקייט און שטוינונג — איז דען דאָס אַלץ נישט קיין צייכן פונעם נאָענטן באַוויַזן זיך פונעם אויסלייזער? איך קוק אייך שוין נאָך אַ היפּשע ווײַלע ווי איר האַלט אין איין איינקוקן זיך און זעט, דאַכט זיך, מיר מער ווי נאָר דאָס וואָס לויפט דאָ פאַרביי און פאַרשווינדט. איר פאַרשטייט דאָך ענגליש? אויב נישט, וועל איך רעדן עברית, — שטרעקט ער אויס אַ ביינערדיקע האַנט, וואָס גיט מיר שוין די מעגלעכקייט צו זען מער ווי נאָר דאָס פּנים זיינס מיטן נישט זיכערן און פאַרט היימישן קול, עפּעס ווי ער וואָלט זיך מיטאַמאָל אַנטפּלעקט פון די אָפענע סאַנדאַלן פאַרפלאָכטן אַרום די פיס און דער פאַרגאַרטלטער פלאַטיע מיטן האַרטן קיילעכיקן קאָלנער וואָס רייפלט אַרום זיין האַלדז ביז דער גלאַט ראַזירטער גאָמבע, וואָס מאַכט דעם איינדרוק אַז זי איז שטאַרק נייגעריק אַרויסצובאַקומען זיך פון דער שטייפקייט דורך אַ היימישן שנעלן פּלאַפּלען אין עברית און ענגליש — איר זעט מיר אויס ווי אַן ערשט נישט לאַנג געקומענער און אפשר טאַקע גאָר צום ערשטן מאָל און זענט דערשטוינט פון אַלץ וואָס איר זעט דאָ. איך האָב אויך אַזוי געפּילט אין די ערשטע טעג פון מיין קומען אַהער. ווי קען מען נישט אויפגערודערט ווערן ביז די טיפסטע טיפענישן זעענדיק ווי די פאַרויסזאָגן פון אייערע נביאים שאָקלען אַראָפּ פון זיך די זאַמדן פון די צייטן צוזאַמען מיטן גליווער פון די שטיינער אין אַלע חורבות, און וואַקסן אויס לעבעדיק און האָפערדיק נאָר אַ ברכה צו מאַכן. פאַר מיר, דעם קריסט פון ריינעם גלויבן, איז עס אַ קלאָרער צייכן פון דעם נאָענטן ווידעראַמאָל אַנטפּלעקן זיך פונעם דערלייזער. אַזוי גלויבט די קירכע צו וועלכער איך געהער. וואָס מיינט מען וועגן דעם ביי אייך?

— ביי אונדז? נאָכדעם וואָס מ׳האָט געטאָן צו אונדז —

— יאָ, יאָ, כ׳ווייס וואָס אירווילט זאָגן, — האָט ער נישט קיין געדולד אויסצוהערן דאָס וואָס דאַרף געזאָגט ווערן, — נאָכדעם וואָס מ׳האָט געטאָן צו אייך אין דער דאָזיקער זינדיקער וועלט אין נאָמען פון די פאַרפּעלטשטע גלויבנס, זענט איר שוין די חבלי־משיח, אַזוי רופט מען עס דאָך, איבערגעקומען. און דאָס איז די אתחלתא דגאולה . . . אַ יאָ אַזוי?! הערט זשע אָבער און באַנעמט גוט — האָט זיין קול גענומען ציטערן מיט אַ געשטייגערטע צערודערטקייט — כ׳בין מתפּלל, אַז איר זאָלט שוין טאַקע האָבן איבערגעקומען, אָבער כ׳מוז אייך זאָגן, — האָט ער אַזש אָנגעהויבן שטאַמלען, — אַז איך בין געקומען אַהער פון מיין דאָרף אין אַ דרום־שטאָט פון אַמעריקע וואו איך האָב געחלומט יאָרן לאַנג צו זען אַלץ מיט די אייגענע אויגן און וואַרטן דאָ אויפן נס פון דער אַנטפּלעקונג, אָבער וואָס מער איך וואַנדער אַרום אין לאַנד און שפּיר די שנאה וואָס לויערט דאָ פון דרויסן און דער עיקר פון אינעווייניק צווישן אייערע נאָך אַלץ צעטיילטע שבטים, ציטערט אויף מיר דאָס לייב, — איז ער אריבער כמעט אין אַ שעפּטש, קוים וואָס מ׳האָט אים געקענט הערן, — צוויי מאָל שוין, האָט מען אייך אַריינגעבראַכט אין דעם לאַנד כדי אויפצו שטעלן דאָס הייליקע קיניגרייך אויף דער ערד, און איר האָט עס נישט געקענט דערהאַלטן. אייער צעריסנקייט האָט געשטאַרקט אייערע שכנים און דערפירט צום פאַרטרייבן אייך. האָבן טאַקע יענע שכנים געקראַגן זייער שטראָף און זיינען פאַרשוואונדן אויף אייביק און איר זענט אָפּגעקומען אייערס און צוריקגעקומען אַהער פון דער גאָרער פאַרגעסנקייט און פּיין, ווי מ׳האָט עס אייך פאָרויסגעזאָגט. וועט איר עס איצט כאָטש קענען דערהאַלטן? כ׳מוז אייך וואָרענען, — איז די מילדקייט פון זיין פּנים פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ שווערן שאָטן ווי די זון וואָלט זיך פּלוצים געשטעלט הינטער אים, און דאָס קול זיינס טרויעריקער פון טרויער, האָט געשעפּטשעט — נישט נאָר די איצטיקע נאָענטע שכנים אייערע לויערן אויף אייך ווי אַמאָל, נאָר אויך די ווייטערע, אונדזערע פאַרפירטע ברידער מיטן בלינדן גלויבן און שנאה צו אייך, וועלן עס נישט וועלן דערלאָזן. די זעענדיקע פון רייִנעם גלויבן ווי איך, זיינען ווייניק, זייער ווייניק אין צאָל, און קענען אייך קיין סך נישט העלפן. איר מוזט עס אַליין אויסהאַלטן . . . מאַכט אַן עיגול אַרום זיך און זאָל דער שומר ישראל זיין מיט אייך! — האָט ער מיט אַן אויפגעהויבענעם פינגער

פלינק אַ צייכן געטאָן אַ קרייַז אין דער לופטן און אויגנבליקלעך זיך דערווייטערט אַזוי זייטיק ווי ער האָט זיך באַוויזן. בלויז דאָס שעפּטשנדיקע קול איז אויף מער ווי אַ ווײַלע געבליבן שטעקן אין געמיט.

## ב

עפּעס פון דעם מין געפּיל, כאָטש גאָר אַנדערש אין דער שפּירונג, נעמט דיך אַרום שפּאַצירנדיק אין די אַלייען פון דעם קיבוצישן ישוב. די ווייסע שטילע הייזקעלעך טוליען זיך אין שאָטן פון צאַרט אָפּגעהיטע ביימעלעך. די רו פון איש תחת גפנו ותאנתו גייט דאָ אַרום אויף די שפּיץ פינגער. דער טיף באַשטערנטער הימל אין אַ פרילינג נאַכט, שעפּטשעט מיט אור־אַלטער פאַרטראַכטקייט און בלויען גלויבן. און דאָרט ניט ווייט פון בלעטער בוים שטייט דאָך אברהם אַ פאַרבליפּטער פון דער בלויקייט און גלעטנדיקן שאָרשען פון גאַנצן באַשאַף. דער ריח פון וַיִתֶּן לְךָ, איז אַזוי וואָר דאָ, אַז עס פאַרהאַקט אַזש דעם אָטעם. פילסט, דאַכט זיך, בחוש ווי יצחק׳ס פעלדער גרינען ווידער דאָ. די ברונעמער קוועלן פריש אין לבנה שיין און אַלע פּחדים פון יענעם פרימאָרגן ווען די זון האָט געפלאַמט הימל הויך און דעם טאַטנס מעסער האָט געבלאַנקט אויסגעשטרעקט אין דער רעכטער האַנט, זײַנען גאָר ציטערניש פון פרייד פון ביישטיין דעם נסיון פון ווען אַנטלויפן און באַהאַלטן זיך אין שפּאַלט פון אַ באַרג. מיט יעדן צי פון אַ זילבער שטערן אין דעם בלויען און ווייטן רחבות, פאַרפלעכט זיך אַ לויטערער שטראַלן־שטאַפּל אין יעקב׳ס לייטער. ווי קלאָר — דורכזיכטיק — נאָענט, עס באַנייט זיך דער חלום אַרויף — אַראָפּ און ווידער אַמאָל אַרויף, אַזוי אַז אַל די שרעק פון דער פּלוצים צוגעפּאַלענער נאַכט אין מיטן דער פרעמד, איילן אים מיט שטויענדיקן ציטער פונעם באַהעלטעניש הינטער די שטיינער: „געטלעך איז דאָך דאָס דאָזיקע אָרט און איך האָב דעם זכות צו רוען דאָ" . . .

— עפּנסטו די אויגן אויף מיטן שפּראָץ פון ערשטע זון—שטראַלן און ס׳קוקט אויף דיר שמייכלענדיק פריי אַן אָפן פּנים פון דער ביכער שראַנק אַראָפּ. די נאַכלעסיק פאַרקעמטע טשופּרינע פול מיט ווינט און טראָציקייט, און דאָס דין פאַרשניצטעם מויל האָט, דאַכט זיך, אַלע ענטפערס גרייט צו יעדער צייט. אינעם טראַנס נאָך פון בײַנאַכטיקן זען, קומט אויס אַז אָט וועט זיך טאַקע דאָס אייבערשטע דינע ליפּל מיטן פּוך פון ערשטער מענלעכקייט

אויף דעם אַהייב טאָן און איבעררייסן די שטילקייט דאָ מיט אַ פייף. באַלד פאַלט דער בליק צו צו דער לענגלעכער געלער זאַנג איבערן דינעם שטעקל פונעם רעמל, וואו דאָס אָפענע פּנים שמייכלט. עס לייענט זיך שוין פון זיך אַליין די אויפשריפט פאַרקריצט אין אַ ליימיק פלאַך שטיינדל איבער דעם: „חברנו רָמִי הנחמד, בן יט׳, נפל בדרך לסיני, תשט״ו. אנחנו והמולדת נזכרהו לנצח.״

— „דאָס בילדל האט ער נאך אליין געשיקט פון וועג. די אויפשריפט מיט דער זאַנג, האָבן שוין די חברים זיינע צוגעשיקט. שפּעטער האָבן זיי צוגעשיקט אַ גאַנצע מגילה פון זיינע מעשים. דאָס איז געווען שוין איינמאָל אַ רמי —״ הערן זיך דער מאַמעס רייד ווי פון אַן ענדלאָזער פאַרהוילעניש אַרויס און כמעט צו קיינעם נישט געווענדט. — „ווען איך וואָלט כאָטש אַמאָל געקאָנט צו דער מצבה צופאַלן. מען קאָן אַהין נישט צוקומען״ — גלעט זי שטאַרק דאָס פלאַכע שטיינדל — „עס גלויבט זיך מיר דעריבער נאָך אַלץ ניט. עס דאַכט זיך מיר נאָך אַלץ אויס, אַז אָט עפנט ער די טיר און אַ ווינט מיט געלעכטער פּראַלט אַריין אין שטוב. משה מיינער, האַלט עס מיר אַפּער. אַ מאַן האָט מורא פאַר איינרעדענישן. שעמט זיך מיט דער אייגענער שוואַכקייט. פון דעסטוועגן טרעף איך אים זייער אָפט הייבן דעם קאָפּ פון קישן אין לויטערן פרימאָרגן און איינהערן זיך״ . . .

ברעכט זיך איר קול איבער און אין צימער טראָגט זיך, דאַכט זיך, עפּעס אַן אַלטבאַקאַנטער געמורמל פון אַ ניגון וואָס פּילט דיך אין גאַנצן אָן און שטעלט זיך אויס אין ווערטער מיט העלער זון שיין אויף זיי: „און ער האָט גענומען דעם שטיין פון אונטער זיין צוקאָפּנס און אים אַוועקגעשטעלט אַ מצבה . . .״ — נאָענט איז דער ניגון און פאַרהוילן ווייט, און דאָך אַזוי היימישלעך ביטער־זיס, אַז דו כאַפּסט זיך אַרויס: „וואָס נאָך האָט ער איבערגעלאָזט?״ — די בחורה זיינע האָט שוין מן הסתם חתונה געהאַט, וואָס ווערט זי נעבעך וואַרטן? — טוט זי אַ פיר מיט דער האַנט צום אָפענעם פענצטער וואָס קוקט אַרויס צום גערטנדל מיט די פּרוכט—ביימער אין אָנהייב פון רייפקייט. — די פּאָר ניס־ביימלעך פאַרן הויז האָט ער נאָך אַלס קינד פאַרפלאַנצט. זיי וואַקסן ווייטער ווי עס וואָלט גאָרניט געשען. אַלץ איז דאָ אַזוי גלייך ווי עס וואָלט גאָרניט געקענט געשען אַ ליאַדע מינוט. אין די העפטן וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין מזכירות פאַרן אַוועקגיין אין

דער צבא, איז פאַראַן אַ גאַנצער פּלאַן פאַרן וואוקס פונעם קיבוץ אין אַ יובל יאָר אַרום. ווער געדענקט דען דאָ, אַז מיר זיינען אין גאַנצן עטלעכע מייל פון דער גרענעץ — רעדט זי מער פון זיך אַרויס ווי צו עמיצן — פול מיט פּלענער איז ער געווען און פון די בעסטע צייכענער נאָך פון די שול־יאָרן אָן — בלייבט זי שטיין פאַרן מצבה שטיינדל ווי פאַרווירט — וועט מען טאַקע נאָך דורכפירן זיינע פּלענער, האַ? — צאַפּלט זי עפּעס מיט אַמאָל אויף — זע נאָר מיט וואָס איך וויל זיך שטאַרקן. אפשר קאָנען אַנדערע זיך טרייסטן מיט דעם. ביי מיר איז אַ פּוסטקייט אין האַרצן. שוין באַלד פאַרגעסן ווי מיט אַ מענטשן צו רעדן. וועסט דיר דאָ נעמען פרישטיק. מיר האָבן דאָך שוין לעצטנס אַביסל אייגנס אין הויז ניט צו דאַרפן אָנהייבן יעדן טאָג אין חדר־האוכל, בפרט ווען אַ גאַסט איז דאָ — איילט זי אַרויס פון הויז — כ׳מוז שוין גיין אין קינדערהיים. דאָס קליינוואַרג דאַרט דאַרף פון גאָרניט ניט וויסן. זיי דאַרפן זייערס. גיי זיך דערווייל אַדורך איבערן קיבוץ. ס׳איז דאָ וואָס צו זען.

אין דרויסן פאַרן אָפענעם פענצטער שאַרשען אין ווינט די רייפע בליטן פון די מאַנדל־ביימלעך; די געלע פאַפּירענע בייטעלעך וואָס באַהאַלטן אין זיך די יונגע פּרוכטן, וועלכע קאָנען קיין שטאַרקע זון ניט פאַרטראָגן, קנייטשן זיך מיט אַ טרעשטש ווי נאָר אַ זון־שטראַל טוט אַ טריקן אויס די פייכקייט פון אַ טוי טראָפּן, און די שטייפע הערעלעך פון דער פאַרטריקנטער זאַנג אויפן ביכער־שראנק ציטערט מיט, קוים מיטן אויג צו זען.

## ג

אַ פּאָר טריט בלויז מיט דער שמאָלער פאַרשאָטנטער סטעזשקע, ברענגט דיך גלייך צום הויפּט־וועג וואָס שלענגלט זיך אַרום און אַרום דעם קיבוץ ווי אַ ספּעציעל געפלאָכטענער גאַרטל וואָס אי ער פאַרבינדט, אי ער צעטיילט דעם ישוב לויט זיינע באַזונדערע וועלטלעך און זייערע פונקציעס. באַזוימט מיט הויכע בלעטער — ביימער פון ביידע זייטן, זעט עס אויס ווי אַ פיין געפלעגטע אַלייע אַריבערגעפלאַנצט אַהער פון ערגעץ אַ פּריציש׳ן הויף. פון איין זייט וועג זיינען שמאָלע שאָטנדיקע סטעזשקעס צווישן ווייַנריב און געדיכטע קוסטעס. זיי פירן צו די צוויי און איין פאַמיליע הייזער אויסגעשטעלט כמעט אין אַ גלייכע שורה נאָר מיטן פּנים צום הינטער—טייל

פון אַן ענלעכע שורה אויף דער צווייטער סטעזשקע. אַ גערטנדל פּאַר יעדער הייזקע, אַ שפּריצער און אַ פּאָר פּרוכט־ביימעלעך. אַמאָל אויך אַ טויבנשלאַק ביי דער זייט. פון דער ווייטנס זעען די הייזקעס אויס ווי נעסטן אַריינגעפלאָכטן צווישן צווייגן און גראָז. פּאַר יעדער נעסט־טיר ווינטלט זיך אַ מין דינער פאַרהאַנג פון גרויען שטאָף וואס דערמאָנט עפּעס אָן די יריעות שלמה פון שיר השירים. ס'איז דאָ שטיל איצט און פול מיט ליידיקער רו. ערשט צום אָוונט צו וועלן פייערלעך זיך ציען פון די הייזקעס און קולות וועלן זיך טראָגן און די שפּריצערס וועלן קילן די אָנגעגליעטע לופט. דאָ איז יעדער פּאַר זיך, און שוין לויטן אויסזען פון גערטנדל, געפּלעגטע פון פלויטל און אויסשטעל פון די פּאָר אַרבעטס מכשירים, קענסטו דערקענען ווער עס נעסטיקט דאָ באַזונדער. אַביסל טיפער און ווייטער ציען זיך אַ פּאָר לענגלעכע געביידן ווי באַראַקן. אַן איבערבלייב פון אַמאָל ווען אַלץ איז געווען אין איינעם. איצט וואוינען דאָ נאר די וואָס האָבן זיך נאָך קיין פּאָר ניט צוגעקליבן. וואוינט מען אויף דערוויל אין "בית־משותף" . . . פון דאָרט ציען זיך וועגלעך צו די שטאַלן, פּרדסים, כרמים און די אָפענע גערטנער און פעלדער. דא ניט ווייט, כמעט שוין ביים אויסבייג פון יענער זייט וועג געפינט זיך שוין די שיך־פאַבריק, די בעקעריי פון וואַנען עס דערטראָגט זיך אַהער אַ געפּילדער פון איילעניש און פאַרנומענקייט. דאָרט איז קיינער קיינמאָל ניט אַליין.

פון דער אַנדערער זייט וועג פירן עפענונגען און וועגלעך צו די אָפענע באַגראזטע שטחים. בלויז דאָ און דאָרט אַ לאַנג אויסגעצויגענער באַפּעלצטער ברוש־בוים שטאַרט אין דער אָפנקייט אַרויף. דאָ זיינען די אלגעמיינע בנינים, דער סעקרעטאַריאַט מיטן בית התרבות דערנעבן, דער חדר האוכל און דאָס אָפענע אַמפיטעאַטער מיטן פּנים צו אַ ווייטן בארג. דאָ איז אויך דער טעלעפאָן וואָס פאַרבינדט דעם ישוב מיטן דרויסן, און פון דאַנען ציען זיך אַלע פּלענער און פאַראָרדענונגען וואָס דאַרפן פון אַלע באַזונדערקייטן מאַכן איין צונויפגעלעבטע חבורה. דאָ ביי דער זייט איז אויך דער מחסן מיט אַ קאָנגלאָמעראַט פון מוסטערן, קאָלירן און אַלערליי מאַטעריאַלן פון וועלכע די זינגער־מאַשינקעס דאַרפן צוגרייטן דאָס באַקליידן יעדערן לויט זיין מאָס. אַ געדעמפּטע שטומקייט הויערט דאָ אין דער גרויקייט פון די אָפּגעקעסטלטע ווענטלעך, אַרבעטס — טישן און שמאָלע צעטלעך וואָס נומערירן אַלץ אין באַזונדערע איינסן.

לינקס און אָפּגעזונדערט מיט א שורה בלעטער־ביימלעך שטייט די קינדער וועלט. אין צענטער אַ מאַסיווער בנין מיט קליינע פענצטערלעך און אַרום און אַרום אין אַ מין צעוואָרפענער אָרדענונג אַ צאָל פון צעמענט געגאָסענע טאָפּל־הייזער פאַר דער שולע און לאַבאָראַטאָריע. אויף דער אָפענער וועראַנדע פון דער קינדער־היים רוען אין הענגנדיקע וויגעלעך די פּיצעלעך. דינע שאַטקעס באַשיצן זיי קעגן די פליגן און זון. דער קינדערגאָרטן דערנעבן זשומעט מיט שפּיל און געטומל. פון די קלאַס צימערן טראָגט זיך, אי דאָס קול פון געזאַנג, אי דאָס שאַרפע אויפקלערערישע קול פון לערער. צווישן די שטיינער דאָ ניט ווייט לויערן אַ פּאָר תלמידים צו פאַנגען פאַרשיידענע אינסעקטן וואָס זיי דאַרפן צום נאַטור־לימוד. זיי זיינען אַזוי אַריינגעטאָן אין דעם, אַז זיי הערן ניט דאָס הילכיקע פויקן אין דער טאַץ פאַר דער לאַבאָראַטאָריע וואָס רופט זיי צו דער לעקציע.

אויף דער אנדערער זייט פון דער קינדערהיים שפּילן זיך אַ גרופּע קינדער אין באַהעלטעניש.

— אתה רואה אותי? (זעסט מיך)

— לא רואה אותך! (איך זע דיך נישט) — קלינגען די קולעכלעך מונטער און ציטערדיק פון געמאַכטער שרעק. דאָס בערגל אַרום וועלכן זיי שפּילן זיך איז אַ קינסטלעך אָנגעהויפנטס בלויז אין איין זייט. די אַנדערע זייט איז אָפּגעשניטן גלייך פון דער סאַמע שפּיציקער פאַרקיילעכונג ביז אַרונטער. אַ געקאָוועטע טיר פאַרשטעלט די עפענונג וואָס פירט אין שוץ־קעלער אַריין.

— לא תראה אותי? (זעסט מיך נישט) — ציטערט אַ קול פון אַ באהעלטעניש אַרויס און אַן אַנדערס ענטפערט — זחול והיסתר בעומק! העמק לזחול!

ערשט איצט דערכאַפּסטו זיך, אַז אַזעלכע קינסטלעכע איבערגעשניטענע בערגלעך, באַדעקט מיט גראָז פון אויבן און פאַרשטעלט מיט גרויע טירלעך פון אונטן, האָסטו געטראָפן כמעט ביי יעדן, אויסבייג פון הויפּטוועג וואָס אויך אין שטאָט און אין יעדן ישוב. פון זיך אַליין קומען אָן צופליען מיט אַ קינדערישן פלאַטער און ציטער פון זייער א ווייטן ערגעץ די צעשראָקענע

פסוקים פון דער צעקאַרבטער, אין לעדער געבונדענער סוואַרבע (עשרים וארבעה) אַרויס, צוזאמען מיטן צוגעלייגטן, טרויערדיקן ניגון וואָס איז געבליבן שטעקן אין דיר אַלע יאָרן. אפילו דער נאָגנדיקער אַנגסט וואָס האָסט דאַן געפילט, צאַפּלט אויף אַזוי שאַרף און פריש, אין דער איצטיקער וואָר. „און עס איז געווען ווען ישראל האָט פארזייט, אַזוי איז מדין און עמלק און די בני־קדם אויפגעגאַנגען אויף אים. פאַר די מדיינער האָט זיך ישראל געמאכט די פארהוילענע גריבער אין די בערג און די היילן און באפעסטיקונגען אין די פעלדזן״.

— הם באים! הם באים (זיי קומען! זיי קומען!) — וואָרנט אַ קול פון דער הויך, באַגלייט מיט אַ טאַ, טאַ, טאַ, טאַ, בום! וואָס יאָגט זיך אַהער פון צווישן דיביימער גלייך צו דער אָפענער טיר פון דער קינדערהיים.

אַ לאַנגער פייף, אויסגעצויגן און האָפערדיק, איז דער סיגנאַל צום ווידער צונויפקומען זיך און ציילן זיך לויט די מחנות.

— אַתָה לא במנין עוד, ואתה . . . ואתה . . . (דו פאַלסט ארויס, און דו, און דו . . .) — ווייזט אָן דער אָנפירער ערנסט און פאַרזאָרגט אויף אייניקע פון זיי — רָאוּ אותך . . . וגם אותך . . . אמרתי העמק לזחול (מ׳האָט דיך געזען. און דיך אויך. כ׳האָב געזאָגט: טיפער קריכן . . .) עיני נֵץ להם! (אויגן פון שפּאַרבערס האבן זיי!)

— היה אָץ כצבי וחרוץ כּנְמָלָה! (זיי פלינק ווי דער הירש און פלייסיק ווי די מוראשקע)—ענטפערט אָפּ די מחנה אויסשטעלנדיק זיך צום ווייטערדיקן שפּילן.

## ד

אין גאַנצן עטלעכע שפּאַן פון דאַנען שטומט אַנטקעגן דער דערשטווינטער, אָפענער צער־בליק אין גליוועך פון פאָלירטן גרויען שטיין פון „די דריי״, וועלכע האָבן אין צייט פון סכנה נישט נאָר נישט געגוצט זייערע הירשן־פיס צו אַנטרינען, נאָר גאָר אָפן גענומען אויף זיך די שולד פון אַ מכלומרשטער זינד כדי צו ראַטעווען די חברים. האָט דער שונא זיי

פאַרפּייניקט ערגעץ אין אַ ווייטער שטאָט און אפילו זייער געביין נישט געוואָלט צוריקקערן. די חברים האָבן זיי אָבער אַלע מאָל געציילט צווישן זיך און זיי געזען ווי אין דער לעצטער שעה פון צעשיידונג. צוגעדריקט איינער צום אַנדערן מיט איין ווילן און איין צער אין בליק, און אין די האַלב אָפּענע מיילער נישט קיין קול און נישט קיין וואָרט. דאָס פאַרהוילענע וואָרט און דער נישט אויסגעשריגענער פּיין האָט טיף געשטעקט אין אַלעמענס שווער געמיט און געצאַפּלט אין ווערטער־קנוילן: „זיי זיינען דאָ!"

ביי דער ארבעט און אויף שמירה, האָבן זיך זייערע נעמען געמישט און געצייכנט און איבערגעשטעלט אין כלערליי אויסלייגן ביז עס איז געוואָרן סתם „די דריי". און אַזוי האָט דער קינסטלער צווישן זיי, זיי ווידער אויסגעהאַמערט פון גרויען שטיין און אויפגעשטעלט פאַרן בלענד פון זון און אויג פון אַלץ וואָס עס וואַקסט דאָ. דריי זיינען זיי געווען און אויף אייביק פאַרהאַמערט אין איין גוס. חבריש פאַרבונדן האַנט אויף אַקסל און אָרעם אין אָרעם, שטאַרן זיי הויך מיט פעסטן געשטעל אויפן פירעקיקן צעמענטענעם פּעדעסטאַל.

— זעסט אונדז? מיר זיינען דאָ!

די אַנטבלויזטע הערצער אָנגעשטעלט גלייך מיטן צער־בליק אין די שטוינענדיקע אויגן־לעכער: „מיר זיינן דאָ?!"

אפילו אין בלענד פון זון־פלאַקער, טונקלט די אויפשריפט געל און שוואַרץ אין אַרומיקן גרינעם מזבח: „דאָס בערגל פון די דריי". קיין סימן פון אַ בערגל איז דאָ נישטאָ. פלאַכלאַנד אַרום און אַרום, נאָר אַלץ דאָ וואָס איז העכער פון דער ערד, ביימלעך, גראָזן, שטיינער און געבערגלטע הויפנס, שרימפּן זיך איין און בלייבן ליגן אויסגעצויגן נידעריקער פונעם „בערגל פון די דריי". אַלץ קוקט אַרויף צום פאַרשטיינערטן שפּרונג פון די דריי און צו זייערע האַלב אָפענע מיילער וואָס פאַרהוילן אַ סודותדיק פאַרגליווערט נישט דערזאָגן: „איז דאָס די וואָר פון חלום און דאָס זיין באַשייד?!"

עס איז אַזוי שטיל דאָ, אַז דו פילסט ממש ווי אַלץ האַלט דעם אָטעם איין. עס זעט אויס אַזוי ווי קיינער וואָלט קיינמאָל נישט געקומען אַהער און

געלאָזט אַ צייכן. נישט קיין קראַנץ און נישט קיין אַנדער וועלכער עס איז סימן פון א נאָענטן באַזוכער. בלויז שטומקייט און שטילקייט און זון. עס ווערט אַזש אומהיימלעך פיינלעך אַוועקצוגיין סתם אַזוי. „מען וואָלט געדאַרפט צוטראַכטן עפּעס אַ מין סימבאָלישן צערעמאָניאַל״ — האַלטסטו אין פאַרפלעכטן אַ דין צווייגל מיט אַ פּאָר פעלד־בלומען און דערהערסט שטילע געמאָסטענע טריט גאָר נאָענט. אויף אַן אויגנבליק ווערסטו דערשטוינט פון דעם מאָדנע רואיקן שפּאַן נאָך שפּאַן־גאַנג וואָס בלינצלט פאַר די אויגן ווי עפּעס אַ מיראַזש פון אַ שבתדיקן טריטלען אין אַ מקום קדוש אַריין. „ווי זשע קומט עס אַהער גאָר? און וואָס עפּעס אין בלויזן קאָפּ?״

ווישסטו די אויגן אויס און זעסט. דער זקן פון קיבוץ שפּאַצירט זיך אַזוי שטיל און געלאַסן אַהער ווי ער וואָלט געציילט יעדן טראָט. נאָך נעכטן ווען דו האָסט צום ערשטן מאָל דערזען דעם זקן שפּאַצירן אין דאָרף, האָסטו געהאַט דאָס געפיל ווי די אָפּשיי אַליין גייט מיט אים און בלאָזט זיינע טריט מיט עפּעס אַ פאַרהוילנקייט פון אַ ווייטן אַמאָל. פונעם גאַנג און פונעם בליק ווייעט אַ מין עדותן זיך פונעם נעכטן מיטן היינט. מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז מען ממש פון גאַנצן לאַנד זיך צונויפגעפאָרן אַהער אינעם קולטור־הויז וואָס טראָגט זיין נאָמען כדי צו באַצייכענען מיט פרייד זיין גרייכן צו די יאָרן פון גבורות. פון אַלע עקן לאַנד האָט מען אים געבראַכט די ברכות און געזאַנגען פון יאָרן פראַצע, געעפנטע קוואַלן, אויסגעטריקנטע בלאָטעס און פאַרדעקטע זאַמדן. צווישן איין כוס און דעם אַנדערן, האָט מען נישט נאָר פון די קולות, נאָר דער עיקר פון די צעקאַרבטע פאַרמעט־פּנימער און ביינערדיק פאַרהאָרעוועטע הענט געקענט זען און דערהערן ממש דעם קנאַל פון די שטיינער וואָס דאָס דאָזיקע לעבן האָט אַרויסגעריסן פונעם פאַרמדברטן באָדן. אויך די טענץ פון אַמאָל האָט מען אים אונטערגעטראָגן מיט פאַר־דבקהטן ברען. נאָר דאָס יונגוואַרג, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן פון דערווייטנס, האָט זיך דערבייי גענומען הינטערווייַלעכטס אַרויסרוקן בליקנדיק מיט אַ ביטול שמייכל אויף די שלאַבעריקע פיס וועלכע זענען מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי האָפּערדיק אויף צו פלייסן: „קוק זיי נאָר אָן, ווי זיי הייבן קוים די פיסלעך! זע נאָר ווי זיי ווײַנען טאַנצנדיק?״

דאָס פיינלעך אומהיימלעך געפיל פון די קינדערס שפּיל אין מלחמה,

גייט אַריבער אין ממש אַ היילנדיקער פרייד מיט זיין צוקומען נאָענט. יעדער פרימאָרגן קומט ער אַהער צום „בערגל" אַ ווײַלע זיך איינקוקן און שווייגן. לכבודן גאַסט, ווילט זיך אים רעדן איצט.

„איר האָט דאָך שוין געשוויגן דאָ היינט, — שמייכלט ער היימישלעך, — מער ווי דאס קענען מיר נאָך נישט דערווייל . . . קיין באַשטימטן מקום תפילה האָבן מיר דאָך נאָך אויך נישט. אין „יענע ערשטע יאָרן", האָבן מיר געמיינט, אַז מען דאַרף עס נישט. אַז אַלע הערצער זיינען געווען אַזוי צעשטורעמט און אַלע זאַמדן אַזוי אַנטבלויזט, איז מען צוגעפאַלן צו זיי מיטן גרויסן געזאַנג און טופען מיט די פיס ממש ביז כלות הנפש. שטיל עפּעס זאָגן האָבן נאָר געקענט יחידים, און זיי האָבן זעלטן ווען אונדז געקענט איבערשרייען און אויסלערנען עפּעס זאָגן פאַר זיך . . . אין מיין קולטור־הויז — גלעט ער ממש יעדן וואָרט — איז מען טאַקע אינאיינעם, אָבער נאָר איינער רעדט און מיינט אַז ער איז כולל אַלעמען. הערט מען אים טאַקע אויס און אַמאָל זאָגט מען אים נאָך עפּעס אַ געפליגלט וואָרט. מערסטנס אָבער שרייט מען אויפן קול און מען אַמפּערט זיך. קומט מען אַהער שווייגן. אַביסל שווייגן, האָבן זיך אייניקע פון אונדז אויסגעלערנט. איר מיינט אַז דאָס איז שוין אַן אָנהייב פון תפילה? קען טאַקע זיין, דער עיקר אָבער איז וואָס דאָ איז אַן אָפענער מקום קדוש. אין די פאַרמאַכטע, קען איך נאָך אַלץ נישט אַריינגיין, כאָטש צום יידישן פּנים פון ישוב האָט עס מיר אַלעמאָל אויסגעפעלט, — איז ער פּלוצים אַנטשוויגן געוואָרן, ווי די רייד וואָלטן געוואָרן צו שווער פאַר אים . . .

— צי איך האָב זיי געקענט? — האָט ער זיך נאָך אַ ווײַלע צוריק אַרויסבאַקומען פון שווייגן, — געקענט אָט אַזוי אָ, צעכראַסטעטע און אָפענע ביי דער אַרבעט און ביים טאַנץ. איי, האָט מען דאַמאָלסט אַריינגעטאַנצט, — פאַרכליניעט ער זיך אַזש מיט אַ ביטער־זיסן קרעכץ — ווער וויס פון וואַנען זיי זיינען געקומען. געקומען ווי אַלע — אויסגעריסענע ביימלעך מיטן וואָרצל. געקומען זיך איינפלאַנצן און גלייך גענומען אויף זיך צו ווערן די היטער פון דעם פאַרפלאַנצטן. פון אַלע זייטן האָט מען דאָך געלויערט דאָ אויף אונדז. פון די בעסטע שומרים געווען און געהאָפט אויפן טאָג פון באַזעצן זיך טאַקע אָט אָ דאָרט אויף יענעם בערגל אין יענער זייט וואָס טראָגט איצט זייער נאָמען. געווען איין חברותא דאַן. געריסן.די שטיינער

אינאײנעם, פאַרדעקט די זאַמדן אינאײנעם, געפאַלן אינאײנעם און אינאײנעם געהאַלטן זייער קרבן ווי אַ בלוטיקן ברודערבונד. אין דער גרויסער מחלוקה צווישן די פאַרטייען — שעפּטשעט ער כמעט פאַרשעמט. — האָט מען זיך צעטיילט אָן אַ זײ געזונט. ווער עס האָט נישט געזען ווי דער „אינאײנעם" האָט גענומען קאָכן מיט שנאה־קנאה, ווי דערווידער מען איז זיך געוואָרן, קען נאָך מאַכן א בּרכת־הנהנין מיטן פולן מויל . . . מיר האָבן געדאַרפט אַוועקגיין. האָט מען מיט ווייטיק זיך „צוגעציילט די לעפּעלעך" און אַריבערגעקומען אַהער אָנהייבן פון דאָס ניי. דאָס אַלץ אַרום איז געווען זאַמד און שטיין. איצט איז דאָ נאָך אַ ישוב . . . — קוקט ער זיך אַרום צופרידן און דאָך פאַרבלאָנדזשעט אַ פאַרבענקטער בליק אַהין, — מיט קיין זאַך איז נישט געווען אַזוי שווער דאָס שיידן זיך ווי מיטן זיכרון פון די דריי. בלויז אַ נאָמען טאַקע, נאָר איינגעבאַקן טיף אין האַרצן. אַ הייליקייט. אַריבערנעמען דעם נאָמען האָט מען דאָך נישט געקענט, האָט אונדזער קינסטלער אונדז אַרויסגעהאָלפן און זיי געשטעלט ווי איר זעט מיטן פּנים צו יענעם בערגל. איצט פאַרשטעלן עס סיי ווי דיביימער . . . — צעשמייכלט ער זיך קינדיש שעמעוודיק, — אַבי מיר האָבן זיי אויך דאָ. עס דערמאָנט, אַז מען איז פאָרט איין חברותא. איר הערט, אין די חברותא יאָרן האָט מען טאַקע זייער ווייניק געוואוסט איינער פון אַנדערן, אָבער אינאײנעם איז מען פאָרט געווען. וואָס מאַכט עס אויס וועז מ׳ווייסט שוין אַז איך בין געקומען פון פּינצטערן, בלאָטיקן פּאָליעסע מיט די טינטיק שוואַרצע נעכט און זומפּיקע וועלדער. פאַרטראָגן געוואָרן פון דאָרט קיין אמעריקע און נישט געקענט איינזיצן אין יענעם רעש. אויך דאָ אויסגעוועזן אין אַלע עקן לאַנד ביזן אָנקומען אַהער און זיך פאַרטשעפּעט. — האָט ער זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט מיט אַ צאַפּל דערזעענדיק ווי אַ גרופּע נאָר וואָס אָנגעקומענע טוריסטן דערנענטערט זיך צום פּלאַץ מיט אָנגעשטעלטע פאָטאָגראַפיר־אַפּאַראַטן, — זיי קומען שוין זיך פאָטרעטלען, — האָט ער זיך האַסטיק אַ ריס געטאָן פון אָרט און פאַרשוואונדן צווישן די ביימלעך.

## ה

— דער קיבוץ איז נאָך אַ גאַנץ יונגער, — הערן זיך די טוריסטן מכלומרשט צו צו די דערקלערונגען פונעם אָנפירער און קליקן דערווייל מיט די אַפּאַראַטן, — יעדער איינוואוינער דאָ קען אייך זאָגן אין וועלכן יאָר די

דאָזיקע ביימלעך זײַנען פאַרפלאָנצט געוואָרן און ווער עס האָט וועלכעס ביימל אויפגעהאָדעוועט, — ווערן אויף אַ ווײַלע „די דריי״ כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן פון די זיך פאָטאָגראַפירנדיקע גרופעס. בלויז די קעפּ שטאַרן אַרויס פונעם געווימל. די האַלב אָפּענע מײַלער זייערע פּרואוון, דאַכט זיך, אויסשרײַען דאָס נישט דערזאָגטע, נאָר ביז וואָס־ווען פאַרשווינדן די פאָטאָגראַף־אַפּאַראַטן און עס איז ווידער שטיל אַרום.

וואו דאָס אויג ׳גרייכט, שפּרייט זיך אַ ים פון גראָז. יונגע ווײַנשטאָקן הענגען פאַרפלאָנטערט איינס אין אַנדערן און בלישטשען מיטן פּנים צו דער זון, מאַראַנצן בלינצלען פון צווישן צווײַגן אַרויס און מילגרוימען מיניען זיך אינעם בלענד פון ווײַסן פוך פונעם בליענדיקן ליין אויף יענער זײַט וועג. דער ריח פון פרייש געבעקס און אַן אויפגערעגט איבעררופן זיך פון די ברויט־צעפירער טראָגט זיך פון דער בעקערײַ דאָ נישט ווײַט.

— טו זיך שוין אַ צעריר דאָרט. ס׳אי׳דאָך הײַנט פרײַטיק אין לאַנד. גאַנץ שטאָט וואַרט אויף קוילישטש!

— פּונקט הײַנט דאַרף מען פאַרשפּעטיקן!

— אַז די עלעקטרע האָט אַ גאַנצן טאָג נישט געאַרבעט!

— נישקשה, חברה, מ׳עט נאָך אײַנפאָרן פאַר ליכט צינדן!

אויף פאַר דער שיך־פאַבריק האָוועט מען אַרום מיט שווערע געפּעקן אַרום אַ גרויסן לאַסט־אויטאָ.

— פאַרגעס נישט אַרומצווייפן דעם קאַסטן קיין חיפה. דער ערשטער אַרויסשיק קיין אויסלאַנד!

— באַצייכן עס גלײַך צו דער שיף! — פּילט זיך אופגערודערטע פרייד און באַזאָרגטקייט אין די אָפּגעהאַקטע איבעררופן פון אינעווייניק צום דרויסן.

— עס גייט אין אונדזער גוטן נאָמען!

— אין אַ מזלדיקער שעה! — אָטעמט דאָ מיט שטאָטישער פאַרנומענקייט און אימפּעט.

— אונדזער אינדוסטריע איז פאַרן מויל און פאַר די פּיס — וויצלט זיך דער סעקרעטאַר פון קיבוץ נישט אָן שטאָלץ, — אונדזערע בעל־מלאכות ווילן נישט פאַרפוילערט ווערן און חלומען גרויס. אַ גאַנצע נאַכט באַקן די אויוונס כדי אָנצוקאָרמענען די גאַנצע סביבה. אָנגעהויבן בלויז פאַר זיך און איצט לויפן אונדזערע לאַסט־אויטאָס מיילן ווייט. אויך דאָס שיך־פאַבריקל איז לכתחילה געווען פאַר זיך און צו קענען איינהאלטן אויף צו פארבלייבן אין קיבוץ די פּאָר שוסטערס אונדזערע. איז געקומען די אַרמיי און פאַרלאַנגט צו אַרבעטן פאַר איר. איצט אַרבעט מען שוין נאָר פאַרן מאַרק, לויט מאָסן וואָס דער היגער מאַרק און דער אויסלענדישער פאַרלאַנגט.

— באַרימעריי! — שפּרינגט אים אַריין אין די רייד מיט אַ צערייצטער טראָציקייט אַ באַבערדלטער, לאַנג האָריקער יונגערמאַן, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען לעבן אַ הויפן נישט פאַרענדיקטע שיך און זיך ווי געאַמפּערט מיט עמיצן — ס'איז אינגאַנצן אַ טייל פּונעם וועלן אַריינפירן וואָס מער געדונגענע אַרבעטער אין קיבוץ. מען וויל אַריבערשפּרינגען זיך אַליין. אַריינפירן די שטאָט אהער. נאָך אביסל וועסטו שוין אַריינשטעלן אויך דעם זייגער צו מעסטן די שעהן אונדזערע . . . אויס פרייע אַרבעט און פּערזענלעכע באַציאונג. אויס קאָלעקטיוו! — האָט ער זיך ווייזט אויס שוין ניט געקענט באַהערשן, — נישט צוליב דעם בין איך געקומען אַהער און געוואָרן אַ ———

די אַרבעטער אַרום זיינען ווייזט אויס שוין געוואוינט צו זיינע אויסברוכן און וואַרפן אים בלויז צו ביטול בליקן מיט געציילטע פראַזן: — די רעדע לאָז איבער פאַר דער נאָענטער אסיפה!

— דער פאַקט איז, — האָט דער סעקרעטאַר ווי יאָ און נישט רעאַגירט אויף זיינע רייד, — אונדזער אַרבעט צעגייט זיך שוין אפילו אין אויסלאַנד. מיר וואַקסן שוין אַרויס פון די אייגענע וויקעלעך — גלעט ער באַהאַרצט די קלעפּ־צעטעלעך, וואָס ציטערן דאַכט זיך, אונטער זיינע פינגער מיט אַ לעדערנעם שווארץ פריינדלעכן גלאַנץ פון ווייטע שטעט און אויסגעשטרעקטע פּיס.

מיט די אַלייען און סטעזשקעס ציט מען שוין פון אַלע זייטן צום חדר־האוכל. מען גייט באַזונדער און אין איינעם. מערסטנס שווייגנדיק און נאָר דאָ און דאָרט אַ שטילער געמורמל און אַ פריילעכער אויסגעשריי פון אַ יוגנטלעכן. עפּעס אַ שווערקייט גייט מיט זיי און אַ מאָדנע מידיקייט און אָפּגעלאָזנקייט אין באַוועגונג און אָנטאָן. זעלטן ווען עמיץ איז פול אָנגעטאָן. באַזונדערס וואַרפט זיך אין די אויגן די נאַכלעסיקייט ביי די עטלעכע יוגנטלעכע וועלכע איילן איבערצוויאָגן אַלעמען ווי זיי וואָלטן גאָר קיינעם נישט באַמערקט. באָרוועס, מיט דער פאַרטריקנטער בלאָטע צווישן די פינגער און אַנטבלויזטע ביזן האַלבן קערפּער, לויפן זיי אַלעמען אַריבער. עס זעט אויס ווי איינער וואָלט דעם אַנדערן דאָ גאַרנישט נישט געקענט און מען האָט זיך גאָרנישט נישט וואָס צו זאָגן און פרעגן.

„קומט עס פון צו פיל קענען איינס דאָס אַנדערע? פון צופיל זיין אין איינעם?״

אַ שווערע דריקנדיקע גראָקייט שטייט פאַר די אויגן און עס דויערט אַ היפּשע ווײַלע ביז דאָס אינערלעכע אויג דערשפּירט ווידער דעם קוים אָנזעעוודיקן וואַרעם היימישלעכן בליק מיט וועלכן יעדערביימל און גרעזל קוקט נאָך די הענט וואָס האָבן זיי פאַרפלאַנצט און געבראַכט אַהער די ברכה פון שאָטן און ציטער פון וואַקסן.

# אויף אַלט היימישע שליאַכן

## א

וואוהין מ׳זאָל נישט פאָרן אין ישראל, צי אויף צפון צי אויף דרום, מזרח אָדער מערב, — פאָרט מען ווי געוויינטלעך פאָרויס אויף היינטיקע וועגן און צווישן נייע, יונגע ישובים, וואָס נישט אַלע זייערע נעמען זיינען דיר באַקאַנט. דאָס געפיל אָבער וואָס באַגלייט און באַהערשט דיך כסדר, איז ווי דו וואָלסט געפאָרן אויף צוריק אין צייט, אין אַן אַלט באַקאַנטער וועלט און אויף אַמאָליקע וועגן.

דו ווייסט אויף קלאָר, אַז דער אַספאַלטירטער טראַקט איז קוים אַ פּאָר יאָר אַלט, העכסטנס אַ צענטלינג יאָר, און דאָך פילסטו, אַז אַרום דאָ אָטעמט נאָך מיט בראשית לופט. שפּירסט כמעט בחוש ווי אָט אָ באַלד, וועט דער פּאַרצייטנס זיך אַ הויב טאָן און אַראָפּשאָקלען פון זיך דעם זאַמדיקן צודעק, אָוועקשטופּן דעם גליוועך פון הויפנס שטיינער, און באַלד וועלן זיך אַרויסאַנטפּלעקן אין דער פולער לעבעדיקער גרויס זייערער, די ווימלענדיקע מחנות פון יענע צייטן אין זייער פולער טראַכט.

דער זיכרון זאָגט דיר אפילו אונטער זייערע אַמאָליקע נעמען און מעשים; די געשטייגערטע פאַנטאַזיע וויקלט פאַרן אויג זייערע געשטאַלטן און לעבט אויף די וואונדערלעך דראַמאַטישע סצענעס מיט וועלכע ס׳איז פול דער תנ״ך, די אַלטע מגילות פון די פאַרצייכענער פון די געשעענישן און אויך די פנקסים פון אָט דאָ נישט לאַנג.

די היינטיקע שטעט און דערפער מיט דעם קאָנגלאָמעראַט פון פנימער און מלבושים, געמיש פון קולות און געצאַפּל פון אַלערליי העוויות, קומען אויס עפּעס ווי אויפן ראַנד פונעם אַמאָל. אַ מין ערשטע אַנטפּלעקונג וואָס שפּאַרט אַרויס פון דער פאַרהוילעניש מיטן אימפּעט פון וואַקסן. די גרינע אָאַזיסן אין סאַמע מדבר, פון וועלכע דאָס אויג קען זיך גאָרנישט אָנזעטיקן, און די רויכנדיקע קוימענס אינמיטן די זאַמדן און צווישן די מיט זון פאַרפלייצטע בערג, באַקומען אויך אַן אויסטערלישן אויסזען דאָן. עפּעס ווי

אויך פון אַ פֿאַרהוילעניש אַרויסגעצויגן און אַריינגעשטעלט זיך אין סאַמע מיטן פון דער אייביקייט פון צייט.

די קלעמפּעס פלאַנצן מיט וועלכע די זאַמדן זיינען ערטערווייז דורכגעפלאָכטן און פֿאַרפּלאָנטערט מיט דינע וואָרצלען און צווייגלעך, הוידען זיך, דאַכט זיך, אין דער לופטן מיטן ווינט, און דאָך ווייסטו, אַז זיי הויערן צונויפגעקנוילטע און צוגעשמידט צום אָרט און וואַרטן ביז דער אימפּעט פון בויען וועט זיי גרייכן. אַ ישוב וועט דאָ זיין: אַ שטאָט, אַ דאָרף און אַ נייער קאָנגלאָמעראַט פון פּנימער, באַוועגונגען און מלבושים, פּונקט אַזוי אויסטערליש ווי דער אָאַזיס פון גרינס דאָרט נישט ווייט וואו אַ שערענגע שפּריצערס וואַכן ווי די שומרים אַרום און אַרום און אין מיטן, און שפּרייטן אַ דינעם וואַסער־שוים וואָס פּלייצט אין דער זון ווי אַ שלייער דורכזיכטיק צעגאָסענער זילבער.

הייבסט עפּעס אָן צווייפלען אין אייגענעם זען און קלאָר באַנעמען. עפּעס קענסטו זיך אליין נישט אריינשטעלן אין דעם אַלעם. נישט דו קענסט אויסשטעלן די צייטן און זיי פֿאַרבינדן איינס מיטן אַנדערן און נישט דו זעסט זיך אין איין ריי מיט דעם וואָס ס׳טוט זיך דאָ. די שפּורן זיינען פֿאַרווישט און בלייבסט עפּעס הענגען אין מיטן, ווייסט שוין נישט פון וואַנען ביסט געקומען און וואוהין דו ביסט פֿאַרפאָרן. די געשטאַלטן און איבערלעבענישן וואָס לעבן אין דיין געמיט הויערן ערגעץ דאָ זייט ביי זייט איינער אויפן אַנדערן און לעבן דעם אַנדערן, רירן זיך, דאכט זיך, אָן און באַרירן זיך נישט; קענען זיך און דערקענען זיך נישט, און דו אַליין זעסט זיך אויך אַזוי. פילסט בחוש, אַז ס׳איז דאָ אַ פֿאַרבינדונג און ערגעצוואו באַגעגענען זיך די צייטן און די וועגן אין איין באַשטימטן גאַנג. נאָר מיט דיין געוויינטלעך אויג קענסטו עס נישט דערבליקן. ביסט דערפאר אי פֿאַרבליפט, אי צערודערט. האָסט קיין אַנדערע ברירה נישט ווי נאָר צו לאָזן דאָס אויג בלאָנדזשען אינעם אויסטערלישן לאַבירינט און מיטציטערן מיטן צערודערטן געמיט וואָס זוכט צו געפינען דעם וואו אויס און וואו איין.

די ערשטע פּאָר צענדלינג מייל פּאָרויס, ציט זיך דער טראַקט צווישן ישובים און גערטנער וואו די ווייַנשטאקן הענגען אין געפלעכט פון שטאַנגען; מאַראַנצן פלאַמען אַרויס פון די געדיכט באַוואקסענע פּלויטן, און דער טיפער

גרין פון די גראָזן און אַלערלייביימער פאַרנעמט דאָס אויג. דער וועג־פירער רופט אויס די נעמען: אַ געמיש פון אַלט און ניי. אָט איז יבנה און אָט איז — די שפע פון לעבעדיקן גרין און דער בליאַסק פון די נייע בנינים מיטן האַרמידער פון פאַרטועונקייט אין אַרבעט פון די מענטשן און בהמות אַרום, פאַרווישט עפּעס דעם אַלטן נאָמען מיטן געשטאַלט, וואָס דער דמיון האָט אין דיר אויפגעשטעלט אַמאָל אין די יוגנט־יאָרן. פרואווסט פאַרבינדן דעם אַלטן נאָמען „כרם ביבנה", וואָס האָט געשפרייט אַרום זיך גורלדיקע אחריות פאַרן גאַנצן פאָלק — מיט דעם איצטיקן, און קענסט בלויז דערזען דאָס וואָס דער וועג־פירער דערקלערט: „בלויז מיט געציילטע יאָרן צוריק, איז נאָך דאָ געווען הוילער זאַמד און חרובע ערד, און איצט — אַבי מ'האָט נאָר געגעבן אַ שפּריץ מיט וואַסער, לעבט אַלץ און בליט." עס נאָגט אָבער פאָרט אַ ציטערדיקע מחשבה: „בליט שוין אויך די גורלדיקע אחריות...?"

פאָרט מען אָבער אַביסל ווייטער און מ'טוט זיך אַ פאַרקערעווע צום דרום וועג, ווערן די גערטענער אַלץ ווייניקער און מאָגערער. דאָס גראָז ווערט בלאַסער ביז עס נעמט אינגאַנצן אָן דעם אויסזען פון פאַרטריקנטן מאָך און פאַרחלשטן גרוי. אויך ביימער ווערן זעלטענער אפילו ביי די זייטן פון וועג; ווערן אַלץ נידעריקער און איינגעשרימפּענער מיט בלעטלעך וואָס הענגען עפּעס נאָכגעלאזן ווי אין הוילן הפקר, פאַרטאַיעט אין דער אייגענער פאַרטריקנטקייט. דער אַספאַלטענער טראַקט שוואַרצט זיך אין אַן אָפענער ליידיקייט פון זאַמד און שטיין פון ביידע זייטן. דאָ און דאָרט ווערט די ליידיקייט פּלוצים אָנגעפילט פון אַ גרופּע אַרבעטער וואָס שמאַיען אַרום ביי רערן און שטופּ־מאַשינען מיט בליציק גלאַנציקע שאַרפע ציין. עס שווימט דיר אַנטקעגן ווי אַ פאַרצויבערטער מיראַזש. די קליין־געוויקסיקע, שמאָל־ביינערדיקע, אין גרוי־געהילטע, געבויגענע גופימלעך, זעען אויס ווי באַוועגלעכע בינטן קוסטעס, וועלכע האָבן זיך קוים אַרויסבאַקומען פון דעם צעגליעטן באָדן. די הענט און די פיס ווימלען אַרום פלינק און זשוואַווע ווי זיי וואָלטן זיך וואָס שנעלער געוואָלט דערגראָבן צו עפּעס אַ פאַרבאָרגעניש, וואָס נאָר זיי קענען גרייכן. זיי הערן, דאַכט זיך, נישט וואָס דער האַלב נאַקעטער, קופּערן פאַרברוינטער אויפזעער זייערער הילכט אַריבער צו זיי דורכן מעגאַפאָן. זייערע אָנגעשטרענגטע פּנימלעך מיט די שיטערע בערדלעך און דראָטענע פאות־קרייזעלעך, באַוועגן זיך פאַרטאָן אין זיך און זעען בלויז דעם ברייטן רונדיק אויסטערלישן הוט אויף זיין קאָפּ. עס קומט דיר אויס ווי

אַן אַלט מעשה־ביכל וואָלט זיך אַן עפן געטאָן מיט אַ פּלאַטער פון יענע לעגענדאַרע קאַרליקלעך וועלכע וואַקסן אויס אין דער ריכטיקער מינוט צו זיין אי די אַנטפּלעקער, אי די פּאַרדעקער פון דעם וואָס עס טוט זיך אין פּאַרבאָרגעניש. אויך דאס געבראַזג פון די בויערער און דאָס בליצן פון די אויפגעשטעלטע שטאָלענע ציין שפּרינגען אַרום אינעם שטויב אַרום זיי, גלייך ווי דאָס געצאַפּל פון האַרטן שטיין, וואָלט זיך אויך געוואָלט אין עפּעס פּאַרדעקן און פּאַרהוילן. דאָס נייגעריקע אויג אָבער לויפט ווייטער מיטן שלענגלדיקן וועג און וויל דורכדרינגען די זאַמד־צייכנס וואָס בערגלען זיך דאָ אין איין זייט און אָט אין דער צווייטער.

„די אונטערערדישע אָדערן צו באַלעבן דעם מדבר" — שטאָלצירט דער וועגפירער אונדזערער. מיט קינדערישער פרייד ממש ציסטו נאָך די פּאַרבאָרגענע אָדערן און שפּירסט ממש בחוש ווי אין דער פּאַרהוילעניש וויברירט דער לעבנס נערוו אין קאַמף מיטן מדבר־גליוּוער. די פרייד ווערט נאָך שטאַרקער און זיכערער ביי זיך, ווען מיט אַמאָל כאַפּסטו זיך, אַז דו קענסט מער נישט דערקענען וואו די צעמענטענע אָדערן באַהאַלטן זיך אויס, אונטער אַ בערגל צי אונטער אַ פלאַכן זאַמד אויסשפּרייט צי גאָר צווישן די הויפנס שטיינער. אַ סימן, אַז ס'איז געראָטן צו פאַרהוילן זיי פון אַ בייז אויג און אַן אויסגעשטרעקטער האַנט גרייט צום שאָדענען.

פון זיך אליין גייט אין דיר פּלוצים אויף דער גלעטנדיקער ניגון פון שפּליטערן פון לאַנג פּאַרגעסענע פּסוקים וואָס שטעקן טיף אין געמיט שוין אַזוי פיל יאָרן. מיט ציטערדיקער שפּאַנונג קומען זיי זיך איצט צונויף און פּאַראַפראַזירן זיך איבער אין אויסטערלישער באַנייטער אַנטפּלעקונג „און אויך אין די טיפענישן פון דער אונטער־ערד וועל איך אויספלאַסטערן פּאַרבאָרגענע סטעזשקעס, ווייל מיין אויג איז אויף דיר צו גוטן,". קוקסטו זיך אַליין אויך גוט אַרום און זעסט! הויפנס שטיינער אָנגעהורבעט אייִנס אויפן אַנדערן מיט די שפּיצן אַרויף, הויערן פּאַרמאַטערט צופוסנס פון אַן אָפּגעריייניקט בערגל אויף וועלכן עס הוידן זיך שוין קוים שפּראָצנדיקע בלאַסע געוויקסן. די זון גליעט מיט אַ ווייסן בלענד ווי זי וואָלט זיך געפלייסט אויסצובערענען באַצייטנס די ערשטע, סימני־נערות אויף דער אויסגעשטרעקטער נאַקעטקייט פון דעם אָפּגעדעקטן בערגל. פּאַסיקלעך שאָטן הייבן זיך פון הינטער די שטיינער שפּיצן צום בערגל אַרויף ווי זיי

וואָלטן זיך געריסן צוריק אַהין פון וואַנען מ׳האָט זיי נאָר וואָס אַראָפּגעוואַלגערט. „וועלכע פּסוקים האבן דאָס פּאָראויסגעזאָגט און וועלכער ניגון גייט אויף פונעם בערגל וואָס גרייט זיך צו ווערן אַ ישוב?״

ציטערט עס אין דיר כמעט אָן ווערטער, און ערשט ווען אין עטלעכע שעה שפּעטער שטייסטו פאַר אַ קראַן ביי אַ וואַנט אין אַ נייעם ישוב אין סאַמע מיטן דער ווילדערניש, פלאַפּלט עס אַרויס פון דיר פּונקט אַזוי אויסטערליש און פריש ווי דאָס מחיהדיקע וואַסער דאָ, וואס רינט איבער דיינע הענט און ליפּן פּן אַזאַ ווייטקייט, אַזאַ פאַרהוילנדיקייט: „אַז וואויל איז, וואָס פאַרהוילענע וואָר, רינט פאַרבאָרגן אין די אַלטע שפּליטערן, און פאַרגליווערטע פּסוקים ווערן צעגליט אין דער אַנטפּלעקטער פאַרהוילנקייט פון נייער וואָר״.

## ב

דער אויטאָמאָביל אונדזוערער דאַרף אונדז ברענגען צו אַ באַשטימטן פּלאַץ אין אַ באַשטימטער שעה. יאָגט ער זיך איבערן שוואַרצלעכן אַספאַלט אין גרויס געאייל. שלינגט ממש דעם וועג און פאָרט אַריבער גאַנצע בינטן לעצטע זון־שטראַלן וועלכע ראַנגלען זיך נאָך מיטן פאַרנאַכט־טונקל וואָס נידערט פלוצים אַראָפּ פון אַלע זייטן מיטאַמאָל. אין דער ווייטקייט פון רעכטס הויערט אין שאָטן שוין דער געבערגלטער זאַמד־וועג אויף וועלכן עס שלענגלט זיך אַ קעמל־קאַראַוואַן טראָט ביי טראָט. דריי קעמלען ציען זיך פאָרויס אין דער לענג אויפן ראַנד פון אַ זאַמד בערגל; טויכן אויף פון דער דורכזיכטיקער קופּערנער רויטקייט און שטאָלפּערן ווייטער אַרויף אויף די בערגלעך און פאַרשווינדן אין דער ענדלאָזער צעפלאַמטקייט פון האָריזאָנט.

— „פון וואַנען ציען זיי און וואוהין?״

ציט דאָס נייגעריקע אויג זיי נאָך און בלייבט אָנגעשפּיצט מיטן געהער צום דערווייטערטן גלין־גלאַן זייערן. ווי אַן עכאָ פון די ווייטע חומש־יאָרן בלייבט עס שטעקן אין צעפּיבערטן געמיט. מיר פאָרן דאָך עפּעס אין אברהם אבינוס געוואַנדער־פּלוינען, הערסטו קלאָר דעם חדרישן זינג געזאַנג און פאַרהוילן געקלאַנג אין א טינטיק־חשכותדיקן אָסיען אָוונט, באַלויכטן בלויז

מיט אַ דין חלבן ליכטל: „ויסע אברם הלוך ונסוע הנגבה״ . . . און אברהם האט געצויגן איינער אליין מיט זיין גאַנצן האָב און גוטס, געגאַנגען און געצויגן ווייטער אויף דרום.״

און אָט טוט אַ בליאַסק פון צווישן די בערג אַרויס פון לינקס אַ גאָלדיק געלער קופאָל. ווי אַ פּאַרכישופטער טעמפּל צווישן גליוועך פון טיפן גרוי אַרויס טורעמט ער איבער אַלע הייכן; אַ העלער זייל דורכזיכטיקע ווייסקייט שפּיזלט זיך פון זיין סאַמע מיט אַרויף גלייך אין דער אומענדלעכקייט. ווי אַ ווייַז־פינגער וואָס נאָפּלט ערגעץ אין אַ פאַרבאָרגענעם מזבח שניידט ער זיך אַריין אין לעצטן פלאַם פון זון וואָס שפּרייט פּורפּורנע פייערדיקע פאָרהאַנגען אַרום. געמיש פון סוד און אימה און פאַרהוילענע בשורה גייט אויף פון דאָרט.

„דער אַטאָם רעאַקטאָר״ — שעפּטשעט אונדזער וועג־ווייַזער מיט ציטער אין קול — „וואָס מ׳טוט דאָרט טאָר מען דאָך נישט אויסזאָגן. קוקן אָבער מעג מען. זאָלן זיך שרעקן די וועמען עס וואָרנט״ — — גיט ער צו פול מיט באַדייט און פאַלט אַריין אין סודותדיקן שווייגן.

פון זיך אליין גייט אויף אין דיר דער זעלבער זינג געזאַנג פון יענער טינטיקער חשון־נאכט: „און ס׳איז געווען ווען זיי האָבן געצויגן פון מזרחלאַנד. אַזוי האָבן זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן, לאָמיר בויען אַ שטאָט מיט אַ טורעם אין אים וואָס זיין שפּיץ גרייכט אין הימל, ווייל טאָמער וועלן מיר צעשפּרייט ווערן איבער דער ערד.״

בלאָנקעט דאָס אויג נאָך יענעם זינג געזאַנג מיטן צאַנקען פון חלבנעם ליכט און עפּעס רואיקער ווערט דאָס צערודערטע געמיט: „מ׳קען שוין נישט פאַרבלאָנדזשען דאָ אין דער געגנט״. דער ווייַז־פינגער טורעמט הויך אין דער טונקלקייט אַריין מיט אַ שימערירנדיק זילבערנעם זייל רויך און ווייזט דעם וועג און וואָרנט צוגלייך.

אָט זעסטו איבערן וועג פון ווייטן אַ גאַנצע שטאָט אָוועקגעשטעלט אין סאַמע מיטן מדבר־הפקר. אַ ווייטער רויש טראָגט זיך פון דאָרט. הערסט, דאַכט זיך, אַ קלאָר היינטיקן גערויש, זעסט די יונגע ביימלעך אַרום די הייזער.

גערטנדלעך מיט גראָזן פון בלאַסן גרין אונטער אַ שפּריי־רעגן פון שוואַרצע רערלעך וואָס שטאַרן אַרויס פון דער ערד. קענסט אָבער אויך נישט אויסמיידן צו זען די זאַמדן פוןביידע זייטן וואָס בערגלען זיך אין ווינט ווי אָט וועלן זיי זיך אויפהייבן און זיך אַ לאָז טאָן ווידער צו פאַרדעקן די שטאָט און אָפּווישן איר געדעכעניש. נאָר מאָדנע ווי דער געווירבל דרייט זיך אויף איין אָרט און קען זיך נישט אויפהייבן און אַ לאָז טאָן ווייטער. קלעמפּעס פלאַנצן פאַרפלאָנטערט מיט דינע צווייגלעך און וואָרצלען האַלטן זיי געשמידט.

„איר זעט״, זאָגט אונדז דער וועגפירער, „דאָ פּלאַנירט מען אַ נייעם ישוב, האָט מען געבונדן די זאַמדן מיט אָט די פלאַנצן זיי זאָלן דערווייל אויסוואַרטן ביז מ׳וועט צוקומען צו זיי.״

אינעם בלויען פּורפּור־בין־השמשות קומען אויס זיינע ווערטער נאָך אויסטערלישער ווי זיי זיינען; די מענטשן וואָס האָבן געבונדן די זאַמדן און די קלעמפּעס געוויקסן און דער ישוב וואָס וועט דאָ אויסוואַקסן, זעט עפּעס אויך אויס ווי אַ שטיק פון דעם פאַרהוילענעם בראשית דאָ אין אַלע צייטן.

קומען מיר צו נענטער, פאַרשווינדט דער שפּריי־רעגן. מוטנע ריטשקעלעך ציען זיך פון בוים צו ביימל און גראָזן, און דער ריח איז שווער, פאַרשטיקט דעם אָטעם. דערקלערט דער וועג־פירער „ביז וואַנען די שטיינער דאָ וועלן אָנהייבן פליסן מיט מים־חיים, אַז מ׳זאָל אומעטום קענען באַוואַסערן מיט אַ שפּריי־רעגן ווי דאָרט, באַנוצט מען דאָ דאָס אָפּפאַל־וואסער. עס פילט זיך טאַקע, אבער עס וואַקסט דערפון. די פרוכטן זיינען געשמאַק, נאָר אַ ברכה צו מאַכן.״

פאַרשווינדט עפּעס ווי פון זיך אַליין דער איבלדיקער ריח און דאָס אויג דערזעט גלייך די פולע רייפע פרוכטן מיט וועלכע מ׳האָט זיך געזעטיקט מיטאָגצייט.

פון ערגעץ פון אַ ווייטער ווייטקייט שווימט ווידער צו דעם רבינס אויסגעבלייכט געשטאַלט מיטן טרויעריק באַנגען ניגון אויפן באַצערטן פּנים און שיטערער באָרד: „בזיעת אפיך תאכל לחם״ — ציטערט דער טרויער

אינעם טונקל און שרעקט, נאָר די מילדע אויגן גלעטן מיט טרייסט און שטאַרקונג — „עץ פאַרשטייט, קינדערלעך, נישט בלויז אַ קללה איז עס, נאָר אויך אַ נסיון כדי זוכה צו זיין צו קענען מאַכן אַ ברכה מיטן גאַנצן האַרצן.״

עפענען זיך אויסטערליש פון זיך אליין אַלע חושים אין דיר, און כמעט ווי דו זעסט אויף דער וואָר ווי דער ביטער־זיסער טעם פון דעם פסוק פלאַמט דאָ אויף יעדןביימל און גרעזל אין לעצטן צערויטלטן גרוי פאַרן טאָג־פארגיי.

# אין פלאַם פון מדבר

## א

דאָס ווייטער אין וועג, אַלץ פאַרשיידענער די בילדער, וועלכע האַלטן זיך איין אַנטפּלעקן און פאַרהוילן, ווי עמיץ וואָלט פון ערגעצוואו אויפגעוויקלט און פאַרוויקלט אילומינירטע יריעות פון אַן אויסטערלישער מגילה. אָט עפנט זיך אויף מײלן־ווייט אַ לײדיק, קוים עטוואָס געבערגלט פלאַכלאַנד, אָן אַ פיצל שאָטן וואו ווייט דאָס אויג גרייכט. דאָ און דאָרט שטאַרן אַרויס ווי צוגעקלעפּט שוואַרצע געצעלטן וואָס זעען אויס ווי פאַרוואָרלאָזטע חורבות, אָבער אַרום זײ באַוועגן זיך פיגורן פאַרהילט פון קאָפּ ביז די פיס אין טיכער פון פאַרשידענע קאָלירן. רויכלעך טראָגן זיך דאָ און דאָרט מער אין דער ברייט ווי אין דער הויך. פון ווייטן זעט עס אויס ווי מ׳וואָלט זיך דאָרט סתם געדרייט אַהין און אַהער אָן אַ זין און אָן אַ ציל. דערנענטערט מען זיך אָבער, דערזעט מען, אַז ווייטער אַביסל אין דער נידער גרינט דאָ און דאָרט אַרויס אַ שטיקל גערטנדל ביי וועלכן מ׳פּאָרעט זיך גאָרנישט. מ׳איז גאָר אַריינגעטאָן אין פליעסקען זיךביים קינסטלעכן ברונעם, וואָס די רעגירונג האָט דאָ אַוועקגעשטעלט כדי צוצובינדן די וואַנדערנדיקע שבטים צום באָדן. פון העט ווייט אַרויפצוצי גלאַנצט דער קאַכל־דאַך פונעם גרויסן און איינציקן שטיין־הויז פון שייך. אַ קלאָרער סימן, אַז דאָס באַזעצן זיך אויף אַן אָרט האָט זיך שוין אָנגעהויבן. די שמאָלע צעמענטענע קאָריטעס לעבן די ברונעמער זעען אפילו אויס ווי אַ פרעמדע זאַך דאָ, אבער ווינקען פאָרט מיט זיכערקייט: „ס׳איז דאָ אַן אויג וואָס וואַכט ביז אַהער. ס׳איז דאָ אַן אָרט וואו מ׳קען לינדערן דעם דורשט.״ אַ כאָפּטע קינדער איינגעהילט אין ליאַכעס פונקט ווי די דערוואַקסענע, נאָר מיט אָפּגעדעקטע ברוינע פּנימער, נעמען לויפן צום באָס און בלייבן פּלוצים שטיין ווי צוגעשמידט צום אָרט פון אַ צורוף פון ערגעץ, וואָס מיר הערן בלויז דעם עכאָ פון אים, ווי ער וואָלט געקומען פון אַ פאַרהוילן אָרט אין דער הויך. זיי בלייבן שטיין אינמיטן גלי ווי פאַרפלאַנצט אין גרויען באָדן און קוקן אונדז נאָך מיט שטוינונג, און דאַכט זיך מיט אַ מאָדנער פאַרבענקטקייט. עפּעס אַזוי זעט אויך אויס אַן איינציקער עלנטער בוים וואָס שטאַרט פּלוצים אַנטקעגן פון העט ווייט צופוסנס אַ בערגל אויסגעוואַקסן אומגעריכטערהייט, גלייך עמיץ וואָלט אונדז געוואָלט

פאַרשטעלן דעם וועג אין דער אויסטערלישקייט אַריין.

„כּעַרְעָר במדבר" — פלאַמט אויף אין זיכרון דער פסוק מיט שפּיציקער און בלאַנקער שריפט אין דער בלענדנדיקער ווייסקייט. אַזוי קומען אויך אויף און פאַרלירן זיך צוריק די נשארן פון געוועזענע וואַך־פּאָסטן וואָס האָבן דאָ אין דער איינזאַמקייט געהיט די וועגן פון אַמאָל. די שומרים זיינען שוין לאַנג פאַרשוואונדן, נאָר דער עלנט זייערער גייט נאָך אויף פון די לעכער פון די חורבות.

נאָך נישט באַוויזן איינצוזאַפּן אין זיך דעם פולן מיטפילנדיקן קלאַנג און צאַפּל פון פסוק, און דורך אַן איילנדיקן פאַרקערעוועץ זיך אָן אַ זייט, קען זיך דאָס אויג זאַט נישט אָנקוקן אין זילבערדיקן שפּיגל־גלאַנץ אין זון פון די אָנגעזאַמלטע ריטשקעס רעגנוואַסער אונטער אַ הויכקייט. ס'איז אומגלויבלעך און דאָך וואָר און די נעמען פון די ישובים קלינגען ווי פון אַ צויבער־ביכל אַרויס. זעסט ממש ווי עס שפּיגלט זיך אַן אויסטערלישער וואונדער וואָס נאָר דער חלום־מלאך טראָגט דיר אַמאָל אונטער אין אַ נאַכט פון האַלב־דרימל. דער וועג פירער פּרוּוּוט דורך אויפקלערן אַריינציען די אויפגעהײַטערטע געמיטער אין די שווערקייטן און די קרבנות וואָס מ'האָט דאָ אַוועקגעלייגט. דאָס האַרץ אָבער צאַפּלט פון פרייד פון דעם וואָס בלישטשעט פאַרן אויג און לאָזט עפּעס נישט איבערגענומען ווערן פונעם פיין און צער וואָס גייט אויף פונעם מויל פון דערציילער. אפילו זיין אויסרופן די נעמען פון די טייכלעך וועלכע דער חומש האָט נאָך באַטיטלט מיטן שפּאָט־נאָמען „פּאַלשע", (נחלי אַכזב) קען נישט מינערן גאָרנישט פון דער צאַפּלענדיקער וואונדער־פרייד אויף דעם וואָס מענטשן האָבן באַשאַפן. אַנטקעגן דער נאַקעטער אָפּגעדעקטער שטייניקער פאַלשקייט פון די טייכלעך, זילבערן זיך פון ווייט די ריטשקעס מיט אַ שימערירנדיקן פליסטער: „מיר האָבן ניט געפעלשט!"

און אַזוי איבערגענומען דערמיט פאַלט מען ממש אַריין אין דעם טיפן גרין און גאָלד און ברוין פינקלדיקן פּרוכטן־וואַלד, וואָס אנטפּלעקט זיך מיט אַמאָל און מאַניעט ממש: „עס מיך, מאַך אַ ברכה איבער מיר!" דאָ שטעלט מען זיך טאַקע אָפּ אַ ווײַלע און פול ווערט דאָס מויל מיט זאַפט און פריש קוויקנדיק וואַסער. אויפן וואונדערן זיך און שטוינען פונעם עולם האָט דער וועג־פירער אַ פריילעכן און האָפערדיקן ענטפער:

„דאָס איז אלץ מיטן אַלטנס כוח! (געמיינט בן גוריונען) די בעסטע פערשקעס אין לאַנד. גרעסער ווי מיין פויסט".

— נישט אַנדערש, אַ גילגול פון פרצעס קונצנמאַכער — וויל זיך ווער פון עולם באַווייזן אַז ער פאַרשטייט ווער דער „אלטער" איז.

— פְּלאֵי פְּלָאִים! — גייט אַן אַנדערער אַרויס פון די כלים.

— ווער קונצן־מאַכער, וואָסערע פְּלָאִים? — כאַפּט זיך צוערשט נישט דער וועג־פירער וואָס יענער מיינט — ס'איז שווערע פראַצע, עקשנות און וואַסער!

באַלד אָבער דערכאַפּט ער זיך און גיט שוין צו אין פריערדיקן האָפערדיקן טאָן, — מ'איז דאָ נישט געגאַנגען פרעגן דעם רב צי מ'מעג. אונדזער קונצן־מאַכער גלויבט מען — אויף די הענט . . . אביסל ווייטער וועט איר זען ווי ס'נעמען זיך שוין באַווייזן הערעלעך אויפן גרויען פליך פון נגב. וואָס דאָ וועט זיך נאָך טאָן, — האָט ער אַ פול מויל מיט זאַפט און שטאָלץ, און דער עולם מיט אים גאַפט פאַרכליניעט און קען זיך פון אָרט נישט אָפרייסן, — אַט דאָרט אָ וועלן אַרומלויפן ווילדע פערדלעך און רינדער מכל המינים, און פאַשע וועט זיין טאַקע דאָ אויפן אָרט. ס'וועט וואַקסן אָן רעגן. אַז די נעבאַטינער האָבן עס געקענט, מוזן מיר אוודאי קענען!

און ווען מ'שטייט שפעטער אויף די חורבות פון דער אלטער נעבאַטינער שטאָט און מ'קוקט זיך איין אין די סימנים פון אַ פולער ווירטשאַפט מיט אַ קאַנאַליזאַציע סיסטעם, דערפילט מען אַז ס'איז נישט סתם קיין חורבה צום באַוואונדערן, נאָר אַ באשטעטיקונג, אַז די פאָרש־סטאַנציע אין טאָל דאָ וועט אַנטפלעקן דעם סוד פון דער אַמאָליקער וואָר און די שפורן פון די אַמאָליקע שבטים ווילן דינען דעם היינט. עס דאַכט זיך דיר ווי יעדער פאַרטריקנטער פעלז און הייל וועלכער הויערט דאָ אין פאַרטאַיערטער הינערפלעט, מורמלט מיט אַלע גרויע קנייטשן און פאַלדן: „זוך און וועסט געפינען!"

דערפילסט זיך אין סאַמע מיטן פון אַ פאַרהוילעניש וואָס איז אויסטערליש ווירקלעך.

— מירן זיך נאָך דערגראָבן צו די סאַמע פּוס־טריט פון שבט שמעון, וואָס האָט אין דער געגנט שטעט און דערפער געהאַט, — פאַרזיכערט אונדז דער וועג־פירער. דער נעכטן גיט בטחון דעם היינט. די חורבה שטאַרקט דעם גלויבן אין נייעם בנין.

ב

און אָט שטאַרט דיר אַנטקעגן אַ וועלט מיט הוילן גליוווער און פאַרשטיינערטקייט. וואו דאָס אויג בליקט, קוקן אויף דיר פאַרשטיינערטע פיגורן. זיינען דאָס נשאר־צייכנס פון ישובים וואָס זיינען אַזוי שטייענדיקערהייט פאַרגליווערט געוואָרן אין מיטן עפּעס אַן אויסטערלישן געשעען? אָט זיינען גאַנצע טורעמס מיט געדרייטע געזימסן. קענסט, דאַכט זיך, זען די וואַך־פונקטן הינטער זיי. און אָט שניידט זיך אַרויס אַ קאָלאָנע פון אַ ריזן־געמאַך ווי אַ שומר, און באַלד שמייכלט צו דיר פון האַלב־שאָטן אַרויס אַ ווייבלעכע פיגור מיט אַ קינדעריש פנימל אינמיטן לאַכן. שאָטנס קלעטערן דאָרט צווישן די קנייטשן און פאַרשווינדן אינעם פלייץ פון זון־פלאַם, און אָט טוט זיך אַ טורעם אַ שנייד אָפּ, אַ גלייכע וואַנט שוואַרץ און גרויליק און פאַרשטעלט אַלץ.

אין די אויערן גרילצט בלויז דאָס טראַסקען פון די מאַשינען אין טאָל. זיי רייסן און גריזשען אָפּ שטיקער פון דעם גראַניט מיט עפּעס אַ מין קול־ענות, וואָס ציטערט אַרום און וויל דורכרייסן די שטיינערנע געבערג־מחיצה צווישן דעם סודותדיקן גליוווער און דער וועלט. „מיר ווילן אַריינקוקן אין דעם וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעטאָן!״ — טראָגן זיך די צעגריזשעטע שטיינדלעך פון די אָפענע שלונגען פון די שטיין־רייסער און פאַרהוילן אַלץ; און אויך די ברוינע סילועטן פון די האַלב נאַקעטע מאַשיניסטן זיינען, דאַכט זיך, בלויז געשפּענסטער מיט שטוינענדיקע אויגן אויפן גאַנצן לייב. קוקסטו טאַקע און זעסט און קענסט עס קוים באַנעמען.

דער וועג־פירער אונדזערע זיצט ביים רעדל אַן אָנגעשטרענגטער, ברומט אונטער דער נאָז אַ מאָנאָטאָן ניגונדל וואָס וואַרפט אָן אַ שטשיפּענדיקע מרה־שחורה.

— פאַרוואָס זינגסטו נישט העכער, מיר זאָלן אויך הערן! — בעט מען

זיך ביי אים. ער איז אָבער אַזוי אַריינגעטאָן אין זיך, אַז ער הערט דאַכט זיך נישט. מיט זיין גאַנצער צעוואַקסנקייט, צוליב וועלכער ער האָט אויך גוטמוטיק אָנגענומען פון אונדז דעם צונאָמען גָלית, כאַטש ער הייסט גאָר דוד, שפּאַרט ער זיך פאָרויס ביים קירעווען דעם באָס, ווי ער וואָלט ממש מיטן אייגענעם קערפּער געטאַפּט דעס וועג וואָס ווערט אַלץ געדרייטער און שמעלער אַרויף אַרויף איבער סקאַלעס און אונטן אַ פארכישופטע וועלט פון רויט, שוואַרץ און ברוין. דאָס האַרץ טיאָקקעט, דו זעסט אַלץ ווי דורך אַ מיטאַמאָל אויפגעפּראַלטן דאַך פון דער וועלט. דאָס מזרח־ניגונדל, וואָס שווימט אַרום אין באָס מאַניענדיק פאַרדרימלט, ציט זיך, דאַכט זיך, פון דאָרטן ערגעץ פון דער סאַמע פאַרהוילענער טיף ווי אַ לעבעדיק אָדערל וואָס אֵימהט דאָרטן אונטער דעם גליווער וואָס באַהאַלט אין זיך אַ געוועזענע וועלט. איין נישט ריכטיקער דריי מיטן רעדל און דאָס ניגונדל וועט אַלעמען פאַרשלינגען אין זיך. האַלט מען דעם אָטעם איין און מ׳ציט נאָך מיט ציטער דעם שלאַנגען געדריי ביז עס טוט פלוצים אַ ברום אַרויס ווי פון אַ פארהוילעניש אַרויס: „קוקט אויף רעכטס, צום אויסבייג פון וועג!״

אַ גרוי קופּערנער שטיין שטאַרט אָנגעלענט צווישן ווייסע שפּליטערן גראַניט: „כאן נפל במאבק אמנון ליפשיץ״ — שוואַרצן די אותיות אין ווייסן גלי אַריין.

— כדי מיר זאָלן דא קענען פאָרן, איז ער געפאַלן — דאַכט זיך, ווי די געצייילטע ווערטער פינקלען פונעם ווייסן שטיין אין דרויסן און ווערן איינס מיטן ניגונדל, וואָס האַלט זיך אין איין וואַריאירן און אויסדינען און — גייט פלוצים אויס אין סאַמע מיטן: — „דאָ רעדט מען נישט!״

דער וועג ווערט אַלץ שמעלער און שמעלער. דער באָס קרעכצט און פאַרקירעוועט זיך ווידער אָן אַ זייט, האַרט ביי אַ גלייכער וואַנט און שטעלט זיך אָפּ.

— איצט קענט איר קוקן וויפל אייער האַרץ גלוסט! — טוט דער וועג־פירער אַן עפן אויף די טירן און גלייכט זיך אויס ווי אַ זיגער פונקט אַנטקעגן די עמודי־שלמה וואָס שפּאַרן זיך ווי געשמידטע ריזן פאַרשפּיצט און פאַרריסן אַרויף מיט אַן אויפגעפּראַלטן שלונג, וואָס הוילט אין דער פאַרגליווערטער צעגליטקייט אַריין מיט אַ קול וואָס האָט קיין קלאַנג נישט

און דאָך הילכט אין די אויערן און אין גאַנצן געביין אַן אומגעהאַריש רייסן זיך, וואָס ציטערט אויף די אומענדלעכע לײדיקייט, וועלכע הויערט דאָ פאַרשלאָסן אין קופּערנע היילן פון איין זייט און שוואַרצע שפּיציקע, מיט אימה פאַרשאָטנטע הויכקייטן אין אַ ווייט ווייטן קעגנאיבער. אַ שטום פיינלעכע לעכצעניש גרוילט דאָ נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס האָט גאָר קיין קלאַנג נישט, נאָר דו פילסט בחוש אַז הערסט עס קלאָר: וואַסער! וואַסער!

דאָס אויג קען זיך גאָרנישט אָנזעטיקן מיט די בערג־הויכקייטן, וואָס שטאַרן הויך און שפּיציק פון דער פאַרקלעמטקייט אַרויס ווי געשמידטע ריזן. די פּיס געפּענטעטע ערגעץ אין דער אונטערערד און די רוקנס פאַרשפּאַרט אין געדרענג פון שפּיציק רויטן פעלז, וועלכער הויערט אַ פאַרקאָוועטער בלויז אַ פּאָר שפּאַן פון דער טונקעלער הייל־עפענונג, וואָס ווער ווייס צו וועלכע פאַרבאָרגענישן זי פירט. נישט אַנדערש אַז זיי זיינען דאָ פאַרשמידט געוואָרן צו זיין די שומרים פון דער גליענדיקער שטומקייט דאָ אַרום און דער מאַניענדיקער אימה פון פאַרבאָרגענעם צוזאָג וואָס טראָגט זיך פון די היילן. ווערסט איבערגעוועלטיקט פון אַ געפּיל, אַז דו זעסט בחוש ווי זיי רייסן זיך מיט אַלע אַנגסטן אַרויסצובאַקומען זיך פון דער געפּענטעטקייט און עפענען דאָס מויל פון דער געפּרעסטער שטומקייט. פון סאַמע אונטערערד אַרויס שפּאַרן זיי זיך מיט אַ גלאַנציקער קיילעכדיקייט, וואָס ווערט שפּיציקער און פאַריסענער אַרויף אַרויף ביז אַריבער דעם אומגעהויערן באַרג־פעלז; און ערשט דאָרט, וואו די באַפרייטע קעפּ זייערע בלענדן אין דער אומענדלעכער בלויקייט, עפנט זיך אין זיי אַ געשפּאָלטענע פאַרשפּיצטקייט ווי אַן אויפגעפּראַלטער פויגל־שלונג. „וואַסער וואַסער!״ — הוילט עס אָן אַן עכאָ אין דער פאַרגליווערטער צעגליעטקייט אַריין. הערסט נישט קיין קול, נאָר זעסט עס ווי הילכט מיט אַן אומגעהאַריש רייסן זיך אין דער אומענדלעכער לײדיקייט אַריין, וועלכע הויערט דאָ אָפּגעשלאָסן מיט קופּערנע היילן פון איין זייט און שוואַרצע, מיט אימה פאַרשאָטנטע, הויכקייטן אין דעם ווייט ווייטן קעגנאיבער.

די זאַמד־בערגלעך אין צווישן, טוליען זיך איינס צו דאָס אַנדערע ווי צום באַהאַלטן זיך. קיין שום לעבעדיק באַשעפעניש אָדער גרעזל באַוועגט זיך דאָ נישט, נאָר דו פילסט פּאָרט מיט אַלע חושים אַז דער גליווער הילכט מיט אַן אויסטערלישן ציטער צו עפּעס אַן ערגעץ וואו עס דרימלט אין פאַרטאַיעטקייט אַ באַשייד.

— ווען מ׳וועט דאָ אַמאָל זיך אַ נעם טאָן צו די זאַמד־דיונעס, וועט מען נאָך אפשר געפינען דאָס געביין פון שלמהס שקלאַפן . . . — איילט אונדז דער וועגפירער גלית צום פאָרן ווייטער — אַלטע מעשות דערציילער גיבן איבער, אַז אין רויט־קופערנע לבנה־נעכט, בלאָנקען דאָ אַרום שאָטנס פון מענטשן און געצעלטן, און איבער זיי פלאַטערט אַ קאָלירטער דעק־טוך מיט צוועלף שפּאַלט־ריסן. זיי רופן עס „נביא אֲחִיָּהס אַ מאַנטל״. וועגן דעם נביא דערציילט זיך אין ספר מלכים, אַז ווען ער האָט באַגעגנט דעם אָנפירער פון אויפשטאנד קעגן שלמהן — ירבעם בן נבט, האָט ער צעריסן זיין מאַנטל אויף צוועלף און אים געגעבן צען ריסן ווי אַ סימן אַז די מלוכה וועט צעריסן ווערן און ירבעם וועט הערשן איבער צען שבטים.

פאָרט מען ווייטער מיט שמאָלע געדרייטע וועגלעך צוריק צום הויפּט־וועג צו. אוונט שאָטנס דראַפּען זיך שוין פון די באַרג־שפּאַלטן אַרויס און קלעטערן מיט אַ ציטער אַרויפצוצי. ציט דאָס צעשטורעמטע געמיט זיי נאָך אין טיפן שווייגן.

— קוקט אַהין צו דער רעכטער זייט, — רייסט גלית איבער דאָס שווייגן, — הינטער דעם אַריינפאָר דאָרט אין באַרג, פּאַראַיינינקט מען צוריק די שטיקער. יוגנטלעכע פון אַלע שפּליטערן פון אונדזערע שבטים קומען אַהער יעדן זומער. דאָ לערנען זיי זיך ווי צו באַלעבן דעם מדבר אי ווי צו ווערן אמתע שומרי־ישראל. אַריינפאָרן אַהין קען מען נישט אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש. דאָרט איז גאָרנישט נישטאָ וואָס צו פאָטאָגראַפירן . . . דערפאַר וועלן מיר פאָרן אַביסל צוריק און אָן אַ זייט, וועט איר זען ווי עס לעבן די היטער פון די קוואַלן פון וועלכע מ׳פירט וואַסער ביז אילת.

פון זיך אַליין ווענדט דאָס אויג זיך צוריק צום אָרט פון וואַנען מ׳איז נאָר וואָס געקומען. ביסט כמעט ווי זיכער, אַז דו זעסט ווי דאָס שטומע געשריי פון דאָרט דערטראָגט זיך אַהער מיט אַ ווידערקול פון באַשייד: באר אורה! יטבתה! היטער און פאַרבינדער!

# ווי דער גאָרטן פֿון גאָט, ווי דאָס לאַנד מצרים

איר ווילט אפשר מיר זאָלן זיך אַ ביסל פֿאַרקערעווען אָן זייט און אַ צי טאָן צו „גאָטס גאָרטן", וואָס לוט האָט לויטן חומש אויסגעקליבן נאָכן צעקריגן זיך מיט אַברהמען — לייגט אונדז פֿאָר דער וועגפֿירער שמייכלענדיק האַלב אין ערנסט און האַלב אין שפּאַס, — פֿאָרנדיק מיטן גלייכן וועג, איז אַלץ דאָ אָפֿן און איר וועט בלויז אָנטרעפֿן די שטאָלענע ציין פֿון היינטיקע מאַשינען וואָס בייסן זיך איין אין די זייטן פֿון די גרוי־אַלטע בערג, מער ווי שטויב פֿאַר שטעט וואָס דאַרפֿן ערשט געבויט ווערן, וועט איר נישט זען. וועלן מיר בעסער איבערלאָזן דאָס אָפֿענע פֿאַר די וואָס איילן זיך, — ווינקט ער אונדז אָן אויף אַ דורכפּליענדיקן עראָפּלאַן, וואָס פֿאַרשווינדט גלייך ווי ער האָט זיך באַוויזן, — אין דעם געגנט, דאַרפֿסטו זיך נאָר אַ פֿאַרדריי טאָן לינקס אָדער רעכטס און בלאָנקעסט שוין אין צייט, און דער „וואָס געווען" עפֿנט אַלע חושים אויף. — וואַרט ער נישט אויף קיין ענטפֿער און דרייט זיך אַראָפּ פֿון וועג.

„ווי דער גאָרטן פֿון גאָט, ווי דאָס לאַנד מצרים", — רעציטירט ער אין פֿולן ערנסט שוין דעם פּסוק פֿון חומש און פֿאַרניגונט די ווערטער מיט זיינע אייגענע צוגאָבן אין שמאָלן וועגל אַריין.

„און ער האָט זיינע געצעלטן אויפֿגעשטעלט ביז סדום וואו גאָטס גאָרטן איז אָנגעפּילט געווען מיט זינד קעגן גאָט פֿון גערעכטיקייט. העכער פֿון זייערע טורעמס האָט געגרייכט דאָס געשריי פֿון די אָרעמע. הימל הויך זייער געיאָמער — שטופּט זיך דער אויטא אויף אַ שמאָל טונקל וועגל צווישן פֿעלזן. עס זעט אויס אַז מיר פֿאָרן רעכטס אין דער „ערבה". וואָס טיפֿער אָבער, שניידן זיך איבער אַזוי פֿיל שטעגעלעך וועלכע שלענגלען זיך ביי די זייטן און ווערן פֿאַרפֿאַלן צווישן די פֿעלזן, אַז דער חוש פֿון אָריענטאַציע ווערט עפּעס צעמישט. מען ווייסט שוין נישט צי מען פֿאָרט אַרויף צו אַראָפּ, רעכטס אָדער לינקס. בלויז דער בלאַנק פֿון ווייטע געצעלטן בלינצלט פֿאָרויס אין ווייסן גלי פֿון מיטן־טאָג, און פֿאַרשווינדט הינטער אַ ווילד געוואוקס פֿון

ראַכיטישע פלאַנצן אין אויסטערליש בלאַסער גרויקייט, וואָס איז גאָר קיין קאָליר נישט. אַ פלאַנטער פון אויסגעדרייטע וואָרצלען הויך און גלייך און דין פאַרשפּיצט צוזאַמען מיט קרום פאַרשטיינערטע און אויסגעלענקטע, הויערט אין שטומקייט פון ביידע זייטן. דאָ און דאָרט הייבט זיך אויף עפּעס אַ געפליגל מיט אַ מאָדנע געשפּענסטיקער צורה; לאַנג און שמאָל פון פאָרנט און פון אונטן, און בייכיק אָנגעדראָלן אין מיטן. ס׳מאַכט עפּעס אַ פאַרחלשטן גערודער ווי צום פליען און בלייבט פאַרגליווערט פאַרבאָרגן צווישן דעם אָפּגעכויוולטן געפלעכט פון מאַטע גראָזן וואָס זעען גיכער אויס ווי צעפלעכן דערנער אָדער פאַרטריקנטע אָדערן פון עפּעס צעקרימטע ברואים, וואָס מ׳זעט בלויז אין שאָטן־געמעלן פון די מיטל־אַלטערלעכע אַפּאָקאַליפּטיש צעשפּילטע קינסטלער פאַנטאַזיעס, וועלכע שטעלן פאָר די געטלעכע אונטער־ערדישע וועלט פון אַלט־מצרים און גריכנלאַנד אָדער דעם טוטאָנישן גרויל־געראַנגל פון גערמאַנישן שוואַרץ־וואַלד. איין אונטערשייד בלויז, וואָס דער פייערדיקער זון־פלאַם האָט דאָ אויסגעברענט די געשפּענסט־שאָטנס, און אַלץ איז אָפן גרוי מיט עפּעס אַ פאַרהוילענער אימה וועלכע גרויליקט אין בראַנדיקן עלנט. רויכיק, קוים אנזעעוודיקע נעפּלען, באַוועגן זיך דאָ און דאָרט אינמיטן פלוין און ווינקען אָן אַז ערגעץ וואו אין דער פאַרהוילעניש דאָ ליגן פאַרשלאָסן נשארן פון נאָך נישט פאַרטריקנטע קוואַלן. אויף דעם פלאַץ עדותס דאָך דער חומש: „כי כולו משקה,״ — שלאַבעריקט זיך דער פסוק אויף די פאַרשמאַכטע ליפּן מיט אַ זאַלציקן טעם.

—הַכִּיכָּר! — שטעקט דער וועג־פירער אַרויס דעם קאָפּ פון פענצטער ווי ער וואָלט אינגאַנצן פאַרגעסן אין אונדז און רופט צו עמעצן דאָרט אין דרויסנדיקן גלי. אפילו קיין ווידערקול קומט נישט צוריק פון דאָרט און זיין ווידער און אָבער אַמאָל רופן פאַלט טויב פון פענצטער אַרויס אין שמאָלן וועגל אַריין. ער שטעלט זיך אָבער נישט אָפּ, קערעוועט דעם אויטאָ אָנגעשטרענגט, אָנשפּאַרנדיק זיך אינגאַנצן אויפן רעדל און רופט הייזעריקלעך אַנגסטיק: הַכִּיכָּר! הַכִּיכָּר!

— דאָס אָרט איז אַזוי לאַנג געוועזן אַליין, אַז ס׳איז פאַרזונקען אין צייט און האָט פאַרגעסן דעם אייגענעם נאָמען — קומען די ווערטער ארויס מיט אַ מאָדנעם ציטער — לאָמיר זשע אַלע אינאיינעם אים דערמאָנען: הַכִּיכָּר! אַלע גלותן רופן: הַכִּיכָּר! — שטעלט ער ראַפּטום אָפּ דעם אויטאָ און שמייכלט צו

אונדז אַן אויפגעהייטערטער שוין. — איר זעט דאָס בערגל דאָרט רעכטס, „נְאוֹת הַכִּיכָּר" רופט מען עס. דאָס זיינען די ערשטע וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אויפצושטעלן דאָ אַ ישוב. פון אַלע עקן וועלט זיינען זיי געקומען וועקן דעם ישימון. קוים צוויי מנינים בחורים און אפשר אויך אַ צוויי בחורות. קיין גרויסע רעדערס זיינען זיי נישט. דאָ דאַרף מען נישט דערציילן. איר וועט אַליין זען ווי פון דעם ביסל געזאַלצן וואַסער דאָ, האָבן זיי שוין באַוויזן אַרויסצובאַקומען פון דער וויסטעניש אַ ביסל פרוכט און גרינס. דער כִּיכָּר הייבט זיך שוין אָן דערמאָנען וואָס ער איז געווען. נישט אַלע אָבער האַלטן דאָ לאַנג אויס. זיי האָבן אָבער שוין אָנגעהויבן בויען בעטאָנענע הייזלעך. מ׳פּאַרלייגט שוין אויך רערן צו קענען ציען וואַסער פון די קוואַלן אויף יענער זייט באַרג. אַהין קענען מיר נישט צוקומען — נעמט ער כמעט שעפּטשען, — דאָרט זיינען די שומרי ישראל פאַרבאָרגן.

— וואָס קען דען דאָ וואַקסן? — כאַפּט זיך ווער פון אונדז אַרויס.

— וואָס הייסט, וואָס עס קען וואַקסן? מען וועט אויסגעפינען, וועט מען וויסן. דער עיקר איז אַז עס מוז וואַקסן דאָ. מען מוז אויפוועקן דעם כּיכּר! — קריכט דער אויטאָ בערגל אַרויף און בלייבט שטיין לעבן אַ גרויסער אָפענער שאָפּע וואָס ליגט ממש אָנגעשפּאַרט אויף אַ פעלז און וואַרפט אַ לאַנגען שאָטן ביז צו די פאַרשוואַרצטע, טאַנדייט צונויפגעקלאַפּטע חייזקעס פון אַקעגנאיבער. אין דער שאָפּע שטייען אַ פּאָר אָפענע מיליטערישע דזשיפּס און אַן אָנגעוואַרף פון כלערליי מכשירים. די פּאָר בחורים וואָס פּאָרען זיך דאָרט אַרום האַלב נאַקעטע אין אַ גלאַנציקער פאַרברוינטקייט, קוקן זיך כמעט נישט אום אויף אונדז. ערשט ווען אונדזער וועגפירער טוט זיך אַ שטעל אַוועק אויף דעם שטיקל וועראַנדע וואָס שטייט אין שאָטן פון אַ פּאָר מאָגערע ביימלעך,ביים סוף פון די הייזקעס, באַווייזט זיך אַ זשוואַווע בחורל מיט אַ פּאָר פאַרדרייטע וואָנצעס אויפן פאַרשפּיצטן פאַרברוינטן פּנימל וואָס ווינקט מער ווי עס רעדט.

— איר זענט דאָך אוודאי דורשטיק. קומט אַרויף און דערקוויקט זיך. ערשט היינט געבראַכט וואַסער.

— וואַסער האָבן מיר אייגנס, — שלאָגט אים איבער אונדזער

ווענפירער — זיי ברענגען טרינק־וואַסער פון אַ זעכציק מייל פון דאַנען, — גיט ער אונדז צו פאַרשטיין, — גיב אונדז בעסער בירה, אויב דו האָסט. שוין צייט אַז איר זאָלט דאָ האָבן אַ קרעמל פאַר אַזעלכע ווי מיר. וואָס זיינען דאָרט ברוגז דיינע בחורים? וואָס באַהאַלטן זיי זיך? מען וועט זיי נאָך אָפּקראַצן דאָס שוואַרצעניש? און וואָס הערט זיך מיט די בחורות? זיי האַלטן זיך נישט ביי זיי — וואַרפט אונדזער וועגפירער אַזוי גוטמוטיק איין פראַגע נאָך דער אַנדערער. — אַז איר ליגט נאָך אַלץ אין די לעכער, — דערזעען מיר ערשט, אַז די מכלומרשטע הייזקעס זיינען טאַקע נישט מער ווי אויסהוילענישן אין באַרג און באַדעקט מיט בלעך און שוואַרצע פלאַכטעס וואָס גיט זיי אַ צורה פון הייזקעס — ייִדישע טעכטער האָבן אפילו אין לוטס צייטן בעסער געצויגן קיין סדום ווי צו זיצן דאָ . . .

— צוויי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. געקומען אַרומקוקן דעם געגנט און זיך פאַרליבט אינעם מדבר און אונדזערע דזשיפּס — שמייכלט אים אַנטקעגן דאָס בחורל מיט שטאָלץ, — אָט קומט אונדזער משה, וועט ער אייך שוין אַלץ ווייזן, — טוט ער זיך אַ שטופּ פאָרויס און פאַרשווינדט הינטער איינער פון די פלאַכטעס.

— אָט אַזוי זיינען זיי, שעמעוודיק און קליינע רעדערס. זיי האָבן אָנגעהויבן מיט האָדעווען בהמות דאָ, איז עס נישט געגאַנגען, האָבן זיי פאַרקויפט די בהמות און גענומען אַרומפירן טוריסטן מיט די דזשיפּס.

— לאָז עפּעס איבער פאַר מיר אויך, דודי! — שלאָגט אים איבער דער סעקרעטאַר, אַ שלאַנקער בחור מיט אַ מילדן שמייכל און אַ היימיש פריינדלעך קול, — מיר האָבן דיך געפאָלגט און האָבן שוין אַ קרעמל אויך. אַחוץ פרוכט מיט וועלכער מיר קענען זיך נאָך נישט באַווייזן, קענסטו קריגן פון פויגל מילך דאָ: בירה, גאַזאָז און פריש קוואַל־וואַסער איין טאָג אַלט. קיין פּרייז שטעלן מיר נישט. הכנסת אורחים, איז דאָ דאָס געזעץ פון קדמונים.

— אויב אַזוי, וועמיר טרינקען. הייניטיקס מאָל זיינען מיינע פאַרשווינען נישט קיין „לויף און קוק טוריסטן". כמעט אונדזערע לייט, משה, — שמייכלט אים צוריק אונדזער וועג־פירער, — זאָגן נישט קיין דעות וואו צו

פאָרן און ווילן טאַקע זען מער ווי הערן.

— אַז דו האָסט פאַרבלאָנדזשעט מיט זיי אַהער, ביסטו שוין סתם ווערט אַ טרונק. לעצטנס, קומען אַהער נאָר די דזשיפּ־לייט. לאָמיר זשע עפּעס פאַרזוכן און דערנאָך אַרויפקלעטערן אויפן בערגל דאָרט. ס'איז טאַקע נישט דער הר־נבו, אָבער אין אַ קלאָרן טאָג ווי היינט קען מען זיך גוט אַרומקוקן. איך וועל וואַרטן אויף אייך אונטן.

אַ געפּענטעטע שטומקייט הויערט דיר אַנטקעגן פון דער הויך. די גרויע, שוואַרצע און ברוינע בערג־קייטן פון אַלע זייטן זעען אויס ווי פאַרגליווערטע ריזן־עדות וואָס היטן עפּעס אַ סוד פון פאַרהוילענער אונטער־ערד פאַרטיפט אין זיך. ווייט דאָרט אין דער נידער אויף מזרח זייט שפּיגלט זיך אין ווייסן בלאַנק דער ים־המלח אַ צעקעסטלטער ביי די ברעגעס, וואו מ'טריקנט אויס דאָס ים־וואַסער כדי אַרויסצובאַקומען די אוצרות מינעראַלן וואָס ער פאַרבאָרגט אין זיך. הויכע געביייען וואַכן איבער אים מיט שטויב און בלויע נעפּלען, וועלכע פאַרהויכן און אַנטפּלעקן כסדר דעם גלאַנץ פון דעם צעשפּיגלטן קיילעכיק פלאַכן טעלער אין גליווער און גלי. קענסט, דאַכט זיך, מיט דער האַנט דערלאַנגען און ווערן אַ טייל פון אָט דעם וואָס בליקט אויף דיר פון אַלע זייטן. שפּיציקן אָבער די פעלזן ארום מיט קרומען פאַרדריי און שמידן צו דאָס אָנגעשטרענגטע אויג צו דער שטומער וויסטעניש אין טאָל. דערפּילסט ממש ווי אַלע חושים אין דיר גאַפן און שטוינען מיט אַן אויסטערלישן אויסגעשריי וואָס קען נישט באַקומען קיין תיקון נישט אין וואָרט נישט אין קלאַנג, נאָר אין שטומען שטאַרן גליווער.

— אין דער הויך דאָרט, זעט מען דעם גליווער פון צייט וואָס האָט פאַרהוילן דעם אַמאָל אין פאַרגעסנקייט, אונטן אָבער קען מען שוין דערזען ווי מיר רייסן אויף דעם גליווער כדי דער גן־עדן פון אַמאָל זאָל ווערן היינט.

— פון וועמען האָסטו דאס געהערט, משה? געדענקסט נאָך דעם לערערס אַריינריידן אין אונדז? און האַרצפעלד האָט אונדז דאָ נישט לאַנג דערמאָנט, אינמיטן אַ ניגונדל פאַרשטייט זיך, אַז דורות לאַנג האָט מען אין די גלותן געהיטן די בענקשאַפט אַהער ווי אַ טייערן אוצר. דאַרף מען גוט אַכטונג געבן, אַז ער זאָל דא נישט ווידער פאַרטריקנט ווערן.

— זיי ריידן שוין ציונות! — האָט מיט אַ חוזק שמייכל זיך צוריק באַוויזן דאָס פריערדיקע בחורל, — ווייז זיי, משה, די פּאַרדאַרטע לימענעס אונדזערע, ווייז דיין דודלען, די גן־עדן־באַרעלעך וואָס מען קען אין מויל נישט נעמען.

— און איידער מיר זיינען געקומען, איז דאָ געווען עפּעס בעסערס צו ווייזן?

— ווער הייסט דיר דען שוין אַ ברכה מאַכן, שוטה איינער, האָסט נישט קיין צייט צו וואַרטן? — פּאַרנעמט זיך אונדזער וועג־פירער איינצוטענהן מיטן בחורל, — זע נאָר ווי ער בריקעוועט זיך. דאָס טעלערל פון הימל זאָל מען אים שוין דערלאַנגען.

משה אבער שמייכלט גוטמוטיק צו ביידן — דאַכט זיך אַז דו ביסט פון די סאַמע ערשטע געקומען אַהער, יוסף. וואָס זשע האָט דיך געפירט אַהער? דאָס געזאַלצענע וואסער, צי דאָס ציונות? וואָס מער ציונות, אַלץ בעסערע לימענעס, — איז ער מיט איין שפּרונג שוין געווען אין באָס און אונדז גענומען פירן אַרום נידעריקע ביימלעך און פאַרחלשטע גראָזן, וואָס הייבן זיך שלאַבעריק פון מוטנע ריטשקעלעך אַרויס.

— קוים צען פּראָצענט זיסקייט פאַרמאָגן אָט די ריטשקעלעך. עס מוזן אָבער דאָ זיין אויך זיסע קוואַלן. מען דאַרף זיי נאָר געפינען — דערקלערט אונדז משה אָן וועלכן ס'איז אָנשטעל. פריער האָט מען דאָס אָרט באַטראַכט בלויז ווי אַ מיליטערישן פּונקט וואָס מען מוז האַלטן, איצט אָבער ווערט עס די פּראוואָ־סטאַנציע אויפצואוועקן דעם כּיכּר. מען בויט שוין צעמענטענע הייזער. דאָס ערשטע פּאָר־פּאָלק האָבן זיי שוין. זאָלן נאָר געפונען ווערן די קוואַלן.

— און געפינער האָסטו שוין?

— מיר הייבן אָן מיט זוכער, דוד, זוכער! דערווייל זיינען טאַקע דאָ זייער ווייניק אַזעלכע, מוזן מיר זיך אויך באַנוצן מיט דזשיפּ־פירער פּאָר טוריסטיק אין דער ערבה. אויך צווישן זיי געפינען זיך זוכער. שטעקט נאָר

אַרויס די קעפּ אַהערצוצו — טוט ער זיך פּלוצים אַ ווענד צו אונדז — איר פילט דאָס ווינטל דאָ? אַזש פונעם חרמון קומט עס ביז אַהער, און אומעטום וואו עס שוועבט פאַרביי וועלן זיין ישובים. שיקט אונדז אייערע קינדער! בלייבט ער שטיין מיט איין פוס אויפן טרעפּל, — איר זעט דאָך ווי אַלץ וואַרט אויף זיי דאָ. אויב זיי וועלן אפילו לאנג נישט בלייבן דאָ וועלן זיי זיך כאָטש אויסלערנען צו לעבן ערגעץ אַנדערש ווי זוכער, — איז ער מיט אַ שפּרונג געבליבן שטיין אין אַ געל מוטנע וואַסערל צווישן די דינע ביימעלעך.

— הַכִּיכָּר! — האָט אונדזער וועג־פירער נאָכגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענצטער און מיט אַ ניגון זיך געזעגנט: זאָגט זשע קינדערלעך אינאיינעם: „כגן ה׳, כארץ מצרים!" „ווי דער גאָרטן פון גאָט, ווי דאָס לאַנד מצרים!" . . .

# צווישן ווירקלעכקייט און דאַכטעניש

## א

מיר זיינען שוין צוריק אַרויף אויפן טראַקט וועלכער דאַרף אונדז ברענגען קיין אילת. אַן אָנגעשטרענגטע שטילקייט הויערט אין באָס. מיטאַמאָל זיינען אַלע עפּעס ווי פאַרוויגט געוואָרן אין אַ האַלב־וואַך, האַלב דרימלענדיקן צושטאַנד. דער נהג זיצט ביים רעדל אַ פאַרשטייפטער, בלויז די עלנבויגנס באַוועגן זיך ריטמיש הין און צוריק. אויך דער באַרעדעוודיקער וועגפירער זיצט אָנגעבויגן מיט דער פּלייצע צו אונדז. ער האַלט, דאַכט זיך, דעם הילכער ביים מויל און קיין קלאַנג קומט נישט פון דאָרט. קומט שוין עפּעס יאָ אַרויס, איז עס מאָדנע פאַרהוילן ווי פון הינטער אַ פאַרהאַנג אַפּער. פונעם אָנגעשטרענגטן קוקן דורכן פענצטער, זיינען די אויגן־דעקלעך שטייף און פאַרשמעלערט. ווי דורך אַ שפּאַרונע שווינדלט אַלץ פאַרביי און האַלט זיך אין איין בייטן. עס מישן זיך קאָלירן און אויסבליקן. שטיקלעך חומש־פּסוקים מיט אַלט־היימישע נעמען פלאַטערן פאַרביי און פאַרשווינדן אין לויפנדיקן דרויסן. לאַנג פאַרגעסענע זעאונגען איילן פאַרביי און שטעלן זיך איבער אין אַ מין פיבערדיקן פלאַנטער פון אַ בליציקן איצט, וואָס איז גלייכצייטיק נעכטן און מאָרגן. שעהן שוין ווי מיר פאָרן מיטן גלאַטן אַספאַלטענעם וועג, וואָס שניידט איבער מיט אַ שווארצער גלאַנציקייט די זאַמדן וועלכע בערגלען זיך פון ביידע זייטן וועג און לאָזט זיי הויערן הינטער זיך אין אַן אומבאַהאָלפענער אומאָרדענונג. אָט זיינען די בערג אַזוי ווייט, אַז זעען אויס ווי טונקעלע פלעקן וואָס דרימלען ערגעץ ווייט הינטער דעם פיבערדיקן געל און ווייסן בראַנד פונעם מדבר מיטן־טאָג, און אָט זיינען זיי אַזוי נאָענט מיטן האַנט צו דערלאַנגען. קענסט אָנטאַפּן די אויסטערליש פאַרגליווערטע פיגורן אין זיי, וואָס אי זיי האַלטן אין איין קרימען זיך און לאַכן אין היסטערישן געשפּאַט, און אי זיי פאַרגייען זיך אין אַן אַנגסטיקער פּיין פון צעקנייטשטקייט, וואָס גרוילט דאָס לייב. אַן אַפּאָקאַליפּטישע פאַרגליווערטקייט בליקט פון אַלע הייכן, שפּאַלטן און רעליעפע אַרויסשטאַרענישן. ממש אַ גאַנצע וועלט איז דאָ אַזוי פאַרשטיינערט געוואָרן אין סאַמע מיטן. הערסט, דאַכט זיך, און פילסט דעם אָפּגעשטעלטן אָטעם. אָט איז אַ גאַנצע פעסטונג דאָרט אין דער הויך גרייט פאַרן שונאס אָנפאַל. און

אָט איז אַ פֿאַרשטומטער פּאַלאַץ מיט צעפּראַלטע פֿענצטער, וואָס בליקט מיט גרויליקער פֿאַרהווילנקייט אין טאָל אַראָפּ, וואו אַ פּאָר מענטשלעכע פֿיגורן פּאָרען זיך ביי הויכע געלענדערס וועלכע טרייסלען זיך און ציטערן מיט שטויב און געטומל, ווי זיי וואָלטן געוואָלט פֿאַרבאַרגן די שטומע פֿאַרגליווערטקייט וואָס גרוילט דאָ אָן א קול. זיינען זיי אויך אַ טייל פֿון דעם פֿאַרכישופֿטן באַשטאַנד דאָ? רייסטו די אויגן אויף און זעסט: די שטאָלענע ציין פֿון די רייס און בויער מאַשינען בליצן ווי פֿאַרשפּיצטע שנאָבלען פֿון אויסטערלישע פֿייגל, וואָס האַלטן אין מיטן פֿאַרצוקן. זיי בייסן זיך איין אין די באַרג־הויקערס ציטערנדיק אין אַנגסטיקן פֿלאַטער מיט אַלע געלענקען. זע ווי זיי ראַנגלען זיך און קלעמען מיט אַ געקריץ און געבראַזג פֿון ברוך־שטיקער וועלכע שפּרינגען אָפּ אין אַלע זייטן. דאָרט שמאַיען אַרום פֿלינק און געשווינד מאָדנע פֿאַרשטויבטע און זשוואַווע פֿאַרשוינען, וואָס מאַנעווערירן קונציק מיט די ציערס אַריינצושליידערן די ברוך־שפּליטערס אינעם אָפֿענעם קויש איבער דער צעשטויס־מאַשין. דאַכט זיך אַז דער גאַנצער אַרום ציטערט מיט אין דעם שטויב געווירבל. בלויז דער שוואַרצער אַספּאַלטענער וועג אויף וועלכן מיר ציען אין געאייל, שלענגלט זיך גלאַנציק אַוועק אַ זיכערער, אַ רואיקער צווישן דורכזיכטיקע דינע זיילעכלעך זאַמד וועלכע בערגלען זיך פֿוןביידע זייטן. הייבן זיך אויף און פֿאַלן צוריק אונטער זיך, נישט קענענדיק ווערן איינס צוליבן שאַרף פּונעם שוואַרצן גלאַנץ.

— די גרעסטע שטיינהאַקערייען געפֿינען זיך דאָ. דער מדבר דאַרף צושטעלן בוי־מאַטעריאַל פֿאַר די שטעט. קוקט זיך גוט איין אין די פֿאַרשטיינערטע פּאַלאַצן. באַלד וועט פֿון זיי ווערן גלאַטע וועגן און רוישנדיקע שטעט. — דערמאָנט זיך פּלוצים אונדזער וועגפֿירער אין זיין אויפֿקלער אַרבעט, — פֿון צעהאַקטן שטיין וועט ווערן שטויב און פֿונעם שטויב וועט ווערן בעטאָן; פֿון בעטאָן וועט מען גיסן רערן און פֿון די רערן וועט פֿלייצן מים־חיים אויף אַלע וועגן — פֿאַרגייט ער זיך אינעם ניגון פֿון אַקדמות און שטעלט זיך אויף מיטן פּנים צו אונדז אַן אויפֿגעהייטערטער שוין, — געגוג געדרימלט! מיר זיינען שוין נישט ווייט פֿון אילת. דאָרט וועט איר טאַקע זען ווי דער מדבר בויט אַ שטאָט. איר זעט, אָן אָ דאָרט זיינען די קוואַלן מיט זיס וואַסער. מיר מעגן זיך שוין איצט פֿאַרגינען אויסצוטרינקען דאָס ביסל קאַלט וואַסער וואָס מיר האָבן נאָך. לחיים יידן לחיים!

## ב

— קוק זיך גוט אַרום וואו דו גייסט! דאָ נאָענט איז די גרעניץ! — באַגריסט דיך אילת נאָך איידער דו האָסט רעכט באַוויזן אַ קוק צו טאָן אויף איר.

— היט זיך, נישט צו פאַרגיין לינקס אָדער רעכטס, — וואָרנט איין שילד נאָך דער אַנדערער.

— קודם כל וועלן מיר אָפּגעבן שלום־עליכם דעם ים סוף, — איז לעבעדיק צופרידן אונדזער וועגפירער און שטעלט אָן אַ פּנים פון אַ פאַנטאַזירנדיקן מאַרשאַליק, — דער סאַמע ווייטסטער פונקט אין לאַנד איז אילת און דאָס הויפּט פענצטערל אונדזערס צו דער ווייטער וועלט. אַזוי איז געווען אַמאָל און אַזוי איז איצט. וועלן מיר צופּאָרן אַ קוק טאָן אויפן בלוי און גרין פונעם אויג פון עק־וועלט אויף וועלכן שלמהס שיפן זיינען געפאָרן. דאָרט וואַרט אויף אייך דאָס וואונדער־שיפל פון דער מלכה־שבאס ירושה־אוצר מיטן דורכזיכטיקן דנאָי דורך וועלכן מען זעט די קליינע און גרויסע לוויתנדלעך אונדזערע שפּילן זיך אין באַהעלטעניש אין דער כישוף־וועלט פון ששת ימי בראשית. פאַר אַפּאָר פונט בלויז וועט איר אָפּקילן דעם מדבר שווייס אויף אייך און אַנטפּלעקן די פאַרבאָרגענע וועלט אין דער טיפעניש. איך האָב נאָר מורא, דער שבת זאָל זיך נישט אַריינמישן. עס איז שוין גאַנץ שפּעטלעך און שבת מלכתא קוקט שוין פון די שפּיצן בערג אַראָפּ אָן אויסגעבאָדענע.

דאָס מזל האָט אונדז אָבער צוגעשפּילט און דער ממונה אופן שיפל, האָט זיך געלאָזט איינרעדן, אַז זיין זייגער „לויפט” און עס איז נאָך גאָרנישט אַזוי שפּעט, כאָטש דער תימנער שיפער האָט זיך געטרייסלט מיטן גאַנצן דראָטענעם גופל זיינעם אַהין און צוריק, אָננעמענדיק זיך אפילו ביים שיטערן בערדל זיינעם „בחיי ראשי”, אַז מען האָט שוין געשלאָסן אַלע משרדים אין שטאָט.

— איך האב שוין צונויפגענומען דאָס גאַנצע געלט. דאַרפסט נישט

אויסשרייבן קיין בילעטן. איך ווייס וויפל מיר זיינען . . . אַלץ אייגענע . . .
— האָט אים אונדזער וועגפירער אַריינגעשטופּט דאָס געלט אין קעשענע אַריין, — זע אַליין ווי הויך די זון איז נאָך פון יענער זייט אין דעם ירדן קעניגרייך. וועסט נאָך זיין צוריק איידער זי וועט זיך אָפּזוכן אַ נאַכטלעגער הינטער די בערג.

דאָס האָט געהאָלפן און מיר זיינען שוין אינעם שיפל. דער דנאָי איז טאַקע דורכזיכטיק ווי פּאַראויסגעזאָגט. אַלע אויגן זיינען אָנגעשפּיצט צו די באַהעלטענישן פונעם „אויג פון עק־וועלט״, נאָר קיינער שפּילט זיך נישט דאָרט, נישט קיין קליינע, נישט קיין גרויסע לוויתנדלעך. וואַסער געוויקסן פלאָנטערן זיך איבער אַ ווייסער פאַרשטיינערטקייט, וואָס פאַרהוילט גאָרנישט אַז עס איז געקינסטלט. נאָכגעמאַכט אַ ים־דעק נאָענט צום ברעג.

— טיפער אין ים טאָר מען נישט פאָרן, — שאָקלט זיך דער שיפער און ווייזט אין דער ווייטקייט אַריין צו די ברוינע בערג דאָרט מיט אַן ערנסטקייט גלייך ער וואָלט מי יודע וואָס פאַר אַ סוד אויסגעזאָגט — אלע דריי זייטן זיינען דאָ גרעניצן, אדום און מואב און פתרוס . . . — כאָרכלט ער אַרויס די ווערטער, — מען ווייסט נישט וואו די גרעניץ איז. קוקט בעסער אַרונטער אין ים אַריין. מירן זיך באַלד אומקערן. ערב שבת.

דאָס שיפל, וואָס עמעץ האָט עס שוין משנה שם געווען אויף . . . „דאָס מולטערל״, שלעפּט זיך האַרט ביים ברעג. רופט עס אַרויס אַ נישט צופרידנקייט און ביטערן חוזק ביי פּאַסאַזשירן וואָס שטייען אָנגעשפּאַרט אויף די ווענטלעך וועלכע רינגלען אַרום דעם טייל דעק דורך וועלכן מ׳דאַרף זען די וואונדער־וועלט.

— אָט אַ פישעלע, — כיכיקעט איינער אָפּן — ווי כ׳בין אַ ייד, אַ פישעלע מיט אַן עק.

— און וואו איז דאָס קעפּעלע? — שפּילט אַן אנדערער מיט.

— איין קעפּעלע נאָר? אַ גאַנצער המון קעפּ! קוק אַרונטער וועסטו זיי קענען איבערציילן און אַפילו פאָטאָגראַפירן, — כאַפּט מען זיך ערשט אַז

אייניקע פּאַסאַזשירן שטייען נאָך אַלץ מיט אָנגעשטעלטע פּאָטאָגראַפיר אַפּאַראַטן גרייט אַראָפּצוכאַפּן עפּעס וואָס וועט זיך נאָר באַווייזן.

— דער רבונו של עולם וויל נישט מיר זאָלן מחלל שבת זיין.

— יאָלדן וואָס מיר זיינען, — קאָכט זיך אַ מיטל יאָריקער יונגערמאַן — געלאָזט זיך גענאַרן. כ׳בין זיי מוחל די פּאָר פונטן. ס׳האָט סיי ווי גאָרנישט די ווערט, וואָס מיך אַרט איז, וואָס די אַלע וועלכע זיינען שוין דאָ געווען פריער פאַר אונדז, אַזוי פיל שרייבער און באַשרייבער, און קיינער האָט קיין פּיפּס נישט געטאָן וועגן דעם.

— אפשר האָבן זיי יאָ עפּעס געזען? עס קען דאָך נישט זיין אַז אלע זאָלן נאַרן — לאָזט אַן אנדערער פאַלן אַ ספק, — אָט האָבן מיר דאָך געזען אויפן וועג וואָס קיינער האָט נאָך נישט באַשריבן.

— כ׳וועל זיך וועטן מיט אייך, אַז איר וועט האָבן צו דערציילן וואונדער איבער וואונדער פון דעם גלעזערנעם מולטערל.

— פאַר וואָס עפּעס?

— איר׳ט זיך שעמען צו זאָגן אַז איר האָט גאָרנישט נישט געזען, ווען איר האט זיך נאָך אין דער היים אָנגעהערט וועגן די וואונדיירים פון דעם שיפל.

— מ׳וועט דאָך אייך אפילו נאָך באַשולדיקן אַז איר באַרעדט דאָס לאַנד — חכמהט זיך אַן אַנדערער.

— וואָס טויג מיר דאָרט מעשות — שטופּט זיך אַריין אַ ברייטביייניקער ייד פאַרמאַכנדיק אין דער גיך דעם פאָטאָגראַפיר אַפּאַראַט — כ׳האָב דאָך טאַקע אַליין מיט מיינע אויגן געזען אַ פּאָר גרויסע אַזעלכע און זיי אפילו אַראָפּגעכאַפּט אָט אָ דאָ אָ — שטויסט ער זיך אַרויסצוגיין פון די ערשטע.

— שפּאַרט זיך נישט, יידן, און קריגט זיך נישט, — טוט דער

שיפּלפּירער צוויי מלאכות מיטאַמאָל. ער בינדט דאָס שיפל צו צום ברעג און שטופּט אונדז אין דער האַנט אַריין אַ געדרוקט צעטעלע מיט אַ מעלדונג אַז אין מוזעאום, דאָ נישט ווייט אין דער רעכטער זייט, קען מען זען אַלע אויסטערלישע באַשעפענישן וואָס האָבן געלעבט און לעבן נאָך אין ים־סוף.

— וויפל קאָסט עס? — ווילט מען זיך גוטמוטיק — ס׳זאָל כאָטש זיין דאָרט וואָס צו זען.

— איילט זיך צו קויפן בילעטן איצט, ווייל מאָרגן פאַרקויפט מען נישט, שבת! — דערמאָנט אונדז דער וועג־פירער, וואָס האָט געוואַרט אויף אונדז נישט ווייט פון ברעג, — פאַרגעסט נאָר נישט אַז רעכטס דאָרט איז מצרים, אַביסעלע ווייטער איז סעודה־אַראַביע און אַנטקעגן איז ירדן.

— און מיר אינמיטן — בלייבט הענגען אַ שטילער ערנסט צווישן עולם און מ׳הייבט ערשט אויף אַן אמת אָן אַרומצוקוקן זיך מיט אייגענע אויגן.

— דאָ צעשיידן מיר זיך דערווייל ביז מאָרגן מיטאָגצייט, — געזעגנט זיך מיט אונדז אונדזער וועגפירער מיט וועמען מיר זיינען שוין געוואָרן אַזוי היימיש, אַז מיר רופן אים שוין צוריק דודל, כאָטש זען זעט ער אויס גיכער ווי אַ גליית, ווייל סיי מיט דער הייך און סיי מיט דער ברייטביינערדיקייט און פולקייט זיינער, שטייגט ער אונדז אַלעמען איבער, — זייט נאָר נישט צו נייגעריק צו וועלן אַלץ זען ביינאַכט אפילו דאָרט וואו עס איז ליכטיק. נישט אַלע ליכט זיינען אונדזערע. לאָזט זיך נישט פאַרפירן פון דער שטילקייט. מ׳קוקט אויף אונדז דאָ פון דריי זייטן. ס׳איז דאָ גענוג צו זען אויף אונדזער טייל אין ליכט פון טאָג. פאַרבלאָנדזשעט זשע נישט אין דער פרעמד. איר דאַרפט נאָך מאָרגן פאַרזוכן פון די פאַרזיסטע וואַסערן פונעם ים — צעשמייכלט ער זיך ברייטלעך מיט אַ קלאַפּ אין פּלייצע כמעט צו יעדן איינעם פון אונדז, — להתראות! און געדענקט, אַז פאַרבלאָנדזשענדיק אַהין, קען אפילו אַזאַ גליית ווי איך גאָרנישט אויפטאָן פאַר אייך — גלויבט זיך עפּעס נישט צי די אַלע הין און אַהער רייד קומען טאַקע פון אים צי פונעם אייגענעם געמיט וואָס איז עפּעס ווי אין אַ צעברויזטן פאַרנעפּלטן הינערפלעט. אָט טונקלט פאַר די אויגן דער ים און ס׳איז גאָר נישט ווי דער רבי האָט געטייטשט „דער ים וואס זיין ברעג איז פול מיט ראָר־שטעקנס”. גרויער

אָפּשיין פון הויערנדיקע פעלזן שאָטענען זיך אין שטילן פליעסקענדיקן ברעג וואָס איז פול מיטן געזעמל פון האַלב נאַקעטע פיגורן פון די פאַרשיידנסטע קאָלירן, וועלכע זעען אויס ווי זיי וואָלטן געפּראַוועט אַ ספּעציעלן ריטואַל צווישן די הויפנס אָנגעוואָרפענע פּאַפּירלעך און ליידיקע פלעשלעך דאָ און דאָרט. אַ געמיש פון אַלערליי פאַרבן און אַ ניט פאַרשטענדלעכער געפּלאַפּל פון כלערליי שפּראַכן. סילועטן פון מאָדנע געביידעס הייבן זיך אין דער ווייט ווי שומרים וואָס קוקן אַריבער דעם געווירבל כוואַליענדיקן געדריי פון אַ קעסל-גרוב, דאָרט אינמיטן ים וואו זעגל-שיפלעך הוידען זיך אַזוי רואיק געמיטלעך און צעטרייסלען זיך בלויז ווען אַ רוישנדיק מאָטאָר-שיפל שניידט זיי פאַרביי און ווערט נעלם דאָרט ערגעץ ביי יענע שפּיציקע הויכן וואָס זיינען שוין כמעט אינגאַנצן אין טונקל, און דאָך פילסטו בחוש אַז זיי בליקן אַהער מיט אַ טיף גליאיק קיילעכדיק אויג. אַ פּאָספּאָרישער שיין פון ברוין און געל און געגאָסענער קופּער שפּרייט זיך אין אַלע זייטן און טראָגט אָן די אָנגסט פון פּלוצימדיקן אָנקום פון נאַכט אויף דער שורה ברוינע הייזער דאָ דערנעבן מיט די אָפענע ווערענדעס אויף וועלכע עס שמאַיען אַרום גאַנצע געזינדלעך, וועלכע זיינען פונקט אַזוי ברוין און טונקל-געל. אויך פון דאָרט הויבט זיך אַ פּלאָנטער פון רייד אויסטערליש פרעמד און דאָך נאָענט.

ג

אינעם גרויסן האָטעל גיט מען אונדז צו פאַרשטיין, אַז אונדזערע צימערן זיינען אַוועקגעגעבן געוואָרן צו אַנדערע וואָס זיינען געקומען פריער פאַר אונדז.

„שוין נישט דאָס ערשטע מאָל, אַז גלייתל, פאַרפירט אַזוי זיינע פּאַסאַזשירן אויף זייטיקע וועגעלעך און קומט שפּעטער ווי מ'דאַרף — באַדויערט מען אונדז און מ'חוזקט צו גלייך — ער האָט אייך געפירט צום כּיכּר, האַ? איצט איז ער שוין אוודאי פאַרקראָכן ערגעץ אין אַ לאָך. ביז מאָרגן וועט איר אים שוין ניט געפינען צווישן מענטשן. נאָכן פאַרפירן פּראַוועט ער התבודדות.

מ'וועט אונדז דאַרפן געפינען אַ נעכטיק-פּלאַץ אין דער געגנט וואָס בויט זיך ערשט. אינגאַנצן אַ האַלבע שעה גאַנג באַרג-אַרויף צו.

ס׳איז שטיקנדיק הייס און דאָס בראָדזשען אין זאַמד רייצט נאָך מער די געמיטער און פאַרהאַקט דעם אָטעם. פאַלט מען קוים אַריין אין דעם נאָר וואָס אויפגעשטעלטן באַראַק מיט אַ פּאָר צענדלינג טירלעך וואָס פירן צו פּירעקיקע איין פענצטערדיקע צימערלעך. צוויי שמאָלע פעלד בעטלעך שטייען ביי די זייטן ווענט פונקט אַנטקעגן דעם ווענטילאַטאָר, וואָס מאַכט מער טומל ווי ער לופטערט די טרוקענע זאַמדיקייט. אויפן טישל מיט די צוויי שטולן אין מיטן פון צימער, ווינטלט זיך לעבן די צווי שבת־לייכטערלעך אַן אויפשריפט אין עטלעכע שפּראַכן. די זעלבע וואָס האָט אונדז באַגעגנט ביים אַריינגאַנג אין באַראַק: „דאָס הויז איז אָפן פאַר אַלע וואָס דאַרפן אַ דאַך איבערן קאָפּ.״ ווי עס שטייט געשריבן „דיין הויז זאל אָפן זיין פאַר אַלעמען״.

— זיי קענען זיך דערפרישן מיטן שפּריץ אין עק פון קאָרידאָר! — מעלדעט אַ קול פון דער הויך ערגעץ אין ענגליש, עברית און יידיש מיט אַ מאָדנער דייטשישער אויסשפּראַך.

עס דויערט נישט לאַנג אויסצוגעפינען, אַז פון שפּריץ רינען בלויז אַ פּאָר קאַלטע טראָפּנס וואַסער.

— קאַסרילעווקער האָטעל! מ׳האט אונדז גוט אַריינגענאַרט אין זאַק אַריין. דאָס אמתע לאָך!

—מ׳האָט אונדז צוגעזאָגט אין תל־אביב, — רייסן זיך אויפגערעגטע קולות דורך אַלע טירלעך, אָבער ערשט נאָך אַ ווײַלע באַווייזט זיך אַ נידעריטשקע פרוי וואָס די אַקסל זיינען ביי איר העכער פונעם שמאָלן קעפּל מיטן הויכן הייבל ביז אַריבערן שטערן און דאָס קול אירס קומט עפּעס ווי פון אַ מיטן, פון האַרץ.

— ס׳איז דען געווען ווער דאָ, די אַלע יאָרן, צוצוגרייטן ענק פון כל־הגוטס?! — איז דער טאָן פון קול געשפּאָלטן און געטאָפּלט. אי ס׳איז הייזעריקלעך בייז און שטעכט, אי עס בוימלט מיט באַדויער אויף די וואָס פאַרשטייען נישט, אַז דאָס וואָס איז דאָ, איז דער אוסטערלישסטער וואונדער. — מיר זיינען דאָך ערשט אָנגעקומען אַהער נאָך אַזוי פיל יאָרן. ביז מ׳וועט

זיס מאַכן דעם ים, מוז מען ציען וואַסער פּערציק מייל פון דאַנען. גייט בעסער אַרויס וואָס שנעלער צו געפינען ערגעצוואו אָפּצועסן. ס'איז שוין גאַנץ שפּעט.

— איר קענט קומען צוריק ווי שפּעט איר ווילט — באַמערקט מען ערשט איצט, אַז הינטער איר שטייט אַן אויסגעדאַרט מענטשל, וואָס זעט אויס ווי אַ שאָטן וועמעס קול קומט אַרויס ווי אַ שעפּטש, — אָט האָט איר די שליסלען און מאַכט זיך אַ סימן ווי צו טרעפן אַהער. ווען די ערשטע פּלמחניקעס, האָבן זיך קוים דערשלעפּט אַהער — קומט עס אַרויס פון אים ווי ער וואָלט אויסגעגעבן אַ סוד, — האָבן זיי דאָס אָרט נישט דערקענט. געמיינט, אַז זיי זיינען נאָך אַלץ אינעם זאַלץ פאַרשאָלטענעם לאַנד — פאַרשווינדט ער פּונקט אַזוי פּלוצים ווי ער האָט זיך באַוויזן.

— מארגן אין דער פרי, וועט עץ דאָ קענען קריגן אַ גלאָז קאַווע מיט צובייסעכץ, — באַגלייט אונדז מיט אַ שמייכל דאָס קרומע קעפּעלע, — פאַרנעמט זיך אויף צפון מיטן בערגל ארונטער.

די ברוינע הייזער מיט די אָפּענע באַלקאָנען זיינען שוין כמעט אַלע איינגעהילט אין טונקל און שטילקייט. פון איינציקע פענצטערלעך שלאַבעריקן אַרויס מאַטע שיינען פון שבת־ליכט, ווי די היץ וואָלט פון זיי אַרויסגעצויגן דעם גלאַנץ פון נאַטירלעכן פינקלען. וועמען מיר זאָלן נישט אָנטרעפן און פרעגן, ווייסט קיינער נישט וואו ס'איז נאָך איצט אָפן אַ מסעדה. מיר הייבן זיך שוין אָן פילן ווי עפּעס פאַרבלאָנדזשעטע אין אַן עק־וועלט, און וועמען מיר זאלן נישט טרעפן, קומט ער עפּעס אויס ווי אַרויסגעקומען פון אַ פאַרהוילעניש כדי אונדז נאָך מער צו פאַרפּלאָנטערן אין דעם אַרומיקן געדריי פון געסל אַריין און געסל אַרויס, וואָס וואָרנט מיט אַנגסט: „גייט נישט צו ווייט לינקס, דאָרט זיינען זיי. פאַרבלאנדזשעט נישט צו ווייט רעכטס, סכנה גדולה!״ אַן אַנדערער זאָגט אפילו גאָרנישט נאָר וויזט מיט אַ פינגער צו דער זייט וואו עס פינקלט שוין דער גאַנצער ברעג: עקבה! — שעפּטשעט ער אַרויס און לאָזט אונדז שטיין.

— אפשר וועט איר נאָך טרעפן אָפן די מסעדה פון דער פּוילישער. אין טאָל דאָרט ביי דער כּנישתּא פון די תּימנער, — האבן מיר זיך ענדלעך

דערפרעגט ביי אַ האַלב נאַקעטן פאַרשוין, וועלכן מיר האָבן אָנגעטראָפן זיצן הינטער א גאַניקל, אַ שטיק פּאַרטאַיעטער שאָטן. ער וויל אונדז דווקא אַליין ווייזן דאָס אָרט, נאָר ער מאַכט נישט די מינדסטע באַוועגונג אויפצוהייבן זיך. פון שאָטן אַרויס שטעלט ער זיך פאָר. ער קומט פון זייער ווייט. גאָר ווייט, ממש פון הינטער די הרי חושך. עד געדענקט שוין אַליין נישט פון וואַנען און ווען. צי פון אייראָפּע צי פון וועלכער עס איז אַנדערן עק וועלט. ער קומט שוין אַהער דאָס דריטע מאָל. דאָס מאָל מוז ער שוין אַלץ געפינען. ער קען דאָ יעדן ווינקל. דאָס ערשטע מאָל איז ער געקומען אַהער נאָך גאָר אַ ייִנגל מיט זיין אַרמיי־אָפּטייל מיינענעדיק אַז זיי זיינען די ערשטע צו קומען אַהער. אָבער דאָ נישט ווייט, וואו דאָס פּאַרקל איז, האָבן זיי געפונען ליגן אין הינערפלעט די לעצט געבליבענע פונעם פּאַטרול וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט עטלעכע טעג פריער און מ׳האָט מער נישט געהערט פון אים. פאַרחלשטע זיינען זיי געלעגן צווישן די פאַרזאַמדיקטע קאַקטוסן און נישט געוואוסט אַז זיי זיינען אָנגעקומען. און אַז אינגאַנצן אַ פּאָר הונדערט פוס ווייטער האָבן דאָ אַמאָל געאַנקערט די שיפן פונעם מלך שלמה. שעהן לאַנג האָבן זיי נישט געוואָלט עפענען די אויגן. נישט גלויבנדיק זיך אַז זיי הערן טאַקע מענטשלעכע שטימען און ס׳איז נישט נאָך איינער פון די מיראַזשן וואָס האָבן זיי פאַרפירט און געמאַטערט נאָך די ערשטע דריי טעג קריכן און קלעטערן אין דעם ווייסן בראַנדיקן זון־פּלאַקער צווישן די באַרג שפּאַלטן.

— שטעלט זיך פאָר — צעלאַכט ער זיך עפּעס מאָדנע — די ערשטע האָבן נישט געוואוסט אַז זיי האָבן שוין אַריבערגעשפּאַנט דעם טויזט יאָריקן פאַרגעסענעם וועג אַהער, — איר מיינט אויך אַז כ׳בין עפּעס לא בסדר, האַ? — שטעלט ער זיך שוין אויף ווי ער וואָלט זיך פאַרנומען צו גיין מיט אונדז.

— עפּעס אַזעלכס האָב איך דאָך דאָ נישט לאַנג געלייענט אין אַ ביכל, — כאַפּט זיך אַרויס איינער פון אונדז.

— דאָס האָב איך דאָך טאַקע אָנגעשריבן — קלינגט שוין זיין געלעכטערל אָפּן חוזקנדיק, — די פּוילישע פּרעסאַרניע וועט איר שוין אַליין געפינען. שוין נישט ווייט פון דאַנען נאָכן פּאַרקל.

מיט זשוואַווע איילנדיקע טריט איילט אונדז פאַרביי אַ פּאָרל. זעט אויס

אַ טאַטע מיט אַ זון.ביידע איינגעהילט אין אַ מאָדנעם טראַכט. די קעפּ פֿאַרוויקלט אין עפּעס אַ קאָלירטן געוואַנט פֿון וועלכע סע הוידן זיך די פּאות ווי דראָטענע קנייטלעך און אויף די אַקסל פֿאַרוואָרפֿן אַ מין געפֿאַלדעוועטן לבֿוש מיט קאָלירטע פּאַסן וואָס פֿלאָנטערט זיך זיי צווישן די פֿיס, אַז עס דאַכט זיך אָט וועלן זיי אַ פֿאַל טאָן איבער זיי. מיר גייען זיי נאָך ביז זיי ווערן נעלם ביים עק געסל אין אַן אָפֿן דירהלע אַריין פֿון וועלכן עס טראָגט זיך אַ בענקנדיק טרויעריק פֿאַרטיפֿטער ניגון: „לכה דודי לקראת כלה, פּני שבת נקבלה״. די פֿייערלעך גליענדיקע בענקשאַפֿט פֿונעם ניגון ציט זיך מיט כאָרכלדיק נאָזיקע קלאַנגען, וועלכע שפּרינגען אַרויס פֿון דאָרט עפּעס אויך ווי דער זשוואַווער גאַנג פֿון די צוויי וואָס זיינען נאָר וואָס אַריין אַהין. אַ כאָפּטע האַלב נאַקעטע געקרייזלטע קינדער־קעפּלעך שפּרינגען אַרום אין נאָענטן הייפֿל מיט אַ ליאַרעם וואָס פֿאַרטויבט די ווייכע לאַמעדן, זינגעוודיקע „עיינס״ (אַיענס) און כאָרכלדיקע „חיתן״ (כעסן) און יאָגט זיי צוריק אין דירהלע אַריין מיט וואָכעדיקער חוצפּה.

ד

פּונקט אויף דער צווייטער זייט פֿון דעם דירהלע מיטן אויפֿשריפֿט „כּנישתּא בית הילל״, איז די מסעדה. אַ שילדל איבערן גאַניקל זאָגט אָן אין עבֿרית און אין יידיש מיט געכתּיבֿהטע אותיות מיט קריינדעלעך אין אַלערליי טינטן, אַז דאָ קריגט מען אַ היימישן מאָלצייט פֿאַר שפּאָט ביליק. אַ גרויסער צימער וואו איין זייט איז אויף דער העלפֿט פֿאַרצוימט, בלויז די קעפּ פֿון די וואָס זיצן דאָרט זעט מען אַרויס. אַ מאַט לעמפּל וואַרפֿט שאָטנס אין דער טונקעלער ליידיקייט פֿון דער צווייטער העלפֿט. אַן אויפֿגערעגטע פֿאַרטועניקייט אין קאָרטן־שפּיל טראָגט זיך פֿון דעם באַלויכטענעם ווינקל. דאָס יינגל וואָס באַדינט זיי לויפֿט אַהין און צוריק מיט פֿולע פּלעשער און מאַכט נאָך מער טומל ווי זיי: גאַזאָז! בירה! שוין ווידער געוואונען?

אויף אונדזער גוט־שבת! שטעלט ער אויס אַ תּמעוואַטע פּנים ווי מיר וואָלטן גערעדט עפּעס אַ תּרגום לשון און קען בשום אופֿן נישט כאַפּן וואָס מיר ווילן דאָ.

— האָסט געהערט, עמי? גוט שבת זאָגט מען דיר, רוף ברײַנדעלען!

— דערלייג אַ לירה!

— גאַנצע פינעף פונט!

— ביסט אַ רמאי! — קומען אָפּגעהאַקטע הייסע קולות פון יענעם ווינקל.

— גרייט צום טיש אָדער פאַרנעם זיך פון דאַנען!

— זעצט זיך דערווייל צו ביז ברײַנדעלע וועט אָפּשבתן דאָרט אין דער הויף — עצהט אונדז פונעם טונקעלן ווינקל אַרויס אַ ברייטביינערדיקער פאַרשוין, וואָס זיצט אַליין ביי אַ טישל אויף וועלכן עס שטייען אָנגעשטעלט עטלעכע ליידיקע פלעשער. דער געקרייזלטער קאָפּ האָר גלאַט פאַרקעמט אָבער דאָס העמד צעכראַסטעט, און איין פוס איז אויסגעצויגן אויף אַ ליידיקער שטול פאַר אים. ער זעט אויס עפּעס ווי צוגעשמידט צום טישל און איינס מיט דער שטול אויף וועלכער ער איז אינגאַנצן אָנגעשפּאַרט. דאָס פּנים אָבער און דאָס קול איז אינגאנצן אין קאָנטראַסט מיט דער מאַסיווער שטייפקייט וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר ביים ערשטן אויגנבליק.

— פון וואַנען קומען יידן? — קלינגט דאָס קול היימיש און נאָענט — געקומען זען דעם וואונדער אונדזערן און דערווייל הונגעריק געוואָרן, האַ? ברײַנדעלע וועט אייך שוין זאַט מאַכן. זאָל זי נאָר פאַרטיק ווערן מיטן שבת דאָרטן, — ווייזט ער אויף טרעפּלעך אין דער זייט וואָס פירן אין דער הויך צו די אייבערשטע חדרים — פרייטיק נאָך חצות היום פאַרשווינדט זי דאָרט אין שבת אַריין און לאָזט דאָ איבער די גאַנצע וואָך מיט די קאָרטן־שפּילער, — קוקט ער אַרויף צו די האַלב באַלויכטענע טרעפּלעך מיט אַ פאַרבענקטן בליק — זי פאַרבעט מיך דווקא אַמאָל אַרויף. איך בין אָבער שוין זייער ווייט פון דעם. איר ווילט דאָך אוודאי אַ שבתדיקן מאָלצייט.

— מיר וואָלטן טאַקע וועלן פאַרזוכן דעם טעם פון אַ שבת דאָ.

— מיט אַ טישטעך און ליכט און וויין, — ציט ער אויס דעם פוס אַביסל

לענגער נישט בייטנדיק דערביי די פּאָזיציע — האָט איר טאַקע באמת געטראָפן. זי רעכט זיך יעדן פרייטיק אויף אַזעלכע ווי איר. מערסטנס אָבער קומען אַהער אָט די, וואָס האָבן זיך קוים דערוואַרט אויפן פרייטיק צו נאַכטס אַריינצוכאַפּן אַ קערטל מיט אַ בירה. אַנטלויפט זי נעבעך אַרויף צו זיך און קומט אַראָפּ ערשט אויף צו מאָרגנס. סיידן עס באַווייזן זיך אמת שבתדיקע געסט. אָט וועל איך אַ קלאַפּ טאָן מיטן שטעקן. אויף דעם יונגאַטש דאָרט קען מען זיך נישט פאַרלאָזן, — ווייסן מיר נאָך אַלץ נישט צי ער מיינט עס טאַקע ערנסט — איר זענט דאָ צום ערשטן מאָל אוודאי. וואָס זשע האָט איר שוין געזען אַ חוץ די זאַמדן און הויפנס שטיינער? — לאָזט ער אַלץ נישט אָפּ, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אויסלאָדן אויף אַמאָל, ער זאָל חלילה עפּעס נישט פאַרפעלן, — דאָס ערשטע מאָל זוכט מען דאָך נאָר די הייליקע קולות פון די טשערעדעס פון אונדזערע אבות.

—וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו די מענטשן? — רייסט אים מיט אַמאָל איבער אַ מיטליאָריקע פרוי אין אַ זינגעוודיק פּוילישער אויסשפּראַך, — ס׳איז שוין אפילו שפּעט, נאָר אַ שבתדיקע סעודה קען מען נאָך אַלץ קריגן. ווילט עץ געצוקערטע צי געפעפערטע פיש?

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז שוין דער טיש לעבן פענצטער געווען שבתדיק באַדעקט מיט אַ טישטעך מיט ליכט וואָס דאָס יינגל האָט אַראָפּגעבראַכט פון אויבן און באַלד איז די גאַנצע טונקעלע זייט פון צימער באַשיינט געוואָרן.

— די לייכטער האָב איך אָפּגעהיט נאָך פון לעמבעריק אָן און אויסבאַהאַלטן אפילו ווען מ׳האָט אַלץ אויספּאַרקויפט אין סיבירער נע־ווגד — באַרימט זי זיך פאַר אונדז ערנסט היימיש ווי זי וואָלט אונדז געקענט נאָך פון דאָרט און פאַרענדיקט בלויז אַן אָנגעהויבענעם שמועס, — אויב עץ ווילט קידוש מאַכן און טאַקע זינגען זמירות, — האָב יעך אַ פלעשל ווייַן טאַקע נאָר אַ ברכה צו מאַכן.

— צום ערשטן מאָל זיין דאָ, פּאַסט זיך טאַקע דער יין המשומר און אַביסל זמירות, — דערשפּירן מיר אינעם טאָן פון דעם פאַרשטייפטן פאַרשווין אַ מאָדנע אַנגסטיקע פאַרבענקטקייט. אויף דער טונקל פון זיין ווינקל, דאַכט זיך, אַנגסטיקט און זוכט זיך צו אַנטפּלעקן דאָ אין דעם צימער, וואָס באַקומט

עפּעס פּלוצים אַ מאָדנעס גראַטעסקן אויסזען. איידער נאָך מ׳יר האָבן אָנגערירט דאָס ערשטע פּלעשל וויין, זיינען מיר שוין אַליין אויך אַ טייל פון דער אַנגסטיקער פאַרבענקטקייט. ס׳איז עפּעס הייס אין אַלע אברים. אָפּגעגאָסן אין שווייס שפּילן די אויגן אַ מין טאָפּל שאָטן־שפּיל וואָס ציט זיך פון ערגעץ ווער ווייס וואו אין צייט און אין אָרט. דאָס צימער צעקעסטלט זיך אין ליכט און טונקל. אונדזער טיש אינמיטן אויך אַזוי צעקעסטלט, אַזש עס שווינדלט פאַר די אויגן. די פינקלדיקע שבת ליכט ווילן פאַרשטעלן די וואָכעדיקע קאָרטן־שפּילער וואָס טומלען אין מאַטן שיין דאָרט. עפּעס מישט זיך אַלץ אינאיינעם און דאָך באַזונדער. דאָס אַרומלויפנדיקע יינגל מיטן תּמעוואַטן פּנים, שמאַיעט אַרום ווי אין סאַמע מיטן פון אַלץ. די אויערן זיינען אים אָנגעשפּיצט סיי צו די הייזעריקע אויסגעשרייען וועלכע קומען פון די פאַרפלאָמטע פּנימער פון יענעם ווינקל, סיי צו די באַפעלן פון דער באַלעבאָסטע און די רייד פונעם פאַרשטייפטן פאַרשוין, און סיי צום קידוש וואָס איינער פון אונדז הייבט אָן מיט אַ יום־טוב נוסח און פאַרפלאָנטערט זיך אָן אָפּהענטיקער. אויך די זמירות וואָס רייסן זיך פון אונדז פון זיך אַליין, שלאָבעריקן זיך אַנגסטיק אין צימער אין אַ געשפּענסטיקן געפלעכט, וואָס אָט כאַפּן זיי זיך אָן אויף אָן אויגנבליק אין די שבת־ליכט מיט אַ טענצלען אויף אַרויף און אָט פּלאָנטערן זיי זיך אין אַ קנויל פון אַ סילועטן־שפּיל וועלכע ווערט פאַרשלונגען פון דער טונקלקייט פון יענער זייט אָפענעם פענצטער.

און פּלוצים, ווי ס׳וואָלט זיך פאַרשאַרט אַ פאַרהוילענער פּאָרהאַנג, בליקט אויף אונדז אין שטוינען אַן אַטלאַסענע, אָפּגעריבענע קאַפּאָטע מיט אַ קיילעכיק סאַמעטן היטל. פון זייער ווייט און דאָך אַזוי נאָענט, ביים סאַמע אויבן־אָן דאָרט קעגנאיבער די פינקלענדיקע שבת־ליכט, אַנגסטיקט אַ מאָנענדיקער דער טאַטע מיטן גאַנצן פּנים באָרד און שוואַרצע דורכדרינגנדיקע אויגן: „נו, קידוש!״ די מאַמע שמייכלט אַריבער צו אונדז דערמוטיקנדיק מיטן שמאָלן פּנימל און גלעטנדיקן בליק. די ליפּן ציטערן ביי איר בלאַס. כ׳וואָלט געקענט שווערן אַז זי שעפּטשעט אין פלאַטערנדיקן ציטער: „האָסט דאָך חלילה נישט פאַרגעסן דעם קידוש, יאַנקל. ווי לאַנג ביסטו דען געווען אַוועק? האַ? ס׳איז דאָך אַ שמחה ביי אונדז, וואָס ביסט צוריקגעקומען אַהיים.״

די פּיינלעכע געדעכעניש שניידט זיך דורך דעם פאַרהויכטן אויג מיט אַ קלעמעניש וואָס פאַרהאַקט דעם אָטעם. דאָס גאַנצע הויז וויגט זיך אין אַ שפּליטער פון אַ סעקונדע, וואָס שטעקט ערגעץ הינטער בלינצלדיקע שבת־ליכט און אַזוי פיל ימען און בערג און ווייטע צייט.

— „איך האַלט נישט דערביי" — נאָדלט דער קאַלטער אַנגסט מיט אַ טויבן קלאַנג איבערן גאַנצן הויז. דאַכט זיך, אַז אַלץ איז עפּעס קרומלעך געשפּענסטיק פאַרן אויג. דעם טאַטנס פּנים, פאַרהוילט זיך אין תשעה־באָבדיקן צער. פון דער מאַמעס בלאַסע ליפּן טריפט אַ שלאַבערדיקער בלוט־טראָפּן. דאָס צעטרייסלטע געמיט רייסט זיך אַנגסטיק צו האַלטן די אויגן אָפן און קען עס נישט. זעסט אָבער סיי ווי סיי און הערסט און שפּירסט אין איין בליץ־בליק דעם צאַפּלדיקן „אוי־וויי" געקרעכץ וואָס ציטערט דאָ דערלעבן און איז פאָרט פון אַזא ווייט ווייטער פאַרהוילנקייט. „ווי אַזוי האָסטו דאָס געקענט טאָן און פאַרשטערן די שבתדיקע פרייד פון דיין אַהיימקומען?" איז אַלץ אַרום דיר און אין דיר פול מיט קלעמעניש.

— עץ ווילט אפשר נאָך אַביסל מייערן צימעס? עץ עסט דאָך עפּעס גאָרנישט, — רייסט די באַלעבאָסטע איבער די שווינדל־שפּיל. — בלויז ביי איר קען מען קריגן אַזאַ צימעס. נאָך אין לעמבעריק האָט מען זי גערימט פאַר אירע מאכלים, פיש און מייערן־צימעס. דער ימח־שמו, האָט זי טאַקע געלאָזט בעירום ובחוסר כל — מישט זי עברית מיט אַ געשמאַקן יידיש, — די גאַנצע משפּחה נעבעך פאַרלאָרן אָבער אַבי מ'האָט זיך דערשלאָגן אַהער, קומט מען שוין ווי עס איז אַדורך. אפילו אין דער סיבירער טייגע וואו זי איז פאַרוואָרפן געוואָרן, האָט זי נישט פאַרפעלט ליכט צו צינדן. אויך דאָס קופּקעלע מיט וועלכען זי פוצט זיך אויס יעדן פרייטיק צו נאַכטס האָט זי דערהיטן פון דאָרט. נאָר צוליב אַזעלכע טייערע געסט איז זי איצט אַראָפּגעקומען היינט.

— האָט איר שוין געזען דאָרט דאס בערגעלע אין פאַרקל? — באַמערקן מיר ערשט איצט, אַז דאָס בחורל וואָס מיר האָבן געטראָפן אויפן וועג אַהער זיצט זיך אויך אָפּגערוקט נישט ווייט פון דער טיר מיט אַ פולער פלאַש אין דער אויפגעהויבענער האַנט ביזן שטערן, — ווען מ'טוט דאָרט אַ

גראָב אַ גוטן אין דער טיף, וואָלט מען מן הסתם געפונען אַ מזבחל, צי אַן אַלט געטל, אָדער גאָר אַ שטיין וואָס מ׳דאַרף אַראָפּקייקלען פון אַ פאַרבאָרגענעם ברונעם. צוליב דעם בין איך אַהער געקומען צום צווייטן מאל. ווילן זיי אָבער גאָרנישט קיין זאַך אָפּדעקן. זיי ווילן גאָר פאַרדעקן דעם סוד פון עק־וועלט מיט הויכע שטאָקן אָנגעפּילט מיטן אָנגעלאָף פון דער גאַנצער וועלט. לחיים! — טוט ער אַ זשליאָקע פון דער פלאַש און שטעלט זיך אויף אַ וואַקלענדיקער, — לחיים צום מעקען פון די אַמאָליקע טשערעדעס וואָס קיינער הערט שוין נישט. לחיים צום אָנגעלאָף וואָס טובלט זיך מיט נאַקעטע פּולקעס אינעם בלוי פון ים און —

— וואָס פּלאַפּלסטו דאָרט, יגאַלטשיק, — הייבט זיך אים אַנטקעגן דער פאַרשטייפטער פאַרשוין און קען זיך אויך קוים האַלטן אויף די פיס — לאָז זיי הנאה האָבן פון דער סעודה און פאַרגעס ווער ס׳האָט דאָ געמעקעט. איך וועל זיי בעסער זאָגן נאָך וואָס איך בין געקומען שוין צום דריטן מאָל.

— איך אויך שוין צום דריטן מאָל!

— זיי זיינעןביידע אונטערן גלעזל, — גלעט זיך בריינדעלע דאָס הייבל און שעפּטשעט צו אונדז ווי זי וואָלט אונדז מגלה געווען אַ סוד, — געקומען אַהער פון די ערשטע און קריכן נאָך אַלץ אין די לעכער זוכן דעם נעכטיקן טאָג. איר פאַרזוכט דאָך שוין עפּעס גאָרנישט — פאַרשווינדט זי פּלוצים און קומט גלייך צוריק מיט אַ נייער פלאַש, — אמתער געשטעלטער מעד, נאָר פאַר אַזעלכע אומגעריכטע געסט אויף שבת. דער ימח שמו האָט געמיינט אַז ס׳איז שוין אויס מיט אונדז. וואָס זשע טוט גאָט? עץ זעט־אָך ווי דאָ איז אויסגעוואַקסן אַ שטאָט אפילו מיט אייגענע משוגעים שוין. מ׳עמער נאָך זען ווי מ׳וועט זיס מאַכן דאָס וואַסער דאָ. פון אַלע עקן וועלט קומט מען דאָך אַהער זומער און ווינטער, — קוקט זי זיך מיט אַמאָל איין אין איינעם פון אונדז און דאָס פּנים ווערט ביי איר אויסטערליש פאַרפלאָמט. איין זייט אויפגעהייטערט אין צעפּיבערטער פרייד און די צוויטע קנייטשט זיך אין פאַרקלעמטער פּיין, — אין גאַנצן מיין ברודער. אוי איז מיר, האָט דאָס געהאַט אַ קאָפּ, — כאַפּט זי זיך ביים האַרצן און דאָס קול איז איר אין גאַנצן פאַרענדערט — כ׳וועל בעסער אַרויפגיין אויבן. דאָס יינגל וועט זיך שוין

צערעכענעגן מיט ענק. פֿאַרן ווייַן וועל איך נישט נעמען, פֿאַרן טישטעך אויך נישט. עץ קענט זיך אַריינכאַפּן אַהער אויך מאָרגן אין דערפֿרי. הייבט זיך נישט אָן מיט די צוויי. אַ רחמנות נעבעך. איר מיינט אפֿשר, אַז יענער אָ האָט שוין שיר נישט געהאַט געפֿונען דאָס אָרט וואו —

מיר הערן זי שוין אָבער נישט. די לופֿט איז אַזוי געדיכט אַז אַלע חושים זיינען שוין פֿאַרשטאָפּט. ממש אַ טויבקייט כאַפּט אונדז אַרום ניט הערנדיק אפֿילו די אייגענע טריט. עס איז גוט פֿינצטער אין דרויסן. מיר האָבן אָבער אַ גוטן סימן ווי אַזוי צו טרעפֿן צום נעכטיק־פּלאַץ. מיטן פֿאַרקל דאַרפֿן מיר זיך פֿאַרנעמען רעכטס און פֿון דאָרט מיטן בערגל אַרויף. גייען מיר טריט ביי טריט און פֿון לינקס אַריבערן וואַסער, אויף יענער זייט ברעג, בלינצלען אונדז נאָך הונדערטער ליכט וואָס פֿאַרשטעלן אינגאַנצן די שפּיצן בערג. מיטן גאַנצן געביין שפּירט מען אַז מ׳לויערט דאָרט מיט טויזנט אויגן וואָס שפּריצן מיט פּחד. שרעק־שאָטנס פּלאַטערן אַרום ווי די פֿלעדערמייז; די פֿרויען צווישן אונדז פֿאַרדעקן אינסטינקטיוו די קעפּ. מיר גייען באַרג אַרויף און ס׳קומט אונדז אויס ווי מיר וואָלטן מיט אַ זעקסטן חוש געהאָרכט דאָס אַנגסטיקע שטומען פֿון די פֿלאַכע דעכער, דעם געצאַפּל פֿון קוים זיך באַוועגנדיקע יונגע ביימלעך ביי דער זייט

ה

אַ שטילער קלאַפּ אין דער טיר פֿון אונדזער צימערל שאַרט פּלוצים אַוועק די געדיכטע פֿינצטערניש און רייסט אויף די אויגן. די שאָרכנדיקע טריט אין געאייל, וואָס באַגלייטן דעם קלאַפּ, גייען טאַקע אויס גלייך ווי מ׳דערהערט זיי, אָבער בלייבן פֿאָרט הענגען אין דער פֿרימאָרגן בלאַסקייט וועלכע ראַנגלט זיך מיטן פֿלאַקער וואָס הויערט שוין ערגעץ הינטער די בערג. ווי דורך דורכזיכטיקע געוועבן שלייכט זיך דער בליק אין האַלב־וואַך, האַלב דרימל. ביסלעכווייז צעעפֿענען זיך די געוועבן און די אַנגסט־שפּיל פֿון דער נאַכט שווימט אַוועק אין דער רויטקייט וואָס איז שוין אינגאַנצן בייגעקומען די בלאַסקייט אין צימער. דער בליק שטעלט זיך אָפּ אויף אַן אָפֿן ספֿרל וואָס בלעטערט זיך אויפֿן טישל פֿונעם ווינטל וואָס דער ווענטילאַטאָר פֿון אונטערן פֿענצטערל יאָגט מיט גערויש צום טישל צו. איז דאָס אויך אַ טייל פֿון דעם

נאַכט געשפּענסט? האָסט דאך עס נעכטן דאָ נישט געזען. ווער האָט עס דאָ אַוועגעלייגט און ווען? ניין, ס'איז נישט קיין אויסדאכטעניש. די אותיות שטעלן זיך בולט צונויף און שוואַרצן זיך פאַרן אויג: „די דרשה אויפן באַרג״. ציסטו אויס די האַנט צום טישל כדי איבערצוצייגן זיך צי ס'איז טאַקע ווירקלעך אַזוי, און דערשפּירסט מער ווי דו דערהערסט די שאַרכנדיקע טריט וואָס פאַרשווינדן גלייך ווי זיי דערנענטערן זיך און לאָזן פאָרט איבער אַ סימן. „אַזש ביז אַהער יאָגן זיי אונדז נאָך״, — גייט אין דיר אויף א שטוינען און אַ ביטערניש — ווייניק זיי אַלע עקן וועלט, וואָס זיי גאַנוועגען זיך נאָך אַריין אַהער מכלומרשט צו געבן נאַכטלעגער פאַר שפּעט געקומענע. אָט דער קרומער קאָפּ איז גאָר אַ —

— אויב איר ווילט אַ גלעזל קאַווע מיט קוכן, דאַרפט איר אַריינקומען אין עסצימער! — איילט אונדז דאָס זעלבע קול פון נעכטן פאַרנאַכט.

מאָדנע ווי די לייכטער אויפן טישל דאָ קוקן אויס אַזוי באַקאַנט. אויך דאָס קופּקעלע מיט די בלישטשנדיקע פּערעלעך דערקענסטו, נישט מער וואָס אויפן קרומען קעפּל צווישן די הויכע אַקסלען שאָטנט זיך עפּעס און פאַרשטעלט דאָס גאַנצע פּנים. נישט אַנדערש נאָר ס'איז עפּעס אַ פאַרווירעניש אַזא וואָס וויל זיך גאָרנישט ענדיקן. אָט שטעלן זיך די אויגן אָפּ אויפן אָפענעם ספרל אין וועלכן עס איז פאַרטיפט אַ באַבריליטער יונגערמאַן וואָס כאָטש ער איז אַזוי פאַרטיפט, נעמט ער אונדז אַלעמען דורך און דורך נישט אויפהייבנדיק די אויגן: „די אמתע בשורה איז אין דעם דאָ״ — רעדט עס פון אים אַרויס.

אויף אונדזער דערשטוינונג, שטעלט ער זיך אויף — „אויך זיינע טריט זיינען דאָ פאַרהוילן!״

— ווען זיינע טריט וועלן זיך אַנטפּלעקן, — שאַרט זיך אים נאָך דאָס קופּקעלע מיט אַ הוידע פוןביידע אַקסלען און האַקט אָפּ מיט עפּעס אַ נישט פאַרשטענדלעכן שעפּטשע.

— מוחל די בשורות מיט דער קאַווע מיטן געגנאַרטן הכנסת אורחים! — האָט זיך עס געריסן פון איינעם און פון אַלע פון אונדז.

— נאַט אייך גאָר אַזאַ פאַרשטעלעניש!

— אַזש ביז אַהער זיך דערשאַרט נאָך אונדז! — טאָפּטשען מיר שוין אין זאַמד צווישן פאַרשלאָפענע ברוינע בניינים, פאַרטאיעטע בערג אין פלאַם פון אויפגייענדיקער זון און שטיל שעפּטשנדיקן ים, וואָס בעט זיך ממש מיט פליעשטשנדיקע כוואַליעס אויפן נאָך שטילן ברעג: — קומט זיך אָפּפרישן אין מיין בלויקייט. די נאַכט האָט זיך דאָך אַזוי לאַנג געצויגן!

# באַרג אַרויף קיין צפת

## א

דער וועג קיין צפת איז כסדר באַרג אַרויף, נאָר דו פילסט עס קוים. עס דאַכט זיך אַפילו, אַז דער שמאָלער זיגזאַג אַרום די נאַקעטע פעלזן וואָס האַלטן זיך אין איין אויפדעקן און פאַרהוילן אינעם פאַרנעפּלטן ראָזעווען פלאַם פון דער אויפגייענדיקער זון, שלענגלט זיך גאָר אין אַ גלייכער ליניע און באַלד וועסטו זיך ווידער געפינען אויפן זעלבן אָרט ווי פריער. וואָס ווייטער אינעם וועג־געדריי, אַלץ שאַרפער ווערט דאָס געפיל אַז ס'איז עפּעס אַ מין קרייזלען אויף איין אָרט און וועט זיך גאָר קיינמאָל נישט ענדיקן. ערשט ווען דער וועגפירער טוט אַ פאַרקערעווע דעם אויטאָמאָביל אַ ביסל אָן אַ זייט פון געדריי כדי אונדז צו באַווייזן, אַז דער אונטערשטער גליל איז נישט אין גאַנצן באַרג און נישט אין גאַנצן נאַקעט, דערזעסטו אַז ביסט שוין אַ שטיק אין דער הויך.

מיר פאָרן פּאַזע אַ באַגראָזטן טאָל וואו טשערעדעס שאָף האַלטן אין איין פאַרשטעלן דעם וועג. דער בלענדנדיקער פלאַם פון דער פרימאָרגן זון איז מיט אַמאָל ווי פאַרשאָטנט געוואָרן הינטער אַן אור־אַלט וועלדל מיט דיקע פיר־עקיקע און קיילעכדיקעביימער וועלכע שטייען איינער נאָכן אַנדערן שטייף און אויסגעצויגן ווי שומרים אויף דער וואַך. זייערע קרוינען שטרעקן זיך אין דער הויך פאַרקנוילט איינס אין דאָס אַנדערע ווי אַ חופּה איבער די צעשפּאָלטענע אויסגעהוילטע שטאַמען און קנאָכיק צעקנוידערטע וואָרצלען, וועלכע שפּאַרן פון דער ערד אַרויס העט אַריבערן וועג. פילסט בחוש ווי אַ פאַרגליווערטע איינגעשפּאַרטע גבורה קלאַמערט זיך דאָ מיט אַ שטום פאַרהוילן געשריי: „מיר זיינען דאָ פון אייביק”!

— מען זאָגט טאַקע — דערקלערט אונדז דער וועגפירער, — אַז די ביימער דאָ זיינען טויזנטער יאָרן אַלט. ווען מען האָבן זיי עס שוין נישט אַלץ געזען דאָ פאַרביימאַרשירן? די געשיכטע פאַראַדירט דאָ פאַרביי פאַר זיי און זיי שטייען אַלץ. — צעזינגט ער זיך אַן אויפגעהייטערטער פון אונדזער פאַרציטערטער פאַראַפּטקייט ביים גלעטן די טיפע און צעקאָרטשעטע פעלצן קאָרע פון די פאַרשטייפטע זקנים.

— עצי שיטה עומדים! עו־מ־דים! — הילכט אָפּ דער ניגון אין גאַנצן אַרום און רודערט אויף די פאַרגליווערטע רו פונעם פאַרשטיינערטן אינדערהויך.

און וואָס ווייטער מיר קרייזלען אַוועק, יאָגט אונדז דאָס ווידערקול נאָך און דאָס געמיט ווערט אַלץ אומרואיקער, נישט אַזוי פון דעם וואָס דאָס אויג האַלט אין זען נאָר גאָר פונעם פלוצעמדיקן דערשפּירן, אַז עפּעס איז דאָ אַלץ אַזוי היימיש און באַקאַנט פון גאָר לאַנג ווי כ׳וואָלט שוין דאָ אַמאָל געווען. כ׳ווייס דאָך אָבער פאָרט, אַז כ׳בין דאָ אין דער ווירקלעכקייט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן. פאַרוואָס זשע איז מיר אפילו דאָס שמאָלע זאַמד־וועגל נישט פרעמד? ווען בין איך עס דאָ געווען? ווי אַזוי האָב איך עס געקענט זען? מיט וועמעס אויגן איז עס מיר אַנטקעגנגעקומען? עס ווילט זיך ממש אַרויסשפּרינגען פון אויטאָמאָביל און אַרומנעמען די פּראָסטע פיר־עקיקע שטיינער וועלכע איינזאַמען דאָ ביי די זייטן אָט פון רעכטס און אָט פון לינקס. זיי בלאַנקען פאַרביי עפּעס ווי אָפּגעדעקטע פאַרעלנטע אָן אַ צוים אַרום זיך און אָן אַ פּיצל גראָז און בוים. בלויז די אותיות שפּיזן און מאָנען דערמאָנונג. שטייגערן און באַשיידן אין זעלבן אויגנבליק דעם אומרו אין אויפגעוואַכטן זיכּרון „ציון — קברו של ר׳ יהודה בר׳ אילעי״, „השביל למערת בר יוחאי״.

אָט דאָ הייסט עס, האָט דער פריילעכער רבי יהודה געטאַנצט מיט יידישע כלות נאָר וואָס פון אונטער דער חופּה אַפּער. ליגן דאָך דאָ ערגעץ מן הסתם פאַרשאָטן די דערפלעך פון וואַנען די כלות זיינען אין די שלייערן געהילט געגאַנגען צו דער חופּה און טיף איינגעזאַפּט אין זיך דעם ריח פון געברענטן ווייץ וואָס מ׳האָט פאַר זיי געשפּרייט. ווען וועלן די זאַמדן צוריק פאַרטריבן ווערן אין דער מדבר אַריין און מען זאָל ווידער דאָ אַ טאַנץ טאָן? און ווער וועט עס טאָן?

און דאָ נישט ווייט האָט דער שטורעמדיקער מורד קעגן רוים, רבי שמעון בן יוחאי, זיך געשפּייזט מיט טייטלען יאָרן נאָכאַנאַנד אויסבאַהאַלטנדיק זיך פון פרעמדע און אייגענע לויערער. אָט אָ דאָ ערגעץ איז ער אַ האַלב נאַקעטער געזעסן אין אַ הייל און פאַרדעקט דאָס צעקאָרטשעטע לייב מיט זאַמד כדי די אַלטע מלבושים צו פאַרהיטן אויף דער צייט ווען ער וועט קענען קומען צווישן מענטשן און באַווייזן זיי דעם

איינציקן זון וואָס ער האָט באַוויזן צו ראַטעווען. זיין ברויזנדיק געמיט, וואָס האָט כדי אויסצופירן זיין שליחות אין רוים אַמאָל, אָנגענומען די הילף אַפילו פון אַ בן־תמליון, דער האַלב שד, האַלב מענטש, איז דאָ אין דער אָפּגעזונדערטקייט איבערגעטליעט געוואָרן אין אַן אַסקעטישער שטייפקייט וואָס ווי נאָר ער האָט מיט די אויגן אַ בליץ געטאָן אין דעם דרויסן פון זיין מערה אַרויס און געזען, אַז מענטשן אַקערן און זייען נאָך ווי דער סדר עולם איז, האָט עס זיי פאַרברענט מיט קאַלטן שטאָלענעם פייער. נישט אומזיסט איז דאָ אַלץ אַזוי פאַרשרפהט. דאַכט זיך אַז עס וויברירט נאָך דאָ צווישן ווייסע פלאַמענדיקע שטיינער דאָס האַרץ־רייסנדיקע בת־קול פון זיינע געוועזענע חברים און תלמידים: „קער זיך אום אין דיין מערה, בר יוחאי, כדי די וועלט זאָל אַ קיום האָבן!"

איצט איז מיר קלאָר, אַזוי דורכזיכטיק קלאָר, אַז איך הער נאָך איצט זייער ציטערדיק צאַפּלדיק קול ביים פאַרטרייבן דעם רבין אין זיין עלנטער רו אַריין פונקט ווי איך האָב עס אין אַנגסטן געהערט מיט יאָרן צוריק אין מיין ווינקל אין „הוסיאַטינער שטיבל", אין אַ ווייטן עק וועלט אין פּוילן דער מדינה. אים, דעם איינציקן פון דער חברייא וואָס האָט צוגעזען ווי דער תליון שיילט דאָס לייב פון גרויסן רבין רבי עקיבאַ. אים, וואָס האָט דעם רבינס לעצטן „אחד" געשריי געגליעט און געהיטן אַזוי לאַנג אין דער מערה ביז עס בליצט אַרויס פון אים ווי די פייערדיקע קויל פון מזבח, אים פאַרטרייבט מען צוריק אין דער פאַרהוילנקייט פון דער מערה. כ'האָב אים דאַן געזען בליצן מיטן גאַנצן לייב אַרום זיך אין געאייל אויף צוריק אין זיין הייל אַריין, שפּרייטנדיק הינטער זיך די טרויעריקע פלאַמען פון דער גאָרער אַנטוישונג זיינער צוגלייך מיט דער דערהויבנסטער גאַוודיקסטער זיכערקייט אין זיך: „כ'האָב געזען, אַז די אויסדערוויילט דערהויבענע זיינען זייער ווייניק. אויב זיי זיינען הונדערט, בין איך און מיין זון צווישן זיי. אויב זיי זיינען צען, בין איך און מיין זון צווישן זיי, און אויב צוויי נאָר, זיינען עס איך און מיין זון" — טראָגט זיך דער פייגלעכער אומעט זיינער צוזאַמען מיטן פלאַטער פון אַ צוגעלייגטן באַצערטן גמרא ניגון אין טונקעלן הוסיאַטינער שטיבל און ציט אַריבער צייט און שטח מיט אַ צאַפּלענדיקער זיכערקייט און צווייפל אינאיינעם: „די דערהויבענע פון דער מערה וועלן איינגעמען די וועלט?!"

— הדרך למירון! ווינקט אונדז אָן אַן אָפּגעריבן שילדל אויף אַ הויכן סלופּ. דער וועגפירער אונדזערער איילט עס אָבער פאַרביי.

— אַהער דאַרף מען קומען אין דער ל״ג בעומר נאַכט ווען די ספרדישע ברידער אונדזערע צעפלאַקערן דעם באַרג ביים שערן די ערשט געבוירענע.

— און דער פלאַקער פון זיינע אויגן? — כאַפּט זיך ווער פון אונדז אַרויס.

— קוקט בעסער אַרונטער אויף רעכטס. מ׳פּאַראַקערט שוין דאָרט דעם אָפּגערייניקטן באַרג. דער ישוב וועט הייסן „בני עלייה״

## ב

נישט באַמערקנדיק אפילו זיינען מיר שוין ווידער אויפן געדרייטן וועג. ווי איבערגעקערטע נעסטן האַלטן זיך אין אַנטפלעקן נאַכלעסיק צעוואָרפענע הייזקעס א־ן די בערג שפּאַלטן. זיי זיינען, דאַכט זיך אַזוי נאָענט שוין מיטן האַנט צו דערלאַנגען, און אָט שווימען זיי אַוועק און פאַרשווינדן כדי ווידער צו באַווייזן זיך הענגענדיק כמעט אין דער לופטן. עס זעט אויס ווי זיי וואָלטן זיך געשפּילט מיט אונדז אין אַ נישט זיכערער באַהעלטעניש און פאַרשווינדל־שפּיל. נישט אַנדערש, אַז אינמיטן אַן איילעניש אַמאָל אַרויסצורייסן זיך פון דער איינגעשלאָסענער ענגשאַפט, האָט זיי עמעץ דאָ פאַרלוירן צווישן די בערגלעך. דאַכט זיך, אַז זיי בליקן אַרונטער צום זיגזאַג מיט אַ כאַפּעדיקן בליק־שנעל אין צעשראָקענער נייגעריקייט, און טוען זיך גלייך אַ צי צוריק הינטער אַ בלענדנדיקן גלאַנץ פון קוים דורכזיכטיקע נעפּלען וואָס שעמערירן ווי קאָלירטע שלייערן אַרום די ווייס־ברוינע פעלזן און גרויע עפענונגען דאָ און דאָרט. בלויז דער שמאָלער געדרייטער וועג ציט זיך מיט אַ מאָדנער זיכערקייט, אַז מיט יעדן קלעטער אַרויף פונעם אויטאָמאָביל וועט ער אַנטפּלעקן עפּעס אַזעלכעס וואָס וועט פאַרבליפן יעדער אויג. ס׳איז אַ שווינדל־וועלט אַרום און אַרום, אין וועלכער דו ווערסט אַזוי אַריינגעצויגן, אַז דו דערשפּירסט און דערזעסט אַלץ וואָס אַנטפּלעקט זיך אין איין אויגנבליק און פון אַלע זייטן ממש מיט אַמאָל. נישטאָ קיין מחיצה צווישן פאָרנט און הינטן, פון רעכטס און לינקס.

אָט שפּיגלט דיר אַנטקעגן דאָס בלויע אויג פון כינרת אין אַ שטראָמיקן שפּילעוודיקן געלויף, הענגענדיק דאַכט זיך אין דער לופטן צווישן הימל און ערד. דער שלווהדיקער פּליעשטש פון דעם זאַמדיקן ברעג וויברירט מיט רו

און געמיטלעכקייט וואָס ציט דיך אַרויף, און אָט טוט ער גאָר גלאַנץ־אויף ערגעץ פון אונטן אַ געפּענטעטער צווישן פייכט ליימיקע ברעגעס פון איין זייט און ברוין גרויע פעלזן פון דער צווייטער. די געמיטלעכע רואיקייט איז אין גאַנצן פאַרשאָטנט אין אַ געדיכט צעקנייטשטער מוטנעקייט וועלכע ראַנגלט זיך מיט פאַרשלאָסנקייט און ענגשאַפט. די בערג־קייטן פון יענער זייט ברעג שטומען ווי שרעק־עדות שפּרייטנדיק דורכזיכטיקע שאָטנס, וואָס האַלטן זיך אין איין אָפּדעקן און צודעקן אין אַ שפּיגלדיקן מיניען זיך פון גרין און גרוי גראַניטענע קאָלירן ביז אין סאַמע מיטן פון דעם בלויען קיילעך און ווערן פּלוצעם איבערגעשניטן פון אַ גלאַנציקן שטראָם, וועלכער בלינצלט קעגן דער זון מיט אַ טענצלענדיקן ציטער ווי ער וואָלט געאיילט ערגעץ וואו באַהאַלטן זיך.

— דער ירדן שטראָם! בארה של מרים (מרימס ברונעם) — טראָגט זיך אַ שעפּטש ממש מיט איין שלונג פון עטלעכע געמיטער מיטאַמאָל.

— עלי באר, ענו לה! — גייט אויף דער בענקענדיק ציענדיקער ניגון פון זיך אַליין און צאַפּלט מיטן פייערלעכן קלאַנג פון טראָפּ מיט ווער ווייס וויפל יאָרן צוריק אין אַ ליכטיקן שבת פרימאָרגן, אין מיטן דער זומערדיקער היץ ערגעץ אין אַ שטעטלדיקן העק אין מדינת פוילן: „באר חפרוה שרים, כרוה נדיבי עם!"

אונדזער וועגפירער איז פול מיט אויגן איצט און שפּרייט ממש אין אַלע זייטן נעמען פון מענטשן און ישובים אַמאָליקע און איצטיקע, מער אין אַ שעפּטשענדיקן שפּרוך ווי אין ממשותדיקן אויסרוף. די מענטשן און די ישובים אַנטפּלעקן זיך און קומען אויף ווי אָנגעהויפנט איינס אויפן אַנדערן און צוגעוואַקסן איינס צום אַנדערן מיט פאַרבאָרגענע וויברירנדיקע קלאַנגען, וואָס שוועבן אַרום אין דער פאַרהוילעניש פון צייט פאַרשטיינערט און באַוועגלאָז. דער צעפּיבערטער דמיון און אויפגעוואַכטער זכרון ציט זיך נאָך די פייערלעכע קלאַנגען און דעקט אָפּ די שלייערן. אָפּן שטייט די פאַרהוילענע צייט.

— פון אויבן טבריה. פונקט אַנטקעגן צו מזרח זייט די דעמאָלטיקע סוסיתא, היינט עין גב. און זעט נאָר, אָט איז דאָס פישער דאָרף כפר נחום.

זעט אויס ווי לײדיק איצט, אָבער וואָס דאָ האָט זיך עס נישט אַלץ אָפּגעטאָן, מאַמע מײנע — מאָלט אײן דער גיך אונדזער װעגװײזער און האַקט פּלוצעם אָפּ. טוט אײן געאײל אַ שלונג אַראָפּ אַ שעפּטש, װי ער װאָלט עפּעס עמעצן מרמז געװוען אַ סוד.

— ציפּורי, אַ נעסט אײן די בערג פּאַרבאָרגן!

מ׳קען ממש אָנטאַפּן די שטילקײט אַרום אונדז און דאָך שפּירסטו עפּעס אַז אַלץ װאָס שװינדלט פּאַרבײ רעדט, באַפרײט זיך פון דער פּאַרהוילנקײט און טוט זיך אָן אײן פלײש און בלוט.

— שלום עליך, צפת! — װיקלט זיך פּלוצעם אויף אַ שלײער, און אונדזער אויפקלערער שטײט שוין מיטן פּנים צו אונדז און שטרעקט דעם װײזפינגער צו אַ חורבה אײן טאָל.

— מיר זײנען דאָך שוין אָט אָט אײן צפת, יידן! דאָרט אונטן איז רבי יוסף קאַרוס שטיבל. נאָך אײן דער ערד ציטערניש חרוב געװאָרן. צוקומען אַהין קען מען איצט נישט. כאַפּט זשע אַ בליק פון דאַנען. מיר פאָרן שוין אַרײן צום כמעט אַמאָליקן און הײנטיקן צפת!

דער פײערלעכער טאָן פונעם אויסרופער, האָט אויף אַ בליץ־שנעלער רגע אויפגעציטערט אַלע חושים און זײ אָנגעשפּיצט צום אויסגעשטרעקטן װײזפינגער זײנעם איבער װעלכן עס האָבן קאַלײדאָסקאָפּיש גענומען פּאַרבײציִען אַלט באַקאַנטע געבײען, הויערנדיק אײנע איבער די אַנדערע, האַלב אָנגעבויגן און אָנגעלענט אויפן באַרג־אַרויף, װאָס בויגט זיך דאַכט זיך אונטער דער משא, קוים װאָס ער האַלט זײ אײן. ס׳איז עפּעס אַזוי נאָענט באַקאַנט און דאָך װײסטו, אַז זעסט עס צום ערשטן מאָל מיט די אײגענע אויגן. עס הענגט אײן דער לופטן ממש און איז פאָרט פעסט אַרײנגעשטעקט אײן די בערגלעך. הערסט דאַכט זיך, װי פון דאָרט צאַפּלט צוריק צו דיר אַ געשעפּטש: „שלום עליך, שלום!“ דער װעגװײזער איז אויך עפּעס אַזוי מאָדנע נאָענט און װײט. ס׳איז אויסטערליש װי זײנע בלויע אויגן שפּילען אַרויס פון צװישן אַ בלאָנדער באַװאַקסנקײט איבערן גאַנצן פּנים, װאָס האָסט פריער גאָרנישט באַמערקט. מאָדנע װי דאָס קול זײנס איז גאָר פּאַרטאַיעט,

פאַרטראַכט ווי דעם טאַטנס ז״ל אַמאָל אין די פאַרבענקטע פלאַמיק פורפורנע און גליאיק קופערנע בין השמשותן פון די „ניין מילכיקע טעג״, ווען ער האָט די מעשיות וועגן די הייליקע חרובע שטעט געזען בחוש און אויסגעשפּרייט פאַר אונדז אַזוי, אַז מיר האָבן ממש געשפּירט דעם געדעמפּטן ריח פון קטורת וואָס גייט אויף פון זיי. „ווער ס׳איז אַ בעל־זוכה שפּירט מיט אַלע חושים דעם לויטערן בשמים ריח פונעם חקל־תפוחין וואָס דער אר״י הקדוש און זיין חברייא האָבן זוכה געווען צו קוויקן זיך מיט אים, און גרויסע צדיקים חיותן זיך מיט אים בכל תפוצות ישראל עד ביאת הגואל״. — האָט ער אונדז געטרייסט מיטן חזון פון חסידות. איי, ווען ער וואָלט עס טאַקע בהקיץ זוכה געווען צו זען ווי די עיר הקודש אַנטפּלעקט זיך פאַר מיינע אויגן פונקט אַזוי שווינדלדיק פאַרהוילן פון בערגל צו בערגל ווי ער האָט עס אונדז געוויזן. עס האַלט זיך אין איין איבערשטעלן און איבערשווימען פון אויסבייג צו אויסבייג; פאַרשטעקט אין אַ שפּאַלט און פאַרט אָפן אָטעמענדיק מיט פולע לונגען די פרישע קילע קוויקנדיקע לופט. קענסט נישט אָפּרייסן דעם בליק. ביסט איין שטיק מיטן שווינדל־געדריי אין ווען עס טראָגן זיך שפּליטערן פון ניגונים און לופטיקע געשטאַלטן, וואָס שווימען אַרום אין אַ בלענדנדיקער ווייסקייט. מחיצות פון צייט און אָרט זיינען פאַרווישט, מישן זיך און שוועבן פאַרביי מיט אַזאַ פלינקן געשווינדל אַז אין איין און דער זעלבער רגע זיינען אַלע חושים אָפן צו אַלע זייטן און אַלע ריחות: דער קדוש רבי שלומה מולכו מיטן סמאַליענדיקן ריח פון אַ קרבן עולה, צוזאַמען מיטן פייערלעך פאַרבענקטן רוף פונעם עקזאַלטירטן זינגער רבי שלמה אַלקבץ: „התעוררי, קומי כי בא אורך״; דעם טאַטנס שטילער שעפּטש: „פאַראַן אַזעלכע, גאַנץ פּשוטע יידן, נאָר מיט אויסגעאיידלטע חושים, וואָס זיינען זוכה צו פילן דעם ריח פון קטורת ביים אויסציילן די סממנים ביי אַ וואָכעדיקער מנחה״. אויך דער באַצערטער און אַ ביסל שטייפלעכער רבי יוסף קאַרו מיטן אויסגעסדרטן שולחן ערוך שטאָלפּערט פאַרביי פאַרהילט אינעם רואה ואינו נראה געשטאַלט, דער מגיד זיינער, וואָס האָט אים אין די נעכט געוויזן דעם סדר פון די וועלטן וואָס דאַרפן ערשט געבוירן ווערן. און אָט פלאַטערט אַ „שמע״ (שיימע) פון די תקנות פון ועד ארבע ארצות פון תש״ג בק״ק טישעוויץ אין דער מדינה, פה־לין (פוילן)״ מ׳זאָל זיין זהיר וזהיר נישט צו נעמען חלילה פאַר אייגענע אָרעמע לייט פון די געזאַמלטע כספים (געלט) פאַר אחינו בני ישראל אין דער קהילה קדושה ועיר הקודש צפת תובב״א הנתונים בכל צרה מחמת די רדיפות און נגישות און ערד־ציטערניש, הש״י ירחם עליהם ועלינו, אָמן״.

— חורבות, רבותי, פון ערד־ציטערנישן און פון דער באַפרייאונג־מלחמה מישט זיך אַריין אונדזער וועגפירער — סכנות נפשות צוצוקומען אַהין. קוקט בעסער רעכטס אַרויפצוצו צום הר־כנען. דאָס איז שוין היינטיקס. די בעסטע האָטעלן מיט דער ריינסטער לופט — פּרוּאווט ער זיך וויצלען אַ ביסל און קען עפּעס נישט — איר זעט יענעם הויפּן דאָרט. אונדזערע קוזינען האָט מען דאָרט גוט צערעכט געמאַכט . . . מ׳קען נאָך זען די שיריים פון די כלים — הערסטו און באַנעמסט שוין אַפילו פשוטע מענטשלעכע קולות פון אַ מאַרק־פּלאַץ דאָ נישט ווייט שוין, און דאָך שטייט אַלץ פאַר די אויגן אַ מין דורכזיכטיקער בלענד וואָס האַלט זיך אין איין עפענען און אויגנבליקלעך צוריק פאַרהוילן פאַרבאַרגענע היילן, הויקערדיקע בערגלעך און שמאָלע באַרג־אַראָפּן צו די טאָלן. ביסט נאָך אַלץ אין דער געצוימטער שטילקייט, וואָס מ׳קען ממש אָנטאַפּן. שפּירסט נאָך אַלץ ווי די שטומע פאַרשטיינערטקייט דאָ צאַפּלט, שעפּטשעט און דערציילט. בליקט אויף דיר פון הינטער די פאַרהוילענע שלייערן מיט היימישע אויגן פון אַ ווייט ווייטן אַמאָל און ווערט וואָרע וואָר. פּונקט אַזאַ אָפּן מויל פון אַ הייל, האָט דיר געפלאַטערט פאַר די אויגן אין די יינגלשע חלום־יאָרן אין הוסיאַטענער שטיבל, ווען דער בלינדער פּנחס האָט זיך פּלוצעם אַרויסגעראַטשקעט פון זיין הינטערן־אויוון און מיט די אַנטצונדענע ווייסלען געגלאַנצט אויף אונדז ווי ער וואָלט אונדז באמת געזען — „עץ ווייסט, מ׳וועט זיך נישט קענען העלפן — האָט ער ווי שטיקנדיק זיך מיטן שלונג מיט געוואַלד אַרויסגעפּליוכעט פון זיך דעם סוד — מ׳וועט מוזן גיין מיט אַ הינטערוועגל. מ׳וועט זיך מוזן אַריינגבעגען אַהין דורך אַ הינטער־טיר, דורך די פאַרבאָרגענע היילן דאָ און אין אַלע תשע־קהילות. אַז בריש־גליה לאָזט מען נישט. אַלע מאָל אַן אַנדער מכשול און אַ פאַרבלענדעניש וואָס פירט אינגאַנצן אַראָפּ פון דרך. דער אר״י ז״ל האָט דאָך אַוודאי געפּרוּווט. מיט כל־אמצי כוחות האָט ער געזוכט בכל תפוצות ישראל דעם משיח בן יוסף פון זיין דור, און מיט זיין ליכטיקער ראיה אים דערבליקט ביי אונדז אויפן בערגל פון זשאַמעלעס הויף. דערזען אים זיצן אויפן שוסטער־בענקעלע און לייגן אַ לאַטע אויף אַ לאַטע . . . האָט אָבער אַפילו דאָס בלויזע דערוויסן זיך, אים פאַרשאַדט און ר׳איז, נעבעך נפטר געוואָרן פאַר דער צייט . . . די מצבה שטייט דאָך נאָך ביז היינט אויפן אַלטן בית־עולם. פון גרויס צער איז דעם אר״י ז״לס ליכטיקער קוק פאַרוועגדט געוואָרן און ער האָט נישט מרגיש געווען דאָס מויל פון דער הייל לעבן דער אַלטער בריק. מיט דער הייל האָבן מיר אַ מסורה קען מען אין אַ שעת־רצון

אָנקומען אַהין פונקט ערב שבת, און ווי נאָר איינער וועט זוכה זיין צו האַלטן שבת אויף יענער זייט, וועט שוין די גאולה קומען אויף דער פולער וואָך. עץ זאָלט וויסן זיין — צאַפּלט זיין פאַרשלונגענער שעפּטש נאָך איצט ציטעריק באַנג אַז עס פאַרקלעמט ביים האַרץ מיט אַנגסטיקער דערוואַרטונג — אַז אין יעדער שטאָט און וואַלד פון קליין־פּוילן זיינען דאָ אַזעלכע הינטערוועגלעך אין די פאַרהוילענע היילן. ווען נישט די כלבים און גזלנים וואָס האַלטן זיך דאָרט אויף, וואָלט מען זיך שוין אפשר לאַנג דערשלאָגן צו זיי. אויך דער בעש״ט הקדוש האָט געוואוסט דעם סוד. האָט ער אַפילו געפּרוואווט חברן זיך מיט די גזלנים און די בייזע כלבים און ס׳איז גאָרנישט נישט אַרויסגעקומען דערפון. צו אָפן געווען. האָט ער געפּרוואווט מיט קפיצת הדרך מיטן ים און מיט דער יבשה, זיינען אַלע כוונות ערגעץ געבליבן פאַרשטעקט, און דער ים הקָרוש האָט אַלע זיינע שיפן פאַרשלעפּט אונטער די הרי חושך ממש. האָט ער זיך מיישב געווען און זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פּראָסטן באַלעגאָלע, אָבער טאַקע גאָר אַ פּראָסטאַק און מיט דער פערד און בידקע אַרומגעוואָגלט אין די היגע קאַנטן און געזוכט. מיט זיינע לויטערע אויגן האָט ער געווישטערט אַרום און אַרום און קוים געקענט דורכשפּיזלען די געדיכטע נעפּלען פון די טאָרף פעלדער. האָט ער גענומען צוהילף דעם חוש הריח. יודעי דבר ווייסן אפילו, אַז ער איז געקומען אַזוי נאָענט אַז ער האָט שוין אָנגעהויבן מרגיש צו זיין דעם ריח פון קטורת, וואָס איז אַנטרונען געוואָרן בשעתן חורבן און זיך פאַרבאָרגן אונטער די טריט פון די גולי־יהודה. אַלע צדיקי־עולם האָבן דאָך אַלץ געהאַלטן אין איין מכוון זיין כוונות בשעתן זאָגן קטורת שחרית און מנחה. און ווי נאָר ער איז געקומען אין די קאַנטן, האָט ער בחוש דערפילט, אַז די סַממָנים הייבן אָן אַרויסגעבן אַן אויסטערלישן ריח. האָט ער באַלד טאַקע אויפגעעפנט אַלע זיינע חושים, כדי חלילה קיין טעות נישט האָבן אינעם אָרט און ריח. האָט מען דאָך עס אָבער אין הימל נאָך נישט גורס געווען, נאָך נישט פאַרטיק געווען מיט אַלע קיטרוגים, השם ישמרינו, איז געוואָרן אַ רעש. צונעמען ביי אים אויך דעם חוש הריח, האָט מען מורא געהאַט. ווער ווייס מיט וואָס דאָס קען זיך ענדיקן, און אפשר האָט מען עס טאַקע נישט געקענט. מ׳האָט באַשיימפּערלעך געוואוסט אַז אַלע זיינע רביס בנגלה ובנסתר, רבי יוסף קארו פון זיין יחידות־שטיבל אין צפת און די הייליקע חברייא פונעם אר״י ז״ל אינאיינעם מיטן אור־החיים הקדוש, האָבן דאָך מכוון געווען מיט אים אויף דעם און יענעם עולם און אים מחזק געווען. איז געבליבן אַז מ׳זאָל יידן מזכה זיין מיט אַ לעכצעניש טועם צו זיין פונעם

אמתן טעם פון „והיו עיניך רואות את מוריך״, האָבן זיך ביים פשוטן עולם געעפנט די אויגן און זייער חוש הריח איז אויסגעאיידלט געוואָרן, האָבן זיי גאָר אים דערשמעקט און גענומען נאָכגיין. דער ריח פון ערב שבת האָט זיך געשפּרייט אַרום אים. דער ריח פון זאַפּערן און פריש געבאַקענע חלות האָט געגרייכט אַלעמענס נאָזלעכער, און אַזוי האָט מען אים, דעם בעש״ט הקדוש, מער נישט געלאָזט זוכן אין פאַרבאָרגעניש ... יעך זאָג ענק אָבער, אַז סע וועט זיי גאָרנישט נישט העלפן דאָרט, — האָט דער בלינדער געבליצט מיט די אָנגעצונדענע ווייסלען — מ׳עט עס מיזן געפינען. אין אַ ציבור מיט אַזעלכענע חושים, מיז זעך דאָך געפינען מער ווי איינער וואָס וועט זוכה זיין און אָנקומען צי דער ריכטיקער מינוט — האָט דער גאַנצער קאָלטון רויטלעכע באָרד זיינער געצאַפּלט מיט ציטערדיקן אַנגסט פון ענדלעכן נצחון, — עץ פאַרשטייט, צי נייןִ! אין אַלע ווינקעלעך דאַרף מען זיכן, אין אַלע ווינקעלעך, און טאַקע אַלע „עץ אויכעט״ ... — האָט דער בלינצל פון די צעצונדענע אויגן־לעכער געשפּרייט אַן אומהיימלעכן גלי אַרום אים און דעם סענקעוואַטן שטעקן מיט וועלכן ער האָט גענומען טאַפּן אַרום זיך, שטאָלפּערנדיק הינטערווייַלעכטס צום טונקל פון הינטערן־אויוון. „איז אפשר דאָרט פאַרהוילן איינע פון די פאַרבאָרגענע מערות וואָס היטן דעם וועג אַהין?״

— אָט, ביי דער הייל — קלאָרט זיך ווידער אויס דאָס אַ ביסל הייזעריקלעכע קול פונעם וועגפירער — איז אין תש״ח דעצידירט געוואָרן דער גורל פון צפת און דעם טייל גליל — שטעלט ער פלוצעם אָפּ דעם אויטאָ — זי הייבט זיך אָן ערגעץ אויף יענער זייט, וואָס נאָר געניטע אין דעם ווייסן דערפון. ווען אונדזערע בחורים האָבן זיך פלוצעם אַ לאָז געטאָן פון דאָרט אינמיטן דער נאַכט מיטן אמתן פייער און געשריי: עיר הקודש! איז ממש דער פחד אַליין אַרויפגעפאַלן אויף דער מחנה אַראַבער. פרעגט שוין גאָרנישט וואָס דאָ האָט זיך דאַן אָפּגעטאָן. דאָס איז געווען שוין איינמאָל אַ ליל זוועה. כ׳וועל עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן — גליט ער אונדז דורך מיט אַ מאָדנע אומהיימלעכן בליק ווי ער וואָלט אונדז געוואָלט ווייזן באַשיימפּערלעך אַז ער איז דערביי אַליין געווען און ער דערציילט עס נישט נאָך פון אַ צוגעגרייטן טעקסט, — ווי אין פסוק שטייט: גאָטס שרעק איז אויף זיי געפאַלן. ווען איר וועט זיין אין שטאָט וועט איר זען אויף גאָר אַ סך ווענט הענגען מצבהלעך לזכר די בחורים אונדזערע וועלכע האָבן אויפסנייַ מקדש געווען די הייליקע

שטאָט. אַן עיר הקודש אָן קרבנות איז דאָך נישט בנמצא. ביי יעדן הויז האָט מען זיך דאָ געשלאָגן און מקריב געווען קרבנות. איצט, איילט מען דאָ בלויז פאַרביי — האָט ער שוין געמורמלט ווי צו זיך אַליין און אָפּגעהאַקט אינמיטן. בלויז מיטן זעלבן אומהיימלעכן בליק אונדז געפירט צום לענגלעכן שוואַרצן טאָוועלע איבערן מויל פון דער הייל אויף וועלכן עס בלאַנקען אינעם בלענד פון אַ ווייסער זון די נעמען פון די געפאַלענע. „פון גלות תימן און פוילן האָבן זיי געאיילט אַהער דורך אָפענע און פאַרבאָרגענע וועגן. אליצור און יחייא, וועלוול און לייזערקע — פאַרנעמען מיר ווידער זיין מורמל ווי ער וואָלט געקומען פון דער סאַמע פאַרהוילעניש, פונעם טונקל פון הייל אַרויס, — און ווי יונג זיי זיינען נאָך געווען. בן תשע עשרה, בן עשרים; פון זרנוקה, לאשטשיוו, צנעא. על קידוש העם והארץ. יתגדל ויתברך ויתקדש — צאַפּלט אַנגסטיק זיין באַצערט קול, און עס קומט דיר גאָרנישט אויס אויסטערליש וואָס מיטן געצאַפּל, שווינדלען פאַר די אויגן אין אַ לופטיקן בלינצלען מאָדנע פאַרהוילענע געשטאַלטן. דו ווייסט, אַז האָסט זיי קיינמאָל נישט געזען, אָבער דו קענסט זיי, פילסט זיי ווי דאָס אייגענע לייב. ווי לאַנג איז עס דען, ווען ביסט מיט זיי געשטאַנען ביי יענער פאַרבאָרגענער הייל אין יענעם ווייטן שטעטל אין „קליין־פוילן", און מיטן בלינדן פּנחסעס רויטע אויגן געבויערט דעם טונקל, וואָס פאַרהוילט דאָס „הינטער־וועגל" אַהין. שפּירסט זיי איצט מיט עפּעס אַן איבער־רעאַלן חוש, וואָס עפנט און פאַרמאַכט אין זעלבן אויגנבליק אַלע דיינע רעאַלע חושים און פילט אָן דעם גאַנצן אַרום און דאָס אָפענע מויל פון דער הייל אַנטקעגן דיר מיטן פליסטערדיקן געמורמל פון אַלע פאַרטריקנטע ליפּן: „יתגדל, ויתקדש, ויתברך . . ."

# ס׳איז כדאַי אַרומצובלאָנדזשען אין צפת

## אין ליכטיקן זיכרון פון חיה פיין ע״ה

### א

די זון איז שוין געווען גאַנץ הויך, ווען אונדזער אויטאָמאָביל האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט אין אַ שאָטנדיק סקווערל אויף אַ בערגל צו וועלכן עס פירט נאָר איין משופּעדיק שמאָל וועגל, וואָס ווי נאָר עס דערקריכט אַרויפצוצו, דערשפּירסטו בחוש אַז ווייטער קען מען שוין נישט פאָרן. ממש ווי דערפירט צו עק וועלט. מאָדנע, ווי אַלץ אין דעם סקווערל וואָלט צוריקגעקוקט קאַסאָקע אַהין פון וואַנען מ׳איז נאָר וואָס געקומען. מיר האָבן אָבער נישט קיין צייט זיך אַרומצוקוקן צופיל. איידער נאָך מיר האָבן באַוויזן רעכט אַרויסצוגיין פון אויטא, זיינען מיר שוין געווען אַרומגערינגלט פון באַלד אַ האַלבן טוץ יונגעלייטלעך און פאַרשיידענע טראַכטן מיט אַ געמיש פון עטלעכע לשונות אויף אַמאָל אין אַלערליי אויסשפּראַכן. ס׳איז אויסגעקומען ווי זיי וואָלטן זיך קוים דערוואַרט אויף אונדז און מוזן מיט אַמאָל אויסלאָדן זיך, איידער ווער עס איז וועט אונדז אויסכאַפּן. — באַ׳ן אינץ אי׳ גלאַט כשר, — האָט זיך געשאָקלט אַ קורץ דראָטן בערדל מיט אַ ציקלדיק קולכל, — למהדרין מן המהדרין, אָט אָ טאַקע דאָ באַלד. אַ בית־הכנסת באַ דע טיר.

— אויב איר האָט עפּעס צו בייטן, קריגט איר ביי מיר דעם בעסטן פּרייז. אָן אָ איז מיין געשעפט, — ציילט אַ ווייך שוואַרץ בערדעלע יעדעס וואָרט אין עברית.

— איר זענט דאָך אַוודאי געקומען אָפּרוען זיך דאָ, איז נאָר אין אינדזער האָטעל. וואַסער אין יעדן צימער און אַ שפּריץ אויף יעדן קאָרידאָר. שטיל ווי אין אַן אויער, — שמייכלט אַ פאַרברוינט גלאַט פּנים און האַלט שוין עטלעכע פון אונדזערע רענצלעך אין די הענט.

— מ׳קען אויך גוט פאַרברענגען אַז מ׳וויל. אונדזערע געסט קריגן אַ ספּעציעלן פּרייז אינעם נאַכט־קלוב.

— איך קען אייך פירן איבער גאַנץ צפת בייטאָג און בייַנאַכט און אין גלייכן געלט — רימט זיך אַ געפּאַקט בחורל אין אַ משונה קאָלירטן געקעסטלטן סוועטער פאַרוואָרפן איבער די אַקסל, — אַלע קענען מיך דאָ אַז איך קען צפת ווי מייַנע פינף פינגער. אין שביל נסתר ממני — מישט ער ענגליש מיט עברית אונטערטענצלענדיק מיט די קורצע פיסלעך פאַרשטייפט אין ברוינע וויקלשנירן, — כ׳דאַרף בלויז וויסן וואו איר וועט איינשטיין, וועל איך שוין קומען נאָך אייך.

— פונעם שענסטן און בעסטן — שפּרינגען עמעצנס רייד אַריין אינעם קרענצל, אָן אַ שום זינען שוין.

— טשעפּעט זיך אָפּ פון זיי! — קומט אונדזער וועגפירער סוף כל סוף אונדז צוהילף, — איך האָב שוין אַלץ באַשטעלט פאַר זיי נאָך פון תל־אביב. לאָזט זיי צורו. איר ווייסט דאָך, אַז איך באַזאָרג אַליין מייַנע פּאַסאַזשירן. מאָרגן אין דער צייַט, טרעפן מיר זיך אַלע אָט דאָ אָ. — רעדט ער שוין צו אונדז און פירט אונדז אַרונטער ביז צום אָנהייב פון דעם וועגל. — דאָ אונטן, זעט איר, פירן אַלע שטעגלעך צו ערגעצוואו אין צפת. איר קענט נישט פאַרבלאָנדזשען, אויב איר האָט עס נאָר אינזינען. אַלע וועגלעך פירן צוריק אַהער, אין וועלכער זייַט אַריין איר זאָלט זיך נישט לאָזן. היט זיך אָבער נישט צו פאַרגיין צו ווייט אין איין ווינקל, ווייל כמעט יעדן ליקל דאָ פאַרבאָרגט אויך אַזעלכע סטעזשקעלעך, וואָס פירן בלויז צו אַ בלינדער וואַנט. אין אַזאַ פאַל איז דאָ נאָר איין סגולה. גייט אַ שטיקל וועגס אויף צוריק, וועט איר שוין אָנקומען פונקט אַהער.

נאָכן אָפּרוען זיך אַביסל און אָפּכאַפּן אַ שנעלן צובייס אין דער אכסניא, איילן גלייך אייניקע פון אונדז צוריק צום וועגל פון וואַנען אונדזער וועגפירער האָט אונדז געעצהט אָנצוהייבן דעם שפּאַציר איבער צפת.

— אויב איר ווילט נאָר זען וואָס איר ווייסט שוין, אַז איר דאַרפט זען, קענט איר זיך קריגן אַ וועגווייזער, וועט איר איינס און צוויי אַלץ אַרייַנכאַפּן, — האָט ער אונדז שמייכלענדיק אַרויסבאַגלייט בערגל אַראָפּ, — אויב אָבער איר ווילט נישט אַרייַנכאַפּן אַלץ אויף אַמאָל, גייט זיך אַליין און פּאַמעלעך וואו דאָס אויג וועט אַ ציי טאָן. אין צפת דאַרף מען אַרומבלאָנדזשען אַפילו אין מיטן טאָג. ס׳איז כדאַי.

פון זיינע אָנווייזונגען אויפן גאַנצן וועג האָבן מיר שוין געוואוסט, אַז עס לוינט זיך צו פאָלגן אים. טריטלען מיר זיך אַזוי טריט ביי טריט אין אַ טונקל ליקל וואו שאָטן און העל טאָג־ליכט איז אַזוי צונויפגעמישט און איינס מיט די צונויפגעדריקטע האַלב געבויגענע הייזקעס, אַז מיר ווייסן באמת נישט צי דאָס ליקל פירט באַרג אַרויף צי אַראָפּ, לינקס אָדער רעכט; כמעט פאַרגראַטעוועטע פענצטערלעך און אָפּגעכויוולטע בלינדע טירן, שטומען גרוי, האַלב אָפּן, האַלב צוגעשפּאַרט איבער צעקרימטע, צעפּאָרענע שוועלן. קענסט נישט וויסן צי עמעץ וואוינט דאָ צי נישט. אין די שמאָלע עפענונגען צווישן איין אויסבויג און אַנדערן אינעם ליקל, ליגן אָנגעהויפנט בערגלעך שטיינער, ליים און צעפּוילט געהילץ. ס'איז אַוודאי אַ סכנה צוצוגיין נעענטער מאַניעט אָבער די אָפענע חורבה דאָרט ביים סאַמע עק. איבער די הויפנס דאָרט, בייכיקט זיך אַ צעשפּאָלטענער טייטלבוים. פון איין זייט פאַרקוילטע צווייגן, פאַראומערט מיט לײדיקער פאַרשטיינערטקייט, און פון דער צווייטער זייט ליכטיק גרין מיט צווייגן פול מיט נאָכהענגענדיקע זאַפטיקע טאָרבעלעך וועלכע גלאַנצן ווי בורשטין אינעם פאַס זון, וואָס האָט זיך אַריינגעשטייפט אַהער און העלט מיט אַ מאָדנער גאָלדיקייט פון ווייס, גרין און געל. ס'איז כמעט נישט מעגלעך בייצושטיין דעם נסיון פון וועלן באַרירן מיט די אייגענע הענט אַ פּאָר פון די אָנגעהויפנטע לענגלעכע פאַרקוילטע שטיינדלעך, וועלכע וואַלגערן זיך אונטערן בוים פון איין זייט און טאַקע אויך פאַרזוכן דעם טעם פון די בורשטינענע טאָרבעלעך וואָס טריפן, דאַכט זיך, מיט שמעקנדיקן זאַפט פון דער צווייטער זייט.

— איר ווייסט אפשר וואו עס וואוינט דאָ כאַשע די גבאיטע? — דערטראָגט זיך צו אונדז פּלוצעם אַ הויך קול ווי עס וואָלט עמעצן געוואָלט איבערשרייען און דאָך צאַפּלט עס מיט אַ מאָדנעם ציטער. די נייגעריקייט נאָכצוגיין נאָך דעם קול, ציט אונדז גלייך אַוועק פון דאַנען צו אַ צווייטן אויסבייג גלייך הינטער אונדז וואו אויף אַ הויכער שוועל זיצט אַן עלטערע פרוי אָנגעלענט אין אַ האַלב אָפענער טיר. בלויז די הענט און דאָס פּנים אירס זעען מיר. דער קאָפּ ביז טיף איבערן שטערן איז אויסגעסטראָצלט אין אַ קאָלירטער פאַרשפּיצטער הויב, וואָס מאַכט זי אויסזען אַ סך העכער און שטייפער ווי די נאַכלעסיקע לויזקייט פון דער טערקישער שאַל אויף אירע אַקסל און גאַנצן קערפּער, וויל אָנווייזן. אויך די ברייטע אויסשפּראַך פון איר זינגעוודיקן פּוילישן יידיש געמישט מיט לשון קודש ווערטער, פּאָרט זיך עפּעס נישט מיט די פּאָרזיכטיקע שטעך מיט אַ דין נאָדעלע מיט וועלכן זי

פֿאַרצירעוועט אַ קינדערישן זאַך, וואָס איז פֿאַרצויגן שטייף איבער אַ גלאָז אין איר לינקער האַנט.

— צי יעך וואַיס ווי די גבאיטע האָט געוואוינט? אַ שאלה אַביסל, פּינקט ווי עץ וואָלט מעך געפרעיגט צי יעך בין אַ צפתער. וואָס דען בינ׳עך? כ׳בין דאָך דאָ געבוירן עד מאה ועשרים — נעמט זי נישט אַראָפּ די אויגן פונעם זאָק און הערט, דאַכט זיך, נישט דאָס צעטומלטע מורמלען פון דעם יונגען פּאָרל וואָס שטייען לעבן איר מאָדנע אומרואיק.

— ווער האָט נישט געקענט די צדיקת? אַ גרויסע זכיה געהאַט. אויפן אַלטן בית־הקברות נאָך — קומט עס אַרויס כמעט מיט קנאה — נישט גענומען גונישט פֿאַר זעך, גונישט ניש. אייניקלעך אַוודאי, האַ? — טוט זי מיטאַמאָל אַ ציטער אויף און גיט אַ ברי אויף זיי מיט אַזאַ אויסטערלישן שאַרפֿן בליק פון אונטן אַרויף און פון אויבן אַראָפּ, אַז דאָס פּאָרל איז ממש צוריקגעטראָטן אין אַנגסט עטלעכע טריט אַהינטער. דער יונגערמאַן האָט אינסטינקטיוו פֿאַרדעקט מיט די הענט דעם בלויזן קאָפּ, און דאָס מיידל האָט אַ צאַפּל געטאָן הינטער אים כדי צו באַהאַלטן די נאַקעטע עלנבויגנס און הוילע פיס, — איר דערקענט דאָך אונדז, שפּרינצעלע?!

— צי יעך דע׳קען ענק? ווי אַ בלאָזן שילינגער, — צעבלעזלען זיך ביי איר די בלויע פֿאַרשנורעוועטע ליפּעלעך, — אין קול נאָך דערקענט, — פּרוּווט זי זיך ראַפּטום אויפשטעלן אויסשטרעקנדיק די טרייסלענדיקע הענט ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס אָפּשטויסן פון זיך און אין דערזעלבער צייט עס אַרומנעמען. זי פֿאַלט אָבער גלייך צוריק פֿאַרציענדיק בלויז שטייפלעך די צעפּלאַטערטע שאַל איבער די שלאַבעריקע פיס, — עץ זענטאך ריווע חייהס קינדער, וויי דע מאַמען. זעיטץ נאָר ווי עץ זעיט אויס, מישטיינס געזאָגט, — צאַפּלט עס אַרויס פון אַלע אירע קנייטשן אויפן פֿאַרמטעטנעם פּנים און פונעם פֿאַרשפּיצטן הויב, וואָס וויל זיך, דאַכט זיך, אַ צי טאָן נאָך מער אַרויף און ממש איינרייסן וועלטן, — און עץ ווילט נאָך אַלץ ויסן וועגן דער באָבען. געקימען אימישנע זיך נאָכפּרעגן?! — שטילט זיך אַביסל דער געבייזער, — אַזאַ צדיקת נעבעך געווען די גבאיטע און אַזוי געשטראָפּט געוואָרן. קאַ פּיצל נחת ניש באַשערט געווען. אַן איין און איינציקס געווען באַן איר, די מאַמע ענקערע, אַן אָפּגעניגלטס. זיך ממש אויסגעבלייזט פֿאַר

אירעטווען. גאַנצע תחינות האָט זי נעבעך אויסגעוויקט, — ווערט איר קול שוין גאָר ווייך, — מסתמא אַזוי אָנגעשריבן געווען. אַזאַ נתנה תוקף, השם ישמרנו. די אויגן זיינען איר, נעבעך, אויסגערינען ווען ריווע חייהלע איז פלוצעם אַוועק מיט „יענע" צו טריקענען די בלאָטעס דאָרט. ווי זשע? מעהאָט זיי טאַקע אויסגעטריקנט, האַ? און ווי איז די מאַמעשי? — ווערט דאָס קול אַלץ היימישער — עץ ווייסט דאָך אַוודאי, אַז זי האָט זי מער אויף די אויגן ניט געלאָזט. איין אויג אין קאָפּ נעבעך. כאַשע קרוין, האָב עך זעך געבעטן באַן איר, — ווערט זי שוין גאָר צוגעלאָזט צום פּאָרל, — מע טאָר דאָך נישט. סע שטאַיט דאָך בפירוש „סלח ומחל". זאָל זי מיר אָבער מוחל זיין און זיין אַ גוטע מליצה פאַר כל ישראל דאָרט, אַן עקשנטע געווען די באָבע ענקערע, — כ׳קען נישט, שפּרינצע, כ׳קען נישט, אַז דעם שפתי־חכמימס אַן אייניקל טרעט אָפּ פון צפת, ווערן אַלע שערי־רחמים פאַרשלאָסן, האָט זי זעך נישט געלאָזט איינרעדן. אַ האַלב בלינדע שוין האָט זי די דירה געטווישט. אָן אַ דאָרט אין ליקל, וואו די חורבה איז מיטן בוים — דערפילן מיר מיטאַמאָל, אַז דער בליק אירער שפּיזלט אונדז מיט פאַראיבל, וואָס מיר הערן זיך אונטער צו עפּעס וואָס איז נישט פאַר אונדזערע אויערן געמיינט — ניט זי מיין עך גאָר, — האַקט זי אָפּ מיט אַ שלינג אַראָפּ די לעצטע פּאָר ווערטער — אַפילו אין דער לעצטער רגע, האָט זי נישט געוואָלט עפענען די אויגן און אַ קיק טאָן אויף די אייניקלעך — נעמען מיר זיך דערווייטערן פון דאָרט און האַלטן נאָך אַלץ די אויערן אָנגעשפּיצט אויף צוריק.

— זאָל עך אַזוי דע׳לעבן צי הערן דעם שופר של משיח במהרה בימינו ווי עך נעם ניש. פאַר מאַאַנעטסוועגן דאַרף יעך גוניש. מאַאַנע אייניקלעך, ברוך השם, האַלטן מעך אויס בכבוד גדול, — שפּרינגט אונדז נאָך איר קול ניצחונדיק און אויך עפּעס ווי אויפּפּאָדערנדיק — אַז עץ ווילט שוין יאָ, גאַיטס אַראַן דאָרט אָ אינטן באַ דע האַלב אָפענער טיר. צוואַי אַלמנות נעבעך, קוים וואָס זיי זשיפּיען, דער אייבערשטער זאָל שומר ומציל זיין. אַ מצווה גדולה. אַפילו ספרדיטשקעס, נאָר אַלע יאָרן געלעבט צווישן אינדז — פילן מיר, אַז זי מיינט עס אויך אונדז. עפענען מיר שוין פּאַמעלעך די האַלב צוגעשפּאַרטע טיר איבער אַ הויכער שטיינערנער שוועל.

— בייגט איין דעם קאָפּ, וועט איר נישט נכשל ווערן, — בעט אונדז אַריין אַ שוואַכלעכע שטימע אין אַ צעגליאַמדזשעטן עברית — ברוכים

הבאים, יהודים! — קומט עס מיטאַמאָל פון צווײ זײַטן פון אינעווייניק ערגעץ אין צימערל, וואָס זעט אויס אויפן ערשטן אויסקוק ווי אַן אויסהויל אין אַ מערה עפּעס. אַ קרומער זייל זון־ליכט טוט אַ בלינצל פאַר די אויגן פון ערגעצוואו אין דער טיף פאַר אונדז און דעקט אָפּ אַ פּאָר פלאַכע טרעפּלעך, וועלכע ציען זיך אין דער ברייט פון דעם פּאָדערהייזל וואו מיר שטייען און ווייסן נישט וואו צו גיין. דער טונקל פאַרשטעלט וואָס ס'איז ווייטער דאָרט. ביסלעכווייז ווערט אָבער דער טונקל בלאַסער און בלאַסער. די פאַרהוילעניש דעקט זיך אָפּ פון אַ מאַט טאָג־ליכט וואָס טרעפלט זיך אַראָפּ פון דער עפענונג אין דעם געוועלבטן סופיט איבער אונדזערע קעפּ. איצט זעען מיר שוין, אַז עס זעט אויס דאָ אַ סך ליכטיקער ווי ס'איז אין דער אמתן צוליב דעם חושך פון אַן אַנדערער עפענונג וואָס פאַרשטעלט די טרעפּ אין דער רעכטער זײַט.

— אַ מערה אין אַ מערה, — דערפילן מיר זיך עפּעס אומהיימלעך.

— שטייט נישט אונטער דער מרזבת (אָפּקאָפּ) און גייט גלייך. רעכטס איז אַ חורבה און לינקס איז אַ סכנה, אַ פוילע טיר — רופט מען אונדז פון דער טיף דאָרט. אינסטינקטיוו טרעטן מיר אַרויף אויפן ברייטן טרעפּל אַ ביסל צו לינקס צו און שלאָגן זיך אָן אין אַ געשטעל וואָס איז אי אַ מין האַנטפאַס מיט אַ רערל צו דער עפענונג אין דער הויך, און אי אַ מין קיכל מיט אַ פאַרשוואַרצטער קאָך־מאַשינקע.

— גלייך גייט, — ווערט אַלץ ליכטיקער פאַר די אויגן און מיר זעען שוין, אַז דאָס פּאָדערהייזל איז אַן אַרויפגאַנג בלויז צום צימערל. נאָך איין טרעפּל און מיר זײַנען שוין אינעווייניק. אַ פּאָר שטאַכעטלעך פון געפלאָכטענעם דראָט, צעטיילט דאָס צימערל אין אַ פאַרקערטער דאַלעד. בלײַבן מיר שטיין אויפן ברוינעם שטיין־טרעפּל, וואָס פירט אַרויף צום פּלאַץ וואו עס שטייט אַ טישל פאַרשפּרייט מיט אַ ציכטיק קאָלירט טישטעכל מיט נאָכהענגענדיקע פרענדזעלעך. אַ ווייס פאָרהענגל איבערן פענצטערל פון אַנטקעגן, פלאַטערט איבערן געלעגער דאָרט און איבער דער צורה פון אַ פרוי וואָס בלויז אַ שלייער פאַרוויקלט אַרום איר קאָפּ ווי אַ הויב מיט אַ משונהדיקער שלייף, זעט זיך אַרויס. אויפן אַנדערן געלעגער פון לינקס, זיצט אַ פרוי אויסגעסטראָצלט אין אַ פאַרשידן קאָליריקער טראַכט, וועלכע

פאַרדעקט זי פון קאָפּ ביז די פיס ווי אַ מומיע. אָבער די אויגן לייכטן עפּעס אויסטערליש אויפן רואיק לויטערן פּנים אָן אַ סימן פון אַ קנייטש אַפילו. פונעם געלייטערטן שמייכל זעט אויס ווי זי וואָלט זיך ספּעציעל אויסגעפּוצט און געגרייט פאַר די אורחים.

— קומט אַרויף צום טיש צו — קענען מיר פון איבערראַשונג נישט וויסן פון וואַנען דאָס קול קומט. ס׳איז צווייענדיק און איינס צו דער זעלבער צייט, — הינטער אייך, איז דאָ וואַסער. איר זענט אַוודאי דורשטיק, — באַמערקן מיר טאַקע שטיין אַן עמערל איבערגעדעקט מיט אַ ברעטל. די עפּענונג פון רעכטס פון אַריינגאַנג מאַניעט אונדז נאָך אַלץ מיטן אומהיימלעכן חושך און טוכלען ריח.

— גייט נישט אַהין — וואָרנט ווידער דאָס צווייענדיקע קול — די נעץ איז דאָרט נאָך פון דער רעגן צייט. פון זינט דער ערד־ציטערניש איז עס אַזוי חרוב. מ׳פאַרריכט אַפילו איצט, נאָר ביז ס׳וועט קומען צו אונדז, איז דער אויבערשטער אַליין אַ שומר אַלמנות. דערפאַר איז דאָ זומער אַ מחייה קיל. מאַכט אַ שהכל, יהודים! ס׳איז דאָך אַ חמימה אין דרויסן. זייט זיך מכבד! טוט אונדז די ליב!

— געלויב צו גאָט וואָס שפּרינצעלע געדענקט אין אונדז — נעמט אונדז דורך און דורך דאָס מאָנאָטאָנע צווייענדיקע קול אי מיט אַ מאָדנער וואַרעמקייט אי מיט אַ נאָדלדיקן ציטער וואָס פאַרקילט דאָס בלוט אין די אָדערן. פון זיך אַליין גייט דאָס גלאָז וואַסער פון האַנט צו האַנט באַגלייט מיט אַ הויכן שהכל מיט צוגעלייגטער פאַרשעמטקייט כמעט, טראָגט יעדער צו זיינע פאָר מטבעות צום טיש, און דאָס צערודערטע געמיט איז דורכגענומען און ממש איבערגעוועלטיקט מיט אַ מין מיסטישער קוויקעניש פון אָפּגעהאַקטע פראַזעס, וואָס פלאַטערן אַרום אונדז עפּעס אַזוי נאָענט באַקאַנט, ביטערלעך באַנג און אַזוי היימישלעך גלעטנדיק, און דאָך גרויליק ווייט ווי געקומען פון אַן אָרט וואָס דאָס אויג קען בשום אופן נישט דורכדרינגען.

— אמן, יידן, זאָל אייך זיין צו געזונט און צו קומען אַהיים בשלום. אונדזערע אבות וועלן זיך מיען פאַר אייך. אונדזער שוועל נישט פאַרשעמט.

יידן רחמנים, פון ווייט...

שטאָלפּערן מיר אַרויס הינטערוויילעכטס צוריק אינעם האַלב שאָטן, האַלב בלענד פון דער נאָכמיטאָגדיקער זון, אַז קוים וואָס מיר קענען זען אין וועלכער ריכטונג מיר פאַרנעמען זיך. עס שווינדלען פאַר די אויגן הויכע שוועלן, און איבער זיי אײַנגעוואַליעטע צורות פון הייזער; אַן אײַנגעבויגענע טיר הויפּנט איבער אַ נשאר פון אַ פענצטער אין אַ ליקל אַרײַן וואָס קוילערט זיך אַראָפּ באַרג מיט אַ הויערנדיקן פּחד. דאָ און דאָרט וואַלגערן זיך פאַרזשאַווערטע רערן און שרויפן האַלב פאַרגראָבן אין בעטאָנענע געשטעלן.

— וויזט אויס, מ׳גרייט זיך דאָ אײַנפירן וואַסערלייטונג — פּרוּווט עמעץ אונדז אויפהייטערן און קען אַליין נישט פאַרבאָרגן דעם חוזק־טאָן מיט וועלכן ס׳איז אַרויסגעקומען.

— אַ שמאַלץ גרוב דאָ פאַר מאַלער.

— פאַר קאַפקאַן.

— און פאַר מיסטיקער — פּלאָנטערן זיך די אויסדרוקן פאַר אונדזערע טריט פון זיך אַליין.

— „מקובלים, פאַלן צו צו די שוועלן, מקובלים אין אַ לכה דודי טאַנץ” — פּזמונט ווער מיט אַ ניגון אַ לייוויק־שורה און ווערט איבערגעשלאָגן מיט אַ ביטערניש פון אַן אַנדערן.

— גענוג געדיבוקט. רערן דאַרף מען אונטער די שוועלן, מיט מים חיים.

—אין איין דור, זאָל מען שוין באַווייזן איבערצובויען אַזוי פיל חורבות פון די סאַמע אייביקייטן אָן? — צאַפּלען די רייד אין געאייל און ווערן פּלוצעם פאַרהילכט פון אַ געטומל וואָס טוט זיך אַ יאָג פון אַ שמאָלן טרעפּן־דורכגאַנג אויף וועלכן אַ מחנה טוריסטן שטופּט זיך אין אַ מאָדנעם פּלאָנטער פון קולות אַראָפּצוצי, און אַנטקעגן זיי צוגעדריקט צו דער וואַנט, הענגט ממש אין דער לופטן אַ פאַרצאַפּלטער הויכער באַשטריימלטער ייד מיט אַ

צעפּאַטלטער באָרד און פאַרהילט אין אַ לאַנגן קאַפּטאַן. ער איז אינגאַנצן איין שטיק אַנגסט און פּרואווט מיט כל־אַמצי כוחות, אין איין און דער זעלבער רגע, אי שטופּן זיך פאָראויס אי גיין אויף צוריק. ער איז, ווייזט אויס, גאָר אומדערוואַרט אַריינגעפּלאָנטערט געוואָרן אין דעם געווימל פון פאַרברוינטע אָרעמס, הוילע קעפּ און אַנטבלויזטע פיס. די לינקע האַנט שטרעקט ער גראַבלענדיק פאַר זיך ווי ער וואָלט אַרומגעקרייזט אַ האַלבן עיגול, וואָס זאָל נישט דערלאָזן דאָס בייזע געדרענג דערנעענטערן זיך צו אים, און מיט דער רעכטער פאַרשטייפט ער די צעפלאַטערטע פּאָלעס פונעם קאַפּטאַן איבער די ווייסע סטראָקעס, ווי ער וואָלט דערמיט די גאַנצע נאַקעטקייט וואָס רינגלט אים אַרום געוואָלט פאַרדעקן.

— ני אָ, — ציטערט ער פלוצעם אין געווימל אַריין און פאַרשטעלט זיך מיט אַמאָל דאָס פּנים מיטביידע הענט, דערזעענדיק ווי אַ פּאָר פאָטאָגראַף־אַפּאַראַטן זיינען אָנגעשטעלט אויף אים.

— לאָזט דורך דעם רבין!

— וואָס פאַרשטעלט איר דעם וועג?!

— רגע, רגע, רק רגע, איין ווייַלינקע, רביניו!

— מאַכט אַ וואַרע, רוקט זיך אָפּ!!

— ס'איז דאָך זיין צפת! ער איז דאָך דאָ אין דער היים!

— אַזאַ בילד איז אָבער ווערט כל הגעלטן!

— פאַרשטעלט מיר נישט, פּליז, בבקשה!

— זעט נאָר ווי ער צאַפּלט עס, ווי שדים וואָלטן אים באַפאַלן!

— שעמען מעגט איר זיך, וואָס האָט איר זיך צוגעטשעפּעט. ס'איז נישט קיין אויסשטעלונג! — רייסט זיך דער פלאָנטער פון קולות אין אַן

אויסטערלישן געוויַרבל פון אָפּענעם חוזק צוזאַמען מיט אַ באַהאַלטענעם פּחד, טיפן אָפּשיי און דרך ארץ, וועלכער איז סוף כל סוף גובר אַלע אַנדערע.

— ני, אָ! — האָט דאָס געדרענג זיך מיט אַמאָל אַ בייג געטאָן אין איין זייַט ווי דאָס אַנגסטיקע ברומען פון דעם יידן וואָלט עס אַ שטויס געטאָן און אַוועקגעאיילט מיט אים אינעם לאַבירינט פון די טונקעלע ליקלעך.

בלאָנקען מיר אַזוי בערגל־אַרויף, בערגל־אַראָפּ פון איין טונקל אינעם צווייטן אַבי צו זיין וואָס ווייטער פון דעם צעיאַכמערטן געווימל פון דעם טוריסטן געלאַף.

— אַ נדבהעלע גיט, איש כנדבת לבו! — ניגונט פון אַ טונקל אַרויס אַן אויסגעשטרעקטע ביינערדיקע האַנט, — אַ גרויסע מצווה, אַ פולע שטוב מיט יתומים, — שטייט ער שוין פאַר אונדז אַ פאַרהילטער אין שמאַטעס אויף שמאַטעס, און בליצט אויף אונדז מיט רויט צעצונדענע אויגן, — גייט נישט אַראָפּ דאָרט. ס׳איז אַן אָפּנאַרעריי. ס׳איז נישט די שיל פונעם אר״י הקדוש זכותו יגן עלינו. מ׳פאַרפירט כשרע יידן. אויסגעטראַכט אַ נאָמען. הבל הבלים, די אמת׳ע שיל פונעם אר״י הקדוש איז שוין לאַנג אַ חורבה, רחמנא ליצלן . . .
— פלאַפּלט ער אָן אַן אָפּשטעל מיט האַלבע און פיצלעך זאַצן באַטאַפנדיק גלייכצייטיק מיט אַ מאָדנעם צאַפּל יעדן מטבע וואָס באַרירט זיין אָפענעם האַנטפלאַך. מיט יעדן באַריר פון אַ מטבע צוויקט אויף אַן אַנדערע אויסטערלישע גרימאַסע אויפן בלאַסן פנים מיט די רויטע אויגן־אַפּלען.

— ער איז אַ סגי נהור און אַ — וויקלט זיך אַריין צווישן די פיס ממש אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען מיט געלאָקטע צעפּעלעך און אַ קלינגנדיק קולכל פון אַ דערוואַקסענע שוין.

— אַוועק, כלבתא, ביסט אַליין משוגע, און דיין טאַטע און דיין מאַמע, כל המשפחה שיקאַנאַזים — ציטערט דער בלינדער אין גאַנצן אויף און רירט זיך פון דעסטוועגן נישט פון אָרט. אויך דאָס קול זיינט איז מער יאָמערנדיקע הכנעה ווי צערייצטער כעס, — מ׳כאַפּט אויס דעם ביסן פון מויל. אַלעמען פירט מען נאָר אַהין. דער עולם ווייסט דאָך נישט, אַז די אמתע כנישתות זיינען גאָר דאָ — בחיי ראשי, נאָר דאָ. ווייז זיי, שפּרהלע, ווייז זיי אַלץ —

גראַבלט ער פֿאַר זיך, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּענען דעם וועג פֿאַר אונדז — דאָ אָ גלייך מיטן וועגל אַרויף, — ווערט דער געמאַכטער געבייזער שוין אינגאַנצן ווייכער געבעט, — כשרע יידן, מ׳טאָר זיי נישט פֿאַרפֿירן. אַז מ׳האָט אויגן זעט מען דאָרט אַזוינס — שלינגט ער די ווערטער עפּעס אין אַ מאָדנע געאייל, — עת רצון היא, זמן מנחה!

— איך וועל אייך ווייזן דעם וועג אַהין — לויפֿט אונדז פֿאָרויס דאָס מיידעלע. אָן געלט, כ׳וועל נאָר אָנזאָגן דער מאַמען דאָ אָ, — ווייזט זי מיטן פֿינגער אויף אַ שוועל וואו עס זיצט אַ בינטל מענטשן און גלאָצן פֿאַר זיך צו די בערג אויף וועלכע עס האָבן זיך פּלוצעם גענומען שפּרייטן אין אַ מין שפּרינגענדיקן טאַנץ פֿון אונטן אַרויף פֿאַרשידן קאָלירקע פּאַסן ליכט און שאָטנס. בלענדיקע ברוין און קופּער פֿאַרבן, צעוויקלען זיך אין דער ברייט ווי יריעות, און שפּרינגען טאַנצנדיק צווישן מאַטן גרוי און פּורפּור, און איבער דעם, אויך אין געאייל, פֿלאַמט רויט־ראָז דער ווייטער האָריזאָנט אויף יענער זייט בערג. אַן אויגנבליק דויערט עס און פֿון דער פֿאַרהוילעניש פֿון יענער זייט טוט זיך אַ צעפּלאַטער אַ דורכזיכטיק בלויער שלייער ווי אַ טיולענער פֿאָרהאַנג.

— עת רצון, זמן מנחה — גייט אונדז נאָך דאָס זיך דערווייטערנדיקע קול פֿונעם סגי־נהור, וואָס האָט זיך אינסטינקטיוו אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די בערג, — אַ נדבהלע, יידן בני רחמנים, אַ נדבהלע! — דאַכט זיך, אַז ער שטרעקט די ביינערדיקע הענט צום טיולענעם פֿאָרהאַנג דורך וועלכן אַ פֿאַרהוילענער בלוי עפּנט זיך אויף ווי אַ באַרעמהאַרציק, חסד־אויג.

מאָדנע, ווי עס קומט גאָרנישט אויס אויסטערליש וואָס ווי פֿון זיך אַליין, פֿון ערגעץ גאָר ווייט שווימט אָן אַ באַנגיקער סיני־ניגון פֿון די יום־כּיפּורדיקע תּפֿילות צוזאַמען מיט ציטערדיקע, אַנגסטיקע ווערטער איבערן פֿאַרגיין פֿון טאָג. מ׳קען נאָך חלילה פֿאַרפֿעלן צו פֿאַרריכטן דאָס, וואָס מוז נאָך פֿאַרריכט ווערן: „היום יפנה, השמש יבא ויפנה, קדוש!״

— ס׳איז שוין באַלד שפּעט צו עפּענען די שיל, — פֿירט אונדז אַרויס פֿונעם טראַנס אַ צופֿרידן קול פֿון אַ היפּש קיילעכדיקער יידענע מיט אַ געבלימטן טשיפּיק פֿאַרוויקלט אַרום דעם געגאָלטן קאָפּ ביז אַריבער דעם

שטערן. זי שפּיזלט אונדז אַדורך אין איין שאַרפן בליק מיט אַ פּאָר פאַרזשמורעטע גרויע אויגן און אַ פּאָר עלנטע הערעלעך פוןביידע זייטן פון די צעאָדערט בלויע שלייפן, באַהאַלטנדיק דערביי די הענט אונטערן ברייטן געפּרענדזלטן פאַרטעך — אַ גאַנצן טאָג פּירט מען אַלעמען צו יענער הייליקייט, וואָס איז נאָך חרוב געוואָרן בעוונותינו כמה וכמה שנים צוריק. דער אר״י ז״ל האָט דאָך דאָרט קיינמאָל נישט מתפלל געווען און אין אדונינו החכם און בעל מופת, וואָס האָט אויף אונדז און דער הייליקייט מגין געווען אין אַלע פּורעניותן, פאַרגעסט מען זיך גאָר, — לאָדט זי אויס דעם גאַנצן פאַראיבל אירן אין אַ געמיש פון עברית און יידיש, צוגעפּעפּערט מיט אַ פּראַזע, וואָס קלינגט ווי אַ קללה אין אַראַביש, וועלכע מיר כאַפּן אויף בלויז לויטן טאָן און שפּרהלעס פאָרהאַלטן איר פּאַר טשעפּען זיך אומזיסט צו די כשרע יידן וועמען זי האָט געבראַכט אַהער לויט זייער אייגענעם ווילן. די קליינע מאָלט אַזוי שנעל און מיט אַזאַ דרייסטקייט, אַז די יידענע גיט איר איבער דעם שליסל כמעט הכנעהדיק, מורמלענדיק עפּעס אונטער דער נאָז אַ פּזמון פון וועלכן מיר קאָנען אויפכאַפּן בלויז די צוויי ווערטער: „בחיי ראשי, בחיי ראשי״. מיר באַנעמען אָבער אויף אַזוי פיל, אַז דאָס דינגט זי זיך מיט דער קליינער וועגן אָפּצאָל פאַרן אַריינלאָזן אונדז.

לויט דעם גרויסן שליסל וואָס עפנט די הויכע טיר, וואָס זעט פון ווייטנס אויס ממש ווי אַ טויער אין אַ פּאַלאַץ אַריין, קומט די שיל אויס קליין און איינגעשרומפּן. די געזעסן אַרום די ווענט, בלויז אַ פּאָר טפחים העכער פונעם ערדענעם דיל און געקעסטלט מיט צעדריוולטע שטרויענע טעפּעכלעך, זיינען קוים געגנוג פאַר אַ פּאָר מנינים. דאַכט זיך, אַז די פאַרנאַכטיקע שאָטנס וואָס גליטשן זיך אַריין דורך די שמאָלע פאַרגראַטעטע פענצטערלעך אין דער מערב וואַנט, קענען זיך קוים געפינען אַ פּלאַץ אינעם פּירעקיקן חדר און פאַלן צו צו די זייטיקע האַלב אָפענע טירלעך פון צפון זייט וואָס פאַרבאָרגט, ווייזט אויס, די עזרת נשים. די אָפּגעריבענע זיילן צווישן די שורות געזעסן, זעען אויס ווי שומרים וואָס היטן דעם צוגאַנג צו דער בימה אינמיטן. אויפן באַלעמערל מיט די פיר דינינקע סלופּיקלעך אין די פיר ווינקלען, צוקט בלאַסלעך אַ מעשענע מנורה מיט איין ליכטל פונקט אַנטקעגן דעם ארון קודש, נישט ווייט פון דער טיר.

— בלויז שבתים און יום־טובים דאַוונט מען דאָ. אויב איר ווילט, קענט

איר מתפלל זיין אין פּאָלישל לעבן הייליקן בוים פון בעל מופת. ס׳איז דאָ נישט ווייט. איר דאַרפט זיך אָבער איילן. ס׳איז דאָרט פינצטער אַפילו בייטאָג, — איז די יידענע שוין אינגאַנצן אַ צוגעלאָזטע נאָכן באַקומען מער ווי זי האָט געבעטן. פאַר נאָך אַ פּאָר פונט, וועט זי אַפילו עפענען דאָס ארון קודש און ווייזן דאָס ספר וואָס דער „חכם״ האָט אַליין געשריבן בקדושה ובטהרה. די עלטסטע ספר תורה אין צפת. ס׳איז גאָרנישט אויסצודערציילן די נסים ונפלאות וואָס זיינען געשען מיט דעם ספר. פון וויפל גזירות רעות, שריפות און ערדציטערנישן ס׳איז אַלץ שוין געראַטעוועט געוואָרן. בלויז אין די שלוש רגלים נעמט מען עס אַרויס. אַן אָנזאָג פון קדמונים, נאָך פונעם „חכם״ אַליין — פאַרשטעלט זי דאָס ארון קודש מיט דער פּלייצע און פאַררוקט צוריק די הענט הינטערן פאַרטעך. אַ קוק טאָן בלויז וועט זי דערלויבן פון דער ווייטנס. די נשים זאָלן זיך בעסער אָפּרוקן אָן אַ זייט . . .

מאָדנע, ווי דער שיין פון דעם צאַנקנדיקן ליכטל אין דער מנורה פון אַנטקעגן, צעפינקלט זיך אין אַ בולטן עיגול פונקט ביים שליסל לעכל פונעם טירל. עפּעס צאַפּלט אַרויס פון דאָרט אַ געשטאַלט, נישט־געשטאַלט, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרשטעלן, נישט פונעם פאַרנאַכטיקן צעבלויטן טונקל און נישט פון געבלימלטן טשיפּיק פון דער יידענע, וועלכע פּזמונט עפּעס ווידער אָבער שוין נישט צו אונדז, נאָר צו אַ פּאָרל טוריסטן וואָס האָט זיך מיט אַן אימפּעט אַריינגעשטעלט פּלוצעם אין שילעכל און גלייך זיך גענומען פּאָרען מיט די בליצנדיקע פאָטאָגראַפיר־אַפּאַראַטן. דעם פּזמון אירן הער איך כמעט נישט. אַפילו דאָס אַריינמישן זיך פון דער קליינער, וואָס זעט עפּעס אויס גאַנץ דערוואַקסן איצט און ציטערט ממש אָפּצוהאַלטן דאָס פּאָרל פון אַרויסנעמען די ספר־תורה, מאַכט נישט קיין איינדרוק.

— איר קענט אפשר זיין דער בעל־קורא? — דאַכט זיך מיר, אַז עמעץ רעדט צו מיר אויף אַ פרעמד לשון, וואָס איך פאַרשטיי יעדן וואָרט און קען פאָרט נישט באַנעמען וואָס עס מיינט. כ׳בין אינגאַנצן צוגעשמידט צום עיגול־שיין אויפן טירל, וואָס זעט איצט אויס ווי אַ שטאַר אויג מיט אַ געשטאָלטן בליק פון אויסטערלישן קאָליר פון ערגעץ אַן אַנדערער וועלט. עס קוקט פון דאָרט אַרויס אַן אַסקעטיש געשטאַלט אין אַ פאַרקנעפּלטן בלויען קאַפּטאַן. באַלד ווערט עס בלויז אַ פאַרשטרייפּטע גרויע אַבאַיע, וועלכע רייפלט אַרום עקזאַלטירטן פּנים מיטן הויכן שטערן ווי אַ קרוין איבערן קיילעכדיקן

צוגעפּוצטן בערדל. אָט אָט, דאַכט זיך, וועט עס אַ פּלאַטער טאָן מיט אַ פאַרהוילן צאַפּלענדיקן קול.

— בחיי ראשי, דאָס ספר פון „חכם", — הער איך כמעט קלאָר דער יידענעס מאָטלען און פּזמונען בשעתן ציילן די מטבעות וואָס יענע שטופּן איר אין דער האַנט אַריין. איך זע אָבער גאָר פאַר זיך די באָבע שרה ווי זי הייבט זיך אויף פון איר בענקעלע אין אַלקערל אינגאַנצן אַ פאַרטועגע אין זיך, נישט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פונעם אָפענעם ספרל אויף עברי־טייטש. אַ דריבנינקע, אַן איינגעשרומפּענע, פאַרהילט ביז איבער די אַקסל אינעם געבלימטן בליטשקענעם שאַלעכל, שיינט זי אויף אינעם בלויען טונקל גלייך לעבן דעם געשטאַלט־נישט־געשטאַלט אינעם געשטאָלטן אויג אינעם ארון־קודש און ניגונט אַרויס פון דאָרט מיט אַ פאַרהוילן קול. דאָס ווייסע שבת פאַרטעכל אירס פאַרדעקט אינגאַנצן די ברייטע יידענע מיט איר וואָכעדיקן מאָטלען און פּזמונען.

— זיי זשע מוחל, אַברום וואָס איך שלאָג דיר איבער אינמיטן, — הער איך זי ווי זי שטאַמלט כמעט פון גרויס דרך ארץ צום טאַטן, וואָס זיצט פאַרמוחט איבער אַ ספר — יעך, בעט דיך, וואָס מיינען זיי דאָ? „אין הייליקן מנורת־המאור ווערט געברענגט, אַז די ש"י עולמות וואָס זיינען אָנגעברייט לעתיד לבוא, וועלן נישט באַגיטיקן דעם גוף נישט מיט גאָלד, נישט מיט זילבער, נאָר די נשמה אַליין וועט נהנה זיין פון דער זכיה צו הערן דאָס לויטערע קול פון דער שכינה. וואָס זשע העלפט שוין דאָס קול, אַז דער גוף איז אַ שוכן עפר"?

— פאַרשטייסט, מאַמע, — פאַררוקט דער טאַטע די בריל הויך איבערן געקאַרבטן שטערן און קוקט אויף איר מיט בלויע חסד־אויגן וואָס פינקלען ממש אַרויס פון דער געדיכט שוואַרצער באַוואָקסנקייט זיינער — אין זיין צייט, האָט דער ספרדישער חכם געדאַרפט אַזוי זאָגן. זיי האָבן דאַן געפירט אַ שווערע מלחמה קעגן הנאת הגוף. זינט אָבער דער אור פון חסידות, איז נתגלה געוואָרן אויף דעם עולם, האָבן צדיקים עס מתקן געווען. די גאָר גרויסע זיינען צו דעם זוכה אויך אויף דעם עולם.

— פאַר וואָס זשע דערמאָנען זיי נישט דעם נאָמען פונעם חכם? — בלאָנקעט איר בליק אויפן ספר מיט אַ טענה.

— וואָס הייסט מ׳דערמאָנט נישט? אַז מ׳רופט אים מיטן נאָמען פון זיין ספר, איז דאָך עס אין דער בחינה פון אמתן קול אָן דער מחיצה פון גוף. און ווידער — טוט ער אַ נערוועזן רייב דעם שטערן און נעמט קרייזלען אַ שפּיץ פּאה בליקנדיק גלייכצייטיק קאָסאָקע אַריבער איר, ווי ער וואָלט דורכגעבליצט אַ ווייטע ווייטקייט — ר׳איז דאָך אויך געווען אַ סופר און זיי האָבן אַ קבלה אין צפת, אז אין זיין שיל האָט זיך אָפּגעהיט זיינס אַ ספר־תורה. אין די היינטיקע היסטאָריעס, ווייזן זיי אויך אַ בילד, וואָס מ׳זאָגט, אַז עמעץ האָט געמאַכט פון אים. זאָג, יאַנקלען, וועט ער עס דיר ווייזן. אַ הדרת פּנים פון אַ פּאַרצייטישן גדול. אַן אייזערנע גבורה האָבן זיי געהאַט, — בליצט מיך דורך זיין בליק ממש פון אַן עק־וועלט ערגעץ, און לעשט זיך פּלוצעם אויס פון דעם ראַפּטומדיקן צעעפענען זיך פון די טירלעך פונעם ארון־קודש און שאַרפן אויפצאַפּל פון אַ הייזעריק צערייצט קול, וואָס איז געקומען כמעט ווי פון אינעווייניק אַרויס.

— וואָס טוסטו, חצופה! לא ייעשה כזאת בישראל! — הילכט דער כריפּנער געבייזער ווי אַ געוואַלד־ריס איבערן אָפּענעם ארון־קודש — כל זמן איך וועל זיין אויף דעם עולם, זאָלסטו זיך נישט צורירן צו דער הייליקייט פון „חכם״!

ערשט איצט, האָבן מיר זיך געכאַפּט, אַז אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטענדער כמעט הינטערן ארון־קודש, איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ פּאַרזונקענער אין זיך אַן איינגעשרומפּענער זקן, וואָס בלויז די אָפּגעקראָכענע אַבאַיע איבערן פּאַרמעטענעם שטערן און דאָס ציטערנדיקע קיילעכיק בערדל האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ סימן פון לעבן.

— מ׳טאָר נישט מימעשי, — האָט זיך די קליינע געוויקלט אינעם פּאַרטעך פון דער יידענע און צעשראָקן געיאָמערט — ס׳איז אַ גרויסע זינד, אַן עבירה גדולה. גיט זיי צוריק דאָס געלט. כ׳האָב מורא דער זיידע וועט נאָך קללהן. דער טאַטעשי זאָגט אויך, אַז נאָר שלוש רגלים מעג מען זי אַרויסנעמען.

— אָבער אַבלען וויל מען אַ גאַנץ גייענדיק יאָר, אַלע טעג פון וואָך. וואָס דען האָב איך דאָ צו ווייזן, וויי איז מיר. אַ פולע שטוב מיט מיילער אויף מיין קאָפּ. איבער אים פאַסט מען מער תעניתים וויפל מ׳מאַכט ברכות. אַז ער

לאָזט קיינעם נישט אויף די אויגן. זיצט און היט און רייסט דעם ביטן אַרויס פון מויל. קיינער קומט דאָך שוין נישט מער אַהער! — נעמט זי זיך שיילן דאָס פּנים — זיצט ווי אַ בייזער שומר. מיט וואָס וועל איך שפּייזן די יתומים, ווינד איז מיר, — גייט זי פּלוצעם אַריבער אין אַן אַנגסטיקן געיאָמער, — אַ חצופה בין איך?! נישט די וועלט, נישט יענע, אַ בראָך איז צו מיר געשען. פֿאַר שפּייזן די יתומים אונדזערע, פֿאַר האַלטן דעם שווער זאָל לעבן בכבוד גדול, זאָגט אַליין — האָט זי געביטערט און זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ מין כאָרכלדיקן אַנגסט וואָס האָט שוין גאָר קיין קול נישט. הוילער פּחד בלויז.

— נו, נו, שוין גענוג — האָט דער אַלטער אַרויסגעשטאָלפּערט פֿונעם ווינקל און זי גענומען מפּייס זיין מער מיט אַ מין רחמימדיקן ברומען ווי מיט רייד, — זמן מנחה, שעת רחמים ורצון.

— זאָל דער זיידע אויך שטיין ביים ספר. זאָל ער זיין דער בעל־קורא, — האָט דאָס טוריסטן־פּאָרל זיך געוואָלט באַנוצן מיט אַלטנס פֿאַרגעבנדיק טאָן — נעמט אייך וויפֿל איר ווילט — האָבן זיי געשלעפּט גאַנצע זשמעניעס פּאַפּירלעך פֿון די קעשענעס און געשטופּט דער יידענע אין דער האַנט אַריין.

— אַ ווייטיק איז מיר אַ גרויסער! — האָט די יידענע מיטאַמאָל אַ צאַפּל געטאָן און זיך אַ שטעל געטאָן צווישן זיי און דעם זקן וואָס האָט אינגאַנצן געטאַמלט, באַלד אומצופֿאַלן, — פֿאַר קיין הון אין דער וועלט נישט. דעם „חכמ״ס זכות וועט אונדז ביישטיין. דעם שווער, זאָל לעבן, שטעלן לְרַאָיָה, דעם חכם צבי׳ס אַן אור אייניקל, לא ולא, הסתלקו מכאן! — איז זי אַריבער אויף עברית און פֿאַרמאַכט דעם ארון־קודש מיט אַזאַ אימפּעט, אַז דאָס ליכטל אין דער מנורה האָט גענומען אייליק שפּרינגען און בלינצלען מיט שפּיזלדיקע פֿונקען מיט אַזאַ אַנגסטיקייט צו וועלכער ס׳איז נישט פֿאַראַן קיין אַנדער תרופֿה ווי לויפֿן פֿון דאָרט אין איין אָטעם.

## ב

כמעט איינער איבערן אַנדערן, זיינען מיר אין איין אָטעם אַרויס פֿון דער שיל נישט אומקוקנדיק זיך אַפֿילו אויף אַ רגע אין וועלכער זייט צו לויפֿן. דער שמשטעס כריפּנע בייזערן זיך, האָט נאָכגעביטערט ווי אַ שטעכיק בריענדיק בייטשל וואָס האָט אי געטריבן, אי געשלאַבעריקט די טאַמלענדיקע טריט.

ס׳האָט זיך געדאַכט אַז מיר שטאָלפּערן מיט פאַרמאַכטע אויגן און שטייען אַלץ אויף איין אָרט. ערשט ביים אַרויסבאַקומען זיך פון הייפל צום בערגל אַרויף אינעם נאָענטן געסל, האָט דאָס גליענדיקע צאַנקען פון דער אונטערגייענדיקער זון געגומען בלענדן די אויגן און אָפּגעשטעלט דאָס געאייל. איבער די הויכע שוועלן און האַלב געבויגענע הייזקעס צוגעדריקט איינס צו דאָס אַנדערע ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט מיט די לעצטע כוחות צו שיצו זיך קעגן עפּעס וואָס דאַרף באַלד אָנקומען, האָט אַ מאָדנע פאַרטאַיעטע עלנטע רו געהויערט. ס׳האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן בכוונה זיך געלאָזט פאַרבלענדן מיט אַ קופּערנעם גלי כדי די שטילע אומעטיקע רו דאָ, זאָל אויסטערליש שעפּטשען און פאַרהוילן דערציילן עפּעס אַזוינס וואָס דאַרף גאָר קיין ווערטער נישט אויסדערציילט צו ווערן. מיט שטוינען האָבן אַלע חושים מיטאַמאָל דערשפּירט דעם אויסטערלישן אומעט מיט וועלכן די פאַרנאַכט שאָטנס האָבן אין אַלערליי קאָלירן זיך געשפּרייט און געהיפּערט פון בערגל צו בערגל אין אַ מיסטעריעזן עלנטן ציטער־טאַנץ קעגן דעם גליענדיקן צאַנקען פון זון פלאַקער. פון ערגעץ אַ פאַרבאָרגעניש פון יענער זייט פלאַקער, האָבן זיי זיך אַרויסגעוויקלט און אַוועקגעצייטערט אין דער אומעטיקער רו אַריין וואָס האָט מיטאַמאָל געקראָגן גרויסע שרעק־אויגן. דער קופּערנער שיין אויפן גאַנצן אַרום האָט גענומען צאַפּלען מיט שטומען פּחד: די נאַכט קומט אָן.

— זמן מנחה — עת רצון — איז פּלוצים צוגעשוואומען פון אַ זייט אַ שטילער שעפּטש, — וידבר ה׳ אל משה לאמור — האָבן מיר מיט אַמאָל דערזען דעם סגי־נהור, וועלכן מיר האָבן געהאַט געטראָפן אויפן וועג אַהער און געלאָזט שטיין מיטן פּנים צו די בערג. מיט אַ צוגעלייגט פאַרטיפטן ניגון ציילט ער וואָרט נאָך וואָרט — פּיטום הקטורת כיצד — ציילט ער און דריקט יעדן זילב ביים אויסרעכענען די סממנים, אַז מ׳שפּירט ממש ווי ער פאַרזוכט זייער טעם און פאַרשמעקט דאָס גאַנצע בערגל מיט זייער ריח. — תניא רבי נתן אומר — איז זיין קול געוואָרן לויטערער און העל זיך געטראָגן אַרום צעפלאַמטן מערב — כשהוא שוחק אומר: הָדק הֵיטֵב, הֵיטֵב הָדֵק מפני שהקול יפה לבשמים איז דער גאַנצער שמאָלער גוף זיינער געווען איינס מיטן עקזאַלטירטן קול.

אויף די שפּיץ פינגער כדי אים נישט צו שטערן, האָבן מיר זיך גענומען רירן פון אָרט אָבער נישט געוואוסט אין וועלכער זייט אַריין.

— מיטן געסל רעכטס, וועט איר אָנקומען צום אָרט פון וואַנען איר זענט געקומען, — אײַלט אונדז נאָך דאָס ליבלעכע קולכל פון דעם מיידעלע וואָס האָט אונדז געפירט אהער — די זון זעצט זיך שוין. מוז איך שוין לויפן אַהיים, — הערן מיר קוים וואָס זי זאָגט און זעען בלויז ווי זי שטאָלפערט גאָר הינטערווײַלעכטס מיטן פנים צו אונדז. דער קופערנער גלאַנץ פון אַרום, רוט אויך אויף איר. ווי אין אַ טראַנס הערן מיר איר פּלאַפּלען און שפּירן איר שנעלן באַוועגן און ווינקען מיט די הענט, — בערג זײַנען שוין פול מיט שאָטנס. באַלד וועט ווערן פינצטער און די מאַמע וועט זיך נאָך בייזערן אויף מיר, — באַנעמען מיר סוף כל סוף וואָס זי וויל געבן אָנצוהערן. טראָגט איר יעדערער צו אַ מטבע וועלכע פאַרשווינדט גלייך אינעם פאַטשיילעכל אירן וואָס איז צוגעבונדן מיט אַ שפּיץ צום פאַרטעכל, — גייט אייך, יידן, געזונטערהייט, מיט דעם ליכל, וועט איר נאָך אָנקומען פאַר פינצטער, — פאַרשווינדט זי מיטאַמאָל אינעם אויסבייג פון געסל.

אַ טשאַטע קינדערלעך, איינס קלענער פון אַנדערן האָט אונדז באַגעגנט ביים אַראָפּלאָזן זיך פון משופּעדיקן בערגל אין ממש אַ רחבותדיקן אַספאַלטירטן פירעקיקן הויף אַריין. צוויי גאָרנדיקע הייזער מיט אָפענע וועראַנדעס אין אַלע זײַטן באַזוימט מיט אַ הענגנדיקן גאָרטן צו וועלכן עס פירן שטיינערנע טרעפּ און אין דער נידער אַ לענגעכיקער שטיינערנער באַסיין מיט אַ קופערן קאָלירטן קופּאָל איבער דעם.

— באַקשיש, נדבה תן, דאָלאַר, ממתק! — האָבן זיי אונדז אַרומגערינגלט מיט אַ פריילעכן געליאַרעם, און פּלוצים נעלם געוואָרן אין די אָפענע טירן פון די אַרומיקע הייזער, איידער נאָך מיר האָבן באַוויזן אָפּצושטעלן זיך אַפילו.

— פלשתים עליך! — האָט אַ וואָרנענדיק קול געכאָרכלט הייזעריק פון דער וועראַנדע איבערן באַסיין, — הזדרזו! — האָבן מיר בלויז געשפּירט דעם פחד וואָס דער אויסרוף האָט אָנגעיאָגט אויף דער מחנה קינדער וועלכע איז, ווייזט אויס, געווען אַריינגעטאָן אין אַ מלחמה־שפּיל מיט אַן אַנדער מחנה וואָס איז דאָ ערגעץ געלעגן פאַרבאָרגן און געלויערט אויף זיי. זייער אַנטרינען ווערן, האָט איבערגעלאָזט אַן אָנגעלאָדענע שטילקייט אַזאַ וואָס אָט אָ וועט זי זיך אַ צעוויג טאָן מיט אַ געווירבל פון ליאַרעמדיקע צעווילדעוועטע

קולות וועלכע הויערן נאָך דערווייל אין פאַרהוילעניש הינטער די פּלויטן באַלויכטן מיט אַ גרעלן ליכט פונעם איינציקן געלן לעמפּל ביים אַריינגאַנג פון הויף. קיין לעבעדיק באַשעפעניש זעט מען טאַקע נישט, פילסט אָבער ווי פון אַלע זייטן שפּיזלט אויף דיר די ליידיקע פּוסטקייט מיט טרויער־אויגן און עפּעס אַ צאַפּלענדיקן תרעומת: — וואָס זוכסטו דאָ? זעסט דען נישט, אַ שטיין אויף אַ שטיין און אַ חורבה אויף אַ חורבה האָט זיך פאַרשוואָרן צו באַהאַלטן דעם פּחד אונטער זיך. די ליכט־פליגעלעך וועלכע צעציען זיך שוין אין די גראָזן מיט אַ פלעמל צו באַלייכטן דעם אייגענעם גאַנג אינעם שוין גאַנץ געדיכטן חושך, לעשן זיך כסדר. מ׳קען שוין מער נישט ווי אַ מאָל בשעת הסכנה עוסק בתורה זיין אין זייער שיין. די חורבות פאַרשטעלן אַלץ וואָס ס׳איז געוועזן. „די סכנה איז דאָך אָפן נאָך און נישט פאַרהוילן״ — צאַפּלט עס דין אין דיר אָן אַ קול און ווערסט מיטגעצויגן מיטן אויסרוף פונעם פאָרויסגייער:

— מיטן וועגל לינקס איז דאָס קינסטלער־געסל. די אַטעליעס זיינען שוין אַוודאי פאַרמאַכט. לאָמיר אָבער פּרואוון, — שטאָלפּערט מען שוין אין שמאָלע ליקלעך אויף בערגלעך אַרויף און אַראָפּ צווישן הייזקעס ווי נישעס מיט אָפענע לעכער פאַר פענצטערלעך און פאַרשיידן קאָלירטע פאָרהאַנגען איבער די עפענונגען. ביי אַנדערע, אויסגעבויגענע פאַרגראַטעטע פענצטערלעך און משונהדיקע ברעטלעך וואָס הענגען ווי אין דער לופטן, פלעמלען קאָלירטע לעמפּלעך דאָ און דאָרט ווי אַ סימן, אַז דאָ איז דער אַריינגאַנג, כאָטש ווען דו קומסט צו דערזעסטו ערשט אַ צעטל מיט פאַרשידן קאָלירטע צייכנס, וואָס ווייזן אַראָפּצולאָזן זיך נידעריקער רעכטס אָדער אַרויפצוקלעטערן העכער לינקס גלייך צום דאַך. אַ משונה לענגלעך טירל וואָס הענגט אויף אַן אויסגעדרייטן האָקן איבער דער עפענונג ציט צו דאָס אויג. אויסטערלישע פיגורן אויסגעהאַמערט פון דינע פאַסן קופּער־בלעכן מיניען זיך אויף דעם סילועט־אַרטיק אינעם ליכט פון אַנטקעגנאיבערדיקן לעמפּל. מיט יעדן הוידע פונעם רויט געפאַרבטן לעמפּל, קומט אויף אַן אַנדער שאָטנדיק געשטאַלט און פאַרשווינדט באַלד אַ רויט — בלוטיקע אין דער שמאָלער עפענונג דערלעבן, וואָס איז דאַכט זיך, גאָר פאַרשטעלט מיט אַ קלימפּער געוויקסן פון וועלכע נאָר די שפּיצן שטאַרן אַרויס. אַ מאַטער שטראַל בלינצלט הינטער זיי ווי פון אַ הייל אַרויס, אָבער מאָדנע איז וואָס דאָס כמעט אומצופרידענע קול פון אינעווייניק קומט גאָר פון דער הויך —

„אַזוי שפּעט פאַרבלאָנדזשעט אַהער?!" בייגט זשע איין די קעפּ און קומט אַרויף. בלויז אַ פּאָר טרעפּלעך. צעקוועטשט נאָר נישט די וויינטרויבן, — באַמערקסטו ערשט איצט, אַז איבער דעם אַריינגאַנג הענגען גאַנצע בינטן וויינטרויבן, וואָס אינעם טונקל קענסטו נישט באַשטימען אויף וואָס זיי העגנען און וואו זיי וואַרצלען. עס קומט אויס ווי זיי וואַקסן אין דער לופטן.

— אויב איר ווילט עפּעס קויפן, קומט בעסער מאָרגן, — וואַקסט אויס לעבן אונדז אַ נידעריק געפּאַקט מענטשל מיט אַ פּנים פול מיט אומרו וואָס פּאַסט זיך עפּעס אינגאַנצן נישט צו דער רואיקייט אין דער שטימע — וואָס וועט איר דען קענען זען אין דער אָוונט טונקלעניש? אַפילו קיין פאָטאָגראַפיע וועט איר דאָך נישט קענען נעמען, — פילט זיך אַ לייכטער חוזק אין זיין טאָן, — וואָס האָט איר עפּעס פונקט פאַרבלאָנדזשעט צו מיר? כ'בין דאָך שוין גאַנץ מיד פונעם טומל פון אַ גאַנצן טאָג. עפּעס אַ גאַנצע כאָפּטע טוריסטן האָבן זיך אַרומגעשלייכט און געהאַלטן אין איין פאָטאָגראַפירן זיך אַליין, — בייט ער מיטאַמאָל דעם טאָן ווי פאַרענטפערנדיק זיך פאַר זיך אַליין זיין נישט פריינטלעכקייט, — „שלעפּן זיך דאָ אַרום גאַנצע טעג, זוכנדיק מי יודע וואָס. באַטאַפּן אַלץ ווי מבינים און זעען גאָרנישט און געפינען גאָרנישט".

באַמערקנדיק, ווייזט אויס, אונדזער פאַרלעגנהייט און צוריקציען זיך הינטערווילעכטס אַוועקצוגיין, טוט ער אונדז אַ מעסט אָפּ מיט אַ דורכדרינגנדיקן בליק און צעשמייכלט זיך ממש אַ דערפרייטער, — „איר זעט דאָך מיר עפּעס אויס גאָרנישט ווי קיין טוריסטן. אַפילו קיין איין פאָטאָגראַפיש אַפּאַראַטל האָט איר דאָך נישט . . . פון וואַנען זשע זיינען עס יידן? קומט זשע טאַקע אַרויף, נאָר בייגט איין די קעפּ, די ווינשטאָקן זאָלן אייך נישט צעדראַפּען. פאַר אייך וועט שוין ווערן ליכטיק", — ווערט טאַקע ליכטיק דער שמאָלער גאַנג אַרויף, — „כ'קען שווערן אַז כ'האָב אייך ערגעצוואו געזען, — ווענדט ער זיך שוין גאָר היימישלעך צום פּאָעט צווישן אונדז — יאָ, אַוודאי, אין איינעם פון די קאַלטע גלותן וואו יידן רעדן זיך איין אַז זיי געפינען זיך אין דער ליכטיק און וואַרעם. ווייסן נישט, נעבעך, אַז זיי זיצן דאָרט אויף דערוויל, אויפן ראַנד פון אַ וואולקאַן". אינעם טונקל האָב איך אייך נישט דערקענט, כ'האָב אָבער געהערט אַז איר געפינט זיך אין לאַנד און ממש געוואַרט אויף אייך, כ'וויל דאָך אייך מאָלן, — געפינען מיר זיך

שוין אינעווייניק וואו אַלע ווענט זיינען באַהאָנגען מיט שאַרף געצייכנטע פּנימער און קופּערנע בלעכן פון וועלכע עס שטאַרן אַרויס בולט געהאַמערטע פיגורן געהילט אין באַקאַנטע טראַכטן וואָס זיינען אַזוי אייגן־נאָענט, אַז אָט אָט זעסטו זיך אַליין שטיין צווישן זיי. הערסט, דאַכט זיך, אַ שטיל וויבערירנדיקן געפּליסטער אויפגיין פון זיי. ווי אין אַ חלום־טראַנס נאָגט אַ שפּליטער פון אַ ניגונדל אין צעפּיבערטן געמיט אי מיט אַ גליענדיקער וואַרעמקייט און אי מיט אַן אַנגסטיקן אויפציטער. אַן אויגנבליק דויערט עס און עס זעט אויס אַן אייביקייט. פון דער ווייטער פאַרהוילעניש אין וועלכער האָסט זיך פלוצים אַריבערגעטראָגן, נאָגט דיך דאָס ניגונדל און ציט זיך דין ווי אַ זיידענער פאָדעם ביז צו דער שוועל פונעם הויז וואָס שווינדלט אַרויס פון אַ שפּאַלט אין שוין לאַנג פאַרגליווערטן זכרון. רירסט אָן די מזוזה מיט די שפּיץ־פינגער ווי אַמאָל און ווערסט באַלד דורגעציטערט פון דעם פאַרצאַפּלטן פריידיק־וויינענדיקן: „סקאָצל קומט, זעט נאָר ס'אַר אַ גאַסט, ווי דער מאַמען . . .״ שפּירסט אויף דער וואָר אין גאַנצן געביין דעם אויסגעפּייניקטן שטומען בליק פון דער מאַמען, ווען אויף איר פאַרצאַפּלטער פרייד: „ביסט געקומען שוין צו זיין, מיין קינד?״ . . . שטאַמלסטו גאָר עפּעס שלאַבעריק און נישט זיכער מיט פאַרהוילענע קלאַנגען וואָס בלייבן הענגען אין דער לופטן נישט ווערנדיק קיין ווערטער מיט וועלכן עס איז באַשייד. דערביי ווערן די היימישע פּנימער דאָ עפּעס פאַרהוילענער און דערווייטערטער אינעם מאַטן ליכט פון צימער. דאָס נאָגנדיקע ניגונדל וואָס האָט נאָר וואָס געפלאָסן פון דאָרט, גייט אויס ווי אַן אַנגסטיק פאַרבענקטער עכאָ פון אַן אָנגעצויגענער סטרונע פון אַן עלנטן בעטלערס לירע אין אַ האַרבסטיקן פאַרנאַכט. קוים וואָס עס שוועבט פאַרביי דיין פאַרשאָטנט פּנים און ווערט אויגנבליקלעך פאַרגליווערט אויף זייערע פאַרשטומטע ליפּן. קוים וואָס דו הערסט און זעסט עפּעס. דער צעפּיבערטער זכרון קען די פאַרגליווערטע פאַרהוילנקייט נישט דורכדרינגען און עפּענען כאָטש אַ שפּליטער פון אַ שטעגל צו יענער זייט מרחקים אין וועלכע האָסט זיך אַזוי פלוצים אַריבערגעטראָגן און ביסט פּאָרט ניטאָ מער דאָרט. „אַ פרעמדער, אַ זייטיקער דאָ און אַ דערווייטערטער דאָרט . . .״, — שניידט זיך די מחשבה איין אין צעפּיבערטן געמיט, — „פּונקט ווי זיי דאָ אויף די ווענט, ביסטו נישט מער ווי אַ בלאַסע געדעכעניש פון אַ פאַרגליווערטן ערגעץ וואָס לעבט בלויז דורכן כישוף־צייכן פונעם קינסטלערס אויג. איז דאָס דער באַשייד? בלויז דאָס און גאָרנישט נישט מער?״

— אייערע צייכענונגען באַשיינען אַ סך פון אונדזערע הייזער. די מזרח־וואַנט פאַרנעמען זיי ביי אונדז, כ׳וואָלט זיך געפילט גליקלעך צו קענען האָבן אַן אָריגינאַל, — רייסט זיך די שטילקייט אין צימער איבער און כ׳דערזע מיטאַמאָל דעם קינסטלערס איינגעהאַלטענעם אומרואיקן שמייכל, — די אָריגינאַלן פאַרקויף איך נישט. כל זמן איך בין נאָך אויף דעם עולם, קען איך זיך פון זיי נישט שיידן. דערנאָך וועלן זיי פאַרהיימישן דעם נאַציאָנאַלן מוזעאום אין דער אייביקער שטאָט ירושלים.

— אָט דאָס איז דער ריכטיקער אויסדרוק: „פאַרהיימישן״, — באַגייסטערט זיך דער פּאָעט, — ווען איך קום אַריין אין אַ הויז און פון די ווענט בליקט אַראָפּ אייערס אַ בילד, דערפיל איך זיך גלייך היימיש דאָרט. טאַקע אַ פאַרשוואונדענע וועלט, נאָר דורך אייער פענזל און געהאַמערקייט זיינען זיי אייביק לעבעדיק.״

— „דורך זיי, קענען מיר אַריינקוקן אין זיך אַליין״, — האַלט אים אונטער דער קינסטלער, — און אַז מ׳קוקט גוט מיט אַ קלאָר אויג, געפינט מען זיך אויך. . .״

— מיינט איר דערמיט צו זאָגן אַז כאָטש מיר זיינען אַזוי דערווייטערט פון יענער וועלט, איז זי נאָך אַלץ דער קוואַל פון אונדזער בענקעניש צו דערשפירן זיך גאַנץ און איינס מיט דער וועלט?

— יאָ, מיט גראָז און בוים, מיט שטיין און חיה, רוישנדיקע וואַסערן און שטילע טריט פון אייביקן שאַפן און באַשעפער.

— לויט אָט דער טעאָריע, אָדער זאָל זיין ווי איר זאגט, לויט דער בענקעניש, זענט איר מן הסתם געצרעכט וואָס איר האַלט, אז אין אָט די פאַלדן פון די אַלטע טראַכטן און קנייטשן פון די שטערנס איז פאַרבאָרגן אונדזער היימישקייט מיט דער וועלט, און דערפאַר האַלטן מיר זיי אַזוי טייער, — האַקט עמיץ איבער דעם פּאָעטס באַגייסטערונג, — עס פרעגט זיך אָבער, צי מיר קענען טאַקע אַוועקשטעלן זיך אָט אַזוי צווישן זיי, און זיך פילן איינס מיט זיי?. קענען מיר דען צוריק אַריין אין אָט דער וועלט? האָבן מיר דען זייער אמונה? מיר זעען דאך זיי איצט מיט גאָר אַנדערע אויגן. אַדרבא,

פרעגט דעם קינסטלער אַליין צי ער איז עס גאָר אויסן. דער קינסטלער האַמערט אויס וואָס ער שטעלט זיך פאָר אַז ער געדענקט און נישט דווקא צו וואָס ער בענקט.

— אַ ייד דאַרף דאָך, דאַכט זיך, זיין גאָר שטאַרק געהיטן נישט צו פאַרגעטערן דאָס אייגן געשאַפענע, — מישט זיך אַריין אַן אַנדערער.

— פאַר מיר, זיינען אייערע רייד אַביסל צו הויך — ווערט שוין אומגעדולדיק איינע פון די פרויען, — איך קען פשוט נישט באַנעמען וועגן וואָס מ׳שפּאַרט זיך דאָ. איך האָב הנאה פון שיינקייט אַפילו ווען ס׳איז אינגאַנצן פון אַ פרעמדער וועלט. איך בין געקומען אַהער, — ווענדט צי זיך שוין דירעקט צום קינסטלער וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און געקוקט אויף זיינע געסט מיט אַ מאָדנעם פאַרווירטן שמייכל, — טאַקע כדי צו געניסן פון דער שיינקייט און אָפקלייבן אַ בילד פאַר מיין טאָכטערס וועגן וואָס האָט מיר אָנגעזאָגט צו ברענגען אייערס אַ צייכענונג. כ׳דאַרף זיך טאַקע פאַרענטפערן פאַר אייך פאַרן קומען אַזוי שפעט. ס׳איז פשוט דאָ אַזוי פיל צו זען דאָ און מאָרגן פאָרן מיר שוין אַוועק. ווייזט זשע אונדז, זייט אַזוי גוט, וואָס איך וואָלט געקענט קריגן פאַר איר.

— איך מיין, אַז די פרוי איז גאַנץ גערעכט. באַוואונדערט איר דען נישט די מאַיעסטעטישע שיינקייט פון א באַרג צי אַ וואַסערפאַל כאָטש איר קענט נישט זיין נאָענט צו דעם און ווערן איינס דערמיט? — האָט זיך פון דעם קינסטלערס פּנים נישט אָפּגעטאָן דער פאַרוואונדערטער שמייכל ביים אַרויסנעמען פון אַ נאָענט שטייענדיקן שאַפקעלע אַ צאָל צייכענונגען, — מיר איז גענוג דער עסטעטישער גענוס צו דערזען זיי לעבעדיק אין מיין פאָרשטעלונג און זיי מאָלן ווי איך זע זיי, און אויב מיין זען קומט אַרויס אַזוי, אַז עס באַווירקט אויך אַנדערע זיי צו דערזען, האָב איך אַ טאָפּלטע הנאה דערפון. נאָט קלייבט זיך אויס וואָס איר ווילט פאַר אייער טאָכטער, — איז ער שוין געוואָרן אויפגעלייגטער און באַשטאַנען אַז מיר זאָלן פאַרזוכן פון די וויינטרויבן, — פילט זיך ווי גוטע געסט . . . איר זענט דאָך גאָר אַן אויסנאַם צווישן די טוריסטן, וועל איך נאָכדעם אייך באַגלייטן אַ שטיקל וועג. אין אַזאַ אָוונט איז גוט איינצוקוקן זיך אין די בליציקע אויפשיינען וואָס די פייער פליגעלעך אַנטפלעקן אַרויס פון זיך אין דער געדיכטער פינצטערניש וואָס

פאַרהוילט די בערגלעך און טאָלן. מ׳זאָגט אַז דאָס זייַנען גילגולים פון אַ פאַרצייטישער קהילה וועלכע איז אַוועק פון דער וועלט אין אַן ערד־ציטערניש און נישט אויסגעלעבט דאָס ערדישע לעבן אין דער פולער מאָס ... בלאָנקען זיי אַזוי אַרום אין דער פינצטערניש זוכנדיק אַ תיקון. כ׳האָב אַפילו אַמאָל געפּרוּווט אויסהאָמערן פון זיי געשטאַלטן, האָב איך זיך שיִער נישט די פינגער אָפּגעבריט און אַלץ נישט באַוויזן זיי אַרויסצופירן פון דער פינצטערניש ... — האָט ער עפּעס ווי׳ געמורמלט צו זיך אַליין און אונדז געפירט דורך די שמאָלע פינצטערע געסלעך ביז צו עפּעס אַ מאָדנע אַלטע געביידע מיט געדרייטע שטיינערנע שווינדל־טרעפּ וואָס ציִען זיך ווי אַ שרויף אַרויף צום טורעם אין דער הויך וואָס איז געווען באַלויכטן פון אַלע זייטן און פון וואַנען עס האָט זיך געריסן מיט אַ שטורעם אַ פאַרטויבנדיקע מוזיק, — אויך דאָס איז אַ גילגול פון אַמאָל. מ׳זאָגט אַז ס׳איז אַן איבערבלייב אַזש פון די צייטן פון די קרייצטרעגער. יאָרן לאַנג האָט מען מורא געהאַט צוצוקומען אַהער ביינאַכט צוליב די נישט־גוטע וואָס זאָלן זיך דאָ האָבן באַזעצט נאָך דעם ווי די ישמעאלים האָבן צעשטערט די פעסטונג אַרום און בלויז דעם טורעם געלאָזט ווי אַ זכר. דער פּחד פאַרן אָרט האָט זיך נישט אָפּגעטאָן אַפילו נאָכדעם ווען מ׳האָט שוין אויסגעפונען אַז ס׳איז גאָר געווען אַ באַנדע רויבער וואָס אין משך פון טאָג זייַנען זיי געווען חשובע באַלעבאַטים און ביינאַכט האָבן זיי זיך פאַרשטעלט פאַר נישט־גוטע און אין דעם טורעמל דורכגעפירט משונהדיקע אָרגיעס און ווער עס האָט פאַרבלאָנדזשעט נאָענט פון דעם אָרט, איז שוין קיין לעבעדיקער נישט אַוועק. צפת איז דאָך פול מיט גילגולים, האָט מען דאָס אויך אָנגענומען ווי אַ גילגול פון יענע וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן און געבליבן צו פאַרטיידיקן דאָס אָרט ביזן סאַמע סוף. מ׳האָט דאָס אָרט דערפאַר געוויכט ווי אַ טמא־פּלאַץ וואו מ׳טאָר נישט דערמאָנען גאָטס נאמען. ערשט אין די לעצטע יאָרן איז געקומען אַן אויסלענדישע געזעלשאַפט וואָס האָט דווקא געזוכן אינעם שלעכטן נאָמען פון דעם אָרט אַ סגולה פאַר גוטע געשעפטן פון אַ באַשטימטן מין. מ׳האָט איבערגעפאַרבט דאָס טורעמל און עס באַלויכטן פון אַלע זייטן און געעפנט דאָרט אַ נאַכט־קלוב וואו מ׳קומט הוליען נאַכט אויף נאַכט פאַרטויבנדיק די געגנט מיט דער שרייענדיקער מוזיק פון דער היינטיקער צעטומלטער וועלט וואָס קען זיך אויך קיין אָרט נישט געפינען. דער אַמאָליקער גילגול קריגט דאָ זייַן תיקון און ציט צו אָרגיעס־פּראַוווער פון נאָענט און ווייט. — האָט ער שוין מיט אַ ביטערלעכן טאָן צוגעגעבן און אוועקגעאײַלט ביז צום ראַנד פון אַ

האלב באַלויכטן בערגל, — איך האָב אייך געבראַכט אַהער נישט נאָר צוליבן טורעמל נאָר כדי איר זאָלט פון דאַנען אַ קוק טאָן אַהין לינקס. דאָרט זאָגט מען זיינען עס די פאַרבאָרגענע וועגלעך וואָס שניידן דורך די אַלטע קברים פון די אַמאָליקע אַנשי־מופת. בלויז איין נישט ריכטיקער טראָט דאָרט, איז מען שוין אין אַ תהום. מיט יענע וועגלעך האָט זיך קיינער נישט געריכט וועט ווער עס איז וואַגן אין דער געדיכטער פינצטערניש אַריינצוקומען אין שטאָט. האָבן אונדזערע שכנים טאַקע נישט געהיט די היילן וואָס זיינען פאַרבאָרגן דאָרט. און ווען אונדזערע בחורים האָבן זיך אין אַ וואַך־נאַכט פון דער באַפרייאונגס מלחמה אַריינגעשלייכט דאָרט אַרום און באַפרייט די שטאָט, האט נישט איינער פון זיי פאַרזיכערט, אַז ווען נישט די פייער־פליגן וואָלט ער שוין זיכער געבליבן דאָרט ערגעץ אין אַ תהום . . . זעט נאָר דעם שפּיל פון די אויפבליצן דאָרט.

— זעט איר אין דעם זייער תּיקון? — האָט ווער ממש מיט אַ ציטער אַ זאָג געטאָן ווען אין דער ווייטער פינצטערניש האָבן פלוצים אויפגעבליצט ליכט־פלעקן וואָס האָבן זיך געהויבן אָט אין אַ גלייכער ליניע און אָט זיך פאַרקרימט ווי זיי וואָלטן געזוכט צו באַלויכטן דעם וועג.

— הייסט עס, אַז פאַר אונדזערע אויגן, קענען נאָך געבוירן ווערן לעגענדעס און מ'זאָל זיי אָננעמען ווי ווירקלעכע געשעענישן? — האָט זיך אַן אנדערער גענומען שפּאַרן.

— אויף דערויף איז עס דאָך צפת, — האָט אונדזער באַגלייטער זיך גענומען געזעגענען מיט אַ וואַרעמען האַנט־דרוק פאַר יעדערן פון אונדז, — פאַר מיר איז די נעכטיקע לעגענדע אַ לעבעדיקער קוואַל פאַר דער היינטיקער ווירקלעכקייט, פיל איך דעריבער אויך דעם שטאַרקן כוח פון דער היינטיקער לעגענדע . . .

# ביי אַ גלעזל טיי
# מיט אַ יונגן עברית פּאָעט

אַ נאָענטער פריינד, וואָס איז אויך אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין איינער פון די אַרבעטער צייטונגען, האָט אונדז פאַרבעטן צוצוקומען אין רעדאַקציע אויף עלעף אַזייגער אין דער פרי.

— איר וועט אונדז זען ביי דער אַרבעט און זיך אַ ביסל דורכשמועסן. ס׳איז גאַנץ נישט פאָרמעל, אָן פּאָמפּע. דאַרפסט זיך גאָרנישט צוגרייטן. כ׳ווייס נישט גענוי ווער עס וועט זיין און ווי אַזוי עס וועט זיך איינפעדעמען. די אָפיציעלקייט איז אונדז שוין דערעסן. אַ גלאָז טיי איז דאָך אַלעמאָל דאָ, וועט מען אַזוי זיך שמועסן און זיך באַקענען. למען השם, עלעף אַזייגער.

פונקט איז עס איינער פון די טעג אויף וועלכע די ניי־געקומענע זאָגן: „זיי מעגן וואַקסן קלענער און דויערן ווייניקער״ . . . אַ פייכטע חמימה מיט אַ זאַמדיקער געדיכטקייט וואָס מאַכט פון אַלע גלידער איין שטיק קלעפּיקייט. די רעדאַקציע איז אַ ביסל ווייטלעך פון דער געגנט וואו מיר וואוינען, פאָרט מען אַרויס באַצייטנס. די גאַס איז נאַטירלעך נישט שווער צו געפינען, אָבער דער אָנגעגעבענער נומער איז אויף דער גאַס נישטאָ. קיין שילדל אָנצעווייזן דעם אַריינגאַנג איז אויך נישטאָ. טאַפּטשעט מען אין זאַמד, ס׳איז שוין כמעט עק שטאָט און מ׳פרעגט איילנדיקע פאַרבייגייער. קיינער ווייסט נישט. ערשט ביים עק גאַס צעשמייכלט זיך אַ ליכטיק פאַרברוינט פנימל פון אַ בחורל נאָר וואָס פון דער שול־באַנק אַראָפּ — די „אום־נומערן״ אויף דער גאַס זיינען אַלע נישט פון פאָרנט נאָר פון הינטן. אַהין קומט מען צו דורך די ליקלעך צווישן מויער און מויער. דער לערער פון תנ״ך האָט אונדז דערקלערט, אַז ביי אונדז דאַרף זיין „איין טפח אָפן און צוויי טפחים פאַרדעקט״ . . ., — ווייס איך נישט צי ער חוזקט אַזוי אָדער מיינט עס ערנסט — איר זענט דאָך עפּעס אין תנ״ך לאַנד. דאָס פאַרדעקטע איז דאָ מער פונעם אָפענעם. לאָמיר זשע זוכן דאָס ליקל וואָס וועט אייך ברענגען צו אייער פאַרהוילענעם נומער — שפרינגט דער עברית פון זיין געשליפן ציינגל אי מיט יוגנטלעכער שטיפערישקייט און אי מיט אַ נאַטירלעכן אַלטן ערנסט.

קוים זיך אַריינגעשטעלט אין אויפנאַמס־צימער אַ פּאַרמאַטערטער, באַגעגנט אונדז דער אינפּאָרמאַטאָר מיט אַ פּנים פול וואונדער נישט מפסיק זייענדיק פון דעם געטראַנק מיט וועלכן ער האַלט זיך אין קוויקן:

— אין דער צייט פון טאָג, ווילט איר דאָ עמעצן טרעפן?

— זיך באַשטעלט אויף עלעף אַזייגער.

— אַהאַ — מאַכט יענער אַ מאָדנע גרימאַסע צווישן איין שלונג און דעם אַנדערן, — אַזוי איז עפּעס אַנדערש, וועל איך פאַר אייך באשטעלן אַ גלאָז טיי. מ׳זעט דאָך אַז איר זענט אַ גרינער, נעבעך — קלינגט ער ערגעץ אָן נאָך טיי און לאָזט זיך דערווייל וואוילגיין אויפן חשבון פונעם גרינעם, — באַשטעלט אויף עלף אַזייגער, זאָגט איר, זינט איך בין דאָ ביי דעם טעלעפאָן און דאָס שוין נישט פון נעכטן, איז נאָך דער פריינד אייערער נישט געווען דאָ אין דער צייט, נאָר — ציט ער אויס יעדן זילב ווי ער וואָלט ממש פאַרזוכט יעדן קלאַנג, און ס׳איז מיר נאָך אַלץ נישט קלאָר צי ער באַדויערט מיך אָדער חוזקט אַ ביסל אונטער — אויב ער האָט געמאַכט אַזאַ אויסנאַם מיט אייך, זענט איר דאָך מן הסתם נישט גלאַט קיין טוריסט, האַ? לאָזט מיך טרעפן — שמייכלט ער שוין גוטמוטיק, — קיין מעצענאַט נישט, אַוודאי נישט. מיט אַזאַ איינעם גייט אַלעמאָל אַ גבאי ראשון פאָראויס און ס׳איז אַ „פּאָר אָקלאָק ביזנעס" און חברה איז שוין אוסגעסטראָצלט אויף די בענקלעך אָנשטעלנדיק די כלים. סתם אַ פריינד אַ לאַנדסמאַן? וואָלט איר דאָך געדאַרפט וויסן, אַז ער וואוינט ווייט, ערגעץ ביים ים און ס׳איז אַזאַ חמימה, — דערכאַפּט ער זיך אַז ער מאַכט זיך שוין צו לוסטיק איבערן גרינעם און וויל עפּעס זיך אַליין און יענעם פאַרענטפערן אַ ביסל, — כ׳דערמאָן זיך טאַקע, אַז ערשט מיט אַ שעה צוריק האָט ער זיך נאָכגעפרעגט אויף אייך טעלעפאָניש. כ׳האָב נישט געכאַפּט דעם נאָמען. איר זענט אַוודאי אַ שרייבער. יאָ, יאָ, יאָ, דאָס איז עס, גלייך געוואוסט. ווי דען? ער האָט זיך מיט עפּעס פאַרהאַלטן און וועט זיין דאָ צוועלף אָדער איינס. איר קענט דערווייל וואַרטן ביי אים אין צימערל, כ׳וועל אייך נאָכשיקן אַהין די טיי. און אָט איז טאַקע די טיי — גיט ער מיך איבער אין די הענט פונעם טיי־ברענגער וואָס פירט מיך אַרויף צו אַ צימערל ד׳ על ד׳ וואו עס שטייען צוויי טישלעך מיט אַ פּאָר בענקלעך און הויפנס פּאַפּירן וואו נאָר דאָס אויג פאַלט.

דאָס טישל מיטן טעלעפאָן איז ווייזט אויס מיין פריינדס, ווייל ביים צווייטן טישל זיצט איבערגעבויגן איבער אַ בויגן פּאַפּיר אַ יונגערמאַן מיט אַ שוואַרצער געלאָקטער טשופּרינע און פאַרדרייטע וואָנצעס ווי שפּיזלעך וואָס פּאַסן זיך עפּעס לחלוטין נישט צום מילד קיילעכדיקן פּנים. כמעט ניט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, איז די האַנט זיינע שוין געווען אויסגעשטרעקט צום גלאָז טיי, נאָר דערפילנדיק מער ווי דערבליקנדיק אַז אַ פרעמדער שטייט הינטער דעם טיי־ברענגער אַן אומבאַהאָלפענער, האָט ער גלייך צוריקגעצויגן די האַנט און זיך פאַרלעגן אַ וויצל געטאָן, — פון ווען אָן גייט עס די טיי פאַרן אורח, משה?

— תיכף וועט זיין טיי פאַר אייך אויך, — איז אים יענער נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער, — אַ שרייבער פון גלות געקומען צו אייער קאָלעגע.

— טרינקען טיי! — האָבן ביידע מיטאַמאָל זיך צונויפגעטראָפן אין אַ לייכט שפּאָטנדיקן בליק וואָס האָט גלייכצייטיק גוטמוטיק געשמייכלט צום גאַסט, — ס׳איז חלילה נישט קיין גרינגשעצונג, נאָר פּשוט באַשטעטיקן אַ פאַקט. ס׳איז שוין באַלד אַ ריטואַל וואָס אַלע גייען דורך ביי אונדז. קומט אַ גאַסט, לייגט מען אַוועק אַלע אַרבעטן און מ׳באַגיסט אים צום אַלעם ערשטן מיט טיי. דערנאָך ווערט ער באַשריבן ווי אַ טייל פון דער גייסטיקער בריק צווישן דער גולה און אונדז, אַ שאָד נאָר וואָס אויף די ראַדיאָ כוואַליעס פון „קול ישראל" קען מען נישט ווייזן ווי די שטראָמען טיי ריזלען זיך איבער דער גרויס־צונגיקער, צוקערדיקער בריק. איר קענט זיך פאָרשטעלן וואָס עס וועט זיך דאָ טאָן ווען מיר וועלן האָבן טעלעוויזיע? דאָס צימערל דאָ וועט זיך אויספּוצן און ———

— איז איצט, הייסט עס, מיין רייע און איר זענט דאָ פון די משמשים בקודש הריטואל, — וויל זיך עפּעס מיטאַמאָל מיטשפּילן אין דעם לייכט שפּאָטנדיקן אופן פון באַקענען זיך מיט אַ מענטשן, וועלכן דו באַגעגנסט צום ערשטן מאָל און שוין אַריין אין אַ מאָדנעם פאַרמעסט. אַ שאָד טאַקע וואָס קיין טעלעוויזיע האָט איר נאָך נישט און מיין פריינד האָט מיך נישט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם.

— וואָס זשע וואָלט איר אַ שטייגער געטאָן ווען איר ווייסט פון פאָראויס?

— כ׳ווייס, כ׳וואָלט אַוודאי אָנגעקלעפּט אַ צעטל מיט מײַן נאָמען אויפֿן שטערן און מיטגעבראַכט מיט זיך אַ בענקל, — קומט עס אַרויס עפּעס ווי פֿון זיך אַליין די אָנצוהערעניש, אַז זיי האָבן מיך נישט געפֿרעגט ווי איך הייס און נישט געבעטן זעצן זיך.

— געערעכט, מיטן גרעסטן כּבֿוד, זעצט זיך. רײַניקט אָפּ אָט די שטול פֿון די פּאַפּירן וואָס זײַנען אָנגעבריייט מיטצוגעבן אײַך, — צעלאַכט ער זיך הויך אויפֿן קול, — מײַנט נישט אַז מיר זײַנען חלילה נישט גאַסטפֿרײַנדלעך. ס׳ווערט בלויז אַ ביסל צוגעגעסן און פֿאַרשלינגט אַ מאַסע צײַט! — נעמט ער זיך מישן די בלעטלעך וואָס ליגן פֿאַר אים ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט, נאָר דער טיי־ברענגער לאָזט נישט אָפּ — דער גאַסט האָט דאָך נאָך קיין איין שלינג טיי נישט פֿאַרזוכט, כּדאַי צו וויסן ווי ער הייסט, פֿרעג אים אויס — אײַלט ער אַוועק אָן אַ זיי געזונט — מ׳קלינגט שוין דאָרט.

— אויב איך שטער אײַך, וועל איך וואַרטן ערגעץ אַנדערש, — וויל איך אים אַרויספֿירן פֿון דער פֿאַרלעגנהייט.

— אָ ניין, דעם אמת געזאָגט בין איך צופֿרידן וואָס איר זענט אַרײַנגעקומען. מ׳קען דען אַרבעטן אין אַזאַ חמימה. ווען נישט וואָס אײַער פֿרײַנד האָט מיך געבעטן צו זײַן דאָ, וואָלט איך מן הסתם הײַנט נישט געווען אַרײַנגעקומען. ער האַלט פֿון אײַך זייער. צווישן שרײַבער, ווייסט איר דאָך איז דאָס אַ זעלטנקייט. בין איך פּשוט געוואָרן נײַגעריק. ער זאָגט מיר אַז איר זענט כּמעט אַן אומדזעריקער, כאָטש איך קען זיך נישט פֿאָרשטעלן אַז אַ ייִד פֿון דער גולה און בפֿרט אַ ייִדישער שרײַבער זאָל קענען פֿאַר אַזאַ באַטראַכט ווערן. אַפֿילו אײַער עבֿרית, זאָלט איר מיר מוחל זײַן, איז אונדז פֿרעמד. וואָס אייגנטלעך קומט איר זען דאָ? — האָט אַ זשמוט פֿון דער טשופּרינע פּלוצים זיך אַ וואַלגער געטאָן איבער אַ האַלב פּנים און דער טאָן וואָס האָט באַגלייט די פֿראַגע האָט קלאָר אונטערגעזאָגט, אַז עס גייט אים נישט אַזוי אין דעם ענטפֿער ווי אין דעם תּרעומתדיקן פֿאַרטשעפּען און אַרײַנזאָגן.

— איר פֿרעגט עס אַזוי אַלעמען? מעג מען אפֿשר וויסן וואָס זיי זאָגן אײַך, וואָס איר תּרעומתט אַזוי? — האָט עס אין מיר אַרויסגערופֿן אַ טראָציקייט און אַ חשק נישט צו שמועסן נאָר אַרײַנזאָגן — איר ווילט דען

באמת וויסן? איר האָט דאָך אַפילו נישט געפרעגט ווי איך הייס און וואָס איך טו דאָרט. ביי אייך איז מן הסתם רעכט בלויז צו מאַכן זיך אַ צייכן, אַז איך בין געקומען צוזאַמען מיטן גלאָז־טיי אויף וועלכן איר האָט געוואַרט. ס׳קען אייך נאָך דינען פאַר אַ קלוגיטשקער שורה אין אַ ליד.

— איר ווייסט, הייסט עס, ווער איך בין און מיינע לידער געפעלן אייך נישט — איז ער ממש אויפגעשפרונגען, אי געטראָפן אי פאַרוואונדערט — מ׳לייענט מיך אין דער גולה אויך?

— איז דאָס אַלץ וואָס אייך אינטערעסירט וועגן אונדז? איז דער ענטפער, מיר קענען אייך און אויך אַ סך פון אייער דור, אָבער מיר זעען נישט ישראל דורך אייך. מיר, איך מיין בלויז מיך אַליין, איך האָב נישט קיין רעכט צו רעדן אין עמעצנס נאָמען, לייענען אייך, אָבער אָננעמען קענען מיר אייך נישט. אונדזער געפילס־וועלט איז גאָר אַנדערש פון אייערער. אייניקע פון אייך מאַכן אויף מיר דעם איינדרוק ווי די אויסגעטריקנטע טייכלעך דאָ וואָס בלויז דער תנ״ך געדענקט זייער נאָמען. ווי אַזוי האָט איר עס אין איינע פאָר צענדלינג יאָר אויסגעטריקנט אין זיך די גאַנצע יידישע געפילס־וועלט?!

— דאָס איז דאָך מיין שטענדיקע טענה צו דיר, יהודה, — האָט אַ שטיל צאַרטע שטימע פון דער זייט זיך אַריינגעמישט — טראָגסט אַזאַ פיינעם עכט יידישן נאָמען און האָסט אַזאַ ליכטיק פנים און פאַרשטעלסט עס מיט דיין שוואַרצער טשופרינע און אויסגעליענע ווערטער פון דער פרעמד. מער ווי נאָכמאַכן וועסטו נישט קענען, ווען דו פאַרטריקנסט דעם אייגענעם שאַפונגס קוואַל. — האָט דער אַריינגעקומענער זיך צוגעזעצט ביים נאָענטן טיש.

— באַקענט זיך, דאָס איז דער פּאָעט בן־ימין — און דאָס איז אַ שרייבער פון גולה, — האָט מיין גאַסטגעבער אויף שנעל אונדז באַקענט און גלייך אַ פאַרטשעפּע געטאָן אין אַ היציקן טאָן — איר זענט ביידע געשלאָגן מיט דער זעלבער מחלה וואָס הייסט נאָסטאַלגיע. מיט דיר אָבער, בן־ימין, אַרבעט איך דאָך ביי איין טיש, וועל איך זיך אויסטענהן אַן אַנדערש מאָל, ער אָבער וועט דאָך מיר באַלד אַוועקפאָרן און צעבענקען זיך ערגעץ אַנדערש, מוז איך אים זאָגן—

— איידער דו זאָגסט אים, — האָט זיך בן־ימינס פאַרברוינט פנים

צעשמייכלט — ווייל איך בלויז פרעגן: איז דען נישט עכטער דאָס געפיל פון זיין אַ טייל פון אַן אַלטן שעפערישן שטאַם וואָס דערוואַכט איצט אויף אַלטער ערד און זאַפּט איין זיך איין דעם ריח פון דער גאַנצער וועלט, ווי דאָס געפיל פון אַ יונג שפּראָצונגל וואָס איז ערשט היינט אויפגעקומען און דער חמסין באַפאַלט עס פון אַלע זייטן מיט זאַמדיקער געדיכטקייט. אַזאַ ווי ער, דווקא דורך זיין נאָסטאַלגיע, דאַרף זיין פאַר אונדז זיין אַן אָפענע לונג צום אָטעמען.

— אויך דאָס איז אַ טייל פון דער פאַרעלטערטער נאָסטאַלגיע און עס איז שוין די העכסטע צייט אַז איר זאָלט וויסן — האָט זיך מיין גאַסטגעבער צעהיצט, — אַז פון דער נאָסטאַלגיע מיט וועלכער איר לעבט דאָרט אין דער גולה, איז דאָ שוין לאַנג קיין שפּור נישטאָ. פאַרשאָטן געוואָרן פון מדבר־זאַמד, און די פאַרשטיינערטע בערג טראָגן מער נישט קיין שום אָפּשיין פון דעם וואָס ס׳איז געווען. אָט נעמט אַפילו דעם געגנט דאָ אין וועלכן מיר געפינען זיך. וואָס פאַר אַ קלינגענדיקער נאָמען ער טראָגט. פון דער סאַמע הערקאַ פון די ערשטע טעג פון תנ״ך אַרויס, און וואָס זעט איר דאָ איצט? אַן אויסגעטריקנט טייכל און שנעל אויפגעשטעלטע הייזער מיט אַן אָנגעלאָף פון אַן ערב־רב פון אַלע מדבריות אַרויס. און פון דער נייער הערקאַ? — איז ער נאָך עפּעס שאַרפער און שפּיציקער געוואָרן, — איר באַגייסטערט זיך און באַוואונדערט און ווייסט נישט, אַז אויך דאָס איז שוין פאַרדעקט מיט גרינס און שטיינערן געבוי. אינעווייניק אָבער טאַטשעט אַ וואָרעם פון איינזאַמקייט.

— איר נעמט עס אַלעמען אַזוי אויף מיט אַזאַ פולן כוס פון ביטערקייט?

— האָב איך פאַרלוירן דעם חשק אָנצוהייבן באַווייזן אים די וואונדערלעכע שיינקייט וואָס שטראַלט אַרויס פון דעם נסימדיקן ישראל ווערק, און אים בעסער געוואָלט אַריבערפירן אויף אַ לייכטערן טאָן. ער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט און ווייטער געטרעומטעט, — ווייסט איר נאָך אַלץ נישט, אַז מיר האָבן כמעט נישט קיין שייכות מיט אייך מער? מיר זיינען אינגאַנצן אַ ניי פאָלק דאָ, וואָס איר קענט אַפילו נישט באַנעמען וואָס מיר זיינען. מיר ווילן, נישט, אַז איר זאָלט אונדז כסדר דערמאָנען אינעם אַמאָליקן שותפות אונדזערן. איר קומט געפינען דאָ אייער פאַרלאָרענעם גן־עדן. ער איז דאָ נישטאָ. און אויב מיר האָבן דאָ עפּעס אויפגעטאָן, וואָס פאַר אַ חלק האָט איר דען אין דעם, אַז איר זאָלט פון דעם שעפּן נחת און חיזוק?

— האָט דען נישט דאָס פֿאָלק אין גלות דאָס אַלץ אויסגעחלומט און די בעסטע זין און טעכטער, אייערע טאַטעס און מאַמעס, געשיקט אַהער דעם חלום צו פֿאַרווירקלעכן? — האָט ער קוים געלאָזט אַריינשטעלן אַ וואָרט.

— קוקנדיק אויף דיר, האָט בן־ימין אויף זיין דורכדרינגנדיקן שטייגער צוגעוואָרפֿן — וואָלט מען געדאַרפֿט זאָגן אַז דער ליכטיקער חלום פֿון דיינע פֿאָרגייער, האָט געבוירן זייער אַ טונקעלן באַשיידער. אויב דיינע אייגענע קוואַלן זיינען פֿון דיר פֿאַרהוילן, ווי אַזוי וועסטו קענען אייגנס באַשאַפֿן?

עס האָט אָבער נישט אויסגעזען אַז ער הערט אַפֿילו וואָס מ׳זאָגט אים. ער האָט זיך אַזוי צעהיצט, אַז ס׳האָט עפּעס פֿון אים אַרויסגערעדט אין דעם אָנגעגליטן צימערל אַריין און ווייטער נאָך פֿון דעם — איר קומט קוקן. פֿאַר וואָס זאָלן מיר אייך דאַרפֿן ווייזן? ס׳איז אונדז שוין דערווידער דאָס דאַרפֿן זיך אויסשטעלן פֿאַר אַלעמען. מיר ווילן זיין סתם אַזוי אַ פֿאָלק אין ציון, אָן התחייבותן פֿאַר אַמאָל און פֿאַר וועמען עס איז. סתם אַזוי — איז ער פּלוצים שטיל געבליבן און זיך אַרויסגעיאָגט פֿון צימער.

— ער איז אַ גוטער חבר — האָט מיך בן־ימין ווי געוואָלט איבערבעטן און באַרואיקן און דערלאַנגט אַן אויסשניט פֿון יענעמעס אַ ליד, — גאָר אַ היפּש ביסל „לא בסדר״. לייענט וועט איר זען ווי ער ראַנגלט זיך מיט זיך. עס קען זיין אַז דאָס בין איך שולדיק וואָס ער האָט זיך אַזוי צעקאָכט. נישט געדאַרפֿט זיך אַריינמישן. איך קען אָבער נישט פֿאַרשטיין ווי אַזוי אַ פּאָעט, זאָל נישט וועלן טראָגן קיין אחריות און קיין שום התחייבות. וואָס איך טו איצט איז נאָר דערפֿאַר ווײל איך טראָג התחייבות פֿאַר זיך און פֿאַר אונדזער לעבן דאָ, און אויף וויפֿל עס וואַקסט אַרויס אויך פֿון אייך דאָרט, גייט עס מיך שטאַרק אָן. ער אָבער, איז עפּעס אין גאַנצן אין דרויסן. איך האָף אָבער, אַז ווען ער וועט זיך אָפּקילן וועט ער אייך לויפֿן זוכן. מיינט איר נישט אַזוי? — האָט ער זיך געזעגנט און מיך געלאָזט וואַרטן אויף מיין פֿריינד.

# אויפן אייבערשטן און אונטערשטן שטאָק

## א

ביז דער עולם וועט זיך צונויפקלייבן, וועלן מיר זיך דערווייל אַריינכאַפּן אָפּצוגעבן שלום עליכם אונדזער הויפּט־רעדאַקטאָר, — האָט זיך ענדלעך באַוויזן מיין פריינד אַ שמייכלענדיקער, און אין איילעניש גענומען איבערקוקן אַ פּאָר פּאַפּירלעך אויף זיין טיש, — ס׳איז די אמתע חמימה היינט, קומט מען אַביסל שפּעטלעך, — האָט עס אויסגעזען כמעט ווי אַ פאַרענטפערן זיך פאַרן נישט קומען צו דער באַשטימטער צייט, — ס׳האָט זיך פּשוט נישט געגלוסט אָפּצורייסן זיך פונעם ים. כ׳האָב טאַקע געוועזן געדאַרפט באַשטעלן זיך מיט אייך דאָרט ביי מיר, האָב איך דאָך אָבער געוואָלט אייך באַקענען דאָ מיט מענטשן. האָט איר דערווייל געפּאַטערט אַ גאַנצן טאָג באַלד — לאָזט ער נישט אָפּ שמייכלענדיק, אָבער עס קומט עפּעס אַרויס ווי סתם אַ פּזמון פאַר יוצא וועגן — מיר וועלן עס דערפאַר זען פאַרריכטן פון איצט אָן. און ווי איז געוועזן די באַגעגעניש מיט אונדזער פּאָעט, מיט יהודהן? כ׳האָב אים געטראָפן אונטן אַ שטאַרק אָנגעדרודלטן. ווייזט אויס געוועזן גאַנץ הייס צווישן אייך. דאַרפסט אים נישט נעמען צו ערנסט, וואָס ער זאָל נישט האָבן געזאָגט. ער ביטערט כמעט אויף אַלעמען. מיר וועלן נאָך אפשר רעדן וועגן דעם, דערווייל צום רעדאַקטאָר. ער איז ערשט נעכטן צוריקגעקומען פון אַ רייזע מעבר לים. געוועזן אין מערב־אייראָפּע און אין מזרח, הינטערן פאָרהאַנג, דאַכט זיך אַז אויך אין אייערע מקומות האָט ער אַריינגעשמעקט. ער מוז אוודאי האָבן אַ סך צו דערציילן. ער איז אַפילו נישט געפאָרן דאָסמאָל אין אַ ספּעציעלער שליחות. מ׳זאָגט אָבער אויף אים אַז ער איז דער מערסטנס אינפאָרמירטער זשורנאַליסט ביי אונדז, און וואו ער זאָל נישט זיין, דערשנאַפּט ער אַ וויכטיקן ענין מיט אַ זעקסטן חוש. ער וועט אוודאי וועלן דערגאַנצן דאָס בילד מיט דעם וואס דו האָסט צו דערציילן. ס׳איז בכלל כדאי זאָלסט אים זען פריער פון אַלעמען. ער קען נאָך אַמאָל פאַריבל האָבן פאַר נישט אָפּגעבן אים דעם כבוד. אַזאַ שוואַכקייט ביי אים צו וועלן זיין דער ערשטער אין די זאַכן. ר׳איז אָבער גאָר אַ גוטער חבר און פריינדלעך דערצו — שטייען מיר שוין פאַר אַ האַלב אָפענער טיר פון אַ צימערל אין סאַמע סוף פון קאָרידאָר.

— חבר ב. עס גייען געסט צו אייך. כ׳וועל גלייך ברענגען נאָך צוויי גלעזער טיי! — איילט אַרויס פון דאָרט דאָס טיי־בחורל מיט אַ פּאָר ליידיקע גלעזער אין האַנט.

דער שלום עליכם איז אַ גאַנץ פריינדלעכער און דער אַריינגעבראַכטער כּיבוד, מאַכט עס פּילן נאָך היימישלעכער, אָבער עפּעס קלעפּט זיך עס פּאָרט נישט. מיר מעסטן זיך עפּעס ביידע אָפּ און זעען זיך נישט. עס פעלט די פּשוטע נייגעריקייט פון וועלן באמת באַקענען זיך און דערוויסן זיך עפּעס. נאָך די ערשטע פּאָר פראַגעס ווי „ווען פאָרט מען צוריק״ און מ׳פּאַרבייסט אינמיטן סתם פּאַר יוצא וועגן מיט אַ „ווי זשע געפעלט אייך עפּעס״, וואָס קען אַפילו מיינען אויך פּאַראינטערעסירונג, אָבער צום פּשוטן וועלן וויסן „וואָס טוט אַזאַ ייד ווי איר דאָרט אין אייערע מקומות? — קומט עס נישט. דערנאָך קומט די געוויינטלעכע פראַגע וואָס איז שוין אַ קלאָרע טענה: „ווען זשע באַזעצט איר זיך דאָ?״ און עס בלייבן שוין בלויז איבער אַ פּאָר סתם איבערבליקן און נישט קלאָרע זייטיקע פראַגעס און ענטפערס, וואָס פּלאָנטערן זיך ווי צויטן פון אַ צעטעפּעטן מלבוש. זופּט מען די טיי, און מיין פריינד באַמיט זיך אַרויסצופירן פון דער פאַרלעגנהייט דורך דערציילן עפּעס וועגן גאַסט, ווען ער גיט ער באַזוך אין צפון־אַמעריקע און גיט צו, סע איז פאַר אים געווען אַן אמתע איבערראַשונג וואָס ער האָט דאָרט געזען. מ׳ווייסט דאָ זייער ווייניק וואָס עס ווערט געטאָן אין דעם לאַנד פונוואַנען דער גאַסט קומט. דערביי גיט ער אָנצוהערן דעם גאַסטגעבער, אַז ער האָט אַ גוטע געלעגנהייט צו קריגן ערשט־האַנטיקע אינפאָרמאַציע פון דאָרטיקן לעבן, וואָס וועט זיכער פאַראינטערעסירן די לייענער. זיי טוען דאָרט אַ גרויסע אַרבעט און אונטער זייער שווערע באַדינגונגען.

דער גאַסטגעבער האָט אים מכּלומרשט אויסגעהערט און געלאָזט דעם פאַטראַכטן בליק זיינעם בלאָנדזשען פון די ליידיקע טיי גלעזער ביז איבער די פּנימער פון די צוויי צוהערער זיינע אַ גאַנץ היפּשע ווײַלע, און עפּעס ווי פון אַ מיטן גענומען מסביר זיין אונדז, דער עיקר אָבער צו מיין פריינט, אַז ער קומט איצט פון אַ לאַנגער נסיעה פון וועלכער ער האָט אַ סך צו דערציילן. ס׳איז געווען מער ווי נאָר אינטערעסאַנט. ס׳איז ממש אַן איבערלעבונג געווען אַרויסצוקריכן פון דער ענגשאַפט אין וועלכער מ׳פּילט זיך דאָ אָפּט גייסטיק און פיזיש און אַ שווים טאָן אין אַ גרויסן ים.

— נישט פאָרנדיק אין קיין באַשטימטער אָפיציעלער שליחות, — האָט

זיך אונדזער גאַסטגעבער געמאַכט באַקוועם אונטערשפּאַרנדיק דעם הינטערשטן טייל קאָפּ מיטביידע הענט און מיט אַ ליבלעכן שמייכל ממש באַוויזן באַשיינפּערלעך, אַז יענע טיפע הנאה לעבט ער נאָכאַמאָל איבער דאָ איצט, — בין איך הייסט עס געווען פריי צו קענען פאַרלירן זיך אינעם אַלגעמיינעם שטראָם. בקיצור, כ׳האָב זיך אויסגעטאָן פונעם יאָך און ממש אַרומגעגאַנגען אָן אַ מאַנטל, וואָס יעדער פון אונדז מוז כסדר טראָגן.

נאָך דער הקדמה וואָס איז אַרויסגעקומען פון אים אין איין שלוק, איז אַוועק אַ פּאַמעלעך אויסרעכענען אַ לאַנגן צעטל פון טעאַטערס וואָס ער האָט באַזוכט און וועלכע מוזעאומס און אויסשטעלונגען ער האָט געזען און מיט וועלכע אינטעלעקטואַלן ער האָט זיך געטראָפן. ער האָט זיי ממש אויסגעצילעוועט אויף אַ זיידן שטריקעלע און איינציקווייז געציילט און נאָך אַמאָל זיך געקוויקט. מיין פריינד, וואָס פאַרנעמט זיך אויך מיט קונסט און טעאַטער־קריטיק, איז אַזוי אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם, אַז ס׳האָט זיך גלייך אָנגעהויבן אַ צווישן־שמועס און אַ כסדרדיק פאַרגלייכן מיט דעם וואָס ווערט געטאָן אין לאַנד, ווי הינטערשטעליק מ׳איז דאָ כמעט אין אַלץ. ס׳איז געוואָרן ווי אַ מין געפּעכט צווישן זיי אַרויסצוברענגען וואָס מער דאָס געפיל פון מינדער־ווערטיקייט לגבי דער גרויסער קונסט־וועלט און די זייטיקייט פון די ענגע שליאַכן אין וועלכע מ׳לעבט דאָ. מיין פריינד האָט זיך פשוט נישט געקענט איינהאַלטן נישט אויסצודריקן זיין מקנא זיין דעם דערציילער פאַר זיין האָבן אַזאַ גליקלעכע געלעגנהייט צו קענען זיך אַזוי אָפּפרישן. — לאו כל אדם זוכה. — האָט ער זיך אַזש געהויבן פון בענקל, — מ׳ווערט דאָ צוגעלעגערט, — איז ער פּלוצים אַריבער אויף יידיש און מיך אָנגענומען ביי דער האַנט — אַזאַ ווי דו, קענסט עס נישט אַזוי פילן ווי מיר, וואָס זיינען שוין דאָ אַזוי פיל יאָרן . . .

— און מיט יידן האָט איר זיך גאָרנישט געטראָפן? — האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט נישט גלאַט אַזוי פון נייגעריקיט וועגן.

אַ מידער שמייכל האָט זיך אַ קנייטש געטאָן אויף זיין פנים און זיך צונויפגעטראָפן מיט עפּעס ענלעכס אויף מיין פריינדס צערודערטן פנים.

— כ׳האָב עס גאָר נישט געזוכט דאָס מאָל, — האָט ער אונדז באַגלייט ביז דער טיר, — מ׳וואַרט דאָך דאָרט שוין אויף אייך. פאַרגעסט נישט אַריינצוגיין צום רעדאַקטאָר פון אונדזער קינדער־צייטונג. דאָס וועט דאָך

אייך ספּעציעל אינטערעסירן.

עס האָבן שוין טאַקע אויף אונדז געוואַרט די הויפּט־מיטאַרבעטער וואָס פירן אָן מיט ספּעציעלע אָפּטיילן. דער שמועס האָט זיך גלייך אָנגעהויבן און אָנגעהאַלטן אַזוי אויף איין פוס, ווייל די טיי האָט מען דאָך שוין אָפּגעטרונקען, — האָט דער אָפּיציעלער פאָרשטעלער געשטעלט דעם היימישלעכן טאָן, און דער עיקר וואָס די גרעסטע טייל פון די אַנוועזנדע געדענקען זיך נאָך פון חוץ־לארץ, כמעט אַלע פון איין געגנט וואָס זשע דאַרף מען פטרן צייט מיט פאָרשטעלן זיך. מ׳קען זיך און מ׳דאַרף זיך נישט ערשט אָנהייבן באַקענען. איצט איז סיי ווי נישט די צייט דערפאַר. אַלע איילן זיך דאָך צוריק צו דער אַרבעט, צו די שרייבטישלעך. ס׳איז פונקט דער טאָג ווען זיי מוזן צושטעלן דעם מאַטעריאַל פאַר זייערע אָפּטיילן, נאָר צוליבן כבוד פונעם גאַסט און דעם ספּעציעלן אינטערעס וואָס זיי האָבן אין דעם וואָס עס קומט פאָר אין דער פּראָווינץ קוויבעק פון וואַנען ער קומט, וועלן זיי זיך צוזעצן אויף אַ ווײַלע. דער היימישלעכער שלום עליכם, האָט דעם אָנגעהויבענעם שמועס באַלד געגעבן דעם אויסזען, ווי מ׳וואָלט פאָרגעזעצט אַן איבערגעריסענע „שיחה״ פון מיט יאָרן צוריק אין אַ לאָקאַל ערגעץ אין פּוילן, וואו מ׳איז מיט די מערסטע פון זיי געווען אויף „דו״ און זיך גערופן ביי די ערשטע נעמען. מאָמענטנווייז האָט מען זיך אינגאַנצן פאַרגעסן וואו מ׳געפינט זיך און וואָס ס׳איז אינמיטן געשען. מ׳איז עפּעס ווי געשוואומען אין דער לופט פון אַ שטייענדיקער צייט. ביסלעכווייז איז מען צוגעקומען צום עיקר וועגן וועלכן דער אַריינפירער האָט גערעדט אין אָנהייב און עס האָבן זיך גענומען דרייען פראַגעס און ענטפערס וועגן דער ראָלע פון קוויבעק אין דער קאָנפעדעראַציע פון קאַנאַדע, די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, פּאָליטישע פּאַרטייען, די „שטילע רעוואָלוציע״ און אירע אויסזיכטן און וואָס פאַר אַן אָרט פאַרנעמט אין איר די לינקע באַוועגונג. דערביי האָבן אייניקע פון זיי אַרויסגעוויזן אַ גאַנץ גרויסע מאָס פון אינפאָרמירטקייט אין דעם ענין און אַפילו פון דער הינטער קוליסן פּאָליטיק און געראַנגל צווישן די פירער. קיין איינער האָט אָבער נישט געפונען פאַר נויטיק צו דערמאָנען אָדער אַרויסזאָגן זיך וועגן דער שטעלונג פון דעם יידישן ישוב דאָ, אָדער אַפילו פון זייערע אייגענע חברים וואָס פירן דאָרט אַ פּאָליטישן טיש לויט זייער נוסח. אַפילו דער איינער פון זיי וואָס האָט געהאַלטן אין איין אַקצענטירן אַז ער איז מער באַרעכטיקט צו זיין מיינונג, ווייל ער האָט נאָר וואָס באַזוכט קאַנאַדע און

אויך פֿאַרבראַכט אַ שטיקל צייט אין מאָנטרעאַל, אַפֿילו אים איז דער יידישער טייל נישט געקומען אויפֿן זינען, ווי ס'איז בכלל נישט געשטעלט געוואָרן די פֿראַגע וואָס יידן טוען דאָרט. און ווען דער גאַסט האָט געפּרוואווט אַריבערפֿירן דעם שמועס אין דער ריכטונג, גיבנדיק ראשי פּרקים פֿון דעם, האָט מען זיך גלייך גענומען הייבן פֿון די בענקלעך.

— שרייבט עס בעסער אָן, — האָט איינער געעצהט גאַנץ פֿריינדלעך, און אַן אַנדערער ביי דער טיר שוין שטייענדיק, האָט פּשוט אומגעדולדיק זיך אַ טשעפּע געטאָן, — מיר ווייסן אַז ס'איז דאָ דאָרט אַ יידישער ישוב און אַז מ'טוט דאָרט עפּעס. אונדז גייט אָבער אָן נאָר איין זאַך, וואָס פֿאַר אַן עליה קומט פֿון דאָרט?

— נעמט אייערע פּראָבלעמען, ר' יאַנקל, און קומט אַהער, וחסל! — האָט אַ דריטער גוטברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן דעם גאַסט אויף דער פּלייצע.

— און אַ חוץ דעם, האָט איר אונדז שוין אין גאַנצן אַרויסגעלאָזט פֿון חשבון?

— סיידן אַ גרוס איבערצושיקן אָדער — האָט זיך ווער שוין אָפּן געוויצלט.

— איר ווייסט, — האָט ווי אַרויסגעפּלאַצט אין אַביסל צו אַ געצערטלטן עברית אַ באַברילטער יונגערמאַן וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אָן אַ זייט און געשוויגן, — כ'וויל איר זאָלט עס וויסן, — איז זיין אָפּגעבערענט פּנים זיך אַזש פֿאַרלאָפֿן אין טיפֿן ברוין, — כ'האָב געהערט וועגן אייער איבעררייד מיטן פּאָעט אונדזערן און איצט זיך צוגעהערט צו אייער שמועס מיט זיי, וואָס איז כמעט דאָס זעלבע, און כ'קען נישט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס זיי ווילן פֿון אַלץ וויסן, אַ חוץ ווער איר זענט און וואָס איר טוט דאָרט ביי אייך. זיי ווילן, ווייזט אויס, פֿאַרגעסן אַז זיי קומען פֿון דאָרט. מיינען אוודאי אַז זייער אייגענער יחוס איז אַ העכערער עפּעס. פֿאַר וואָס זשע זאָגט איר זיי נישט וואָס איר האָט אים געזאָגט? מיר איז דאָס גוט אַריין אין געמיט. איר האָט אים צוגעפּירט צום פֿענצטער האָט מיר דערציילט בן־ימין און אָנגעוויזן: „איר זעט דאָס אויסגעטריקנטע טייכל דאָ אונטן, אַזוי

זעען אַ סך פון אייך אויס. דאָס טייכל קען זיך נעבעך נישט העלפן בייצושטיין דאָס זאַמד און דעם אַרומיקן בראַנד. אַפּילו מיטן דערהויבענעם קוואַליקן נאָמען פון סאַמע תנ״ך אַרויס, קען עס נישט אויסהיטן זיך פון דער פאַרטריקנטקייט אין דער זומער זון. עס מוז וואַרטן אויף דער רעגן־צייט און דערנאָך ווידער טריקענען. עס גיט זיך אָבער נישט אונטער גלאַט אַזוי. אַ געניט אויג זעט ווי יעדער שפּאַלט און שאָטנדיקער אויסבויג טוליעט צו זיך יעדעס פאַרדאַרט גרעזל וואָס איז אַ זכר פון וואַקסן. איר אָבער טריקנט זיך אַליין אויס אָן אַ נאָמען אַפּילו צו לאָזן. אַפּילו די רעגן־צייט וועט אייך דאָך דאָ מער נישט געפינען. איר ווילט טאַקע אינגאַנצן פאַרזונקען ווערן דאָ?

— זייער פּאָעטיש געזאָגט, אַכמעד, — האָט מיין פריינד אַ שמייכלענדיקער זיך דערנענטערט צו אים און אים פאָרגעשטעלט ווי אַן אַראַבישער פּאָעט און זשורנאַליסט וואָס רעדאַקטירט איינע פון די צייטונגען פון דער פּאַרטיי. — ס׳איז אָבער נישט אַזוי פּשוט ווי דו מיינסט. מיר זיינען דאָ אַהער געקומען אָנצוהויבן פון דאָס ניי. מוז מען דאָס אַלטע פאַרשיקן אין דער וועלט פון שיכחה.

— אַזוי מיינסטו אויך? — האָט יענער זיך עפּעס ווי נישט געוואָלט גלייבן, — פאַר וואָס זשע עפּעס פּונקט אָנהייבן דאָ? פאַר וואָס נישט ערגעץ אַנדערש? איך קען עס בשום אופן נישט באַנעמען פאַר וואָס איר ווילט אַלץ פאַרדעקן אייערע נעכטיקע וואָרצלען אונטערן זאַמד. כ׳האָב מורא, אַז איר פאַרלירט דורך דעם די היסטאָרישע געלעגנהייט, וואָס נאָר איר אַליין קענט אויספּירן. איר האָט דאָ צונויפגעבראַכט עדות פון מזרח און מערב, און נאָר דורך אויפזוכן די וואָרצלען פון ביידע און געבן זיי אַ געלעגנהייט צו באַגעגענען זיך מיט כבוד, וועט קענען אַרויסקומען עפּעס נייס. זענט איר אָבער גאָר פאַרליבט אינעם סוף פון ביידן און צווינגט זיך ביידע צו פאַרגעסן. ס׳איז פּשוט אומגלויבלעך: איר קוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די מזרח־עדות און פאַרהוילט פון זיך אַליין דאָס באַזונדערע מיט וועלכן איר האָט געלעבט אין מערב. ווי קענט איר ווערן דאָ אייגענע, אַז איר לעבט ווי פרעמדע אָן די אייגענע וואָרצלען ווי פאַרהוילן זיי זאָלן נישט זיין. ס׳איז אַ פאַטאַלער טעות צו מיינען, אַז מ׳קען באַשאַפן עפּעס נייס פון דער לופטן, — האָט ער זיך פלוצים אָפּגעשטעלט באַמערקנדיק, אַז אין צימער איז שוין כמעט קיינער נישטאָ. מיין פריינד האָלט שוין אויך די טיר אָפן און מיט איין פוס אין

דרויסן. ער האָט זיך, ווייזט אויס, דערפילט געטראָפן דערפון און שאַרפער נאָך שוין כמעט ווי געשריגן — איר זענט פאַר מיר אַ רעטעניש. איך פאַרשטיי אייער גאַסט בעסער פון אייך. אונדזער פריינד יהודה איז דערפאַר אַזאַ טרוקענער פאָעט, וואָס מער ווי זשאָנגלירנדיקע מליצה קען נישט אַרויסקומען פון אים, און אָט דאָס שלאָגט אין ערגעץ נישט אָן, — איז ער ווי דערשראָקן געוואָרן פון אייגענעם קול און זיך אויך געלאָזט צו דער טיר.

— מירן זיך דאַרפן אַמאָל ערנסט אַדורכשמועסן וועגן דעם, אַכמעד, — האָט מיין פריינד אים פאַרהאַלטן מיט אַ פריינדלעכן שמייכלען און פאָרט נישט געקענט פאַרדעקן זיין איבעראַשטקייט — דיין פאָעטישער אויסברוך האָט אפשר אַ סך אמת אין זיך, אָבער רעאַל גענומען איז עס גאָר אַ קאָמפּליצירטער ענין און ווי אַ מאַרקסיסט דאַרפסטו פאַרשטיין, אַז —

— אוודאי פאַרשטיי איך, — האָט אַכמעד שוין אויך אַביסל נאָכגעלאָזט און געוואָלט פאַרטושן אַביסל דעם בייזן טאָן — איך פאַרשטיי אַפילו אַז איצט איילסטו זיך. דאַרפסט נאָך ווייזן דעם גאַסט דעם דריטן שטאָק און די גאַנצע באַלעבאַטישקייט דאָ און דער עיקר באַקענען מיט נאָך אַ פּאָר מענטשן וואָס וועלן נאָך פאַריבל האָבן אויב ער וועט זיך מיט זיי נישט טרעפן. אוודאי פאַרשטיי איך.

— סוף כל סוף, פאַרשטייען מיר זיך פאָרט — האָט מען זיך געזעגנט פונקט אַזוי היימישלעך ווי מ׳האָט זיך באַגעגנט.

## ב

— דער אייבערשטער שטאָק איז דיר שוין מער־ווייניקער באַקאַנט, — גייען מיר איבערן האַלב־טונקעלן קאָרידאָר — און מיין פריינד מורמלט עפּעס ווי צו זיך אַליין, — אונדזער אַכמעד איז אַ וואוילער בחור, נאָר צו אַ שאַרפער. וועגן אייבערשטן שטאָק איז ער גערעכט. מ׳קוקט דאָרט פון אויבן אַראָפּ און אָפטמאָל גאָר אין אַ חלל אַריין. דער צווייטער שטאָק פאַרגליווערט אין בלויז דאָס וואָס דער אייבערשטער שטאָק גרייט צו, — ווילסט זען די מאַשינען? אַ מתנה פון אייערע מקומות, אָבער אַביסל אָפּגענוצט שוין. נישטאָ טאַקע וואָס צו זען דאָרט און ס׳איז טומלדיק אויך. די

מענטשן דאָ זעען בלויז די אותיות וואָס די פינגער האַלטן אין אויסקלאַפּן און אויסגליען אין בליי. זיי האָבן נישט קיין געדולד און קיין צייט צו וויסן וואָס זיי פאַרגליווערן. פרעג ווען דו ווילסט דאָ וואָס ער קלאַפּט אויס, וועט ער אַ פאַרווירטן בליק טאָן אויף דיר און ענטפערן אומגעדולדיק: אותיות. זעסט נישט, אותיות! וואָס די אותיות באַטייטן, וועסטו פון זיי נישט אַרויסקריגן. אויפן אונטערשטן שטאָק אָבער, לייענט מען שוין און מ׳שטעלט צונויף. לאָמיר אַרונטערגיין אַהין. דאָרט אַרבעטן אַ פּאָר פון די ראשונים נאָך, פון דער אַלטער גוואַרדיע. אייניקע פון זיי האָבן זיך אַפילו געגרייט צו ז״צן אויפן אייבערשטן שטאָק טאַקע און דאָך פאַרבליבן אויפן אונטערשטן. זאָלסטו זיך נישט וואונדערן אויב וועסט אָנטרעפן אַביסל פאַרביטערונג.

די לופט איז דאָ גאַנץ געדיכט, אָבער געמיטלעך שטיל. אויף די לאַנגע טישן זיינען אויסגעלייגט געלע בויגנס קאָרעקטורן און ווייסע זייטלעך שוין אין בוך פאָרמאַט. ביי די טישן שטייען צו צוויי און דריי מענטשן פאַרטועען אין לייענען אָדער שפּאַרנדיק זיך אין דער שטיל, אין קורצע אָפּגעהאַקטע פראַזן. מיר גייען פאַרביי אַ טישל ביי וועלכן עס שטייט איבערגעבויגן אַ גרויער קאָפּ, וואָס האַלט זיך אין איין הוידען פון רעכטס צו לינקס, שטאַרק פאַרטיפט אין דעם וואָס ער לייענט. עס זעט אויס, אַז ער וויגט זיך מיט מיטן אינהאַלט וואָס האָט אים אינגאַנצן פאַרכאַפּט.

— במה אתה עוסק, יצחק? כל כך מרתק? (וואָס טוסטו איצט. יצחק? אַזוי פאַרכאַפּנדיק איז עס?)

— מאד מעניין (זייער אינטערעסאַנט). חבל רק שלא יקראו את זה האומרים „נורא מעניין" (אַ שאָד נאָר וואָס עס וועלן עס נישט לייענען די וואָס זאָגן „שרעקלעך אינטערעסאַנט") — ענטפערט יענער נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, — גאָלדענע ווערטער. אָט דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַן אָפּן אויג. וואָס פאַר אַ וויזיע ער האָט עס געהאַט!

— וועמען מיינסטו עס?

— וועמען זאָל איך מיינען אויב נישט בערלען? (קאַצענעלסאָן) אים גלויבסטו יעדעס וואָרט. עס גליט ממש מיט נבואהשן פייער.

— און וואָס זאָגט דיין יפתח אויף דעם?

— וואָס ער זאָגט? — האָט ער אַ מאָדנעם צאַפּל געטאָן, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל דערשפּירט עפּעס אַ געהיימען שטאָך וואָס האָט אים אי אויפגעטרייסלט אי פאַרגליווערט אויף גוטע עטלעכע סעקונדעס. דער גרויער קאָפּ האָט זיך מיט גרויס שווערקייט קוים קוים אויסגעגלייכט און געשטאַרט אויף אונדז מיט אַ פאַרהווילעגם פאַרהויכטן בליק.

— וואָס יפתח זאָגט, פרעגסטו? און וואָס זאָגט דען דיין יגאל? ערשטנס, זאָגט ער, אַז ס׳איז אינגאַנצן נעכטן, און קיין צווייטנס דאַרף מען שוין נישט. ווייל דאָס אינטערעסירט אים אינגאַנצן נישט. מיין גאָרטן, וואָס איז דער בעסטער דערווייל דאָ אין שטאָט, איז געגנוג פאַר אים און ער טוט מיר אַפילו אַ טובה צו זאָגן, אַז ער באַוואונדערט מיך פאַר דער מי און פלייס מיט וועלכער כ׳האָב באַוויזן אויפצושטעלן אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקן מוסטערגאָרטן. ווייטער גייט אים גאָרנישט נישט אָן. און אַז כ׳האָב אים פּשוט געצוואונגען איבערצולייענען אַ פּאָר קאַפּיטלעך פון דעם וואָס בערל האָט געחלומט, האָט ער מיר ערשט געשטעלט די ריכטיקע שאלה: „פאַר וואָס האָט איר געמעגט אָפּזאָגן זיך פון אייער נעכטן און מיר טאָרן נישט אָפּזאָגן זיך פון אייך?"

— מיין גאולה טענהט אויך אַזוי — דערנענטערט זיך צו אונדז אַ צווייטער גרויער קאָפּ פון נאָענטן טיש, — איר קענט דאָך זי, אַ ציג נאָך מיט דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן און ווייסט שוין אַלץ. זי זאָגט, אַז זי פאַרשטייט בכלל נישט וואָס מיר צערייסן זיך אַזוי דעם פּעלץ. מיר האָבן זיי דאָך אַזוי געלערנט. פון א. ד. גאָרדאָן ביז בערלען האָט מען זיי דאָך געהייסן אָנהייבן פון דאָס ניי, אַ דור ראשון לגאולה. ווי זשע שטייט עס אַז בערל איז דער אָנהייב? נאָך זיי נאָך, איז עס נאַאיוו און פאַרעלטערט און קער זיך גאָרנישט נישט אָן מיט דער ווירקלעכקייט וואָס מיר אַליין האָבן באַשאַפן.

— און וואָס איז מיטן חזון אונדזערן?

— איך גלייב באמונה שלימה, אַז זיי וועלן זיך נאָך דערשלאָגן צו אים, גיט זיי צייט. עס דאַרף אויך קומען די פּאַסיקע געלעגנהייט. כ׳בין בטוח אַז זיי וועלן אויסהאַלטן דעם נסיון. כל זמן זיי קריגן זיך נאָך מיט אונדז, גלייב

איך אין זיי — האָט מײַן פֿרײַנד מיך אַ צי געטאָן צו גיין מיט אים ווייטער,
— דער טאָג שטייט נישט.

— דערווײַל איז דער ווײַטיק גרויס! — האָט אונדז נאָכבאַגלייט אַ קרעכץ ביז צו דער טיר — איך זע נישט מ׳זאָל דאַרפֿן בערלס ירושה.

— פֿון דעסטוועגן, יצחק, גרייט עס צו, די יורשים וועלן זיך אָפּזוכן.

— ווי דען אַנדערש? אויב מיר וועלן עס נישט צוגרייטן, ווער זשע דען?
— האָט דער גרויער קאָפּ זיך צוריק אַראָפּגעבויגן איבער די ווײַסע בלעטלעך און דער מאַטער שײַן פֿון ציטערנדיקן עלעקטרישן לעמפּל האָט אַרום אים געצייכנט מאָדנע זיגזאַגישע קרײַזן.

# דער מאַן פון דער ערבה

„לזכר די יחידי־סגולה וואָס האָבן געלייגט דעם יסוד פאַר מדינת ישראל״.

גלייך אויפן צווייטן טאָג פון אונדזער אָנקומען קיין ישראל, איז אונדז אויסגעקומען בייצוזיין ביי אַ מסיבה לכבוד אַ ניי בוך פון שמעון קושניר מיטן נאָמען „אדם בערבה״, אין וועלכן ער שטעלט אויף דאָס לעבן און ווערק פון איינעם פון די אויסערגעוויינטלעכע מענטשן פון דער דריטער עליה, יהודה אלמוג ז״ל, וואָס האָט מיט גרויס וויזיע און מסירת־נפש אויסגעטראָגן דעם חלום צו באַלעבן די ים־המלח געגנט און האָט ביז אַ גרויסער מאָס אויך דערלעבט צו זען ווי עס וואַקסן־אויס בליענדיקע ישובים אין דער דאָזיקער פאַרשטייניקטער וויסטעניש. נאָך ביים לעבן איז יהודה אלמוג (קאָפּעליאָוויטש) געוואָרן ממש אַ לעגענדע צוליב די אויסטערלישע מעשות וואָס מ׳האָט דערציילט וועגן אים און זיינע אויפטוען אין יענעם פאַרוואָרפענעם מדבר פון דער היסטאָרישער געגנט, וועלכע דער חומש האָט באַצייכנט „ווי דער גאָרטן פון גאָט, ווי דאָס לאַנד מצרים״.

אין דער צעשפּילטער פאַנטאַזיע איז ער אויפגעקומען ווי עפּעס אַ פאַרצייטישער נזיר, וואָס זיצט צווישן די בערג־היילן דאָרט און מיט ציין און נעגל רייניקט ער דעם דאָרנדיק־פאַרשרפּהטן באָדן. אָבער, ווי ס׳איז זייער אָפּט דער גורל פון אַ סך לעגענדעס, איז נאָך ביים סוף פון זיין לעבן אַ היפּש ביסל פון דער לעגענדע פאַרטונקלט געוואָרן און אים געלאָזן אין אַן עלנטער איינזאַמקייט, און איצט איז ער ווי אַ סך פון זיין דור כמעט אינגאַנצן אַ פאַרגעסענער. אַז דו פאָרסט איצט אַרום אין יענער געגנט אויף די אויסגעפלאַסטערטע וועגן און באַוואונדערסט די אויפגעשטעלטע ישובים, וועסטו זעלטן געפינען עמעצן וואָס דערמאָנט דעם גלי פון זיין פאַנטאַזיע. אַז מ׳דערמאַנט שוין אַמאָל אין אַ שמועס מיט יונגוואַרג, אים און זיינס גלייכן, ווערסטו ממש געפּלעפּט פון דעם קליגערישן ביטול־שמייכעלע וואָס באַווייזט זיך אויף די פּנימער ווען מ׳רעדט צו זיי וועגן יענע יאָרן פון חלום און געראַנגל פאַר יעדן שטיקל ערד און גרעזל.

שמעון קושניר אָבער, דער מחבר פון דער מאָנאָגראַפיע, וואָס געהער אַליין צום ראשונים־דור, וויל נישט פאַרגעסן און לאָזט אויך אַנדערע נישט פאַרגעסן. ער איז דאָך מיטגעגאַנגען און געווירקט צוזאַמען מיט דעם דור וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע העראָישע געשטאַלטן וועלכע יוסף חיים ברענער, האָט געזען ווי די אמתע אויסדריקער פון „ערך האדם" (ווערט פון מענטשן) און צווישן זיי געזוכט צו קילן זיינע בריענדיקע וואונדן, און א. ד. גאָרדאָן האָט געהאָפט צו געפינען ביי זיי באַשייד אויף די לויטערע מענטש־חלומות זיינע.

שמעון קושניר איז אַליין אַ לעבעדיקער ביישפּיל פון יענעם דור. ביי זיינע גבורות־יאָרן גרויסט ער זיך און היט דעם אויסערגעוויינטלעכן גאָרטן זיינעם מיט די פאַרשיידנסטע מינים פּירות, בלומען און געוויקסן וואָס ער האָט יאָרן לאַנג געפלאַנצט און געהאָדעוועט מיט ליבשאַפט אין אַ זייטיק געסל פון גבעתים, צונויפזאַמלענדיק דאָרט די זאָמען פון כמעט אַלע עקן וועלט און באַוויזן, אַז אַלץ וואָס וואַקסט אין דער גאָרער וועלט, קאָן אויפגיין אין שיינקייט און זאַפטיקייט פון דעם באַזוניקטן באָדן פון ישראל. אָט דער מיטלוואוקסיקער, ברייטביינִיקער ייד מיטן מילדן שמייכל אויפן איידעלן פּנים, פאַרנעמט זיך אין די לעצטע יאָרן צו דערציילן און איבערדערציילן די לעבנס־מעשה פון אַ צאָל יחידי־סגולה פון זיין דור, וואָס קלינגט טאַקע ווי לעגענדע אין אונדזער ביטערער צייט. עס איז אָבער ווירקלעכקייט פונעם נאָענטן נעכטן, וואָס טאָר נישט פאַרגעסן ווערן. נאָכן אַוועקגעבן זיינע פאַרטאָגן צו זיינע בלומען, פלאַנצן אוןביימער, גיט ער אָפּ די מאָרגנס און אָוונטן אויפצוקלייבן און פאַרצייכענען דעם לעבנס־גאַנג פון די „אנשי נבו", ווי ער רופט זיי אין ערשטן בוך (אַן אָנוונק מן הסתם, אַז ווי משה האָבן זיי אויסגעחלומט און געלייגט דעם יסוד פון דער מדינה און נישט דערלעבט זי צו זען).

מיט יראת הכבוד און גרויס פלייס קלייבט ער צונויף אַ פאַקט צו אַ פאַקט און שטעלט אויף די לעבנס זייערע וועלכע הייבן זיך געוויינטלעך אָן ערגעץ אין אַ ווייטער פרעמד, וואָס איז אַמאָל געווען היים און געוואָרן ענג אין שוועך. טריט ביי טריט גייט ער זיי נאָך אויפן שווערן וואַנדער־וועג צום אויסגעבענקטן היימלאַנד, גאַרנדיק צו פאַרווירקלעכן דעם חלום פון „לבנות ולהיבנות בה" (בויען און אויפגעבויט צו ווערן אין איר). ער פאַרדעקט קיין

זאַך נישט, נאָר אַנטפּלעקט דורך איבערגעבן זייערע רייד און מעשים, סיי דאָס ליכט סיי די שאָטנס; סיי דעם טרויער און גערעאַנגל אין דער גרויסער איינזאַמקייט וואָס איז אַלעמאָל באַשערט די ערשטע חלומות־שפּינער, און סיי די זיסע פרייד און אָפט גאָר ביטערע אַנטוישונג ביים דערגרייכן דעם אָנהייב פון פאַרווירקלעכן דעם חלום. די טראַגיק פון אַ סך פון זיי, דעקט קושניר אויף מיט גרויס מיטגעפיל און אָרנטלעכער פשטות, אַזוי אַז גאַנצע זייטלעך לייענען זיך ווי אַ דינע טיפע עלעגיע וואָס דרינגט אַריין אין געמיט מיט אַ מין מיסטיש אַנגסטיקן צאַפּל אויפן גורל פון שאַפערישן מענטש אויף דער וועלט. באַזונדערס פילט מען דאָס גאָר שטאַרק אין זיינע מאָנאָגראַפיעס וועגן אהרון שער (איש מארץ תל־חי) און אין נייסטן בוך „אדם בערבה״ וועגן יהודה אלמוג. זיי וואַקסן אויס צו מער ווי בלויז סימבאָלן פון זייער סביבה און צייט.

ווען צייטן זאָלן זיין אַנדערע, און נישט אַזעלכע אָנגעזאַפּטע מיט צער און פחד, וואָס איז אויך אַ היפשער גורם צו פאַרגעסן זיך אין די ליכטיקע געשטאַלטן פון די „אנשי נבו״, וואָלט אַזאַ מסיבה מן הסתם געפּראַוועט געוואָרן מיט אַ יום־טובדיקן פאַרנעם און נישט נאָר אין אַן ענגן קרייז.

זיצן מיר אין אַ שפּעטן נאָכמיטאָג אין אויבערשטן גאָרן פון זיצונג־זאַל פון דער הסתדרות צווישן אַ געקליבענעם עולם פון גלאַנציקע און ווייסע קעפּ, אין הויכן און מיטליאָריקן עלטער, באַשפּרענקלט בלויז דאָ און דאָרט מיט אַ הייפּעלע יוגנטלעכע פּנימער וואָס וואַרפן נייגעריקע פאַרווירטע בליקן אויף די אָפּענע העמדער מיט די קעלנער איבערגעלייגטע אויף די געבויגענע אקסלען ביי אַ.צאָל פון די גאָר עלטערע. די יוגנטלעכע זיינען ווייזט אויס, איינקלעך און סתם קרובים פונעם מחבר אָדער העלד פונעם בוך, און געפינען זיך צווישן אָט דעם עולם צום ערשטן מאָל. זיי האַלטן זיך אין איין שושקען און כאַפּן פאַרגאַפטע בליקן צו דעם און יענעם פון עולם און מעסטן זיך אַליין אָפּ מיט מאָדנע שמייכלען, ווי זיי וואָלטן זיך האַלטן אין פאַרגלייכן מיטן אויסזען פון יענע, פון וועמען זיי האָבן אפשר געהערט אַמאָל אין שולע צי אין דער היים און זיי קענען זיך גאָרנישט גלייבן אַז אַזוי זעען זיי טאַקע אויס.

— כ׳בין צופרידן וואָס איר זענט געקומען צו דער מסיבה, — רוימט מיר איין אין אויער מיין חבר, וואָס האָט מיר נאָך אויפן לופט־פעלד

איבערגעגעבן די איינטריט־קאַרטלעך צום היינטיקן נאָכמיטאָג, — דאָ געפינען זיך איצט די שרידים (לעצט־געבליבענע) פון יענעם דור. אָן אַ דאָרט, זיצן צוויי פון טרומפּלדאָרס חברים. יענער אָ דאָרט, איז פון די לעצטע פון דער עליה ב׳. — רופט ער זיי אָן ביי די נעמען, — זעסט אָ יענעם מיטן פאַרמעטן פנים און שאַרפן בליק, וואָס קאָן נאָך אַלץ נישט איינזיצן אויף אַן אָרט, כאָטש ער קען שוין קוים שטיין אויף די פיס. מ׳רופט אים „פותח שערים" (טויערן־עפענער) איינער פון די ערשטע פון דער עליה ג׳. ער האָט נאָר געמיינט, אַז ער האָט שוין פאַרשפּעטיקט צו זיין פון די אָנהייבער און כסדר זיך געריסן צו עפענען אַ נייעם ישוב. די לעצטע מאָהיקאַנער — מורמלט ער שוין צו זיך, — גאַנץ פאַטעטיש צו זען ווי זיי זעען אויס איצט, ס׳איז בלויז זייער מסיבה. פון די איצטיקע פירער איז דאָ כמעט קיינער נישטאָ. האָבן נישט קיין צייט פאַר דעם, און פאַר אַ טייל איז טאַקע נישט באַקוועם אַ קוק צו טאָן אין די פאַרמעט־פנימער, אויף וועלכע עס זעען זיך אָן די סימנים פון דעם צער וואָס מ׳האָט זיי פאַרשאַפןביים אָפּרוקן זיי אָן אַ זייט . . . — אָבער זייער ווערק איז דאָ און קען נישט פאַרגעסן ווערן. זייער צייכן איז אויף אַלץ געבליבן. — די איצטיקע מסיבה אַליין איז דאָך אַן עדות אַז מ׳פאַרגעסט נישט . . . — ווערן מיר אַריינגעצויגן אין דעם טונקל וואָס האָט זיך פלוצים פאַרשפּרייט אין צימער. פונעם האַלב־באַלויכטענעם הויפּט־טיש אויף אַן אימפּראָוויזירטער בינע טראָגן זיך פשוט דערציילערישע רייד אין אַ דערהויבענעם טאָן און ריטעם פון אַ פאַרצייטישן עפּאָס, וואָס ווערט באַגלייט פון בילדער פון אַ פאַרשטיינערטער וויסטעניש. אַן אומענדלעכע אומהיימלעכקייט און אַן איינזאַמקייט אין וועלכער סילועטן, באַצייכנטע מיט באַקאַנטע נעמען, באַוועגן זיך אין אַ קאַליידאָסקאָפּישער אַנטפּלעקונג. און אָט וואַקסן אָן ישובים וועלכע בליצן אַרויס פון דער פאַרהוילעניש מיט אַלט־תנ״כישע נעמען און פריש־זאַפטיקע רייפע פירות און היינטיקע בנינים. די באַגלייט־ווערטער פון די רעדנער באַלעבן די געשטאַלטן, אַזוי אַז דו ווערסט אַריינגעטאָן אין דעם ווי דו וואָלסט אַליין געווען דערביי, באַהויכט מיט זייער צעפלאַמטער ווייזיע.

פון אייגענעם פאַרהוילענעם זיכרון שווימט פלוצים אַרויס אַ באַוואַקסענער קאָפּ האָר מיט אַ שאַרף געשניצט פנים, מיט מאָנענדיק־גליענדיקע אויגן, וועלכע דרינגען דיך דורך פונקט ווי מיט אַ יובל יאָרן צוריק ווען ער האָט זיך באַוויזן אין אַ וואָלינער שטעטל מיטן רוף פון אַ גרויס

שליחות. יהודה האָט מען אים גערופן. בלויז איין אָוונט איז ער געווען מיט אונדז. געננוי וואָס ער האָט געזאָגט און צו וואָס ער האָט גערופן געדענקט זיך נישט מער, נאָר דער שאַרף־מאָנענדיקער טאָן און די אויגן בליצן, בינדן זיך קלאָר מיט דעם וואָס עס טראָגט זיך איצט פון דעם עקראַן צום טאַקט פון דער אויפגעשויבערטער טשופּרינע, וואָס צאַפּלט מיט מיסטעריעזע שאָטנס אויף די ווענט פון פאַרטונקלטן צימער מיט די אַראָפּגעלאָזטע פּאַפּירענע פאָרהענגלעך וואו מיר האָבן זיך דאַן געטראָפן צום ערשטן און איינציקן מאָל.

ערשט מיט יאָרן שפּעטער, אַרומפּאָרנדיק צווישן די בערג און משופּעדיקע וועגן אַרום ים־המלח אין דער ערבה, איז דאָס געשטאַלט פּונקט ווי איצט אויפגעשוואומען אין זיכרון דורך די רייד פון עם וועג־ווייזער, וואָס האָט דערציילט אויסטערלישע מעשות וועגן איינעם אַ יהודה וואָס וואוינט דאָ ערגעץ צופוסנס פון מסדה.

— אַ יישר־כוח אייך, חבר שמעון קושניר, פּאַר אויפשטעלן אים צום לעבן פאַר אונדזערע אויגן! — האָט אַ לעצטע פראַזע צוזאַמען מיטן אויפגעעפנטן ליכט פּלוצים אויפגעריסן די אויגן און פאַרבלענדט אויף אַ ווײַלע, אָבער טאַקע נאָר אויף אַן אויגנבליק. טיף אין געמיט, בליצט עס אויף כסדר און מאָנט נאָך אַלץ!

— אַ יישר־כוח אייך, חבר שמעון קושניר!

## ביכער פון זעלבן מחבר

**יידיש**

געווען איז אַ מענטש,

פינף מעשות פונעם לעבן פון בעש״ט ז״ל, מאָנטרעאַל תש״א — 1940

אויף יענער זייט בוג,

נאָוועלע, מאָנטרעאל תש״ו — 1946

צווישן טייכן און וואַסערן,

דערציילונגען פונעם לעבן פון אַ שטעטל צווישן די צוויי וועלט־מלחמות,

מאָנטרעאַל תשכ״א — 1961

כ׳בין ווידער אין מיין חרובער היים געקומען,

פּאָעמע, מאָנטרעאַל תשכ״ו — 1965

אין די געצעלטן פון אברהם,

פון די חומש מעשות, מאנטרעאל תשל״ד־1973,

(באַקומען די ליטעראַטור־ פּרעמיע פון „י.י. סיגאל קולטור־פאָנד״)

**העברעיש**

איש היה בארץ,

חמשה סיפורים מחיי הבעש״ט ז״ל, הוצאת מ. ניומן, תל־אביב תשט״ו — 1955

מעבר לנהר בוג, נובילה,

הוצאת מ. ניומן, תל־אביב, תשי״ז — 1957

בין נהרות ונחלים,

סיפורים מחיי עיירה אחת בין שתי מלחמות העולם, הוצאת „המנורה״, תל־אביב, תשכ״ח — 1967

באהלי אברהם,

מסיפורי החומש,

הוצאת מלוא, תל־אביב, תשל״ד — 1974